STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10174

DER VEG TSUM HIML

Adolf Rudnicki

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַדאָלף רודניצקי

דער וועג צום הימל

אַדאָלף רודניצקי

דער וועג צום הימל

(זאַמלונג פון אויסדערוויילטע דערציילונגען)

פאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

Adolf Rudnicki

WNIEBOWSTĄPIENIE

איבערזעצט פֿון פּויליש און פֿאַרזען
מיט אַ נאָכוואָרט פֿון לילי בערגער
Przekład i posłowie: LILI BERGER

הילע געצייכנט — ר. כוואָלעס
Okładka i obwoluta R. CHWOLES

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH", WARSZAWA, NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 5029. Nakład 2300 egz. Druk ukończono w czerwcu 1962 r.
Ark. druk. 24, wyd. 20. Papier rotograwiura III kl. 61 × 86, 80 g.
Druk RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. H-85

פסח

.1

דער מאָרד איבער די רעשטלעך פֿון דער באַפֿעלקערונג אין צוזאַמענגעדרענגטן געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אין דער ערשטער נאַכט פּסח, וואָס די יידישע טראַדיציע האָט געקרוינט מיטן נאָמען „ליל שימורים“. מ'איז געזעסן אין די קעלערס, באַהעלטענישן, פֿאַרמאַסקירטע צימערן, אין בונקערס און געוואַרט אויפֿן שונא. „דאָס האַרץ מיינס דערוואַרט שפּאָט און שמאַרץ; כ'האָב געוואַרט עמעצער זאָל מיך באַדויערן און ס'איז נישט געווען ווער; כ'האָב געזוכט עמעצן, וואָס זאָל מיך טרייסטן און כ'האָב נישט געפֿונען. גאַל האָט מען מיר געגעבן פֿאַר שפּייז און עסיק צו טרינקען, ווען איך בין דורשטיק געווען“. — די דאָזיקע שפּראַך פֿון די אבות האָט ווידער אַמאָל אויפֿגעלעבט.

די קעמפֿער זענען אַוועק אויף די קאַמפֿס־פּאָזיציעס. צוויי אַזייגער פֿאַרטאָג האָבן זשאַנדאַרן אַרומגערינגלט די מויערן פֿון געטאָ. אָנטרעפֿנדיק אויף אַ ווידערשטאַנד, האָבן די דייטשן געבראַכט האַרמאַטן. זיי האָבן זיי אויסגעשטעלט אויף קראַשינסקי־פּלאַץ פֿון וואַנען זיי האָבן באַשאָסן די שווענטאָיערסקע און הינטערן קלויסטער פֿון הייליקן יאַן אויף די באָניפֿראַטן פֿון וואַנען זיי האָבן דאָס פֿייער געווענדעט אויף מוראַנאָווסקע. דעם גאַנצן אַטאַקירטן פֿירעק האָבן אין געטאָ פֿאַרטיידיקט אַרבעטער — די באַרשטן־אַרבעטער.

די קעמפֿער האָבן געהאַט נאָר איין פֿאַטערלאַנד — זייערע פּאַרשיווע געטאָ־גאַסן, אויף וועלכע דער טיפֿוס און הונגער האָבן געקליבן זייער שניט, גאַסן דורכגעפּעטשטע פֿון בלוט און פּיין, פֿאַרדראָטעוועטע ווי שטייגן פֿאַר חיות און דאָ האָבן זיי געוואָלט שטאַרבן. זיי האָבן נישט אָנגעהויבן דעם קאַמף מיטן אויסזיכט אויף אַ נצחון. זיי האָבן געהאַט איין מאַשין־ביקס, אַ ביסל אָפּגענוצטע רעוואָלווערן און אייער־גראַנאַטן, וואָס האָבן נישט אויפֿגעריסן. זיי האָבן דאָס געקויפֿט פֿאַר שווערע געלטער, כדי זיי זאָלן קאָנען שטאַרבן, ווי מענטשן.

אויף קראַשינסקי און די באָניפֿראַטן האָבן די אַרטילעריסטן אָנגעלאָדן און אויסגעשאָסן די לאָדונג אונטער אַ פֿריינדלעכער צושטימונג

פֿון דעם פּעבל. געוויסע פֿרויען האָבן מיט זייערע בליקן באַגלייט די בראַווע ס.ס.-פּאַטרולן, וואָס האָבן אַרומגעשטעלט די געטאָ-מויערן. מ'האָט געקוקט אויף דעם און ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן. ס'האָט צופֿיל ווײ געטאָן.

וואָס עס באַדייט דער געטאָ-קעסל האָבן פֿון לאַנג שוין די געטאָ-מויערן געגעבן צו פֿאַרשטיין. איצט איז געקומען אַן אילוסטראַציע פֿון אַנדערע פֿאָרמולן פֿון אָ.ק.וו.*) (Der Feind wurde ausgeräuchert. —) צוזאַמענגעפּרעסט אויף אַ שמאָלן, פֿאַרמאַכטן אָפּשניט, וווּ ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שווינטאָיערסקע-גאַס, האָבן די אויפֿשטענדלער געזען ווי הונדערט מעטער ווייטער פֿון זיי וואַרפֿן דייטשן, צוזאַמען מיט שוואַרץ געקליידטע אוקראַינער און לעטלענדער אַריין דורך די דורכגעשאָסענע עפֿענונגען אין מויער גראַנאַטן אין די קעלערס. פֿון צייט צו צייט איז פֿון דאָרט אַרויסגעקראָכן עפּעס, וואָס האָט אויסגעזען טיילמאָל ווי אַ פֿרוי, אַן אַנדערש מאָל ווידער, ווי אַ מאַן און איידער ס'איז געפֿאַלן דער שאָס האָט עס געמאַכט עטלעכע צעקראָכענע באַוועגונגען. דער המון האָט יעדעס מאָל אויסגעצויגן די הענט אין יענער ריכטונג און אָנגווייענדיק אויסגעשריען: אָ, אָ, אָ... מ'האָט אָנגעשטרענגט די אויגן, כּדי פֿון דער ווייטנס צו דערזען דאָס בייזע וווּנדער.

איין טאָג האָט געדויערט די רציחהדיקע פֿאַרברידערונג. וואַרשע האָט שטענדיק געהאַט אירע הונדערט צדיקים, כאָטש ס'איז דעמלט נישט געווען קיין גערעכטיקייט, וואָס זאָל נישט קאָסטן דעם פּרייז פֿון לעבן. אויף צומאָרגנס האָבן די דייטשן אָפּגערייניקט פֿון מענטשן די אַרטילעריע-פּאָזיציעס, פֿאַרמאַכט דעם קראַשינסקי-פּלאַץ און אַלע גאַסן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שכנות מיטן קאַמפּס-פּלאַץ. מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט געשאָסן צו די דייטשן פֿון עפּעס אַ הויז אויף נאָוויניאַרסקע, מען האָט געזאָגט, אַז עס ווערט געמאַכט אַ פּרווו צו קומען די אויפֿשטענדלער מיט הילף. דער שונא האָט זיך איזאָלירט, און אַרומשטעלנדיק מיט פּאָליציאַנטן די אויסערלעכע פּאָזיציעס, איז ער לויטן קלאַסישן מעטאָד, צוגעטראָטן צו דער באַלאַגערונג פֿון געטאָ.

די אַרטילעריע האָט אַרויסגערופֿן שריפֿות, געזייט צעשטערונג און ווען אין די הייזער איז פֿאַרשוווּנדן דער לעצטער שפּור פֿון לעבן, איז געקומען דער סאָלדאַט: דער דייטשער סאָלדאַט ביי דער זייט פֿון דעם

*) אָ. ק. וו. — קאָמענדאַטור פֿון דער ווערמאַכט.

וולאַסאָוו-סאָלדאַט, דער אוקראַיִנישער פֿאַשיסט בײַ דער זײַט פֿון פּוילישן פּאָליציאַנט. אָנווײַזנדיק אויף די אויפֿגעשטעלטע דורך די דײַטשן מויערן, האָבן די אָפֿיצירן געזאָגט צו די סאָלדאַטן: „די קאָמוניסטן און פּאָליאַקן האָבן זיי געהאָלפֿן אויפֿבויען די פֿעסטונג, וואָס איר זעט דאָ. די גאַנצע וועלט האָט צוגעשטעלט די באַנדיטן געווער. דער סאָלדאַט פֿון אַדאָלף היטלער איז אָבער אומדערשראָקן“.

דער וואַרשעווער בית עולם איז אויסגעוואַקסן אין אַ פֿעסטונג און די פֿאַרהאַקנדיקע זיך ביקסן פֿון די באַרשטן-אַרבעטער פֿון דער פֿראַנצישקאַנער גאַס אין „געווער פֿון דער גאַנצער וועלט“. געוויסע פֿראַנצויזישע צײַטונגען האָבן דעמאָלט געשריבן: „די פּאָליאַקן האָבן אונטערגעצונדן דאָס געטאָ ווי אַ נקמה-אַקט פֿאַר קאַטין. די דײַטשן טוען וואָס זיי קאָנען, כּדי צו ראַטעווען די באַפֿאַלענע“. אין געבעלסעס שמידעריי האָט מען צוזאַמענגעשמאָלצן און צוזאַמענגעקניפּט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט און ווי אַזוי ס'האָט זיך געלאָזט. און די דײַטשן האָבן געגלייבט. מיר ווייסן צומבעסטן, אַז נישט נאָר די דײַטשן האָבן געגלייבט. אין יענע יאָרן האָבן מיר דערקענט דעם כּוח פֿון פֿייער, אָבער נאָך געפֿערלעכער איז געווען דער גיפֿט פֿון וואָרט.

איזאָלירנדיק דעם שלאַכטפֿלאַץ, האָט דער שונא אויך ליקווידירט דעם טראַמוויי פֿון נאָוויניאַרסקע. איצט איז ער פֿון זשאָליבאָזש דערגאַנגען ביז צו מוראַנאָוו און פֿון שטאָט ביז צום פּלאַץ קראַשינסקי. ס'איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרן די באַוועגונג פֿון צופֿוס-גייער. דער וועג פֿון זשאָליבאָזש צום מיטלשטאָט האָט איצט געפֿירט דורך דער נײַ-שטאָט, ווו ס'האָט זיך געראָיעט פֿון פּראָצעסיעס, וואָס האָבן געצויגן פֿון דרום אויף צפֿון און פֿון צפֿון אויף דרום.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ נײַע אינדוסטריע. אויפֿן אָרט, ווו ס'האָט זיך פֿריער אָפּגעשטעלט דער טראַמוויי, זענען אויסגעוואַקסן רייען פּלאַטפֿאָרמעס און וועגעלער: וועגעלער-לייטערלעך, וועגעלער-קאַסטנס און ווי מען רופֿט זיי אין גרויס-פּוילן — „העלן“. אָנשטאָט טרעפּלעך האָבן די פֿורמאַנעס צוגעשטעלט שטולן, אינעווייניק האָבן זיי אויסגעשטעלט בענק אָדער בענקלעך. פֿאַר אַ וועג, וואָס איז גלײַך געווען צו צוויי-דרײַ טראַמוויי-סטאַציעס, האָט מען געצאָלט אַזוי פֿיל ווי פֿאַר 15. טראָצדעם איז דער האַנדל געגאַנגען. שוין לאַנג נאָכדעם, ווי די קאַמפֿן אין געטאָ זענען דערשטיקט געוואָרן, האָבן נאָך די פֿורמאַנעס איבערגעקויפֿט דעם

קאָמיסאַר ראָסטאָנסקי, כדי ער זאָל צוריק נישט אײַנשטעלן דעם טראַמוויי.

דער קריסטלעכער פּסח איז אין יענעם אומפּאַרגעסלעכן פֿרילינג 1943 אויסגעפֿאַלן סוף אַפּריל. די צײַטונג „די וואָכע" האָט געבראַכט אַן אינטערעסאַנטע טאַבעלע, וואָס האָט באַוויזן, אַז דאָס איז דער שפּעטסטער פּסח אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. במשך פֿון דער קריסטלעכער גרויסער וואָך האָבן רעפּילאַדעס מענטשן כסדר זיך געצויגן צו די געטאָ-מויערן. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפֿילו אין די יום-טובֿ טעג. ס'זענען קוים אַרויסגעזאָגט געוואָרן די ווערטער: „די תּפֿילה איז פֿאַרענדיקט, גייט, הללויה, הללויה" — ווי דער המון פֿון די איבערפֿולטע קלויסטערס, מיט דער תּפֿילה אויף די ליפּן נאָך, אַ באַרוישטער פֿון פֿרילינג און מיט יונגע בלומען אין די הענט, איז געלאָפֿן הינטער די געטאָ-ווענט זען דעם ספּעקטאַקל. דער המון איז געלאָפֿן אויפֿן וואַרשעווער פּסחדיקן ספּעקטאַקל.

דאָס איז געווען אַ נישט געוויינלעכער ספּעקטאַקל. די אײַנוווינער פֿון די שכנותדיקע הײַזער האָבן געזען ווי דאָרט, פֿון דער צווייטער זײַט מויערן, זענען האַלב-וואַנזיניקע מענטשן אַרויסגעשפּרונגען פֿון די קעלערס און ווי יאַשטשערקעס האָבן זיי זיך דורכגעגנבֿעט פֿון שטאָק צו שטאָק, העכער און העכער. דאָס פֿײַער איז זיי נאָכגעקראָכן, די קוילן האָבן זיי נאָכגעיאָגט, און זיי הילפֿלאָזע און האָפֿענונגסלאָזע האָבן געזוכט אַ ווינקל, וואָס זאָל געשיצט זײַן פֿון פֿײַער און פֿון אַ זשאַנדאַרמיש אויג. ווען די פֿלאַמען האָבן אָנגעהויבן זיי לעקן די פֿיס, האָט דער מאַן איבערגעגעבן דער פֿרוי דאָס קינד, אַלע דרײַ האָבן זיך צום לעצטן מאָל צעקושט און געשפּרונגען, צוערשט די מוטער מיטן קינד און דערנאָך דער פֿאָטער. די פֿײַערלעשער, וועלכע האָבן געדאַרפֿט וואַכן אויף די שכנותדיקע דעכער, אַז דאָס פֿײַער זאָל זיך נישט אַריבערכאַפּן אויף דער אַרישער זײַט, האָבן צוריקקומענדיק אין זייערע אומבאַדראָטע שטובן, וואָס זענען רואיק געווען ווי גערטנער אין האַלבן טאָג, דערציילט: „דאָס קלײנוואַרג פֿליט דאָרט ווי אַרבעס און אַלטע אויך. די פֿרויען הייסן זיי צעשפּרייטן די פֿיס און שיסן". די אײַנוווינער פֿון די שכנותדיקע הײַזער האָבן געהערט דאָס קנאַקן פֿון מענטשלעכע ביינער, דאָס סיקן פֿון מענטשלעכע לײַבער, וואָס מ'האָט געוואָרפֿן אויף אַ שטוים: אַ שיכט האָלץ, אַ שיכט מענטשלעכע לײַבער.

אײנע זענען געקומען, אַנדערע זענען אַװעקגעגאַנגען. װי לאַנג דער שטאָט האָט געדױערט זענען מענטשן, גאַנצדיק, געשטאַנען הינטער די מױערן. זײ האָבן געקוקט, גערעדט, באַדױערט. זײ האָבן באַדױערט די סחורות, די פֿאַרמעגנס, דאָס געלד, דאָס לעגענדאַרע ײדישע געלד און קודם כּל האָבן זײ באַדױערט די װױנונגען און הײזער, „די שענסטע הײזער". זײ האָבן געזאָגט: „צי האָט דער קעניג היטלער אַנדערש נישט געקאָנט לעזן די פֿראַגע?" אין יעדן װינקל פֿון שטאָט, אין יעדער שעה פֿון מעת לעת, האָט מען געזען די פֿײערדיקע פֿלאַמען. װעגן דעם אַלעמען, װעגן די לעבעדיקערהײט פֿאַרברענטע קינדער האָט מען געזאָגט: „דאָס איז אין געטאָ", װאָס האָט געקלונגען װי דאָס װאָלט פֿאָרגעקומען ערגעץ גאַנץ װײט. מ'האָט געזאָגט: „דאָס איז אין געטאָ" און מען איז צוריק פֿאַרבליבן רואיק. און דאָס איז געװען בלויז עטלעכע צענדליק מעטער װײטער, אויף נאַװאָליפּיע, מוראַנאָװסקע, שװיענטאָיערסקע. ס'איז גענוג געװען, אַז דאָס זאָל זײן הונדערט מעטער װײטער אין אָרט און מיט פּלוצן חדשים אין צײט. דער פּיפּיקער שונא האָט באַאַרבעט די מוחות און די נײע װאַרשעװער סוחרים האָבן גאָרנישט געהאַט דאַקעגן.

דאָס געטאָ האָט געפֿלאַקערט. מענטשן פֿון דער זײט מױערן האָבן געזאָגט: „װאָס פֿאַראַ גליק װאָס ס'איז נישטאָ קײן װינט, װײל אַנדערש װאָלט אונדזערס אויך פֿאַרברענט געװאָרן". די צװײ מעטערדיקע באָמבאַרדירער הע-111, אײדער זײ זענען אַרײנגעדרונגען אין קרײז פֿון רויך, אײדער זײ האָבן אַראָפּגעװאָרפֿן זײערע אײער, װי זײ האָבן דאָס אָנגערופֿן, האָבן רואיקע און שטיפֿערישע שפּאַצירט איבערן הימל, װאָס האָט געשמעקט מיט פֿרילינג. צװישן די מױערן זענען מענטשן אומגעקומען מיט אַן איבערצײגונג, אַז די היהשקײט האָט דערגרײכט די לעצטע גרענעץ. און װירקלעך, װאָס האָט שױן געקאָנט זײן ערגער? דער גענעראַל שיקאָרסקי האָט אַפּעלירט צום געװיסן, אָבער דאָ, אויפֿן אָרט האָבן מיר געזען, װי קלײנטשיק, װי נישטיק, עס איז דאָס מענטשלעכע געװיסן. די אויפֿרײסן האָבן אויפֿגעטרײסלט די ערד, די גאַסן, אָבער נישט דאָס געװיסן פֿון די מענטשן.

ביז שפּעט נאָך פּסח האָט געדױערט דער דאָזיקער פּסחדיקער ספּעקטאַקל. אַ װאָך, צװײ איז די שטאָט געװען אונטער זײן װירקונג, און שפּעטער? די גלײכגילטיקײט אין מענטש איז דאָס זעלבע, װאָס אין דער נאַטור דער װאַלד, װעלכער, אויב מען מאַכט אים נישט שיטערער, פֿאַרדעקט ער אַלץ. די פּסחדיקע פּרעמיערע האָט זיך פֿאַרענדיקט. די שטאָט איז

געוואָרן גלייכגילטיק, ווייל ס׳האָט זיך דאָרט גאָרנישט געענדערט... מען האָט זיך באַקלאָגט אויף די וועגעלעך־פורמאַנעס, וואָס רייסן די הויט. די איינוווינער פון ניי־שטאָט האָבן זיך באַקלאָגט אויפן שטענדיקן געדראַנג, ווייל זייער קוואַרטאַל האָט ווייטער דערמאָנט אין אַ טראַנסמיסיע־פּאַס.

2.

און מיר?

מיר, וועלכע האָבן געלעבט אויף דער אַזוי גערופענער אַרישער זייט, ראַנגלענדיק זיך מיט טויזנטער שוועריקייטן, האָבן זיך אינערלעך געטובלט און דער העלדישקייט פון די אויפשטענדלער. דאָס פּשוטע פאָלק, דער נידעריקסטער שיכט זיינער — די טרעגער פון מילע, די שוסטער פון וואָלינסקע, די שמוגלערס פון די סטאַווקעס — האָט איצט אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויבערשטע שיכטן די פּשוטע און אומבאַשטרייטבאַרע לעבנס־אמת. געשלאָגענע און פאַרמיאוסטע, פון האַס און ליגנס פאַרגליווערטע אין אַזאַ מאָס, אַז מיר האָבן שוין אַליין גערעדט צו זיך מיט אַ חידוש ברומען, מיט דער שפּראַך פון שונא — האָבן מיר אין יענע טעג געפונען אין זיך די געלייטערטקייט פון ליידן, וואָס עס ברענגט מיט זיך די ליבע און דער קאַמף, אין קעגנזאַץ צו די שלימיקע און קלעפּיקע ליידן, וואָס קומען פון פאַרביטערטקייט און פּאַסיווקייט.

די שטאָט האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעקילט, די שטאָט איז גלייכגילטיק געוואָרן, און מיר, נישט געמענדיק אין באַטראַכט די געפאַרן, איינהערנדיק זיך כסדר אין דער אַפּאָקאַליפּסע, זענען ווייטער געלאָפן צו די מויערן. אונדזערע אויגן צעעפנטע ווי ביי אַ גוסס — האָבן געבעטן דעם הימל ער זאָל אַראָפּשיקן אַ רעגן פון פייער, וואָס זאָל שוין נישט מאַכן אַזעלכע אונטערשיידן צווישן אונדז און זיי. מיר האָבן געפילט ווי אַלץ דרעגט זיך אין אונדז צוזאַמען ווי אַ פויסט. מיר פלעגן זיך דערקענען צווישן פרעמדע לויט די אויגן, און וועלכע עס פלעגט זיך פלוצלונג אָנצינדן אַ היימיש פלעמל און מיידנדיק זיך אָן אַ וואָרט, האָבן מיר זיך שטומערהייט גערופן, אָנגעוויזן איינעם דעם צווייטן אויף זייער און אונדזער גורל.

דאָס אַלץ אָבער, האָט נאָר פאַרשטאַרקט אונדזער יאוש, ווייל מיר זענען געווען אַזוי ווי אָן הענט. אונדזערע הענט זענען געווען אָנמעכטיק — נישט אָרגאַניזירט.

.3

זי האָט געציטערט די יונגע ברונעטע פרוי.

זי איז געבליבן איינע אַליין. הונדערט מינים טויטן האָבן אָפּגעריסן פון איר איין נאָענטן מענטש נאָכן אַנדערן, פונקט ווי מען רייסט אָפּ אַ צווייג נאָך אַ צווייג פון אַ געדיכט באַקרוינטן בוים — ביז זי איז פאַרבליבן ווי מיט אָפּגעהאַקטע גלידער, ווי אַ צעפליקטע שמאַטע, ווי אַ דורך אַ נס נישט אויסגעלאָשן פלעמל אונטער אַ באַרג זאַמד, אַ נישט צעבראָכן נאָך, אָבער לייכט צעברעכבאַר געזל. כ'האָב זי באַגעגנט אויף פרעמד־גאַס און פאַרגעסנדיק אין דער וועלט, זענען מיר צווישן דער מענטשלעכער כוואַליע צוזאַמען געגאַנגען ווייטער, ווען אירע נישט לאַנג אומגעקומענע האָט זי גאָרנישט דערמאָנט. מיט אַ פאַרשטיקטער און לאַנגזאַמער שטימע — וואָס האָט אין יענע טעג צוממייסטן פאַראַטן אונדז — האָבן מיר זיך איבערגעגעבן דאָס, וואָס מיר האָבן געוווּסט וועגן יענער זייט מויער און יענע: וועגן די מאַרטירער און העלדן.

ביים מינצהויז האָט זיך געענדיקט דאָס געסל. און ס'איז ווידער דערשינען דער ספּעקטאַקל — ווי מען וואָלט אים אין פיבער געזען. אויף דער פרעמד־גאַס, וואָס האָט ווי אַ פאַרהאַנג אונדז אָפּגעטיילט פונעם ספּעקטאַקל, איז ער געווען אַ דערינערונג. איצט איז ער אויפסניי דערשינען פאַר אונדזערע אויגן. דער ווייטיק אין אונדז איז געוואַלדיק געשטיגן.

איצט האָט די יונגע פרוי נישט נאָר געציטערט. זי האָט געשלונגען די טרערן. כ'האָב זיך אָנגעבויגן איבער איר, אָנגערירט איר אָרעם. מ'האָט געדאַרפט זי ראַטעווען. בלויז איין אומווילקער בליק האָט אונדז געקאָנט דערפירן צום גורל פון די, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט מויער. דערהרגענען האָט אונדז געקאָנט אַ האַנט פון אַ קינד. די דייטשישע סאָלדאַטן זענען געשטאַנען אויף די בערגלעך פון דער ציטאַדעל. אויסגעקלעפטע אַפישן האָבן גערופן אַרויסצוגעבן די נייאַנטלאָפענע און די פון לאַנג אויסבאַהאַלטענע זיך. צווישן המון אין וועלכן מיר זענען געשווומען האָבן מיר געהאַט — פונקט ווי אין שטאָט — ווייניקער פריינט ווי פיינט. אין אָנבליק פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען האָבן טרערן אונדז באַצייכנט. זיי האָבן אונדז פאַראַטן. דערצו זענען מיר ביידע געווען אַזוי שוואַרץ! אַזוי שוואַרץ, ווי מיר וואָלטן נאַבעט געווען.

— רואיק, רואיק, האָב איך שטיל איבערגעחזרט, אָנרײַנדיק איר אָרעם אַזוי, ווי די וונדן פֿון דער טייערסטער. צעריסן פֿון דער זאָרג אויסצומײַדן אַ געפֿאַר, וועלכע איך אַליין האָב אין זיך געטראָגן, האָב איך געוואָלט פֿאַר דער געפֿאַר זי פֿאַרשטעלן און זי אָפּגעדעקט מיט זיך גופֿא.

— זיי קומען אום, האָט זי געמורמלט, זיי וועלן אומקומען און קיין שפּור וועט נישט בלײַבן. און נאָך דעם שלל פֿון לעבן, ליבע, לײַדן, געוווינהייטן און קענטעניש וועט מער גאָרנישט פֿאַרבלײַבן ווי בלויז ציגלברוך, אַש און אַן אומדײַטלעכער אָנדענק. נאָר דאָס וועט פֿאַרבלײַבן נאָך די, וועלכע זענען געווען די לופֿט פֿאַר אונדזערע לונגען, דער שענסטער אינהאַלט פֿון אונדזער לעבן...

— רואיק.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אויגן, וועמענס אויסדרוק איך וועל נישט פּרוּוון באַצייכענען.

— וואָלט עס כאָטש עמעצער באַשריבן, אַרויסגעהויבן צו די העכסטע הויכקייטן, אַרויסגעבראַכט אויפֿן פּאַפּיר זייער לעבן און אומטענטשלעכן און אַזוי שײנעם סוף זייערן. אויב ס'וועט בלויז איינער בלײַבן, זאָל ער דאָס כאָטש פֿאַרשרײַבן ווי אין אַ ביבל! כּדי מענטשן זאָלן שפּעטער פֿון איבערן זיבעטן ים קומען היטער די מויערן דאָ וויינען, ווי מיר וויינען היינט .

זי האָט שוין אפֿילו נישט געפּרוּווט אײַנהאַלטן די טרערן.

כ'האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט. כ'האָב מיט גאָרנישט נישט אַרויסגעוויזן קיין פֿאַרוווּנדערונג מיט אירע אומגעוויינלעכע ווערטער. אין יענע טעג האָבן מיר זיך אַלע אומגעקערט צו ווערטער, וועלכע זענען געווען, האָט זיך געקאָנט דוכטן, אויף אייביק טויט. זיי זענען איצט ווידער אַזוי פֿריש און היינטצײַטיק געווען, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַרויס פֿון דער דרוקמאַשין. כ'האָב נישט אַרויסגעוויזן ווי טיף אירע ווערטער זענען אַרײַנגעדרונגען אין מיר. אויף אַ ווײַלע נאָר, נישט קאָנענדיק באַהערשן מײַן אויפֿטרייסלונג, האָב איך פֿאַרמאַכט די אויגן. דורך דער וואַנט פֿון פּײַן און האָפֿענונג איז פֿון דער גאַנצער וועלט דערגאַנגען צו מיר בלויז איר פֿאַרשטיקט געוויין, לגבי וועלכן איך בין געווען אומבאַהאָלפֿן.

.4

היינט, נאָך יענע יאָרן, וואָס האָבן ווייניק זייער געבליבן אין דער געשיכטע, ווען מיר זיצן בייטאָג איבער אַ נישט פֿאַרשריבענעם בויגן, זעען מיר זיך אַרום, אַז דער תּמצית פֿון דער שרייבערישער קונסט רוקט פֿאַר אונדז אַרויס נישט קיין קלענערע שוועריקייטן, ווי אַמאָל, פּונקט ווי אַמאָל מוזן מיר זי אויפֿסניי דערוועָרבן אין שווערער מי. די גרויסע כוואַליע, וואָס האָט אונדזערע שעפֿערישע האָפֿענונגען אַ הויב געטאָן צו די העכסטע הויכקייטן, האָט זיי איצט אַראָפּגעטראָגן אין פֿינצטערניש. פֿון נביאים, וועלכע האָבן דערהערט די געטלעכע שטימע, האָבן מיר זיך צוריק פֿאַרוואַנדלט אין אַ טויבער סטאַדע. דאָס צוגעזאָגטע לאַנד איז אַוועקגעשווומען פֿון אונדז. מיר האָבן ווידער אויפֿגעהערט צו ווּיסן, וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז.

דאָס איז פֿאַרמאַטערטקייט. זי האָט געמוזט קומען נאָך די אַלע יאָרן פֿון שפּאַנונג, נאָכדעם ווי מען איז געגאַנגען אויף אַ וועג צווישן מעסערס. זי האָט געוואַרט אויף אונדז ביים סוף וועג — ווייל איצט פֿילן מיר זיך שוין מחוץ דער מלחמה.

מיר זענען אוממענטשלעך פֿאַרמאַטערט, מיר קאָנען מער גאָרנישט אין זיך אַריינזאַפּן. מיר טרינקען זיך אין די ברייטע וואַסערן פֿון דער געשיכטע, וואָס פֿאַרפֿלייצן אונדז. צופֿיל פֿאַרפֿלייצונג. דער מוח איז צעדריקט, דאָס האַרץ אויסגעטריקנט. שרייבן הייסט — אַ קוק טאָן אויף צוריק, פֿאַרהאַלטן זיך. אָבער ווי אַזוי פֿאַרהאַלטן די געשיכטע, מיט וועלכער מיר זענען געבונדן מיט צוואַנג און וועלכע, נישט אומקוקנדיק זיך אויף דער שוין אַטראָפֿירטער עמפּינדלעכקייט, פּולסירט אומאויפֿהערלעך אויף יעדן ראָג פֿון די לאָדזשער גאַסן?

פּובליציסטן און מאָלער האָבן נישט לאַנג צוריק געשריבן וועגן זייער מידקייט. אין דער ניי־דערעפֿנטער גאָרקיד האָט נעכטן אַ קליינוווקסיקער, דורך גויט דערדריקטער מענטש, וועלכער האָט געהאַט אָנגעהאַנגען אויף זיך צוויי טאָרבעס אין דער פֿאָרם פֿון אַ קרייץ — אַ גרויסער שרייבער — אַריינגערעדט אין מיר וועגן זיין גרויסער פֿאַרמאַטערטקייט, וועגן וועלכער מען וואָלט געדאַרפֿט אייגנטלעך שווייגן, ווייל ווי מיט יעדער אָנמעכטיקייט, וואָלט מען געדאַרפֿט זיך שעמען מיט איר. זעט אויס, אַז זי איז היינט אַן אַלגעמיינע דערשיינונג.

יאָ, מיר האָבן זיך פאַרלוירן צוליב דער מידקייט. ווען די פּראַכט פון לעבן וועט דאָך גובר זיין, די שאַרפקייטן וועלן מילדער ווערן, ווען די מידקייט וועט פאַרשווינדן און מיר וועלן זיך אויפהויבן פון דער שפּעריישער ירידה, ווען יעדערער פון אונדז וועט אין זיין קונסט זיך אומקערן צו די אמתן, וועלכע האָבן אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען מען האָט בעסער און טיפער אָבסערווירט, אויסגעזען אונדז אַלס די וויכטיקסטע און פאַרפליכטנדיקע — וועל איך, איך וועל באַגערן זיך אומצוקערן צו די אָנווייזונגען, וואָס האָט מיר לעבן מוראַנאָוו איבערגעלאָזן יענע יונגע, ברונעטע פרוי; צו די אָנווייזונגען, וואָס זי האָט איבערגעלאָזן ביי די פלאַמען פון ברענענדיקע הייזער, צווישן דעם קנאַלן פון אויפרייסן און קראַמפּן פון מענטשן, „וואָס זענען געפלויגן ווי אַרבעס“, צווישן גיהנום פון טויט און גיהנום פון גלייכגילט, צווישן דער טראַסקעריי פון וועגענער.

מיין באַגער וועט זיין צו לאָזן אין געדעכעניש די ווערטער פון יענער יונגער, ברונעטער פרוי, וועלכע האָט זיך דאָס נישט דערוואַרט.

אַפּריל, 1945

דער גרױסער סטעפאַן קאָנעצקי

(געװידמעט מאַריען קונצעװיטשאָװאַ)

I

ווינטער 1939/40 בין איך אין לעמבערג אַריינגעפֿירט געוואָרן אין די ערשטע געהיימענישן פֿון דער געשיכטע, וואָס זענען פֿאַרבליבן אומפֿאַרגעסלעך אַזוי ווי אַן אָנגענעמע ליבע־פֿאַסירונג. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ מזרח־יאַריד; אויף יעדן טריט האָט מען באַגעגנט „ביעזשענצעס“, וועלכע זענען געווען פֿאַנטאַסטיש אָנגעטאָן, אָבער זייערע משונהדיקע קליידער האָבן זיך קיינעמען ספּעציעל נישט געוואָרפֿן אין די אויגן, פּונקט ווי די דערציילונגען וועגן דער נישט לאַנג־פֿאַרגאַנגענער סעפּטעמבער־קאַמפּאַניע האָבן מער נישט געלאָקט קיינעמס אויערן. איבער די גאַסן האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן, וועלכע וואָלטן איינע פֿאַר די אַנדערע געקאָנט זיין די אינטערעסאַנטסטע ביאָגראַפֿישע שילדערונג, אָבער קיינעמען האָט נישט אינטערעסירט קיין פּערזענלעכע ביאָגראַפֿיע פֿון אַ מענטש, בלויז די געשיכטלעכע געשעענישן, האָט זיך אויסגעדוכט, זענען ווערט, אַז מ׳זאָל זיי שענקען אויפֿמערקזאַמקייט. אָנגעטאָן אין פּויערישע פּעלצן אָדער אין שטאָטישע רעגן־מאַנטלען, אין הויכע שטיוול אָדער אין לייוונטענע טעניסשוכעס — אָפּהענגיק פֿון דעם וויפֿל געלט זיי האָבן פֿאַרמאָגט, פֿון זייערע פֿעיִקייטן זיך אַן עצה צו געבן אָדער פֿון קרעדיט, וואָס האָט נאָך פֿונקציאָנירט איבער די גרענעצן — אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטיקל שטול אין דער אָנגערויכערטער „ראָמאַ“ אָדער ביי „געאָרגן“, האָבן די „ביעזשענצעס“ אין יענעם ווינטער 1939/40 געפֿרעגט איינע די אַנדערע: — וואָס הערט זיך? און וואָס ווייטער?

ווען דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן און די גאַסן זענען ליידיק געוואָרן, האָבן די „ביעזשענצעס“ אין די אָנגעפּראָפּטע ווי אין אַ באָד צימערן, וואָס זענען אויפֿגעשוואָלן געווען פֿון בעטלעך און געלעגערס, אויסגעלייגט זיך אונטער די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, כדי צו הערן די ושטים פֿון דער געשיכטע. און זיי האָבן געהערט, אַז אויף מערב איז, ביי אַ קעגנזייטיקער העפֿטיקער טעטיקייט פֿון די פּאַטרולן, דער טאָג אין אַלגעמיין אַדורך רואיק: „מיר האָבן גענומען דריי מענטשן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, די אייגענע פֿאַרלוסטן — איין דערהרגעטער“ — האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן.

— קיין שום נייעס, האָבן די „ביעזשענצעס" מיט שרעק צוויישן זיך גערעדט.

אויף צומאָרגנס האָבן זיי זיך אויפגעריסן פון זייערע פּראָוויזאָרישע געלעגערס, געלאָזט זיך אין זייער פּראָוויזאָרישער קליידונג אין די קאַוויאַרניעס, אויפן גאַס און געבראָכן זיך דעם קאָפּ וואָס ס'וועט ווייטער זיין, וואָס צו טאָן.

— צי קלייבט איר זיך קיין אונגאַרן? קיין רומעניע? קיין ווילנע? צי האָט איר אַ וועג? צי האָט איר אַ זיכערן וועג־ווייזער? צי נעמט ער פּאַרויס? אין דאָלאַרן? צי אין זלאָטעס? צי איז פון ווילנע פאַראַן אַ וועג צו גיין ווייטער? צי זענען דאָרט פאַראַן הילפס־קאָמיטעטן? און אפשר האָט איר בדעה זיך אומצוקערן אין לאַנד...?

נישט אַלע האָבן געטראַכט זיך צו לאָזן אויף ווייטע וועגן. ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן די סעפּטעמבער־וואַנדערונגען באַטראַכט בלויז ווי אַ שווערן, צייטווייליקן שפּאַציר, נאָך וועלכן זיי וועלן זיך אומקערן אַהיים, אָפּקלאַפּן דעם שטויב פון די פיס, אַרויספאַלן מיט אַ געוויין אויף אַ ברוסט פון אַ נאָענטן מענטש און דאָס לעבן — אַ געענדערטס זיכער — וועט ווייטער פליסן. אין וואָסער מאָס דאָס לעבן זאָל נישט זיין געענדערט — האָבן זיי וועגן דעם דאָס ערגסטע נישט געטראַכט.

אין דעצעמבער 1939 האָט מיך די מלחמה אַרויסגעוואָרפן אויף אַ גאַס אין לעמבערג. כ'האָב זיך דערמלט געפונען אין אַזאַ פּסיכישן צושטאַנד, ווען די צומייסטן אפילו פאַרגרעבטע מענטשן פילן, ווי שווער ס'איז צו לעבן אָן אַ מוטער. ערשט מיט אַ ישעה צוריק האָב איך אָפּגעראַזירט מיין דרייחדשימדיקע באָרד, און וועלכער כ'האָב זיך געפילט ווי אַ ציגנבאָק. די סאָלדאַטן האָבן מיך גערופן „אַלטער", כאָטש כ'האָב נאָך נישט געהאַט קיין דרייסיק יאָר. כ'האָב געהאַט צעריסענע שיך, קיין מאַנטל האָב איך נישט געהאַט און נישט געוווסט וווהין איך זאָל גיין, אויף רעכטס צי אויף לינקס. מיט אַ שטיקל האָפענונג אין האַרץ האָב איך פאַרהאַלטן אויפן גאַס עפּעס אַ צעשראָקן באַשעפעניש און געפרעגט, ווו עס וווינט סטעפאַן קאָנעצקי. זינט יאָרן האָט קאָנעצקי געטרייסלט מיט לעמבערג — כ'האָב דעריבער געטראַכט, אַז צום בעסטן וועט זיין צו גיין צו אים.

ווען איך בין אַריין אין די צוויי קליינע צימערלעך אויף אָסאָלינסקיגאַס, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך בין נישט געווען דער ערשטער,

וואָס איז געפֿאַלן אויף אַזאַ געדאַנק. אין דער באַשיידענער פֿיליע פֿון די לעמבערגער ליטעראַטן האָט זיך געראָיעט מיט באַוווּסטע, ווייניקער באַוווּסטע און אומבאַקאַנטע שרייבער, אַלע זענען זיי געקומען בעטן הילף און זייער אויסזען איז געווען ענלעך צו מײַנעם.

קאָנעצקי האָט מיך נישט געקענט. ער האָט גענוי אויסגעפֿרעגט ווער איך בין און פֿון וואַנען איך קום; ער האָט זייער געהיט, אַז ס'זאָל זיך אים אין דער אָרגאַניזאַציע נישט אַרײַנדרייען עמעצער, וואָס איז צו דעם נישט באַרעכטיקט. וואָס שייך מיר, איז זײַן חשד געווען אַ באַרעכטיקטער. כ'בין געווען אַ שרייבער־אָנפֿאַנגער, ווייניק באַקאַנט און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט מײַן נאָמען געהערט איצט צום ערשטן מאָל. ווען זײַן סעקרעטאַר וואַלענגאַ, מיט וועלכן כ'האָב זיך אַ ביסל געקענט, האָט באַשטעטיקט, אַז איך געהער צום וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַריין, איז קאָנעצקי צוגעטראָטן פֿעסטצושטעלן וואָס עס פֿעלט מיר. אויסער זיך אַליין האָב איך גאָרנישט פֿאַרמאָגט.

נאָכדעם, ווי ער האָט פֿעסטגעשטעלט מײַן צושטאַנד, האָט ער אָנגעהויבן מיר אויפֿקלערן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן די דײַטשן, פֿון וועלכע כ'בין אַנטלאָפֿן און די רוסן, צו וועלכע כ'בין געקומען. כ'האָב אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן. ס'איז געווען עפּעס נײַעס, עפּעס אַזעלכעס, וואָס כ'האָב נישט געקאָנט הערן. כ'האָב געהאַסט אַזעלכע רייד, מײַנע אויערן זענען טויב געווען פֿאַר אַזאַ „אָביעקטיוויטעט“. כ'בין אַהער געקומען פֿון וועגן, אויף וועלכע די מלחמה האָט געבושעוועט, כ'האָב אָנטייל גענומען אין שלאַכטן און געזען, אַז ס'איז נישט אַלצאיינס ווער עס ווערט געשלאָגן, צי מען שלאָגט אַליין, אַז ס'איז נישט אַלצאיינס ווער עס קומט אום. דער ווייטיק און דער הונגער היילן דעם מענטש אויס פֿון אָביעקטיוויטעט. אין דער מלחמה האָב איך אין ערגעץ קיין אָביעקטיוויטעט נישט באַגעגנט! די וווּנדן זענען נאָך צו פֿריש געווען, אַז כ'זאָל קאָנען רואיק הערן אַזעלכע רייד. כ'האָב פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. מ'האָט מיך צוריקגערופֿן און אַרויסגעשטעלט אויף דער ליסטע פֿון די נדבה־נעמער, פֿאַר וועלכע קאָנעצקי איז אַרומגעגאַנגען צו מענטשן און אין נאָמען פֿון געטרײַשאַפֿט „צום לאַנד, וואָס איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען“ האָט ער געפֿאָדערט אַרײַנצונעמען אונטער זייער דאַך די גרויסע גײַסטער און ווי געהעריק זיי באַהאַנדלען. ער האָט נישט געבעטן, נאָר געפֿאָדערט און געדראָט, ווײַל פּוילן „קוקט, הערט און די געטרײַע וועט זי אָפּדאַנקען און די פֿאַרעטער באַשטראָפֿן“.

די כוואַליע פון די „ביעזשענצעס“ איז שיטערער געוואָרן. די, וועלכע האָבן נישט געוואָלט בלייבן אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט, זענען אַוועק קיין ווילנע, קיין רומעניע און אויך צו די דייטשן. דאָך איז דער גרעסטער טייל פאַרבליבן אויפן אָרט און מענטשן האָבן זיך מיט נייגיר צוגעקוקט צו די אָנגעקומענע פון מזרח, ווען די וועלט מאַכט אַזעלכע קעגנזעצלעכע אָפּשאַצונגען. אַ געוויסע צייט האָבןביידע צדדים, נישט מודה זייענדיק זיך, געקוקט אויף זיך ווי קעמפנדיקע ספּאָרטלער אויף אַ קאַמפּס-רינג.

אין ערשטן פּעריאָד האָט די סאָוויעטנמאַכט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז סטעפּאַן קאָנעצקי, וועלכן מ'האָט באַטראַכט פאַרן לעבנסלענגלעכן פאָרזיצער פון ליטעראַטן-פאַריין, זאָל אויך זיין אייגענער האַנט אָרגאַניזירן הילף פאַר די קאָלעגן. מיט דער צייט אָבער האָבן די מאַכט-אָרגאַנען אַליין זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיטן גורל פון די שרייבער. דער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אין פאַרקירצונג גערופן „קאָמאָרג“, האָט באַקומען דעם גראַפּס ב. קליינעם פּאַלאַץ אויף דער קאָפּערניק-גאַס. דער גראַף האָט נאָך אַ שטיקל צייט אַרומגעשפּאַצירט איף זיינע לאַנגע פּיס צווישן אונדז. איינמאָל האָט ער אָנגעכאַפּט באָיען: — כ'בין אויסערגעוויינלעך צופרידן — האָט ער געזאָגט, כאַפּנדיק שווער דעם אָטעם — וואָס כ'האָב אַלס געסט די שרייבער. ווייל מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ווען די באָלשעוויקעס וועלן קומען, וועט מען מיר אַריינשטעלן אין פּאַלאַץ פערד...

די שרייבער זענען איבערגעגאַנגען צום „קאָמאָרג“. אין פּאַלאַץ איז געוואָרן אַן ענגשאַפט און אויף אָסאָלינסקי-גאַס אַ פּוסטקע. קיינער איז שוין צו סטעפאַן קאָנעצקין נישט געגאַנגען. די לינק-געשטימטע שרייבער זענען צו אים נישט געגאַנגען, ווייל „קאָמאָרג“ איז געווען זייער פּאָזיציע. עס זענען אויך קיין אַנדערע, נישט לינק-געשטימטע, נישט געגאַנגען אַהין, ווייל אויך זיי האָבן אין יענעם טראַגישן ווינטער אָן קוילן. ליבערשט געוואָלט פאַרברענגען אין באַהייצטן, שיינעם פּאַלאַצל. זיי זענען דאָ געזעסן גאַנצע טעג, נישט געשריבן, נאָר שפּילנדיק אין שאָך „געוואַרט אויף דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן“.

דעם ווינטער 1940 איז געפאַלן אַ סך שניי. דער שניי האָט ממש בלינד געמאַכט. דורך די פענצטער פון פּאַלאַץ אויף קאָפּערניק-גאַס האָבן די מיטגלידער פון „קאָמאָרג“ יעדן טאָג, אַרום צען אינדערפרי, געקאָנט זען פאַרבייגיין דעם איינזאַמען קאָנעצקין. ער איז געגאַנגען אויף אָסאָ-

ליִנסקי־גאַס. ער האָט קיינמאָל קיין קוק נישט געגעבן אויף אונדזער הויז, וואָס האָט אומגעוויטיק געמאַכט סיי זיין פּאַרייִן, סיי אים גופא. דער אַלטער פּרעזעס איז פאַרבליבן איינגאַנצן אַליין.

דאָס גאַנצע לעבן איז סטעפאַן קאָנעצקי געווען אַ מענטש פון די ענדערעכטע ריכטונגען. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָבן די ענדעקעס געבושעוועט אויף די לעמבערגער גאַסן, אָבער קאָנעצקין האָבן זיי געגריסט, בוייגנדיק זיך פאַר אים ביזן גאַרטל, קאָנעצקין האָט מען רעשיק אַפּלאָדירט, ווען ער איז אין די דאָנערשטיקן אַרויסגעטראָטן אין שטאָטישן קאַסינאָ. קיין וווּנדער נישט — ער איז הויפּטזעכלעך אַרויסגעטראָטן קעגן קאָמוניסטן און אַנדערע לינקע, וועלכע פלעגן אין זייערע קאָרעספּאָנדענצן אין די וואַרשעווער צייטונגען אָנרופן אים אָפן פאַשיסט. פונדעסטוועגן האָבן זיי געשריבן וועגן אים מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע. דאָס איז געווען פאַר דער מלחמה און ווערטער האָבן דעמלט געהאַט אַן אַנדערע באַדייטונג. אויסער דעם האָבן די אידעישע רייבונגען בכלל געהאַט ביי אונדז אַ ווייניקער שאַרפן כאַראַקטער ווי ערגעץ אַנדערש.

קאָנעצקי איז געווען אַ שרייבער, וואָס האָט זיך שטענדיק פאַסיאָנירט נישט מיטן לעבן נאָר מיטן טויט. פון אָנהייב איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פון געוואַלטסטעניע, אַן אויסדרוק פון יענער פאַסצינאַציע, מיט וועלכער דער טויט ווירקט זיך שטענדיק אויס אויף דער יוגנט און אויף יונגע שרייבער. אויך שפּעטער האָט מען אין אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, געפילט דעם מענטש, וועלכער רייסט זיך אויף בייגאַכט און וויל דורכהאַקן דאָס פאַרמאַכטע, וואָס לאָזט זיך נישט דורכהאַקן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט טיפער אין לעבן, נישט אַריינגעדרונגען און נישט געניישטערט אין אַלע זיינע ווינקעלעך. ער האָט בפירוש נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַרן לעבן און נישט געקאָנט זיין קיין פריינד פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן דעם טויט לחלוטין נישט אַריינגענומען אינעם קרייז פון זייער פאַסיע.

נישטאָ קיין מער טרויעריקע זאַך פאַר אַ מענטשלעך לעבן, ווי אויסגעמיטן צו ווערן פון אַלגעמיינעם לעבנס־שטראָם, באַזונדערס איז דאָס טרויעריק פאַר אַן עלטערן מענטש, וועלכער זעט ווי אויף יעדן טריט און שריט הייבט מען אַרויס די ווערטן, וואָס ער האָט באַקעמפט, און מען פאַרהייליקט זאַכן, וואָס ער האָט צוממייכטן געהאַסט. אַ ביטערער פּעריאָד איז אַנטשטאַנען אין לעבן פון אַמאָליקן לייב. פון אַלע שרייבער בין איך אפשר געווען דער איינציקער, וואָס בין אַריינגעפאַלן אויף אַסאָ=

לינסקי-גאַס, און ווען די מאַכט האָט געשלאָסן דעם לאָקאַל, האַלטנדיק דאָס פונקציאָנירן פון צוויי פאַריינען פאַר נישט דערלאָזבאַר, האָב איך אים באַזוכט אויף לעאָנאַרטאָוויטש-גאַס, אין זיין פריוואַטער וווינונג.

אָט סתם אַזוי! ס'איז מיר שוין נישט שלעכט געגאַנגען! לעבנדיק אין מענטשלעכע באַדינגונגען, האָב איך ביסלעכווייז פאַרגעסן וועגן די שלאַכטפעלדער, וועגן די סעפטעמבער-וועגן און בין אַלעמאָל מער געווען געניגט צו אָביעקטיוויטעט. ווען כ'בין אין דעצעמבער אָנגעקומען קיין לעמבערג, בין איך געווען ווי אַ טייג, וואָס מען וואַרפט אויף אַ גרוים פייער: אויסערלעך שטאַרק פאַרברוינט, אָבער אינעווייניק נישט אָנגערירט פון פייער. אין דער וואַרעמקייט און ווילשטאַנד האָט מיין נשמה צוריקבאַקומען דעם אַמאָליקן קאָליר. כ'בין ווייס געוואָרן ווי אַ ביין און ווייס ווערנדיק בין איך גערן אַריינגעפאַלן צום אַלטן רעאַקציאָנער און גערן אים אויסגעהערט. קיין שום זאַך, פאַרשטייט זיך, איז אים נישט געפעלן. און איך געהער צו די באַשעפענישן, וואָס האָבן קיין שום זאַך אַזוי נישט ליב, ווי הערן ווי מ'האָט טענות, וואָס זענען — צייטנווייז — האַרמאָניש ווי אַ טאַנץ און לינדערן, ווי מוזיק. וואָס פאַראַ וווּנדערבאַרע זאַך איז אויסצוהערן טענות! ס'איז נישטאָ קיין מער אידיאָטישע רעגירונג, ווי אַזאַ, וואָס דערלויבט נישט אויסצורעדן אויף זיך.

— צי קאָן מען נאָך רעדן מיט דיר? — האָט דער אַלטער אָנגעהויבן. און ווען כ'האָב געשמייכלט, האָט ער מיר פאַרטרויט: — אַ גני, זאָג איך דיר, אַ סטראַטעגישער גני. דערצו קען ער זיי, ער איז אַליין אַמאָל געווען אַ צאַרישער אָפיציר דער דאָזיקער מאַנערהיים, פאַרגעדענק דעם דאָזיקן נאָמען.

פון דער גאַס איז דערגאַנגען צו אונדז אַן אָנגענעמער געזאַנג פון די רויטאַרמייער. קאָנעצקי האָט מיך ווייטער באַווּסטזיניק געמאַכט: — כ'זאָג דיר, אַ בופאַלאָ ביל, אַ העלפאַנט אויף ליימענע פיס, אַ ריז מיט אַ קליינטשיק האַרץ. ס'וועט גענוג זיין איין פעסטער קלאַפּ...

ווי אויף אַ מענטש, וועלכער איז פאַרליבט אין טויט, האָט קאָנעצקי זייער שיין געוווינט. ער האָט פאַרנומען דריי צימערן, צו וועלכע לויט די פאָרשריפטן פון וווינונגס-אַמט איין פערזאָן האָט להלוטין קיין רעכט נישט געהאַט, און דאָס אַ פערזאָן, וואָס איז געווען אין אַזעלכע שלעכט- באַציונגען מיט דער מאַכט. נאָכדעם, ווי מ'האָט פאַרמאַכט דעם לאָקאַל אויף אָסאָלינסקי-גאַס, האָט קאָנעצקי מורא געקריגן, אַז מ'וועט אים מיט געוואַלט עמעצן אַריינזעצן אין דער וווינונג און מיר פאָרגעלייגט אַ צי-

מער ביי זיך. פאַרשטייט זיך, אַז כ'בין איינגעגאַנגען, ווייל מיין אָביעקטיווקייט האָט זיך אויך גענויטיקט אין אַ שיינער ווינונג. אין דער שיינער ווינונג — ווי איר זענט זיך זיכער משער — איז מיין נשמה, ווי ווין אין האַרבסט, ווידער רויט געוואָרן, ווייל מיר שאַצן קיינמאָל אַזוי הויך נישט אָפּ דעם שפּרודלדיקן שטראָם פון לעבן, ווי דעמלט ווען מען טונקט אונדז איין אין פאַרשימלטקייט.

דעם 22 יוני 1941 זענען די דייטשן באַפאַלן ראַטנפאַרבאַנד.

אונטער אַ הימל אַ באַלויכטענעם מיטן ערשטן פרימאָרגן־ליכט בין איך פיר אַזייגער פאַרטאָג געשטאַנען אויף פּאָטאָצקי־גאַס אַ פאַרמאַטערטער און אָפּגעשראָקענער פאַר ווייטערדיקע געשעענישן פונקט אַזוי ווי עמעצער, וואָס ווערט אָפּגעשראָקן דורכן ים, נאָכדעם ווי ער האָט איינגעטונקען די פיס אין זיינע אייז־קאַלטע כוואַליעס. דעם פאַרגאַנגענעם טאָג אין אָוונט בין איך אַרויס אויף ליטשאַקאָווסקי־גאַס, וואָס מ'האָט אין די ערשטע טעג פון דער דייטש־רוסישער מלחמה גערופן די גאַס „אויף צוריק“. ס'האָט זיך דאָ געראָיעט פון מענגעם מענטשן, וועלכע זענען אַנטלאָפן. זייערע אומרואיקע הענט האָבן אַטאַקירט די אויטאָס, וואָס זענען דורכגעפאָרן אין די הונדערטער, אָבער מענטשן זענען געווען צענדליקער טויזנטער. די, וועלכע זענען געזעסן אין די אויטאָס, האָבן די הענט, וואָס האָבן זיך אין זיי געקלאַמערט נישט אָפּגעהאַקט, אָבער די פונקציע פון דעם האָבן אויסגעפירט די געשרייען און די שנעלקייט פון די מאָטאָרן. דורך אַ נס האָב איך זיך אַריינגעקריגן אין אַן אויטאָ. אָבער זעקס קילאָמעטער הינטער לעמבערג, אין וויניקי, האָט דער שאָפער איזאַק טייטלבוים דערקלערט, אַז ווייטער פאָרט ער נישט, אַז ער מוז זיך אומקערן נאָך בענזין אין נאַפט־זאַוואָד. דער הויפט־אינזשיניער פון עפּעס אַ פאַבריק, וועלכער האָט זיך טאַקע צוזאַמען מיט דער משפּחה עוואַקואירט מיטן אויטאָ, האָט נישט געוואָלט הערן וועגן זיך אומקערן, דאָס לעצטע וואָרט האָט אָבער געהאַט דער שאָפער איזאַק טייטלבוים און האָט אויסגעפירט. אין לעמבערג האָט זיך געפונען זיין פרוי און ער האָט נישט געוואָלט זי פאַרלאָזן.

נאָך זעקס שעה שרעקלעכער רייזע זענען מיר אָנגעקומען הינטערן „נאַפט־זאַוואָד“, וועלכער איז געשטאַנען אין פלאַמען. און מיר האָבן געזאָלט זיין די, וועלכע האָבן אים אונטערגעצונדן. אונטער אַזאַ אָנקלאַגע האָט אונדז דאָס מיליטער אַוועקגעשטעלט. די רוסן האָבן זיך ווי עס איז פאַרטיידיקט, דאַקעגן אויף מיר, זייענדיק דער איינציקער נישט־רוס, איז

אַרויסגעפֿאַלן אַ באַרג מיט פֿאַרדאַכט. קיינער האָט זיך פֿאַר מיר נישט אָנגענומען, פֿאַרקערט, דער „גלאַוואינזשיניער“ האָט מיך גאָר איצט געזען צום ערשטן מאָל. „ווי איז דאָס מעגלעך? און אין וויניקי? אין ווי־ניקי!“ — האָב איך געשריגן מיט דער שטימע פֿון אַ פֿאַרצווייפֿלטן מענטש, וועלכער גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג וואָס ס'דערוואַרט אים. דעם לייטענאַנט, וועלכער האָט מיך אויסגעפֿאָרשט, האָב איך אונטערגערוקט איין לעגיטימאַציע נאָך דער צווייטער. ער האָט צומאָל קיין קוק נישט געגעבן אויף זיי, נאָר געפֿאָרשט מיך מיט די אויגן און איינגעהערט זיך אין מיינע רייד. כ'האָב אויפֿגעדעקט פֿאַר אים דעם סוד פֿון מיין אָפּ־שטאַמונג — ס'האָט נישט געהאָלפֿן.

ער האָט מיר געהייסן אַראָפּנעמען דאָס זעקל פֿון די פּלייצעס. ער האָט אַרויסגעוואָרפֿן די וועש אויף איין מאָל צו טויש, די אָנוצעס, סקאַרפּעטן, דאָס לעבל ברויט, דאָס פּעקל צוקער און צום סוף געפֿונען דאָס פֿלעשל מיט אַן אויפֿשריפֿט צענזאַנאָ. ער האָט עס אויפֿגעמאַכט און אַ שמעק געטאָן. דאָס וואָס ס'האָט אים נישט געקאָנט איבערצייגן שטויסן מיט לעגיטימאַציעס, האָט אים איבערצייגט דער אינהאַלט פֿון פֿלעשל — קאַלטע טיי. אַ דיווערסאַנט, אַן אונטערצינדער פֿון נאַפֿט־רעזערוון, וועל־כער דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט קאַלטן טיי? ער האָט מיך באַפֿרייט. איצט אָבער האָט דער „גלאַוואינזשיניער“ שוין אַפֿילו נישט געוואָלט הערן וועגן מיך מיטנעמען אויף מזרח. ער האָט מיך אָפּגעפֿירט אין שטאָט און אַרויסגעוואָרפֿן אויף פּאָטאָצקי־גאַס.

גראָד האָט זיך די נאַכט געענדיקט. דער הימל האָט אויסגעזען ווי אַן אַרכיפּעלאַג פֿון טויזנט אינדזלען, באַשפּריצטע מיט פֿאַרב, וואָס מען נוצט צו וועש. כ'בין צוריקגעגאַנגען צו זיך אויף לענאַרטאָוויטש־גאַס, צו קאָנעצקין, מיט וועלכן כ'האָב זיך נישט לאַנג צוריק געהאַט געזעגנט. „סטעפֿאַן קאָנעצקי — האָב איך געטראַכט — האָט פּרעכטיקע פֿאַר־דינסטן פֿאַר אַזאַ צייט, וואָס קומט איצט אָן“. ווייל דער אַלטער פּרעזעס איז ביזן סאַמע סוף פֿאַרבליבן אומבויגזאַם, אומפֿשרהדיק. אויף קאָפּער־ניק־גאַס איז ער קיינמאָל נישט געקומען, זיין גרעסטע טראַגעדיע פֿון לעצטן יאָר איז געווען אַ דרייסיק־שורותדיקע נאָטיץ, וואָס איז אָפּגע־דרוקט געווען נאָך אין 1939 אין דער „רויטער פֿאָן“, אַ נאַרישע, קליינ־לעכע נאָטיץ, וואָס האָט געבראַכט צום אויסדרוק די פֿרייד, ווען די באָמ־בעס האָבן אויפֿגעהערט צו פֿאַלן. כ'וואָלט זיך קיינמאָל נישט פֿאָרגע־שטעלט, אַז מ'קאָן אַזוי ליידן צוליב דרייסיק שורות. טיילמאָל האָט ער

מיך געפֿרעגט ווי איך מיין, צי פֿוילן וועט אים דאָס מוחל זיין... אָט אַזעלכע שיינע פֿאַרדינסטן האָט קאָנעצקי געהאַט, און אויך אַ שיינעם נאָמען. נאָר אַזוי פֿיל, וואָס דער סוף פֿון זיין נאָמען איז געווען אַ הוילע פּיקציע, אַ פּוסטע, ווילקירלעכע צוגאַבע, ווייל געהייסן האָט ער פּראָסט פּשוט קאָן. אַ שיינער נאָמען אויף אַזאַ צייט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט.

II

פּונקט אַ וואָך נאָכן איבערפֿאַל פֿון די דייטשן אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד, זענען די היטלעריסטישע חיילות אַריין קיין לעמבערג. די שטאָט, וואָס האָט ביז איצט געפֿלאָסן מיט מילך און האָניק, האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מדבר. אין דער לעצטער אייראָפּעישער שטאָט, ווי די היטלעריסטן האָבן זי אָנגערופֿן, האָבן די דייטשן זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַן אומבאַקאַנטער אַנדערשוו דערשיינונג: ס'זענען נישט געווען קיין פּריוואַטע מאַגאַזינען. אין אַנדערע אָקופּירטע געגנטן האָבן די סוחרים, ביז די סיטואַציע האָט זיך געדאַרפֿט אויסקלאָרן, פֿאַרבאַהאַלטן דעם גרעסטן טייל סחורות און דערווייל עפּעס וואָס פֿאַרקויפֿט. אין לעמבערג דאַקעגן האָט דער איינציקער איינגעטימער פֿון די מאַגאַזינען — די רעגירונג — זיך צוריקגעצויגן אויף מזרח. האָבן די דייטשן גלייך זיי איבערגענומען און אָנגעהויבן אַרויסשיקן אויף מערב: רוסישן טיי, לעדער, זייף, מעל, מעבל און בהמות. די דייטשישע מעדיקאַלע אינדוסטריע איז אָנגעגאַנגען פֿאַר די בעסטע אויף דער גאַנצער וועלט און טראָץ דעם האָבן די דייטשישע אָפּיצירן געזוכט אַנטיטיפּוס־אימפּונגשטאָף, וואָס מ'האָט אויסגעאַרבעט האַ אויפֿן אָרט אָדער אין רוסלאַנד. צו דעם דייטשישן אימפּונגשטאָף מיטן אויפֿשריפֿט א.ק.וו. האָבן זיי נישט געהאַט קיין צוטרוי. זיי האָבן קיין צוטרוי נישט געהאַט צו קיין שום זאַך, וואָס איז געווען דייטש, אויסער צו די דייטשישע קוילן. די לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן געבראַכט מיליטער זענען נישט צוריקגעפֿאָרן ליידיקע. געבעלס האָט געשריבן: „מיר ווייסן וואָס די ענגלענדער וועלן זאָגן: די דייטשישע אַרמיי האָט זיך ווי הייזעריקן געוואָרפֿן אויף דער רייכער שטאָט און אַרומגעצופּט זי...“ לויטן לאָמען היטלעריסטישן מיניסטער האָבן די אַלטע אויסגעפּרוווטע דייטשישע שפּיצלעך אַן איבעריק מאָל אָפּגענאַרט און פֿאַרוווּנדערט די וועלט.

ס'איז אויסגעבראָכן אַ הונגער. ווען די טומלדיקע און פֿילפֿאַרביקע שטאָט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטילער, הינטערשטאָטישער געגנט,

אין אַ שטילער און הונגעריקער, האָבן די דייטשן אַרויסגעצויגן זייער גרויסן נומער: די פאַרוויילונג מיט יידן. אַ יאָר שפּעטער איז אין „פעלקישער בעאָבאַכטער" דערשינען אַן אַרטיקל „דאָס פאַרברעכן פון סטאַלינגראַד". צי איז דאָס פאַרברעכן פון סטאַלינגראַד באַשטאַנען אין דעם, וואָס די רוסן האָבן ליבערשט געוואָלט פאַרוואַנדלען זייער שטאָט אין אַ באַרג אַש איידער זי אָפּגעבן דעם היטלעריסטישן שונא? ניין, דאָס פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט עוואַקואירט די יידן און Das Grossdeutche Heer האָט נישט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן.

די געוועלבער זענען פאַרמאַכט געוואָרן. די בעקערייען האָבן אויסגעבאַקן די לעצטע רעזערוון און אין די רייען האָבן מענטשן געדולדיק געוואַרט. דער גרויל, וואָס האָט נישט דערשטיקט דעם הונגער, האָט אויסגעלערנט צו זיין געדולדיק. מ'האָט געזען, ווי מען טרייבט לאַנגע רייען מענער און פרויען אין דער ריכטונג פון פעלטשינסקע. פון דאָרט איז מען שוין נישט צוריקגעקומען. די שחיטות אויף די בריגידקעס און אויף לאנצקי זענען פאַר קיינעמען קיין סוד נישט געווען. קיין ברויט האָט מען קיינעמען נישט געגעבן, אָבער נישט־יידן האָט מען ווייניקסטנס דערלויבט צו שטיין און וואַרטן, מ'האָט זיי נישט אָפּגענומען די האָפענונג עפּעס צו באַקומען, מ'האָט זיי אפילו צוגעזאָגט 10 דעקא פלייש אויף אַ פּערזאָן. אַלייניטשוקס יאַטקע איז אומאויפהערלעך פאַרמאַכט געווען, אָבער עמעצער האָט כסדר געענדערט די בלעטלעך אויף דער טיר. אויפן ערשטן בלעטל האָט מען געלייענט: פאַר אַריער 10 דעקא פלייש אָן ביינער; פאַר יידן — 5 דעקא אָן ביינער. אויפן צווייטן בלעטל: אַריער — 10 דעקאָ אָן ביינער; יידן — 5 דעקאָ (וועגן ביינער איז שוין נישט דערמאָנט געווען). קיין פלייש איז אָבער ווייטער נישט געווען. דערפאַר אָבער האָט זיך באַוויזן אַ דריט בלעטל: אַריער — 10 דעקאָ אָן ביינער; יידן וועלן קיין פלייש נישט באַקומען. די יאַטקע איז דאָך ווייטער פאַרמאַכט געווען, אָבער דער גרויסער נומער האָט געגלאַנצט מיט אַלע ניואַנסן. דער שונא האָט געשפּייזט די פאַנטאַזיע.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָבן די היטלעריסטן געוויזן אַלץ, וואָס זיי קענען: קאָנטריבוציע און מאָרדן, דראָונגען צו שאַפן אַ געטאָ און צייטווייליק עס אָפּלייגן פאַרן פרייז פון אַ נייער קאָנטריבוציע, ווייטערדיקע מאָרדן און ווייטערדיקע אַרויסשיקונגען אין לאַגערן וועגן וועלכע קיינער האָט גאָרנישט געוווסט און אין לאַגערן וועגן וועלכע מ'האָט געוווסט, אַז זיי זענען שעכט־הייזער. דאָס יידישע פאָלק איז צערונען גע-

וואָרן אויף די אויגן. דאָס יידישע פאָלק איז אומגעקומען אויף די אויגן, דרייענדיק זיך ווי אַ וואָרעם אונטער דער אַריינגעקלאַפּטער לאָפּאַטע.

די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט מען אַרויסגעיאָגט פון די קאַמערן און אַרויפגעיאָגט אויף די לאַסט־אויטאָס, וווּ זיי האָבן זיך געמוזט ווי צומישנעלסטן אויסלייגן אויף דער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט מען דעם טראַנספּאָרט איבערגעדעקט מיט אַ פּלאַנדעקע און אין די פיר עקן פון וואָגן האָבן געהיטן שוואַרץ־געקליידעטע פּאָליציאַנטן. איינמאָל האָב איך הינטערן קלויסטער אויף זיבליקעוויטש־גאַס באַגעגנט אַזאַ טראַנספּאָרט. צוויי פּאָליציאַנטן זענען אַראָפּ פון וואָגן. אפשר האָבן זיי געוואָלט פאַר דער עקזעקוציע מתפּלל זיין? ס׳איז נאָך דעמלט געווען וואַרעם. די גאַס האָט אין דער לעצטער, שטילער וואַרעמקייט געדרימלט ווי אַ געלע, אויפגעבלאָזענע קאַץ. פון די באַוועגונגען פון די לעבעדיקע לייבער האָט די פּלאַנדעקע פלוצלונג אָנגעהויבן זיך באַוועגן ווי אַ כוואַליע, די דורכגייער האָט פאַרפעלט אָטעם.

מיט די זעלבע גאַסן, אָבער אָן פּלאַנדעקעס, האָט מען געפירט אַנדערע נאָך פאַרמשפּטע: יידן. פאַר אַלעמען אויף די אויגן זענען געזעסן זקנים מיט די גרין־געלע, מאָגערע גרגרתן, ווי הינער מיט אָפּגעצופּטע העלדזער צום שעכטן. זיי זענען געווען שרעקלעך רואיק. זיי האָבן געשמייכלט, ווי זיי וואָלטן נישט זיך געוואָלט לייכטער מאַכן, נאָר די מענטשן, וועלכע האָבן געמוזט רייניקן די גאַסן, זייערע נאָענטע האָבן זיי געוואָלט טרייסטן: טראַכט נישט וועגן אונדז, נעמט אייך נישט איבער מיט אונדזער ביטערן גורל, טייערע אונדזערע, טייערע, איינציקע!...

ס׳איז געווען אַ פאַרשטעלטער מאָרד, אַן אויסבאַהאַלטענער אונטער דער פּלאַנדעקע, אַ מענטשלעכער נאָך אין פאַרגלייך מיט אָפּענעם, ציניש מאָרד, וואָס מ׳האָט אויסגעשטעלט פאַר דער גאַנצער וועלט צו קוקן. און דאָס איז געווען אַ וויכטיקער אונטערשיד.

מ׳האָט זיך נאָך יידן געיאָגט, ווי נאָך חיות, געמאָרדעט זיי. מיט אויגן פאַרנעפּלטע פון טרערן האָב איך זיך צוגעקוקט צו דער פאַרטיליקונג, וועלכע האָט מיך אויסגעמיטן. מיט אַ נשמה אַ צעזונגענער, ווי דער שיר־השירים, אַן אָנגעפּולטע מיט ווייטיק ווי דער ספר־איוב, האָב איך געהאַט אַ פּנים צוליב וועלכן מ׳האָט אַמאָל געמאַכט מיין פאָטער שווערע פאָרוורפן, אַז ער האָט זיין מוזיניקל נישט געגעבן קיין שום מענטשלעכן שטריך. די פריינד פון מיין פאָטער, ווי ער פרומע לייט, פלעגן פאַרן

דאַוועגען מיט אַ ווידערגעפיל אָפּדרייען פון מיר די קעפּ. — אַן עבירה אַ קוק צו טאָן אויף עפּעס אַזעלכעס, האָבן זיי געזאָגט.

דאָס איז געווען אַמאָל. איצט האָבן די, וועלכע האָבן געקאָנט מיין סוד, אַ קוק געטאָן אויף מיר אויפמערקזאַם: — אויגן אפשר ענלעכע, אָבער דאָס איז דערפאַר ווייל, מ'ווייסט... — בלויז די הענט און די קני פאַראַטן דיך — האָבן געזאָגט מבינים.

כ'האָב געהאַט אַ פּנים, לגבי וועלכן דאָס פּנים פון סטאַניסלאַוו רישאַרד דאָבראָוואָלסקי האָט געקאָנט וועקן געוויסע ספקות; האָר האָב איך געהאַט העלערע ווי יעזשי אַנדזשעיעווסקי. אין מיין פּנים האָבן דאָמינירט די קאָלירן פון פעלדער און טייכן, כ'האָב אַזוי האַרמאָניזירט מיט דער גאַס, ווי די ווערבע מיטן פּוילישן וועג. מיט מיין פלאַקסן־קאָפּ און מיט אויגן פון אַ קעשענע־גנב האָב איך געקאָנט רואיק קורסירן איבער דער שטאָט.

די נושאי־מיטה — די אין שוואַרצן געקליידעטע אוקראַאינישע פּאָליציי — האָט איצט רעווידירט די פּאַספּאָרטן. אָבער אויך מיין פּאַספּאָרט האָט פעסטגעשטעלט, אַז איך בין אַ פּאָליאַק. איך האַלט זיך שטענדיק קודם־כל פאַר אַ פּאָליאַק, דאָס איבעריקע — דאָס זענען מיינע פּריוואַטע, פאַרפלאָנטערטע ענינים. אַז פּוילן האַלט אַנדערש, זענען דאָס צום באַדויערן אירע פאַרפלאָנטערטע ענינים.

דאָס יידישע פאָלק איז שטופנווייז אונטערגעגאַנגען. אויב כ'האָב ווייניקער געליטן פיזיש, נישט זייענדיק פאַרמשפּט אונטערצונעמען יעדן טאָג טויזנט פאַרצווייפלטע שריט, האָב איך מאָראַליש שאַרפער געליטן טאַקע דערפאַר, וואָס מ'האָט מיך פיזיש נישט צעקוועטשט. גאָכן אומברחמנותדיקן ווינטער, וועלכער האָט כסדר געצוווּנגען הי‌טלערן צו פאַרענטפערן זיך פאַר די מיסדערפאָלגן. און וועלכער האָט פאַר אונדז געלינדערט די האָפענונג, האָט אָנגעהויבן וואַרעמער צו ווערן. דאָס וואַסער אין שטוב האָט שוין נישט צעזעצט די כלים, די ערד האָט זיך אומגעקערט צום לעבן, זי איז געוואָרן ברוין ווי די פעל פון אַ יאַמניק־הינטל. ווען איך פלעג אין די אָוונטן זיך אומקערן צו זיך אין שטוב, האָב איך אומאויפהערלעך געפילט דעם אָטעם פון אַ לויטערן הימל, וואָס האָט געשמעקט מיט פרייהייט, און קודם־כל איז זי — די פרייהייט — דעם מענטשנס זיכערקייט. כ'האָב אַלץ אָפטער געפילט דאָס אייגענע האַרץ. כ'בין אַלץ אָפטער אַריינגעפאַלן אין פאַרטראַכטקייט.

צום ערשטן מאָל זינט סעפּטעמבער האָב איך אָנגעהויבן בענקען קיין וואַרשע, צו די עטלעכע מענטשן, וועלכע כ'האָב ביז איצט קוים גע-

דענקט, און וועלכע כ'האָב אַזוי שטאַרק באַגערט צו זען, ווי אַ זקן באַגערט צו זען זיין געבורטס־אָרט. דאָס זענען נישט געווען קיין נאָענטע מענטשן — קיין משפחה האָב איך נישט געהאַט — אָבער באַקאַנטע האָבן זיך איצט, פאַרוואַנדלט אין פריינד; די בענקשאַפט ענדערט די פראָפּאָרציעס. זיי האָבן אַלע געוווינט אין יידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע. כ'בין ממש אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך זיי, כ'האָב געוואָלט טיילן מיט זיי דעם גוטן און שלעכטן גורל. כ'האָב מער נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין קיין פריווילעגירטער לאַגע, עקלהאַפט איז מיר געווען די פּריווילעגירטע סיטואַציע. כ'האָב געהערט וועגן הונגער, וואָס הערשט דאָרט, וועגן פלעקן־טיפוס, וועגן מאַסן־קברים, טיפע ווי אָזערעס. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז כ'וויס אַלץ און — כ'האָב געבענקט. די יסורים פון פאָלק האָבן מיך נישט איבערגעשראָקן, פאַרקערט — זיי האָבן מיך פאַסצינירט. כ'האָב וואָס שנעלער געוואָלט אויסטרינקען מיין חלק ביטערניש. איבעריקנס, האָט מיר יעטוועדע סיטואַציע אויסגעדוכט צו זיין בעסער, ווי דאָס איינטריקענען אין איינזאַמקייט אויף דער לענאַרטאָוויטש־גאַס, ווייל דאָס שיינע לעמבערג, דאָס איבערפולטע, קלינגענדיקע לעמבערג איז איצט געוואָרן אַ מדבר. ווער ס'האָט געקאָנט, איז אַוועק, אַנטלאָפן. כ'האָב שוין דאָ נישט געהאַט קיין איין נאָענטן מענטש, ס'זענען געווען טעג, ווען כ'האָב נישט געהאַט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

כ'האָב זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קנויל פון בענקשאַפט, פון דערוואַרטונג. אין אַזאַ מאָמענט האָט מען מיר געבראַכט אַן ענטפער אויף איינעם פון מיינע פילצאָליקע בריוו. דער שליח, אַ מענטש צו וועלכן מ'האָט געקאָנט האָבן צוטרוי, האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין מיר:

— מיט אַ פּנימה? — האָט ער געפרעגט.

כ'האָב גלייך פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט.

— מיט אַ פּנימה...

— אָבער מיט אַזאַ אויסזען...

— כ'וויל זיין צוזאַמען מיט זיי...

מ'האָט אויך אַרויסגערופן — און אפשר דער עיקר — כמעט קאָנעצקין. זיין אַמאָליקער באַקאַנטער, ד"ר בראַון, האָט געשריבן, אַז אויב קאָנעצקי איז אָנגעוויזן אויף זיך אַליין און אויב ער האָט נישט קיין אַנדער אויסוועג, קאָן ער קומען קיין וואַרשע, „ווו עטלעכע פערזאָן געדענקען נאָך ווער ער איז“.

מיין פרייד איז דערהרגעט געוואָרן דורך אַ פאַרדרוס. זי האָט שוין נישט פאַרמאָגט — כ׳מיין דאָ די פרייד — יענע שפּרודלדיקע זויבערקייט, וואָס מיר דערפילן נאָר דעמלט, ווען מיר זענען די איינציקע באַשאַנקענע, בפרט, ווען כ׳האָב געהאַלטן, אַז קאָנעצקי איז נישט ראוי צו אַזאַ זאָרג. ער האָט דאָס נישט פאַרדינט.

ווי ביז איצט, איז ער גליקלעך געשווומען. אין זיין וווינונג האָט ער אַריינגענומען זיין אַמאָליקן סעקרעטאַר וואַלענגאַ, וועלכער איז געווען אַ בחור מיט אַ קאָפּ אויפן קאַרק. די אַמאָליקע באַציונגען האָבן איצט קאָנעצקין געדינט, און אַ נויט־פאַל האָט ער געהאַט, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן און דערווייל האָט ער פערזענלעך נישט פיל געליטן.

כ׳האָב אים איבערגעגעבן וועגן וואַרשעווער פאָרשלאַג .ער האָט מיר דערויף געענטפערט:

— מ׳דאַרף זיין אַ משוגענער, אַז מ׳זאָל זיך אין הייַנטיקע צייטן אומקערן צו די מעמגימלען (מ. ג. — משהם גלויבן).

זינטיק האָט מען די מעמגימלען אַרויסגעיאָגט אָפּצורייניקן דעם שגיי. מיט ברעך־אייזנס און די הענט זענען זיי געשטאַנען לעבן די הייזער, און וועלכע זיי האָבן נישט לאַנג צוריק געוווינט און צעקלאַפּט דעם אייז. נישט האָבנדיק קיין לאָפּאַטעס, האָבן זיי מיט די הענט צוזאַמענגענומען די שטיקער אייז און זיי צוזאַמענגעלייגט ביים ראַנד פון טראָטואַר. היות ס׳איז זיי נישט דערלויבט געווען צו טראָגן נישט קיין שום פוטערוואַרג און נישט קיין שום וואָל, האָבן זיי אַרויפגעצויגן אויף זיך הויפנס שמאַטעס, זיי גופא האָבן איצט אויסגעזען ווי איין שמאַטע, זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ מין העסלעכקייט, די גאַס איז מיאוס געוואָרן אויפן אָרט, ווו זיי זענען געשטאַנען. היות דער שונא איז געווען אַ ליבהאָבער פון שיינקייטן, האָט ער פון די יידן געמאַכט די מיאוסטע באַשעפעניש. געצייכנטע מיט די אָרעם־בענדער און די אָנגעהאָנגענע בלעכן, איז איצט געווען אין זייער אויסזען עפּעס פון אויסגעמאַטערטע פערד. קורץ פאַרן שמועס מיט קאָנעצקין האָב איך געזען אַזאַ גרופּע יידן. זיי זענען געשטאַנען לעבן קלויסטער פון וואַנען ס׳איז דערגאַנגען אַ כאָראַלער געזאַנג, וואָס האָט באַגלייט די אָרגל־מוזיק. די תפילה־צערעמאָניע אין קלויסטער האָט זיך פאַרענדיקט. ס׳האָבן זיך פון דאָרט אַרויסגעשאָטן אָפּגעפּרישטע, שמעקנדיקע פרויען און מענער — אַזוי אַנדערשדיקע — וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין ווייט פון דעם אַלעמען — ווי פון דער צווייטער זייט ים. מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק איז עמעצער געשטאָרבן;

פאַר זיי. און קוקנדיק אויף די באַזונדערע שיקזאַלן פון די און יענע מענטשן האָט זיך באמת געקאָנט אויף אַ ווײַלע אויסווייזן, אַז יענער מאַן שטאַרבט נאָך כסדר, כדי זיי דאָ צו שיצן... יאָ, ס'איז געווען אַ משוגעת זיך מודה צו זיין.

כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף קאָנעצקין פונעם שטאַנדפונקט פון ענלעכקייט. דאָס איז געווען אַ פופציקיעריקער הויכער, אייגעגעבויגענער מאַן מיט געפאַקטע, רונדיקע פלייצעס, מיט מילך-ווייסע האָר, וואָס זענען געדיכט געווען ווי ביי אַ יונגל, ער האָט געהאַט אַ בייז געזיכט, וואָס איז געלאָפן אין קווער און פאַר וועלכן אַ סך מענטשן האָבן אַמאָל מורא געהאַט. זיין מויל איז געווען אַ פליישיקס, אַן אומאָנגענעמס. אויב די כאַראַקטערשטריכן פון זיין געזיכט האָט מען געקאָנט פאַרשידן טייטשן, האָט אָבער זיין טונקעלע הויט דורכאויס פאַראָטן זיין אָפּשטאַמונג.

קאָנעצקי צו מיר:

— מ'האָט מיר היינט איבערגעגעבן אַ געוויסן פאַקט. אין דער סאָציאַלער הילף ביי דער יידישער געמיינע איז געקומען אַ פרוי. „מיר קאָנען אייך מיט גאָרנישט העלפן“ — האָט איר דער באַאַמטער געענטפערט. „וואָס זאָל איך טאָן?“ — האָט די פרוי געפרעגט. „אַראָפּוואַרפן זיך פון פערטן שטאָק...“ — איז געווען דער ענטפער. צי וואָלט ערגעץ אויף דער וועלט אַ באַאַמטער דערלויבט זיך אַזוי צו רעדן צו אַ מוטער מיט קינדער? דאָס איז דאָך אַ קראַנק פאָלק...

שטענדיק האָט ער געהאַט פאַר מיר אַזעלכע געשיכטעס. פאַרוואָס בונטעווען זיי זיך נישט די יידן? פאַרוואָס קעמפן זיי נישט? פאַרוואָס גייען זיי נישט אין וואַלד? פאַרוואָס אַרבעטן זיי פאַר די דייטשן? פאַרוואָס קאָנען די דייטשן זאָגן: „די יודען זיינד די ביליגסטן און וויליגסטן אַרבייטער“? ער האָט געשטעלט די זעלבע פראַגן ווי אַלע די, וואָס האָבן שטיינערנע הערצער און קאַלטע אויגן.

— „אַ קראַנק פאָלק“ — האָב איך געענטפערט. — איך קען אַזעלכע דייך... זינט צען יאָר איז אין דער ליטעראַטור באַקאַנט דער טערמין „צייטן פון פאַרזכטונג“... מיר, די מעמגימלען, ווי איר זאָגט עס, קענען דעם טערמין זינט צוויי טויזנט יאָר. איך קום אַריין צו גאָלדבערגן. „אַנטשולדיקט — זאָגט צו מיר גאָלדבערג — אַנטשולדיקט, וועגן וואָס רעדן איצט אַלע? וועגן טויט-בעדער? בלויז דער צוזאַמענשטעל פון די ווערטער האָט געקאָנט געבוירן ווערן נאָר אין אונדזער קראַנקן מוח. וועגן זייף פון מענטשלעכע לייבער? וועגן דעם, אַז פרויען ברענען זיך ערגער און

מענער בעסער און אַז קינדער גייען אָפּט אַרויס לעבעדיקע פֿון די גאַז־קאַמערן? ווען אַ גילאָטינע, וואָס דערהרגעט מיט אַ שטיין און נישט מיט אַ שאַרף? אַנטשולדיקט, ווער דערציילט אַזעלכע זאַכן? היינעם, וואָס קומען צו פֿאָרן פֿון וואַרשע, כדי אויסצוּנאַרן פֿון אונדז די לעצטע אויערינגלעך, דאָס לעצטע שטיינדל אָדער בראַנזאָלעטקע. די זעלבע היינעם דערציילן, אַז אויף דער כלאָדנע־גאַס איז פֿאַראַן אַ בריק. אַנטשולדיקט, איך קען וואַרשע, איך קען די כלאָדנע־גאַס. איז פֿון ווען פֿליסט עס דורך כלאָדנע־גאַס אַ טייך?... אַ קראַנק פֿאָלק... די גאַנצע וועלט שרייבט אונדז צו אַ נייגונג צו איבערטרייבונג, צו היסטעריע און פֿאַרשטייט זיך — די וועלט איז גערעכט און נישט מיר. די דייטשן זאָגן אונדז דאָס כסדר. צו וואָס די גרויליקע פּלאַקאַטן, צי פֿעלט אונדז צרות אָן די איבערטרייבונגען?...“

— דערנאָך, ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט מיך גאָלדבערג אָנגעכאַפּט פֿאַרן אָרעל: „פֿרעגט מיך נישט מיין מיינונג וועגן דעם! פֿרעגט נישט קיין אָנמעכטיקן וואָס ער טראַכט. אַן אָנמעכטיקער וועט זיך אָנכאַפּן אין אַלץ, אַבי דאָס זאָל האָבן אַ שאָטן פֿון האָפֿענונג. איר האָט דאָך אַליין געזען: מיין מוטער זיצט אַ פּאַראַליזירטע אין אַ פּאָטעל. צו אַזעלכע שיסן זיי אויפֿן אָרט, אָדער וואַרפֿן זיי אַרויס דורכן פֿענצטער. ווי אָפֿט קאָן מען זי אַראָפּטראָגן אויסצובאַהאַלטן אין קעלער. מיין עלטער יינגל האָט צוועלף יאָר. פֿאַר אַזאַ איז דער אָרעמבאַנד דאָס זעלבע ווי אַ ראָלער אָדער אַ נייַ היטל. ער איז אַ געוויסן טאָג אוועק צו די סקאָרקאָווסקיס, וועלכע האָבן אַ זון אין זיין עלטער. די יינגלעך חברן זיך. ער האָט געוואָלט זיך טוישן מיט אַ גוואַטעמאַלע־מאַרקע. האָבן זיי אים צוגענומען די גוואַטעמאַלע, צעריסן אים דאָס מאַנטעלע און נאָך צעשלאָגן. דאָס יינגל איז גאָכדעם אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָפּגעסמטער, נישט געוואָלט עסן, ער האָט געפֿאָדערט גערעכטיקייט. — טאַטעשי, זאָלן זיי מיר אָפּגעבן מיין גוואַטעמאַלע. — כ'האָב שוין גאָרנישט אויפֿן קאָפּ, נאָר גוואַטעמאַלע. כ'ציטער, מ'זאָל מיר דאָס יינגל נישט אַוועקנעמען, ווייל זיי נעמען אַזעלכע אויך. דער יינגערער ווייגט כסדר: — טאַטעשי זיי שיסן ווידער. — וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? ווו מ'גיט זיך אַ קער, טרעפֿט מען זיך אָן נאָר אויף האַס. ווען מענטשן וואָלטן אַ טראַכט געטאָן, ווען ס'וואָלט עמעצער געוואָלט אַ טראַכט טאָן... אַ קראַנק פֿאָלק, זאָגט איר...“

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך צוגעגעבן:

נישט צום ערשטן מאָל הערן מיר דאָס פון אייך. כ׳געדענק גוט איי=
ער באַרימטן אַרטיקל פון 1922, אין וועלכן איר האָט אויסגערעכנט אונ=
דזערע חסרונות: אונדזער סופּער=עמפּינדלעכקייט, אונדזער גרייטקייט
שטענדיק צו דינען די שטאַרקע און די, וועלכע צאָלן גוט, אונדזער ווי=
דערווילן צו פּוילן און פּאָליאַקן. אונדזער אומרואיקייט, אונדזער אָנטייל
אין אַלע שמוציקע מאַכינאַציעס, אונדזער חוצפּה, דאָס פעלן פון מעסי=
קייט און גלייכגעוויכט, אונדזער נישט פאַרשטיין וואָס מ׳טאָר און וואָס
מ׳טאָר נישט, דאָס נישט קענען ווי געהעריק זיך אויפפירן, דאָס נישט
פאַרשטיין אונדזער ראָל... אונדזער עקזיסטענץ האָט איר שטענדיק באַ=
טראַכט קודם כל ווי אַ להכעיס און באַצוג צו אייער פּערזאָן, ווייל עמע=
צער האָט דאָך עול:עצווו אייך אַ שטאָך געגעבן פאַר אונדז... אַ קראַנק
פּאָלק! אויך היינט, ווען יעדע שעה דעקט אויף די קוואַלן פון אונדזערע
חולאתן, מאַכט איר אונדז ווייטער שולדיק, איר באַשולדיקט אונדז, ווע=
מענס איינציקע שולד איז דאָס, וואָס מיר זענען די שוואַכע. די וועלט
שלאָגט די, וועמען קיינער באַשיצט נישט און האַסט די, וועלכע מען
שלאָגט.

— דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען דאָס וואָרט ייד האָט
זיך באַוויזן אין אייער מויל. ווייל אין דער ליטעראַטור, אין דער ליטעראַ=
טור פון דערהויבענע אינהאַלטן, וועלכער איר שענקט אייער גאַנצע אויפ=
מערקזאַמקייט, האָט איר רעזיגנירט צו באַרירן אונדזערע ענינים. איר
האָט דורכאויס געוואָלט ענלעך זיין צו זיי. און כדי זיך אַריינצופּאַסן אין
זייער שמאָלענקן מייכל, האָט איר פאַרזעט אַ ים. וועלנדיק זיין אין איינ=
קלאַנג מיטן גייסט פון דער שפּראַך, האָט איר געלערנט קאָרעקטקייט
פון דער שפּראַך. נישט מעגלעך, איר זאָלט נישט וויסן וועלכער ס׳איז
דער רעזולטאַט פון אַזאַ פּסיידאָ=שריפטשטעלעריי, דער רעזולטאַט פון
אַלע באַמיונגען צו זיין מער פּויליש ווי זיי אַליין. הערט מיך אויס! —
האָב איך אַ געשריי געטאָן — מ׳האָט געדאַרפט מיט די אייגענע שווערע,
ברודיקע און אָנגעווייטיקטע ענינים צעזעצן די געהייליקטע ראַמען, שרייען
וועגן דעם, וואָס טוט אייך וויי, אַרויסשניידן פון זיך די זינגט יאָרהונדער=
טער נישט אויסגעלאָשענע ווייטיקן, געדאַרפט אָוועקרוקן פון זיך דעם
טאָפּ מיט „ביגאָס“ און אַוועקשטעלן פאַר זיי אונדזער בישערן בעכער. זיי
וואָלטן זיך פון אָנהייב געקרימט, אָבער זיי וואָלטן דאָך גענומען זיך צו
פאַרזוכן פון אים. געדאַרפט רעדן וועגן אונדז גופא, קודם כל וועגן אונדז,
יעדעס מאָל געדאַרפט זיך שטעלן די פראַגע וועמענס אינהאַלטן דאָס

זעגען. וועגן זייערע אינהאַלטן וועט איר סיי ווי גאָרנישט קאָנען זאָגן! געדאַרפט זיין אומברחמנותדיק לגבי דער אייגענער פּערזאָן, לעבן נישט פאַרן פּרייז פון שווייגן, נאָר פאַרן פּרייז פון רעדן. איר וואָלט אַזוי אַרום געוווּנען ווי אַ שרייבער און מיר אַלע וואָלטן געווּנען ווי מענטשן. אונדזערע נאָענטסטע, אונדזערע טייערסטע וואָלטן אפשר איצט אַנדערש געשטאָרבן, אפשר נישט אין אַזאַ בלאָטע, באַשפּיגענע פאַראַכטעטע...

— מ׳דאַרף הענטשקעס...

ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז כ׳האָב פאַרהערט, אָבער ניין. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דאָס דײַטלעך איבערגעחזרט:

— מ׳דאַרף הענטשקעס... איר האָט זיכער באַמערקט, אַז אַריער טראָגן שטענדיק הענטשקעס. לויט אַזעלכע קלייניקייטן דערקענט מען אונדז צווישן עסטן. וועט מען דאַרפן געדענקען וועגן הענטשקעס...

ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז בלויז אַזויפיל האָט ער צו זאָגן, ער האָט אָבער באַלד דערנאָך צוגעגעבן:

— אין די נאָענטסטע טעג פאָר איך אַרויס אויפן דאָרף. באַדאַנק פאַר מיר דעם דאָקטער בראַון. ווי יונג דו ביסט! איך, איך האָב שוין נישט קיין כוח! איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין כוח צו טראָגן דעם דאָזיקן גזר־דין, דעם אוממענטשלעכן גזר־דין!... נו, דו זעסט דאָך אַליין...

.III

דער וועג איז גוט דורכגעגאַנגען און כ׳בין בשלום אָנגעקומען קיין וואַרשע. וואַרטנדיק אַרײַנצוגיין אין געטאָ, האָב איך זיך צוגעקוקט צו די מויערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די יידישע „געגנט“. זיי האָבן געמאַכט אַ שווערן אײַנדרוק. כ׳בין עגדלעך דורכגעגאַנגען. כ׳האָב געהאַט דעם בעסטן ווילן צו פאַרבלײַבן דאָרט, כ׳בין הינטער די מויערן פאַרבליבן בלויז אַ קורצע צײַט. נאָך דריי טעג האָב איך פאַרלאָזט דאָס געטאָ און אַדאַנק פרײַנד האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו באַקומען אַ צימער אויף כלאָדנע־גאַס, אויף דער אַרישער זײַט, האַרט לעבן דער בריק.

איבער דער כלאָדנע־גאַס איז געהאַנגען אַ הילצערנע בריק, וואָס האָט פאַראייניקט דאָס קליינע געטאָ מיטן גרויסן. דער דורכפאָר אין דער מיט כלאָדנע האָט געהערט צו דער אַרישער זײַט, אָבער נישט די טראָטואַרן. מיט דער בריק איז מען דורכגעגאַנגען פון איין געטאָ אין דעם צווייטן. די קינדער פון דער אַרישער זײַט האָבן מיט אויגן פולע מיט

קנאה געקוקט אויף די באַשעפענישן, וואָס דער גורל האָט אַלטעגלעך אויפגעהויבן אַזוי הויך אין דער לופטן.

אין דער ערשטער העלפט 1942 איז די בריק אויף כלאָדנע־גאַס געוועזן דער צוזאַמענגעסטן באַלעבאַטער פונקט אין שטאָט. ס'האָט זיך אַזש געדרייט אין קאָפּ, קוקנדיק אויף דעם שטענדיקן צופלוס פון מענטשן. מ'האָט געזאָגט, אַז אין געטאָ לעבן פיר הונדערט טויזנט נפשות. אויף אַזויפיל האָט מען מער־ווייניק געשאַצט די צאָל, די אמתע צאָל אָבער האָט קיינער קיינמאָל נישט געקענט.

ווינטער 1941/42 איז נישט געווען קיין וואָר, אַז די דייטשן זאָלן נישט צוואַרפן דער יידישער גמינע אין וואַרשע הונדערטער און טויזנטער יידן פון דער פּראָווינץ, וועלכע זיי האָבן אויסגעלאָדן אויף וועגנער אַזוי ווי זיי שטייען און גייען און דערנאָך זיי אַריינגעוואָרפן אין וואַרשעווער געטאָ. די גמינע האָט זיי אויפגענומען אין ספּעציעלע פונקטן פאַר איבערגעזידלטע, אין וועלכע דער הונגער און דער פלעק־טיפוס האָבן אַרויסגעריסן פון זייער צאָל דרייסיק פּראָצענט מאָנאַטלעך. אויף אַזאַ אופן האָט זיך די לאַסט פון דער גמינע פאַרקלענערט, אָבער נישט אויף לאַנג. אין קורצן האָבן דאָס אָרט פון די אויסגעשטאָרבענע פאַרנומען נייע איבערגעזידלטע. מענטשן „פון דער זייט" האָבן אויפגעהויבן די אויגן אויף דער בריק, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דער פירמע שמידט און מונצערמאַן און געפרעגט: — וויפל קאָנען זיי דאָרט זיין?

פון מיין פענצטער האָב איך מיטן אויג אַרומגעכאַפּט אַ באַדייטנדיקן טייל פון געטאָ. יעדן טאָג האָב איך געקוקט „...אויפן גאַנצן לאַנד פון גד ביזן לאַנד פון דן; און אויפן גאַנצן לאַנד פון נפתלי און אויפן לאַנד פון אפרים און מנשה און אויפן גאַנצן לאַנד פון יהודה ביז דעם לעצטן ים, אויף דעם לאַנד... וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו אברהם, יצחק און יעקבן..."

ווען דער פראָנט האָט אויסגעברייטערט זיין פאַרנעם, דערגרייכנדיק פון איין זייט דעם קאַנאַל לאַ מאַנש און פון דער צווייטער זייט די וואָלגע, ווען די היטלעריסטישע היילות האָבן נאָך דער ווינטער־מפּלה ווידער אָנגעהויבן צו זיגן אַזוי, אַז די גרעסטע אָפּטימיסטן האָבן פאַרלוירן די האָפענונג אויף אַ שנעלן סוף — פאַרקערט, ס'האָט זיך געגומען דוכטן, אַז ס'וועט זיין אַ לאַנגע מלחמה צווישן קאָנטינענטן — אין יענעם פייערדיקן זומער 1942 זענען די דייטשן צוגעטראָטן אויסצומאָרדן דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע.

די סאָלדאַטן, וועלכע זענען אַריין אין געטאָ, זענען געווען די פולע העסלעכקייט, ווי זיי וואָלטן איינס און איינס צוגעקליבן געוואָרן. הויקערדיקע און געשטופּלטע, קליינע און צעבראָכענע אָדער הויכע און איבערגעבויגענע האָבן זיי געהאַט אויף זיך שוואַרצע מאַנטלען מיט גרינע קעלנער, שוואַרצע דריי־שפּיציקע היטלען אָדער אויסגעבראַקירטע העלמען, וואָס זענען זיי אַראָפּגעפאַלן אויף די אויגן און באַוואָפנט זענען זיי געווען מיט אַלטע ביקסן, פון וועלכע יעדע איינע איז געווען פון אַן אַנדער מין און קיין איינע וואָלט נישט געטויגט צום קאַמף מיט אַ באַוואָפנטן קעגנער. אַלע האָבן זיי געהאַט פּנימער, וואָס האָבן אויפגעשווידערט מיט זייער עקל. מ׳האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען אוקראַאינער, מ׳האָט אויך געזאָגט, אַז לעטלענדער. דאָס בילד פון דעם דאָזיקן מיליטער האָט נאָך לאַנג דערנאָך אַרויסגערופן אין מיר שוידער און עקל.

אין פאַרלויף פון נישט קיין גאַנצער וואָך זענען אַלע איינוווינער פון קליינעם געטאָ דורכגעגאַנגען דורך דער בריק פון דרום אויף צפון. דער משופּעדיקער וואַנטאָרעם פון די טרעפּ האָט אַרויסגעצויגן גאַנצע מענגעס מענטשן באַהאָנגענע מיט פּעקלעך און זעקלעך, מיט וואַליזעס, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן דעם תמצית פון דער שטוב, ווען קיין שטוב איז שוין נישט געווען. זיי האָבן זיך נישט פאַרהאַלטן אויף דער גרענעץ פון דער בריק. מ׳האָט זיי געיאָגט טיפער און טיפער, דורכשנייהנדיק כּסדר נייע גאַסן, ווי מען שניידט דורך לעבעדיקע גלידער. יענעם זומער האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון געטאָ איבער דריי הונדערט טויזנט נפשות. די מענטשן, ווי ביימער אַריינגעוואָקסענע אין באָדן, האָט מען אַרויסגענומען ווי בלעכענע פיגורקעס. אַ געוויסן טאָג איז געשען אַן אומגלויבלעכע זאַך: אויף דער בריק האָבן זיך מער קיין מענטשן נישט באַוויזן. אין קליינעם געטאָ איז שוין קיינער נישט פאַרבליבן, ס׳איז געווען אַ שטאָט אָן מענטשן — ווי אין אַ מעשהלע.

דערנאָך האָבן זיך אויף די אָפּגערייניקטע שטחים באַוויזן זשאַנדאַרן מיט הינט און אַ ביסל ציווילע פאַרשוינען — זאַכקענער, וועלכע האָבן געדאַרפט איבערנעמען און אָפּשאַצן דאָס צוגערויבטע פאַרמעגן. דערנאָך האָבן די אַריער געקאָנט פאַר דריי אָדער פינף טויזנט זלאָטעס קויפן אַ יידישע וווינונג צוזאַמען מיטן רעכט צו שרויפן אין דער פאָדלאָגע און אין די ווענט, כּדי אָפּצוזוכן דאָס לעגענדאַרע יידישע גאָלד. דערנאָך האָבן אויף די וואַרעמע נאָך טויטע גופים, אויפן נאָך נישט פאַרטריקנטן בלוט, אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן יונגע קנאָספּן. דאָ און דאָרט האָבן זיך אין די

פענצטער באַוויזן פאַרהענגלעך, אין אַ האַלב ליידיק הויז האָט זיך געפונען אַ צוקערניע, אין אַ טויער האָט זיך באַוויזן אַ שילד פון אַן אַדוואָקאַט, דאָס לעבן האָט זיך לאַנגזאַם באַגייט. זומער און האַרבסט 1942 האָבן די דייטשן אויפן חשבון פון יידישן וואַרשע איינגעאָרדנט פאַר אַרישן וואַרשע אַ קעניגלעכן ספּעקטאַקל. אַ זאַך, וואָס לויט אונדזערע אָפּגעשטאַנענע באַגריפן האָט געדאַרפט דויערן הונדערט יאָר, האָבן די דייטשן דורכגעפירט אין ווייניקע וואָכן. ווען כ'האָב אַ געוויסן טאָג זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך נישט דערקענט די גאַס — ס'איז ניש געווען קיין בריק. „אויף דער גאַנצער ערד פון יהודה ביז דעם לעצטן ים" האָט מען אָנגעהויבן באַזייטיקן די שפורן.

פון די מערב־לענדער האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען געלטער פאַר די, וועלכע האָבן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעמיטן די פאַרטיליקונג, געמוזט פירן אַ געהיים לעבן, וואָס האָט טייער געקאָסט. די אויסבאַהאַלטענע זענען איצט געווען ווי קינדער, פאַר וועלכע מ'האָט געדאַרפט וועגן אַלעמען זאָרגן. ס'האָט זיך אָפּגעראַטעוועט דער דאָקטער בראַון. די טרעבלינקער קרעמאַטאָריעס, אין וועלכע ס'זענען פאַרברענט געוואָרן פיל אַנדערע אָנגעזעענע מענטשן און די אָנגעזעענסטע האָבן דעם דאָקטער בראַון אַרויסגעהויבן הויך. ער איז געוואָרן איינער פון די הויפט־פאַרוואַלטער פון די געלטער, וואָס זענען געקומען פון ענגלאַנד און וואָס מ'האָט געדאַרפט פאַנאַנדערטיילן. דאָקטער בראַון האָט צו דעם ציל געניצט זיך אין מענטשן. אַ געוויסן טאָג האָט ער מיך אַרויסגערופן צו זיך און איינגעשפּאַנט מיינע פיס, מיין קאָפּ, מיין גאַנץ וועזן אין דינסט פון דער יידישער אָרעמקייט, וואָס האָט נישט איר גלייכן אויף דער גאַנצער וועלט. ער פלעגט מיך אויך אַרויסשיקן אויף דער פּראָווינץ. נאָך פּופצן חדשים, האָב איך זיך איצט ווידער געפונען אין לעמבערג, אין קאָנעצקים אַמאָליקער וווינונג.

.IV

כ'האָב דערליידיקט, וואָס מ'האָט געדאַרפט. כ'בין צופרידן געווען, ווי אַ דאָקטער אין אַ צייט פון אַן עפּידעמיע, ווען ער שטעלט פעסט, אַז אַנשטאָט הונדערט קרבנות ווי געכטן, האָט ער היינט בלויז פינף און נייַנציק. וואַלענגאַ האָט מיטגעאַרבעט מיט אונדז. צו אים האָט מען אַרויסגעשיקט דאָס געלט, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר לעמבערג, ער איז

אויף אַליין געפֿאָרן קיין וואַרשע, נעכטן איז ער טאַקע געפֿאָרן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

אַ סך נוצן האָט ער אונדז געבראַכט דער אַמאָליקער קאָנעצקיס סעקרעטאַר, ער האָט זיך שיין אויפֿגעפֿירט. די געהיימע אַמביציע פֿון דעם דאָזיקן באַשיידענעם בחור איז געווען צו דערהאַלטן קאָנעצקיס וווינונג און גאָרנישט אויסצופֿאַרקויפֿן פֿון זיינע זאַכן. שווערע ווי חיות, פֿון לאַנג אויסגעלייגטע ווי אַ פֿלאַנצשיכט אויף אַ סאַזשלקע, וווּ עס קומט נישט צו די זון, זענען אין יעדן צימער ווי אַמאָל געלעגן די דיוואַנען פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן און פֿון דער זעלבער הויכער קוואַליטעט. געוועבן האָבן ווי אַ קאָרע באַשיצט די ווענט. אין די צימערן רייכע אין ביכער און בילדער האָט געשמעקט אַ געשמאַק פֿון יענע וווינונגען, וואָס זענען געפֿלעגט ווי גערטנער. ביז איצט האָט זיי דאָס גרויסע פֿייער פֿון דער געשיכטע אויסגעמיטן. אַלץ איז געבליבן אויפֿן אָרט אויסער דעם באַלעבאָס, וועלכער האָט אָדער שוין נישט געלעבט, אָדער זיך געפֿונען אין אַ צושטאַנד, ווי ער וואָלט נישט געלעבט, ווייל ער איז סוף כּל סוף אַריינגעפֿאַלן אין אַ לאַגער. ס'האָט נישט געהאָלפֿן דאָס, וואָס ער האָט געהאַט פֿריינד.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט געדאַרפֿט אָפּגיין מיין צוג. כ'בין געווען אַליין. דער זונטיקדיקער נאָכמיטאָג איז פֿרי איבערגעגאַנגען אין דעמערונג. כ'האָב געפּרוּווט אָנצינדן די עלעקטרישע ליכט, ס'איז אָבער נישט געווען קיין ליכט; כ'האָב אָפּן געלאָזט די קאָנטאַקטן. די דעמערונג האָט פֿאַרהוילן די ווינקלען, ביסלעכווייז האָט די גאַנצע זעבאַרע וועלט זיך פֿאַרוואַנדלט אין פֿינטעלעך. כ'בין געלעגן אויף דער שלאָפֿסאָפֿע, ווי אויפֿן דנאָ פֿון אַ קלאָש. די וואַנט אויף רעכטס איז ווי אַ הויכלאַנד בעת אַ פֿאַרפֿלייצונג, צום לענגסטן באַלויכטן געווען. פֿון דער זייט זענען די קעגנשטאַנדן ווייס געוואָרן ווי ביינער פֿון אומבאַקאַנטע באַשעפֿענישן. די זונטיקדיקע דעמערונג איז אַ שעה, ווען די צייט ווערט פֿאַרווישט, די טויטע מישן זיך צוזאַמען מיט די לעבעדיקע, עפּעס אַ מין ריזיקע קאַבלען פֿירן אַריין אין דער אייביקייט, אין וועלכער מיר קלייבן זיך פֿאַנאַנדער ווי אין דער שטאָט פֿון אונדזער קינדהייט. די דעמערונג האָט איבערגעדעקט די דאָזיקע אייביקייט ווי אַ טישטעך דעקט איבער אַ טיש.

כ'ווייס נישט ווי לאַנג כ'בין געזונקען אין מחשבות ביז כ'האָב דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. אומעטום, אין קאָרידאָר, אין פֿאָדערהויז, אויף די טרעפּ האָט געהערשט אַ פֿינצטערניש. די געשטאַלט, פֿאַר וועלכער

כ׳האָב אויפֿגעמאַכט די טיר, האָט מיך בעסער געקאָנט זען ווי איך זי ווייל אויף מיר איז דורכן פֿענצטער פֿון קאָרידאָר געפֿאַלן דאָס לעצטע טאָג־ליכט. כ׳האָב דייטלעך דערהערט מיין נאָמען. נישט אומקוקנדיק זיך אויף מיר, נאָר מורמלענדיק עפּעס, האָט זיך די געשטאַלט אַריינגעגליטשט אין שטוב. זי האָט זיך אויפֿגעפֿירט מיט אַ באַוווסטזיניקייט פֿון אַ שטוביקן, נישט פֿאַרטוישט די טיר פֿון באַדצימער מיט דער טיר פֿון צימער, ווי ס׳פֿלעגט געשען כמעט מיט יעדן פֿרעמדן דאָ. אין צימער האָט דער געקומענער אין דער פֿינצטער אָפּגעזוכט דעם פֿאָטעל און זיך אַוועקגעזעצט. כ׳האָב אָנגעהויבן צו זוכן שוועבעלעך און צוליב מיין צעשטרייונג נישט געקאָנט זיי געפֿינען. די געדיכטע ווייסע האָר, די הויכע געשטאַלט און פֿריער די שטימע האָבן באַשטעטיקט עפּעס דורכאויס אומגלויבלעכס — וואָס כ׳האָב זיך אייגנטלעך נישט זייער געוווּנדערט, ווייל יעדער טאָג האָט אונדז צוגעוווינט צו אומגלויבלעכע זאַכן — אַז דער געקומענער קאָן נישט זיין קיין אַנדערער, ווי סטעפֿאַן קאָנעצקי.

כ׳האָב זיך געדרייט אַרום פֿאָטעל, נישט שטעלנדיק דעם מענטש קיין איין פֿראַגע, כאָטש ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך שטעל אים טויזנט פֿראַגן. מינוטנווייז זענען מיך באַפֿאַלן ספקות צי דאָס איז טאַקע קאָנעצקי, עטלעכע מאָל האָב איך געהאַט זיין נאָמען אויף דער צונג, אָבער עפּעס האָט מיר געשטערט אים אַרויסצוברענגען. כ׳האָב אים לסוף מיט אַ פֿליסטער פֿאַרגעלייגט זיך אַוועקצולייגן. ס׳האָט מיר געדוכט, אַז ער האָט מיט אַ באַוועגונג פֿון קאָפּ אָפּגעזאָגט. מיטאַמאָל האָב איך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך אפֿשר אַ צוואַנציק פֿראַגן, אויף וועלכע כ׳האָב נישט באַקומען קיין איין ענטפֿער. כ׳האָב זיך אָנגעבויגן איבערן פֿאָטעל, גערעדט צו אים — אָבער אומזיסט. קיין ליכט איז ווייטער נישט געווען, די שוועבעלעך האָב איך ווייטער נישט געקאָנט געפֿינען און צו די שכנים איז בעסער געווען נישט צו גיין. אין אַ שטילשווייגן, וואָס האָט זיך לאַנג געצויגן, האָב איך געוואַרט, אַז ס׳זאָל ליכטיק ווערן.

V

וויפֿל מאָל האָב איך דאָס פֿאַר די לעצטע חדשים געטראַכט וועגן דעם, ווי אומגערעכט איך בין געווען אין באַצוג צו דעם דאָזיקן מענטשן, ווי כ׳האָב קיין רעכט נישט געהאַט צו שליידערן אים דערמלט אין פּנים אַזעלכע ווערטער און ווי אַליין בין איך ענלעך געווען צו אים און נישט

צו דער קרעאַציע, וואָס כ'האָב אים געוואָלט קענשטעלן. מיט פופצן חדשים צוריק, ווען כ'בין אַוועק אין געטאָ, האָב איך געהאַט דעם בעסטן ווילן צו פאַרבלייבן דאָרט. נאָך דריי טעג האָב איך נישט נאָר פאַרלאָזט דאָס געטאָ, נאָר כ'בין אַנטלאָפן, שענדלעך אַנטלאָפן. לענגער ווי דריי טעג האָב איך נישט געקאָנט אויסהאַלטן. די באַגעגעניש מיטן פאָלק האָט זיך פאַרענדיקט מיט מיין פולשטענדיקער מפּלה.

די ערשטע פּערזאָן, וואָס כ'האָב באַגעגנט, איז געווען אַ בעטלער. זיין קליידונג איז באַשטאַנען פון אַ געלער פּערענע, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך פאַרבונדן מיט „צוקערדיקע" שטריקלעך, פון אונטער דער פּערענע האָבן אַרויסגעשטעקט זיינע געשוואָלענע פיס, אויפן בויך האָט ער געהאַט אָנגעבונדן עפּעס אַ טעפּל. ער האָט זיך געלאָזט אויף מיר ווי אין אַ חלל, נישט ענדערנדיק דעם אויסדרוק פון זיינע אומבאַוועגלעכע אויגן. זיין שטימע איז פון געברום איבערגעגאַנגען אין אַ יאָמער, וואָס כ'האָב זינט איך לעב נישט געהערט. דער אומגעהויערער פאַרנעם פון אַזאַ נויט האָט אין מיר דערשטיקט די פעיקייט פון רחמנות און האָט איבערגעלאָזט בלויז דעם שוידער. ווען כ'האָב זיך אומגעקוקט אַרום זיך, האָב איך מיט דערשטוינונג פעסטגעשטעלט, אַז די פאַר מיר אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג גייט קיינעם נישט אָן. דער טראַגישער צירק דאָ איז פול געווען מיט אַזעלכע אַטראַקציעס. דער המון איז נישט געגאַנגען, נאָר געשוווּמען מיט אַ כוואַליע פונקט ווי אַרויסגייענדיק פון אַ צוג אָדער אַ קינאָ: אַ יאָמער און אַ געדיכטקייט — די צוויי מגפות האָבן דאָמינירט אויף די געטאָ־גאַסן. כטאַדעם בעטלער האָבן מיט האַרצרייסנדיקע שטימען געזונגען פסוקים פון תנ"ך, פון תהילים אָדער שלאַגערס. דאָס זענען געווען פאַרמלחמהדיקע בעטלער.

ווינטער 1941/42, ווען דער פלעק־טיפוס האָט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע, זענען אין געטאָ אויסגעשטאָרבן אַלע אָרעמעלייט — די אָרעמע מענטשן, וועלכע זענען קיין בעטלער נישט געווען, ווייל די אמתע בעטלער זענען מוטיקע באַשעפענישן און ווייסן ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן. די נייע אָרעמעלייט זענען געפאַלן פון דער פּראָווינץ, זיי זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע היימען אַזוי ווי זיי שטייען און גייען. פאַרשעמט צו בעטלען זענען זיי שטיל געשטאַנען הינטער די ווענט און מיט בושה אין דער שטימע געבעטן אַ נדבה, וועלכע זיי האָבן נישט באַקומען. זיי זענען אויסגעשטאָרבן און האָבן נאָר אַרויסגערופן געלעכטער און פאַראַכטונג ביי די אַלטע מוטיקע בעטלער.

אויפֿן דריטן טאָג פֿון מיין אויפֿהאַלט אין געטאָ האָט דער דאָקטער בראון מיך מיטגענומען אויף אַן אַרטיסטיש=מוזיקאַלישן אָוונט, וואָס ער אַליין האָט איינגעאָרדנט. דער פּראָגראַם? דאָס איז געווען אַ קאָלעקציע, אָנהייבנדיק פֿון די נביאים ביזן דיכטער שימעל. אומעטום האָט דער יידישער גורל געהאַט דעם זעלבן קלאַנג. אָבער איך האָב שוין נישט געקאָנט הערן!

כ'האָב דערפֿילט אַ ווידערגעפֿיל צו דער אָפּפּערוויליקייט, צו די נביאים, כ'האָב שוין נישט געוואָלט נישט קיין נביאים, נישט קיין תכריכים. כ'האָב געגאַרט נאָך רו, נאָך רו, נאָך אַזאַ רו, מיט וועלכער עס אָטעמט דער אָרעמסטער שוסטער=וואַרשטאַט ביי „זיי“ און וועלכע מיר געפֿינען קיינמאָל נישט ביי אונדז. מיט אַ ווידערגעפֿיל האָט מיך דורכגענומען אליהוס רייטוואָגן, אליהו הנביאס כוס, דער כותל המערבי, כ'האָב באַגערט אַ פּשוט לעבן, וואָס מ'האָט אונדז צוממיינסטן אָפּגעזאָגט. כ'האָב געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון די פּיינען, די געטאָ=מויערן האָבן ממש געפּלאַצט פֿון די פּיינען, וועלכע קיינער אויף דער גאַנצער וועלט קען נישט. כ'האָב געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון אַן עקזיסטענץ, וואָס איז איבער די כוחות, איבער די מענטשלעכע מעגלעכקייטן, כ'האָב נישט געוואָלט נישט קיין מיסיע און נישט קיין איוב. אין יעדער שטוב אין געטאָ איז געווען מער פּיין ווי אין איובן. אויף יעדן שטיקל גאַס אין פֿאַרמאַכטן געטאָ איז געווען מער ווייטיק ווי אויף דעם מאַן פֿון נצרת לעצטן דערנער=וועג. זינט דריי טעג האָט מיך געשטיקט אַ שאַרפֿער טעם פֿון פּיין, פֿון שוואַרצער נויט און האָפֿענונגסלאָזיקייט. מער האָב איך נישט געקאָנט.

אויף דער עסטראַדע זענען אַרויסגעגאַנגען מוזיקאַנטן און נאָך עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט דערמאָנט אין דער צייכענונג אויף דעם אייזקרעם „פּינגווין“ — דער באַקאַנטער דיריגענט לעאָן מאָנדרי. זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן מאָצאַרטס „אַ קליינע נאַכט=מוזיק“.

צווישן די הונדערט פּערזאָן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דעם נישט גרויסן, מיאוסן זאַל מיט די נאַקעטע ווענט, האָט דער גרעסטער טייל וואַרשיינלעך געהאַט באַקומען די אַזוי גערופֿענע זאָרגפֿעליקע ז'ערציונג. מאָצאַרט האָט זיי איצט געבראַכט דעם פּאַר יעדערן טייערן ריח פֿון זיין קינדהייט, דעם ריח פֿון אַמאָליקן לעבן, וואָס האָט איצט געשמעקט ווי אַ וווּנדערבאַרער עפּל=בוים אין מאַי. פֿאַרוואָס וויינען אין אַ פֿינצטערן קינאָ=זאַל אָדער איבער אַן אויסגעטראַכטער געשטאַלט פֿון אַ בוך אפֿילו אַזעלכע מענטשן, ביי וועלכע דאָס לעבן קאָן נישט אַרויסקוועטשן קיין איין

טרער פֿון די אויגן? צי ניט דערפֿאַר קודם־כּל, ווײַל די קונסט נעמט אַראָפּ פֿון אונדז דעם גאַנצער פֿון אַמביציע, ווײַל פּנים אל פּנים מיט דער קונסט ווערט דער מענטש געלײַטערט?

לעבן מיר איז געזעסן דער דאָקטער איגנאַצי פּריס, איינער פֿון די בעסטע האַרץ־ספּעציאַליסטן אין לאַנד. ער האָט אָנגענומען מיט די הענט דעם קאָפּ. פּונקט ווי ער וואָלט אים געוואָלט אָפּשרײַען; ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און מיט זײַנע קליינע פֿאַרמאַכטע אויגן באַוועגט מיטן קאָפּ צום טאַקט פֿון די אינערלעכע באַוועגונגען. ער האָט געוויינט. פֿון הינטער זײַנע פֿאַרמאַכטע ברעמען זענען געפֿלאָסן טראָפּנס, ווי פּונעם שנעבעלע פֿון אַ פֿלעשעלע. ניט ער איינער האָט געוויינט. דער גרעסטער טייל פֿון די אָנוועזנדיקע האָט אַזוי אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ, אַז ס׳איז קיין ספֿק ניט געווען וואָס ס׳קומט פֿאָר מיט זיי. זיי האָבן איצט געוויינט איבער מאָצאַרטן, ווי זיי האָבן ניט לאַנג צוריק געוויינט איבער איובן. דער אײדל־זײַדענער, שפּרודלדיקער מאָצאַרט, דער מיט לעבן קלינגענדיקער און מיט לעבן צעזונגענער מאָצאַרט איז בכלל ניט געווען צו פֿאַרגלײַכן, צו פֿאַראייניקן מיט דעם, וואָס האָט זיך דאָ געטאָן, דער דאָקטער איגנאַצי פּריס האָט כּסדר געוויינט.

דער אָרקעסטער האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן, אָבער איז געבליבן אויפֿן אָרט. איצט איז אַרויסגעגאַנגען דער דאָקטער בראַון און האָט געלייענט אַ ליד וועגן מאָצאַרטן — אַן אַלט ליד פֿון קאָנעצקין. דאָקטער בראַון האָט אַרויסגעקלײַבט פֿון ערגעץ דאָס ליד, כּדי דערמיט צו רעפּרעזענטירן די הויכע קולטור פֿון איינעם פֿון זײַנע מענטשן. בראַון האָט וועגן אונדז געטראַכט פּונקט אַזוי ווי קריטיקער טראַכטן וועגן שרײַבער, ווי אַ יונג מיידל טראַכט וועגן מענער. פֿאַר אים זענען מיר קודם כּל אַלע געווען ייִדן. די אונטערשיידן צווישן אונדז זענען אים ניט אָנגעגאַנגען. דאָס ליד, אָבער, וואָס כ׳וואָלט מיט דרײַ טעג פֿריער באַטראַכט פֿאַר אַן אומרעכטלעך, פֿאַר אַ ניט אייגנס, האָב איך אויפֿן אָונט אויפֿגענומען אָן באַוואָרעניש, ווי מײַנס אַן אייגן ליד. דאָקטער בראַון האָט בעסער ניט געקאָנט פֿאַרפֿיקסירן אין מײַן זכּרון מײַן דעמלטיקן איבערבעטן זיך מיט קאָנעצקין. אויף צו מאָרגנס בין איך אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ.

כ׳בין ניט געווען גערעכט אין באַצוג צו קאָנעצקין, האָב איך געטראַכט. כ׳האָב אַ סך זאַכן ניט פֿאַרשטאַנען. כ׳האָב ניט געוווסט, אַז אַזוי זעט דאָס אויס. אַ פֿאָלק מיט וועלכן מ׳קאָן אַלץ טאָן? Die ewige Verlirer – ווי די דײַטשן האָבן געזאָגט. ייִדן זענען קלוג? וווּ זענען ייִדן

קלוג? כ'האָב אַלע מאָל מער פאַרשטאַנען, אַז קלוגשאַפט באַשטייט אין דעם, אַז מ'זאָל נישט דערלאָזן צו אַ סיטואַציע אָן אַן אויסוועג. און אונדזער סיטואַציע איז שטענדיק אָן אַן אויסגאַנג. וואָס פאַראַ ביטערער גורל שטענדיק פאַרמשפּט צו זיין אויפן גוטן און שלעכטן הומאָר פון מענטשן. פאַרמשפּט שטענדיק צו צאָלן פאַר דער געשיכטע? קודם כל צאָלן און נישט אויפהערן צו צאָלן? און אויב עמעצער וויל דאָס נישט מיטמאַכן? און אויב עמעצער פילט זיך פּשוט נישט אויף די כוחות?

קאָנעצקים באַוווסטער אַרטיקל פון 1922 איז געווען אַן עקסטראַוואַגאַנס פון אַ יונגן מאַן. איך, ווי אַ קאָמענטאַטאָר פון קאָנעצקים אַרויסזאָגונגען און פון זיין טאָן, פאַרדין נישט אויף קיין צוטרוי אָן באַוואָרענישן. קאָנעצקי האָט פאַראַדירט אונטער אַ פּסעוודאָנים, ווייל ער האָט געוואָלט מ'זאָל אים פאַרגעסן, ווייל ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די שאַרפקייט פון די אייגענע מקורות, ווייל ער האָט זיך נישט געפילט אויף די כוחות, ווייל ער האָט פאַר זיי מורא געהאַט. ער האָט מורא געהאַט פּונקט אַזוי ווי אַלע כמעט האָבן מורא פאַר דער מענטשלעכער נויט. וויפל פרייד האָב איך באַמערקט ביי אים יענעם טאָג, ווען ער האָט מיר געמאָלדן, אַז ער פאָרט אַוועק. „ביימער וועל איך דאָרט האָבן איבערגענוג". ס'איז אָבער נישט געגאַנגען וועגן ביימער, ס'איז געגאַנגען וועגן אַן אַנדער גורל. ער האָט נישט געוואָלט זיך אומקערן צו אונדז, ער האָט נישט געוואָלט טיילן מיט אונדז אונדזער גורל. ער איז שוין געווען אין דער עלטער ווען מען ווייסט — אין קעגנזאַץ צו מיר — וואָס אַזאַ גורל ברענגט. דאָס איז געשיכטע! מיר בלומיקן, כדי צו פאַרשטיין דאָס, וואָס מענטשן האָבן שוין פריער, פאַר אונדז, פאַרשטאַנען.

צי בלויז קאָנעצקי האָט מורא געהאַט פאַר דעם יידישן שיקזאַל? און איך? אויב וויל איך זיין אויפריכטיק, איז צי דאַרף איך נישט מודה זיין, אַז מיט מיר איז אויך פאָרגעקומען עפּעס ענלעכס? נאָך פאַר דער מלחמה האָט דער ים ליידן פון דער יידישער געגנט, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויסגעטריקנט, אַרויסגעאָטעמט פון זיך אַ שווערן ריח, וואָס איז דערגאַנגען וויט אין דער שטאָט. ווען כ'בין דורכגעגאַנגען די ביעלאַנסקעגאַס, כדי זיך איינצוטונקען אין די גאַסן, ווו ס'זענען נאָך געווען פרישע שפּורן פון די לעצטע פּאָגראָמען, האָב איך שטענדיק שטאַרק געפילט דאָס אייגענע האַרץ. נאָכן צוריקקומען פון לעמבערג, ווען כ'האָב הינטער די געטאָ-מויערן געוואַרט אויף דער געלעגנהייט דורכצוגיין, האָב איך זיך

קלאָר געמאַכט, אַז נישט פון היינט ציטער איך, אַז אונדזער שיקזאַל האָט אויף מיר שטענדיק אָנגעוואָרפן אַ מורא. אויף מיר אויך.

צי איז דאָס אָבער נאָר אַזוי געווען? צי האָט דער גרויסער דייטשישער ספעקטאַקל, וועלכער האָט מיליאָנען מענטשן געבראַכט אַ שרעקלעכן טויט, דערהרגעט אויך אין די, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט, אַלץ, וואָס האָט זיי געבונדן מיטן פאָלק? ניין.

כ'האָב פאַר די אויסבאַהאַלטענע פאַנאַנדערגעטראָגן געלט און געזען זייערע שטימונגען. איינער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט פון פוילן אַוועקפאָרן אויף עק וועלט, אָבער אויך אויף עק וועלט וועט ער זיך נישט אומקערן צו זיין אַמאָליקן נאָמען און זיין יידישער אָפשטאַמונג. אַן אַנדערער האָט געזאָגט, אַז נאָך דער מלחמה וועט דאָס וואָרט „ייד“, פונקט אַזוי ווי אַנדערע נישט אָנשטענדיקע אויסדרוקן, פאַרבאָטן זיין אַרויסצוזאָגן אין זיין שטוב. גלייכצייטיק אָבער האָב איך באַגעגנט אַזעלכע, וואָס האָבן געטרוימט און געגאַרט, אַז ס'זאָל שוין קומען אַ סוף צו דער צייט פון קריסטלעכע נעמען. ווען דאָס געטאָ האָט געברענט און די בעסטיאַליטעט איז נאָך געשטיגן, בין איך אַריינגעקומען צו אַ געוויסן סוחר, וועלכער האָט געבאַקן מצות און געצוואונגען מיך כ'זאָל די מצות פאַנאַנדערפירן צווישן די מיטגלידער פון זיין משפחה. כ'האָב געקענט אַן אַנדערן סוחר, וועלכער האָט, זייענדיק אויסבאַהאַלטן, יעדן אינדערפרי געדאַוונט אין טלית און תפילין. כ'האָב געקענט אַ פרוי, וועלכע האָט יעדן פרייטיק אָוונט אָנגעצונדן ליכט לכבוד שבת. כ'האָב געקענט אַ פאָרפאָלק, פאַר וועלכע כ'האָב געדאַרפט דורכאויס צושטעלן אַ מוהל, כדי זיי זאָלן קאָנען מל זיין זייער ניי־געבוירן קינד...

כ'האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. געוווסט האָב איך איינס: ווען דער קאַטאַקליזם האָט פאַרברענט, דער איז געווען פאַרברענט, ווער ס'איז דאַקעגן לעבן געבליבן, איז געבליבן ביים אייגענעם לעבן. צי האָב איך דאָס פעסטגעשטעלט נאָר ביי אַנדערע? אָבסערווירנדיק זיך גופא, האָב איך דאָך געזען באַשיינפערלעך, אַז אויך מיר זענען צומנאָענטסטן די אויסבאַהאַלטענע אביונים. פאַרוואָס? טאַקע פאַרוואָס?

כ'בין אַריין אין אַ פאַפיר־געשעפט קויפן עטלעכע ווינטש־קאַרטלעך אויף וויינאַכט. ביי אַ טישל איז געזעסן אַ יונג פאָרל, זי אפשר אַן אַכצניעריקע און ער פון אַ יאָר צוואַנציק. איין בליק און מאָמענטאַל האָב איך דערפילט דעם בליץ, דעם פלאַם אין די אויגן: דער פאַרמשפטער האָט

דערפילט, אַז דאָס זענען פאַרמשפטע. כ'האָב דערליידיקט מיינע זאַכן און בין אַרויס אַ ווײַלע נאָך זיי. ערשט איצט האָב איך געקאָנט זען די שוואַרצע גויט! ער, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ הינקענדיקן פוס, אין צעפליקטע הויזן, אין עפּעס לייוונטענע שיך און אין עפּעס אַן אויסערסט אָרעם מאַנטעלע. זי איז געווען אָנגעטאָן, ווי ער: דאָס משונהדיקע מאַנטעלע איז געהאָנגען ווי אויף אַ שטעקן, די זאָקן אין קישקעלעך און געטראָגן האָט זי זומערדיקע לעטשלעך. זיי זענען געגאַנגען פון סטראַגאַן צו סטראַגאַן, האָבן געוואָלט קויפן עפּל, אָבער אַלץ איז צו טייער געווען פאַר זיי. כ'בין זיי נאָכגעגאַנגען און געציטערט איבער זיי: ס'קאָן דאָך געשען, אַז אַ הענדלערין — אָן שלעכטן ווילן — אַן אויפגעבראַכטע וואָס זיי קלייבן איבער, וועט זיי אַרויסלייגן וואָס זי האָט אויף דער צונג, ווייל ס'איז קענטיק געווען, ווייל ס'איז אין זיי דאָך קענטיק געווען די ענלעכקייט...דעמלט טאַקע, ווען ס'האָט מיך פאַרפלייצט אַ כוואַליע פון אַ פלוצלינג אויפגעוועקטער ליבשאַפט צו זיי, האָב איך באַגריפן, אַז דער מענטש איז אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרמשפט אָנגעוויזן צו זיין אויף די אייגענע, אַז פון זיי ציט ער אין דער ערשטער ריי זיין יניקה...

אין צימער האָט ווייטער געהערשט אַ שטילקייט און אַזאַ פינצטערניש, אַז די געשטאַלט איז צעשוווּמען געוואָרן אין דעם חושך.

— צי זענט איר דאָס? — האָב איך אַ געשריי געטאָן ווי אַ קליין קינד. אויך דאָס מאָל איז נישט געקומען קיין ענטפער.

VI

קאָנעצקי איז געהאַט אַרויסגעפאָרן — נאָך פאַר מיר. אַ באַקאַנטער ערדבאַזיצער האָט אים צוגענומען צו זיך אין זיין לאַנדגוט. נאָך דריי חדשים איז דאָס אָרט באַדראָט געוואָרן. „די מעלינע האָט אָנגעהויבן ברענען“, דער ערדבאַזיצער האָט אָפּגעפירט קאָנעצקין קיין וואַרשע און אים איינגעאָרדנט ביי זיין משפחה. די וואַרשעווער לופט האָט דעם שרייבער אויפגעלעבט. ער האָט אַרומגעשפאַנט איבער דער שטאָט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די וואָרענישן. איינמאָל, ווען ער איז דורכגעגאַנגען דעם ראָג מאַרשאַלקאָווסקע און שוויענטאָקזשיסקע, האָט ער דערפילט אויף זיך עמעצנס אויגן. ס'איז אים אינגאַנצן אַרויס פון קאָפּ מיט וואָסער ציל מ'קאָן זיך נאָך צוקוקן צו אים. ער האָט אַזוי ווייט פאַרגעסן, אַז ער האָט

זיך אומגעקערט, וועלנדיק גיין צו עמעצן אויף באַגגע. אין דעם מאָמענט זענען צו אים צו צווײ הויכע פּאַרשוינען. דער העכערער האָט אים אפילו דערלאַנגט די האַנט, וואָס קאָנעצקי האָט צוגענומען, זײענדיק איבערצייגט, אַז דאָס איז עמעצער, וואָס האָט אים דערקענט.

— מיר קענען זיך — האָט דער פּאַרשוין אַ מורמל געטאָן. — פון דאָרט, פון הינטער די מויערן, און ער האָט דערביי שעלמיש אַ ווונק געשאָן אין דער ריכטונג פון געטאָ.

ערשט דעמלט האָט קאָנעצקי פאַרשטאַנען. ער האָט אָנגעשריען אויפן הויכן פּאַרשוין און אים געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין צייט אויף קיין געשפּרעכן, אַז ער מוז עמעצן אָפּזוכן און איבערלאָזנדיק די שאַנטאַזשיסטן האָט ער זיך געלאָזט פאָרויס. ער האָט זיך געקאָנט אַרויסדרייען, אָבער אָנשטאָט פאַרצוזעצן דעם וועג, האָט ער מיטאַמאָל גאָר אָנגעהויבן נאָכקוקן די נומערן פון די הייזער — צו באַשטעטיקן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט. די שאַנטאַזשיסטן זענען ווידער צוגעגאַנגען צו אים. דער העכערער האָט אים מיט כעס געזאָגט:

— אויב איר האָט, פּאַניע, פּאַר גאָרנישט קיין מורא, טאָ קומט מיט אונדז אין קאָמיסאַריאַט, דאָרט וועט מען אײַך אונטערזוכן.

— באַלד, באַלד.

— נישט באַלד, נאָר שוין. מיר האָבן נישט קיין צייט. אונדז איז אַלצאיינס, סיי ווי צאָלט מען אונדז פון קעפּלעך.

קאָנעצקי האָט ערנסט געטראַכט זיך צו שלאָגן מיט זיי. דאָ איז ער גרייט געווען צו גיין מיט זיי אין קאָמיסאַריאַט אויף שפּיטאַלנע־גאַס, דאָ ווידער האָט ער זיך אַריינגעלאָזט מיט זיי אין דינגעניש. זיי האָבן געפאָדערט *צען שטיקלעך*. דער הויכער האָט אַרגומענטירט:

— איך קאָן נישט ביליקער. אָפּגעהורט און ווייטער געגאַנגען. אַז יוואַנקאַ וועט קומען וועסטו דיר אָפּנעמען אויף מיר. יעדערער פון אײַך האָט געלט אויף האַנדל, אויף וואַלריאַנע. מיר האָבן נישט קיין צייט אויף שפּאַצירן. אָדער ס׳וועט זײַן געלט, אָדער מ׳גייט אויף שפּיטאַלנע, איך מוז מײַנס מאַכן.

דער צווייטער פּאַרשוין איז אויך געווען אומגעדולדיק. זיי האָבן אים צום סוף אַריינגעשטופּט אין טויער, אַראָפּגעצויגן פון אים די מאַרינאַרקע און דעם פּולאָווער, צוגענומען דעם פּאָרטפּעל מיט טויזנט זלאָטעס און זיי וואָלטן אים שוין מסתמא געווען אָפּגעלאָזט.

די שאַנטאַזשיסטן האָבן גראָד געהאַט פאַרענדיקט אַרומצוצופּן אים, ווען פון די טרעפּ איז אַראָפּגעגאַנגען אַ געשטופּלטער געהיים־אַגענט, וועמענס ספּעציאַליטעט עס זענען געווען יידישע ענינים. ער האָט געפירט מיט זיך אַ קליין מיידעלע מיט העלע האָר.

— וואָס איר האָט גענומען — האָט ער געזאָגט צו די שאַנטאַזשיסטן — איז אייערס. איצט וועל איך זיך מיט אים פאַרנעמען.

ער האָט קאָנעצקין עטלעכע מאָל אַ זעץ געגעבן אין פּנים און געשריען:

— איך וועל אייך אויסראָטן ביזן סוף! היינט האָבן זיי מיר דערמאָרדעט מיין ברודער, דעם טאַטן פון דעם קינד. דאָס מאָרדעט איר! איר גיט געלט, מ׳זאָל מאָרדן אונדזערע מענטשן! איר, איר זענט אין אַלעמען שולדיק! איר האָט אַרויסגערופן די מלחמה! נאָך היינט וועסטו גיין אויף שוכאַ!

די נאַכט האָט קאָנעצקי פאַרבראַכט אין קאָמיסאַריאַט אויף שפּיטאַלנע גאַס, אויף שוכאַ האָט מען נישט געשיקט איינצלווייז. ווען דער געשטופּלטער איז אַוועק, האָט אים אַרויסגערופן פון דער קאַמער דער געהיים־אַגענט סקאָוראָן און געפרעגט צי ער האָט באַקאַנטע, וועלכע וואָלטן געוואָלט אים אויסקויפן.

— איר האָט צו אייער דיספּאָזיציע אַ טעלעפאָן, קיינער וועט אייך נישט אונטערקוקן, מיר זענען אָרנטלעכע מענטשן, אויב איר ווילט, קאָנט איר אָנשרייבן אַ צעטעלע, מיר וועלן אָפּשיקן, איר שטעלט קיינעם נישט אין געפאַר, האָט נישט קיין מורא. דער געשטופּלטער איז אַ פאַרביסענער, אָבער איך שטיי נישט אָן אויף קיינעמס לעבן, מיר וועלן אַמאָל אַלע שטאַרבן.

קאָנעצקי האָט, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, דערקלערט, אַז ער האָט קיינעם נישט.

— ס׳איז מיר אייך אַ שאָד — האָט געענטפערט דער געהיים־אַגענט סקאָוראָן. — אויב אַזוי, וועלן מיר אייך שיקן ווי אַ ר ע ז ו ל ט א ט. מיר מוזן צושיקן אויף שוכאַ אַ געוויסע צאָל קעפּלעך. מיר קלייבן אויס די, וועלכע קאָנען זיך נישט אויסקויפן: דאָס זענען ר ע ז ו ל ט א ט ן.

אויף שוכאַ האָט מען אַנטדעקט, אַז קאָנעצקין זוכט אַרום די לעמבערגער געסטאַפּאָ. מ׳האָט אים דעריבער אָפּגעשיקט קיין לעמבערג. דער

אָבערשטורמפירער ווענטלאַנד, וועלכער האָט געהאַט קאָנעצקין געזוכט, האָט שוין פון לאַנג געהאַט פאַרלאָזן לעמבערג. זיין פאַרטרעטער האָט זיך געישובֿט צי ער זאָל דעם שרייבער גלייך אויפן אָרט אויסענדיקן, צי אים שיקן אין איינעם פון די לאַגערן הינטער דער שטאָט (וואָס איז געווען דאָס זעלבע ווי דער טויט). ער האָט אויסגעוויילט דאָס צווייטע. די אַלע איינצלהייטן האָב איך זיך דערוווּסט פון דאָקטער בראַון, וועלכער האָט געהאַט זיין אייגענעם געהיימען אויסשפּיר־אַמט.

VII

פּלוצלינג איז דאָס צימער פאַרפלייצט געוואָרן פון ליכט. דער מענטש, וועלכער איז געזעסן פאַר מיר, האָט אויסגעזען — גאָט מיינער! ווי מ'וואָלט אים אַרויסגעצויגן פון קבֿר. אַ סאָווע, אַ צעשראָקענע סאָווע! זיינע אויגן האָבן מיר נאָכגעפאָלגט פונקט ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל פאָלגט נאָך מיט די אויגן דעם יעגער. דעם קערפּער האָט ער געהאַט איבערגעדעקט מיט אַ זאַק, אַזוי ווי דאָרפישע פרויען דעקן זיך איבער מיט אַ פאַטשיילע. אָנשטאָט הויזן האָט ער געטראָגן עפּעס אַ מין גאַטקעס. מיטן גראָבן פינגער פון באָרוועסן פוס האָט ער — מיט דער באַוועגונג פון אַ הונט — געקראַצט דעם צווייטן פוס. כ'האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון יענער באַוועגונג. אונטער דעם קנויל מילך־ווייסע האָר האָט געלויערט אַ טעמפּ געזיכט, אַן אויסגעטריקנטס, און נאָך אַ מער טונקלס ווי אַמאָל. קיין שום זאַך האָט נישט געקאָנט באַזייטיקן די דאָזיקע טונקלקייט — אַן אמתע קללה! און ס'האָט געשטונקען פון אים! ווי פון אַלע לאַגערניקעס, ווי אַ סך קרבנות אין יענע צייטן — איז דאָס געווען אַן אָפּגרונט פון שוואַרצער נויט! און דאָס איז טאַקע געווען סטעפאַן קאָנעצקי!

וויסנדיק וואָס עס דערוואַרט זיי, האָבן די אַרעסטירטע אין לאַגער הינטער לעמבערג אָרגאַניזירט אַ בונט. אַ טייל איז אומגעקומען אין קאַמף אויפן אָרט, די לעבעדיקע האָט מען דערנאָך דערשאָסן. עטלעכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון דער שחיטה — קיין גענויע צאָל האָט מען נישט געקענט. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן זיי זיך אַרויסבאַקומען פון אונטער די מתים, וועלכע האָבן זיי אָפּגעראַטעוועט און זענען אַנטלאָפן. זיי זענען געווען נאַקעט. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין כאַטעס, מ'האָט נישט געעפנט. ביינאַכט האָט קיין שום פויער נישט געעפנט, אויסער ווען מ'האָט אים געדראָט מיט אַ ביקס, אָפטמאָל האָט קיין שום ביקס נישט געהאָלפן.

זיי זענען געשטאַנען הינטער די פענצטער און געבעטן הילף, געבעטן מ׳זאָל רחמנות האָבן. מ׳האָט זיי אַרויסגעוואָרפן עפּעס לאַבעס, וואָס זיי האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן זיי זיך פונאַנדערגעטיילט, אויסרעכענענדיק, אַז איינצלווייז וועלן זיי זיכערער זיין מיטן לעבן. איינער פון דער גרופּע האָט זיך דערשלעפּט קיין לעמבערג צו וואַלענגאַן, וועלכער האָט מיר טאַקע דאָס אַלץ דערציילט. כדי מיך נישט צו פאַראומערן האָט וואַלענגאַ נישט געוואָלט אויסגעבן דעם נאָמען פון „אונדזער אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט אין דעם אַלעמען גענומען אַן אָנטייל און וועלכער איז וואַרשיינלעך אומגעקומען...“

נאָך די באַשריבענע געשעענישן האָט זיך קאָנעצקי, ווי אַ פאַרווונדעטע חיה געבראַכט צושלעפּן צו זיך אין שטוב. און איצט איז ער געזעסן אין זיינע שיינע צימערן מיט אויסגעשפּרייטע דיוואַנען, וואָס זענען שווערער געווען ווי חיות, פון לאַנג אויסגעלייגטע, ווי אַ פלאַנצנשיכט אויף אַ סאַזשלקע, וו די זון קומט נישט צו, אין די צימערן געפלעגטע זאָרגפעליק ווי געראַטענער. אָט איז ער געזעסן אַ געטראָפענער פון גורל, פאַר וועלכן ער האָט דאָס גאַנצע לעבן אַזוי שרעקלעך מורא געהאַט.

כ׳בין געשטאַנען איבער דער דאָזיקער מענטשלעכער שמאַטע, כ׳האָב זיך אָנגעבויגן איבער אים, כ׳האָב גערעדט צו אים פריער שטיל, דערנאָך הויך און געוואָלט אַרויסבאַקומען פון זיין צעשמעטערט וועזן כאָטש איין וואָרט. סטעפאַן קאָנעצקי האָט באַוועגט מיט דעם מויל, באַוועגט מיט די קינבאַקן און אומזיסט — ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז זיין געזיכט, וואָס איז געוואָנדעט געווען צו דער טיר, צו וועלכער כ׳בין געשטאַנען מיט דער פּלייצע, האָט אָנגעהויבן אויפלעבן און ווי ס׳וואָלט דאָרט אויפגעבליט אַ שמייכל. פּלוצלינג האָב איך דערהערט זיין אַזוי דורך מיר דערוואַרטע שטימע — סטעפאַן קאָנעצקי האָט געזונגען. סטעפאַן קאָנעצקי האָט געזונגען אַן אַלט יידיש לידל מיט אַ יידישן ניגון, וואָס מ׳וואָלט דערקענט אפילו אויף עק וועלט. אין די שעכט-לאַגערן, אין די טויט-לאַגערן האָט געהילכט מיט אַ סך אַזעלכע לידער. גלייכצייטיק האָב איך געפילט, אַז עמעצער שטייט אין דער טיר. כ׳האָב זיך אומגעדרייט. ס׳איז דאָרט ווירקלעך עמעצער געשטאַנען. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט.

— יודע, האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו מיר מיט אַ בליץ אין די אויגן, אָנווייזנדיק אויפן גרויסן סטעפּאַן קאָנעצקי, דעם גרויסן פּסעוודאָנים פון אונדזער ליטעראַטור אינעם פעריאָד פון דער צווייטער אומאָפּהענגיקייט.

— יודע, האָט ער איבערגעחזרט און גראָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

גאלדענע פענצטער

I

אין אַ דעצעמבער-פרימאָרגן

אַ דעצעמבער=פרימאָרגן. אין די פענצטער פון די וווינונגען, אין די
פענצטער פון די בייז=קלינגענדיקע טראַמווייען איז די פרימאָרגן=ליכט ענ=
לעך צום בין=השמשות=ליכט. אויף דער גאַס איז פול מיט מענטשן, ביי
יועלכע די נאַכט האָט אָפּגענומען דאָס לשון און דער יונגער טאָג האָט
נאָך נישט באַוויזן עס אויסצוקערן. שטומע ווי פערד שפּאַנען זיי אין די
ווירבלען פון אייגענעם אָטעם. אין דער לופט פילט מען דעם ריח פון
נאָכגעלאָזענעם פראָסט, די פיס זענען אין בלאָטיקער קלעפּיקייט. אין דער
לענג פון די טראָטואַרן קופעס געלעכערטער שניי; דאָ און דאָרט אין שניי
קאַלוזשעס געל, שטייענדיק וואַסער. אין דער מחנה אייליקע צו דער
אַרבעט פעלן אויך נישט קיין אונטערערדישע סאָלדאַטן. זיי האָבן די נאַכט
אין קיין בעט נישט פאַרבראַכט. זייערע פייכטע קליידער, די פאַרבלאָטיק=
טע שיך זענען אַן עדות פון טאַטן, וועגן וועלכע זייערע פנימער שווייגן.
אין מיטן גאַס שלעפּט זיך מיט שווערע טריט אַן אָפּגעפרעמדטע, דראָענ=
דיקע דייטשישע „שטראופע“.

אָט שטייט אויף דער טאָג. אָבער אין די וווינונגען, פון וועלכע די
פליכט האָט אַזוי פרי קיינעמען נישט אַרויסגעריסן, טריומפירט ווייטער
דער געשמאַקער שלאָף. ער וואַקסט אָן ווי זייף=שוים אין אַ באַליע, ווי
בליעכץ אויף אַ בוים אין מאַי און נישט פאַרלירנדיק גאָרנישט פון זיין
שווערשלאָפיקייט ווערט ער אויפגעבלאָזן, ווי אין קריינדעלעך אויסגעצירט,
שוימענדיק ווי אַ ראָקאָקאָ=געביירדע. אין דער צייט טאַקע, ווען די שלאָפּנ=
דיקע דערגרייכן צו די ווייטסטע הייכן פונעם שלאָף און פאַרזינקען אין
זיי, אין דער צייט ווען דער שלאָף דערגרייכט זיין טריומפאַלע רייפקייט,
איז און איינעם פון די הייזער לעבן קראַשינסקי=פּלאַץ, פון וועלכן מען
האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק אַרויסגעטריבן די יידן און זייערע וווינונ=
גען פאַרקויפט צו נייע לאָקאַטאָרן, אַריינגעפאַלן אַן אויסערגעווייגלעך אָפּ=

געריסענער מענטש. ווען עס וואָלט אים עמעצער אָבסערווירט, וואָלט ער געקאָנט באַמערקן, ווי דער מענטש האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס דער שטראָם דורכגייער האָט זיך פאַרקלענערט און איז אַרויסגעלאָפן פון דעם נאָענטסטן טויער. ער האָט שוין געהאַט מסתמא אַזוי דורכגעוואַנדערט אַ היפשן וועג דורך דער שטאָט — פון טויער צו טויער. צוויי אָדער דריי פאַרבייגייער, וועלכע האָבן דערשנאַפּט זיין סוד, האָבן זיך איבערגעקוקט, אַ שמייכל געטאָן און אַוועק ווייטער. דער פריער פרימאָרגן איז נישט קיין גינסטיקע צייט פאַר מוסרים.

אַריינגנבענענדיק זיך אין הויז, האָט דער מענטש אין די שמאַטעס נישט אויסבאַהאַלטן זיך נישט אין טויער און נישט אין קעלער, נאָר געלאָזט זיך צו די טרעפּ, דורכגעלאָפן דריי שטאָקן און פאַרהאַלטן זיך ערשט אויפן בוידעם-שטאָק, פאַר דער איינציקער טיר, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון האַרץ האָט אים נישט דערלויבט צו קלינגען און אפשר נישט נאָר דאָס קלאַפּן פון האַרץ. אַ ווייל איז ער געשטאַנען מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט און נישט געוואַגט אַ דריק צו טאָן דאָס קנעפּל.

די יונגע פרוי האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט אויפן ערשטן קלונג פון קוים באַרירטן גלעקל. פונקט ווי אַ שטיינדל גיט אַ קלאַפּ אין פענצטער און פאַלט אָפּ, אַזוי האָט דאָס גלעקל לייכט אָנגעקלאַפּט אין איר שלאָף. די יונגע פרוי האָט נאָך טיפער איבערגעצויגן איבער זיך די שעפּסן-פעל, וואָס איז געלעגן אויף דער קאָלדרע. דער צווייטער קלונג פון גלעקל איז אויך געווען אַזוי לייכט ווי דער ערשטער, ער האָט אָבער דאָך אָפּגעשטעלט דעם שלאָף; זעט אויס, אַז „דאָס שטיינדל“ האָט שוין פריער געהאַט פאַרלאַנגזאַמט זיינע פרעס-קאָלבעס. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איינגעגראָבן דעם בליק אין דער פינצטערניש פון צימער, אין וועלכער עס האָבן זיך פאַרלוירן די קאָנטורן פון דעם מעבל. אַן אויסגעניכטערטע פלוצלונג פון שלאָף איז זי צוגעלאָפן צום פענצטער און אונטערגעהויבן דעם ברעג פון פאַרטונקעלונגס-פאָרהאַנג, וואָס איז באַשטאַנען פון שוואַרץ פאַפּיר. דער גרויער, געלער „אָנגעקומענער“ פרימאָרגן, דער טויבער רויש, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פרימאָרגנדיקער מאַסע, וואָס איילט צו דער אַרבעט, האָבן זי צוריק געבראַכט צו דער ווירקלעכקייט. אויסציענדיק אַ האַנט צו דער ליכט, האָט זי קאָנטראָלירט אויפן זייגערל די שעה: האַלב זיבן. „צו שפּעט פאַר דער געסטאַפּאָ“ — האָט זי געטראַכט. פלוצלונג האָט אין איר אויפגעשיינט אַן אַנדער געדאַנק.

מיט וועלכן זי האָט זיך נישט געשיידט זינט אַ סך חדשים. געווירט ביז וואַנזיניקייט האָט זי זיך געלאָזט אין פינצטערן פּאָדערצימער, פאַרגנבעט זיך הינטער דער טיר און געוואַרט אויף אַ נייעם קלונג, אָבער דאָס גלעקל האָט זיך נישט איבערגעחזרט. זי האָט אָבער געפילט, אַז דער מענטש פון דער צווייטער זייט טיר וואַרט, אַז ער שטייט דאָרט און הערט זיך אויפמערקזאַם צו פונקט אַזוי ווי זי דאָ. — ווער איז דאָרט? — האָט זי זייער שטיל געפרעגט. — יוזעף — האָט זי דערהערט פונקט אַזאַ שטילן ענטפער. מיט אומגעדולדיקע הענט האָט זי אַ צי געטאָן די ריגלען, אויפגעמאַכט די טיר און דערזען אַ קגויל שמאַטעס. אין דעם קגויל פון שמאַטעס האָט זי אָבער דערקענט די טייערסטע היימישע אויגן. פאַר איר איז געשטאַנען דער מענטש, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט לאַנגע חדשים. אַלע האָבן אים באַטראַכט פאַר אַן אומגעקומענעם, אָבער נישט זי. לויטן שכל האָט מען שוין נישט געקאָנט האָבן קיין שום האָפענונגען און אין „מאָמענטן פון קלאָרזיניקייט" האָט זי אים אויך באַטראַכט פאַר אַ פאַרלוירענעם. זי האָט אָבער געטראַכט וועגן אים נישט ווי וועגן אַ לעבעדיקן און נישט ווי וועגן אַ טויטן, נאָר גאַנץ פשוט אומאויפהערלעך געטראַכט וועגן אים.

דער קגויל שמאַטעס איז שנעל אַריבערגעשפרונגען די שוועל. זי האָט פאַרהאַקט הינטער אים די טיר. געלייטטע פון געווירטקייט זענען זיי איצט געשטאַנען אַנטקעגן זיך. די יונגע פרוי האָט געוויינט, עס האָט געוויינט דער צוריקגעקומענער מענטש. אפילו אין אַזאַ נישט געוויינלעכער צייט, ווי דאָס איז געווען אין וואַרשע דער סוף פון יאָר טויזנט ניין הונדערט דריי און פערציק, האָט די באַגעגעניש פון די צוויי מענטשן געקאָנט מיט רעכט אַרויסרופן טרערן.

II

דער דורכגאַנג

1.

דער מענטש אין די שמאַטעס, וועלכער האָט אין יענעם דעצעמבער־פרימאָרגן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון צימער, האָט געהייסן יאַנעק קלאָן.

מיט אַכט חדשים צוריק — אין אַפּריל 1943 — האָט ער דורכן געוויינלעכן, אונטערערדישן וועג באַקומען אַ מעלדונג פון דאָקטער בראַון. דאָס, וואָס האָט אים פאַרוואונדערט אין דער מעלדונג, איז געווען דער אויסוואַל פון עם אָרט פאַר זייער טרעפונג. ביז איצט פלעגן זיי זיך טרעפן אין בראַונס סובלאָקאַטאָרישן צימער אויף מאָקאָטאָווסקע־גאַס, אָדער אין ווייניק־באַזוכטע צוקערניעס אין מיטלשטאָט, יעדעס מאָל אין אַן אַנדער צוקערניע. דאָסמאָל רופט אים בראַון אַרויס אויף זשאָליבאָזש. כדי ער זאָל זיך אַהין דורכקריגן, האָט יאַנעק געמוזט דורכפאָרן די בריק, וואָס האָט פאַראייניקט זשאָליבאָזש מיט דער שטאָט. זייענדיק אויפן גאַס האָט ער, אין פאַל פון אַן אָבלאַווע, געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ טויער. אויף דער בריק אָבער וואָלט ער אַרייַנגעפאַלן ווי אַ מויז אין אַ שטייג. אמת איז, אַז דאָקטער בראַון האָט באַשטימט די טרעפונג אויף איינס אַזייגער, אַ שעה, ווען מ'האָט זיך שוין געקאָנט אָריענטירן „אין וועטער“; די דייטשן האָבן נישט „געאַרבעט“ לויט אַ שאַבלאָן און עס פלעגט געשען, אַז נאָך אַ רואיקן פרימאָרגן האָבן זיך פלוצלינג „די בודעס“ אַרויסגעלאָזט מיטאָג־צייט. פאָרנדיק מיטן טראַמוויי, וואָס האָט אים געפירט אויף זשאָליבאָזש, האָט יאַנעק אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג, אַז אויף דער טרעפונג האָט ער זיך אויסגעקליבן מיט אַ האַרץ איבערפולט מיט ווייטיק. אין די לעצטע צייטן איז אים דאָס לעבן טייערער

געוואָרן, ווי עס איז אים געווען ביז איצט און ער האָט מורא געהאַט פֿאַר געווייסע אַרויפֿגעלייגטע אויף אים אחריותן.

יענער אַפּריל־טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַן אָנגעזאַפּטער מיט פֿרילינג־זיסקייט. אין די מאָגערע שטאָטישע ביימער, אין די ווי מיט אַ שערל אויסגעשניטענע, גרינע, צאַרטע בלעטעלעך האָט מען געפֿילט אַ ניי לעבן, פּונקט ווי מען פֿילט דאָס אין די פֿעלהאָר פֿון יונגע הינט אָדער אין דער הויט פֿון קינדער. דעם פֿון לאַנג שוין צעגאַנגענעם און אָפּגעפֿלאָסענעם שניי האָט מען איצט — אַ נישט זעבאַרן — געפֿילט ערגעץ הויך אין די הימלען. ער האָט דער לופֿט אַראָפּגעשיקט אַ טויאיקע פֿייכטקייט און געמאַכט זי לייכטער ביים עטעמען. אויף די טרוקענע טראָטוארן האָט קלינגענדיק אָפּגעהילכט דער מענטשלעכער טראָט.

אין איינעם פֿון די זייטיקע געסלעך האָט יוזעף אָפּגעפֿונען די אָפּגעשטימטע צוקערניע, וואָס איז געווען איינגאַנצן ליידיק. הינטערן בופֿעט האָט אַ העלע, וווּקסיקע קעלנערקע מיט פֿאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט געוואַרעמט זיך אויף דער זון. זי האָט געהאַט געדיכטע האָר פֿון קופּערקאָליר, גרויסע טורקוס־אויגן, האָט געטראָגן אַ קאָלירטן גאָלף און אַ שניי־ווייס פֿאַרטעך. קיינער האָט נישט געשטערט די רו פֿונעם מיידל, וועלכע האָט מיט פֿאַרגעניגן גענאָסן פֿון דער ערשטער זון־וואַרעמקייט. דורכגייענדיק דעם ערשטן זאַל, איז יוזעף מיט טרעפּלעך אַריבערגעגאַנגען אין אַ צווייטן, וואָס איז פּונקט אַזוי פּוסט געווען ווי דער ערשטער. ביידע זאַלן זענען געווען רחבותדיקע, הויכע, קאַלטע און אויסגעמאָלן אויף אַן איינהייטלעכן העל־בלויען קאָליר; זיי האָבן געהערט צו דעם מין שטובן, וועלכע פֿאַרלירן נישט זייער קילקייט אַ גאַנץ, קיילעכדיק יאָר. פֿון די הויכע סופֿיטן האָבן אַראָפּגעהאָנגען קאַלטע, ווייסע לאָמפּן־באַלן.

בערך אַ צוויי מינוט שפּעטער איז אָנגעקומען דאָקטער בראָון. ער האָט אויסגעזען אויף אַ באַאַמטן פֿון מאַגיסטראַט, און דאָס אויף דעם מין באַאַמטע, וועלכע האָבן אפֿילו נישט די דרייסטקייט אָפּצוטאָן אַזאַ קלייניקייט, ווי באַזייטיקן עמעצנס אַ קאַרטאָטעקע פֿון דער איינוווינער־רשימה. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל מאַנטעלע פֿון אַ שטאָף אין אַ יאָלקע, וואָס האָט זיך נישט געוואָרפֿן אין די אויגן און וואָס איז געווען צו קורץ, צו ענג און צו וואַרעם אויף דער צייט פֿון יאָר. פֿון אונטערן פֿאַרשפּילטן אויף אַלע קנעפּלעך מאַנטעלע האָבן אַרויסגעקוקט גראַנאַטענע הויזן און ווייסע שטרייפֿן. קיין שום זאַך אין דאָקטער בראָון האָט

זיך נישט געוואָרפֿן אין די אויגן. ער האָט געקאָנט אַלט זיין אַ פֿינף און דרייסיק יאָר. זיינע האָר זענען געווען אַזוי ווי ביי די דייטשן מיט ריין=אויסגעראַזירטע באַקן=ווינקלען; דער שטערן איז ביי אים געווען אַ הויכער, די אויגן בלויע, רואיקע קינדערישע. אין זיין געשטאַלט האָט מען נישט געפֿילט נישט קיין ליידן און נישט דעם אומרו פֿון עמעצן, וואָס האָט יעדן טאָג „באַקומען צו טרינקען אַ בעכער מיט ביטערניש“. אין דאָקטער בראַון איז נישט געווען קיין סימן פֿון „טיפּישעס“ און קוקנדיק אויף אים איז קיינעם נישט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז ער האָט פֿאַר זיך „דעם לעצטן יידישן קעניג“ פֿון וואַרשע.

אין יענעם פּעריאָד איז דער חוט=השדרה פֿון דעם יידישן ציבור געווען שוין צעקלאַפּט; צוויי דריטל איז אַוועק מיטן רויך, די איבעריקע האָבן געגוססט אין די געטאָס, לאַגערן, קאַצעטן. פֿון דער גאַנצער וועלט איז אָנגעקומען געלט פֿאַר זיי און דאָקטער בראַון איז טאַקע געווען דער, וועלכער האָט פֿאַרוואַלטעט מיטן געלט. מיט אַלע מיטלען האָט ער זיך באַמיט, אַז „זיינע מענטשן“ זאָלן דאָס געלט באַקומען אין דער פֿאָרם פֿון ברויט, רפֿואות אָדער דאָקומענטן. אין זיין אַרבעט האָבן אים געהאָלפֿן — אויסדריקנדיק זיך לויט דער פֿאַשיסטישער טערמינאָלאָגיע — אַרישע באַן=אַרבעטער, אַרבעטער, פּויערים, דינסטן, געוויסע „גראַנאַטענע“ פּאָליציאַנטן, ביי וועלכע דאָס געוויסן האָט זיך נישט אויסגעלאָשן פֿולשטענדיק, און אויך געוויסע דייטשישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געהאַסט דעם היטלעריזם טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געטראָגן דעם מונדיר. עס האָבן אים אויך געהאָלפֿן יידן מיט „אַ גוטן אויסזען“. ביי די יידן האָט דער פֿאַנאַטישער האַס פֿון שונא אויפֿגעוועקט אַ פֿאַנאַטישע ליבע צום אייגענעם פֿאָלק.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך יוזעף דערוווּסט, פֿאַרוואָס דאָקטער בראַון האָט זיך נישט געקאָנט טרעפֿן מיט אים דאָרט, ווו אַלע מאָל. אין די לעצטע טעג איז אַריינגעפֿאַלן דאָקטער זאָמער, בראַונס נאָענטסטער מיטאַרבעטער. דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון אַ יאָר פֿערציק, אַ קליינוווּקסיקער, נישט אָנזעעוודיקער, אַדאַנק וואָס ער האָט זיך געקאָנט פֿריי באַוועגן. מאָנטיק פֿאַרטאָג האָבן די איינוווינער פֿון איינעם אַ הויז אויף דער פּיוס=גאַס געזען, ווי מען האָט פֿון דאָרט אַרויסגעפֿירט זעקס פּערזאָן פֿון פֿאַרשידענעם עלטער. דאָס איז געווען די משפּחה פֿון זאָמערס פֿרוי העלענקע. אַ שעה שפּעטער איז מען אויך געקומען נאָך הע=

לענקען, וועלכע האָט געוווינט ערגעץ אַנדערש. מיט קלעפּ האָבן די דייטשן אַרויסבאַקומען איר אַדרעס. ווען דאָקטער זאָמער האָט זיך דערוווּסט, אַז מ'האָט צוגענומען זיין פרוי, האָט ער געהאַנדלט אויף אַן אופן „וואָס דער שכל האָט פשוט נישט געקאָנט באַנעמען". ער איז אַריין אין אַ קליינער צוקערניע אויף מאַקאָטאָווסקע־גאַס לעבן פלאַץ פון דערלייזער און אָנגעהויבן טעלעפאָנירן אויף רעכטס און לינקס. ער האָט אַזוי גערעדט דורכן טעלעפאָן, אַז אַ קינד וואָלט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט. — עס האָט אייך געטראָפן אַן אומגליק? — האָט מיט מיטלייד אים געפרעגט די אייגנטימערין פון דער צוקערניע, ווען ער האָט פאַרענדיקט צו טעלעפאָנירן — זאָרגט אייך נישט, איך וועל אייך געבן אַ „מענטש". אין אַן אומגליק דאַרפן מיר איינער דעם אַנדערן העלפן.

דאָקטער זאָמער האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע און טעלעפאָניש מיטן „מענטש" זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אויפצומאָרגנס זעקס אַזייגער. ער איז אַהין מיט אַ גרויסער כומע געלט און שוין נישט צוריקגעקומען. מען האָט אים דערנאָך געזען אויף שוכאַ, אין „טראַמוויי", אַ צעממיתטן, מיט וואַנזיניקע אויגן. איינע פון זיינע פאַרבינדלערינס, וועלכע איז אַריינגעפאַלן בעת אַן אָבלאַווע, האָט אים געקוקט אין די אויגן, ער האָט זי אָבער נישט דערקענט. „ביז משוגעת איז ער פאַרליבט געווען אין העלענקען, אָבער אין איצטיקן מאָמענט האָט קיינער פון אונדז קיין רעכט אויף פערזענלעכן גליק".

די באַמערקונג פון דאָקטער בראַון איז טיף אַריינגעדרונגען אין יוזעפס באַוווּסטזיין.

איידער בראַון האָט באַוויזן צו באַגרייפן וואָס פאַראַ געפאַר עס דראָט אים גופא, אין צוזאַמענהאַנג מיט זאָמערס אַרעסט, האָט זיך פאַרלאָפן מיט אים פאָלגנדיקע געשיכטע: אין אַן אָוונט מיט צוויי טעג שפּעטער האָט ער געוואַרט אויף אַ טראַמוויי אויפן ראָג ווספּולנע און מאַרשאַלקאָווסקע. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער באַמערקט אַ קינסטלעכן געדראַנג אַרום זיך. אַ „שפּיק" אין אַ שוואַרצן הוט, אין אַ שוואַרצן פּאָקענעם פּוטער, האָט געזשמורעט מיט די אויגן אויף אים. אַ ווײַלע האָט זיך בראַונען געדוכט, אַז ער חלומט. ער האָט אָבער גלייכצייטיק דערפילט, ווי עמעצער שטורכעט אים הינטן מיט אַ רעוואָלווער. ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען אַ חברה־מאַן מיט אַן אויסגעצויגן געזיכט און אַ קורצער נאָז — מיט אַ געזיכט פון אַ צירק־לץ. איידער ער

האָט באַוויזן צוזאַמענצונעמען די געדאַנקען, האָבן אים די „שפּיקעס“ אַריינגעשטופּט אין אַ טויער. דער פּאַרשוין מיטן געזיכט פון אַ צירק־לין האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע אומרואיקייט. דרייענדיק מיטן רעוואָלווער האָט ער געשריען: — באַלד וועלן זיינע היטער אַ שפּרונג טאָן אויף אונדז! מען דאַרף זאָגן דעם וועכטער ער זאָל פאַרמאַכן דאָס טויער! נישט מעגלעך, אַז אַזעלכער זאָל אַרומגיין אָן שומרים. דאָס גאַנצע לעבן צימער איך פאַר די יידן.

בראַונען האָבן זיי באַלד דערנאָך אַוועקגעפירט אין קאָמיסאַריאַט און פאַרמאַכט זיך מיט אים אין אַזאַ אָנגעהייצטן צימער, אַז ער האָט מורא געהאַט נישט צו חלשן. די „שפּיקעס“ האָבן צום שותפות צוגעלאָזן דעם גראָבן געהילפס־קאָמיסאַר, וועלכער האָט אַזש אַ פייף געטאָן פון פרייד, ווען ער האָט דערהערט וועמען זיי האָבן געבראַכט. „פאַר אים וועלן זיי אונדז גוט באַצאָלן, ער איז ווערט אַ סך“. נאָך דינגענישן און טעלעפאָן־געשפּרעכן זענען זיי איינגעגאַנגען פאַר אַ היפּשער סומע אַרויסצולאָזן דעם „יידישן קעניג“. זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז ער קאָן בלייבן אויף מאָקאָטאָווסקע, אַז ביי זיי איז „אַן ערלעכע שפּיל“, אָבער בראַון האָט ליבערשט געוואָלט נישט ריזיקירן און איבערגעטראָגן זיך אין אַ צימערל אויף זשאָליבאָזש.

— מיר זענען צו אָרעם, מען זאָל מיך אַ צווייט מאָל אויסקויפן — האָט ער געזאָגט. — אייגנטלעך וואָלט איך נישט געדאַרפט אַרויסשטעקן די נאָז פון שטוב, מען דאַרף אָבער עמעצן אַרויספירן פון דאָרטן, עס גייט אין אַ „דורכגאַנג“.

צווישן אַ מיליאָן מענטשן אין וואַרשע האָט מען זיכער נישט געקאָנט געפינען קיין איינעם, וועלכער זאָל נישט פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ „דורכגאַנג“ עס האַנדלט זיך. די אַריינגעהאַקטע אין מיטן שטאָט געטאָ־מויערן האָבן ווייטער געסטאַרטשעט דראָענדיק, הגם לויט דער מיינונג פון די איינוווינער אין דעם נישט פאַרמאַכטן טייל שטאָט, האָט הינטער די מויערן געדאַרפט שוין בלייבן בלויז אַ בית־עולם. אין פרילינג 1943 האָט מען אין וואַרשע געקאָנט נאָך צייטנווייז באַגעגענען גרופּקעס „פּלאַצוווקאַזשעס“, וועלכע זענען אונטער אַן עסקאָרט אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ צו דער אַרבעט. שמוציקע, באַוואַקסענע, באַלאָדענע מיט פּעקלעך און זעקלעך — ס'איז זיי דערלויבט געווען מיטצונעמען אין געטאָ שפּייז און זיי האָבן דאָס טאַקע אויסגענוצט — זענען זיי דורכגעצויגן דורך די גאַסן

פון דער שטאָט מיט אויגן איינגעגראָבענע אין ברוק, אויסמיידנדיק צו קוקן אויף מענטשן. זיי האָבן מורא געהאַט זיך נישט צו באַגעגענען מיט בליקן פון באַקאַנטע, מורא געהאַט פאַר דער קאָנפראָנטאַציע; זיי האָבן געשפּאַנט ביים ראַנד פון דער גאַס, נישט אַרויפטרעטנדיק קיינמאָל אויפן טראָטואַר. אויף דער זייט האָט מען געקוקט אויף זיי, ווי אויף נפשות פון אַן אַנדער וועלט.

אויף דער זייט שטאָט האָבן בלויז געזעלשאַפטלעכע טוער עפּעס מער געוווסט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר צווישן די געטאָ-מויערן; ווייטער האָבן געוווסט — יידן, וועלכע, הגם זיי האָבן דאָ געלעבט „אויף פּאַפּירן", האָבן זיי אויפן דאָזיקן בית-עולם געלאָזן אַ סך נאָענטע, „שאַבראָווניקעס" און שמאַטע-הענדלער, וועלכע פלעגן „פאַר אַן אַריינגערוקטער אין דער לאַפּע פון אַ פּאָליציאַנט מאה" אַדורכקריכן דורך דער מויער מיט אַ ליידיקן זאַק און אָנפילן אים איבער די ברעגן אין די וואַרעמע נאָך וווינונגען נאָך די אַרויסגעפירטע „אויף זייף". עס האָבן לסוף געוווסט — די וואַלוטע-הענדלער, גאָלד-הענדלער, וועלכע האָבן אין געטאָ געהאַט זייערע נעגערים, די וווּנדערבאַרע יידישע בעלי-מלאכות, באַשעפטיקטע מיט אויסאַרבעטן פאַרשידענע קעגנשטאַנדן פון גאָלד און צווישן אַנדערן גאָלדענע צוואַנציק-דאָלאַרדיקע מטבעות, וואָס מען האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן פון אמתע און וואָס זענען ביליקער געווען. אין וואַרשע האָט מען נישט געקאָנט פאַרקויפן קיין קאָלירטן קאָסטבאַרן שטיין, ווייל קיינער האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן אַ סינטעטישן פון אַן אמתדיקן; די לעצטע פאַכמענער האָבן געגוסט צווישן די געטאָ-מויערן.

אין פרילינג 1943 האָט דער שמח צווישן די מויערן שוין אינגאַנצן נישט דערמאָנט דאָס, וואָס עס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק. דאָס געטאָ האָט שוין נישט עקזיסטירט ווי אַ שטאָט, נאָר ווי אַ נעץ שאָפּן (פאַבריקן), וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער דייטשישער אַרמיי. איין שאָפּ פון אַנדערן איז אָפּגעטיילט געוואָרן מיט אַ מויער אָדער מיט שטעכלדראָט. פאַרן אַריבערשרייטן די גרענעץ פון שאָפּ, אין וועלכן מען האָט געאַרבעט, האָט געדראָט אַוועקגעלייגט צו ווערן אויפן אָרט; פאַרן קלענסטן פאַרברעכן האָט געדראָט אַוועקגעלייגט צו ווערן. באַאויפטראַגטע פון דער געסטאַפּאָ און דער דייטשישער אַרמיי זענען געווען האַמבורגער און האָלענדישע סוחרים, וועלכע האָבן באַקומען צו זייער גאַנצער דיספּאָזיציע דאָס געטאָ צוזאַמען מיטן לעבעדיקן „אינווענטאַר". אין די שאָפּן האָבן דאָקטוירים אויסגעאַרבעט בערשטלעך, אַדוואָקאַטן האָבן געפּרעסט הויזן,

סוחרים האָבן צוגעגייט קנעפּלעך, אינזשינירן זענען געשטאַנען ביי טאָקער-מאַשינען.

זומער 1942, אינעם פּעריאָד פון די גרויסע אויסזידלונגען און גרויסע מאָרדן, האָט דאָס רעכט צו בלייבן אויפן אָרט געגעבן בלויז אַן אַרבעטס-צייגעניש, פאַר וועלכער די האַמבורגער און האָלענדישע סוחרים האָבן זיך געהייסן באַצאָלן מיט גאָלד. האַלב-וואַנזיניקע מענטשן האָבן געצאָלט מיט גאָלד, אָבער דאָס האָט אויך קיין סך נישט געהאָלפן. דעם זעקסטן סעפּטעמבער האָבן אַלע, מיט אָדער אָן אויסווייזן, געמוזט גיין אויפן אומשלאַגפּלאַץ. הונדערט טויזנט נפשות האָבן די דייטשן פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ און צוריקגעלאָזט האָבן זיי בלויז דרייסיק טויזנט, וואָס זיי האָבן „אויסגעקליבן אויפן אויג". די איבעריקע האָבן זיי „אויסגעזידלט". אין אַ הייסן האַרבסטיקן טאָג זענען פון אומשלאַגפּלאַץ צוריקגעקומען מענער אָן זייערע פרויען, פרויען אָן זייערע מענער, עלטערן אָן קינדער, קינדער אָן עלטערן. אין זייערע הערצער איז פאַרבליבן בלויז די פאַרצווייפלונג. די שוועל פון די שאָפּן האָבן זיי אַריבערגעטראָטן ווי די שוועל פון אַ שעכטהויז. די אַרבעט האָט זיי איצט אויסגעזען ווי אַ בלוטיקע ליצנות. נאָך עטלעכע וואָכן אָבער איז געשען עפּעס אומגלויבלעכס: מען האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן, אין האַרץ האָט זיך אַפילו אַריינגעגנבעט אַ פונק פון האָפענונג: ס'זענען אַנטשטאַנען נייע פאַרפעלקער, נייע פריינדשאַפטן און געוויסע מענטשן האָבן אַפילו אָנגעהויבן זיך איינאָרדענען. אַלעמאָל אָפטער האָט מען געהערט, אַז „מען דאַרף אַרבעטן", „מען דאַרף איבערצייגן די דייטשן אין דער נוצלעכקייט פון אונדזער אַרבעט און אויף אַזאַ אופן זיי אָפּציען פון נייע מאָרדן; מיר מוזן ווייזן, אַז מיר קאָנען אַרבעטן". מען האָט אַפילו אָנגעהויבן אָנשרייען אויף די, וועלכע האָבן אָפּגעשלעפּט און וועלכע האָבן „געשעדיקט דעם כלל". זינגענדיק „טומבאַלע, טומבאַלע" האָבן מענטשן פערצן שעה אין מעת-לעת פאַרבראַכט אין די וואַרשטאַטן. ס'איז געקומען אַ צייט, ווען אַפילו די גרעסטע סקעפּטיקער האָבן געגלייבט, אַז „דאָס קאָן זיין אַ רעטונגס-מיטל".

אַזאַ שטימונג פון האָפענונג האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם אַכצנטן יאַנואַר 1943, ווען אויף די געביטן פון די שאָפּן האָט זיך ווידער באַוויזן דער אונטערשטורמפירער בראַנדט, „דער רעפערענט פאַר יידישע ענינים" אין וואַרשעווער געטאָ, אַ מענטש נאָך די פערציקער, אַ פליכעוואַטער, נישט קיין ווקסיקער, מיט אַן אָנגעגאָסן פנים, וועלכער איז פאַר דער

מלחמה געווען ערגעץ אין דייטשלאַנד אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר. דאָס איז געווען אַזאַ פאַרביסענער היטלעריסט, אַז קינדער האָבן וועגן אים לידער געזונגען און ביינאַכט האָט ער זיך מענטשן געחלומט. זומער האָט ער געשיקט אויף די רושטן אין טרעבלינקע נישט פיר, נאָר זעקס, זיבן און מ'האָט געזאָגט, אַז אפילו צען טויזנט נפשות טעגלעך.

ווען ער האָט זיך באַוויזן אויפן געביט פון די שאָפּן, האָט ער באַפוילן צו קאָנטראָלירן די „גומערן“, ווייל עס זענען דערגאַנגען צו אים ידיעות וועגן פיל אומלעגאַלע, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס און „ברענגען די אַרבעטער שאָדן“. די אומלעגאַלע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. ווען די לעגאַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי, האָט בראַנדט אָפּגעטיילט פון זיי די פרויען און קינדער און אַרויסגעפירט זיי „קיין פּאָניאַטאָוו“.

פון דעם מאָמענט אָן האָט דער גרויל זיך צוריקגעקערט. אין קורצן נאָכדעם זענען פאָרגעקומען אַ ריי כאַראַקטעריסטישע געשעענישן. די האָלץ־פירמע אויפן נאָמען ב. האָלמאַן האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג זיך איבערצוטראָגן צוזאַמען מיט די מאַשינען און מענטשן קיין לובלין. אין טאָג פון אָפּפאָר איז אויפן באַשטימטן אָרט נישט געקומען קיין איין ייד און די דייטשן האָבן נישט רעאַגירט דערויף. די פירמע שילינג, לאָריך און אַנדערע האָבן באַקומען ענלעכע פאַראָרדענונגען, ווי די פירמע ב. האָלמאַן. און ווידער האָט זיך קיינער נישט צוגעשטעלט און די דייטשן האָבן ווייטער געשוויגן.

צווישן די געטאָ־טויערן איז אָבער נישט געווען קיין איין מענטש, וועלכער זאָל האָבן צוטרוי צו דער רואיקייט. מ'האָט אָנגעהויבן בויען אונטערערדישע בונקערס. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן די בונקערס געבויט רייך, מיט פאַרנעם, באַזאָרגט זיי אויף אַ סך חדשים מיט שפּייז, וואַסער, רפואות און קוילן. די יוגנט דאַקעגן האָט באַשלאָסן „צו קעמפן, ווען די שעה וועט קומען פאַרן כבוד פון פאָלק“. אַזוי אַרום האָט יענעם טאָג, ווען בראַון האָט אַרויסגעשיקט יוזעפן, דאָס געטאָ צומווייניקסטן פאַרדינט אויף דער באַצייכענונג בית־עולם.

— עס האַנדלט זיך אין דעם, אַז איר זאָלט ברענגען צופירן אַ מענטש, וועלכער איז אפשר אויך אייך נישט גלייכגילטיק — האָט בראַון געזאָגט, ווען די קעלנערקע איז שטייפן פאַרטעך, אַ ווייסע, אַ בלענדנדיקע ווי אַן עפּלבוים אין מאַי האָט, אָנגענומענדיק די באַשטעלונג זיי פאַרלאָזן. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריקגעקומען; די טעלערלעך זענען

אַרויסגעשפּרונגען פון אירע לאַנגע פינגער, ווי שפּילציינ שפּרינגען פון די הענט פון אַ קונצנמאַכער.

— וועמען דאַרף מען ברענגען? — האָט יוזעף געפרעגט, ווען זיי זענען ווידער געבליבן אַליין.

— אַלעקסאַנדער מאַפּאַז.

— צי האַנדלט זיך וועגן יענעם אַלעקסאַנדער?

— יאָ.

דאָקטער בראַון האָט קיינעמען נישט אָפּגעזאָגט קיין הילף, אָבער ער האָט געפאָדערט פון די, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרנומען, אַז זיי זאָלן אויפשרייבן זייערע איבערלעבונגען. „זאָל כאָטש נאָך אונדז בלייבן אַ זכר". „צו וואָס מאַטערסטו די מענטשן — איז מען צו אים צוגעשטאַנען מיט טענות — וויפיל לײַדן זיי? לאָז זיי בעסער אויפעסן איין זעמל מער, אַנשטאָט זיי זאָלן דאָס געלט אויסגעבן אויף פּאַפּיר. האָסט ווייניק דאָקומענטן וועגן די ליידן פון יידישן פאָלק?". „ניין — איז ער געבליבן איינגעעקשנט ביי זײַנס — זאָלן זיי שרייבן, זאָל די וועלט זיך דערוויסן, ווי עס זעט אויס דער אמת און דער שקר און די אויגן פון די, וועלכע געפינען זיך אין אַנבליק פון טויט".

דאָס מאָל איז אָבער געגאַנגען אין עמעצן, וואָס איז נישט נאָר דאָקטער בראַונס געווען נאָענט צום האַרץ. נישט נאָר דאָקטער בראַון האָט ליב געהאַט דאָס, וואָס מאַפּאַז האָט געשריבן. אַלעקסאַנדער איז געווען דער רום, דער שטאָלץ און דער ליבלינג פון געטאָ. פאַר דער מלחמה האָט ער גאָרנישט פאַרגעשטעלט מיט זיך, ער איז געווען איינער פון די פיל שוואַך-באַקאַנטע, פאַרבלאָזע קינסטלער, וועלכע האָבן איבערגעקייט דאָס, וואָס מען האָט שוין פאַר זיי געהאַט איבערגעקייט, און וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט קיין אייגענע געשטאַלטן, קיין אייגענע קענטעניש, קיין אייגענע פאַרשטעלונג פון דער וועלט. ער האָט געלאָזט זיך מתודה זײַן מענטשן, וועלכע האָבן אויף דעם נישט פאַרדינט, אַרויסגעבראַכט בילדער, וואָס זענען נישט אין אים אויסגעוואַקסן, אויסגעקנאָטן אייגענע קליינע וויטיקן אָן וועלכע די וועלט וואָלט נישט אָרעמער געוואָרן. אַ שרייבער איז ער געוואָרן גיכער פון איבערציע, צוליב געוויסע געשאַפענע באַדינגונגען און נישט פאַרשטאַנען, ווי דער גרעסטער טייל שרייבנדיקע מענטשן, וואָס דאָס באַדייט שרייבערישע שאַפונג און וואָס פאַראַ אויפגאַבן זי דאַרף דערפילן. אין דער יוגנט און לאַנג נאָך שפּעטער גלייבט דער גרעסטער טייל קינסט=

לער, אַז זיי זענען די איינציקע אין זייער מין. שפּעטער ערשט און אין דער אמתן ערשט ביים סוף פֿון לעבן דערזעען זיי, ווי ווייניק עס איז אין זיי געווען אמתע אינדיווידואַליטעט און וואָס פֿאַראַ שווערע זאַך עס איז די פֿראַגע פֿון אינדיווידואַליטעט אין דער קונסט; דעמאָלט ערשט זעען זיי, אַז זייער „רייכע, גרויסע נשמה" איז געווען אַ קליין נשמהלע, וועלכער עם וואָלט קוים געקלעקט איין וואָך צו פֿאַרברענגען אויף דעם דערנעענטערדיקן באָדן פֿון דער קונסט, אין דער צייט ווען זיי האָבן זיך אַהין אויסגעקליבן אויפֿן גאַנצן לעבן, מאַכנדיק אַרום זיך נישט קיין קליינעם רעש.

פֿאַר דער מלחמה זענען די קליינבירגערלעכע שרייבער פֿון יידישער אָפּשטאַמונג — וועלכע האָבן געשריבן אין פּויליש — נישט אינטערעסאַנט געווען דערפֿאַר, וואָס זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי וועלן בעסער אויפֿגענומען ווערן דורך זייערע פּוילישע לייענער, אויב זיי וועלן ווייזן מיט וואָס זיי זענען ענלעך צו זיי און נישט מיט וואָס זיי אונטערשיידן זיך. דער רעזולטאַט איז געווען אַזאַ, אַז זיי זענען ווייניק ענלעך געווען און ווייניק זיך אונטערשיידט. אויך אַלעקסאַנדער איז פֿאַר דער מלחמה ווייניק ענלעך געווען און ווייניק זיך אונטערשיידט.

אין 1940, אין יאָר, ווען מ'האָט אויפֿגעשטעלט די מויערן און פֿאַרמאַכט דאָס געטאָ, האָט אַלעקסאַנדער געענדיקט דריי און דרייסיק יאָר. פֿאַר אַ געוויסן טיפּ קינסטלער, איבערהויפּט פֿאַר אַ דיכטער, איז דאָס אַ וווּנדערבאַרער עלטער. די איבערלעבונגען פֿאַרמאָגן נאָך אין זיך די קראַפֿט און דאָס פֿייער פֿון דער יוגנט, אָבער די לאַווינע גיסט זיך אַריין אין אַן אויסגעפֿורעמטער שוין כלי. דאָס איז דער עלטער פֿון הייסע נאָך זינלעכקייטן, אָבער פֿון אַ רייפֿער שוין געשטאַלטיקונג. די יונגע קונסט ליידט אויף אַ מאַנגל פֿון געשטאַלטיקונג. אין די שפּעטערדיקע יאָרן דאַקעגן ליידט זי אויף איר איבערפֿלוס — בעת עס קילן זיך אָפּ די זינלעכקייטן, וואָס זענען דאָס בלוט פֿון דער קונסט. קינסטלער, וועלכע טרעפֿן אין מאָמענט פֿון אויפֿשוווּנג פֿון זייערע שאַפֿונגס־כוחות, אויפֿן גינסטיקן היסטאָרישן מאָמענט, קאָנען געבן דעם מאַקסימום.

אין געטאָ, אינעם צעווילדעוועטן ים פֿון הונגער, טיפֿוס און טויט, האָבן שרייבער געזאָגט: אָט איז אַ צייט, ווען דאָס ליד מוז פֿאַרשטומט ווערן. אַלעקסאַנדער דאַקעגן האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישטאָ קיין בזיון אין דעם, אויב נאָכן טאָג לייִדן „וועט דער לאַטעק זיך צוהערן צום לאַטעק־דיכטער, וועלכער וועט אים אונטערטראָגן זיינע אייגענע געדאַנקען,

זיינע אייגענע ווערטער, וואָס זענען לייכט באַהויכט געוואָרן מיט דעם אָטעם פון דער קונסט". און אַלעקסאַנדער האָט אָנגעהויבן אויפבאַפן דאָס פרישע וואָרט, וואָס איז נאָר וואָס אַרויסגעשווומען פונעם מויל פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן, וועלכע האָבן געליטן און געקעמפט, פאַרצווייפלט און דאָך ביזן סאַמע סוף געשפאַסט. ער האָט געשריבן וועגן די וואַנדערונגען פון מענטשן און קעגנשטאַנדן (פון שענגע אויף מילע), וועגן די „שפילער אויף דער וואַך", וועלכע „שמירן" די זשאַנדאַרמען און „גראַנאַטענע", וועגן דער „פאַרלייזיקטער כאַטע" אָדער — דעם אין פערד איינגעשפאַנטן טראַמוויי, וואָס מען האָט אויך גערופן „קאָן=העלערקע", לויט די נעמען פון די צוויי לאָדזשער געסטאַפאָ=אַגענטן, די ליבלינגען פון די געסטאַפאָ=לייט. ער האָט אויך געשריבן וועגן מאָהנע באַשעפעניש, וואָס זענען אין די גרענעצן פון די מויערן אומבאַקאַנט געווען — וועגן ביימער; און וועגן קינדער, וועלכע האָבן געהאַט פיסלעך ווי שוועבעלעך און געזונגען „מיר יאַטן, מיר יאַטן, אונדז וועט קיינער נישט שאַטן", וועגן דעם דערוואַרטן פון אויסלאַנד אַ פעקל מיט קאָנדענסירטע מילך, וועגן דעם הער קאָוואַלסקי, וועלכער פאַראַדירט אַרום אין אַ צו גרויסן פעלץ, וואָס איז גענייט געוואָרן נישט אויף זיין מאָס — וועגן אַלעמען.

זיינע שאַפונגען האָט טאָפאַן געלייענט אַליין, אין עטלעכע ערטער האָבן זיי אויך געלייענט אַקטיאָרן; זיי זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין קאָפיעס. מיט דער צייט זענען די לידער פון טאָפאַן געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש, מענטשן האָבן זיי אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק און רעציטירט ביי יעדער געלעגנהייט. דעם דיכטער האָט מען גערופן פראָסט פשוט אַלעקסאַנדער און מען האָט אים ליב געהאַט. אויך יוזעף האָט אים ליב געהאַט און ער האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט מען זאָל קאָנען האָבן אַן אַנדער באַציונג צו אים. אין דער צייט, ווען ער איז נאָך געווען אין געטאָ, האָט ער אים געהערט אַ צוויי, דריי מאָל און יעדעס מאָל איז ער טיף געווען גערירט. און טיף אין האַרץ איז ביי אים פאַרבליבן אַ געפיל פון באַוווּנדערונג, אַכטונג און ליבשאַפט.

פון אַ וואַגאָן אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין טרעבלינקע, האָבן געדאַרפט שפרינגען צוויי קינדער. דאָס עלטערע יינגל האָט געהאַט צוועלף יאָר און דאָס יינגערע צען. „שפרינג דער ערשטער, ביסט יינגער, האָסט אַ גאַנץ לעבן פאַר זיך" — האָט געזאָגט דער עלטערער. „ניין, שפרינג דו דער ערשטער, ביסט עלטער, וועסט קאָנען דערציילן דער וועלט, וואָס

מיר האָבן איבערגעלעבט, וועסט עדות זאָגן“. ווייפֿל מאָל יוזעף האָט געטראַכט וועגן אַלעקסאַנדערן, איז אים געקומען אויפֿן זינען דער געשפּרעך צווישן די צוויי קינדער. אַלעקסאַנדער האָט עדות געזאָגט. ווען יוזעף האָט דערהערט וועמען ער דאַרף ברענגען צופֿירן, איז אים אַזוי פֿריילעך געוואָרן אויפֿן האַרץ, פּונקט ווי ער וואָלט שוין נישט געמוזט אויסמיידן דעם בליק פֿון דאָקטער בראַון, ווי ער וואָלט אויפֿגעהערט מורא צו האָבן.

— די שווערקייט וועט באַשטיין נישט אַזוי אין אַריבערפֿירן אַלעקסאַנדערן — האָט ווייטער געצויגן דאָקטער בראַון — ווי אין איבערצייגן אים, אַז ער דאַרף זיך אַרויסבאַקומען פֿון דאָרט. ער איז אַנטוישט אין די מענטשן אויף דער זייט, ער טראָגט אין זיך אַן אַלטן פֿאַרדרוס אויף זיי. הגם ער האָט געשריבן אין פּויליש, האָט ער קיינמאָל נישט געהערט מען זאָל אים מיט אַ וואָרט טאַדלען אָדער לויבן, גאָרנישט, אויסער אַן איין־קאָלט פֿאַרשווייגן. קיינער פֿון זיינע אַמאָליקע פֿריינד האָט זיך נישט געקימערט וועגן אים, קיינער האָט אים נישט באַזוכט. ווען ער וואָלט נישט געווען זיך געהאַלטן מיט זיינע אייגענע כוחות, וואָלט ער, ווי פֿיל אַנדערע, געשטאָרבן פֿון הונגער אויפֿן טראָטואַר. ער האָט אַמאָל געהאַט באַשלאָסן דורכצוגיין אויף דער צווייטער זייט און ווידער האָט קיינער פֿון דאַנען נישט געהאָלפֿן, עמעצער פֿון די אונדזעריקע האָט אים איינגעאָרדנט אין אַ ווינקל אויף לעשנאָ. קוים ווי ער האָט זיך באַזעצט אין דער וווינונג, האָט ער געמוזט אַנטלויפֿן פֿאַרן הויז־וועכטער. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער שטאָט; די אַמאָליקע באַקאַנטע האָבן אים אויסגעפֿרעגט ווי עס זעט אויס דאָס לעבן אין געטאָ, אָבער ווען ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, האָט ער געמוזט גיין צו דער ווייסל. נאָך צוויי נעכט פֿאַרבראַכטע אין די קוסטעס האָט ער זיך אומגעקערט אין געטאָ און צוגעשווירן זיך „אַז ער וועט שטאַרבן צוזאַמען מיט די מענטשן, וועלכע ער דינט און האָט ליב“. מ'דאַרף, אַלזאָ, אויפֿקלערן אים, אַז עס איז נישטאָ קיין שום „די זייט“, אַז זי באַשטייט פֿון פֿיל זייטן און פֿיל מענטשן. מען דאַרף אים אויפֿמאַכן די אויגן אויף דעם, אַז מ'קאָן קיינעמען נישט נעמען פֿאַר אומגוט, ווען ער זאָגט זיך אָפּ צו געבן אַ נאַכטלעגער, ווייל פֿאַר אַ נאַכטלעגער באַצאָלט מען מיטן קאָפּ; אויב ער וויל פֿאָדערן, מוז ער אַליין זיך מאָביליזירן. מ'דאַרף אים זאָגן, אַז מיר זענען נישט אַליין, אַז עס העלפֿן אונדז מיליאָנען מענטשן „אויף יבשה, ים און אין דער לופֿט“. אַזעלכע מענטשן ווי אַלעקסאַנדער זענען אָפֿט אומדערטרעגלעך קינדעריש, איבערהויפּט, ווען זיי זענען בייז אויף עמעצן. מען דאַרף, אַל־

זאָ, אַראָפּקראַצן פון אים דאָס הייטל פון בייזקייט און דעמלט וועט ער דערזען קלאָרער... און עס האַנדלט זיך אין נאָך עפּעס: מ'דאַרף זיך איילן. יעטווערע שעה קאָן זיך די שטילקייט אין געטאָ ענדיקן, פאַראַן פאַקטן, וואָס רעדן דערפאַר.

דאָקטער בראון האָט זיך פאַרטראַכט.

— מאָרגן פאַר מיטאָג — האָט ער נאָך אַ ווײַלע ווידער אָנגעהויבן — קערט זיך אום אין געטאָ אויף יום-טוב אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט ביי די אויטאָס. איר וועט קאָנען דורכגיין צוזאַמען מיט זיי. איך וועל אייך זאָגן צו וועמען איר דאַרפט זיך ווענדן אויף יענער זייט. יענער וועט אייך ווייזן דעם וועג און דעם אויפהאַלטס-אָרט פון אַלעקסאַנדערן, וועלכער דאַרף דורכגיין, נישט אָפּשלעפּנדיק די זאַך אויף קיין איין מינוט... און נאָך עפּעס: איר מוזט אַלעקסאַנדערן באַשיצן פון דעם נסיון צו „שטאַרבן צוזאַמען מיטן פאָלק“. איך האָב וועגן דעם אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו אים, אָבער דעם בריוו וועל איך אייך נישט מיטגעבן. אַ באַשלים צו ראַטעווען אַלעקסאַנדערן איז אָנגענומען געוואָרן העכער, אויך דאָס דאַרף מען אים זאָגן.

נישט ענדערנדיק די שטימע, נאָר איינגראָבנדיק אין יוזעפן זיינע בליקע, קינדערשע אויגן, האָט אים בראון פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן „וואָסער באַציונג ער האָט צום געטאָ“.

יוזעף האָט די פראַגע נישט פאַרשטאַנען.

— ווייל נאָך אַלעמען, וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען, איז ביי געוויסע פון אונדז פאַרבליבן אַ וווּנד אין האַרץ. דאָס זענען מענטשן אין וועמענס אָנווענזנהייט מען טאָר נישט דערמאָנען דאָס וואָרט „געטאָ“, צופיל האָבן זיי דאָרט איבערגעלעבט. אויב אויך איר האָט צופיל איבערגעלעבט...

— כ'וועל דורכגיין און באַמיען זיך צו ברענגען אַלעקסאַנדערן — האָט יוזעף געענטפערט און זיך אָנגעכמורעט.

בראון האָט נישט זייער פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט אַרויסזאָגן די לעצטע ווערטער. הגם ער האָט פון נישט לאַנג צוזאַמענגעאַרבעט מיט יוזעפן, האָט ער אים ליב באַקומען און וואָלט צופרידן געווען צו קאָנען אים אויסהיטן פון אַ געפאַר, פון וועלכער ער האָט אים נישט געקאָנט פאַרהיטן, ווייל ביידע, סיי יוזעף, סיי בראון, ווו זיי זאָלן

זיך נישט געפינען, צי דאָ אין דער קליינער צוקערניע, צי אויף דער צווייטער זייט מויערן, האָבן זיי אומעטום געטראָגן אויף זייערע פלייצעס אַ טויט־אורטייל. בראון וואָלט ליבערשט געוואָלט נישט שיקן יוזעפן, קיין אַנדער עצה איז אָבער נישט געווען. מיט אַ ווײַלע צוריק, בעת זייער שמועס, האָט ער באַמערקט, אַז יוזעף זעט היינט עפּעס אַנדערש אויס ווי ביז איצט. „ער האָט דאָך אַ גליקלעך פּנים. אפשר איז ער פאַרליבט?" יוזעפס גליקלעך פּנים האָט אים דערמאָנט די טאָכטער פון אינזשיניער פרילינג. „זי איז אויך פאַרליבט געווען" — האָט בראון געטראַכט. — מיין טאָכטער האָט אומגעבראַכט איר שיינקייט — האָט דערנאָך געזאָגט דער אינזשיניער פרילינג, דער פאָטער און די טאָכטער האָבן געוווינט הינטער דער פילטראָוועגאַס. דאָס מיידל איז אַלט געווען זעכצן יאָר, יינגלעך פלעגן זי פאַרטשעפּען אויפן גאַס. פאַר כעס האָבן זיי אין אַ געוויסן טאָג געבראַכט צופירן אַ „שפּיק". אַזיאַש קרעמגעל האָט דעם אינזשיניער צוגעזאָגט, אַז פאַר צען טויזנט וועט ער דאָס מיידל אַריבערפירן פון פּאַוויאַק אין לאַגער אין טראַווניק. דער אינזשיניער האָט אים דאָס געלט געגעבן. — צו שפּעט, האָט דערנאָך קרעמגעל געמאָלדן. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלוירן די טאָכטער, האָט פרילינג, אַ געוועזענער גרויסהאַנדלער און פּלאַמיקער רעדנער, אָנגעהויבן רעדן אַזוי, אַז ס'איז שווער געווען אים צו פאַרשטיין, ווי ער וואָלט כסדר געהאַט הייסע קאַרטאָפל אין מויל. די ענלעכקייט צווישן יוזעפן און דעם מיידל, וואָס בראון האָט פעסטגעשטעלט, האָט אים דערשראָקן און זיין לעצטע פראַגע איז אייגנטלעך געקומען פון שרעק.

.2

אויף צומאָרגנס נאָך דעם שמועס אויף זשאָליבאָזש, איז דער טאָג געווען אַ לייכט־רעגנדיקער, די טראָטואַרן פייכטע. עלף אַזייגער פאַרמיטאָג האָט זיך יוזעף געפונען אין שענק אויף וואָליע. ער האָט צוגעוואַרט ביז דער רעסטאָראַטאָר איז געבליבן אַליין און דערמאָנט שטיל פאַרטרויט אים פון וועמען ער קומט. דערהערנדיק דעם נאָמען, האָט דער רעסטאָראַטאָר איבערגעטראָגן זיין בליק ערגעץ אין רוים און ערשט נאָך אַ ווײַלע באַטראַכט דעם גאַסט. אין אַ מיליטערישער בלוזע, מיט אַ ווייס־שוואַרצן שאַליק אַרום האַלדז, מיט דער קורצער נאָז איבער דעם אָפענעם מויל, אין דעם קליינטשיקן ברוינעם הוט, וואָס האָט אָפּגעדעקט אַ נאַקעטן

שטערן, האָט דער אייגנטימער פון שענק אויסגעזען ווי אַ טפּש. ווען ער האָט אָבער געשמייכלט, האָט זיין פּנים אַנטפּלעקט אומדערוואַרטע אינערלעכע רייכקייטן.

— כ׳ווייס! כ׳ווייס! — האָט ער געענטפערט, קוקנדיק אין אַ זייט.

דורכן פאָדערהויז האָט ער יוזעפן אַריבערגעפירט אין שכנותדיקן צימער, אַן איבערהפולטן מיט מעבל. ס׳האָבן זיך דאָרט געפונען צוויי „פאַמיליען“־בעטן, אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעהויפט קישנס, אַן אָוואַלער שפּיגל, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען די פאָטאָגראַפיע פון באַלעבאָס אין מיליטערישער קליידונג, אַ רונדער טיש, אַ פיקוס און פעלאַרגאָניעס, „לאַנדשאַפטן“, פאַרטרעטן אויף דער וואַנט און אַ סך נאָך קלייניקייטן, וואָס זענען צעוואָרפן געווען אין אַלע ווינקעלעך. סיי אין צימער, סיי אין שענק האָט געהערשט אַ קילקייט.

אַ יינגל, וועלכער איז געזעסן מיט אַ פלעשל בראָנפן בײם טיש, האָט, דערזעענדיק זיי אַריינקומען, אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס. — ניין! ניין! — האָט דער אייגנטימער פון שענק אַ געשריי געטאָן. — ס׳איז אַן אייגענער! אַן אייגענער, אַדאַם!

— כ׳מיין עפּעס — האָט געענטפערט דאָס יינגל. — אַנדערש וואָלט אונדזער באַגעגעניש געווען אַ קורצע. כ׳וואָלט אים געוויזן מיינע רעכטע און לינקע דאָקומענטן. און ער האָט אַרויסגענומען פון דער רעכטער און לינקער קעשענע צוויי רעוואָלווערן.

— משוגענער, באַהאַלט! — האָט זיך געקרימט דער באַלעבאָס; ס׳איז קענטיק געווען, אַז ער האָט אים ליב דעם משוגענעם. — זיי דאַרפן באַלד אָנקומען — האָט ער זיך געווענדעט צו יוזעפן. — וואַרט דאָ צו.

איידער ער האָט פאַרלאָזן דאָס צימער, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעשריען אויפן יינגל.

דער יונג האָט אַוועקגעלייגט דאָס פרוזשינעדיקע מעסער, מיט וועלכן ער האָט געשניטן וווּרשט, איז אויפגעשטאַנען, און אויסציענדיק די האַנט, זיך פאָרגעשטעלט:

— כ׳בין אַדאַם, אַבראַם, אויף אונדזער לשון — האָט ער שטיל צוגעגעבן — און זומער צייט, פאַניע, זענען מיר צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען מיט דער „פלאַצוווקע“ פון „אָסטבאַן“, איר געדענקט נישט?

ווען יוזעף האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צום בחור — אַ ביסל אַ שווערער, מיט אַ „יאַפּאַניש“ פּנים, מיט שווערע ברעמען און כיטרע אָבער אָנגענעמע אויגן — האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זומער זענען זיי

צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ, וואָס איז דעמלט אַרומגעכאַפּט געווען מיט אַ פייער פון שיסן און מאָרד. זיי האָבן זיך אפילו צוזאַמען געפונען אין דער זעלבער גרופּע פון דריי און באַלד הינטער דער שטאָט האָבן זיי ביידע צוזאַמען געמאַכט פליטה. ביים געזעגענען האָבן זיי זיך שטאַרק געדריקט די הענט. הגם ס'איז זיי שווער געווען אויפן האַרץ, האָט דאָס יינגל פריילעך אויסגערופן: „אַ דרעק וועל איך זיי געבן באָנעם, כ'וועל נישט אָפּגעבן!" יעדעס מאָל, ווען יוזעף האָט זיך דערמאָנט די געזעגענונג, איז אים פריילעכער געוואָרן אויפן האַרץ.

דאָס יינגל האָט אַרויסגענומען אַ גלעזל פון שאַנק און עס אַוועקגעשטעלט פאַר יוזעפן. ווען יוזעף האָט אָפּגעזאָגט צו טרינקען, איז ער נישט צוגעשטאַנען. טרינקענדיק צוביסלעך, האָט ער דערציילט וואָס ס'איז מיט אים פאָרגעקומען זינט זומער. עפּעס פאַרטייאישע מענטשן, האָט ער דערציילט, האָבן אים געשיקט אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער.

— יאַש, וועמען פירסטו? — האָבן חברה געשריען פון וואַלד צום יונג, וועלכער האָט אים געפירט.

— אַן אייעריקן ברענג איך אייך.

— גיב אים אַהער, יאַש! פון וואַנען איז ער? פון וואַרשע?

— פון וואַרשע.

זיי זענען דאָ געווען אין וואַלד אַ צוואַנציק מענטשן, האָבן געמאַכט איבערפאַלן אויפן דאָרף, אויסגעגאָסן די מילך אין די מילכערייען, צוגענומען פּוטער, געלט, אויסווייזן, געשלאָגן די סאָלטיסן, וועלכע האָבן געהאַלטן מיט די יעקעס. ווען דער הונגער האָט זיי אָנגעהויבן מאַטערן, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן דאָרף. — אַנטעק, האָבן זיי געזאָגט אויפן פּויערישן אופן, גיב אַהער אַ צוויי לעבלעך ברויט, מיר זענען הונגעריק. מיר קעמפן דאָך קעגן זעלבן שונא.

די פּויערים האָבן סיי ווי געגעבן, ס'איז אָבער שטענדיק גלייכער געווען צו ווייזן זיי דעם שפּיץ פון דער צאַצקע. אין די וועלדער זענען אויך געווען אַנדערע פּאַרטיזאַנער און אויך ענעסזעטן, *) וועלכע האָבן זיי געוואָלט אַוועקלייגן. זיי פלעגן זאָגן: „צו וואָס דאַרפן זיי קאַליע מאַכן פּויליש ברויט, פּוילישע מילך, פּוטער און דערצו וועט נאָך נישט איינמאָל דער פּוילישער פּויער אָפּרייסן פון זיי, בעסער זיי אַוועקצולייגן".

*) פאַשיסטישע גרופּירונג, וואָס האָט זיך גערופן: נאַציאָנאַלע באַוואָפנטע כוחות.

נישט אַלע איז דער וואַלד געווען צום האַרצן. — שלאָגן זיך — האָבן טייל געזאָגט — מוזן מיר, אָבער האָרטן.

— ווו האָרטן? האָבן אַנדערע געפרעגט. צי האָט דען אַ קוימענקערער אַ מאַמע, אַ פליג אַ מאָגן און אַ ייִד אַ פאָטערלאַנד?

— ניין, רעביאַטאַ, נאָר נישט אין וואַלד, מ'דאַרף זיך אומקערן אין שטאָט, אַ שטאָטישער מענטש פאַרלירט דאָ צווישן די ביימער די נערוון.

אַ געווויסן טאָג האָבן די זשאַנדאַרן אַרומגערינגלט דעם וואַלד און אַלע אויסגעהרגעט. צוויי נאָר האָבן זיך געראַטעוועט, אַדאַם און נאָך איינער.

— איצט וווין איך אין געטאָ.

— און וואָס טוסטו?

— וואָס איך טו? — און אָנשטאָט אַן ענטפער האָט דאָס ייִנגל אָפּגערוקט זיך פון טיש, אַרייַנגעשטעקט די האַנט אין אַ זאַק און אַרויסגעצויגן צוויי גראַנאַטן.

— איצט טראָג איך איבער קאַרטאָפל. זיי וועלן אונדז צוגיין קומען די קאַרטאָפל! מיר וועלן נישט גיין ווי שעפסן אין די וואַגאָנען! ס'וועט שוין נישט זיין אַזוי ווי זומער! מיר וועלן זיך שלאָגן פאַרן כבוד פון פאָלק, וואָס לעבט זינט צוויי טויזנט יאָר און וועט אייביק לעבן!

.3

— געגאַנגען! זיי זענען שוין דאָ! — האָט דער איינגעטימער פון שענק אַ זאָג געטאָן, אַרייַנפאַלנדיק אין צימער. נאָך אים האָט זיך באַוויזן אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, אַ שאַטיגער מיט העלע, גלאַטיקע, נישט זייער געדיכטע האָר, פאַרקעמט מיט אַ שרונט, מיט אַ קאָפּ, וואָס איז צו גרויס געווען אין פאַרגלייך מיטן איבעריקן טייל קערפּער צוליב וואָס ער האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ קרענקלעכער, אַ קאַרליקעוואַטער. ער האָט געהאַט אַ רויט, גראָב מויל, וואָס איז אים אַראָפּגעהאָנגען, דערפאַר אָבער אויגן גרויסע, בלויע, שטראַלנדיקע און נישט געוויינלעך זויבערע. ער האָט געטראָגן אַ שמוציקן, אָפּגעטראָגענעם רעגן-מאַנטל, וועלוועטענע הויזן און אויפן קאָפּ אַ גרינעם, צעקנייטשטן הוט מיט אַ פעדערל. יוזעף האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז דער מענטש, וועלכן דאָס ייִנגל האָט געדאַרפט אַריבערפירן אויף יום-טוב, וועגן וואָס ער האָט פריער דערמאָנט. היות ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, האָט זיך דאָס ייִנגל מער אויף אים נישט געריכט.

אַריבערטרעטנדיק די שוועל, האָט דער נײַ־געקומענער מיט שרעק זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך.

אין צוויי ווערטער האָט אַדאַם אים אינפֿאָרמירט וואָס ער דאַרף טאָן; ער גופֿא האָט געכאַפּט דעם זאַק מיט „קאַרטאָפֿל“ און יוזעף דעם רוקזאַק. דער נײַ־געקומענער האָט געהאַט מיט זיך אַ גראַנאַט זעקעלע, וואָס איז נישט גרעסער געווען ווי אַ קישעלע אונטערן קאָפּ אונטערצולייגן. צוריקקומענדיק אין שענק, האָבן זיי ביים בופֿעט גלייך דערקענט די „אייגענע“ מענטשן: אַ פֿאַרשוואַרצטער, טרוקענער דראָענדיקער אַרבעטער מיט וואָנסעס, וועלכער האָט געטראָגן אַ קאָמבינעזאָן מיט אַ באַנד אויפֿן אָרעם, האָט געטרונקען מיט אַ בלאָנדן ווי אַ חזיר „באַנשוצער“. ווען ער האָט זיי דערזען, האָט דער אַרבעטער אין קאָמבינעזאָן אָפּגעווישט מיט דער האַנט דאָס מויל און עפּעס אַ מורמל געגעבן דעם „באַנשוצער“. באַלד דערנאָך האָט דאָס גאַנצע פֿינפֿטל פֿאַרלאָזט די שענק. אויף דער גאַס האָט געוואַרט אַן אָפּטייל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון זיבן רייען צו דריי; די מענטשן האָבן מיט אומעט געקוקט אַרום זיך. דער אַרבעטער אין קאָמבינעזאָן האָט געהייסן יוזעפֿן, אַדאַמען און דעם נײַעם זיך איינשטעלן ביים סוף פֿונעם אָפּטייל.

אויף דער וואַך האָט זיי אויפֿגענומען שוין נישט קיין יונגער זשאַנדאַר מיט אַ רעגולער פּנים און בייזע אויגן. אָן אַ וואָרט צו זאָגן, האָט ער באַקוקט די שיך, די מאַנטלען, זעק, פּנימער — פֿון דעם אַלץ האָט מען געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז ער האָט חשק זיך צו „פֿאַרוויילן“. אַרומקרייזנדיק די גרופּע, האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַרן „פּלאַצוווקאַזש“ פֿון דעם פֿאַרלעצטן דריילינג, האַרט ביי יוזעפֿן. דער מענטש איז נישט געווען אַנדערש אָנגעטאָן ווי די אַנדערע, אָבער אין זיין געזיכט איז געווען מער צאָרן, מער ווייטיק און פּיין, פּונקט ווי ער וואָלט אינערלעך דורכגעבערענט געווען. דער „פּלאַצוווקאַזש“ האָט זיך באַמיט צו פֿאַרהאַלטן רואיק, ער האָט אָבער נישט געקאָנט באַהערשן דאָס ציטערן פֿון די פּיס. פּלוצלונג האָט דער זשאַנדאַר באַפֿוילן אים אַרויסצוגיין פֿון דער ריי און אַרויסוואַרפֿן אַלץ, וואָס אין זאַק, וועלכן ער האָט, ווי אַלע, געהאַט מיט זיך. ס'זענען דאָרט געווען בלויז קאַרטאָפֿל. ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם וואַך־פּאָסטן, האָט דאָס יינגל יוזעפֿן אַ שטורך געטאָן אין אָרעם. אויף יוזעפֿס פֿריערדיקע פֿאָרוואָרפֿן, אַז ער טרינקט, האָט ער אים געענטפֿערט, אַז קיין שיכורים רעווידירן די דייטשן קיינמאָל נישט.

לאָזנדיק די וואַך הינטער זיך, האָבן זיי זיך געפונען אין געטאָ.

די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אין געטאָ — וואָס איז פריער באַוווינט געווען פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן — אָפיציעל דרייסיק טויזנט ייִדן נאָר, זיי האָבן אָפּגעגעבן אויף וואַרשטאַטן און וווינונגען בלויז אַ קליינעם טייל פון די פריערדיקע הייזער. די איבעריקע גאַסן, הייזער און וווינונגען, וואָס זענען נאָך וואַרעם געווען און אָנגעפילט מיט מעבל און בגדים, האָבן זיי אַרומגעריגלט מיט דראָט אָדער אַרומגעמויערט מיט אַן אינערלעכער צונאָב־מויער. אין דעם טייל געטאָ, וואָס מ'האָט גערופן „נימאַנדס־לאַנד", האָט קיינער נישט געוווינט. פאַרן אויפהאַלטן זיך דאָ האָט געדראָט טויט־שטראָף. דורך דאַנען איז טאַקע דורכגעגאַנגען דער אָפּטייל פון די „פּלאַצוווקאַזשעס". יוזעף האָט די גאַסן געדענקט פון אַמאָליקע יאָרן. יעדעס מאָל — נאָך פאַר דער מלחמה — פלעגט אים איבעראַשן דאָס לעבן דאָ, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך געווען צום לעבן אין אַנדערע ערטער: די געדיכטקייט פון דער מאַסע, די רעשיקייט, פאַרביקייט, נישט געוויינלעכקייט האָבן זיך נאָך פאַרשטאַרקט נאָכדעם, ווי מען האָט די געגנט אַרומגעצוימט מיט די מויערן. איצט האָט דאָ געהערשט אַ שטילקייט: קיין שום באַוועגונג, קיין שטימע, קיין קלאַנג, קיין רויש. די הייזער זענען דאָ געשטאַנען, ווי זיי וואָלטן קיין ווירקלעכע הייזער נישט געווען. אַלץ, וואָס דאָס אויג האָט געקאָנט אַרומנעמען, האָט אויסגעזען, ווי דאָס וואָלט נישט רעאַל געווען. די געוועלבער זענען געשטאַנען אויפגעפּראַלט, צעשלאָגן, אויסגערויבט און צעשטערט, די זשאַלוזיעס, לאָדנס אויסגעקרומט, אַראָפּגעריסן, צעהאַקט, פונקט ווי מען וואָלט דאָס געמאַכט אין אַ ווילדן צאָרן. אויף די טויבע, ליידיקע טראָטואַרן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט עפּעס אַ מין עמערס, טעפּלעך — קעגנשטאַנדן מתים! פון די ליידיקע הייזער האָט אָפּגעהילכט אַ טויטער געשריי. אין די אָפּענע פענצטער האָט זיך קיינער נישט באַוויזן.

מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן האָבן די „פּלאַצוווקאַזשעס" לאַנגזאַם געטראָטן אין דער מיט פון דער גאַס, וואָס זיי האָבן אָפּגעפילט אַזוי, ווי זי וואָלט גלייכצייטיק פון אייז און פייער געווען. זיי האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם פונקט ווי אין אָנבליק פון געשטאָרבענע. דער אָפּקלאַנג פון זייערע טריט האָט פאַרוווּנדעט זייערע אויערן און הערצער.

.4

ווען בראון האָט געמאָלדן יוזעפֿן, אַז אָנקומענדיק אין געטאָ וועט ער דאַרפֿן גיין אין טראַקטיר, וועמענס אייגנטימער העניאָ סמאָק וועט אים אָנווייזן, ווו עס געפֿינט זיך אַלעקסאַנדער, האָט יוזעף נישט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן ווי אַזוי אויף אַ בית־עולם קאָן עקזיסטירן אַ טראַקטיר.

ער האָט זיך געפֿונען אין צוויי טונקעלע צימערן, אויבן פֿאַרטער פֿון איינעם פֿון די באַוווינטע הייזער נעבן שאָפֿ, און האָט זיך נישט פֿיל אונטערגעשיידט פֿון ענלעכע טראַקטירן פֿון פֿאַר דער מלחמה. אין דער ערשטער שטוב זענען אויף דעם מאַרמאָר־בלאַט פֿון בופֿעט געלעגן גאָלדענע גענדזלעך מיט די בייכלעך אַרויף, קאַרפֿן אין פֿאַרגליווערטער פֿיש־יויך, וואָס האָבן מיט זייער קאָליר דערמאָנט אין שטיינער פֿון באַרגיקע שטראָם־טייכלעך, לעבערלעך מיט ווייכינקע, גוט־צוגעברוינטע ציבעלעס און געהאַקטע לעבערלעך, וואָס מען האָט דאָ גערופֿן קאַוויאַר. די אין ביידע צימערן אויסגעשטעלטע פֿאָטעלן, טישלעך און טישן פֿון פֿאַרשידענעם גרויס און ווערט, האָבן עדות געזאָגט, אַז העניאָ סמאָק האָט צוזאַמענגעשלעפּט וואָס ס'האָט זיך געלאָזן און פֿון וואַנען ס'האָט זיך געלאָזן. אין צווייטן צימער איז אַפֿילו געשטאַנען אַ פּלושענע אָטאָמאַנע מיט אַ קינסטלעריש אויסגעסקולפּטירטע ווענטל. אין לאָקאַל האָבן זיך געפֿונען העכער אַ צענדליק פּערזאָן, אָבער קיין איינער פֿון זיי האָט נישט אויסגעזען צו זיין ספּעציעל דערשלאָגן. אַ מיליאָן נפֿשות זענען פֿאַרברענט געוואָרן אויף די טרעבלינקער רושטן, די איבעריקע האָבן געוואַרט אויף זייער ריי, און דאָך איז דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז יוזעפֿן דאָ געקומען אין קאָפּ, געווען, אַז עס האָט זיך אייגנטלעך גאָרנישט געענדערט. דער לאָקאַל האָט ביז גאָר דערמאָנט אין געוויסע פֿאַרמלחמהדיקע לאָקאַלן אויף נאַלעווקעס אָדער אויף טוואַרדע. אויך דער עולם האָט לויט זיין אויסזען און פֿאַרהאַלטן זיך נישט פֿיל אונטערשיידט פֿון דעם פֿאַרמלחמהדיקן. ס'איז נאָר געווען ווייניקער מענטשן מיט בערד און מער יונגוואַרג.

העניאָ סמאָק איז געשטאַנען הינטערן בופֿעט און גערעדט גלייכצייטיק מיט פֿיר מענטשן. איינעם האָט ער געראָטן צו נעמען אַ שטיקל פֿיש, „וואָס האָט זיך אים דאָס מאָל באַזונדערס איינגעגעבן“ — דערביי האָט ער אַזוי געשמאַקט מיטן קאָפּ, אַז דער קליענט האָט געפֿילט, אַז קיין שום באַצייכענונג קאָן נישט איבערגעבן דעם טעם פֿון קאַרפּ. אַנדערע האָט ער

געראטן „אַ לעבערל, וואָס וואָלט זיך גופא אויפגעגעסן“, אַנדערע נאָך „אַ קאַוויאָרעק“. יוזעף האָט געפילט, אַז הגם העניאָ קוקט נישט אויף אים, זעט ער אים דאָך און אין אַ פּאַסיקן מאָמענט וועט ער זיך אַליין אָפּרופן צו אים. און ווירקלעך, ווען זיי זענען פאַרבליבן אַליין, האָט זיך העניאָ צו אים געווענדעט: „און וואָס קאָן אַ מענטש וועלן?“ אינעם אויסגעצייכנטן ברוינעם אָנצוג — אַלע אין לאָקאַל זענען געווען זאָרגפעליק אָנגעטאָן — מיט אַ רואיק געזיכט און רואיקע באַוועגונגען, האָט העניאָ סמאָק גיכער אויסגעזען אויף אַ גאָלדשמיד ווי אויף אַן אײַנגעטימער פון אַ שענק.

—כ׳וועל אייך באַלד געבן אַ מענטש — האָט ער געענטפערט רואיק, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט יוזעפן. — פריער אָבער וועט איר פאַרזוכן אַ שטיקל פיש. זיין ביי העניאָ סמאָק ערב פסח און נישט פאַרזוכן קיין קאַרפּ — איז אַן עבירה.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון הינטער דעם בופעט, גענומען יוזעפן אונטערן אָרעם, אַרײַנגעפירט אין צווייטן צימער און אַוועקגעזעצט אים ביי אַ פריי טישל, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן בויגן פאַפיר. דערנעבן זענען אויף דער אָטאָמאַנע געזעסן עטלעכע צעהיצטע יונגעלייט, וועלכע זענען פאַרטאָן געווען מיט זיך גופא. העניאָ סמאָק איז אַרויסגעגאַנגען און אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקומען מיט די פיש.

— קודם כל עסן — האָט ער געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק דעם טעלער. עסן פאַר די אַלע, וועלכע וועלן נישט אויפברעכן די טויערן פון יענער וועלט און וועלן שוין צו העניאָ סמאָק נישט קומען.

— גאָלדענע ווערטער, העניאָ — האָט זיך עמעצער אָפּגערופן פון דער קאַנאַפּע.

— עס שמעקט אייך, חברה? — האָט זיי העניאָ געפרעגט.

— דאָס האָט מיין באָבע דיך אויסגעלערנט קאָכן קאַרפּ, זיי זיך מודה, העניאָ.

— זיין באָבע! — האָט העניאָ סמאָק מיט רחמנות געשאָקלט מיטן קאָפּ, און אַזוי שאָקלענדיק מיטן קאָפּ איז ער אַרויס פון צימער.

יוזעף איז געזעסן מיט די פלייצעס אויסגעדרייט צו דער חברה אויף דער אָטאָמאַנע. זייערע הויכע באַמערקונגען און אַרויסזאָגונגען האָבן אים כסדר געלעכערט די אויערן.

— ברידערלעך, לשנה הבאה בירושלים! — האָט איינער אויפגע־הויבן אַ טאָסט.

— צי ווייסט איר וויפל דער טאָסט איז אַלט?

— וויפל?

— צוויי טויזנט יאָר!

— איין קלייניקייט!

— און מען קאָן גישט דערגיין?

— און מען קאָן גישט דערגיין!

— איצט וועלן מיר דערגיין!

— איצט אויף זיכער!

— מענטש איינער, האָסט דאָך אַ נײַ העמד! פון משעמשאָווישער לייוונט?

— ער האָט אויך אַ נייעם אָנצוג!

— און דו האָסט אַ נײַ ווייב.

— כאַ, כאַ!

— איצט האָבן אַלע נײַע ווייבער!

— פּופּצניעריקע מיידלעך האָבן מענער!

— און פּופּצניעריקע ייִנגלעך — פרויען!

— ווײַל אַ לעבעדיקער מענטש האָט באַדערפֿעניש! לעבעדיקע אויגן, ברידערלעך, האָבן באַדערפֿענישן! און אויף ווען לאָזן? סײַ ווי דערוואַרט אונדז דער אויוון!

— צי ווייסט איר, וואָס עס וועט אויף זיכער בלייבן נאָך אונדז?

— זאָג!

— דער יידישער קאַרפּ, חבריה, וועט בלייבן נאָך אונדז!

— דאָס אויף זיכער, ברידערלעך!

— דאָך מאַכט גישט העניאָ סמאַק קיין פיש ווי עס דאַרף צו זיין, צו ווייניק פעפער.

— ער מאַכט אָבער זיס! איך האָב ליב זיסע פיש.

— דו, מענטש איינער, וועסט האָבן אַ שלעכטן סוף! אין היינטיקע צייטן דאַרף מען פרעסן ביטשטעקן, געמאַכט אויף טאַטאַריש! וואָס פאַרא מענטש — זיסע פיש!

— ווער גיט מיר אַ ציגאַרעט? אַ ציגאַרעט! אַ ציגאַרעט!

— וואָסערע האָסטו?

— „יונאַ“!

— זינט דער צייט פון „קעסל“ רויכער איך נישט קיין אַנדערע. זינט דעם „קעסל“ האָב איך קיין מאַכאָרקע־ציגאַרעטן נישט געהאַט אין מויל.

— ס'הערשט ראָך אַ ווילשטאַנד.

— דאָס איז נאָך זיי, דער ווילשטאַנד, ברודערקע! האָסט זיי באַגראָבן, פאַרברענט זיי און — געגיסט. לעבסט פאַר די, וועלכע וועלן שוין צו הענטאָ סמאָק נישט קומען. האָסט געהערט? „זיי וועלן נישט אויפברעכן די טויערן פון יענער וועלט“.

— ווען אַ מענטשן דערוואַרט נאָך דער אויוון, שטופט ער אַלץ אַריין אין מאָגן. אַזוי איז דאָס שוין.

— און נידעריקער!

— און נידעריקער, כאַ כאַ! אַזוי איז דאָס שוין!

— חברה, זאָל מען אויסטרינקען פאַר דעם מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות.

— לאָמיר אויסטרינקען!

— צי מיינסטו, אַז זיי וועלן אונדז רואיק לאָזן אָפּזאָגן „מה נשתנה הלילה הזה“.

— דאַרף מען אוודאי אויסטרינקען!

— נעכטן זענען צו באַנזען געקומען פיר חברה־לייט אין מאַסקעס. זיי האָבן געפאָדערט פאַר דער אָרגאַניזאַציע הונדערט שטיקלעך. „דו אויסוורף, האָבן זיי אים געזאָגט, די דייטשן וואָלסטו אַלץ אַוועקגעגעבן, און פאַר אייגענע ברידער, וועלכע ווילן ראַטעווען דעם כבוד פון פאָלק, קאַרגסטו אַיין“.

— און וואָס?

— ער איז בלאַס געוואָרן און געסילוקט.

— שטיל!

— וואָס „שטיל“! אַלע רעדן וועגן דעם! איצט הערשן נישט די דייטשן, נאָר די יונגלעך פון דער אָרגאַניזאַציע.

— וואַרט, מען זאָגט, אַז אַ יעדע שעה...

— יאָ...

— זיי גייען אַרום און פֿרעגן אויס ביי מענטשן, ווער ס'האָט געדינט אין מיליטער, וואָסער ראַנג עס האָט ווער. זיי זוכן דאָקטוירים, כירורגן.

— די חברה ליגן אויף די בוידעמער, אין די קעלערס און... וואַרטן. זיי האָבן איבערגעריסן מיט די משפּחות, געמאַכט זיך קאַשאַרן. שאול איז זינט צען טעג נישט געווען אין דער היים.

— זיי וואַרטן!

— רעביאַטאַ, מירן זיי שטעלן פֿיר קשיות און זיי אונדז אייגנע.

— וואָס פֿאַראַ?

— „יידן, וועלן זיי אונדז פֿרעגן, ווי איז דאָס מעגלעך, וואָס מיר ברענגען אייך זינט צוויי טויזנט יאָר און קאָנען אייך נישט פֿאַרברענען?“

— דאָס מאָל וועלן זיי פֿאַרברענען!

— נישט אַלע! נישט אַלע, ברודערקע!

דאָס „נישט אַלע“ איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט זייער אַ טרויעריקער שטימע.

דאָס געשפּרעך אויף דער אָטעמאַנע איז פֿאַרגעזעצט געוואָרן אונטער דער הויכער פּייפעריי ביים אויסגאָגן די ביינער און דער קלינגעריי פֿון די גלעזלעך. פּלוצלונג האָט יוזעפֿן אַ זעץ געטאָן אַ שרעקלעכער אומעט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז נאָך אַ מינוט און דאָס האַרץ וועט ביי אים אויפֿפּלאַצן. ער האָט נישט געפֿילט, אַז עפּעס וואָס זאָל אים בינדן מיט דער וועלט, און נישט פֿאַרשטאַנען צוואָס ער איז אייגנטלעך אַהער געקומען, צו וואָס ער זיצט דאָ. ער האָט נישט געפֿילט קיין שום פּליכט אויסצופֿירן בראַונס פֿאַראָרדענונג, פֿאַרקערט, די אויפֿגאַבע האָט אים איצט אויסגעזען ווי אַן אומזין. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ווייטיק און קודם כּל אַ בענקשאַפֿט, אַ בענקשאַפֿט אָן אַ גרענעץ. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז עס וועט גענוג זיין אַרויסצוגיין פֿון דאַנען, ער זאָל דערזען די פֿרוי, צו וועלכער אַלץ אין אים האָט זיך געריסן. „אומקערן זיך! אומקערן זיך וואָס שנעלער!“ ער האָט געפֿילט, אַז אַלץ דאָ שטיקט אים. און פּונקט ווי אין מאָמענט, ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען די יואַד, איז פּלוצלונג אויפֿגעשווומען אין זיין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אַרויסקריגן פֿון די געטאָ־ווענט, אַז ער וועט שוין דאָ אומקומען.

ווען ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען פֿאַר זיך אַ יונג מיידל אָנגעטאָן אין אַ בורקע און אין נאַרטן־הויזן. מיט אַ שטייפֿער באַוועגונג האָט זי דורכן טיש אויסגעצויגן די האַנט און זיך פֿאָרגעשטעלט:

— פּערל.

דאָס איז טאַקע געווען דער „מענטש“, וועלכן העניאָ סמאָק האָט געשיקט. די נאַכלעסיקע, גראָבע קליידונג האָט ניט באַוויזן אָפּצווישן דעם מיידלשן חן און די איידעלע שטריכן. פֿון איר לענגלעך, ברוינלעך פֿאַרוויסט פּנימל האָט געשלאָגן אַ שטרענגע ערנסטקייט. די געדיכטע, שוואַרץ־געקרייזלטע האָר האָבן זיך אַרויסגעשטופּט פֿון הינטערן נאַרטן־היטל. יוזעף האָט דעם „מענטש“, וועלכער איז געשטאַנען פֿאַר אים, געקענט פֿון זען. דאָס איז געווען די איינציקע טאָכטער פֿון אַ באַקאַנטער אין גאַנץ אייראָפּע זינגערין. איר פֿאָטער איז געווען אַ באַוווסטער אויגן־דאָקטער. אפֿילו אין די שווערע באַדינגונגען פֿון געטאָ־לעבן, האָט מען אויפֿן מיידעלע געבלאָזן און געצערטלט עס. מען האָט זי אין ערגעץ ניט געלאָזט אַליין. צום לעצטן מאָל האָט זי יוזעף געזען האַרט פֿאַר דער גרויסער אַקציע. במשך פֿון אַ קנאַפּ יאָר האָט דאָס קינד זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ יונג מיידל און דאָס מיידל אין אַ מענטש אָן געצעלטנעפּיסלעך.

— איך דאַרף אייך אָוועקפֿירן צום אינזשעניער שפּיעוואַק — האָט זי שטרענג געזאָגט.

— צו אַלעקסאַנדערן.

— ס'איז אַלצאיינס, זיי ווינען צוזאַמען.

זי האָט עס ווידער געזאָגט אָן פֿריינדשאַפֿט, מיט שטרענגער פֿרעמדקייט.

פֿאַרלאָזנדיק דעם טראַקטיר, זענען זיי אפֿילו ניט אַרויסגעגאַנגען אויפֿן גאַס. זיי האָבן זיך געלאָזט אויפֿן בוידעם פֿון זעלבן הויז און פֿון דאַנען זיך דורכגעקריגן דורך אַן אויסגעהאַקטער עפֿענונג אויף אַ צווייטן בוידעם. אַזוי זענען זיי אַ לענגערע צייט דורכגעגאַנגען פֿון בוידעם צו בוידעם, פֿון קעלער צו קעלער, וואָס זענען אַלע געווען דורכגעהאַקט און פֿאַראייניקט מיט זיך. דאָס מיידל, וואָס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען די ערשטע, האָט ניט אַרויסגעלאָזט פֿון זיך קיין איין איבעריק וואָרט. זי איז געווען ערנסט, געניי און זאַכלעך. אַלע אירע באַמערקונגען האָבן גע-

האָט אַ שייכות מיט די דורכגענג. „פּאַרזיכטיק, אַ טרעפּל!“ „פּאַרזיכ־טיק, דריי טרעפּלעך!“, „פּאַרזיכטיק, אַ גרוב!“. זיי זענען געקראָכן אויף אַלע פיר, פון פינצטערע קעלערס זענען זיי אַרויסגעשפּרונגען אויף הויפן, וואָס האָבן פאַרבלענדט מיט דער ליכטיקייט. די זון האָט דערווייל אָנגע־הויבן צו וואַרעמען. ווען זי האָט איינמאָל נאָר זיך צוגעקוקט צו יוזעפן, האָט זי אויף אים אָנגעשריען פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי פיין אָנגעטאָן. — געדאַרפט אָנטאָן אַ קאָמבינעזאָן, אַלע טראָגן דאָ קאָמבינעזאָנען, דאָס איז ביי אונדז אַן אַרבעטער־קליידונג!

— און... אייער קליידונג.

— מיינע גייט דאָ אויך אָן פאַר אַן אַרבעטער־קליידונג...

אין איין קעלער האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף צוויי יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיי אויפגענומען פיינטלעך. פעריל האָט זיי געמוזט געבן לאַנ־גע אויפקלערונגען וועגן וואָס עס גייט, ביז זיי האָבן זיי דורכגעלאָזט. איינמאָל האָט זי פון אַ הויף זיך פלוצלונג צוריקגעצויגן, מיטציענדיק מיט זיך יוזעפן. אין פאַרלויף פון צען מינוט זענען זיי, צוגעקלעפּטע צו דער וואַנט, געשטאַנען לעבן זיך אין דער פינצטערניש. יוזעף האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. ווען זיי האָבן דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט אויפן בוידעם, האָט זי אים אויפגעקלערט די סיבה פון איר צוריקציען זיך:

— ער האָט מיך נישט באַמערקט, אין קעגנפאַל וואָלט ער געלאָזט אויף מיר אַ שיסעריי. דאָס איז געווען דער היגישער זון קאָגוט.

— ווער איז דאָס דער קאָגוט? — האָט ער געפרעגט.

— אַ „שלאָנזאַק“, אַ ספּאָרטסמאַן, אַ פוטבאָליסט, אַמאָל האָט ער רעפּרעזענטירט פּוילן, היינט וועט ער פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט רעדן קיין פּויליש, אַ הונט מיט אויערן. ביי די רעוויזיעס אויף דער וואַך טוט ער אויס מענטשן נאַקעט, שלאָגט מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ. דאָס איז פראַנקענשטיינס פריינד. ביידע מוזן זיי האָבן אַ מענטש צו פרישטיק. אויב זיי וועלן פריער נישט דערהרגענען אַ מענטש, שמעקט זיי די קאַווע נישט. ביידע גייען זיי אַרום „ווי אַ שטאָרך“: באַהאַלטן זיך אויס אין אַ ווינקל און לאָקערן פון דאַנען אויף מענטשן אָן דורכגאַנג־שיינען. מיר האָבן געהאַט מזל, ער וואָלט אונדז אַוועקגעלייגט. און מ׳האָט אים איצט געקאָנט מיט אַ קויל צערעכט מאַכן ווי גאָרנישט — האָט זי צוגעגעבן מיט כעס — אָבער זיי דערלויבן נישט! זיי זאָגן: פאַר איינעם וועלן זיי אַוועקלייגן אָן אַ משפּט הונדערט פון שאָפּ. צי אָן דעם לייגן

זיי דען נישט אַוועק קיין טויזנטער אָן אַ משפּט? זיי זאָגן אַזוי, ווייל זיי האָבן מורא, זיי ווילן שרעקלעך לעבן!

„זי האָט פֿיינט די אַלטע“, האָט יוזעף געטראַכט. מיט אַזאַ פֿיינטשאַפֿט האָט ער זיך אָפּט באַגעגנט ביי דער יוגנט, וועלכע האָט נישט געקאָנט מוחל זיין די עלטערע, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אויפֿגעפֿירט בעת דער זומערדיקער אַקציע. אַ געוויסע צייט האָט יוזעף געלערנט די יינגלעך פֿון געטאָ זיך צו באַגיין מיט געווער. די חברה האָט אים פֿאַרגעטערט. „צומיינסטן טוט ווי ווען מען דאַרף שטאַרבן פֿאַר גאָרנישט, אָבער שטאַרבן פֿאַר עפּעס — איז לייכט“ — האָט אים געזאָגט איינער פֿון זיינע שילער. זיי האָבן פֿיינט געהאַט די עלטערע מענטשן, אָבער זיי זענען גרייט געווען זיי צו פֿאַרגעטערן, אויב זיי וואָלטן זיי געוויזן ווי אַזוי מען גרייט צו „מאָלאָטאָוו קאָקטאַיל“, ווי אַזוי מען נעמט פֿאַנאַנדער אַ ביקס אָדער ווי אַזוי מען צינדט אונטער מאַגאַזינען. שלאָגן זיך — אָט וואָס זיי האָבן געוואָלט.

— מיינע עלטערן האָבן די דייטשן זומער אַרויסגעפֿירט — האָט פֿאַרגעזעצט דאָס מיידל. — קרובים האָבן מיר געפֿונען אַן אָרט אויף דער צווייטער זייט, זיי האָבן געוואָלט איך זאָל זיך אויסבאַהאַלטן. כ'האָב אָבער נישט געוואָלט זיצן אין קיין שאַנק. כ'האָב געבעטן מען זאָל מיך נעמען אין וואַלד. דערויף האָט מען מיר געענטפֿערט, אַז אין וואַלד וועט מען האָבן מיט מיר מער זאָרג ווי נוצן, ווייל איך בין צו שוואַך. בין איך געבליבן. איבעריקנס, שיסן דאַרף מען דאָ אויפֿן אָרט, דאָ אויפֿן אָרט זענען באַגאַנגען געוואָרן די עוולות.

זיי זענען געזעסן הינטער אַ קאַסטן, וואָס האָט זיי פֿאַרשטעלט פֿאַר דער עפֿענונג אין מויער און די טרעפּ. פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט טריט. דאָס האָבן נישט געקאָנט זיין קיין דייטשן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געדראַפּעט אויף בוידעמער און נישט אַראָפּגעגאַנגען אין די קעלערס. שוין עטלעכע מאָל האָבן זיי געהערט טריט הינטער זיך, ווי עמיצער וואָלט זיי נאָכגעשפּירט. ווידער זענען צו זיי דערגאַנגען שטימען. די, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט, האָבן גערעדט פּויליש.

— דן! — האָט אויפֿגעשריען דאָס מיידל, העכער, דוכט זיך, ווי זי האָט געוואָלט. זי איז, איבעריקנס, אַ פֿאַרשעמטע, גלייך אַנטשוויגן געוואָרן, עפּעס אַ נייער שאָטן האָט זיך פֿאַרצויגן איבער איר דעליקאַטן פּנימל.

— און דו וויהין, פּערל? — האָט איר קאַלט געענטפֿערט דן.

דאָס איז געווען אַ הויכער בחור מיט טונקעלע, צוזאַמענגעצויגענע באַקן און טונקל־בלויע אויגן. איבער זיין הויכן, יינגלשן שטערן האָט זיך אויפגעהויבן אַ טשופּרינע שוואַרצע, שטייפע האָר.

— איך גיי צו אַלעקסאַנדערן.

— נו, לאָז צורו, מענטש איינער! — האָט אויסגערופן דער הויכער יונג. — דו גייסט צו אַלעקסאַנדערן און איך פיר אַ מענטש צו אַלעקסאַנדערן. וואָס פאַר אַן אַרבעט איז דאָס? צוויי מענטשן אַרום אַזאַ קלייניקייט!

אינעם מענטש, וועלכן דן האָט געפירט, האָט יוזעף דערקענט דעם „גאַסט אויף יום־טוב“ פון דער שענק אויף וואָליע.

— מ'האָט מיר געהייסן — האָט דאָס מיידל זיך פאַרענטפערט.

— מ'האָט דיר געהייסן, אָבער איך הייס איצט אַנדערש. צי בין איך דיין קאָמאַנדיר, צי נישט?

— ביסט. זאָל איך צוריקגיין?

פערל איז פּלוצלונג אינגאַנצן רויט געוואָרן.

— איך וואָלט געוואָלט זען אַלעקסאַנדערן, מען זאָגט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ וואונדערבאַר ליד.

— מענטש איינער!

— ביסט געערעכט, צוויי מענטשן איז צופיל.

דאָס מיידל האָט אויסגעזען צו זיין אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן ביי זיך אין דער אָנוועזנהייט פון שטייפהאָריקן הויכן יונג. כאָטש זי האָט מודה געווען, אַז ער איז גערעכט, איז זי געבליבן אַ צוויי מינוט שטיין אויפן אָרט און נישט געקאָנט זיך באַשליסן צוריקצוגיין. לסוף האָט זי יוזעפן געגעבן די האַנט. ווי אַ גוט דערצויגענער מענטש, האָט זי צו די אַנדערע אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און אָנגעהויבן זיך דורכשטופּן דורכן לאָך אין וואַנט. באַלד איז זיי איר קליינע געשטאַלט פאַרשוואונדן פון די אויגן.

„דער דראָגגאַל דן איז טויב און בלינד“ — האָט יוזעף געטראַכט, ווען זיי האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג דורך בוידעמער און קעלערס — „ער זעט נישט וואָס עס קומט פאָר אין דעם מיידל. מיט אַ פערטל שעה צוריק האָט זי געקאָנט אומקומען. איר ברוינלעך יונג לייב וואָלט זיך איצט אַרומגעוואַלגערט צווישן דעם ציגל־ברוך און וואָלט אויסגעשטעלט געווען אויף הפקר פאַר די קראָען און שטשורעס. זי אַליין האָט געטרוימט צו דערהרגענען, באַטראַכט זיך פאַר אַ סאָלדאַט און האָט גערעדט ווי אַ סאָלדאַט, פון וואָס זי איז שטאָלץ געווען. זי איז זיכער איבערצייגט, אַז אין

איר איז שוין נישט פאַראַן די אומנויטיקע איידלקייט און סובטעלקייט. זי האָט געטרויעמט צו בלייבן אַ ביסל לענגער אין דער געזעלשאַפט פון דעם שטרענגן דן מיט די דראָטענע האָר און דאָך האָט זי זיך, אַ שטומע און פאַרמאַכטע אין זיך ווי אַ נאָנע, צוריקגעצויגן אָן אַ וואָרט. אַ פערטל שעה נאָכן אויסמיידן אַ געפאַר און אַ ווײַלע פאַר אַ נייער געפאַר, האָט זיך די שעמעוודיקייט ווידער אויפגעוועקט אין איר איידל, מיידלש האַרץ".

.6

דער אינזשיניער שפּיעוואַק האָט זיך צוגעקוקט צו יוזעפן, באַמיט זיך צו דערגיין, ווער ער איז. מיט וואָסער ציל ער איז אַהער געקומען, צו וואָס ער באַדאַרף האָבן אַלעקסאַנדערן און גלייכצייטיק אַלע זיינע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן דיכטער, אָפּגעפּטרט מיט שווייגן. יוזעף האָט געזען, אַז אַנדערש וועט ער נישט אָפּווישן דעם פאַרדאַכט און האָט אים דערציילט, אַז ער איז געשיקט פון דאָקטער בראַון.

— כ'פאַרשטיי, די אָרגאַניזאַציע שיקט אייך?

יוזעף האָט געוווסט, אַז אויב ער וועט באַשטעטיקן, וועט מאָמענטאַל פאַרשווינדן דעם אינזשיניערס גאַנצער אומצוטרוי, און אַזוי איז דאָס טאַקע געשען. באַלד נאָכדעם האָט דער אינזשיניער זיך אַפילו געפרייט מיט יוזעפס קומען. פאַר די פאַרמאַכטע צווישן די געטאָ־מויערן איז נישט געווען קיין וואָגיקער וואָרט, ווי דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע". בלויז די אָרגאַניזאַציע האָט געקאָנט אין די באַדינגונגען עפּעס אויפטאָן.

ווען „די בילעטן צום לעבן" פון „גרויסן קעסל" האָבן אין האַרבסט 1942 יאָר זיך אומגעקערט אין געטאָ, זענען די ווינונגען געווען אויסגערויבט, די טירן און פענצטער אַרויסגעריסן און ס'האָבן זיך געפאָדערט רעמאָנטן. מיט דער אויפגאַבע האָט מען באַאויפטראַגט דעם אינזשיניער שפּיעוואַק, וועלכער האָט צו דעם ציל געשאַפן אַן עקיפּע פון עטלעכע צענדליק מענטשן. צוויי דריטל פון די דאָזיקע מענטשן האָבן צום ערשטן מאָל גענומען אַ מכשיר אין די הענט. דאָס זענען געווען צום גרעסטן טייל סוחרים, אַדוואָקאַטן, לערער. אַלעקסאַנדערן, וועלכער האָט געפּרעסט הויזן, האָט דער אינזשיניער שפּיעוואַק אויך צוקאָאָפּטירט צו דער עקיפּע. נאָכן זומער זענען זיי ביידע פאַרבליבן אָן משפּחות און באַשלאָסן צוזאַמען צו וווינען אין דער „אויסגעשאַברעוועטער" ווינונג נאָכן זייגערמאַכער שכנא, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס גרויסע, ליידיקע צימערן. ווינ־

מער האָבן זיי פֿאַרבראַכט אין קלענסטן צימער, וואָס איז צומלייכטסטן געווען צו באַהייצן. דער אינזשעניער האָט דעם דיכטער צו דער אַרבעט נישט געשלעפּט, ער גופֿא אָבער האָט געאַרבעט צו 14 שעה אין מעת־לעת, „אַבי נישט צו טראַכטן". כדי צו געפֿינען מכשירים, איז ער אָפֿט געגאַנגען אין דעם „פֿרייען" טייל פֿון וואַרשע, ער האָט אפֿילו באַקומען אַ שטענדיקן דורכגאַנגס־שײַן.

נאָכן אַכצנטן יאַנואַר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „שגעון פֿון בונקערס", האָט זיך אַ גרופּע סוחרים געווענדעט צו אים, ער זאָל אויסבויען אַן אונטערערדישע באַהעלטעניש. פֿאַר דער אַרבעט האָבן זיי אים פֿאַרגעלייגט אַן אָרט פֿאַר אים. שפּיוואַק האָט בײַ זיי אויסגעדונגען אַ צווייט אָרט פֿאַר אַלעקסאַנדערן. אין יענעם פּעריאָד האָבן דער אינזשעניער און דער דיכטער געהאַלטן, אַז יעדער אַנדער אויסוועג איז בעסער ווי דאָס אויפֿהאַלטן זיך אויף דער אַרישער זײַט און געצווּונגען זײַן צו קעמפֿן מיט די „שמאַלצאָווניקעס". יעדעס מאָל ווען שפּיוואַק האָט זיך אומגעקערט „פֿון דער צווייטער זײַט", האָט ער נאָכמער פֿאַרזיכערט אין דעם אַלעקסאַנדערן. שפּעטער אָבער זענען אַנטשטאַנען „געוויסע אומשטענדן", וואָס האָבן געענדערט זייער באַשלוס. פֿון אינזשעניערס ווערטער האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז „ער האָט עמעצן געפֿונען און ס׳איז אים צוריקגעקומען דער חשק צו לעבן".

יוזעפֿן האָט זיך אין ערשטן מאָמענט אויסגעדוכט, אַז ער האָט נישט דערהערט. דערנאָך האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז די ווערטער באַדײַטן פּראָסט פּשוט, אַז דער אינזשעניער האָט זיך פֿאַרליבט. שפּיוואַק האָט אויף „דער צווייטער זײַט" געפֿונען אַ צימער פֿאַר זײַן געליבטער, אָבער אין דעם נײַער דעראָבערטן צימער האָט זײַן געליבטע פֿאַרבראַכט נאָר איין נאַכט. די זעלבע נאַכט נאָך האָט איר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אַ „פֿאַרליבטער שמאַלצאָווניק". דאָס מיידל איז אַנטלאָפֿן אויפֿן דאַך. דער „שמאַלצאָווניק" האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין פֿענצטער און האָט אָדער געהוזקט, אָדער געבעטן זי זאָל זיך אומקערן. ווען ער האָט דורכן פֿענצטער פֿון דאַכשטיבל אָנגעהויבן אַרויפֿקריכן צו איר, האָט דאָס מיידל געדראָט, אַז זי וועט זיך אַראָפּוואַרפֿן פֿון דאַך. נאָך יענער נאַכט האָט זי מער נישט געוואָלט הערן וועגן דער „צווייטער זײַט". מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען האָט דער אינזשעניער איבערגעבראָכן איר ווידערשטאַנד און ווידער זי אַרויסגעשיקט שוין אין אַן אַנדער צימער. ער גופֿא האָט אַ ליאַדע טאָג געדאַרפֿט דורכגיין און צוליב די פּאַפּירן אויף אַן אַנדער נאָמען געזאָלט

ווינען „מיטן ווייב ווי אַ ברודער“. ווען נישט די מורא ס׳זאָל אים נישט אויספעלן קיין געלט, וואָלט ער שוין געהאַט דורכגעגאַנגען. לעצטנס האָט ער געבויט בונקערס „פאַר געלט און נאָר פאַר געלט“. ער האָט אפילו געזוכט אַן אַמאַטאָר צו פאַרקויפן זיין אָרט אין בונקער, מיט וועלכן ער האָט, לויטן אָפּמאַך, געקאָנט דיספּאָנירן.

וואָס שייך אַלעקסאַנדערן, האָט אויך ער רעזיגנירט פון זיין אָרט אין בונקער. ער אָבער האָט געענדערט זיין באַשלוס קודם כל אונטערן איינפלוס פון דער יוגנט, וועלכע — ווי שפּיעוואַק האָט אינפאָרמירט יוזעפן — „טראָגט איצט אַרויס און פירט אויס אורטיילן אויף פאַסקודניקעס, מוסרים, פּאָליציאַנטן און באַאַמטע; זי דרוקט און פאַרשפּרייט געהיימע אויסגאַבן; וואָרנט, לערנט זיך שיסן, פאַבריצירט גראַנאַטן, הערט די אווידיציעס פון מאָסקווע און לאָנדאָן, רעדט אָדער שווייגט“. אַלעקסאַנדער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער יוגנט און דאָס מיט „נישט דער בעסטער“. ווען דער אינזשיניער האָט אים מיט אַ פאָרוואורף געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרבונדן דווקא מיט דער פּעפּערישער יוגנט, האָט אים אַלעקסאַנדער געענטפערט, אַז הגם דאָס פאָלק באַשטייט אויך פון פּאָליציאַנטן, שמוגלערס און באַאַמטע, זענען אָבער אין איצטיקן מאָמענט די נשמה פון פאָלק דווקא די זין פון סמאָליאַרעס, שניידער און טרעגער. ער האָט אין די באַהעלטענישן געלייענט פאַר זיי זייגע לידער. אַלעקסאַנדער האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן מיט זיי ביזן סוף.

די צוויי פאַרשידנאַרטיקע באַשלוסן האָבן צעשטערט די פריינדשאַפט צווישן דעם אינזשיניער און דיכטער. וואָכן־לאַנג האָבן זיי צווישן זיך נישט גערעדט, און ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן צווישן זיך, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן זיך קריגן. אַלעקסאַנדער האָט געהאַלטן, אַז דער אינזשיניער האָט נישט קיין רעכט צו בויען בונקערס, אויב ער גלייבט נישט אין זיי. „ביסט פשוט אייפערזיכטיק“ — האָט אים דער אינזשיניער איינמאָל געענטפערט. ער האָט עס קוים אַרויסגעזאָגט, ווי ער האָט זיך אַ ביס געטאָן אין צונג. ס׳איז, צום באַדויערן, געווען צו שפּעט. צווישן פיל איינצלהייטן וועגן אַלעקסאַנדערס לעבן האָט דער אינזשיניער שפּיעוואַק איבערגעגעבן אַן עפּיזאָד, וועלכער האָט יוזעפן באַזונדערס גערירט. אַלעקסאַנדער האָט דעם לעצטן זומער חתונה געהאַט מיט אַ יונגינקער זינגערין. „מיטן וואונדערבאַרן סאָלאָווײ“. נאָך צוויי וואָכן ווי זיי זענען געווען צוזאַמען, האָט זיך אָנגעהויבן די „גרויסע אַקציע“ און דאָס מיידל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע. אַלעקסאַנדער האָט זיך גע-

לאָזט נאָך די שפּורן פון די אַרויסגעפירטע און איז דערגאַנגען ביז קוטאַסאָוו, אַ קליין דערפל ביי טרעבלינקע, וווּ די שיכורע וועכטער האָבן געצאָלט מיט גאָלד פאַר בראָנפן און מיידלעך. דאָס איז געווען גאָלד פון די אַרויסגעפירטע ייִדן. אַלעקסאַנדער האָט אַ וואָך צייט אַרומגעשלעפט זיך אין דער געגנט, מאַכנדיק זיך אילוזיעס, אַז עס וועט אים געלינגען צוצוקריגן זיך צו זיין פרוי. ער האָט גערעדט מיט פּויערים, איז אַרויפגעקראָכן אויף די ביימער אין וואַלד, כּדי צו זען דעם לאַגער. דאָס צוזאַמענטרעפן אויסערגעוויינלעכע אין דעם אַלעמען איז געווען דאָס, וואָס עס איז אים געראָטן געשען. ערשט אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין עפּעס אַ שייער, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם מוט.

— אַלעקסאַנדער — האָט פאַרענדיקט זיין דערציילונג דער אינזשעניער שפּיוואַק, אַ מענטש איבער דרייסיק, אַ פעטער, אַ ברייטגעבויטער, מיט אַ קיילעכדיקן קאָפּ ווי אַ באַל, מיט אַ געזיכט אין וועלכן אַלץ, אי דאָס מויל, אי די נאָז, אי די ברייטע נאָזלעכער, אי די ברעמען, קליינע, ליידנשאַפטלעכע אויגן האָבן געשפּראָצט מיט גיריקן לעבן — אַלעקסאַנדער וויל דורכאויס שיסן. קינד, זאָג איך צו אים, קיינער ווייסט נישט בעסער פון מיר, וואָס פאַרא געווער איר האָט אין געטאָ. פונקט צוגעפּאַסט פאַר חול־המועד סוכּות! „יאָ, האָט ער מיר געענטפערט דערויף, אָבער טראָץ דעם דאַרף מען שיסן“.

— אָבער וווּ איז ער איצט, אַלעקסאַנדער? — האָט יוזעף געפרעגט.

— ווען איך זאָל דאָס וויסן!

— צי וועט ער קומען איבערנעכטיקן?

— כ׳ווייס נישט! איצט גייט ער מיט זיינע אייגענע וועגן. מען ווייסט נישט ווען ער קומט און ווען ער גייט אַוועק.

אויף יוזעפס שטאַרקער בקשה איז דער אינזשעניער איינגעגאַנגען זיך צו לאָזן אָפּזוכן און ברענגען צופירן אַלעקסאַנדערן. ער איז אָבער נישט איינגעגאַנגען מיטצונעמען מיט זיך יוזעפן, אַזוי, אַז ער האָט געמוזט וואַרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אומגעקערט האָט זיך דער אינזשעניער אַליין. ער האָט מיטגעבראַכט פאַר יוזעפן אַ שטיקל מצה פון דער סדר־סעודה, אויף וועלכער אַלעקסאַנדער האָט געזאָלט זיין, אָבער ער איז נישט געקומען, אומעטום, ווו ער האָט זיך געלאָזט, האָט דער אינזשעניער איבערגעלאָזט פאַר אים אַ ידיעה, אַז „אין שטוב וואַרט אויף אים אַ וויכטיקער מענטש“.

ווען יוזעף איז צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל אים אַוועקפֿירן דאָרט, ווו מען קאָן טרעפֿן אַלעקסאַנדערן, האָט דער אינזשעניער אים געענטפֿערט, אַז ס'איז ביינאַכט און אַז ס'איז נישט די מאַרשאַלקאָווסקע פֿון פֿאַר דער מלחמה. „אַלעקסאַנדער זיצט זיכער ערגעץ אין עפּעס אַ לאָך און גיסט אַריין בענזין אין פֿלעשלעך. איר מיינט, אַז מען וועט אונדז אוודאי דאָרט אַריינלאָזן! זיי קאָנען אונדז אַפֿילו אַוועקלייגן, איר קענט נישט די היגע באַציונגען! די יאַטן האָבן באַקומען געווער און עס ברענט אויף זיי די הויט עס אויסצופּרוּוון! מ'דאַרף צווואַרטן. אַלעקסאַנדער וועט זיכער קומען צווויי ביינאַכט, פֿריער קומט ער נישט".

דער אינזשעניער האָט צוגעגרייט אַ געלעגער פֿאַר יוזעפֿן אין גרויסן, דרייפֿענצטערדיקן, קילן צימער. ער האָט אים געבראַכט אַ רויט, נישט איבערגעצויגן איבערבעט. — ביינאַכט דאַרף מען זיך אויבוואַרעמען — האָט ער זאָרגפֿעליק געזאָגט. פֿאַרן שלאָף האָט ער אים אונטערגערוקט אַ מעוועלע שאָקאָלאַד און דערביי אים ווידער אויסגעפֿרעגט וועגן לעבן אין וואַרשע. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אינעם לעבן אויף דער צווייטער זייט איז פֿאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז פֿאַרבאָרגן פֿאַר אים, אַז דאָס לעבן דאָרט פֿאַרמאָגט עפּעס אַ סוד, צוליב וועלכן ער וועט זיך אויסגלימשן. — צי ווייסט איר, וואָס די דייטשן ראָטן די מענטשן אין געטאָ, מיט וועלכע זיי מאַכן געשעפֿטן?: „Bruderlein, trzeba wiacz stąd! prętko wiacz!"

יוזעף האָט לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. ער האָט אונטערגעהויבן דעם פֿאַרטונקלונגס-פֿאָרהאַנג, וואָס האָט אים שטענדיק געשטיקט. דאָס האָט אָבער אויך נישט געהאָלפֿן. ער האָט זיך געמאַטערט פֿאָרוורפֿן, אַז ער האָט עפּעס נישט צוגעהיט, אַז ס'איז געשען עפּעס שלעכטס, וואָס מען קאָן שוין נישט צוריקציען.

.7

ווען ער האָט זיך אויף צומאָרגנס — אַ נישט אויסגעשלאָפֿענער און מידער — אויפֿגעכאַפּט, איז ער איבערראַשט געוואָרן פֿון דער דראָענדיקער רואיקייט, וואָס האָט געהערשט אין צימער. אַן ענלעכע רואיקייט האָט אויך געהערשט אויפֿן גאַס. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ קלאַפּן פֿון געטשוועקעוועטע שיך אים צוגעצויגן צום פֿענצטער: אין מיטן גאַס האָבן געשפּאַנט דייטשישע סאָלדאַטן אין העלמען און אין פֿולער באַוואָ=

פּעגוּנג. זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס גייט אין שלאַכט. „ס׳האָט זיך אָנגעהויבן“ — האָט ער אַ טראַכט געגעבן. ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין אינזשעניערס צימער, האָט ער אים געטראָפן אַ פאַרזונקענעם אין אַ געשפּרעך מיט עפּעס אַ פרעמדן, קליינעם, דאַרן, פליכעוואַטן מענטש מיט מאָנגאָלישע שטריכן און שאַרפע אייגעלעך. אָנקוקנדיק יוזעפן, וועלכער האָט אויף אים קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט, האָט דער אומבאַקאַנטער איבערגעגעבן וועגן די געשעענישן פון דער נאַכט.

— און יאַקוב ווי האַלט? — האָט דער אינזשעניער געפרעגט.

— ער פאַרבאָט, ער זאָגט, אַז דאָס איז אַ זיכערער טויט. זיי האָבן געמוזט אַוועקנעמען די שמירה; אויף יענעם הויז זענען שוין פאַראַן דייטשן.

דער אינזשעניער האָט מיט זיינע מענטשן „אויף יעטוועדן פאַל“ צוגעגרייט אונטער דער גאַס אַ טונעל, וואָס האָט געפירט אויף דער צווייטער זייט. דער אַרויסגאַנג פון טונעל האָט זיך געפונען אין אַ קעלער אויף דער אַרישער זייט, אָבער אין דעם מאָמענט זענען שוין דייטשן דאָרט געווען.

— ס׳ווייזט אויס, אַז זיי וועלן עוואַקואירן פון דאָרטן די איינוווינער — האָט דער אומבאַקאַנטער געזאָגט.

ביינאַכט האָט מען פון הינטער די געטאָ־מויערן אַראָפּגענומען די גראַנאַטענע פּאָליציאַנטן און זיי פאַרביטן מיט זשאַנדאַרן. דאָס איז געווען אַ ידיעה, וואָס האָט פאַרויסגעזאָגט דאָס ערגסטע. די זשאַנדאַרן האָבן געשאָסן צו יעטוועדן, וואָס האָט געפּרוּווט זיך דערנענטערן צו די מויערן. די באַוועגונג פון די „פּלאַצוווקאַזשעס“ איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. ביינאַכט האָבן די דייטשן פאַראָרדנט אַ צונויפזאַמלונג פון דער „אָרדענונגס־דינסט“, וואָס האָט געדאַרפט גרייט זיין צו אַ ניט נאָך באַשטימטער אַקציע. אַ טייל פון די פּאָליציאַנטן האָבן אָפּגעזאָגט אַנטייל צו נעמען. אין צוויי שעה שפּעטער זענען געקומען ס.ס.־מענער אויף אויטאָס און האָבן אַוועקגעפירט די, וועלכע האָבן ניט באַוויזן צו דער צייט זיך אויסצובאַהאַלטן. אין אַנדערע טיילן פון געטאָ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קאַמפן. מ׳וועט זיך ניט באַוויזן אומצוקוקן, ווי זיי וועלן זיך אויסשפּרייטן ווייטער.

שטייענדיק ביים פענצטער, האָט יוזעף געפּרוּווט צוזאַמענצונעמען די געדאַנקען. אויבן מיט גאַס האָט זיך באַוויזן אַ נייע גרופּע סאָלדאַטן, דורך

די שויבן איז דערגאַנגען דאָס קלאַפּן מיט די באַטשוועקעוועטע שיך אין די אַרויסשטאַרצנדיקע ברוק־שטיינער. פּלוצלונג האָט אַלץ אַרום אַ טרייסל זיך געטאָן. צווישן טראַסקערייען און פייער־בליצן האָט יוזעף געזען ווי סאָלדאַטן מאַכן ויברח אין אַלע זייטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט זיי באַוואָרפן מיט גראַנאַטן — „און צומוואַרשיינלעכסטן פון אונדזער הויז“. דער אינזשיניער און זיין חבר האָבן זיך געוואָרפן צו דער טיר; יוזעף האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך זיי.

ווען זיי זענען אַ שטיקל צייט שפּעטער אַרויס פאַרן הויז, האָבן זיי דערזען ווי ביים ברעג פון טראָטואַר, קוים עטלעכע טריט פון טויער, איז געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד אַ דערהרגעטער מענטש. יוזעף האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון זיינע געקעסטלטע, קורצע הויזן און קליינע פיס, באַשוכטע אין געפּלאַצטע, געלע שיך. לעבן דערהרגעטן איז געלעגן אַן איבערגעקערט בלעכן קעסטל, וואָס האָט גענוצט צו האַלטן פילמען. דאָס קעסטל און דער טראָטואַר זענען באַשפּריצט געווען מיט בלוט.

דער דערהרגעטער איז געווען דער דיכטער אַלעקסאַנדער טאַפּאַז.

.8

דער דיכטער האָט די לעצטע נאַכט פאַרבראַכט מיט זיין אָפּטייל. די לעצטע צייט האָט ער אַלעמאָל אָפּטער פאַרבראַכט מיט די יינגלעך, וועלכע האָבן געהאַט זייער פּונקט אין דער וווינונג פון אַלטן דרוקער־אַרבעטער קאָרן. אין איין צימער האָט זיך געפונען די שטוביקע אַמוניציע־פאַבריק, אין צווייטן האָט מען זיך פאַרנומען מיט צוזאַמענמישן געוויסע כעמישע פּרעפּאַראַטן, אין אַ דריטן האָבן זיך די יינגלעך געלערנט פאַנאַנדערנעמען און צוזאַמענלייגן אַ ביקס. אין קאָרנס וווינונג פלעגן אויך פאָרקומען פאָרלעזונגען, אַלעקסאַנדער האָט דאָ אָפט געלייענט זיינע לידער, סיי די אַלטע, סיי די נייע, וועלכע ער האָט געשריבן ספּעציעל פאַרן אָפּטייל, וואָס האָט געלעבט אין עפּעס אַ צושטאַנד פון אַ כסדרדיקער, אינערלעכער יום־טובדיקייט; אַזאַ שטימונג איז זיכער געקומען פון פאַרגעפיל, אַז „דער מאָמענט פון אָפּרעכענונג און נקמה“ דערנענטערט זיך.

מיטן דערנענטערן זיך פון פּסח, האָבן די קאָמוניסטישע יוגנטלעכע זיך כסדר אומגעקערט צו דער פראַגע צי זיי דאַרפן איינאָרדענען אַ סדר. אַ טייל פון זיי האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער „פינצטערניש און דעם סדר“, הגם דער גרעסטער טייל האָט פון דער קינדהייט געהאַט רירנדיקע

דערינערונגען וועגן דער „אָפּגעהיטענער נאַכט“—ליל שימורים, דעם נביא אליהו און וועגן אַרויסגעגנבענען דעם אפיקומן פון אונטערן קישן. אַלעקסאַנדער האָט זיך נישט אַרויסגעזאָגט נישט פאַר און נישט קעגן. דער אַלטער קאָרן, וועלכן אַלע האָבן ליב געהאַט פאַר זיין איבערגעגעבנקייט „צו דער זאַך“, פאַר זיין מילדקייט און קלוגשאַפט, האָט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף קיינעם, צוגעגרייט אַ פּסח. אין אָוונט פון ערשטן סדר האָט ער צוזאַמען מיט זיין טאָכטער געדעקט דעם טיש, אָנגעצונדן ליכט, אַוועקגעשטעלט וויין און זיך אַוועקגעזעצט צו דער פּסחדיקער סעודה. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענקומען זיך די יעניקע יינגלעך, וועלכע זענען נישט פאַרנומען געווען. ביסלעכווייז האָט זיך געשאַפן אַ יום־טובדיקע שטימונג. דער אַלטער קאָרן, וועלכער האָט נאָך געהאַט אַ פעסטע שטימע, האָט געזאָגט די הגדה, פון דער הגדה איז ער איבערגעגאַנגען צו פאָלקס־לידער און פון פאָלקס־לידער צו אַלטע, רעוואָלוציאָנערע לידער, וועלכע ער האָט פאַרגעדענקט פון די צייטן פון ס.ד.ק.פּ.ל. ביסלעכווייז האָבן די חברה אָנגעהויבן אים פאַרטרעטן מיט זייערע לידער, סיי מיט פאָלקס־לידער, סיי מיט רעוואָלוציאָנערע לידער. דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי, די יוגנטלעכע, קענען ווייניקער לידער ווי דער אַלטער קאָרן. און אַזוי האָבן די ברייטע לידער־קלאַמערן פאַראייניקט און פאַרבונדן דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן קעגנזעצלעך און נישט צו פאַרבינדן. ביים סוף האָט אַלעקסאַנדער געלייענט זיינע לידער. די פלעשלעך האָט מען אויסגעזייגט ביזן דנאָ, די ליכט האָבן זיך פון דער היץ צוזאַמענגעדרייט, די פנימער פון די יינגלעך האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּל פון מידקייט, זייערע אויגן זענען אָנגעלאָדן געוואָרן מיט שלעפעריקייט. אַרום פיר פאַרטאָג האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן דערגיין ידיעות, וואָס האָבן גלייך אַלע אויסגעניכטערט. די אויספירער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן באַמערקט עפּעס אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג אַרום די מויערן. נישט לאַנג וואַרטנדיק האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען די לאַנג־דערוואַרטע שעה. אַלעקסאַנדער האָט באַשלאָסן זיך אומצוקערן אַהיים, כדי צו באַגראָבן אַ טייל פון זיינע מאַנוסקריפּטן, וואָס ער האָט געלאָזן אין זיין וווינונג. ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, וואָס ער האָט זיי נישט באַגראָבן ביז איצט. די יינגלעך און דער עיקר, הענעך, דער קאָמענדאַנט פונעם אָפּטייל, וועלכן אַלעקסאַנדער האָט ליב געהאַט, האָבן אונטערגעהאַלטן זיין באַשלוס. הענעך האָט אַליין אויסגעזוכט פאַר אים אַ בלעכן קעסטל. ער האָט נאָך אַ שטיקל צייט געזאָלט

צוקומען צו אים, כּדי צו העלפֿן אים באַגראָבן דאָס קעסטל. ווען אַלעקסאַנדער איז צוגעקומען צום הויז, האָט ער גראָד אָנגעטראָפֿן אויף דער שיסעריי. די קויל, וואָס האָט אים דערגרייכט, האָט איבערגעלאָזן אויף דער קורטקע איבער דער ברוסט אַ געלן, שמוציקן שפּור אין דער גרויס פֿון אַ קליין טעלערל.

9

דעם דיכטער האָט מען איבערגעטראָגן אין פּאַסטס וווינונג, וואָס האָט זיך געפֿונען אויבן פּאַרטער און אים אַוועקגעלייגט אויף אַ ביסל שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע אין ערשטן צימער. וואָס עס זאָל זיך אין הויז נישט האָבן אָנגעהויבן, האָט עס זיך געווײַנלעך פֿאַרענדיקט בײַם כעמיקער־אינזשיניער פּאַסט, וועלכער האָט אין שאָפֿ צוגעגרייט קנעפּלעך צו הויזן.

פּאַסט האָט געהאַט שוואַרצע האָר, אַן אָנגענעם קליין, קינדעריש מײַלעכל, אַן אומגלויבלעך ריזיקן בויך און פֿינף און דרײַסיק יאָר. ער איז פֿון „גרויסן קעסל" צוריקגעקומען אָן זײַן „ליבער, יונגער, גראַציעזער" פֿרוי. אין אַ קורצער צײַט האָט ער באַוויזן צוצורעדן די פֿרײַנדין פֿון זײַן פֿרוי, אויך אַ „ליבע, יונגע און גראַציעזע", וועלכע איז פֿון „גרויסן קעסל" צוריקגעקומען אָן איר מאַן, אַז זיי זאָלן פֿאַרבלײַבן צוזאַמען. אַ גרויסער ליבהאָבער צו לעבן צווישן מענטשן, האָט ער באַוויזן אײַנצופּלאַצן פֿריער אין דער ערשטער, דערנאָך אין דער צווייטער פֿרוי, אַ ליבשאַפֿט צו געזעלשאַפֿט, אַזוי, אַז מענטשן האָבן זיך צוגעוווינט צו באַטראַכטן פּאַסטס וווינונג פֿאַר אַ בשותּפֿותדיקע.

דאָ האָט מען אַוועקגעלייגט אַלעקסאַנדערס טויטן גוף און אים איבערגעדעקט מיט אַ לײַלעך. דערנעבן האָט זיך געפּאַקט פּאַסטס נײַע פֿרוי, זי האָט זיך געגרייט אַראָפּצוגיין אין דער באַהעלטעניש. אין פֿיל וווינונגען האָט מען זיך געגרייט אַראָפּצוגיין אין די קעלערס. די ידיעות וועגן די שלאַכטן אין די ווײַטע געגנטן פֿון געטאָ האָבן זיך שנעל פֿאַרשפּרייט און מען האָט דערוואַרט, אַז יעדע מינוט זאָלן זיך די קאַמפֿן איבערוואַרפֿן אויף אַנדערע גאַסן. ס'איז, אַלזאָ, נישט געווען קיין צײַט אויף זיך לאָזן באַהערשן פֿון געפֿילן. יוזעף איז דעריבער דערשטוינט געווען, וואָס אין אַזאַ מאָמענט ווי דער איצטיקער, ווען מען האָט יעדע מינוט געקאָנט זיך ריכטן אויף אויסערגעוויינלעכע געשעענישן,

האָט דער אינזשיניער געוואָלט אַלעקסאַנדערן ברענגען צו קבורה לויטן יידישן דין; ער האָט זיך אויסגעטערעט, וואָס מען דאַרף טאָן, געזוכט עמעצן, וואָס זאָל זאָגן קדיש און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון די דינים. און וואָס ס׳האָט נאָך מער געוואונדערט — די קעמפער האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט. דער עיקר הענעך, אַ יונגער, שיינער פלינקער בחור אין מיליטערישע שיך און הויזן, אויף וועלכן אַלע האָבן געקוקט מיט דרך-ארץ, האָט נישט אָפּגעהאַלטן דעם אינזשיניער מקבר צו זיין דעם דיכטער לויטן דין. פאַרקערט, ער האָט זיך אים אונטערגעוואָרפן. ערשט איצט האָט יוזעף געזען ווי ווייט דער אינזשיניער איז פאַרליבט געווען אין דיכטער. ווען מען האָט זיך צוגעקוקט צום אינזשיניער, צו זיין קאָפּ, אויגן, מויל, צו דעם מעכטיקן ברוסט-קאַסטן, וואָס האָט צעזעצט די מונדיר-מאַרינאַרקע, איז שווער געווען אים חושד צו זיין אין אַזעלכע איידעלע געפילן. אויף קיין איין רגע איז ער נישט אָפּגעטראָטן פונעם בר-מינן. ער האָט זיך אויפגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען יוזעף מיט הענעכן זענען צו אים צוגעגאַנגען און אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל, וואָס האָט באַדייט, אַז אַלץ איז גרייט.

דעם נפטר האָט מען איינגעוויקלט אין אַ ליילעך, אַרויפגעלייגט אויף אַ בלאַט פון אַ טיש, מיט עפּעס צוגעדעקט און אַרויסגעטראָגן אין דרויסן, ווו עטלעכע יונגע ייִנגלעך פון דער גרופּע, מיט וועלכער אַלעקסאַנדער האָט פאַרבראַכט די לעצטע טעג, האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב. מיט ווייטיקדיקע געזיכטער האָבן זיי לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט דעם קערפּער. ווען דער קערפּער האָט דערגרייכט דעם באָדן, האָט זיך נידעריק איבערן קבר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ הילצערן קעמערל, אַוועקגעשטעלט דער שיינער, מילדער הענעך און אָנגעהויבן רעדן. זיין רעדע איז באַשטאַנען פון איין אָפּגעריסענעם זאַץ. נאָך דעם איינעם זאַץ האָט ער זיך פאַרהאַקט און געבליבן שטיין אָן אַ וואָרט צו זאָגן. זיין פּנים איז אויסגעשוואָלן געוואָרן פון ווייטיק, די אויגן האָבן זיך איינגעגראָבן ערגעץ אין דער ווייט, דאָס ברענענדיקע מויל און די ברענענדיקע אויגן זענען פאַרשטומט געוואָרן. אין נישט גרויסן הויף האָבן געוואַרט איבער אַ צענדליק מענטשן, אָבער הענעך האָט מער פון זיך קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסקריגן. דאָס שווייגן האָט זיך פאַרצויגן און אַ זקן מיט בלוט-פאַרלאָפענע, בלויע אויגן און מיט אַ שיטער גרוי-געל בערדל האָט אָנגעהויבן זאָגן קדיש. פון זיינע אומפאַרשטענדלעכע, שרייענדיקע ווערטער האָט זיךביים אינזשיניער דער קאָפּ אָנגעהויבן צו וויגן ווי אַן אויפגעהאָנגען טעפּל אויף אַ שטאַנג. פרויען

האָבן געוויינט; די יינגלעך האָבן מיט טרוקענע, ברענענדיקע אויגן געקוקט אין קבר. ווען דער זקן האָט געענדיקט קדיש זאָגן, האָבן די יינגלעך אָנגעהויבן פאַרשיטן דעם גרוב: דערנאָך האָט מען אַ ווײַלע געהערט בלויז דאָס צוקלאַפּן מיט דער לאָפּאַטע די ערד, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן געוויין פון די פרויען און מיטן שווייגן פון די מענער.

„דאָס לעבן אַ מפּלה געווען"‫.... די גאַנצע צייט פון דער לוויה האָט יוזעפן געשטיקט דאָס דאָזיקע ליד פון טאַפּאַן:

לאַגער־ברידער רוען וועלן
אונטער אַ צודעק שניי ווײַסן,
זאַמדן זיי טוליען וועלן,
דאָס לעבן אַ מפּלה געווען.

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין זיך.

10

צוריקגייענדיק צו דער משפּחה פּאַסט, האָט יוזעף פּלוצלונג דערפילט אַ שרעקלעכע בענקשאַפט זיך אומצוקערן, אַ בענקשאַפט נאָך פרייהייט, נאָך זון, הונדערט מאָל אַ שטאַרקערע בענקשאַפט, ווי עס האָט אים געהאַט באַהערשט אַ טאָג פריער אין טראַקטיר. דורכגיין! דורכגיין! אַלץ אין אים האָט זיך געריסן זיך אומצוקערן. פּלוצלונג אָבער האָבן זיך דערהערט שטימען פול מיט פּאַניק: — זיי גייען שוין! זיי גייען! מיט וואַנזיניקע אויגן האָבן מענטשן זיך געלאָזט לויפן צו די בונקערס.

מיט פעקלעך און זעק, מיט קינדער אויף די הענט, האָבן אַלע, אָן אונטערשייד, צי זיי האָבן אונטן געהאַט רעכט אויף אַן אָרט צי נישט, אָנגעהויבן צו שטורעמען די בונקערס. אין דעם מאָמענט האָט די פראַגע פון באַזיצן אָדער נישט באַזיצן אַ חלק אין בונקער נישט געהאַט קיין באַדייטונג. יוזעף איז געבליבן אַליין אויפן הויף, וואָס איז פול געווען מיט מענטשן. דערזעענדיק, אַז אַ גרופּע קעמפער געפינען זיך אויפן לעצטן שטאָק, איז ער אַרויף צו זיי און געבעטן אים געבן געווער. דערויף האָט דער קאָמענדאַנט אים געענטפערט, אַז ער פאָדערט די ווערטפולסטע זאַך, וואָס מען פאַרמאָגט אין געטאָ; חברה האָבן אַלץ אויספאַרקויפט, כדי צו קויפן געווער און דערנאָך אונטער אַ טויט־געפאַר עס דורכגעטראָגן דורך דער וואַך. בעת זיי האָבן געשמועסט, איז לעבן זיי גע=

שטאַנגען אַ יונג, שוואַרץ מיידל מיט געדיכטע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשטופּט פון אונטערן קאַשקעט. זי האָט אויף זיי קיין שום אַכט נישט געלייגט. קאָנצענטרירט אין זיך ווי בעת אַ תפילה, האָט זי דורכן פענצטער אָבסערווירט די אַרומיקע געגנט אונטן. צוריקקומענדיק אויפן ליידיקן הויף, האָט יוזעף אומדערוואַרט באַגעגנט הענעכן, וועלכער איז איינגעגאַנגען מיטצונעמען אים אויף זיין פּונקט, וואָס האָט זיך געפונען דריי הייזער ווייטער.

יוזעף איז אין די שפּעטערדיקע נאָענטסטע טעג אַן עדות געווען פון די גרעסטע פריידן און ספקות, וואָס די אויפשטענדלער האָבן איבערגעלעבט. דאָס גרעסטע גליק האָבן זיי איבערגעלעבט, ווען די דייטשן, דורכגייענדיק דאָס טויער פון שאָפּ, האָבן אָנגעטראָפן אויף זייערע אַ מינע, וואָס האָט אויפגעריסן. נאָך דעם אויפרייס האָבן חברה מיט טרערן אין די אויגן זיך אַרומגענומען און געקושט. זייער פרייד האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. די דייטשן, וועלכע זענען אַנטלאָפן, זענען שנעל צוריקגעקומען און, לאָזנדיק זיך לויפן איבערן פּלאַץ ווי די פוקסן, האָבן זיי אַלע ווינקעלער באַוואָרפן מיט גראַנאַטן. דאָס הויז איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון פייער. מיט אויגן בלינד געוואָרענע פון רויך, האָבן די אויסבאַהאַלטענע אויפשטענדלער פון בוידעם געזען, ווי מענטשן זענען אַרויסגעשפּרונגען פון די באַהעלטענישן. די דייטשן האָבן זיי צונויפגעטריבן אין דער מיט הויף, ווייל לעבן די הייזער האָט מען נישט געקאָנט אויסהאַלטן די היץ. אייניקע האָבן זיי דערהרגעט אויפן אָרט, אַנדערע האָבן זיי געטריבן ווייטער. אויסשעפּנדיק זייער נישט גרויסן רעזערוו אַמוניציע, באַדראָטע דורך דער שריפה, האָבן די אויפשטענדלער געמוזט אַנטלויפן פון דעם הויז. דורך די בוידעמער האָבן זיי זיך דורכגעקריגן אויף אַן אָפּשניט, וואָס איז נאָך נישט געווען אַרומגעכאַפּט פון די פלאַמען. אַ ווײלע האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי געפינען זיך דאָ אויף אַן אַנדער פּלאַנעט, אינגיכן אָבער איז אויך אין דעם הויז, ווו זיי זענען אַנטלאָפן, אויסגעבראָכן אַ שריפה. אַזוי לאַנג ווי דאָס פייער האָט אַרומגענומען בלויז די העכערע שטאָקן, זענען מענטשן אַראָפּגעלאָפן אין די קעלערס, ווען דאָס פייער האָט זיך אָבער אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, זענען זיי אַרויס אויפן הויף און געלאָפן פון ווינקל צו ווינקל; דעם איינציקן אַרויסגאַנג האָבן די דייטשן געהאַלטן אונטער אַ שיסעריי.

אויף די אויפשטענדלער האָט דער המון אין אָנהייב געקוקט מיט האָפענונג, דערנאָך מיט האס און צום סוף האָט מען זיך צו זיי באַצויגן

מיט גלייכגילט, ווי צו אַלעמען. צעטיילנדיק זיך אויף צוויי גרופּעס, האָבן די אויפשטענדלער פון העגעבס אַפּטייל געזוכט אַ שוץ־אָרט אין די נאָענטסטע קעלערס. אין אָנהייב נאַכט זענען זיי ווידער אַרויס אויפן הויף, וואָס איז פול געווען מיט פאַרסמאַליעטע מתים און מיט געשרייען פון פאַרווונדעטע, וועלכע האָבן זיך געבעטן מ'זאָל זיי געבן אַ ביסל וואַסער. זיי זענען לסוף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ראַטעווען זיך קאָנען זיי נאָר אַדורכגייענדיק מיט די קאַנאַלן אויף דער צווייטער זייט.

ווען זיי זענען אַרויס אויפן גאַס, האָבן זיי זיך געפונען ווי צופוסנס פון פייערדיקע בערג. דער ווינט האָט געפירט לענגאויס ווענט פון פילפאַרביקן — פעטן, ציטרינגקאָלירדיקן, געלן, רויטלעכן — פייער, וואָס דער ווינט האָט פאַנאַנדערגעריסן. קנוילן פונקען האָבן אָנגעצונדן זייערע קליידער און האָר. ברענענדיקע בעלקעס זענען כסדר מיט אַ שראַסק געפאַלן פאַר זייערע פיס. איבערן זומפיקן, פון היץ צעגאַנגענעם אַספאַלט, האָבן באַלאָדענע מיט פעקלעך מאַסן מענטשן געצויגן, אין פאַרשידענע ריכטונגען. — וואָס טוט מען? — האָבן איינע די אַנדערע געפרעגט. — ווו זעט איר אַ רעטונג? געווען אַזעלכע, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אָן אַ וואָרט צו זאָגן, אַרומקוקנדיק זיך בלויז מיט אַנגסטיקער שרעק. האַלבע נאַכט זענען די אויפשטענדלער פון העגעבס גרופּע אַריין אין די קאַנאַלן. נאָך עטלעכע שעה זענען זיי האַלב־טויטע פון דערשעפּונג אַרויסגעקראָכן אויפן זעלבן אָרט — זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

די צווייטע נאַכט —נאָך אַ טאָג, וואָס איז פונקט ווי דער ערשטער באַשטאַנען פון פייער, רויך, דורשט, הונגער און טויט — האָבן די אויפשטענדלער אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס האָט געגרענעצט מיט וואַנזיניקייט. מיט דער הילף פון זייערע „בלומען־קרויטלעך“, מיט אַ באַוואָפענונג, וואָס האָט זיך „געפּאַסט פאַר חל־המועד סוכות“, האָבן זיי באַשלאָסן צו אַטאַקירן די דייטשישע וואַך. זיי האָבן דאָך געמוזט אַרויסקריגן זיך פון דעם ים פייער. ווען זיי האָבן זיך אָבער געפונען הונדערט טריט פון דער וואַך, איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיי אַ גאַס־רעגן פון קוילן. זיי האָבן פאַרלוירן אַ טייל מענטשן. ביים זון־אויפגאַנג האָבן זיי זיך אַריינגעקריגן אין עפּעס אַ בונקער; פיר אַזייגער נאָכמיטאָג זענען דאָרט אַריין די דייטשן. עטלעכע אויפשטענדלער זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. איינער פון זיי האָט איידער ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, דערשאָסן זיין מוטער, מיט וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט. די, וועלכע עס האָט פאַרפעלט מוט, האָבן געבעטן די חברים, אַז זיי זאָלן זיי

אויס רחמנות דערשיסן. די קומענדיקע נאַכט האָט זיך דאָך הענעכן מיט זיינע חברים איינגעגעבן דורכצוגיין מיט די קאַנאַלן. יוזעף האָט געזאָלט דורכגיין צוזאַמען מיט זיי, אָבער ער האָט באַשלאָסן — אין דער לעצטער מינוט — עמעצן צו ראַטעווען און איז פאַרבליבן.

11

אין איינער פון די נאָענטסטע נעכט האָט זיך יוזעף אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע מענטשן אין מונדירן און העלמען. אין ערשטן מאָמענט איז ער איבערצייגט געווען, אַז דאָס זענען דייטשן. ווען ער האָט זיך אָבער דערנענטערט צו זיי, האָט ער אין איינעם פון די סאָלדאַטן דערקענט דעם בלעכער און זון פון אַ בלעכער פון טוואַרדע, דוד באַטיסטן.

באַטיסט האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּקע מענטשן, וועלכע האָבן באַשלאָסן זיך נישט צו לאָזן נעמען לעבעדיקערהייט און צו קעמפן ביזן לעצטן אָטעם-צוג. בייטאָג האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע לעכער, פון וואַנען זיי האָבן געשאָסן צו די דייטשישע סאָלדאַטן. ביינאַכט האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן און דערציילט זיך דעם פאַרלויף פון טאָג. זיי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „נקמה-נעמער“ און נישט געוואָלט שטאַרבן ערגעץ אַנדערש ווי נאָר דאָ, אויף דער ערד, די גרופּע איז באַשטאַנען פון אַ פריזירער, אַ טרעגער, אַ קליינהענדלער און פון קראַנצן, אַ געוועזענעם פּאָליציאַנט. אַ פּאָליציי-הינטל — אַ „יאַמניק“, וועלכער האָט, קעמפנדיק געוואָלט אָפּוואַשן פון זיך די פלעקן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

באַטיסט האָט יוזעפן געקענט. דערוויסנדיק זיך, אַז יוזעף פאַרמאָגט אַ „גיינטל“, איז ער מסכים געווען אים צייטווייליק אָנצונעמען אין דער גרופּע. יוזעף האָט נישט אויסבאַהאַלטן, אַז ער וויל דורכגיין אויף דער צווייטער זייט. אַ געוויסע צייט האָט ער פאַרבראַכט מיט די „נקמה-נעמער“, אויסבאַהאַלטן זיך מיט זיי, געשאָסן צו די סאָלדאַטן און „אָס-קאַרן“. צום גרעסטן טייל איז ער ארומגעגאַנגען מיט באַטיסטן. בייטאָג פלעגן זיך די „נקמה-נעמער“ פאַנאַנדערטיילן, ווייל ס'איז לייכטער געווען זיך אויסצובאַהאַלטן איינציקווייז. יוזעף האָט באַטיסטן זייער ליב געקריגן, איבעריקנס האָבן אַלע „נקמה-נעמער“ זייער ליב געהאַט און געאַכטעט באַטיסטן, וועלכער פלעגט, אַ פאַרשטעקטער ערגעץ אין נישט דערברענטן ווינקל, אויסנוצן יעדע רואיקע מינוט אויף אַריינצוקוקן אין אַ ספרל אוי שטיל, מיט אַ ניגון, זאָגן תהילים. יוזעף האָט שוין נישט איינמאָל באַ-

מערקט, ווי די יונגע אויפשטענדלער האָבן זיך מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ באַצויגן צו די אַלטע, פרומע יידן. באַטיסט איז געווען אומבויגזאַם אין זיין באַשלוס צו קעמפן ביזן סוף. מיט זיינע שילדערונגען וועגן טרעבלינקע האָט ער פאַרהאַרטעוועט זיינע חברים, אויפוועקנדיק ביי זיי אַ דראַנג צו קעמפן און צו נעמען נקמה.

באַטיסטן האָבן די דייטשן זומער אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע, ווו ער האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט ביים אָפרייניקן די גאַז־קאַמערן. מ'האָט נישט באַוויזן אָפצורייניקן אַ קאַמער, ווי די דייטשן האָבן אַריינגעשטופט נייע קרבנות. די קרבנות, וועלכע זענען געלעגן דורך דער צייט פון עטלעכע גאַזירונגען, זענען פאַר די טרעגער געווען אַ גרויל־שרעק, ווייל זיי זענען געוואָרן אויסערגעוויינלעך שווער. די געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די גאַז־קאַמערן, פלעגן זיי צערייסן דאָס האַרץ. די זעלבע געשרייען האָבן אַרויסגערופן אַ פרעך געלעכטער ביי די דייטשישע סאָלדאַטן, איבערהויפט ביי איינעם פון זיי, וועלכן מ'האָט גערופן „פופע". נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די דייטשן פאַרגאַזט די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט געווען ביי די גאַז־קאַמערן. באַטיסט האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אַ וואַגאָן מיט קליידער און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט. ער האָט זיך דערנאָך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף. לאַנג האָט ער אָבער דאָרט נישט געקאָנט פאַרבלייבן. באַטיסט האָט שלעכט גערעדט פויליש. די פויערים וואָלטן דערויף ווייניקער עמפינדלעך געווען, אָבער אַ געוויסן טאָג האָבן די דייטשן געמאָלדן, אַז זיי וועלן פאַר יעדן אַנטלאָפענעם געבן עפעס אַ געוויסע צאָל קערץ קאָרן. די דייטשן האָבן געהאַלטן וואָרט, אָבער אַנשטאָט מיט קאָרן האָבן זיי געצאָלט פאַר יידישע קעפ מיט זלאָטעס, וואָס זיי האָבן איבערגערעכנט אויפן אָפיציעלן קורס, אַזוי, אַז פאַר יעדן אַרויסגעגעבענעם מענטש האָט דער פויער געקאָנט זיך קויפן אַ פאָר שיך־בענדלעך. באַטיסט האָט פון דאָרף זיך אומגעקערט אין געטאָ.

אַ געוויסע נאַכט איז נישט צוריקגעקומען דער פריזירער וואַסער מיט דער לאַנגער נאָז, וועלכער פלעגט יעדעס מאָל, ווען ער האָט דערהרגעט אַ דייטש, אויסשניידן אַ שטריך אויף דער קאָלבע פון זיין ביקסל. נישט לאַנג וואַרטנדיק זענען אויך פאַרלוירן געגאַנגען די שפורן נאָך „יאַמניק" — דעם פאָליציאַנט קראַניץ, וועלכער פלעגט ליגנדיק אין באַהעלטעניש שעהנווייז קוקן אויף דער פאָטאָגראַפיע פון זיין פרוי. דעם לעצטן זומער זענען די יידישע פאָליציאַנטן פאַרפליכטעט געווען צוצושטעלן צו זעקס „קעפלעך" אַ טאָג. קראַנצס נאָענטסטער פריינד האָט

דעמלט פון דער באַהעלטעניש אים אַרויסגעצויגן די פרוי מיטן זונעלע און זיי אַוועקגעפירט אויפן אומשלאַגפּלאַץ. קראַנץ האָט איינמאָל געזאָגט צו יוזעפן: „אַ מענטש האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ער דאַרף לעבן...“ דערנאָך האָט איינמאָל אין אַ נאַכט יוזעף געפונען דעם טויטן קערפּער פון באַטיסטן גופא. אַזוי אַרום איז אומגעקומען די גאַנצע גרופּע „נקמה־נעמער“.

יוזעף האָט זיך שפּעטער פאַרבונדן מיט אַ גרופּע גאָר יונגע ייִנגלעך, אויך אויפשטענדלער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קליינטשיקן טונעל. דער קליינטשיקער טונעל — אַ צוגעגרייטער פריער דורך מענטשן, וועלכע האָבן שוין נישט געלעבט — האָט געהאַט אַן אַרויסגאַנג אויף דער צווייטער זייט. אַ געוויסע נאַכט, ווען די ייִנגלעך זענען אָפּוועזנד געווען, האָט יוזעף אומדערוואַרט אַנטדעקט אַ פאַרשיטע, לייכט פאַרמאַסקירטע עפענונג און אָנגעהויבן צו קריכן אויף אַלע פיר. נאָך אַכצן שעה — אַזויפיל צייט האָט גענומען דער וועג צו אַ שכנותדיקער גאַס — האָט ער זיך געפונען ביי עלזשביעטען. דאָס געוויסן האָט אים אָבער נישט געגעבן קיין רו, ער האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן פאַר דער גרופּע אויפשטענדלער אַ דורכגאַנג מיט די קאַנאַלן. עלזשביעטע האָט, שווייגנדיק, מסכים געווען, אַז ער זאָל אַ צווייט מאָל דורכגיין. נאָכן צווייטן מאָל דורכגיין איז ער פּונקט ווי פריער אָפּגעשניטן און פאַרמאַכט געוואָרן אין געטאָ, דאָס מאָל שוין נישט אין קעמפנדיקן געטאָ, נאָר אין אַן ענדגילטיק אונטערגייענדיקן.

דער ווידערשטאַנד האָט זיך אויסגעלאָשן. די גרענעץ צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג און די אויפשטענדלער האָט זיך אינגאַנצן פאַרווישט. יעטוועדער, וואָס האָט נאָך געלעבט, האָט געטראַכט בלויז וועגן איין זאַך: וועגן אויסמיידן אַ טויט אין פלאַמען און אין רויך, וועגן ראַטעווען זיך נישט פאַרסמאַליעט צו ווערן לעבעדיקערהייט אין די בונקערס. קיינער האָט נישט געוואָלט געפינען זיך צווישן די ריזיקע שטויסן מתים, וואָס האָבן אויף יעדן הויף געברענט ביי טאָג און ביי נאַכט.

די, וועלכע האָבן געזוכט רעטונג אויף די העכסטע ערטער פון די הייזער, האָבן געקאָנט זען סצענעס, וואָס נישט יעדן דור איז באַשערט צו זען. פאַר זייערע אויגן האָט זיך אויסגעליידיקט אַ בונקער נאָך אַ בונקער; מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען האַלב־נאַקעטע, מיט דער האַנט האָבן זיי פאַרשטעלט די אויגן, וואָס זענען שוין אָפּגעוווינט געווען פון טאָגליכט און אַזוי זענען זיי שטיין געבליבן פאַר די הערשער. אַ ווײַלע פריער,

ווען זיי האָבן זיך צוגעהערט צום קלאַנג פֿון די קילאָפּן, מיט וועלכע די דײַטשן האָבן געפּאָרשט דעם אַספֿאַלט פֿון הויף, זענען זיי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פּאַניק, אָבער נאָכדעם ווי מען האָט זיי אַנטדעקט, זענען זיי שוין געווען רואיק. זיי האָבן זיך אויסגעטאָן אַזוי, ווי עס האָבן געפֿאָדערט די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיט געלעכטער געקוקט אויף די נאַקעטע פֿרויען, אַרײַנגערוקט זיי די הענט צווישן די פֿיס, באַפֿוילן די מענער אונטערצושפּרינגען, געזוכט גאָלד און ווערטפֿולע שטיינער. געוויינלעך האָבן זיי אַ טייל מענטשן דערהרגעט אויפֿן אָרט, די איבעריקע האָבן זיי געיאָגט ווײַטער. די אויסבאַהאַלטענע, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט דערצו פֿון דער ווײַטנס, האָבן זיך באַגאָסן מיט טרערן; די אָנמעכטיקייט האָט זיי געפּרעסן דאָס האַרץ.

אָפֿטמאָל האָבן די אויסבאַהאַלטענע געזען דורכפֿאָרן די פּינקערט־עגלה. דער וואָגן איז אָנגעוואָרפֿן געווען מיט דעפֿאָרמירטע, טויטע גופֿים; אויף די קאָזלעס זענען געזעסן צוויי פֿורמאַנעס אָנגעטאָן אין שוואַרצן, אין קליינע שוואַרצע היטעלעך אויף די קעפּ. ס׳איז קענטיק געווען, אַז דער וואָגן איז שווער אָנגעלאָדן געווען, ווײַל די פֿערד האָבן אים קוים געשלעפּט. זיי האָבן אויך אָפֿט געזען לאַנגע רייען מענטשן אין צעפֿליקטע קליידער און מיט אָפּגעברענטע האָר, וועלכע האָבן מאַרשירט צום אומשלאַגפּלאַץ. ווען די אויסבאַהאַלטענע פֿלעגן בײַנאַכט אַרויסגיין פֿון די נישט־דערברענטע צימערן, האָבן זיי אַלעמאָל ווייניקער מענטשן באַגעגנט. די וויסטע נעכט האָבן נישט ווייניקער אויפֿגעשוידערט דאָס האַרץ און די נשמה, ווי די טעג מיט זייערע גרויליקע געשעענישן. אַרום האָבן זיך געוואַלגערט טויטע מענטשלעכע גופֿים, פֿון אַלע זײַטן אויסגעברענטע הײַזער, אָבעליסקן פֿון קוימענס, פֿאַרסמאַליעטע רואינען און בערג מיט ציגלברוך. מיט טרוקענע אויגן זענען זיי צווישן דאָזיקן לאַנדשאַפֿט געגאַנגען איינציקווייז אין אַ ריי, נישט אָפּרופֿנדיק זיך מיט קיין וואָרט צו זיך. נאָך יעדן אָפּקלאַנג פֿון אַ טראָט איז געקומען אַ ווילדע, פֿאַרביטערטע שיסערײַ. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז די באַלאַגערונג דויערט ווײַטער.

אין די שפּאַלטן צווישן די שטיינער האָט אָנגעהויבן וואַקסן ווילדגראָז. די צײַט האָט געאַרבעט! די צײַט איז געפֿלאָסן! שוין נישט קיין טעג, נישט קיין וואָכן, נאָר מאָנאַטן זענען אָפּגעפֿלאָסן זינט יענעם אַפּריל־טאָג, ווען דאָקטער בראַון האָט אַרויסגעשיקט יוזעפֿן. אַלע פּרוּוון דורכצוגיין, וואָס יוזעף מיט זײַנע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך פֿאַרבונדן האָבן געמאַכט, זענען דורכגעפֿאַלן. צוויי מאָל זענען זיי צוריקגעקומען

פֿון הינטער די מויערן, לאָזנדיק דאָרט קרבנות. צעפּרעסן פֿון דער זון, פֿון דער טריקעניש, פֿון דורשט, הונגער, קראַנקהייטן, אָפּגעשוואַכטע האָבן זיי פֿאַרלוירן די כּוחות און דעם גלויבן. שפּעטער איז געקומען דער האַרבסט און נאָך שפּעטער איז פּלוצלונג אַראָפּגעפֿאַלן אַ שניי, ווי אַ געשפּענסט, אַן אומגלויבלעכער, אין שטויסן אָנגעשאָטענער שניי. קיינמאָל אין לעבן האָט יוזעף נישט געזען קיין ענלעכן שניי. קיין שום שניי האָט נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט אויף אים אַזאַ איינדרוק. דער שניי האָט צוגעדעקט די רואינען, און יוזעפֿן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'האָט זיך אים געחלומט אַ חלום וועגן זיך, וועגן דאָקטער בראַון, טאַפּאַז, שפּיעוואַקן, וועגן עפּעס אַן אַנדער וועלט, וועגן פֿאַרניכטונגען; אַלץ איז געווען אַ חלום; אויף דעם אָרט זענען קיינמאָל קיין הייזער נישט געשטאַנען, קיין מענטשן האָבן דאָ נישט געלעבט, אייביק איז דאָ אַזאַ מדבר געווען. אַ סך פֿריער איידער דער שניי איז אַראָפּגעפֿאַלן, האָבן די אויסבאַהאַלטענע מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיי שפּעטער נישט אַנטדעקן לויט די טריט-שפּורן.

אין אָנבליק פֿון אומפֿאַרמיידלעכן טויט האָט די קליינע גרופּע אויסבאַהאַלטענע באַשלאָסן נאָכאַמאָל צו לאָזן זיך צו די מויערן. זיי זענען דעמלט געווען זאַלבעפֿיר. די נאַכט האָבן זיי פֿאַרבראַכט שלאָפֿלאָז. אַרום פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסנעמען ציגל; די לופֿט האָט זיי באַטויבט. ווען זיי זענען אַרויס פֿון דער באַהעלטעניש, איז געווען פֿינצטער. ס'איז געפֿאַלן אַ דינער, אייז-קאַלטער רעגן. זיי זענען געגאַנגען דורך ציגל-ברוך, קעלערס, לעכער, ביז זיי האָבן ענדלעך אין דער שיטער געוואָרענער פֿינצטערניש דערזען די מויער. זייער פּלאַן איז געווען אַ פּשוטער: אונטערשטעלן אַ לייטער, דעם מיט גלאָז באַדעקטן רוקן פֿון דער מויער איבערדעקן מיט אַ קאָלדרע, און אויפֿפֿירנדיק זיך ווי צומשטילסטן — אַריבערשפּרינגען. הגם דער פּלאַן איז געווען אַזאַ פּשוטער, איז ער שוין צוויי מאָל דורכגעפֿאַלן און געקאָסט נישט ווייניק קרבנות.

זיי האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אַ צוואַנציק טריט פֿון דער מויער, אין אַן איינציק אָפּגעראַטעוועטן טויער. בלויז דער טויער איז געשטאַנען אַ גאַנצער אינעם ים פֿון ציגל-ברוך. יוזעף איז צוגעלאָפֿן מיטן לייטער צו דער מויער, אַרויפֿגעשטיגן אויף איר און לייכט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. אויף דער צווייטער זייט, אַ דרייסיק-פֿערציק טריט פֿון דער מויער, האָט זיך געפֿונען די גאַס, אַ נאָרמאַלע גאַס מיט נאָרמאַלע הייזער, אין וועלכע עס זענען געשלאָפֿן מענטשן. פֿון דער צווייטער זייט גאַס האָבן צוויי זשאַנ-

דאַרן מיט אויפגעשטעלטע קעלנער געשפּאַנט מיטן טראָטואַר. זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט. ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט, האָט יוזעף מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן זיינע חברים, גלייכצייטיק האָט ער זיך אונטערגעהויבן און אַריבערגעשפּרונגען. ער האָט געהערט ווי די אַנדערע זענען געשפּרונגען נאָך אים, אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. ער איז איבערצייגט געווען, אַז ער איז פאַרווונדעט און דאָך איז ער ווייטער געלאָפן — כסדר אונטער אַ פאַרביסענער שיסעריי. דורך אַ גס האָט ער געפונען עפּעס אַן אָפענעם טויער. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די שפּיץ פינגער אין אַ ווינקל און געוואַרט. מיטאַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער באַגייט אַ משוגעת וואַרטנדיק אין טויער, אַז אין אַ ווײַלע אַרום קאָנען אָנקומען די זשאַנדאַרן. ער האָט זיך, אַלזאָ, געלאָזט צום קעלער. היות דער קעלער איז פאַרמאַכט געווען, איז ער אַרויף אויפן בוידעם. דורכן קליינעם פענצטערל פון בוידעם איז דערשינען פאַר אים די געטאָ=מויער און דער פּלאַץ אַרום אים. און דעמלט האָט ער דייטלעך דערזען, ווי ס'איז דאָרט געלעגן אַ דערהרגעטער מענטש. ער האָט אים דערקענט — דאָס איז ער! ער! — האָט ער איבערגעחזרט פול מיט פאַרצווייפלונג. — דאָס איז זיכער ער! יוזעף האָט דערקענט דעם שוואַרצן, עגלה=מאַנטל, וואָס ער אַליין האָט דעראָבערט פאַרן דערהרגעטן. ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער גאַס, פון שוואַרצן מאַנטל און דערהרגעטן מענטש, וואָס האָט איצט אויסגעזען אַזוי קליין, ווי אַ הינטל.

— אָרעמער „צווייטער דיכטער“ — האָט ער איבערגעחזרט, ציטערנדיק אויפן גאַנצן לייב. — אָרעמער מאַרעק קאַרמאַנסקי!

אין אָנבליק פון דעם דערהרגעטן, וואָס איז געלעגן הינטער דער מויער, האָט אים דאָס אָפּראַטעווען זיין אייגן לעבן אויסגעזען ווי עפּעס אומנויטיקס, אומזיניקס.

III.

דאָס אייביקע לעבן פון מאַרעק קאַרמאַנסקי

1

מאַרעק קאַרמאַנסקי, דאָס איז געווען יענער „גאַסט אויף יום־טוב“, וועלכן יוזעף האָט באַגעגנט אין שענק אויף וואָליע און דערנאָך אויפן בוידעם, בעת דן האָט אים געפירט צו אַלעקסאַנדערן. זיי זענען דעמלט אָפּגעזעסן צוזאַמען צוויי שעה אויף די טרעפּ און געוואַרט און דערוואַרט זיך נאָר אויפן אינזשיניער שפּיעוואַק. די ערשטע נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט אין זעלבן צימער און אַזוי ווי זיי האָבן בײדע נישט געקאָנט איינשלאָפן, האָבן זיי געשמועסט ביז שפּעט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „גאַסט אויף יום־טוב“ איז נישט דווקא אויף יום־טוב געקומען. זינט צוויי יאָר האָט ער זיך געקליבן דורכצוגיין, כדי צו קאָנען פון דער נאָענט זען דאָס לעבן אין געטאָ און איצט האָט ער ענדלעך זיך אָנגענומען מיט מוט.

יענע ערשטע נאַכט האָט מאַרעק קאַרמאַנסקי באַקענט יוזעפן מיט פיל פּרטים פון זײַן לעבן. זײַן פאָטער איז געווען איינער פון די באַרימטסטע פאַרמלחמהדיקע וואַרשעווער אַרכיטעקטן, און זײַן זיידע — אַן אָרעמער מצבה־קריצער פון טאַרנאָוו, וועלכער האָט געוווינט אויף דער שפּיטאַלנע־גאַס און געמאַכט מצבות. מאַרעקס פאָטער, טאַדעוש קאַרמאַנסקי, איז געווען אַן אויסגעצייכנטער קינסטלער, אָבער אַ גענוג קליינמוטיקער מענטש — ווי אַ סך אויסגעצייכנטע קינסטלער — און האָט אַלע יאָרן דורכאויסיק אויסבאַהאַלטן סיי זײַן יידישע ווי אויך זײַן סאָציאַלע אָפּשטאַמונג. מענטשן באַפרייען זיך אַ סך לײַכטער פון די פאַרבאָרגנסטע, אינטימע איבערלעבונגען, ווי פון דעם, וואָס קאָן זיי דערפירן צו אַ ביסל אַ נידעריקערן שטאַפּל פון דעם סאָציאַלן לייטער. דער אַרכיטעקט קאַרמאַנסקי האָט דאָס גאַנצע לעבן געאַרבעט ווי אַ פויער פון זון־אויפגאַנג

ביז שפּעט אין דער נאַכט. אינדערפֿרי איז ער אויף אַ ווײַלע אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַן פֿרויס שלאָפֿצימער, כּדי זי אַ קוש צו טאָן און אַוועק אין וואַרשטאַט. מאַרעקס מוטער האָט אַמאָל געהערט צו די שענסטע פֿרויען אין שטאָט. די קאַרמאַנסקיס זענען אָנגעגאַנגען פֿאַר אַ מוסטער־פּאָרפֿאָלק. אַננאַ קאַרמאַנסקאַ האָט באַוויזן צו דער צײַט אויסצומײַדן, אַז דעם מאַנס גרויסע ליבע צו איר זאָל זיי נישט פֿאַרברענען, זי זאָל זיך נישט פֿאַרוואַנדלען אין האַס און אין קעגנזײַטיקן עקל. דעם פֿלאַם פֿון זײַן האַרץ האָט זי באַוויזן צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ כּסדרדיק, לעבעדיק פֿײַער. מענער, וועלכע געפֿינען אַזעלכע פֿרויען, קאָנען זיך באַטראַכטן פֿאַר מזלדיקע. זיי לעבן שטענדיק אין אַ יום־טובֿדיקער שטימונג, מיט אַן אָפֿן האַרץ ווי אין דערוואַרטונג אויף דער אויסלייזערישער שעה. אונטערן אײַנפֿלוס פֿון זײַן סובטילער פֿרוי איז דער שאַרפֿער כאַראַקטער פֿון טאַדעוש קאַרמאַנסקי מילדער געוואָרן, די סובטעלקייט פֿון אַננאַ דאַקעגן האָט געשעפּט כּוחות פֿון דער ברוטאַלקייט פֿון איר מאַן.

אָן דער הסכּמה פֿון זײַן פֿרוי האָט קאַרמאַנסקי נישט אָנגענומען קיין שום גרעסערע באַשטעלונג. זי האָט רעדיגירט וועגן זײַן באַציונג צו די אונטערנעמונגען און צו זײַנע קאָלעגן. מ׳האָט אים באַטראַכט פֿאַר אַזעלכן, וואָס קאָכט זיך לײַכט אויף, פֿאַר אַ מענטש, וואָס איז פֿעיק אויס פּאַנטאַזיע אָנקלאַפּן עמעצן די ביינער, אָבער פֿון אַלע זײַנע משוגעתן האָט די שיינע אַננאַ קאַרמאַנסקאַ געקאָנט אַרויסקוועטשן וואַסער פֿאַר דער מיל פֿון זײַן קונסט. איבעריקנס, בלויז אַננאַ האָט געוווסט, אַז דעם גרעסטן טייל משוגעתן באַגייט ער צוליב איר, „צוליב כּטיל“, און דאָס דערפֿאַר, ווײַל זי האָט נישט ליב קיין „שטייענדיק וואַסער“. טאַדעוש קאַרמאַנסקי האָט אַפֿילו געשריבן לידער פֿאַר זײַן פֿרוי און לייענענדיק זיי פֿלעגט ער זיך באַגיסן מיט טרערן. ביי אַלע זײַנע חסרונות, האָט מען אים דאָך געשעצט אַלס קינסטלער. וואָס ער זאָל נישט האָבן געבויט — אַ וווינונגסהויז, אַ ווילע פֿאַר אַן אינדוסטריעלער אָדער אַ טעאַטער־געבײַדע, האָט עס פֿאַרמאָגט אַלע זיבן חנען. אַפֿילו די, וועלכע האָבן אויף געוויסע זײַנע געבײַדעס געדרייט מיט דער נאָז, האָבן געמוזט שווײַגן אין באַצוג צו אַנדערע. אויב זיי האָבן אַפֿילו באַהויפּטעט, אַז ער גיט צו שטענדיק בײַם סוף עפּעס אַזעלכעס, וואָס מאַכט העסלעך זײַן אַרבעט, האָט עס אָבער באַדײַט, אַז ער זוכט, און עס בלאָנדזשען נישט בלויז די, וואָס זוכן נישט.

דאָס איז געווען אַ פּערזאָן מיט אַ ווילדן כאַראַקטער, סיי ווי אַן אַרכיטעקט, סיי ווי אַ מענטש. פּאָליטיש איז ער געשטאַנען נאָענט צו די

קאַטאָליקן, וועלכע האָבן זיך געמאַכט פאַרגעסן זייַן יידישע אָפּשטאַמונג און ביי יעדער געלעגנהייט פאַרטיידיקט אים ווי אַן „אייגענעם". די שיינע אַננאַ, וועלכע איז אויך געווען אַ יידישקע, האָט געשטאַמט פון אַ משפחה, וואָס האָט ברייט געבאַלעבאַטעוועט מיט דער קאַטוילישער פרעסע. אַננאַ איז פאַרטרויט געווען אין איר מאַנס אַלע קינסטלערישע פּלענער, אייַנפאַלן און איבערלעבונגען. ער האָט איר געלייענט נישט נאָר די לידער, וואָס ער האָט פאַר איר געשריבן. מיט אַלעמען איז ער געלאָפן צו זייַן פרוי, געגעבן איר צו פאַרזוכן דעם „וויין פון זייַנע געדאַנקען און געפילן", פאַרטרויט איר די סודות פון שטיין, פון ליכט און רוים, אַלע זייַנע קאָנצעפּציעס, פון וועלכע אייניקע האָבן געלעבט אַזוי לאַנג נאָר, ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס אַרויסברענגען זיי פון מויל, אַנדערע האָבן אים באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט זיך זיי צוגעזאָגט נאָך אין דער צייט, ווען ער איז געווען אַ סטודענט פון אַרכיטעקטור. אַננאַ האָט זיך פאַסיאָנירט מיט די אַלע פּראָבלעמען, זיי זענען געווען דער עיקרדיקער אינהאַלט פון זייער לעבן, דאָס איבעריקע איז בלויז אַ צוגאָבע געווען.

אויפן ערשטן אָרט איז געשטאַנען די אַרכיטעקטור, „די רעוואָלט", „די קונסט"; דאָס איבעריקע האָט מען געקאָנט לאָזן לויפן און מ'האָט עס געלאָזן לויפן. צו דעם מין ענינים, וואָס מען האָט געקאָנט לאָזן לויפן האָט אויך געהערט מאַרעק, פון וועלכן זיי האָבן נישט געוואָלט מאַכן קיין קאַפּריזנע קינד.

די קאַרמאַנסקיס האָבן פאַרנומען אַ גרויס הויז, וואָס מאַרעוש האָט אויסגעבויט. די קיך האָט זיך געפונען אויפן בוידעם־שטיבל, דאָס עסן האָט מען געדאַרפט אַראָפּלאָזן מיט אַ ווינדע, אָבער אויסער טיי און אייער האָט מען אין משך פון גאַנצן יאָר מער גאָרנישט געקאָכט אין הויז. אויפן עסן האָט מען, איבעריקנס, נישט געלייגט קיין אַכט. מיטאָגן האָט דער שאָפער געבראַכט פון אַ רעסטאָראַן. זונטיק האָבן זיי געגעסן אין דער רעסטאָראַציע, דערביי האָט קאַרמאַנסקי, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַזאַ לעבנס־סטיל, זיך שטאַרק באַקלאָגט אויפן יקרות. אויף פּסח און ווייַנאַכט פלעגן זיי אין אַ געזעלשאַפט פון מאָדערנע קינסטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער אַרויספאָרן קיין זאַקאָפּאַנע אָדער זשאַביע. מאַרעק האָט ביי אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע עלטערן דאָך געהאַט אַן אומעטיקע קינדהייט, וואָס איז דורכגעלאָפן אין אַ צושטאַנד פון באַשוּיבונג. די עלטערן האָבן קיינמאָל פאַר אים קיין צייט נישט געהאַט און כסדר אים ערגעץ־וווּ עמעצן צוגעוואָרפן.

פֿאַר דעם גרעסטן טייל מענטשן איז די קורץ=דויערנדיקע סעפּטעמבער=קאַמפּאַניע געווען בלויז אַן אַריינפֿיר צו די ווירקלעכע מלחמה=דערפֿאַרונגען, אָבער ביי טאַדעוש קאַרמאַנסקין האָט זי אַוועקגענומען אַלץ אין וואָס ס'איז באַשטאַנען די שיינקייט און דער זין פֿון זיין לעבן. בעת אַ באָמבאַרדירונג האָט ער פֿאַרלוירן זיין פֿרוי, די באָמבעס האָבן צעשמעטערט אַלע די געביידעס זיינע, וועלכע זענען אים באַזונדערס טייער געווען. נאָך די סעפּטעמבער=געשעענישן, ווען וואַרשע האָט נאָך געריכערט און פֿול געווען מיט אַפּאָקאַליפּטישע בילדער, האָט זיך מאַרעקס פֿאָטער צוזאַמענגעבראָכן. בעת די שלאָפֿלאָזע נעכט פֿלעגט ער אַרומבלאָנדזשען איבערן גרויסן הויז, אויפֿמאַכן די פֿענצטער און עפּעס אויסשרייען אין דער פֿינצטערניש. בייטאָג איז ער אַרומגעפֿאָרן איבער דער שטאָט באַקוקן דאָס, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון זיין ווערק. פֿאַר זיין דמיון האָט געשוועבט זיין אַמאָל אויפֿגעשטעלט ווערק, וועלכן ער האָט פֿאַרגליכן מיט דעם אַלץ, וואָס איז איצט פֿאַרבליבן. עס האָט אים איצט, ווען אַלץ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש און אין ציגל=ברוך, אויסגעזען אויסגעצייכנט. ער האָט געקאָנט שעהנלאַנג אַרומבלאָנדזשען צווישן די רואינען, צווישן דער העסלעכקייט פֿון די באָמבאַרדירטע וווינונגען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שווידערלעך געעפֿנטע בייכער אָנגעפֿילטע מיט ווילדגראָז, ציגל, אייזנוואַרג, עיפּושדיקע שמאַטעס און מענטשלעכן אָפּפֿאַל. איינמאָל האָט מאַרעק געפֿונען דעם פֿאָטער אויף די רואינען פֿון אַ ווילע, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אויסגעבויט פֿאַר אַ קאָנסול. ער איז געשטאַנען מיט אַ שטיקל אָפּגעבראָכענעם ציגל אין האַנט און אויסגעשריען עפּעס מאָדנע ווערטער. ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ רעליגיעזער מאַניע; שעהנלאַנג איז ער געלעגן מיטן קרייץ, געפֿאַסט און זיך פֿאַרנומען מיט נאָכטראַכטענישן וועגן דער נישטיקייט פֿון מענטשלעכן לעבן. זיין ווערק, וואָס האָט אים דאָ נישט לאַנג אויסגעזען צו זיין גיגאַנטיש, האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן קליין און נישטיק. ער האָט געזאָגט, אַז דער מענטש האָט קיין שום עכט גרויסע זאַכן נישט געשאַפֿן און וועט זיי קיינמאָל נישט שאַפֿן. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצופֿאָרן אויף דער פּראָווינץ צו אַ באַקאַנטן גלח, געטראַכט וועגן אַריינטרעטן אין אַ קלויסטער; געוואָלט אָבער פֿריער פֿאַרענדיקן דעם דענקמאָל פֿאַר זיין פֿרוי. אין דער צייט פֿון דער באָמבאַרדירונג האָט ער זי באַערדיקט אין גאָרטן און דערנאָך האָט ער נישט געוואָלט זי איבערפֿירן אויף קיין שום בית=עולם. איבערן דענקמאָל, וואָס האָט געדאַרפֿט געשטעלט ווערן

אין גאָרטן, האָט ער אַליין געאַרבעט. אין אַ געוויסן טאָג זענען געקומען צו אים דייטשן און געפאָדערט, אַז אין פאַרלויף פון אַ שעה זאָל ער פאַרלאָזן דאָס הויז. אַ געגויגטער זיך אויפצוקאָכן, האָט קאַרמאַנסקי זיך אַנטקעגנגעשטעלט. די דייטשן האָבן אים דערהרגעט אויפן אָרט. דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1939.

נאָכן פאָטערס טויט איז מאַרעק פאַרבליבן אייגער אַליין. ער איז אַלט געווען 25 יאָר, האָט געענדערט דעם נאָמען און געדונגען אַ צימער אויף זשאָליבאָזש. פון דער ערשטער מינוט, פון דער מינוט ווען ס'זענען דערשינען די ערשטע פאַראָרדענונגען, פון די ערשטע פאָגראָמען, אָרעמבענדער, איבערזידלונגען, האָט ער פאַרשטאַנען, צו וואָס די היטלעריסטן צילן און באַשלאָסן זיך נישט צו לאָזן. ווי אויף משוגעים האָט ער געקוקט אויף די, וועלכע האָבן באַלד פון אָנהייב געלאָזט זיך „אָפּהאַקן די הענט“ און אַרויפזעצנדיק זיך אויף די וועגעלער, זענען זיי אַוועק אין געטאָ, וועלכע האָבן באַלד פון אָנהייב אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן „מאַשינקעלע“. ער האָט אָבער דאָך, נאָך אַ געוויסער צייט פעסטגעשטעלט אַ מאָדנע זאַך — ער האָט דערפילט, אַז ער בענקט נאָך יענע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט קיינמאָל קיין שום געמיינזאַמס נישט געהאַט, אַז ער וואָלט אויך געוואָלט זיין אין געטאָ. די מענטשן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, זענען אים פרעמד געוואָרן. פלוצלונג האָט ער אַנטדעקט אין זיך אַ געפיל פון גורל־געמיינשאַפט, ווי די דייטשן האָבן דאָס אָנגערופן. ער האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער איזאָלירט, געלעבט אַלץ מער איינזאַם.

ווי פיל יידישע יונגעלייט, האָט אויך מאַרעק קאַרמאַנסקי געשריבן לידער. אַלעקסאַנדערן האָט ער געקענט פון פאַר דער מלחמה. אַ געוויסן טאָג, שוין נאָכן טויט פון זיין פאָטער, האָט ער אָנגעשריבן צו אים אַ בריוו וועגן „איבערברוך, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען“, וועגן „נייע געדאַנקען, וואָס באַהערשן אים, און אַ נייער אויפפאַסונג פון דער וועלט“. ער האָט זיך גערעכנט, אַז אַלעקסאַנדער וועט זיך אַנטציקן, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אַלעקסאַנדער האָט זיך נישט אַנטציקט. „מענטש איינער, האָט ער אים געשריבן, האָסט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פחד, וואָס פאַר אַ געמיינזאַמס האָסטו מיט דעם אַלעמען און פאַרוואָס רעדסטו דיר איין, אַז דו האָסט דערמיט עפּעס געמיינזאַמס? איך בין זיך משער, אַז אין אונדזער גורל געפעלט דיר דאָס, וואָס אונדזערע ליידן זענען דערגאַנגען צום העכסטן פונקט! דו שטעלסט דיר פאָר אונדזער לעבן, אָבער

אַזאַ לעבן דאַרף מען זיך נישט פאָרשטעלן. נישט לאַנג צוריק איז געווען פסח. ווען מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט צו דער יום־טובדיקער סעודה און דער פאָטער, געמענדיק דעם כוס אין האַנט, האָט אויסגערופן: — „שליי־דער דיין צאָרן אויף די אַלע, וועלכע ווילן דיך נישט אָנערקענען" — האָבן מיר זיך ביטער צעוויינט. עס האָבן געוויינט מענער און פרויען, זקנים און קינדער. אין פאַרלויף פון יאָר האָט אונדזער משפחה פאַרלוירן עט־לעכע צוואַנציק פערזאָן, אין פאַרלויף פון יאָר האָט דאָס געטאָ פאַרלוירן 50.000 נפשות. אָבער די ענגשאַפט איז נישט קלענער געוואָרן, פאַרקערט, עס קומען צו מענטשן. פון פרי ביז אָוונט ציען איבער די גאַסן אַ מין וועגעלעך, משונהדיקע וועגעלעך אָן מעבל, נאָר מיט אַ סך זיבערבעט־לעך, קישנס, זיי זענען אָנגעפראָפט די וועגעלעך מיט קינדער, באַבעס — דאָס זענען די „אויסגעזידלטע". זייער אַפּאַטיע מאַכט אַן אויסערסט אומהיימלעכן איינדרוק. שטילערהייט, נישט אויפהייבנדיק אַפילו די שטי־מע, דערציילן זיי וועגן גאַז־קאַמערן, וועגן בעדער, וו מען טויט מענטשן. „זיי ווילן אַרויסרופן רחמנות" — זאָגן דאָ מענטשן און דערנאָך טרינקט מען ביז מען ווערט טויט־שיכור. מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט טרינ־קען, פאַרגאַכט ווערטו דאָ קיין בראָנפן שוין נישט קריגן. שטופּ דיך אַהער נישט, האָסט דאָ נישט וואָס צו זוכן, לאָז דיך נישט אַריינשטופּן אין אונדזער זאַק, ווייל וועסט דערנאָך זיך אַליין האַסן — פון פאַרצווייפלונג און אָנמעכטיקייט. מיר דאָ זעען די מענטשלעכע נידעריקייט און די מענטשלעכע גויט ביז זייער טיפסטער שפּיגיש. דאָ וואַרפט דער מענטש יעדע ווילע אַריין אין בלאָטע זיין צלם אלהים. אויף יעדן טריט — נסיו־נות, נסיונות אָן אַ סוף! היט דיך אויס פאַר נסיונות!"

די קאָרעספּאָנדענץ האָט, מיט קורצערע אָדער לענגערע איבעררייסן, געדויערט איבער צוויי יאָר. קאַרמאַנסקי האָט כסדר געבענקט, כסדר גע־וואָלט דורכגיין, „אַרומגעטראָגן זיך מיט דער כוונה" און וואָלט וואַרשיינלעך נאָך לאַנג געבענקט, ווען נישט „אַדאַם, אויף אונדזער לשון אַבראַם". קאַרמאַנסקי פלעגט אים צייטנווייז טרעפן ביי זיין פריינד, דעם מאָלער דראָנזשעק (פאַר דער מלחמה האָט ער געהייסן פיש), וועלכער האָט גע־וווינט אין איינעם פון די „גלעזערנע הייזער" אויף זשאָליבאָזש „אויף אומבאַוווסטזיניק", דאָס הייסט, אַז די באַלעבאָסטע האָט גאָרנישט גע־ווסט וועגן זיין פאַרמלחמהדיקן נאָמען און וועגן זיין אָפּשטאַמונג. טראָץ דעם איז דראָנזשעק זעלטן ווען אַרויסגעגאַנגען און ווען ער איז אַרויסגע־גאַנגען, האָט ער פריער דורכגעפירט אַ גאַנצע אויספאָרשונג: — איר

האָט נישט געהערט, וואָס עס הערט זיך דאָרט? מען כאַפּט נישט? איך קלייב מיך אויפן צווייטן עק שטאָט... נאָך דעם אַלעמען איז ער זיך רואיק אַראָפּגעגאַנגען אַ שטאָק נידעריקער צו קאַרמאַנסקין.

דאָס לעבן פון מאָלער דראָנזשעק איז באַשטאַנען פון פיר פּונקטן. דער ערשטער פּונקט איז געווען די מאָלעריי. חדשים־לאַנג זענען אויף אַ טישל פון נוסנהאָלץ געשטאַנען אַ ציגן קריגל, אַ זילבערן בעבערל, עטלעכע ניס און נאָך עפּעס דאָרט. חדשים־לאַנג האָט עס דראָנזשעק „געפּילט“. ווען קאַרמאַנסקי איז אַריינגעקומען האָט ער אויסגעדרייט דאָס בילד צו דער וואַנט. „קיין נאַראָנים ווייזט מען נישט קיין האַלבע אַרבעט“ — פלעגט ער זאָגן.

דער צווייטער פּונקט דאָס זענען געווען אונטערערדישע צייטונגען און דייטשישע צייטונגען. ווען די דייטשן פון אָ. ק. וו. וואָלטן געוווסט, ווי אַזוי דראָנזשעק לייענט צייטונגען, וואָלטן זיי אויפגעהערט אַלע זייערע קונצן. הגם קאַרמאַנסקי האָט געלייענט די זעלבע צייטונגען, פלעגט ער ברייט אויפמאַכן דאָס מויל, ווען דער מאָלער האָט אָנגעהויבן קאָמענטירן די דייטשישע קאָמוניקאַטן. דער דריטער פּונקט איז באַשטאַנען אין אַ זעקס און זעכציק. גלייך ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין רעפעראַט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, האָט זיך דער מאָלער געכאַפּט צו דער טאַליע קאָרטן. „מיר קאָנען אָנהייבן שפּילן, הגם ס'איז מיר אַ רחמנות אויף דיר — כ'וועל דיך צערייבן ווי פעפער“ — האָט ער געזאָגט, אָבער געשפּילט האָט ער ווי דער לינקער פוס; ער האָט קיינמאָל נישט געוונען.

דער פערטער און לעצטער פּונקט דאָס איז געווען זיין פּילצאָליקע משפחה, וואָס ער האָט מיט דער הילף פון פריינד, דער עיקר מאָלער, „געשלעפּט נאָך זיך“. זייגע פריינד האָבן „דעם קליינעם דראָנזשעק“ ליב געהאַט פאַר זיין ערלעכקייט אין דער קונסט און געהאָלפן אים. די פאַרבינדונג צווישן אים און זיין משפחה האָט אָנגעהאַלטן זייער אַמאָליקע דינסט לעאָשע, וועלכע האָט אַלס באַלוינונג פאַר אירע פאַרדינסטן פאַרלאַנגט איין זאַך: זי האָט געוואָלט דעם ערשטן טאָג נאָך דער מלחמה טאַנצן מיט דראָנזשעקן אַ וואַלס אויפן נאַפּאָלעאָן־פּלאַץ. בלויז דראָנזשעקס פאָטער, אַן אַלטער פרומער ייד, איז פאַרבליבן אין געטאָ און נישט געוואָלט עס פאַרלאָזן. פון צייט צו צייט האָט ער איבערגעשיקט אַ בריוו דורך אַדאַמען, וועלכן ער האָט פאַרגעטערט. „כ'האָב אים ליב,

דאָס קליינע „באַנדיטל“ — האָט ער געשריבן צום זון. דאָס קליינע באַנדיטל האָט געזאָגט וועגן אַלטן פּיש: — דאָס איז אונדזוערער אַ מענטש, ער קלייבט געלט אויף „קאַרטאָפֿל“, אַגיטירט. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן פּסח, האָט דער מאָלער באַשלאָסן דורכצוגיין, כדי זיך צו זען מיטן פֿאָטער. — אפֿשר וועט איר אויך גיין מיט אונדז — האָט זיך אַהאַם געווענדעט צו קאַרמאַנסקין, וועלכער איז גראָד געווען ביים שמועס. — גערן — האָט קאַרמאַנסקי געענטפֿערט און אַ ציטער איז אים דורך איבערן לייב. שפּעטער האָט דער מאָלער רעזיגנירט פֿון זיין פּלאַן דורכצוגיין. מאַרעק קאַרמאַנסקי איז איבערצייגט געווען, אַז אויך ער וועט זיך אין דער לעצטער מינוט צוריקציען. ער האָט נישט געגלייבט, אַז ער וועט זיך דעצידירן דערויף, אָבער נישט גלייבנדיק, האָט ער זיך געיאָוועט אין שענק אויף וואָליע.

— אין דער ערשטער מינוט נאָכדעם, ווי מ'איז אָנגעקומען אין געטאָ — האָט מאַרעק קאַרמאַנסקי אַן אויסבאַהאַלטענער אין דער פֿינצטערניש פֿון צימער דערציילט וועגן יענער ערשטער נאַכט, ווען זיי האָבןביידע געוואַרט אויף אַלעקסאַנדערן און נישט געקאָנט איינשלאָפֿן — האָב איך אַפֿילו געוואָלט צוריקגיין. אַלץ דאָ האָט אָנגעוואָרפֿן אויף מיר אַ פּחד; די ייִנגלעך און מיידלעך האָבן מיר אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע מענטשן, ציניש און ברוטאַל. אָבער איצט באַדויער איך נישט. איך וויל זען אַלעקסאַנדערן, איך וויל זיך אים ווייזן. און וואָס ווייטער ווייס איך נישט. איך האָב נישט קיין שום פּלענער. כ'וויל, אַז אַלעקסאַנדער זאָל מיר ווייזן די מענטשן און דאָס געטאָ.

אויף די בוידעמער זענען געלעגן היטערס, וואָס האָבן געוואַכט. אין די קעלערס האָבן יונגע ייִנגלעך געגרייט פֿלעשלעך מיט בענזין און גראַנאַטן. ס'איז נישט געווען קיין מענטש, וועלכער זאָל זיך נישט ריכטן אויפֿן ערגסטן. די דייטשן האָבן אַ ליאַדע מינוט געקאָנט אַרומשטעלן דאָס געטאָ און פֿאַרברענען עס צוזאַמען מיט די מענטשן, און אָט דאָ לעבן יוזעפֿן איז געלעגן אויף דער אָטאָמאַנע אַ מענטש צוגעדעקט מיט אַ קאָץ און אַ מאַנטל און זאָגט, אַז ער איז אַהער געקומען „אַ קוק געבן“. און ער האָט דאָס אַזוי געזאָגט, אַז יוזעף איז געווירט געווען פֿון דעם משונהדיקן אויספֿלוג, אויף וועלכן ס'האָט זיך אויסגעקליבן דער „צווייטער ייִבמער“ — אַזוי האָט ער אים אין זיינע געדאַנקען אָנגעהויבן צו רופֿן — וועלכער האָט זיך אינגאַנצן נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז ער איז אַהער געקומען אויף דער לעצטער מינוט. קאַרמאַנסקיס פֿאַרטרויונגען האָט

יוזעף אויסגעהערט מיט געמישטע געפילן. „מ׳וועט אים דאָך דאַרפֿן צורעדן ער זאָל זיך אומקערן אַהיים“ — האָט ער באַשלאָסן.

געדאַנקען און געפילן פֿאַרענדיקן זיך נישט מיטן מאָמענט, ווען דער מענטש פֿאַרלאָזט זיין וואַכעדיקער צושטאַנד. פֿאַרקערט, טיילמאָל נעמען זיי אָן שאַרפֿע פֿאָרמען ערשט אין דעם געמישטן צושטאַנד פֿון וואַכעדיקייט און חלום. איינשלאָפֿנדיק מיט די ווערטער פֿון „צווייטן דיכטער“, האָט יוזעף אין האַלבן שלאָף אָדער אין שלאָף געזען אַ קליין, בלייך מיידעלע. זומער 1942, אינעם פּעריאָד פֿון די גרויסע מאָרדן אין געטאָ, ווען ס׳האָט זיך אים ענדלעך איינגעגעבן אַדורכצוקריכן אין דעם נישט פֿאַרמאַכטן טייל פֿון שטאָט, האָבן אים חברים אויף איין נאַכט געשיקט צו אַ געוויסער משפּחה, וווּ עס האָט זיך טאַקע געפֿונען דאָס מיידעלע. זי האָט פּרעכטיק געשפּילט פֿאָרטעפּיאַן און מ׳האָט געקאָנט דערוואַרטן פֿון איר אַ ווירטואָזע מוזיקערין. ווען יוזעף איז אויף צומאָרגנס אַריין אין עס־צימער, איז דאָס מיידעלע געשטאַנען אין מיטן צימער און מיט בייַדע הענטלעך זיך געהאַלטן פֿאַרן קאָפּ. אַזויפֿיל פֿאַרצווייפֿלונג אין אַ קינדעריש פּנימל האָט יוזעף נישט געזען אַפֿילו דאָרט פֿון וואַנען ער איז געקומען. עמעצער האָט אויפֿגעמאַכט דאָס פֿענצטער און דעם מיידעלעס באַליבט קאַנאַרקל איז אַרויסגעפֿלויגן. דאָס איז געווען די סיבה פֿון איר פֿאַרצווייפֿלונג. מיטאַמאָל האָט יוזעף דערזען, אַז צוליב אַ קאַנאַריקל קאָן מען פּונקט אַזויפֿיל ליידן ווי צוליבן טויט פֿון גאַנצע משפּחות און טויזנטער מענטשן. — די קאַץ האָט עס שוין זיכער אויפֿגעגעסן — האָט די באָבע מיט כּעס געשריען. — דו הערסט זיך קיינמאָל נישט דער באָבען! דאָס מיידעלע האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופֿן, נאָר געקוקט, געקוקט.

אין שלאָף האָט זיך יוזעפֿן געדוכט, אַז ער הערט נאָך אַלץ קאַרמאַנסקין דערציילן. אָבער אַנשטאָט קאַרמאַנסקיס פּנים, האָט ער געזען דאָס פּנים פֿון מיידעלע, וועמענס קאַנאַריק עס האָט אויפֿגעגעסן די קאַץ.

2

יוזעף איז נאָך געשלאָפֿן, ווען קאַרמאַנסקי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אָנגעטאָן זיך און שטיל אַרויס אויפֿן נאָך ליידיקן הויף. ער איז אַ ווײַלע אונטערגעשטאַנען, דערנאָך צוריקגעגאַנגען צו די טרעפּ, אַרויף אויפֿן בוידעם און פֿון דאַנען אויף אַ צווייטן, וווּ ער איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט.

ביי אַ קליין פענצטערל זענען געלעגן צוויי יונגע יינגלעך אָנגעטאָן אין דייטשישע מונדירן. אַ דריטער, אויך אין אַ מונדיר, איז געשלאָפן אויף אַ קאַנאַפּע. לעבן די קעמפער זענען אויף מאַטראַצן געלעגן גראַנאַטן. עס האָט דאָ געהערשט אַ קעלט און אַ שטילקייט.

קאַרמאַנסקי, וועלכער האָט מיט אַנטציקונג זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעמען, האָט פּלוצלונג דערפילט עמעצנס אַ האַנט אויפן אַקסל און דערהערט אַזעלכע ווערטער:

— כ׳האָב אים ענדלעך געפּאַקט דעם „קאַפּוש“! — דאָס איז געווען געזאָגט אין יידיש. אָבער קאַרמאַנסקי האָט פאַרשטאַנען, דער עיקר דאָס וואָרט „קאַפּוש“ — כ׳האָב אים אָבסערווירט, ווי ער האָט זיך פאַרגנבעט צו אונדזערע פּאָזיציעס. חברה, זינט דריי וואָכן האַלט איך אים אויפן אויג!

קאַרמאַנסקי האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין באַשולדיקער. יענער איז געווען פון דעם זעלבן וווּקס ווי ער, אָבער אַ צוויי מאָל ברייטער פון אים. כאָטש אַ יונגער האָט ער געהאַט אַ פּליך; אַ פּנים איז ביי אים געווען זייער אַ יידישס, אויגן פרעכטיקע און היסטערישע, ברענענדיקע און אומצוטרוילעכע, אַ שטימע אַ פעסטע און גלייכצייטיק אַ שרייענדיקע, אַ ברעכנדיקע זיך. ווען ער האָט גערעדט, האָבן זיינע אויגן געבליצט; ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וועלכער איז איבערצייגט אין דעם, וואָס ער זאָגט.

— נישט אמת — האָט זיך קאַרמאַנסקי פאַרטיידיקט — איך געפין זיך דאָ ערשט פון נעכטן!

— איר הערט, אויך דאָרט מאַכט ער די שיינע אַרבעט — האָט דער באַשולדיקער זיך געווענדעט אין דער זייט פון פענצטערל. — ער איז באַלד איבערגעגאַנגען אויף פּויליש. — זאָג נישט קיין ליגן, דו איינער! ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער פויסט, האָט אים אָבער נישט געשלאָגן; מיט אַזאַ באַוועגונג האָט ער בלויז געוואָלט אויסדריקן זיין עקל צו אים. — פאַרוואָס רעדסטו נישט קיין יידיש, דו?!

קאַרמאַנסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס ער רעדט נישט קיין יידיש באַלאַסטעט אים אויך אין דעם מאָמענט. אַלע די, וואָס זענען געווען אויף פעסטע פּאָסטנס אין דער געמיינע אָדער אין דער פּאָליציי, האָבן גערעדט פּויליש. „פרווט פאַרהאַלטן עמעצן אויף קאַרמעליצקע און פרעגט אים עפּעס אין יידיש, וועט ער אַ קוק טאָן אויף אייך מיט אַ ווידערגעפיל. מיר האָבן אַן עקל צו דער אייגענער שפּראַך; אַ האַלבער מיליאָן מענטשן

שטאַרבט אויף פּויליש" — האָבן זיך געקלאָגט די אָנהענגער פון דער יידישער שפּראַך.

— אויף וועמען קאָנסטו זיך דאָ פאַררופן? — האָט איינער פון די יינגלעך פון הינטערן פענצטער, אַ שווערער, שוואַרצער חברה־מאַן מיט אַ געדיכטער טשופּרינע ווי אַ וואַלד, אים געפרעגט.

— אויף אַלעקסאַנדער טאָפּאַז, דאָס איז מיינער אַ פריינד.

— אויפן דיכטער? — האָט געפרעגט אַן אויפשטענדלער אויף דער אַטאָמאַנע, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

— יאָ.

— און דו ווער ביסטו. אפשר אויך אַ דיכטער? — האָט געפרעגט אַ צווייטער פון הינטערן פענצטער, אַ געלער, אַ בלוי־אויגיקער מיט זומער־שפּרענקעלעך.

— יאָ.

— וואָסערע לידער האָסטו געשריבן? — האָט ווידער דער געלער נישט פריינדלעך געפרעגט. ווען דיינע אייגענע האָסטו געשריבן?

קאַרמאַנסקי האָט געשוויגן.

— ווען אַלעמען אָבער נישט ווען דיינע אייגענע ברידער. ער האָט געשריבן ווען די לאַזיענקעס און געקומען שטאַרבן אויף דער מלאָווקע־גאַס — האָט זיך דער געלער געווענדעט צום אויפשטענדלער אויף דער אַטאָמאַנע.

— פיר אים אַוועק צו אַלעקסאַנדערן — האָט דער שוואַרצער, מאַסיווער בחור פאַראָרדנט; ער איז דאָ געווען אַן אויטאָריטעט.

— איך וואָלט זיך מיט יעדן „קאַפּוש" נישט געשפּילט! — האָט אַ געשריי געטאָן דער באַשולדיקער — נעכטן האָבן מיר געכאַפּט דריי אַזעלכע. זיי האָבן זיך פאַררופן אויף פעדערן און לילית. גייט זוכט זיי ליליתן! מיר האָבן זיי גלייך אַוועקגעלייגט, ס'איז נישט קיין צייט אויף שפּילן זיך!

— פיר אים אַרויס! — האָט דער שוואַרצער פּלוצלונג אויסגערופן. פון טאָן און פון דער פּלוצלונגדיקער ענדערונג פון זיין געזיכט האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז ער האָט אויפן גאַס דערזען דאָס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט.

קאַרמאַנסקי, וועלכן מ'האָט אונטערגעשטופּט מיט אַ רעוואָלווער, איז אַראָפּגעגאַנגען מיט די הילצערנע טרעפּ. ער האָט געפילט אַ בימערקייט

אין מויל. דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַן אויסערסט לויטערער, בלויער הימל, וואָס האָט געאָטעמט מיטן גרעסטן לעבנס־פּראַכט. קאַרמאַנסקי איז איבערצייגט געווען, אַז אין אַ ווײַלע אַרום, דאָ אויף די טרעפּ גופא, וועט ער דערשאָסן ווערן. ער האָט אַפילו צום בחור, וועלכער האָט אים געפירט, נישט געפילט קיין האַס. ער האָט אים עטלעכע מאָל געפרוווט אויפקלערן דעם טעות, אָבער יענער, אונטערשטופּנדיק אים מיטן רעוואָלווער, האָט געשריען:

— נישט אויסדרייען זיך! פאָרויס!

ווען זיי זענען אַרויס אויפן הויף, האָט קאַרמאַנסקי צווישן אַ גרופּקע מענטשן דערזען יוזעפן און דעם אינזשיניער שפּיעוואַק.

— וואָס איז דאָס? — האָט געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטער דער אינזשיניער, דערנעענטערנדיק זיך צו זיי. — פאַרוואָס פירסטו אים?

— דאָס איז אַ „קאַפּוש“! — האָט געענטפערט דער באַגלייטער, וועלכער האָט געהערט צו שפּיעוואַקס האַנטווערקער־עקיפּע.

— וואָס פאַלט דיר איין, מאָטעק? — ביים אינזשיניער האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן. וואָס פאַראַ נייער אײַנפאַל? האָסט שוין באַקומען, מאָטעק, אַ קלאַפּ־געצייג קאָנסטו דיך שוין נישט איינהאַלטן?

— כ'האָב אים געזען מיט פּירסטן! — האָט דער באַגלייטער אָן זיכערקייט זיך פאַרטיידיקט.

— וואָס פאַראַ באָבע־מעשיות דערציילסטו? מאָטעק, ער איז דאָך ערשט נעכטן אַהער געקומען פון דער צווייטער זייט. ס'האָט זיך דיר געחלומט!

פּלוצלונג האָט זיך יוזעף אַרויסגערוקט און אַוועקשטעלנדיק זיך פאַרן באַגלייטער אַ געשריי געטאָן:

— אַלעקסאַנדער לעבט שוין נישט, דאָרט ליגט ער, אָ, דאָרטן אויף אַ בינטל שטרוי! איצט ווילט איר דערהרגענען דעם „צווייטן דיכטער“?

— אַלעקסאַנדער לעבט נישט? — האָט געפרעגט דער באַגלייטער און זיין שטימע האָט זיך אונטערגעבראָכן. פּלוצלונג איז זיין געזיכט משונהדיק פאַרענדערט געוואָרן. עס האָט זיך צוזאַמענגעשרומפּן און טרערן האָבן אָנגעהויבן פליסן איבערן פּנים.

3

נאָכדעם ווי מ'האָט אַלעקסאַנדערן מקבר געווען, ווען יוזעף האָט זיך דערנענטערט צום „צווייטן דיכטער“ און דערזען ווי ער ציטערט, האָט ער דערפֿילט נאָך אַ גרעסערן, ווי אין דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט, חוב זיך צו פֿאַרנעמען מיט אים. ער האָט זיך געזאָגט: „דאָס וואָס איך האָב צוגעזאָגט בראַונען באַציט זיך איצט אויך צו דער פּערזאָן פֿון „צווייטן דיכטער“. באַלד דערנאָך אָבער האָט די אַנטשטאַנענע פּאַניק זיי צעטיילט. דעם „צווייטן דיכטער“ האָט דער אינזשיניער שפּיעוואַק מיטגענומען אין בונקער פֿון סוחר קאַוואָן; יוזעף איז צוגעשטאַנען צו הענעכס אויפשטענדלער=גרופּע.

די זעלבע נאַכט, ווען יוזעף האָט צוזאַמען מיט הענעכס מענטשן געזאָלט דורכגיין מיט די קאַנאַלן, האָט ער באַגעגנט דעם אינזשיניער שפּיעוואַק, און די באַגעגעניש האָט טאַקע גורם געווען, אַז ער זאָל פֿאַרבלייבן. פֿאַרלאָזנדיק דעם שטח, וווּ ס'האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט דאָס גרעסטע פֿייער, איז די גרופּע אָנגעקומען אויף אַ קילן, שטילן הויף. עמעצער האָט יוזעפֿן אָנגעכאַפּט פֿאַרן אַרבל:

— דערקענסט מיך?

דאָס איז געווען דער אינזשיניער, וועלכער האָט זיך דאָרט געפֿונען צוזאַמען מיט נאָך צוויי מענטשן.

די אויפשטענדלער=גרופּע איז שווייגנדיק אַוועק ווייטער. דער אינזשיניער, פֿאַרהאַלטנדיק יוזעפֿן, האָט זיך געבעטן ביי אים:

— גייסט אַרויס? איר גייט אַרויס מיט די קאַנאַלן? נעם מיך מיט זיך מיט!

— דו זעסט, מיין פֿאָטער איז געהרגעט געווען! — האָט אים איבערגעריסן זיין חבר, אַ נידעריקער, אַ שוואַרצער ווי סמאָלע מיט אַ ריזיקן שאַרבן. — ווילסט אַנטלויפֿן! ווילסט אונדז לאָזן, אַז מען זאָל אונדז אויסענדיקן!

זיינע אויגן האָבן געבליצט. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אין אַ ווײַלע אַרום וועט ער זיך וואַרפֿן אויפֿן אינזשיניער.

— כ'האָב נישט חתונה געהאַט מיט דיר און נישט מיט דיין פֿאָטער — האָט דער אינזשיניער געשריגן. — צו רייבן כריין בין איך אייך נייטיק דאָרט אין קבר! נעם מיך מיט, יוזעף! שוטה, ס'וועט לויזער ווערן אין אייער בונקער — האָט ער ווידער זיך געווענדעט צום שוואַרצן. —

אַלע װעלן זיי נישט אויסענדיקן. מאָרגן װעלן זיי לאָזן צורו, קענסט נישט די דייטשן? מאָרגן װעט שוין זיין נאָך דער גאַנצער התוגה!

— און קאַרמאַנסקי, װו איז? ער לעבט? — האָט יוזעף געפרעגט.

— װאָס פאַרא קאַרמאַנסקי? א־א! — האָט זיך אַ קרום געגעבן דער אינזשיניער — ער לעבט. ער ליגט אין בונקער אונטערן טיש, אין די גאַטקעס!

די לעצטע חברים זיינע זענען פאַרשװונדן אין טויער. יוזעף האָט גע־װוסט, אַז אויב ער װיל לעבן, אויב ער װיל זיך אָפּראַטעװען און אומקערן זיך אַהיים, טאָר ער נישט פאַרלירן קיין מינוט. אָבער צװישן דעם גיהנום, װאָס האָט באַהערשט די ערד, צװישן דעם טויט, װאָס האָט איבער אַלעמען אויסגעשפּרייט זיינע פליגל, האָט ער געזען קאַרמאַנסקיס שטילע, שטראַלנ־דיקע, גרויסע אויגן, זיין מילד פּנים און ער האָט זיך געטראַכט: „אויב איך װעל אים נישט העלפן, װעט אים קיינער נישט העלפן, אויב װעל איך אים נישט אָפּראַטעװען, װער דער „צװייטער דיכטער“ אומקומען, װי ס'איז אומגעקומען „דער ערשטער“. און יוזעף האָט אָנגענומען אַ באַשלוס.

— לאָמיר גיין צו קאַרמאַנסקין — האָט ער געזאָגט. — מיר װעלן מאָרגן דורכגיין.

— מענטש איינער — האָט אויסגעשריען דער אינזשיניער — דאָס װעט אונדז פאַרנעמען צװיי שעה צייט און דאָ איז יעדע רגע אויף דער װאָג פון גאָלד! װיפל פאַלן אַזעלכע האָב איך שוין געזען! טויזנטער מענטשן זענען אומגעקומען, װייל זיי האָבן געװאָלט אַנדערע ראַטעװען. אין אַזעלכע מינוטן טאָר מען װעגן קיינעמען נישט טראַכטן! לאָמיר גיין!

— האָט דער אינזשיניער געצויגן יוזעפן אין דער ריכטונג אין װעלכער עס האָט זיך געלאָזט די אויבנשטענדלער־גרופּע.

יוזעף האָט געשװיגן. דער שװאַרצער האָט געקוקט דאָ אויף איינעם, דאָ אויפן אַנדערן.

— אויב מיר װעלן איצט נישט דורכגיין, װעט מען שוין קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט! — דער אינזשיניער האָט דערביי כמעט אָפּגעריסן די פּיס פון צעשמעלצטן אַספאַלט.

— ניין! — האָט אַנטשלאָסן יוזעף געענטפערט — מיר גייען צוריק צו קאַרמאַנסקין — אויב מיר װעלן באַװייזן, װעלן מיר היינט דורכגיין, אויב נישט, װעלן מיר מאָרגן דורכגיין, כ'קען דעם װעג.

— מאָרגן! — האָט דער אינזשיניער היסטעריש זיך פאַנאַנדערגע־לאַכט. — מאָרגן װעלן מיר זיך אַרומװאַלגערן אויפן מיסטקאַסטן מיט

אָפענע בייכער, אַזוי ווי פאַרסמאַליעטע קעץ! גיב אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך!

פון אַלע זייטן אַרום זיי האָט זיך געהערט דאָס קרעכצן פון די פאַרווונדעטע אויף וועלכע קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט.

— גיב אַ קוק אויף דעם גיהנום: מיר וועלן דערשטיקט ווערן אין רויך, מיר וועלן זיך אָפּבראָטן אין פייער אַזוי ווי קאַטשקעס. מאָרגן! ביז מאָרגן וועלן זיי דערשלאָגן אונדזער בונקער!

— מיר גייען נאָך קאַרמאַנסקין — האָט יוזעף אַנטשלאָסן איבערגעחזרט.

דעם אינזשעניערס ביידע חברים האָבן געשוויגן.

— מיר זענען פאַרלוירן! — האָט אויסגעשריען דער אינזשעניער שפּיוואַק. ער האָט אויסגעזען אויף אַ פולשטענדיק רעזיגנירטן. ער האָט געקענט אַ סך מענטשן, האָט אויך זיכער געקענט אייניקע פון הענעכס גרופּע און געקאָנט זיך לאָזן זיי אָנזאָגן. און דאָך איז ער געבליבן אויפן אָרט, זיך נישט געלאָזט נאָך זיי, ער האָט צופיל גערעכנט אויף יוזעפן. פאַראַן מאָמענטן, ווען די שטאַרקסטע, די צוממיינסטן זיכערע אין זיך הייבן אָן צו רעכענען אויף אַנדערע און דעמלט פאַרלירן זיי דעם ווילן, דעם שכל, די איניציאַטיוו. עפּעס ענלעכס איז פאָרגעקומען מיטן אינזשעניער שפּיוואַק.

זיי זענען אַרויס אויפן גאַס. לענגאויס די ברענענדיקע מויערן האָבן זיך פאַרויסגערוקט שטומע מאַסן מענטשן, באַהאָנגענע מיט פעקלעך. מיט צעשראָקענע אויגן האָבן זיי געקוקט אַרום זיך.

— מענטשן, ווהין? ווהין? — האָבן זיי געפרעגט איינע די אַנדערע.

4

אין בונקער פון סוחר קאַוואַן זענען מענטשן פאַרשוויצטע, אומבאַוועגלעכע פון דער היץ, געלעגן אין די וועש. זייערע בליקן האָבן זיי איינגעגראָבן אין סופיט אונטער וועלכן אַ לעמפּל האָט געטריפט מיט אַ שוואַך ליכט. קיינער איז נישט געשלאָפן. איבער זייערע קעפּ, אויף דער אויבערפלאַך זענען פון אינדערפרי דורכגעפאָרן וועגענער, עס זענען פון דאָרט דערגאַנגען ברעקלעך רייד, באַפעלן, שאָסן, אויפרייסן. איבער דרייסיק פערזאָן זענען געלעגן אין נישט קיין גרויס קעמערל. די „אַקציאָנערן“

האָבן פאַרנומען די נאַרעס, ביי די ווענט, די „ווילדע" דאַקעגן זענען גע־לעגן אויפן בעטאָנענעם באָדן, אונטערלייגנדיק זיך אַ שמאַטע אָדער אַ קאָלדרע. יוזעף האָט געפונען דעם „צווייטן דיכטער" אונטערן טיש, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן קעמערל. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט לעבן אים.

אַרום האַלבן טאָג ערשט האָבן זיך איינגעשטילט די שטימען אויבן, איבער זייערע קעפּ, און דעמלט ערשט האָט יוזעף דערפילט, אַז ער איז הונגעריק. ער האָט שוין עטלעכע מאָל פריער נאָך בדעה געהאַט אויפ־צושטיין, כדי אָפּצוזוכן שפּייזוואַרג. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן, ווייל יעדעס מאָל, ווען עמעצער איז אויפגעשטאַנען, האָט עס אַרויסגע־רופן אַ קריגעריי; יעטוועדע קלייניקייט איז מסוגל געווען אַרויסצופירן מענטשן פון גלייכגעוויכט. עפּעס אַ זקן מיט אַ באָרד, זעענדיק, אַז יוזעף דרייט זיך אויף זיין אָרט, האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל צוקער. „זינט יאָרן ריר איך זיך נישט אויף קיין טריט אָן צוקער, בראַנדט האָט מיך דאָס אויסגעלערנט" יוזעף האָט זיך צעטיילט מיטן צוקער מיט קאַר־מאַנסקין, דער זקן האָט אים דעמלט אונטערגערוקט נאָך אַ שטיקל צוקער.

די רואיקייט האָט ווייטער אָנגעהאַלטן, די מענטשן האָבן געדרימלט. יוזעף האָט אויך געדרימלט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט — נאָך אַ שעה אָדער אַ מינוט — האָט ער דערזען איבער זיך דעם אינזשי־ניער, וועלכער האָט דאָ געהאַט אַנדערע רעכט ווי די איבעריקע. זיין באַוועגן זיך האָט געקאָנט טראָגן אַ כאַראַקטער לטובת הכלל. אויף אים האָט מען נישט געשריען, נישט געזידלט אים, מען האָט געוווּסט, אַז דאָס האָט ער אויסגעבויט דעם בונקער. פון מאָמענט, וואָס יוזעף איז אַהער געקומען האָט קאַרמאַנסקי נישט אָפּגעלאָזט זיין האַנט. נישט געערן האָט ער זי איצט אָפּגעלאָזט. דער אינזשיניער האָט געוואָלט זיך דורכרעדן מיט יוזעפן אויף פיר אויגן.

דורכשפּרייזנדיק דאָס קעמערל מיט די אויסגעלייגטע מענטשן, זענען זיי אַרויס אין קאָרידאָר, וואָס איז אויך אָנגעפּראָפּט געווען מיט מענטשן. עפּעס אַ פרוי האָט געזויגן אַ קינד, עפּעס אַ מאַן האָט געהאַלטן הויך אונטערן עלעקטרישן לעמפּל אַ סידורל און שטיל באַוועגט מיט די ליפּן, אַ פּאָרל האָט זיך געטוליעט צו זיך, נישט לייגנדיק אויף קיינעם קיין אַכט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אפילו נישט אויפגעהויבן די אויגן אויף די, וועלכע האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן זיי, אַנדערע האָבן גע־

קוקט אויף זיי מיט שנאה. עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון שוויס, זויערקייט און ערד.

זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים סוף קאָרידאָר. ווען דער אינזשעניער האָט אַראָפּגענומען דאָס שלעסל און ליכטיק געמאַכט, האָט יוזעף דערזען אַ קעמערל, וואָס איז געווען אַ העלפט קלענער פון דעם פריערדיקן. דאָ האָבן זיך געפונען שטויסן טעפּ, טעלערס, משונהדיקע סלאָיען, טאָרבעס, זעק. דאָס איז געווען די קיך און די שפּייז=קאַמער פון בונקער.

— כ'האָב זיך גערעכנט דערמיט — האָט שפּיעוואַק אויפגעקלערט — אַז מיר קאָנען בלייבן אָן עלעקטרישן שטראָם און דעמלט וועלן די עלעקטרישע אייוועלעך צו גאָרנישט נוצן; האָב איך פאַר יעדן פאַל אָוועקגעשטעלט אַן אויוון אויף קוילן. דער קוימען גייט אַרויס אין אַ ספּעציעל אָפּגעזונדערטן אונטערערדישן קאַנאַל, ווייל אַנדערש וואָלט דער רויך געקאָנט אונדז פאַראַטן... און אָט דאָ זענען רעזערוון: סוכאַרעס, פערפל, פעטס, קאַרטאָפל, ליכט, שוועבעלעך, פעטראָל, ברען=ספּירט, זייף, רפואות. אַלץ געפינסטו דאָ, אויסער אַ זין, וואָס דאָס אַלץ פאַרמאָגט נישט!

דער כעס איז דעם אינזשעניער פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן זיינע פאַטעטישע ווערטער פון נעכטן ביינאַכט. איצט איז אים געגאַנגען אין באַשטימען צוזאַמען דעם פּלאַן „דורכצוגיין“. דער הויפּט=אַקציאָנער פון בונקער איז געווען דער סוחר קאַוואָן. זינט דעם מאָמענט, ווען מען האָט אים צוגעטראָגן דעם אינזשעניערס ווערטער, אַז „ער בויט פאַר קאַוואָנען אַ קבר“, האָט ער שפּיעוואַקן געהאַסט. ער האָט דעם אינזשעניער נישט דערלויבט צו פאַרקויפן זיין אָרט אין בונקער. „זאָל ער פאַרקויפן אַן אָרט אויפן בית=עולם און נישט אין מיין בונקער“. ביינאַכט האָט ער אים נישט געוואָלט אַרויסלאָזן „אויפצוכאַפּן גיים“. ערשט נאָך דינגענישן איז ער אים אָפּגעטראָטן. דאָך אָבער האָט קאַוואָן נאָכן נעכטיקן אומקערן זיך פון די זייניקע געענדערט זיין מיינונג.

דער נידעריקער שוואַרצער מענטש, וועלכער איז נעכטן ביינאַכט אָנגעפאַלן אויף שפּיעוואַקן, איז געווען דער יונגער קאַוואָן, דער זון פון הויפּט=אַקציאָנער. צוריקקומענדיק האָט ער דעם פאָטער דערציילט, וואָס ער האָט אויבן געזען. ער האָט באַהויפּטעט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן אַלע בונקערס „דערשנאַפּט“ ווערן, און דעריבער איז פאַראַן בלויז איין רעטונג — דורכגיין. דער אַלטער מאַנופאַקטור=סוחר קאַוואָן, אַ ני=

דעריקער ווי דער זון, מיט אַ פּנים פון אַן אַפּאָפּלעקטיקער, מיט אַ גרוי=
סער נאָז און קליינע, בייזע אויגן, אָנגעטאָן שטענדיק — אַפילו דאָ, ווו
אַלע זענען געזעסן אין די וועש — אין אַ מאַנטל און אַ קאַשקעט פון
דעם זעלבן שטאָף, האָט נישט ליב געהאַט דעם זון. אויף זיינע ווערטער
האָט ער נישט געלייגט קיין שום אַכט. צוזאַמען אָבער מיטן יונגן
קאַוואָן איז פון אויבן צוריקגעקומען דעם סוחרס פאַרטרויונגס=מענטש,
זיין אַמאָליקער סוביעקט לעאָן, וועלכער האָט אויך באַהויפּטעט, אַז די
איינציקע רעטונג איז — דורכגיין. לעאָן האָט לסוף איבערצייגט קאַוואָנען.
דער אַלטער קאַוואָן האָט שלעכט גערעדט פּויליש, ער האָט אויסגעזען ווי
אַ „טשעד“ (Jak trzech żydów*) און האָט געהאַסט די „צוויי=
טע זייט“. לעאָן האָט אים אָבער דערמאָנט בלאַטן, אויך אַ „טשעד“, וועל=
כער געפינט זיך זינט עטלעכע הדשים אויף דער צווייטער זייט און ווי עס
זאָל נישט זיין „שווימט ער מיטן קאָפּ איבערן וואַסער“. דער ביישפּיל מיט
בלאַטן האָט אים ענדגילטיק איבערצייגט און קאַוואָן האָט באַשלאָסן אַרויס=
צושיקן אויף דער צווייטער זייט לעאָנען. צווישן די „אומזיסטע עסער, וועלף
און גנבים“, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין בונקער, האָט ער נאָר צו אים
איינעם געהאַט צוטרוי. ער איז איבערצייגט געווען, אַז לעאָן וואָלט נישט
געקאָנט פאַרפירן זיין אַלטן באַלעבאָס. די צוממיינסטן געמיינע מענטשן
האָבן שטענדיק איינע אַזאַ אויסרעכענונג, ביי וועלכער זיי ווייזן זיך
אַרויס ווי קינדער. אַ שעה פאַר דעם „קאָמוניקאַט פון אויבן“, פאַר
לעאָנס צוריקקערן זיך, האָט פּלוצלונג, ווי עס געשעט צייטנווייז, דער
אַלטער קאַוואָן אַליין פאַרשטאַנען, אַז דער בונקער איז בלויז „אַ קאַסט=
באַרער קבר“. באַשליסנדיק אַרויסצושיקן לעאָנען, איז דער אַלטער כימ=
ראַק גלייכצייטיק געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אינזשעניער
שפּיעוואַק קאָן אויף דער צווייטער זייט צונוץ קומען. דערפאַר האָט ער
פּלוצלונג געענדערט זיין באַציונג צו אים. דער אינזשעניער, וועלכער איז
אין בונקער צוריקגעקומען אַ פולשטענדיק רעזיגנירטער, האָט נאָך דעם
געשפּרעך מיטן אַלטן קאַוואָן — „מיט דער הון“ — אויפגעלעבט. ער
איז איינגעגאַנגען צו העלפן אויף דער צווייטער זייט לעאָנען „מיט וואָס
ער וועט נאָר קאָנען“ און דערפאַר האָט ער באַקומען — וואָס איז גע=
ווען אַן אַקט פון גרעסטן צוטרוי — די שליסלען פון קיד, כדי ער זאָל
קאָנען מיט יוזעפן רואיק באַטראַכטן דעם פּלאַן דורכצוגיין.

---

*) ווי דריי יידן.

דער אינזשיניער און יוזעף האָבן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן דורכגיין מיט די קאַנאַלן מיט הענעכס וועג, אויב עס וועט זיך באַשטעטיקן, אַז יענער גרופּע האָט זיך דער דורכגאַנג איינגעגעבן. נאָכן אַרומרעדן די איינצלהייטן, האָט זיך יוזעף אומגעקערט צו קאַרמאַנסקין אין „פּאַרזאַמלונגס-זאַל“, ווי מען האָט גערופן דאָס הויפּט-קעמערל. אין אַ ווײַלע אַרום איז דער אינזשיניער ווידער אַהער געקומען. ער האָט ממש געקלעפּט צו יוזעפן.

די רואיקייט איבער זייערע קעפּ האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. צוזאַמען מיט געוויינלעכע באַוועגונגען און שטימען האָבן איצט די אויסבאַהאַלטענע דערהערט אַ קלאַפּערײַ פֿון אײַזן: מען האָט געפּאַרשט דעם באָדן פֿון הויף, אַרומקלאַפּנדיק אים מיט קילאָפּן. יעדע ווײַלע האָט מען איצט געקאָנט אָנטרעפֿן דעם בונקער. די מענטשן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אַפֿילו דאָס קליינע לעמפּעלע אונטערן סופיט האָט זיי אויסגעוויזן צו זײַן שרײַענדיק.

דאָס קלאַפּערײַ פֿון די אײַזנס האָט זיך אינגאַנצן אומדערוואַרטערהייט אָפּגעשטעלט און אַ צוויי-דרײַ מינוט האָט געהערשט אַ שטילקייט. דער אינזשיניער האָט צווישן דער שטילקייט איינגערוימט יוזעפן אויפן אויער: — כ'האָב אָפּגעטאָן אַ שרעקלעכע זאַך! אַ שרעקלעכע! כ'האָב נישט צוגעהיט דעם צווייטן אַרויסגאַנג! נאָר דער צווייטער אַרויסגאַנג וואָלט אונדז איצט געקאָנט אָפּראַטעווען. כ'האָב נישט געלייגט גענוג אַכט דערויף! יוזעפס אויפמערקזאַמקייט האָט איצט צוגעצויגן דעם אינזשיניערס פּנים, זײַנע ברייט צעעפֿנטע אויגן, די ברייטע, באַוועגלעכע נאָזלעכער פֿון דער קורצער נאָז, דאָס גראָבע, אָפֿענע מויל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ חיה, וואָס גרייט זיך אַ שפּרונג צו טאָן. פֿון דער צווייטער זייט איז קאַרמאַנסקי געלעגן ווי אַ טויטער.

פּלוצלונג האָט ווידער אָפּגעהילכט דער קלאַנג פֿון קילאָפּן. די ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן און עטלעכע שטאַרקע אויפרײַסן האָבן אַ טרייסל געטאָן מיטן פֿינצטערן, איבערפֿולטן בונקער. עס האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַרואיקט, ווי יוזעף האָט דערפֿילט, אַז דער אינזשיניער הייבט אָן צו קריכן אויף אַלע פֿיר. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער צילט זיך דורכצוקריגן צום מיט וואַסער פֿאַרגאָסענעם קעמערל, וואָס געפֿינט זיך בײַם סוף פֿון קאָרידאָר. הינטער יענעם קעמערל האָט זיך געפֿונען דער דורכגעגראָבענער קאַנאַל צום צווייטן אַרויסגאַנג. פֿאַרלאָזנדיק די שפּיז-קאַמער האָט אים דער אינזשיניער געוויזן דאָס פֿאַרגאָסענע קעמערל. יוזעף

האָט אַ ריס געטאָן קאַרמאַנסקין און ביידע האָבן אָנגעהויבן זיך מאַכן אַ וועג קריכנדיק אויף אַלע פיר צווישן די מענטשלעכע קערפּערס. זיי זענען שוין געווען אין וואַסער, ווען ס'איז פּלוצלונג ליכטיק געוואָרן. זיי האָבן נאָך באַוויזן אַריינצוקריכן אין קאַנאַל, וואָס איז פול געווען מיט מענטשן, וועלכע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר דער אינזשיניער איז געפאַלן אויפן געדאַנק אַהער צו קריכן.

פון די קעלערס זענען איצט דערגאַנגען געשרייען פון די דייטשן:

— געווער!

— אָפּגעבן דאָס געווער!

— ווער האָט געווער?!

— די האָסט געווער!

— צוגרייטן דאָס געלד!

— אָפּגעבן דאָלאַרן!

— זייגערלעך!

— אַרויסגיין! אַרויסגיין!

די שווערע דייטשישע טריט האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער שטילקייט, מיטן געוויין פון קינדער, מיט איינצלנע, אָפּגעריסענע יידישע ווערטער. נאָך אַ פופצן מינוט איז אין בונקער שטיל געוואָרן. קיין איין קלאַנג איז פון דאָרטן נישט דערגאַנגען. זיי האָבן שוין מסתמא אַלע געהאַט אַרויסגעפירט פון דאָרט. פּלוצלונג זענען די אין קאַנאַל פאַרשטעקטע לעבעדיקע קנוילעכלעך טויט־פאַרשטאַרט געוואָרן. ס'איז דערגאַנגען צו זיי אַזוי דייטלעך אַ געשפּרעך, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען די דייטשן, וועלכע האָבן געפירט דאָס געשפּרעך זאָלן זיי נישט האָבן געזען. איין סאָלדאַט האָט געזאָגט צום צווייטן:

— זעסט וויפל וואַליזעס עס שטייען דאָ? אַ שאָד זיי זאָלן פאַרברענט ווערן. מ'דאַרף זיי אַוועקנעמען! רוף אַריין יידן וועלן זיי דאָס אַרויסטראָגן. ערגעסט, צומבעסטן וועט זיין זאָלסט נעמען דאָס יינגעלע. זעסט דאָס לאָך דאָרט?

אין קאַנאַל איז אַריינגעפאַלן אַ קאַלטע פלאַמע פון אַן עלעקטריש לעמפל.

— מע דאַרף אַ קוק טאָן, צי זיי האָבן זיך דאָרטן נישט אויסבאַהאַלטן. וועסט דעם יינגל געבן אַ צוקערל, וועט ער זיך דאָרט אַריינגליטשן, ער וועט דיר נאָך אַ קוש טאָן אין האַנט. צומבעסטן טויגן דערצו יינגלעך.

— Jawohl — האָט געענטפערט דער צווייטער.

דעם געשפּרעך האָבן די אויסבאַהאַלטענע געהערט, זיי האָבן פאַר־שטאַנען יעטוועדעס וואָרט און... געוואַרט. דער באַפעלגעבער האָט זיך זיכער אומגעקערט אין קעלער, אין Judenbunker איז געווען א סך אינטערעסאַנטע זאַכן צו באַקוקן. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קנאָפּ פונעם ראַדיאָ. אַ ברעקל פון אַ ניגון האָט ווי אַ פלעדערמויז זיך אָפּגעקלאַפּט אין וואַנט. באַלד דערנאָך האָבן די אויסבאַהאַלטענע אין קאַנאַל דערהערט אַ פליוך פון וואַסער, דאָס יינגל האָט זיך דערנענ־טערט צו זיי. פּלוצלונג האָט אַ בריענדיק ליכט פון לעמפּל אָנגעהויבן שפּרינגען איבער די קאַלטע, לייםענע ווענט פון קאַנאַל.

— זאָג, שמערל, יידן האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן? — האָט די זעלבע שטימע וואָס פריער געפרעגט אין דייטש.

דאָס יינגל האָט באַשטעטיקט.

באַלד דערנאָך האָבן די אויסבאַהאַלטענע דערהערט אַ שטימע אין יידיש. דאָס איז געווען אַ שטימע פון אַ דערוואַקסענעם מענטש:

— ווער ס'וועט אַרויסגיין, דער וועט פאָרן אויף אַרבעט קיין פּאָ־ניאַטאָווו און וועט בלייבן לעבן! און ווער ס'וועט נישט אַרויסגיין, דער וועט אומקומען! די דייטשן וועלן דעם קאַנאַל באַוואַרפן מיט גראַנאַטן און איר וועט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט. יידן! ברידער, איר וועט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט. גייט אַרויס!

נאָך עטלעכע אַזעלכע וואָרענישן האָבן די קגוילעכלעך אָנגעהויבן זיך אָפּרייסן פון וואַנט. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און יוזעף האָט בלויז קאַרמאַנסקין געפילט לעבן זיך, ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיי זענען געבליבן אַליין. „נאָך אַ רגע — האָט ער פיבערהאַפט געטראַכט — און די דייטשן וועלן מיט גראַנאַטן פאַרשיטן דעם גרוב, קיין מויז וועט זיך אַפילו נישט אָפּראַטעווען. אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען קאָן נאָר זיין אויבן, מ'דאַרף אַרויסגיין! אַרויסגיין!...“ אַזאַ חשבון האָט גע־מאַכט דער שכל, אָבער עפּעס אַן אינערלעכער כוח האָט אים ווייטער צוגעשמידט צו דער ליימענער, צעדראַפּעטער וואַנט, נישט דערלויבנדיק אים צו מאַכן קיין שום באַוועגונג. דאָס איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס מיט זיין שכל, אָבער עס האָט באַוויזן זיך אים קעגנצושטעלן. אין דער העכסטער שטופע נישט טויט און נישט לעבעדיק האָבן יוזעף און דער „צווייטער דיכטער“ זיך צוזאַ־

מענטשן געדריקט, צוזאַמענגעפּלאָכטן זיך. זיי האָבן אַפילו נישט געוווסט, אַז זיי שטייען אַזוי צוזאַמענגעפּלאָכטן. זיי האָבן שפּעטער קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין ווי לאַנג זיי זענען אַזוי געשטאַנען.

זיי זענען אַרויסגעקראָכן ערשט דעמלט, ווען דער רויך האָט אָנגעהויבן זיי שטיקן. דער בונקער האָט געברענט. די שווערע צווייטאָניקע, פּאַרמאַסקירטע טיר, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון אינזשיניער שפּיעוואַק, איז געלעגן אַראָפּגעריסן. ווען זיי זענען אַרויס אויבן, און האָבן זיך געפונען אויפן הייסן, זומפּיקן אַספאַלט פון הויף, האָבן זיי דערזען פינף קליינע בערגלעך. דאָס זענען געווען די פינף אַקציאָנערן פון סוחר קאַוואָנס בונקער, אין די וועש זענען זיי געלעגן דערהרגעטע. זיי האָבן צווישן זיי דערקענט דעם אינזשיניער שפּיעוואַק און דעם סוחר קאַוואָן, פון וועלכן די דייטשן האָבן פאַרן דערהרגענען אים נישט אַראָפּגענומען נישט דעם מאַנטל און נישט דעם קאַשקעט.

לאַנג זענען זיי בײדע אין פאַרביקן בין־השמשות געשטאַנען איבער די פרישע הרוגים און דער דורשט נאָך נקמה און די טרערן האָבן זיי געבריט די פנימער און די הערצער.

.5

ווען זיי זענען אַזוי געשטאַנען איבער די הרוגים, זענען צוגעקומען צו זיי דער טישלער פלאָום מיט זיין זון. איידער זיי האָבן געזאָלט עפּעס וואָס אונטערנעמען, האָבן זיי געמוזט פריער געפינען וואַסער, ווייל דער דורשט האָט זיי ווילד געמאַכט, אָפּגענומען ביי זיי דעם קלאָרן זינען. דאָס וואַסער און די שפּייז פון קאַוואָנס בונקער האָבן די דייטשן באַגאָסן מיט בענזין. יוזעף און דער טישלער האָבן געלאָזן דעם „צווייטן דיכטער“ און דאָס ייִנגל און בײדע זענען אַוועק זוכן וואַסער. דורך אָנגעשאָטענע שטיינער און ציגל־ברוך האָבן זיי זיך דורכגעקריגן אין צווייטן הויז, וווּ עס האָט זיך געדאַרפט געפינען, ווי דער טישלער האָט פאַרזיכערט, דער בונקער פון די בעקערס. ווען זיי זענען אַריבערגעטראָטן די שוועל פון קעלער, האָט זיי אַ זעץ געטאָן אַן איבלדיקע היץ און אַ געשטאַנק פון פאַנאַנדערגעלייגטע קערפּערס. די בעקערס האָבן זיך אָפּגעבראָטן לעבעדיקערהייט.

ערשט אין פערטן בונקער, פון וועלכן מ'האָט אַרויסגעריסן די

מענטשן, האָבן זיי געפֿונען וואַסער, סוכאַרעס און צוקער. אין „פֿערטל", ווי דער טישלער האָט גערופֿן דעם דאָזיקן בונקער, האָבן זיי אויך געפֿונען קליידער, וואָס זיי האָבן גלייך אויפֿן אָרט איינגעטוישט אויף זייערע. זייערע אייגענע קליידער זענען געווען צעפּליקט אויף שטיקלעך. צוריקקערנדיק זיך, האָבן זיי לאַנג געבלאָנדזשעט איבער דער ווילד צעשטערטער געגנט, וואָס האָט פֿאַרלוירן יעטוועדן כאַראַקטער־שטריך. ווען זיי האָבן לסוף אָפּגעפֿונען דעם הויף, האָבן זיי נישט געטראָפֿן דעם טישלערס זון און נישט דעם „צווייטן דיכטער". וואַרשיינלעך זענען זיי, באַאומרואיקטע צוליב זייער לאַנגער אָפּוועזנהייט, אַוועק זיי זוכן. היות דער פֿרימאָרגן האָט אָנגעהויבן זיך דערנענטערן, האָבן זיי זיך אַרויפֿגעקריגן אויפֿן העכסטן ווינקל פֿון אַ הויז, כּדי זיך צו פֿאַרשטעקן אויפֿן טאָג. די קומענדיקע נאַכט האָט יוזעף אויך דעם טישלער פֿאַרלוירן פֿון די אויגן. זיי האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעטיילט, כּדי אָפּצוזוכן די צוויי פֿאַרלוירענע און האָבן זיך שוין מער נישט צוריקגעפֿונען.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, איז אַ זוניקן טאָג, איז יוזעף געשטאַנען אויפֿן פֿערטן שטאָק פֿון אַן אויסגעברענט הויז, אין עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿריער זיין אַ באָד־צימער, ווייל ס'איז נאָך דאָרט פֿאַרבליבן די פֿאַרראָסטעטע וואַנע און פֿון די ווענט איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פֿלאָנטער פֿון דינע און דיקע רערן. אַ שטאָק נידעריקער האָט זיך אויסבאַהאַלטן דאָס פֿאַרפֿאָלק קאָרמאַן מיט זייער פֿופֿצניעריקער טאָכטער שולמית. יענעם טאָג האָט דאָס איבערנישטערן די געגנט אַרום הויז, געדויערט ביז ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. יוזעף איז ווי צוגעשמידט צום אָרט געשטאַנען אומבאַוועגלעך הינטער דער וואַנט. זיין מוח האָט געאַרבעט מיט דער גרעסטער קלאָרקייט און אויפֿמערקזאַמקייט. ער האָט גאָרנישט געקאָנט זען, אָבער געוווּסט, אַז די דייטשן האָבן צוגעשטעלט אַ לייטער צום מויער. געוויינלעך איז דער ערשטער אַרויפֿגעגאַנגען אַ „קאַפּוש" — אַ ייד, וואָס מ'האָט געצוווּנגען אויסצופֿירן אַזאַ פֿונקציע — נאָך אים צום מערסטן טייל אַן „אַסקאַר" — אַ לעטלענדער, אַן אוקראַינער, אָדער אַ ליטווינער. די דייטשן האָבן זיך צו אַזאַ אַקראָבאַטיק נישט געריסן. הגם יוזעפֿן האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אונטן, האָט אים פּלוצלונג איבערראַשט אַ געשפּרעך צווישן אַן „אַסקאַר" און שולמית. ער האָט דעמלט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס פֿאַרפֿאָלק קאָרמאַן געפֿינט זיך שוין אונטן, כאָטש ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפֿן ווי אַזוי און ווען דאָס איז געשען. געוויסע מענטשן האָבן זיך פֿון

געוועט־לויף מיטן טויט צוריקגעצויגן אָן אַ וואָרט, שטילע, רעזיגנירטע, פול מיט עקל צום לעבן און צו דער גאַנצער וועלט.

דאָס מיידל האָט זיך געבעטן מען זאָל זי דערשיסן אויפן אָרט. דערויף האָט דער „אסקאַר" געענטפערט מיט אַ מענטשלעכער שטימע, אַז דאָס טאָר ער נישט, איבעריקנס, נישט ער פאַרנעמט זיך דערמיט, נאָר דער אָפיציר, וואָס שטייט אונטן. עס האָט זיך דערהערט דאָס כאַראַקטעריסטישע פליסן פון דעם אַראָפּשיטנדיקן זיך ציגל־ברוך. דאָס מיידל איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן, כדי צו טיילן דעם גורל פון אירע עלטערן. אין די קאָרמאַנס באַהעלטעניש זענען פאַרבליבן טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אָרט, ווו יוזעף איז איצט געשטאַנען. איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, האָט ער געדריקט אין האַנט דאָס נישט אָנגעלאָדענע „גיינטל" און גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויפן „אסקאַר" איידער ער וועט באַוויזן צו שיסן. ער האָט געוואַרט און גלייכצייטיק נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון אַ מעטאַלענעם, געפלאָכטענעם שנור, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דער וואַנט און געצויגן זיך ביז אונטן, ערגעץ ווו אויף אַן אָנגעשאָטענעם שטוים הויך איבער דער ערד. ס'איז אים נאָך פאַרבליבן אַ האָפענונג, אַז דער „אסקאַר" איז אַראָפּ מיט שולמית; ער האָט אָבער פלוצלונג דערהערט טריט. דער „אסקאַר" האָט זיך דערנענטערט צו אים. ווי אין שלאָף האָט ער זיך געוואָרפן צום שנור; אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַן אָנגעשאָטענעם שטוים ציגל־ברוך און פון דאַנען איז ער אין העלן טאָג אַריבערגעלאָפן אויף אַן אַרומגערינגלטן הויף. ער האָט נאָך באַוויזן אַוועקצוואַרפן דעם רעוואָלווער.

מען האָט אים צוגעטריבן צו אַ קליינעם פּלאַץ, ווו ס'איז פול געווען מיט פאַרמישפּטע, צווישן וועלכע ער האָט פלוצלונג דערזען דעם „צווייטן דיכטער" אָן ישיך. אַפילו אויף די היגע באַדינגונגען איז ער געווען משונהדיק אָנגעטאָן: אין אַ פראַק און אין לייוונטענע, גראַנאַטענע הויזן. זעט אויס, אַז ער האָט אַרויסגעצויגן אויף זיך וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן. אויסגעטיילט צווישן די אַנדערע האָט אים אָבער נישט נאָר דער פראַק, טראָץ אַלעמען האָט ער אויסגעזען ווייניקער שמוציק ווי אַנדערע. די גרויסע אויגן אין זיין אויסגעדאַרט, אויסגעטריקנט געזיכט, האָבן איינגעהאַלטן אַ רואיקייט. יעדעס מאָל ווען יוזעף האָט, בעת ער האָט אים אַרומגעזוכט, געפרווט דערמאָנען זיך דאָס פּנים פון „צווייטן דיכטער", האָט ער קודם כל דערזען זיינע גרויסע, רואיקע אויגן. ער האָט איצט ווייניקער ווי אַנדערע דערמאָנט אין אַ געיאָגטער חיה.

במשך פֿון די לעצטע צוויי וואָכן האָט אים יוזעף געזוכט יעדע נאַכט; יעדע נאַכט איז ער אַראָפּגעגאַנגען אויף דער „בירזשע“ און אַרייַנגעקוקט מענטשן אין די אויגן. איצט האָבן זיי געדאַרפֿט שטאַרבן צוזאַמען, אָבער אַפֿילו שטאַרבן איז לייכטער ביי דער זייט פֿון עפּעס אַ נאָענטן, טייערן מענטש.

6

נאָכמיטאָג האָט מען זיי געטריבן אין דער ריכטונג פֿון „אומשלאָגפּלאַץ“. אין דער לעצטער מינוט האָבן די „אַסקאַרן“, אויפֿן באַפֿעל פֿונעם דייטש, אָפּגעשניטן די צוויי לעצטע דרייליגעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען יוזעף און קאַרמאַנסקי און געשיקט זיי אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג. זיי האָבן צוריקגעשפּאַנט דורך די אָפּגעשטאָרבענע, פֿאַרברענטע גאַסן פֿון געטאָ. קאַרמאַנסקי האָט מיט שוועריקייט געטראָטן מיט די באָרוועסע פֿיס איבערן אָנגעהיצטן אַספֿאַלט. אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט אָוועקגעוואָרפֿענע קליידער, שיך, היט, שיסלען, אָבער די „אַסקאַרן“ האָבן גאָרנישט דערלויבט אויפֿצוהייבן. דער דריטער אין זייער דרייליגע איז געווען אַן עלטערער מענטש, אַ הויכוואָקסיקער, מיט אַ ברייטן ברוסטקאַסטן, מיט אַ שייגעס, גאָבעלן קאָפּ, אַ ברייטן שטערן, מיט גרויסע, בלויע, עטוואָס אַרויסגעזעצטע אויגן. אויך ער איז געוועזן אָן שיך, די הויזן זענען געווען אַרייַנגעלאָזן אין ווייסע סקאַרפּעטן, אויף דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ טונקעלן אויבערמאַנטל. דער „אַסקאַר“ האָט עטלעכע מאָל אַ קוק געטאָן אויפֿן אויבערמאַנטל, ער האָט עס אים אָבער נישט אַרויסגעריסן.

זיי זענען אָנגעקומען אויף דער גאַס. נ., אויף דער לעצטער, אויף דער גרענעץ־גאַס, וואָס איז אויסגעליידיקט געווען פּונקט ווי אַלע אַנדערע גאַסן, אָבער דאָס פֿייער האָט זי נישט אָנגערירט. אַ צוויי הונדערט טריט אויף לינקס האָט זיך געפֿונען די דייטשישע וואַך. אויפֿן גאַנצן שטח ביז דער וואַך איז געווען פּוסט, די אַרויסגעשטאַרטע שטיינער פֿון ברוק האָבן „געשריען“. פֿון דער ווייט, הינטער דער וואַך, האָט מען געזען אַ וועכטער, ער איז געשטאַנען איינזאַם, ווי אַ ווילד חזיר אויפֿן ראַנד פֿון אַ וואַלד. אַ יונגער זשאַנדאַר האָט פֿאַר זיי אויפֿגעמאַכט אַ טויער און ביידע דרייעלעך זענען אַרייַן אין הויף. אויף לינקס איז געשטאַנען אַ מאָדערן הויז, געבויט ווי אַ קאַסטן; קעגנאיבער זיי האָט זיך געפֿונען

אַ הילצערנער נידעריקער באַראַק, אויף רעכטס דאַקעגן, אין דער טיף פון הויף, אַ פופציק טריט ווייטער, האָבן זיי דערזען אַ פאַרמאַכט, אייזערן טויער. אויפן הויף האָבן זיך אַרומגעפּאָרעט סאָלדאַטן, אייניקע זענען אַפילו געווען אין די העמדער. ווען ביידע גרופּקעס האָבן זיך באַוויזן אין הויף, האָבן עטלעכע מאָדנע מענטשן אָנגעהויבן דורך די פענצטער עפּעס אַרויסשרייען צו זיי. זיי האָבן אויסגעזען אויף ייִדן, אָבער זיי זענען נישט געווען נישט באַוואַקסן און נישט שמוציק און אייניקע האָבן אַפילו הויך געלאַכט. די סאָלדאַטן האָבן זיי געדראָט, אַפילו זיך פאַרמאָסטן אויף זיי, אָבער עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן דאָס נישט געמיינט ערנסט. די ניי־אַריינגעפירטע האָבן מיטן שכל נישט געקאָנט דערגיין וואָס דאָס באַדייט. איין דרייערל איז אָפּגעפירט געוואָרן אויף לינקס, דאָס צווייטע — יוזעף, קאַרמאַנסקי און דער מאַיעסטעטישער זקן — אויף רעכטס, הינטער דעם אייזערנעם טויער, וואָס האָט איזאָלירט יענץ אָרט פון הויף. דאָ איז געשטאַנען אַ געמויערטע פאַרטערגעביידע, וואָס האָט אויסגעזען אויף אַ געוועלב אָדער עפּעס ענלעכס, זי האָט אַפילו געהאַט אַ ראָלעטע פון קאַרבירטן בלעך, ווי עס האָבן דאָס געהאַט געוויסע געוועלבער. דער סאָלדאַט האָט אויפגעהויבן די ראָלעטע און אַריינגעטריבן אַלע דריי אינעווייניק. אין דעם געוועלב האָבן יוזעף און דער „צווייטער דיכטער" איבערגעלעבט עטלעכע משונהדיקע טעג.

דאָס איז אפשר נישט געווען קיין געוועלב, נאָר גיכער אַ רעזערוון־מאַגאַזין פון אַ זייף־געשעפט. ס'האָט דאָ געשטונקען מיט פאַרשידענע כעמיקאַליען. אין אַ ווינקל איז נאָך געשטאַנען אַ דעצימאַלע וואָג. דער צימער גופא איז געווען אַ גרויסער, נישט קיין צו קילער, ווי עס זענען אָפט אַזעלכע מאַגאַזינען, אַן אָנגענעם ליכטיקער און מיט דריי פעסט־פאַרקראַטעוועטע פענצטער. עטלעכע מעטער פאַר די פענצטער איז געשטאַנען אַ מויער. אויפן דיל האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט צעריסענע מאַטראַצן־קישנס, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקראָכן די פעל־האָר. איבער די ווענט האָבן אַרומגעשפּאַצירט סטאַדעס לייז. מיט דער הויפּטשטוב האָט געגרענעצט אַ פינצטער קעמערל, אָן אַ פענצטער און מיט אַ וואַסער־לייטונג, פון וועלכער דאָס וואַסער האָט קוים געפלאָסן. דאָ האָט זיך אויך געפונען אַן אָפּטריט. אין פאַרגלייך מיט די ביז איצטיקע באַדינגונגען איז דאָס געווען אַ פּאַלאַץ.

אין דעם פּאַלאַץ האָבן די פאַרמישפּטע זיך אָפּגערוט. די סאָלדאַטן האָבן פון צייט צו צייט זיי אַריינגעוואָרפן דורכן פענצטער עטלעכע קליי־

גע פּיידעם ברויט. מען האָט זיי אין ערגעץ נישט אַרויסגערופֿן און נישט געגעבן קיין שום אַרבעט. אומזיסט האָבן די פֿאַרשפּאַרטע געבראָכן זיך דעם קאָפּ, וואָס דאָס זאָל באַדייטן. עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיטן הויף. איינמאָל האָבן זיי דערהערט ווי פֿון דער צווייטער זייט האָט עמעצער אַ רוף געטאָן: — ווֹרובעל! וורובעל! אַ ווײַלע שפּעטער אָבער האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס. זיי האָבן פֿון דעם פֿאַרשטאַנען אַזויפֿיל, אַז עמעצער פֿון זיי דאָרט האָט געזוכט אַ געוויסן וורובעל. זייענדיק צוגעווייגט צו געפֿינען זיך צווישן ציגל־ברוך און בונקערס, צווישן רערן, קאַנאַלן און אונטערגעגראָבענע טונעלן, צווישן די אָדערן און איינגעווייידן פֿון הייזער, האָבן זיי זיך גלייך גענומען אויסצופּאָרשן די „שוואַכע זייטן" פֿונעם אָרט און די מעגלעכקייטן פֿון אַנטלויפֿן. באַלד אָבער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז זיי זענען גוט פֿאַרשפּאַרט און געהיט, אַז ס'קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן אַנטלויפֿן.

זייער דריטער חבר איז געווען דער דאָקטער פֿייג פֿון לאָדזש. דורך אים האָט יוזעף צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט איינצלהייטן וועגן לאָדזשער געטאָ, וואָס איז באַקאַנט געווען אַלס דאָס צוממייגסטן הערמעטיש פֿאַרמאַכטע געטאָ. „וויפֿל וואָלט דאָס בראָון געגעבן פֿאַר אַזעלכע אינפֿאָרמאַציעס" — האָט זיך יוזעף געטראַכט, הערנדיק דעם דאָקטער.

— אין לאָדזש — האָט דער דאָקטער דערציילט — האָט רומקאָווסקי, „דער מלך חיים דער ערשטער", ווי מ'האָט אים גערופֿן, אויסגעשפּילט שפּיין איין מאָל אין צען טעג. אויב עס איז ווער געווען אַליין, האָט ער גלייך אַלץ אויפֿגעגעסן, דערנאָך זיך אַריינגעלייגט אין בעט און געוואַרט אויפֿן טויט. די פֿרויען דאַקעגן האָבן צווישן זייערע משפּחות באַוויזן וווּנדער. פֿון ערזאַץ־קאַווע, צו וועלכע זיי האָבן צוגעגעבן קאַרטאָפֿל, כדי ס'זאָל זיך האַלטן און סאַכאַרין, כדי עס זאָל זיין זיס, האָבן זיי געמאַכט טאָרטן. פֿון בריקוועס האָבן זיי געמאַכט קאָטלעטן, פֿון עפּעס אַ מין בלעטער — פֿיש. כדי צו באַקומען אַ זופּ, זענען מענטשן אויפֿגעשטאַנען דריי אַזייגער פֿאַרטאָג. עס האָט געהערשט אַזאַ הונגער, אַז מענטשן האָבן אַרויסגעריסן די פֿליטן פֿון טראָטואַר און געמאַכט זיך ירקות־גערטנדלעך. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן וועגעלעך אָנגעפֿילט מיט ערד און דאָרט עפּעס פֿאַרזעצט. אויף ביינאַכט האָט מען די וועגעלעך אַריינגעפֿירט אין שטוב. געווען מענטשן, וועלכע האָבן זיך געמאַכט גערטנדלעך אויף די דעכער.

דעם דאָקטער פייג האָט זיך פאַר אַ גרעסערער סומע איינגעגעבן אַרויסצוקריגן פון לאָדזש און איז אָנגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. קוים ווי ער האָט דאָ אויסגעפּאַקט די וואַליזקע, האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע און ער האָט געמוזט אַנטלויפן אויף דער צווייטער זייט. אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּסח האָט ער באַשלאָסן צו באַזוכן אַ פריינד, וועלכער האָט נישט געוואָלט אַרויסרירן זיך פון געטאָ; אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך איצט געפונען אין זייף־מאַגאַזין.

פייג האָט געפירט אַ טאָגבוך, ספּעציעל געשריבן פאַר זיין זון, וועלכער האָט זיך געפונען אויף מערב און „וועלכער וועט וואַרשיינלעך קיינמאָל זיך נישט דערוויסן, ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען זיינע פאָטערס לעצטע טעג“. דער דאָקטער האָט זיי צייטנווייז עפּעס געלייענט פון זיין העפט, וואָס איז פאַרשריבן געווען מיט געדיכטן, קליינעם „אַראַבישן“ שריפט. עס זענען דאָרט געווען באַמערקונגען וועגן אַלעמען: וועגן דעם מענטשנס שיקזאַל און וועגן היטלערן, וועגן מוט און „עניִנים פון שלאָפצימער“, אָבער דער עיקר וועגן דער „קונסט ווי אַזוי צו לעבן“. דער אַלטער מענטש האָט געוואָלט וואָרענען זיין זון פאַר אַ גורל פאַר וועלכן ער אַליין האָט זיך נישט געקאָנט באַוואָרענען.

„איך גלויב אין דער מפּלה פון היטלערן — האָט דער דאָקטער געשריבן — צי וועל איך זיך אָבער דערוואַרטן? היינט איז דער פופצנטער מערץ. אויף דער וועלט איז שיין, די זון שיינט, ס׳איז כמעט פרילינג. ביי אייך דאָרט בליט שוין זיכער עפּעס. ביי אונדז אין די נשמות איז טרויעריק, שוואַרץ. דאָס פרילינג־ווינטל פיל איך נאָך נישט. צי וועל איך עס נאָך ווען עס איז דערפילן? ס׳איז מיין אַכט און פופציקסטער פרילינג! וויפל האָט מען געקאָנט אין אַזאַ צייט אויפטאָן? דער מענטש מאַכט זיך אילוזיעס, אַז דאָס וויכטיקסטע איז נאָך פאַר אים, אַז ער וועט נאָך עפּעס אויפטאָן; דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז קיין מאָרגן איז שוין נישט פאַראַן. דעם גאַנצן ווינטער בין איך געשלאָפן אין אַן אומבאַהייצטן צימער און טראָץ דעם האָב איך זיך געוואַשן פון קאָפּ ביז די פיס. ערשט איצט, ווען איך האָב באַקומען די לומבאַגאָ־קראַנקהייט, האָב איך אָנגעהויבן צו וואַשן זיך נאָר דאָס פּנים און האַלדז. זינט 27 חדשים טראָג איך דעם זעלבן אָנצוג מיט אַ צעריסענעם אונטערשלאַק, מיט צעריסענע קעשענעס. די הויזן זענען דורכגעריבן, אָבער זיי האַלטן זיך נאָך!“

„צו פרישטיק עס איך שוואַרץ ברויט מיט אַ ציבעלע און פאַרטרינק מיט תבואה־קאַווע אָן צוקער. פאַר אַ מיטאָג, וואָס באַשטייט פון אַ זופּ, אַ שטיקעלע פלייש, אַ לעפל קאַרטאָפל מיט עפּעס אַ געמיזע צאָל איך צוועלף זלאָטעס. מיינע אָוונט־ברויטן זענען ענלעך צו די פרישטיקן. צייטנווייז פרעגל איך מיר צו קאַרטאָפל אויף אַ קליין ביסעלע חזיר־פעטס; חזיר־פעטס קאָסט 250 זל. אַ קילאָ. אייער זענען ביליקער געוואָרן, זיי קאָסטן צו 4 זלאָטעס, אָבער זיי זענען שוין געווען צו 7 זלאָטעס, די הינער האָבן זיך אָנגעהויבן צו לייגן. אויסער דעם האָט מען אויף די קאַרטלעך באַקומען צו פיר קאַלך־אייער צו 20 גראָשן אַ שטיק. ביי יעדער פריילעכער געלעגנהייט — ווען ס'קומט אָן אַ גוטער קאָמוניקאַט פון פראָנט אָדער אַ בריוו פון דיר — פונדיר איך זיך אַ קיכעלע (6 — 7 זל. אָנשטאָט 20 גראָשן אַמאָל). אַ ציטרין קאָסט 6 ½ זלאָטע. קיין פרוכטן זע איך ניט, זיי זענען צו טייער. דאָס אַלץ אָבער איז ניט וויכטיק, מ'דאַרף זיך דערמיט ניט איבערנעמען".

„די מפּלה פון היטלערן — האָט דער דאָקטער געשריבן אויף אַן אַנדער אָרט — וועט ווידער ווערן אַן אָנהייב פון אַ נייער סיטואַציע, וואָס די וועסט דאַרפן קאָנען באַהערשן, אויב דו וועסט נישט וועלן, אַז זי זאָל איבער דיר הערשן. דעמאָקראַטיע איז אַ גרויס וואָרט, אָבער איך ראָט דיר איינצוהאַלטן צווישן דיר און אַנדערע מענטשן אַ גייסטיקע דיסטאַנץ. גלייכהייט איז אַ גרויס וואָרט, אָבער זי וועט קיינמאָל אין לעבן נישט עקזיסטירן. אויפריכטיקייט איז אַ ווערטפול געפיל, אָבער זי האָט דעם זעלבן סוף ווי נאָכגיביקייט, פאַרשטענדעניש, גרויסמוטיקייט — מענטשן נעמען זי אָן ווי אַ צייכן פון שוואַכקייט. דאָס לעבן איז אַ כסדרדיקער, שווערער קאַמף, גיב דעריבער אכטונג, אַז קיינער זאָל נישט קענען דיינע שוואַכע זייטן, ווייל מען וואָלט זיי זיכער אויסגענוצט קעגן דיר. דאָס לעבן איז נישט נאָר אַ קאַמף, נאָר אויך אַ מין שפּיל, וואָס פאָדערט אומאויפהערלעך מען זאָל אויפמערקזאַם זיין. זאָלסט זיין אַן אויפמערקזאַמער באַאָבאַכטער פון מענטשלעכע הערצער! געדענק, אַז אויב דו פירסט אַ קאַמף מיט דיינע אינסטינקטן, פירן דעם זעלבן קאַמף אויך אַלע אַנדערע, וואָס געפינען זיך אַרום דיר. דער מענטש דאָס איז אַ צוזאַמענשטעל פון די פאַרשידנאַרטיקסטע אינסטינקטן, ליידנשאַפטן, שוואַכקייטן און נויגונגען. מען דאַרף זיי דערקענען סיי פון דער גוטער, סיי פון דער שלעכטער זייט. נעם דיר נישט צופיל צום האַרצן, אויב דו וועסט זיך אין עמעצן אַנטוישן; הגם, אויב עס אַנטוישן אונדז מענטשן,

ווען מיר האָבן געשאָנקען אונדזערע בעסטע געפֿילן, פֿאַרשאַפֿט עס אונדז דעם גרעסטן און שאַרפֿסטן ווייטיק. אויך אַזעלכע פֿאַלן אָבער דאַרף מען באַטראַכטן קאַלטבלוטיק. געדענק וועגן דעם, אַז פּונקט ווי מענטשן אַנטוישן דיך, אַזוי אַנטוישסטו אַנדערע און ווייסט אַפֿילו נישט וועגן. געדענק, אַז דער איינציקער אָנשפּאַר אין לעבן, וואָס באַשטייט פֿון אַ פֿלאַנטער, אַן אוממעגלעכן אויפֿצופֿלאָנטערן, קאָן נאָר זיין די אַרבעט. זאָלסט ליב האָבן דיין אַרבעט, דיין אַרבעטס-וואַרשטאַט. פֿלעג אים, ברייטער אים אויס און היט אים אויס פֿון אַלע סיורפּריזן, אומאויפֿהערלעך זאָלסטו טראַכטן וועגן דיין אַרבעט, פֿאַרטראַכט זי ווי צו מבֿריינטן".

„איין דור איז בלויז איין רגע אינעם לעבן פֿון דער מענטשהייט, דאָס איז בלויז איין אָטעם-צוג פֿון דער גרויסער אייביקייט, אָבער איך באַשווער דיך אויף אַלעמען, וואָס איז אונדז הייליק און טייער, אַז זאָלסט נישט פֿאַרמאַכן די אויגן אויף די רעאַלע דערשיינונגען פֿון לעבן און זיי אָפּשאַצן ניכטער. דער איינשטעל-פּרייז איז אַן אויסערסט הויכער און ווי אַ דראָענדיקער „מעמענטאָ" זאָל דיר שטיין פֿאַר די אויגן מיין גורל. ווען דו וועסט נאָך דער מלחמה זיך אומקערן אַהער, זאָלסטו צונויפֿנעמען די אָנדענקונגען נאָך אונדז, צונויפֿקלייבן די שטוב-זאַכן, מעבל, דיוואַנען, בילדער, וועש, בעטגעוואַנט, אַנצוגן, מאַנטלען, דעם זיידנס פֿעלצן, קלייב צונויף, אויב דאָס וועט נאָך פֿאַרבלייבן, באַדאַנק פֿאַרן אויסבאַהאַלטן, לאָז איבער עפּעס אַן אָנדענק פֿאַר די, וועלכע וועלן דיר די זאַכן אָפּגעבן. איך שרייב אונטער נאָכאַמאָל: זיי נישט קליינגלעך. ליקווידיר אַלע דיינע ענינים און — פֿאַרלאָז דאָס לאַנד! נאָכדעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט וועסטו זיך שוין קיינמאָל דאָ נישט קאָנען פֿילן גוט. בויען אויף אַ בית-עולם טאָר מען נישט. דאָ, צי דאָרט, אומעטום וועסטו זיין אַ פֿרעמדער לויט אונדזער געשיכטע, איבערלעבונגען, פּסיכישער איינשטעלונג. אַזאַ איז אונדזער שיקזאַל. איך בעט דיך אָבער, ווי גאָט איז דיר ליב, זיי מוטיק! עס גייט דאָ אין העכסטן קאָן!".

„ווען איך טראַכט, אַז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט זען, אַז ווען דו וועסט זיך אומקערן אין לאַנד וועסטו אַפֿילו אונדזערע קבֿרים נישט געפֿינען, ווערט מיר טרויעריק אויפֿן האַרץ. מיין איינציקער טרויס אין איצטיקן מאָמענט איז צו שטאַרבן מיט ווירדע, מיט

אַ שמייכל אויפֿן פּנים און גישט ווי אַ גערייגטע חיה. קיין שום מענטש, וועלכער האָט דאָס נישט איבערגעלעבט, וועט נישט פֿאַרשטיין אונדזער איצטיקע לעבן. אַלץ, וואָס דו וועסט אַמאָל הערן, וועט צו ווייניק זיין, „נאָך נישט דאָס“ וועט עס זיין. וואָס מערער איך שרייב, אַלץ מערער האָב איך דיר צו זאָגן. אין די שורות, וואָס איך שרייב אויף, לייג איך אַריין מיין גאַנצע פֿאָטערלעכע ליבע און גרעסטע פֿאַר דיין צוקונפֿט, פֿאַר דיין רואיק און גליקלעך לעבן. אַ ייִד איז דער סימבאָל פֿון די גרעסטע ליידן און פֿון דעם עמפּינדלעכסטן האַרץ! וואָס טאָן, כּדי דו זאָלסט ערנסט נעמען מיינע ווערטער, מיינע עצות און קודם כּל מיין הויפּט-עצה — רעכענען נאָר אויף זיך אַליין. כ'האָב מורא, אַז דו ביסט צו ווייך און שוואַך זיך אַן עצה צו געבן מיט די אַלע שווערקייטן און שטערונגען, וועלכע וועסט אין לעבן אָנטרעפֿן, וועלכע וועלן לאָקערן אויף דיר פֿון אַלע זייטן. היינט ביסטו יונג, אָבער אַ געוויסן טאָג וועסטו זיך צוזאַמענטרעפֿן מיט די אַלע דאגות און ווי וועט דיר זיין, אויב וועסט נישט צוגעגרייט זיין דערויף. לערנען דאַרף מען זיך דאָס גאַנצע לעבן. הונדערט יאָר זאָלסטו לעבן און הונדערט יאָר זאָלסטו זיך לערנען — זאָגט אַן אַלט, רוסיש שפּריכוואָרט. פּונקט ווי דאָס לערנען, די טעכניק, די קונסט האָבן קיין סוף נישט, אַזוי האָט קיין סוף נישט די קונסט, ווי אַזוי צו לעבן. דער סוף פֿון דער דאָזיקער לערע דאַרף זיין דער קבר“.

7

ווען יוזעף האָט צוויי טעג שפּעטער זיך אויפֿגעכאַפּט אינדערפֿרי, אין דער „צווייטער דיכטער“, וועלכער איז געלעגן אויפֿן דיל לעבן אים, שוין נישט געשלאָפֿן. דער דאָקטער איז געלעגן אומבאַוועגלעך אין צווייטן עק צימער. זיי האָבן זיך פֿאַנאַנדערגערעדט, אָבער גערעדט האָט איינציקער — ווי געווינלעך — בלויז קאַרמאַנסקי:

— יעדן טאָג בין איך אויף באָניפֿראַטערסקע-גאַס פֿאַרבייגעגאַנגען די געטאָ-מויערן, הינטער וועלכע עס האָט פֿון אָנהייב געלעבט אַ האַלבער מיליאָן מענטשן און דערנאָך אַלעמאָל ווייניקער. אין דער גאַנצער שטאָט איז נישט געווען קיין מענטש, וואָס זאָל נישט זען, אַז עפּעס ענדיקט זיך, עפּעס באַזונדערס. כ'האָב זיך געזאָגט: נישטאָ

קיין מענטש, וועלכער זאָל נישט אויסטרינקען זיין בעכער מיט ביטערניש, און דו רוקסט אים אָפּ פון זיך. די אויגן פאַרשטעלסטו מיט די הענט, דרייסט זיך אַרויס, ווי דו קענסט נאָר, און דאָך ווערסטו זיך נישט אַרויסדרייען און אין סך הכל ווערסטו נאָך מער באַצאָלן. די מלחמה וועט זיך אַ געווייסן טאָג ענדיקן און לעבנגעבליבענע וועלן פון לעבנגעבליבענע פאָדערן אַ חשבון. ווי וועט דיין השבון אויספאַלן? פאַרשטעקט ביי זיך האָב איך נאָר געזען, אַז עס וואַקסט אין מיר מיין לערקייט. כ'האָב געזען, אַז אין מיר קומט פאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז דאָס ערגסטע. פון ליידן קאָן מען נישט אַנטלויפן און נישט די ליידן זענען דאָס שרעקלעכסטע. שרעקלעך איז צו בלייבן זיצן מיט ליידיקע הענט. כ'האָב געלעבט איינזאַם, אויפן ראַנד פון לעבן, געפילט זיך ווי איך וואָלט פון אַלעמען פאַרשטויסן געווען, געפילט זיך אַזוי ווי מען וואָלט מיך אין ערגעץ נישט געוואָלט צונעמען, נישט אין גן-עדן און נישט אין גיהנום. כ'האָב שפּייז געגעסן, אָבער מיין נשמה איז געבליבן אָן שפּייז; מיינע ליידן זענען נישט געווען קיין לעבעדיקע ליידן. אוימאויפהערלעך האָב איך געטראַכט וועגן אַלעקסאַנדערן. כ'האָב זיך געזאָגט: אָט איז אַ מענטש, וואָס האָט נישט איבערגעשניטן דעם נאָפּלשנור, אַ מענטש, וועלכער וועט אין יום-הדין זיך אַוועקשטעלן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

— ביסט אייפערזיכטיק געווען אויף אַלעקסאַנדערן? — האָט יוזעף געפרעגט.

געוויינלעך האָט ער אויסגעמיטן פראַגן. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיי. ער האָט שטענדיק מורא געהאַט ס'זאָל נישט אַרויסקומען עפּעס אַ נאַרישקייט.

— יאָ.

— און דערפאַר ביסטו אַהער געקומען?

— אפשר דערפאַר.

זיי האָבן ביידע געשוויגן.

דערנאָך האָט קאַרמאַנסקי אָנגעהויבן צו רעדן וועגן טויט:

— איין מאָמענט נאָר דויערט דאָס איבערגיין פון לעבן אין טויט; אָפטמאָל קומט דער טויט אָן ווייטיקן. דער שמייכל בלייבט אויפן פּנים פון די, וועלכע דער טויט האָט געטראָפן בעת זיי האָבן געלאַכט; ביי דערהרגעטע אין אַ שלאַכט בלייבט אויפן פּנים אַן אויסדרוק פון פאַרביסנקייט, בייזקייט אָדער פון אַ קאָנצענטרירטקייט. ווען דער שאָס איז

ווי געהעריק געצילט, קומט דער טויט אַזוי שנעל, אַז דער מענטש ווייסט אַפילו נישט, אַז ער שטאַרבט, ער הערט אַפילו נישט דעם שאָס. די שנעלקייט פון אַן אַרויסגעשאָסענער קויל איז צוויי מאָל גרעסער, ווי די שנעלקייט פון קלאַנג. צום גליקלעכסטן זענען די, וועלכע שטאַרבן פּלוצלונג. צום לענגסטן און צום שטאַרקסטן פאַרטיידיקט זיך אין מענטשן די חיה, וועלכע האָט מורא נישט אַזוי פאַרן טויט ווי פאַר די גסיסה־ליידן, פאַר דעם פירן צו דער עקזעקוציע־וואַנט; דער פאַרמשפּטער חלומט דעמלט וועגן אַ גוט־געצילטן שאָס, כדי דער טויט זאָל תיכף קומען. דעם גרעסטן אָנשטרענג מוז מען מאַכן אין דער ריכטונג, כדי ביזן סוף צו קאָנען די חיה האַלטן אין צוים...

פון דער ערשטער מינוט האָט יוזעף ליב באַקומען קאַרמאַנסקין, אָבער אין דעם זייף־מאַגאַזין האָט ער זיך אייַנגעליבט אין אים. ער האָט געזען ווי קאַרמאַנסקי גרייט זיך צו צום טויט. שעהנלאַנג פלעגט ער אַ פאַרזונקענער אין געדאַנקען ליגן מיטן פּנים צו דער וואַנט. אויף די חברים האָט ער געקוקט מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, יוזעפן האָט ער געגלעט איבער די הענט, צום דאָקטער האָט ער זיך באַצויגן פול מיט אַכטונג. צייטנווייז האָט ער זיי דערציילט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, דערציילט אין גאָלדענע ווערטער. ער האָט צוזאַמענסטן געבענקט נאָכן פיונגע־געסל וואָס אויף אַלטשטאָט. „אַ פאַנגער פון זון! אַ גאָלדן פענצטער צווישן אַ פינצטערער נאַכט!“ — האָט יוזעף געטראַכט.

אַזאַ ליבע מיט וועלכער יוזעף האָט ליב באַקומען דעם „צווייטן דיכטער“ באַגעגנט מען אָפט צווישן קינדער אָדער צווישן זייער יונגע יינגלעך. שעהנלאַנג האָט ער געקאָנט הערן אים דערציילן און די גאַנצע צייט האָט ער מורא געהאַט, אַז קאַרמאַנסקי וועט צו שנעל ענדיקן. אַפילו זיין מיאוס געזיכט האָט אים אויסגעזען צו זיין שיין. עס האָבן אים נישט שאָקירט די אייטערהאַפטע אויגן און נישט די פאַרגרעבטע, צעשפּאָלטענע ליפּן אויף וועלכע עס זענען געווען שפּורן פון פאַרטריקנטן שפּייעכץ. ער האָט שטאַרק ליב באַקומען זיינע קליינע נישט פאַרהאָרעוועטע הענט.

דעם דריטן טאָג האָט דער וועכטער אַוועקגענומען דעם דאָקטער, וועלכער איז שוין נישט צוריקגעקומען. פון דער ערשטער מינוט האָט זיך דער דאָקטער אַרומגעטראָגן אין זייף־מאַגאַזין מיטן אין אַ ראַלקע איינגעוויקלטן העפט, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר זיין זון, און גע־זוכט אַן אָרט, וווּ אים צו פאַרשטעקן. די שרעק פאַרן טויט האָט אים ווייניקער געמאַטערט ווי דער ווייטיק, אַז דער העפט וועט נישט דערגיין צו זיין זון.

— כ'האָב פאַרגעסן אין וואָסער וועלט איך לעב — האָט ער זיך באַקלאָגט — כ'האָב זיך דאָך געקאָנט ריכטן, אַז דער העפט זאָל אומ־קומען צוזאַמען מיט מיר, איז צו וואָס האָב איך געשריבן?

„ווי אויסטערליש דאָס איז — האָט יוזעף געטראַכט — ס'איז אים ווייניקער אַ שאָד דאָס לעבן, ווי די עטלעכע העפטלעך".

אויסבאַהאַלטן דעם העפט אין זייף־מאַגאַזין וואָלט געווען דאָס זעל־בע ווי פאַרלירן אים; מיטנעמען אים אָבער מיט זיך האָט אויך באַדייט פאַרניכטן אים. האָט דער דאָקטער באַשלאָסן צו לאָזן אים יוזעפן.

— אויב זיי וועלן מיך צונעמען, איז מיין סוף. דו ביסט יינגער און קאָנסט נאָך האָבן אַ האָפענונג...

דער וועכטער איז אָבער אַריינגעפאַלן פלוצלונג און דער דאָקטער האָט נישט באַוויזן אָפּצוגעבן דעם העפט.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי איז אַריינגעקומען דער זעלבער סאָל־דאַט, אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק מיט אַן אומאָנגענעם קרענקלעך גע־זיכט און איינגעפאַלענעם ברוסטקאַסטן. ער האָט געזאָגט:

— איינעם פון אייך דאַרף איך האָבן.

יוזעף, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגעוועקט, האָט זיך אויפגעהויבן פון דיל.

— אין מיליטער נעמט מען קיינמאָל נישט דעם, וועלכער מעלדעט זיך אַליין — האָט דער סאָלדאַט געלאַכט. טראָץ דעם איז ער איינגע־גאַנגען מיטצונעמען יוזעפן, ער האָט אים אפילו דערלויבט אַ ווײַלע לענ־גער צו געזעגענען זיך מיט קאַרמאַנסקין.

דער וועכטער האָט יוזעפן געבראַכט צופירן אין הויף, וועגן וועלכן זיי האָבן געטראַכט אַלע זייערע טעג דאָ. אין די פענצטער פון באַראַק

האָט ער ווידער, פּונקט ווי דעם ערשטן אָוונט, דערזען גרופּקעס מענטשן; איינע האָבן פאַרענדיקט זיך אָנטאָן, די אַנדערע האָבן שוין עפּעס איבערגעביסן. סיי די, סיי יענע האָבן פון יוזעפן נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָבן צו אים עפּעס געזאָגט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיי זאָגן „האָב נישט מורא“, „זיי וועלן דיר באַלד געבן עסן“ אָדער עפּעס ענלעכס. דער סאָלדאַט האָט זיי געדראָט, אַראָפּגענומען אַפילו די ביקס, אָבער יוזעף האָט ווי דאָס פאַרגאַנגענע מאָל געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער וועט בשום אופן נישט שיסן. דעם דאָקטער פייג האָט ער נישט באַמערקט, הגם ער האָט אים געזוכט מיט די בליקן. זעט אויס, אַז אין באַראַק איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די ידיעה, אַז מען האָט עמעצן געבראַכט, ווייל צו די פענצטער זענען צוגעלאָפן אַלע מאָל מער נייע מענטשן. זיי זענען נישט געווען נישט שמוציק, נישט באַוואַקסן און נישט אָפּגעריסן; פון זייערע אויגן האָט נישט אַרויסגעקוקט די וואגזיניקייט, ווי ביי די מענטשן אין די בונקערס. ווארשיינלעך האָבן זיי זיך אויף ביינאַכט אויסגעטאָן און אינדערפרי זיך געוואַשן. אַלץ צוזאַמען האָט אויסגעזען אומגלויבלעך, ווייל במשך פון די אַלע טעג און אויך איצט זענען ווייטער פאָרגעקומען אויפרייסן, אַ געדיכטער רויך האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופט, עס זענען געפלויגן פונקען, דאָס געטאָ האָט כסדר געפלאַקערט. ווער זענען, אַלזאָ, די מענטשן און פאַרוואָס שוינען זיי די דייטשן?

דער סאָלדאַט האָט אים אַריינגעפירט אין יענעם מאָדערנעם הויז, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאַסטן און וואָס האָט זיך געפונען אַ פופציק מעטער פון באַראַק, כדי אים צו ברענגען צום לייטענאַנט פליגעל. מיט פיעטעט האָט דער סאָלדאַט אַרויסגעזאָגט דעם דאָזיקן נאָמען, ער האָט דערביי צוגעגעבן, אַז דער לייטענאַנט האָט ליב צו „אַרבעטן“ אינדערפרי.

אין אַ נישט גרויסן, וואַרעמען צימער אויפן ערשטן שטאָק, איז ביי אַ טיש געזעסן דער לייטענאַנט פליגעל. ווען ער וואָלט זיך באַוויזן אָן אַ דייטשישן מונדיר אויף די וואַרשעווער גאַסן, וואָלטן אים די „שמאַלצאָווניקעס“ גלייך באַפאַלן. מיט דער לאַנגער נאָז און קליינעם, מאָגערן טונקעלן געזיכט האָט ער אויסגעזען אויף אַ טיפּישן „צוואַניאַק“ פון סטאַווקע־גאַס. אין אונטערשטן קינבאַק האָבן אים געפעלט צוויי ציין, אַזוי אַז די אויבערשטע ציין זענען דאָרט לייכט אַריינגעפאַלן. די דאָזיקע שפּיל פון די ציין האָט געשאַפן אַ מין סענסאַציע אויף זיין געזיכט, פון

וועלכן ס'איז שווער געווען אָפּצורייסן די אויגן. ווען ער האָט דערזען דעם הויכן יוזעפֿן, האָט זיך דער קליינער פֿליגעל אָפּגעריסן פֿון שטול, וואָס האָט אים גלייך געמאַכט נאָך קלענער. ער האָט זיך אָבער שנעל צוריק אָוועקגעזעצט.

— ! Fabelhaft — האָט ער אויסגעשריען, נישט אַראָפּ־לאָזנדיק פֿון יוזעפֿן די אויגן — מיר קענען זיך דאָך? מענטש, ביסט דאָך אַ מאָלער, נישט אמת?

ווען יוזעף האָט דערהערט די ווייטערדיקע פֿראַגן פֿון קליינעם לייטענאַנט, האָט ער נישט געקאָנט באַנעמען וואָס דאָס זאָל באַדייטן.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? דערקענסט מיך נישט? ביסט דאָך געווען אין לעמבערג? וועסט זיכער נישט זאָגן, אַז דו קענסט מיך נישט?

דאָס, וואָס דער לייטענאַנט האָט זיך אַזוי געוווּנדערט איז נישט געווען קיין אָנשטעל, אָבער יוזעף האָט ווייטער גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. פּלוצלינג איז אַריינגעקומען אַ צווייטער דייטש, אויך אין אַ מונדיר פֿון אַ לייטענאַנט, וועלכער איז צו יוזעפֿן, כאָטש אַ פּאַרוואַקסענער און אין שמאַטעס, אַזוי פֿאַרפֿירעריש ענלעך געווען, אַז זיי האָבן ביידע נישט ווילנדיק אויפֿגעמאַכט די מיילער.

— ענלעך? — האָט אויסגעשריען דער קליינער פֿליגעל.
— ! Fabelhaft — האָט געענטפֿערט דער „ענלעכער“.

נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פֿון יוזעפֿן האָט דער „ענלעכער“ זיך צוגעהערט, וואָס פֿליגעל האָט אים דערציילט און וואָס האָט אויפֿגע־קלערט זיין פֿריערדיקע פֿראַגע. פֿליגעל האָט געדינט אין לעמבערג. דאָס איז געווען דער פֿריאָד, ווען דער גובערנאַטאָר וועכטער האָט דאָרט גע־הערשט. די יידישע גמינע האָט דעמלט געדאַרפֿט צוגרייטן עטלעכע ווילעם פֿאַר די העכערע דייטשישע באַאַמטע און אָפֿיצירן. איינע פֿון די הייזער האָט געדאַרפֿט זיין פֿאַר פֿליגעלן. יעדן טאָג פֿלעגט קומען פֿון דער גמינע אַ גראָבער, „שמאַלצענער פֿאַרשוין“, וועלכער האָט צוגע־היט די אַרבעטן און פֿאַרשריבן פֿליגעלס פֿאָדערונגען. יענער „שמאַל־צענער ייד“ פֿון דער גמינע מיטן נאָמען פֿעלד האָט יעדן טאָג געבראַכט צו פֿירן מעבל, דיוואַנען, בילדער, זילבערוואַרג, פֿולע וואַליזעס מיט וועש, סיי אונטערוועש, סיי איבערצוג. איינמאָל האָט ער אַפֿילו געבראַכט אַ ווייבן פּאָרטעפֿיאַן. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין סך צוטרוי צו

זיין אייגענעם געשמאַק, האָט ער אַראָפּגעבראַכט אַן אַרכיטעקט־ספּעציאַליסט פון איינאָרדענען וווינונגען, „כּדי ס'זאָל אַלץ גיין צוזאַמען“. ביים איינאָרדענען די ווילע האָבן געאַרבעט אַ 20 מענטשן; זיי זענען געקומען אינדערפרי און אין אָוונט האָבן זיי זיך אומגעקערט אין געטאָ. זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע“ — די ווילע איז שוין דעמאָלט כמעט איינגעאָרדנט געווען — זענען געקומען אַלעמאָל ווייניקער מענטשן צו דער אַרבעט, און ביים סוף איז געבליבן בלויז איין מענטש. אַ מאָלער. יענער מאָלער האָט זיך פליגלען געוואָרפן אין די אויגן מיט זיין ענלעכקייט צו קראַפּטן (אַזוי האָט געהייסן דער ענלעכער לייטענאַנט). אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען פליגעל איז אַריין אין קיך, האָט ער דערזען, ווי אויפן דיל שלאָפט דער מאָלער. אין הויז איז נאָך קיינער נישט געווען, פליגעלס משפּחה האָט איצט געדאַרפט קומען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זינט אַ געוויסער צייט איז דער מאָלער נישט געגאַנגען אַהיים אויף בייַנאַכט, ער האָט מורא געהאַט פאַר די „אַקציעס“, פאַר די אַרויסשיקונגען און זיך „איינגעבונקערט“ אין דער קיך. פליגעל און דער מאָלער האָבן דעמאָלט איינער אויפן אַנדערן געקוקט און געשוויגן. דעם צווייטן פרימאָרגן האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סצענע. דער מאָלער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים אויסבאַהאַלטן אומזיסט און יעדן טאָג האָט ער געמאַכט אַ בילד im Beuernstil. ער האָט אַפילו געמאָלן דעם פּאָרטרעט פון הילדע im Beuernstil, יעדעם מאָל, ווען פליגעל איז במשך פון צוויי וואָכן אַריינגעקומען אינדערפרי אין קיך, האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סצענע. קיינער פון זיי ביידע האָט גאָרנישט גזאָגט, אָבער סיי ווי האָבן זיי ביידע וועגן אַלץ געוווּסט. אַ געוויסן פרימאָרגן איז פליגעל אַריין אין קיך און צוויסן געגעבן דעם מאָלער, אַז ער ריכט זיך אויף מאָרגן דאָס אָנקומען פון זיין פרוי מיטן קינד. דאָס האָט באַדייט: לענגער קאָן איך דיך נישט אויסבאַהאַלטן, מוזט אַוועק פון דאַנען. אַזוי טאַקע האָט דער מאָלער דאָס פאַרשטאַנען און אויפצומאָרגנס האָט פליגעל אים שוין אין קיך נישט געטראָפן. פליגעלן איז אַפילו אומאַנגענעם געווען. יענעם פרימאָרגן האָט ער נאָכאַמאָל באַקוקט דעם מאָלערס אַלע אַרבעטן. „אַזאַ טאַלאַנט! און מען האָט אים שוין זיכער געשיקט אויף אויספאָרשונג קיין בעלזשעץ!“

— ווען איך בין געווען אַ קליינער — האָט פליגעל פאָרגעזעצט אין דייטש — דאָס געשפּרעך צווישן פליגעלן און יוזעפן איז אויך פאָרגעקומען אין דייטש, דאָס פאַרשטייען דורך די יידן די דייטשישע שפּראַך

האָט געשאַפֿן אַ העסלעכע היימישקייט צווישן די הענקער און די פֿאַר־משפּטע — פֿלעגט מײַן מוטער געווײנלעך אויף ווײַנאַכט קויפֿן אַ קאַ־ראַש, וועלכער איז געשווומען אין וואַנע אין פֿאַרלויף פֿון אַ סך טעג. איך דערמאָן מיך שטענדיק, ווי איך פֿלעג זיך אַלעמאָל אײַנליבן אינעם פֿיש, און דערנאָך, ווען כ'האָב געקוקט ווי מ'האָט אים אויף ווײַנאַכט געגעסן, האָב איך געוויינט. אַלזאָ, נישט דו טאַקע האָסט מיר אויסגע־מאָלן דעם האָל im Beuernstil ? — האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו יוזעפֿן.

—ניין.

ביידע דײַטשן האָבן זיך איבערגעקוקט.

—ווילסט לעבן? — דער קלײנער פֿליגעל האָט זיך מיטאַמאָל אַוועק־געשטעלט אַנטקעגן יוזעפֿן, פֿון וועלכן ער איז געווען אַ העלפֿט — האָסט געזען די מענטשן אויפֿן הויף? גייט זיי דען שלעכט? הלוואי וואָלט אַזוי געגאַנגען אונדזערע סאָלדאַטן אויפֿן מזרח־פֿראָנט — האָט ער זיך גע־ווענדעט צום „ענגלעכן", נעמענדיק אים פֿאַר אַן עדות. אונדזערע סאָל־דאַטן אויף מזרח וואָלטן זיך געפֿילט גליקלעך, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַזעלכע באַדינגונגען ווי יענע אין באַראַק. ענטפֿער, האָסט געזען יענע מענטשן?

— כ'האָב נישט געזען — האָט יוזעף געענטפֿערט.

— זאָל דאָס אמת זײַן?

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער איז דער קלײנער פֿליגעל אַרויס־געלאָפֿן פֿון צימער.

דער „ענגלעכער" האָט עטלעכע מאָל שווײַגנדיק אַרומגעקרײַזט יו־זעפֿן. ס'איז קענטיק, אַז ער איז נאָך אַלץ איבערראַשט געווען פֿון דעם שפּיצל, וואָס די נאַטור האָט אָפּגעטאָן. זײַער ענלעכקייט צו זיך איז נאָך אַ גרעסערע געווען ווי צווישן ברידער.

פֿליגעל איז צוריקגעקומען. ערשט איצט האָט יוזעף באַנומען פֿאַר־וואָס מען האָט זיי איזאָלירט. אַ געוויסער מאַיאָר האָט געפֿאָדערט מ'זאָל אים געבן עטלעכע פֿון די מענטשן, וועלכע ער האָט געוואָלט מיטנעמען מיט זיך אויף דער פּראָווינץ, און אַזוי ווי דער משוגענער בראַנדט האָט אַ געוויסן טאָג געקאָנט אַלע פֿון באַראַק אַוועקלייגן, האָט מען זיי אויס־באַהאַלטן פֿאַר אים.

נעכטן איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער מאַיאָר איז אַוועקגעפֿאָרן און האָט פֿון די מענטשן רעזיגנירט.

— צי דו האָסט זיי געזען אָדער נישט — האָט פּליגעל אויסגערופן — איז אַלצאיינס. — האָסט זיך שוין אָבער זיכער דערוווּסט, אַז מיר האָבן דאָ עטלעכע צענדליק מענטשן וועמען עס פעלט נישט פון קיין פויגל־מילך. אויך דו קאָנסט באַקומען אַ לעגיטימאַציע, וואָס וועט אונטערגעשריבן זיין פון גובערנאַטאָר פראַנק; אַדאַנק איר וועסטו זיכער זיין מיטן לעבן און מיט אַרבעט ביזן סוף פון דער מלחמה. מיר פאָדערן פון דיר בלויז איינס: וועסט אונדז דערפאַר ווייזן די בונקערס, אין וועלכע דיינע לאַנדסלייט באַהאַלטן זיך אויס, די Judenbunker.. האָט פאַרשטאַנען?

זייענדיק אין זייף־מאַגאַזין האָבן זיי לסוף אָנגעהויבן צו באַגעגענען דעם אמתן זין וועגן די „שמאַלצענע נפשות“ פון באַראַק. די דייטשן האָבן זיי געשוינט, ווייל זיי האָבן זיך געניטיקט אין פאַרעטער, וועלכע זאָלן אויף די רואיקע הויפן רופן: — פאַניע פייגענבלאַט, פאַניע קאָרמאַן, גייט אַרויס, מ׳קאָן שוין! וואַנקאַ שטייט שוין אין אַמוואַצק. זיי האָבן געהאַט אַ פאַרגעפיל, אָבער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די פאַרעטער, האָט זיך דאָס געשפּרעך באַלד פון אָנהייב אַליין אויסגעלאָשן. קיינער האָט קיין חשק נישט געהאַט עס אונטערצוהאַלטן. ווען יוזעף איז היינטיקן אינדערפרי פאַרבייגעגאַנגען דעם באַראַק, האָבן אים די „שמאַלצענע“ פנימער אין די פענצטער אויסגעזען העסלעך. איצט אָבער, נאָכן פאַרשלאַג פון פליגעלן, איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז יענע מענטשן זענען אפשר נישט געווען די ערגסטע, אפשר האָבן זיי די דייטשן אָפּגענאַרט. זיי האָבן צוגעזאָגט, אָבער זיי האָבן דעם צוזאָג נישט געמוזט אויספירן. „לעבן! לעבן! כאָטש אַ שעה לענגער! נישט לאָזן זיך דערהרגענען! נאָר נישט לאָזן זיך דערהרגענען!“

עס האָט אַ שטראָם געטאָן אין אים אַ כוואַליע פון האָפענונג. ער וועט, אַלזאָ, אפשר נישט מוזן אומקומען? פאַראַן, אַלזאָ, אַ האָפענונג, אַז זיינע אויגן וועלן זיך נאָך קאָנען פרייען, זעענדיק די זון? אפשר וועלן זיי אים נישט באַלד דערהרגענען? ווען ער איז פריער אַרויס פון זייף־מאַגאַזין האָט אים די לופט אַזוי פאַרשיכורט, אַז ער איז שיעור נישט געפאַלן פון די פיס. דער הימל האָט אים אויסגעזען צו זיין וווּנדערשיין, אַלץ אויף וואָס ער האָט געקוקט האָט אים אויסגעזען צו זיין וווּנדערבאַר. עס לוינט זיך אַלץ צו טאָן, כדי צו פאַרלענגערן אויף אַ טאָג, אויף אַ שעה די פראַכט פון לעבן!

— איך קען נישט קיין שום בונקערס. — האָט ער פּלוצלונג דערהערט זיין אייגענע שטימע, וואָס האָט אים געקלונגען קינסטלעך און פרעמד. ער האָט זיך אַליין שטאַרק געוואונדערט, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט זאָגן דאָס, וואָס ער האָט בכלל נישט געוואָלט זאָגן. אין די אויגן ביים „ענלעכן“, וועלכער האָט זיך מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אין ביוראָ־טיש, האָט ער באַמערקט אַ שיין פון שטאָלץ. דער „ענלעכער“ איז געווען אַ שיינער מאַן; ער האָט געהאַט שיינע אויגן, אַ שיין מויל, אַ שיינע נאָז און האָט געקאָנט אָנגיין פאַר אַ מוסטער פון דער נאָרדישער שיינקייט אין וועמענס נאָמען ער האָט געמאָרדעט מענטשן און אונטערגעצונדן די וועלט. און ער איז ממש פאַרפירעריש ענלעך געווען צו יוזעפן!

— איצט, יאָהאַן, וועסטו שוין אָפּקאָכן דיין קאַראַש — האָט זיך דער „ענלעכער“ געווענדעט צו פליגעלן און פאַנאַנדערגעלאַכט זיך מיט אַ העסלעך געלעכטער.

— יאָ, כ'וועל אָפּקאָכן! איצט וועל איך אָפּקאָכן! — האָט פליגעל באַשטעטיקט מיט אַ פינצטערער מינע.

דער „ענלעכער“ איז צוגעגאַנגען צו יוזעפן און צום ערשטן מאָל זיך אָפּגערופן צו אים מיט אַ וואָרט:

— און אפשר האָסטו זיך באַטראַכט? אפשר וועסטו דאָך רופן „י י ד ע ל ע ך, ד י י ש ו ע ה א י ז ש ו י ן ד ו“!

ער האָט נאָכגעמאַכט די „קאַפּושן“, וועלכע פלעגן טאַקע אַזוי רופן.

יוזעף איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געשוויגן. פּלוצלונג האָט דער „ענלעכער“ מיטן גאַנצן כוח אים צוויי מאָל אַ זעץ געטאָן אין פּנים. יוזעף האָט דערפילט בלוט אין מויל. ער האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק, וואָס האָט נאָך ווילדער געמאַכט דעם שלעגער. ער האָט זיך געריכט, אַז צום ווייטערדיקן, שלאָגן וועלן זיי איצט אַריינרופן „פּאַבלייט“. אָבער דער קליינער פליגעל האָט באַפוילן אים אַוועקצופירן אין קעלער פון דעם זעלבן הויז.

פאַרנאַכט האָט אַ סאָלדאַט אים געבראַכט אין אַ מענאַזשקע אַ ביסל בעבלעך־זופּ און געפרעגט צי ער האָט געענדערט זיין באַשלוס, אויב נישט, וועט ער נאָך היינט דערשאָסן ווערן. אַזוי ווי ער האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט אים דער סאָלדאַט געהייסן אַוועקשטעלן די מע־

נאַזשקע און גיין מיט אים. ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער, וווּ עס האָבן שוין געוואַרט „פּאַציענטן“. אויפן טיש זענען געלעגן רייטער־בייטשן, וואָס זענען פאַרענדיקט געווען מיט בלייענע באַלעבלעך.

יוזעפן האָט מען אַ פאַרבלוטיקטן צוריק אַריינגעוואָרפן אין קעלער. די לייז, וואָס האָבן זיך איינגעקלעפּט אין אים, די וווּנדן, וואָס האָבן אים געברענט, האָבן אים אַוועקגענומען דעם שלאָף פון די אויגן. פאַרטאָג האָט זיך אים איינגעגעבן איינצושלאָפן אויף אַ קורצער צייט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז אין קעלער שוין געווען טאָג. ער האָט דערפילט אַ הונגער, וועלכער האָט פאַרטריבן דעם ווייטיק. אַרום האַלבן טאָג איז מען געקומען נאָך אים און אַרויסגעפירט אויפן הויף, וואָס האָט געבלענדט מיט זון. דער באַראַק איז דאָס מאָל געווען ליידיק. אויפן הויף זענען געשטאַנען צוויי לאַסט־אויטאָס, וועלכע זענען אַרומגערינגלט געווען מיט זשאַנדאַרן, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטיש געווער. איינער פון זיי האָט יוזעפן געהאָלפן אַרויפקריכן אויפן לאַסט־אויטאָ. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אין פנים פון זשאַנדאַר האָט ער באַמערקט אַ שאָטן פון רחמנות. אין לאַסט־אויטאָ איז געזעסן אַ דיקע, געלע פרוי אין אַ העל דין קליידל, אויף וועלכן זי האָט געטראָגן אַ ווינטערדיקן מאַנטל. דאָס פנים איז ביי איר געווען צעממיתט און די מאַסאַקרירטע הענט האָט זי געהאַלטן משוגעדיק אויסגעצויגן פאַר זיך, ווי זיי וואָלטן נישט אירע געווען. אַ פאַרשטיינערטער האָט יוזעף זי אָנגעקוקט מיט נייגיר. ער האָט געזען ווי זי באַוועגט מיט די ליפּן, אָבער ער האָט גאָרנישט נישט געקאָנט אויסכאַפּן פון דעם, וואָס זי האָט געזאָגט. ערשט ווען ער האָט זיך צוגערוקט צו איר, האָט ער דערהערט, ווי זי חזרט איבער אומאויפהערלעך:

— כ'האָב פאַראַטן! כ'האָב פאַראַטן! און איצט פירן זיי מיך, כ'זאָל זיי ווייזן דאָס אָרט.

— אַ בונקער?

— ניין, דעם אַריינגאַנג אין קאַנאַל. אָבער זיי זענען דורכגעגאַנגען! — האָט זי צוגעגעבן און אין אירע וואַנזיניקע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אָפּשיין פון גליק — חביבה, קאָפּל זענען דורך!

די זשאַנדאַרן זענען אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און די פרוי איז אַנטשוויגן געוואָרן. נאָכדעם ווי זיי זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אויף אַן אָרט, וווּ עס קרייצן זיך די גאַסן. די זשאַנ=

דאָרן האָבן זיי אַרויסגעשטופּט אויף דער שטינקענדיקער, פֿאַרברענטער ערד, וועלכע האָט זיך איצט געבראָטן אונטער דער בלענדנדיקער, מערדערישער זון. אין אַ מינוט אַרום זענען די מונדירן ביי די זשאַנדאַרן, זייערע ברעמען און מיילער ווייס געוואָרן פֿון די נעפּלען שטויב. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך געהויבן ליידיקע, אויסגעברענטע מויערן. די געלע פֿרוי האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דאָ. איצט האָט זי געדאַרפֿט ווייזן דעם אַריינגאַנג אין די קאַנאַלן. זי האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דער גרופּע און איז פֿאָרויסגעגאַנגען, האַלטנדיק די הענט מיט פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע פֿינגער אויסגעצויגן פֿאַר זיך. ענדלעך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ בערגל ציגל און אייזנוואַרג.

— איז עס דאָ? — האָט דער אָפֿיציר געפֿרעגט.

אויסדרייענדיק זיך אויף אַ געוואַלדיקן אופֿן, האָט די פֿרוי צוגעשטימט. איר פּלאַך געזיכט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אומבעקיישס, איז צעקרומט געווען פֿון ווייטיק און פֿון די ווונדן. צי האָט זי באַגריפֿן, אַז דער אַריינגאַנג אין די קאַנאַלן האָבן די דייטשן שוין פֿריער, איידער זי האָט אים אויסגעגעבן, אַנטדעקט און פֿאַרשטאָפּט? צי האָט איר פֿאַרמאַטערטער מוח נאָך געקאָנט עפּעס באַנעמען? צי האָט זי ווייטער אַ פֿאַרצווייפֿלטע זיך געפּייניקט צוליב דעם, וואָס זי איז נישט געווען שטאַרק געווען צו קאָנען שטאַרבן שווייגנדיק? איינער פֿון די זשאַנדאַרן האָט אַ געשריי געטאָן אין דייטש:

— זי זאָגט ליגן!

אַ יונגיטשקער אָפֿיציר מיט אַרויסגעשאַרצטע אַרבל האָט אַ שמייכל געטאָן און איינגערוימט יענעם עפּעס אין אויער, וואָס האָט אים באַרויקט. דערנאָך האָבן זיי יוזעפֿן און די פֿרוי אַריינגעשטופּט אין אַן אויסגעברענטן טויער און באַפֿוילן זיי זאָלן „זוכן אַ קאַבל־שנור“. יוזעף האָט דערפֿילט ווי עס גייט אים דורך אַ פֿראָסטיקע קעלט איבער די פּלייצעס. „איצט וועט זיין דער סוף!“ — האָט ער געטראַכט. פֿאַר די אויגן האָט ער געהאַט ציגל־ברוך, צווישן וועלכן ער האָט דערזען אַ קעלערפֿענצטערל. אויף דעם פֿאָן פֿון די שטויסן ציגל־ברוך האָט פֿאַר אים אויפֿגעטויכט עמעצנס געזיכט, וואָס ער האָט לאַנג נישט געקאָנט זיך דערמאָנען. פֿילנדיק אַ פֿראָסט אין די פּלייצעס, אין קאַרק, האָט ער געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך: עס זאָל נאָר נישט צופֿיל ווי טאָן. אַן איינגעשרומפּענער האָט ער געשפּאַנט אַ טריט פֿאַר דער פֿרוי. פּלוצלונג האָט

אים עפּעס מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כּוח אַ זעץ געגעבן און אַ שלײַדער געטאָן צו דער ערד. ער האָט דערהערט עמעצנס אַן אוממענטשלעכער געשריי, ער האָט נישט געוווּסט צי ער שרייט דאָס, צי די פֿרוי. דערנאָך האָט ער שוין מער גאָרנישט געפֿילט.

9

ער האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן. איבער אים איז געהאָנגען אַ רויִקער, בלויער הימל. אויפֿן ראַנד פֿון האָריזאָנט זענען געשטאַנען ווײַסע וואָלקנס מיט ברעגן דורכגעלויכטענע מיט גאָלדענעם געוועב און דערמאָנט אים אין זעגל־שיפֿן אויף אַ טײַך. צווישן אַ טויטער שטילקייט האָט יוזעף זיך כמעט אַרײַנגעקייקלט אין קעלער, לאָזנדיק אויפֿן ציגל־ברוך שפּורן פֿון בלוט. ערשט אין קעלער האָט ער דערפֿילט דעם ווייטיק אין אויבערשטן טייל פֿוס. אַזוי ווי ער האָט געקאָנט גיין, האָט ער געדרונגען, אַז דער ביין איז געבליבן גאַנץ. דעם פֿוס האָט ער אַרומגעבונדן מיט אָפּגעריסענע שטיקער פֿון אַלטע העמדער, וואָס ער האָט געפֿונען אין די אַוועקגעוואָרפֿענע דאָ וואַליזקעס. דורכן קעלער־פֿענצטערל האָט ער געזען דעם טויטן גוף פֿון דער פֿרוי; דאָס קלייד איז בײַ איר געווען הויך פֿאַרקאַשערט און די אויבערשטע טיילן פֿיס אָפּגעדעקט. ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דעם דאָזיקן בילד. באַלד דערנאָך האָט דער דורשט, וואָס האָט געמאַטערט, דערשטיקט אַלע אַנדערע געפֿילן און געדאַנקען; אַלץ אין אים, דער האַלדז, די אינגעווײדן, האָבן געבעטן וואַסער.

ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן האָט ער, אויסמײַדנדיק די באַלויכטענע ערטער, זיך צוגעשלעפּט צו דער „בירזשע“, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַ הויף פֿון אַן אויסגעברענט הויז כמעט אויף צומאָרגנס נאָכן אויסברוך פֿון אויפֿשטאַנד. אַהער זענען געקומען אַזעלכע, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך ידיעות וועגן דער „סיטואַציע“ און אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט געווער, מיט עסנוואַרג, מיט וואַסער. בײַנאַכט פֿלעגן זיך דערשלעפּן שווער־פֿאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן על פּי נס אויסגעמיטן די מאַסן־עקזעקוציעס. יוזעפֿן האָט געצויגן צו מענטשן, ער האָט געוווּסט, אַז אָן עמעצנס הילף איז ער אַ פֿאַרלוירענער. ער איז געווען צו שוואַך, כּדי זיך אַליין אײַנצושאַפֿן וואַסער, כּדי מיטן אָנקומען פֿון טאָג צו קאָנען אַרויפֿקריכן אויף אַ בוידעם אָדער אַראָפּצוגיין אויסבאַהאַלטן זיך אונטער דער ערד. אָנקומענדיק אויף דער „בירזשע“ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל

אויף אַ בעלקע און מיט די בליקן געזוכט באַקאַנטע צווישן די דורכשאַרנ־דיקע זיך דורך דער פינצטערניש מענטשן, וועלכע האָבן אייגע די אַנדערע אַריינגעקוקט אין די אויגן. דאָ איז פול געווען מיט אַזעלכע ווי ער. זיצנדיק אָדער ליגנדיק האָבן זיי געבעטן וואַסער, ברויט, הילף און דערווייל איז פון זיי אָפּגעגאַנגען דאָס בלוט. עפּעס אַ פאַרוואונדעטער האָט אויסגעצויגן די הענט און געשריען, אַז אויף דער צווייטער זייט האָט ער געזען אַ לאַזן... ער האָט לעבן שמעצער נישט געזען הירשבערגן?!" קיינער האָט אויף אים נישט געלייגט קיין אַכט. לעבן יוזעפן איז עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגע פרוי אין אַ גראָבן, ווינטערדיקן מאַנטל מיט אַ קאַראַקולן קעלנערל. זי האָט געפירט פאַר דער האַנט אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט געפרעגט: — מאַמע, צי וועל איך לעבן? די מוטער האָט נישט געענטפערט, נאָר בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ. עס זענען פאַרבייגעגאַנגען שעהן. דער פאַרטאָג האָט זיך דערנעענטערט. יוזעף האָט שוין געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג. פּלוצלונג האָט אים עמעצער אָנגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל. דאָס איז געווען „אדאַם, אַבראַם אויף אונדזער לשון", דער זעלבער, וועלכער האָט געבראַכט צופירן דעם „צווייטן דיכטער".

פאָלקס־אויפשטאַנדן ווערן באַצייכנט אַלס פאָלקישע דערפאַר, ווייל די ריגעס פון ווידערשטאַנד, וואָס זענען געבונדן מיט אַ געמיינזאַמער אידעע, מיט דער אידעע פון קאַמף, אַנטשטייען אומאָפּהענגיק פון זיך. איינעם אַזאַ רינג האָט געשאַפן „אדאַם, אַבראַם אויף אונדזער לשון". ער האָט געהאַט אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַכט חברה־לייט, וועלכע האָבן געוווינט אין צוויי הייזער אויף מילע־גאַס, וווּ ס'האָט שטענדיק געוווינט די יידישע אָרעמשאַפט. די יינגלעך זענען גע־בונדן געווען מיט אַ שבועה, וואָס אַדאַם האָט צונויפגעשטעלט פאַר זיי. זיין גרופּקעלע האָט אַדאַם אַ נאָמען געגעבן אָרגאַניזאַציע, ווייל דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע" האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך גרויסן כישוף. איין זאַך האָט אַנטהאַלטן דעם גאַנצן פּראָגראַם: שלאָגן די דייטשן, די פאַרעטער און ראַטעווען דעם כבוד פון פאָלק. אַזוי ווי די יינגלעך זענען געווען אָרעם און האָבן זיך געניטיקט אין געלט אויף צו קויפן געווער, האָבן זיי דאָס געלט גענומען — נאָך לאַנגע דיסקוסיעס — ביי רייכע און ביי „פאַס־קודניאַקעס". זיי זענען געקומען צום באַשלוס, אַז כדי צו ראַטעווען דעם כבוד פון פאָלק, מעג מען זייער געלט קאָנפיסקירן אויף איינצוקויפן גע־ווער. דאָס האָט געשאַפן מעגלעכקייטן פאַר מיסברויכן, אָבער אין דער

פּראַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ייִנגלעך האָבן פאַרמאָגט אייגנווירדע און קיין איין „דעראָבערטער" זלאָטע איז נישט געגאַנגען אויף עפּעס אַנדערש, ווי אויף געווער. די גרופּע האָט געהאַט איר פּונקט אויף אַ בוידעם פון אַ הויז אויף מילע־גאַס. עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די שריפות זיי אַרויסגעיאָגט פון דאָרט און די ייִנגלעך האָבן געמוזט זוכן אַ באַהעלטעניש צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ קרום אויג. מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין אַ בונקער און דערנאָך נישט געוואָלט אַרויסלאָזן „כדי זיי זאָלן נישט פאַראַטן". מ'האָט געפאָדערט פון זייער באַוואָפענונג אַ ביקס אַלס משכון. נאָך אַ ישוב הדעת האָט מען די ביקס צוריקגעגעבן, ווייל מ'האָט מורא געהאַט די דייטשן זאָלן אין בונקער נישט געפינען קיין געווער.

די ייִנגלעך האָבן געוואָלט זיך אַרויסקריגן פון געטאָ, כדי צו גיין קעמפן אין די וועלדער. זיי האָבן זיך „געלאָזט צו דער מויער". פון אַכט זענען לעבן געבליבן בלויז דריי. די זעלבע נאַכט האָט עפּעס אַ גוססדיקער מענטש זיי אָפּגעטראָגן זיין אונטערגעגראָבענע הייל „דורך וועלכער, ווי ער האָט געזאָגט, מ'האָט געקאָנט דורכגיין אויף דער צווייטער זייט". דער שטאַרבנדיקער האָט געוואָלט, אַז „ברידער זאָלן געניסן פון דעם, פון וואָס ער האָט שוין נישט געקאָנט געניסן". — קינדער — האָט דער גוססדיקער זיך געווענדעט צו זיי — נעמט נקמה פאַר אַ ברודער! נעמט נקמה פאַר די מענטשן, וועלכע קומען אום אומשולדיק! — די דאָזיקע צוואה, וואָס דער שטאַרבנדיקער האָט געלאָזן אין אַ נאַכט, אַ באַלויכטענע פון שריפות, האָט אויף די ייִנגלעך געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק.

די הייל, וואָס דער שטאַרבנדיקער האָט זיי איבערגעגעבן, האָט געהאַט אַכציק צענטימעטער די ברייט, אַ מעטער צוואַנציק די הויך און פופצן מעטער די לענג. איידער זיי זענען אַהין אַריין, האָבן די ייִנגלעך, כדי צו פאַרווישן די שפּורן, אַוועקגענומען די טעפּלעך, שמאַטעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין דער נאָענט. דער קליינטשיקער טונעל איז באַזאָרגט געווען מיט עלעקטריש ליכט, וואָס האָט זיי געקאָנט פאַראַטן, אָבער זיי האָבן באַשלאָסן נישט צו פאַרניכטן די לייטונג. מיטנעמענדיק מיט זיך אַלץ, וואָס האָט זיי געקאָנט נוצן — שפּייז, וואַסער, קליידער, לאָפּאַטעס, קילאָפּן — און פעסטשטעלנדיק, אַז קיינער האָט זיי נישט באַמערקט, האָבן זיי זיך פאַרשיט מיט זאַמד אויף אַ שיכט פון אומגעפער צוויי מעטער. בלויז דאָס „פאַרמאַכן" די הייל האָט זיי פאַרנומען צוויי שעה.

10

מיטנעמענדיק מיט זיך יוזעפן, האָבן די ייִנגלעך זיך אומגעקערט אין זייער קליינטשיקן טונעל, כאָטש ער האָט זיך זיי שוין נישקשהדיק דערעסן. זיי זענען אַפילו דעם פאַרגאַנגענעם טאָג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיי דאַרפן רעזיגנירן פון ווייטערדיקן גראָבן, ווייל דאָס וועט גאָרנישט געבן. ווען זיי האָבן אָבער אויף דער „בירזשע" זיך צוגעהערט צום קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן גורל פון די מענטשן, וועלכע מען שלעפּט אַרויס פון די בונקערס און געזען די שטויסן ברענענדיקע מתים, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרבייסן די ציין און גראָבן ביזן סוף.

ס'איז געווען איינס אַזייגער בייטאָג. יוזעפן האָבן זיי אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און אַליין גענומען זיך צו דער אַרבעט. בלויז עטלעכע שעה אין דער נאַכט האָבן זיי געקאָנט גראָבן. בייטאָג האָבן זיי געמוזט אויסמיידן יעדן רויש. ביז פינף אַזייגער אינדערפרי, ביז ס'איז ליכטיק געוואָרן, האָבן זיי געגראָבן ביי דער אָפענער עפענונג און אַרויסגעוואָרפן עטלעכע מעטער זאַמד. זיי האָבן דורכגעגראָבן דעם טונעל אויף אַ לענג פון אומגעפער אַ האַלבן מעטער. דאָס איז געווען אַן אַרבעט, ביי וועלכער זיי האָבן געמוזט אָדער שטיין אויף די קני אָדער ליגן. ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרמאַכן זיך. מיטן אָנקומען פון פרימאָרגן האָט זיך אויבן אָנגעהויבן די „אַקציע" און זיי האָבן געמוזט ליגן אומבאַוועגלעך.

אַרום האַלבן טאָג האָט זיך יוזעף דערפילט נישט מיט אַלעמען. „ביז נאַכט וועל איך נישט אויסהאַלטן, כ'וועל דערשטיקט ווערן" — האָט ער זיך געטראַכט. ווען ער האָט אַ קוק געגעבן אויף איינעם פון די ייִנגלעך, אויף סמאָלען, וועלכער איז געלעגן צונאָענטסטן צו אים, האָט ער געזען, אַז אויך ער איז געל און גרין געוואָרן און אָטעמט קוים. איבער סמאָלען האָט שטייענדיק אויף די קני, זיך איינגעבויגן אַדאַם און געמורמלט:
— נעם דיך אין די הענט, סמאָלע! שוין נישט ווייט צו נאַכט! — סמאָלע האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיטן קאָפּ, וואָס האָט באַדייט, אַז ער פאַרשטייט. יוזעף האָט געהערט ווי דאָס האַרץ זעצט אין אים אַלעמאָל העכער. ער האָט געפילט ווי אין די שלייפן גייט דורך אַ פּראָסט און עס זעצט אין זיי ווי מיט אַ האַמער. ער האָט נישט געקאָנט באַוועגן נישט מיט קיין האַנט און נישט מיט קיין פוס. די אויגן האָבן זיך פון זיך אַליין פאַר=

מאַכט, אָבער ער האָט זיי מיט געוואַלד אויפגעריסן. „אין אַזעלכע פאַלן — האָט ער זיך געטראַכט — דאַרף מען זיין אויף דער וואַך“. דאָך איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון פאַרגליווערונג.

ער איז ערשט געקומען צו זיך, ווען אַדאַם האָט אים אַ טרייסל געטאָן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אין דער צייט באַוויזן אויסצוגראָבלען אַן עפענונג אויף צען צענטימעטער, דורך וועלכער ס'האָט אַריינגעטריפט לופט. ליגנדיק מיט צוגעשטעקטע מײַלער צו דער עפענונג האָבן די ייִנגלעך געטרונקען די לופט. סמאָלע האָט יוזעפן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט. אַזוי, צולייגנדיק דאָס מויל צו דער ערד, ווי צו אַן עפענונג אין אַ פעסל ווייַן, האָבן זיי זיך געטוישט ביזן אָוונט, ווען די באַוועגונג אויבן האָט זיך איינגעשטילט און עס האָבן זיך דערהערט „אַנדערע“ קלאַנגען. עטלעכע ייִנגלעך: אַדאַם, סמאָלע און אַ דריטער נאָך — סאַמעק, האָבן, טויט־מידע, אָנגעהויבן זיך אויפצוגראָבן. מיט די לאָפּאַטעס, וואָס האָבן געווויגן אַ טאָן, האָבן זיי אויסגעגראָבן אַן עפענונג, דורך וועלכער זיי האָבן באַוויזן דורכצוקריכן.

זיי זענען אַרויס, כדי קודם כל צו דעראָבערן אַן אַנדערן בונקער, ווייל זייערער האָט צו גאָרנישט געטויגט. זיי האָבן אויך געמוזט זוכן וואַסער. יוזעפן, וועלכער וואָלט געוועזן מיט זיין קראַנקן פוס בלויז אַ שטערונג, האָבן זיי איבערגעלאָזן. זיי האָבן אים געזאָלט אַוועקנעמען נאָכדעם, ווי זיי וועלן געפינען אַ נייעם בונקער.

דאָס מאָל האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע ווי די פאָריקע נאַכט. ווען זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו די פרישע דערהרגעטע, צו די פאַרוווּנדעטע און די שטויסן ציגל־ברוך, האָבן זיך די ייִנגלעך געזאָגט, אַז נישט קיין נייער בונקער וועט לעזן זייער סיטואַציע, אַז זיי מוזן ווייטער גראָבן און מיט דעם באַשלוס זענען זיי צוריקגעקומען.

פאַרשטענדיק זיך האָבן זיי דאָס מאָל נישט פאַרמאַכט זיך אַזוי הערמעטיש. זיי האָבן געלאָזן אַ קליינע עפענונג, ביי וועלכער זיי זענען געזעסן און געטרונקען לופט. זיי האָבן אויך באַשלאָסן ווייניקער זיך צו באַוועגן, כדי שפּאָרזאַם צו זיין מיטן זויערשטאָף. טראָץ דעם האָבן זיי נישט געקאָנט אויסמיידן די שטיקונגען, נאָר אויף אַזויפיל האָט זיך געענדערט, וואָס דאָס שטיקן זיך האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער.

כדי צו האָבן וואָס מער לופט, האָבן זיי ביינאַכט געגראָבן ביי אַ פרייער עפענונג — דורך וועלכער זיי זענען אַריינגעקראָכן. זיי האָבן געהאַט

בלויז צוויי לאָפאַטעס און געמוזט אַרבעטן טוישנדיק זיך. איינער האָט געגראָבן, אַ צווייטער האָט מיט אַן עמער אַרויסגעטראָגן די ערד, באַמיענדיק זיך אַזוי זי צו צעוואַרפן, אַז זי זאָל נישט ציען קיין אויפמערקזאַמקייט. אַ דריטער האָט געהאַלטן וואַך. אויב עס האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער, האָט מען אים מאָמענטאַל אָפגעטריבן, דראָענדיק אים מיט דער לאָפאַטע אָדער מיטן רעוואָלווער. די יינגלעך זענען אויסגעדאַרט, פאַרשוואַרצט און אָפגעשוואַכט געוואָרן. אָבער מיט דעם גרעסטן אָנשטרענג פון ווילן האָבן זיי ווייטער געגראָבן.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט פלעגן זיי זיך אויפגראָבן און געלאָזט זיך אויף אַ שעה, אויף צוויי צו דער „בירזשע“, כדי צו באַקומען וואַסער און ידיעות; ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי זיך גענומען צו דער ווייטערדיקער אַרבעט מיט אַ פאַרשטאַרקטן אימפעט. אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט פאַרמאַכט, האָבן זיי דערהערט פון ערגעץ נאָענט, אַזוי ווי דורך דער וואַנט, אַ געשפרעך אין דייטש. די געשפרעכן האָבן זיך דערנאָד, אין פאַרלויף פון טאָג, איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. ערגעץ נאָענט האָט זיך געפונען אַ דייטשישער וואַך־פּאָסטן. די יינגלעך האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז אויב זיי וואָלטן זיך אַפילו דורכגעגראָבן, וואָלטן זיי אַריינגעפאַלן גלייך אין די הענט פון די זשאַנדאַרן.

11

יוזעף האָט דורכן אָפענעם אַריינגאַנג פון טונעל זיך צוגעקוקט צו די פייערדיקע פלאַמען, זיך איינגעהערט אין די אָפקלאַנגען פון די שריפות, אין ווייטע טריט און געשפרעכן. די יינגלעך, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען, האָבן דאָס מאָל באַשלאָסן צו טוישן די באַהעלטעניש. זיי האָבן געדאַרפט צוריקקומען פאַרטאָג. פאַרקוקט אין דער נאַכט, האָט יוזעף זינט עטלעכע מינוט גאָרנישט געזען. איין געדאַנק נאָר האָט איצט פאַרשלונגען זיין מוח. צוריקציענדיק זיך אין טונעל, האָט ער הינקענדיק זיך צוגעשלעפט צום סוף הייל. זינט דעמאָלט ווען זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די דייטשן זענען ערגעץ נאָענט פון דאַנען, זענען די יינגלעך געלעגן ווי די לעמעלעך. יוזעף האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו דער ערד — קיין שום רויש, קיין שום קלאַנג. ער האָט געכאַפט דעם קילאָף און אָנגעהויבן מיט אים צו זעצן מיטן גאַנצן כוח. ערשט נאָך פופצן מינוט, ווען ער האָט פאַרלוירן דעם חשק צו אַזאַ ווייטערדיקער אַרבעט, וועמענס רעזולטאַטן

ער האָט אַפילו נישט קאָנטראָלירט, האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם קילאָף. די עלעקטריע האָט נישט פונקציאָנירט און קיין שוועבעלעך האָט ער נישט געהאַט. שוועבעלעך זענען געווען מיט גאָלד צוגלייך. כדי צו וויסן אין דער פינצטערניש פון בונקער וויפל ס׳איז דער זייגער, האָט איינער פון די יינגלעך כסדר געציילט; טיילמאָל איז דער אונטערשייד צווישן דער אויסגערעכנטער צייט און דער ווירקלעכער דערגאַנגען ביז 4 שעה.

אַוועקוואַרפנדיק דעם קילאָף איז יוזעף ווידער אַרויס פאַרן טונעל. ס׳איז געווען אַן אַלבנהדיקע נאַכט, אַ פאַרנע, אַ נאַכט פול מיט שריפות און קרעכצן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט זיך יוזעף אומגעקערט צום אָרט, וווּ דער טונעל ענדיקט זיך און אָנגעהויבן אַרומטאַפּן די ווענט. פלוצלינג האָט ער דאָרט דערשפּירט ציגל. — „פון וואַנען האָבן זיך אַהער געקאָנט נעמען ציגל?“ ס׳האָט ביי אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק: ס׳האָט געקאָנט זיין איינער פון די פרי=צוגעגרייטע היילן, וואָס איז לייכט מיט ערד פאַרמאַסקירט געוואָרן דורך מענטשן, וועלכע מ׳האָט דערנאָך אַרויסגעפירט אָדער דערהרגעט. יענער שטאַרבנדיקער מענטש האָט דאָך דאָס דייטלעך געזאָגט די יינגלעך! אַן אויפגעטרייסלטער פון דער אַנטדעקונג, האָט ער אין דער פינצטער ווייטער באַטאַפּט די ווענט ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַן עפענונג. ער איז דורכגעקראָכן דורך דער עפענונג און פאַרוואונדעט זיך די הענט אין אייזן. אין אַ פולשטענדיקער פינצטערניש האָט ער עטלעכע מינוט געשלעפּט זיך אין וואַסער, אָנגעשלאָגן זיך אין רערן און אין קאַבלען, אָבער טראָץ אַלעמען האָט ער מיט אַן עקשנותדיקן ווילן געדרוקט זיך פאָרויס. ער איז געפאַלן און זיך אויפגעהויבן און ווידער געקראָכן אויף אַלע פיר איבער ברעטער און שטיינער. עס האָט זיך געגאָסן פון אים דער שווייס, אָבער ער האָט נישט געפילט קיין מידקייט און נישט דעם ווייטיק פון פוס. פלוצלונג איז דאָס האַרץ אין אים אָפּגעשטאָרבן. ער האָט דערהערט אַ געשפּרעך, וואָס מ׳האָט געפירט ערגעץ העכער. ס׳איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז ער געפינט זיך שוין אויף דער צווייטער זייט, אויסער די געטאָ=מויערן.

* *

*

די וועכטער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּגיין אין קעלער. זייער אָטעם האָט ממש אַ בלאָז געטאָן אויף יוזעפן. ס׳איז געווען אַ נס, וואָס זיי האָבן אים נישט דערשפּירט. זיי האָבן זיך מיט זיכערקייט באַוועגט אין דער פינצטערניש, האָבן זיכער גוט געקענט דעם קעלער. ער האָט צוגעוואַרט ביז די

טריט האָבן זיך דערווייטערט און איז אַרויף אויבן. ווי אַלע אין געטאָ אין יענער צייט, האָט ער די פיס געהאַט אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. דורכגייענדיק דעם פאָדערהויז, האָט ער זיך געפונען אין אַ הויף. דורך אַן אויסגעהאַקט לאָך אין מויער האָט ער געזען דעם לאָמפּ אויפן גאַס, וואָס האָט געלויכטן אַזוי רואיק ביז ווייטיק. אַ באַטויבטער, אַ פּאַראַליזירטער, איז ער געשטאַנען אין מיטן הויף און נאָכגעטראַכט וואָס ווייטער צו טאָן, ער האָט געוווּסט, אַז די געגנט איז אַרומגעשטעלט און דאָך האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט צי ס'וואָלט נישט מעגלעך געווען אַרויסצוגיין דורכן מויער און אַנטלויפן אונטער דער שוץ פון דער נאַכט. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין זײַן פאַרוווּנדעטן פוס, האָט ער זיך פאַרקערעוועט צו די טרעפּ. ווי נאָר מעגלעך שטיל איז ער אַרויף אויפן לעצטן שטאָק און פון דאַנען אויפן בוידעם. דאָס הויז האָט פריער געהערט צום געטאָ און דער בוידעם איז געווען דורכגעהאַקט. צוליב די פאַרשידנסטע סיבות זענען אַלע בוידעמס אין געטאָ געווען דורכגעהאַקט.

נאָן אַכצן שעה אוממענטשלעכע ראַנגלענישן און נאָכדעם, ווי ער איז יעדע מינוט געשטאָרבן, איז ער אָנגעקומען צו זיך אין שטוב.

12

פיר וואָכן האָט געדויערט דאָס היילן דעם פוס, די נשמה און זײַן דמיון. צום בעסטן האָט זיך געהיילט דער פוס. קיין קויל האָט דער בירורג בכלל נישט געפונען.

בײַנאַכט האָט זיך יוזעף אויפגעריסן פון שלאָף, שטיקנדיק זיך מיט בויך, פאַרטיידיקנדיק זיך קעגן די פלאַקערנדיקע הויפנס מיט מתים, קעגן דער העפלעכער, ווערעמדיקער, קצבישער נאַקעטקייט פון טויט. אויפכאַפנדיק זיך איגדערפרי האָט זיך אים נישט געוואָלט גלויבן, אַז אין דרויסן איז פאַראַן אַ ריינער, בלויער הימל. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אין אַ ווײַלע אַרום וועט זײַן בליק פאַלן אויף זײַנע אויף דער ערד ליגנדיקע אָפּגעריסענע, פאַרווילדעטע הברים. ס'איז אים נויטיק געווען אַ סך טעג, כדי צו פאַריאָגן פון זיך דעם קאָשמאַר פון יענער זייט מויערן. און דאָך, ווען ער איז נאָר געקומען צו די כוחות און דער פוס האָט אויפגעהערט צו מאַטערן, האָט אים אָנגעהויבן צו מאַטערן דאָס געוויסן. ער האָט זיך פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז אַנטלאָפן. עס האָט אויפגעטויכט דאָס געזיכט פון „צווייטן דיכטער“, וואָס האָט אים קיין רו נישט געגעבן. ער איז גע=

קומען צום אויספיר, אַז ער מוז עפּעס טאָן, אַז ער טאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. די אָנשטרענגונגען, וואָס ער האָט געמאַכט, כדי צוצו־קומען צום דאָקטער בראַון, האָבן גאָרנישט געגעבן. דער דאָקטער האָט געטוישט די וווינונג, עס האָבן זיך אויך נישט איינגעגעבן די פּרוּוון צו פאַרבינדן זיך מיט חברים פון דער אָרגאַניזאַציע. אינעם נאָענטסטן קרייז איז געווען אַ „דורכפאַל" און מענטשן האָבן געענדערט די אַדרעסן. נאָך פיר וואָכן, ווען יוזעף האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער וועט נישט געפינען קיין וועג צו דער אָרגאַניזאַציע, און איז אָנגעוויזן בלויז אויף זיך אַליין, איז ער אַוועק אויף אַלטשטאָט צו אַ מענטש, מיט וועלכן ער האָט טיילמאָל „גע־אַרבעט". דאָס איז געווען סטאַשעק שקלאַני, וועלכן מ'האָט אַמאָל גערופן „קעניג פון די שמוגלערס". ער איז דער ערשטער געפאַלן אויפן געדאַנק דורכצוציען מילך דורך אַ רינע; ער האָט דער ערשטער דורכגעשטופּט אַ לעבעדיקע קו דורך אַ לאָך אין מויער אויף עלעקטאָראַלנע־גאַס, שלאָגנ־דיק די בהמה מיט זיין שירעם איבערן הינטער־חלק, וואָס האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דאָס האָט ער, בשותפות מיט שלאָמקען קאָזע, איינעם פון די „קעניגן פון די שמוגלערס" „אָרגאַניזירט" דאָס אַריינפירן אין געטאָ וועגענער מיט קאָרן און ווייץ, וואָס זענען אין העלן טאָג אַדורכגע־פאָרן דורך דער דייטשישער וואַך. ווי אַזוי זיי האָבן נאָר געקאָנט, האָבן די צוויי מוטיקע מענטשן געקעמפט קעגן געשפּענסט פון הונגער אין געטאָ. דאָס האָבן זיי אויסגעלערנט די יידישע פּאָליציאַנטן, וועלכע מ'האָט גע־רופן „שפּילערס", צו „שפּילן" ביי דער וואַך, „אונטערצושמירן", אונטער־צוקויפן די זשאַנדאַרן. ווען קאָזע איז אומגעקומען פון פראַנקענשטיינס אַ קויל, האָט ער געהאַט אין געטאָ איינע פון די אימפּאָזאַנטסטע לוויות. די שמוגלערס פון ביידע זייטן האָבן זיך צוגעשטעלט אין קאָמפּלעט. דעם פוילישן צד האָט דעמאָלט רעפּרעזענטירט סטאַש שקלאַני, וועלכער האָט פון אויסזען דערמאָנט אַ געלערנטן, ער האָט געטראָגן בינאָקלען, אַ שטערן אין ביי אים געווען, ווי ביי אַ מענטשן אַ דענקענדיקן, אַ געשטאַלט, וואָס „האָט געוועקט צוטרוי", ווי די שמוגלערס האָבן געזאָגט. „שקלאַני" האָט מען אים גערופן צוליב די בינאָקלען. אַמאָל איז ער געווען אַ באַן־אַר־בעטער, אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע אָבער האָט ער „נישט באַנייט דעם קאָנטראַקט". ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן, ווי אַ סך אַנדערע מענטשן, אַריבערשיקן דורך די מויערן סחורות פאַרן געטאָ, און די באַשעפטיקונג איז אים געפעלן. ווען די אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט פאַרבינדן זיך מיטן געטאָ, האָבן אָפטמאָל אירע מענטשן זיך געווענדט צו שקלאַנין נאָך הילף.

יוזעף האָט שקלאַגין געטראָפן אויפן בעט אין דער מאַרינאַרקע און אין די שיך. זיין וווינונג איז באַשטאַנען פון איין לאַנגן צימער מיט אַ געוועלבטן סופיט און מיט אַ שיינעם אויסקוק אויף דער ווייסל. לענגאויס איין וואַנט איז געשטאַנען אַ בעט, אַ שאַנק, אַ שפיגל, און לענגאויס דער צווייטער — אַן אויוון און אַ טיש מיט שטולן; דער מיט צימער איז געווען ליידיק.

יוזעפס באַווייזן זיך ביי אים האָט ביי שקלאַגין נישט אַרויסגערופן קיין שום פאַרוווּנדערונג. ער האָט זיך אַפילו נישט אויפגעהויבן, די האַנט האָט ער אים דערלאַנגט ווי צו אַ קוש געבן.

— לעבסט, זע איך, יוזעף?

— כ׳קום פון דאָרט — האָט יוזעף מיט ערנסטקייט געזאָגט, כדי גלייך צוצומרעטן צו דער זאַך.

— מאַכסט ליצנות!

יוזעף האָט באַמערקט, ווי פאַרדעכטיקט שקלאַגינס בלויע אויגן האָבן הינטער דיברילן אַ בליץ געטאָן.

— פאַניע סטאַשעק, איך קום געשעפטלעך.

— „אַריבערוואַרפן“, פאַניע יוזעק?

— נאָך בעסער!

— אויב נאָך בעסער, מאַכסטו ליצנות!

— „קעפּלעך“, מענטשן וואַרטן דאָרט, זיי וועלן פאַרן דורכפירן געבן יעטוועדע סומע.

— קוילן, האָסטו געוואָלט זאָגן.

— נישט יעדע קויל טרעפט, פאַניע סטאַשעק.

— וואָס מיינט איר, פאַניע יוזעק? איר זעט דאָרט די קלאָפּסלעך?

— ער האָט אָנגעוויזן אויף קליינע קעסטלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין ווינקל — כ׳האָב „אַריבערגעוואָרפן“ ווי לאַנג ס׳האָט זיך געלאָזט. אָבער איצט? ביי די מויערן שטייען סיי די אין די אייזערנע קאַפּעליושן, סיי די שוואַרצע, סיי די כאָכלעס, סיי די גראַנאַטענע. זיי היטן ווי מען היט אַ קימפעטאָרין אין בעט.

— פאַניע סטאַשעק, מ׳דאַרף „אָרגאַניזירן“ אַן עקספּעדיציע. ס׳איז אַן ערנסטע זאַך.

— ווי אַזוי? דורך וואַנען?

— מיט די קאַנאַלן.

— מיט די קאַנאַלן? מענטש איינער. זיי פֿאַרקאָרקעווען די קאַנאַלן אויך! אין העלן טאָג זענען אייערע אויף רימאַרסקע אַרויסגעגאַנגען פֿון די קאַנאַלן. זיי האָבן זיך פֿאַרשטעלט מיט די הענט די פֿאַראייטערטע אויגן, האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן שיכור געווען, די ריחות אין די קאַנאַלן האָבן זיי מסתמא פֿאַרשיכורט. זיי זענען געווען שרעקלעך דורשטיק, ווייל זיי האָבן אָן אויפֿהער געלעקט די ליפּן. די דייטשן האָבן זיי פֿאַרנומען ווי די קעצלעך און — אויפֿן אָרט! אַלע זיבן! אַזש אַ רחמנות, ווייל דאָס זענען דאָך מענטשן... ווי אַזוי זיי ראַטעווען? אויך איך וואָלט געוואָלט.

— פֿאַניע סטאַשעק, פּופּצן טויזנט פֿון אַ „קעפּל“. אַזאַ פּרייז גיט מען דאָרט, מ'דאַרף ריזיקירן. איך וועל באַצאָלן פֿאַר צוויי, פֿאַר דריי — פֿון פֿאָרויס. אַהין גייענדיק דאַרף מען מיטנעמען ברויט, טאַבאַק, שוועבעלעך, ליכט, ציבעלעס — מ'וועט אויף אַלץ געפֿינען קונים. אויף צוריקוועגס וועט מען אין די זעק אַריינפּאַקן מלבושים. עס לוינט זיך, הייבט אייך אויף. איר זענט געוואָרן אַ באַבע, פֿאַניע סטאַשעק. ווי גאָט איז מיר ליב, אייך איז נייטיק באַוועגונג.

— אויך איר האָט דאָס באַמערקט, פֿאַניע יוזעק!? — האָט סטאַש שקלאַני אויסגערופֿן און שיער זיך נישט פֿאַנאַנדערגעוויינט. ער האָט אַרויסגענומען דעם פּאָרטפֿעל און אַרויסגעצויגן פֿון דאָרט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ פּולינקער ברונעטקע מיט ווילדע, שוואַרצע אויגן.

— די פֿרוי, פֿאַניע יוזעק, האָט מיך אויסגעענדיקט. יוזעק, וואָס פֿאַר אַ ציצקעלעך זי האָט! די שענסטע ציצקעלעך אויף דער וועלט! מיין ווייב באַגיסט זיך מיט טרערן. סטאַשעק, זאָגט זי, סאַראַ שלעכטער ביסטו געוואָרן צו מיר. זי גיט דיר אין דער לעבער און דו מיר...

סטאַש שקלאַני איז געווען אַ מוטיקער מענטש. אין פֿאַרלויף פֿון צוויי טעג האָט ער צונויפֿגענומען מענטשן, וועלכע ער אַליין האָט נישט איינמאָל געגעבן צו פֿאַרדינען און וועלכע האָבן געהאַט צוטרוי צו אים. די עקספּעדיציע האָט געדאַרפֿט באַשטיין פֿון אַ וועגווייזער — אַ באַשעפֿטיקטער ביי די קאַנאַלן, אַן אַרבעטער פֿון „אַנשטאַלט צו רייניקן די שטאָט“, פֿון אַ זאַמדגרעבער, דעם העלהאָריקן פּיעטרעק, וועלכער פֿלעגט נעכטיקן אויף אַ בערלינקע אויף דער ווייסל, פֿון שקלאַני און יוזעפֿן. אויף צו פֿינאַנסירן די עקספּעדיציע האָט יוזעף אויסגעטוישט עטלעכע צוואַנציקדאָלאַרדיקע גאָלדענע מטבעות, וואָס דער דאָקטער בראַון האָט ביי אים געהאַט געלאָזן. עטלעכע שעה פֿאַרן אַרויסרירן האָבן זיי איינגעקויפֿט

ברויט, חזיר־פֿעטס, ציבעלעס, קנאָבל, ליכט, שוועבעלעך, טאַבאַק — דאָס אַלץ אין אַזאַ צאָל, אַז דער קרעמער האָט געפֿרעגט שקלאַנין, צי ער וועט ווידער „אַריבערוואַרפֿן". האַרט פֿאַרן לאָזן זיך אין וועג האָט נאָך יוזעף געקויפֿט צייטונגען, ווייל ער האָט געוווּסט, וואָס פֿאַראַ באַדייטונג עס האָט פֿאַר יענע מענטשן דאָרט יעטוועדע קלייניקייט.

ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, האָבן זיי אַלע פֿיר אָנגעטאָן אין מונדירן פֿון „אַנשטאַלט צו רייניקן די שטאָט", געוואַרט ביים אַריינגאַנג פֿון די קאַנאַלן. די פּעקלעך זענען געלעגן אין אַ טויער אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אַ באַקאַנטן הויז־וועכטער. דער ערשטער איז אַראָפּ דער קאַנאַל־אַרבעטער; ער איז געווען אַ הויכער, אַ שטרענגער. דאָס האָט ער אָנגעצייכנט דעם וועג, אויסגעקליבן אַ לענגערן, אָבער אַ רואיקערן, ווו די דייטשן האָבן ווייניקער אַריינגעדרונגען און וואָס האָט געהאַט ווייניקער זייטיקע אָפּצווייגונגען אין וועלכע מען האָט געמוזט זיך שלעפּן כמעט אויף אַלע פֿיר. דער צווייטער האָט געשפּאַנט סטאַש שקלאַני, הינטער אים יוזעף און דער לעצטער פֿון דעם צוג איז געווען דער זאַמדגרעבער פּיעטרעק. זיי האָבן אַלע געטראָגן פּעקלעך. דער קאַנאַל־אַרבעטער, וועלכער איז געגאַנגען בראש, האָט פֿון צייט צו צייט געגעבן אַ צייכן מיט זיין לעמפּל, דעם גרעסטן טייל וועג אָבער האָבן זיי דורכגעמאַכט אין דער פֿינצטער און שווייגנדיק.

נאָך דריי שעה האָבן זיי זיך געפֿונען אויף דער צווייטער זייט, אין אַן אויסגעברענט, אַמאָליק בית־המדרשל אויף דער „בירזשע". זיי זענען אָנגעקומען פֿאַרשוויצטע און מיט אַ לייכטן שווינדל אין קאָפּ.

צווישן די שטשורעס, לאכעס און מענטשלעכע שמאַטעס, צווישן נפֿשות פֿאַרמשפּטע פֿאַרברענט צו ווערן אויפֿן מיסטקאַסטן און צו לאָזן דערנאָך די שפּערלינגען און קעץ פֿראַווען סעודות אויף זיך, האָבן זיך באַוויזן מענטשן, וועלכע האָבן נישט געטראָגן אויף זיך דעם חותם פֿון טויט. זיי זענען אַהער געקומען פֿון זייער אייגענעם ווילן. נישט וויכטיק איז, אַז זיי האָבן געוואָלט פֿאַרדינען, אַז זיי זענען געקומען נאָך „קעפּלעך", דאָס האָט קיין באַדייטונג נישט געהאַט. די נישט דערברענטע, ביזן סוף נאָך נישט דערהרגעטע, די דורך אַ נס אָפּגעראַטעוועטע, שמוציקע און עיפּושדיקע מענטשלעכע נפֿשות, די וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בונקערס און צווישן די טרעפּ, זענען צוגעגאַנגען צו שקלאַנים מענטשן און אָנגערירט זייערע קליידער ווי אַ רעליקוויע. זיי האָבן נישט געהאַט

קיין ווערטער אויסצודריקן דאָס, וואָס זיי האָבן געפילט. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט איינהאַלטן זייערע טרערן. שקלאַניס מענטשן האָבן ערשט געזען וואָס קומט דאָ פאָר. זיי האָבן געזען הויפנס מיט ברענענדיקע מתים און האַלב-וואַנזיניקע, ווילד-פאַרוואַקסענע נפשות.

— פאַנאָוויע — האָט זיך סטאַש שקלאַני אַ גערירטער געווענדעט צו זיי — פאַנאָוויע! שוין נישט לאַנג וועלן דויערן אייערע ליידן! כ'זאָל אַזוי דערלעבן אַ באַפרייט פוילן, ווי וואַנקאַ יאָגט פאָרויס מיט אַ משוגענער שנעלקייט... — דאָס ווענדן זיך צו זיי אויף „פאַנאָוויע“ האָט איבערגעפולט דאָס מעסטל. מענטשן האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויינט הויך אויפן קול, דערנאָך האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ משוגענע פרייד. אין אַלטן בית-המדרש, וואָס איז באַגאָסן געווען מיט ליכט פון דער לבנה, זענען געקומען אין באַרירונג מענטשן מיט מענטשן. די געקומענע פון יענער זייט האָט מען גערופן „שליחים פון לעבן“.

ווי נאָר די עקספּעדיציע איז אָנגעקומען אויף דער „בירזשע“, איז צו שקלאַנין צוגעפאַלן אַ גראָבער פאַרשוין; דאָס איז געווען דער בעקער קאַמער, וועמען שקלאַני פלעגט „אַריבערוואַרפן“ מעל. נאָך אַנדערע אַמאָליקע באַקאַנטע האָט שקלאַני דאָ באַגעגנט; זיי האָבן אַלע דאָ דורכגעמאַכט מיט אים די בעסטע דערפאַרונגען און געהאַט צו אים דער פולסטן צוטרוי. קאַמער האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרקויפן די שפּייז. מענטשן האָבן מיט שמוציקע, ציטערנדיקע הענט געכאַפּט דאָס ברויט און געשלונגען ריזיקע שטיקער. שלינגענדיק דאָס ברויט האָבן זיי מיט טרערן און געלעכטער איבערגעחזרט: — ברויט! ברויט!

שקלאַני האָט געהאַט נאָך דריי ערטער, ווייל פאַר צוויי האָט באַצאָלט יוזעף און נעמען האָט ער געקאָנט בלויז פינף „קעפּלעך“. ביים אַרויסגיין פון די קאַנאַלן האָבן זיי עפּעס באַמערקט און האָבן געמוזט אָנווענדן די שטרענגסטע פאָרזיכטיקייט. שקלאַני האָט לאָיאַל פאָרויס געמאָלדן, אַז ער האָט נישט ווו אויסצובאַהאַלטן די מענטשן און אַז דעצידירן זיך דורכגיין דאַרפן אַזעלכע, וועלכע האָבן עמעצן אויף דער צווייטער זייט. יעדנפאַלס דאַרפן נישט דורכגיין קיין מענטשן אָן אַן „אויסזען און אָן לשון“, ווייל די „שמאַלצאָווניקעס“ הוליען ווייטער אַרום. קאַמערן האָט ער געוואָלט נעמען צו זיך, אָבער דער בעקער האָט אָפּגעזאָגט. — ניין, שקלאַני, איך האָב דאָ אַלע פאַרלוירן, איז צו וואָס טויג מיר דאָס לעבן. איידער די מייז וועלן מיך אויפפרעסן, וועל איך נאָך נישט איין דייטש אַוועקלייגן. ביי די ווערטער האָט דער אַלטער בעקער

אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ בעלגישן רעוואָלווער און אין דער רלאָניע אונטערגעוואָרפן אים אין דער לופט.

די שאַנס צו קאָנען דורכגיין האָט אויפגעטרייסלט די מענטשן. אין די גרופּקעס, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגעקליבן, האָט מען וועגן עפּעס אַנדערש נישט גערעדט. ווידער זענען אַרויסגעשווומען אַלע שוועריקייטן, וואָס מ׳קאָן אָנטרעפן אויף דער צווייטער זייט. מ׳האָט געקאָנט הערן אַזעלכע רייד:

— כ׳קאָן נישט אַוועקגעבן דאָס גאַנצע געלט, ווייל וואָס וועל איך דאַרפן מיט דער משפחה טאָן אָן געלט?

— גיב אַוועק, מענטש איינער, ראַטעווע זיך, עס גייט דאָך אין לעבן! זעסט נישט וואָס דאָ טוט זיך?

— און דו?

— איך? כ׳האָב נישט קיין גראָשן! איך וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן!

אין אַ געוויסן מאָמענט איז צו שקלאַני צוגעפאַלן עפּעס אַ יונגער שוואַרצער מענטש, וועלכער איז געווען אין די וועש און באָרוועס, ער האָט איינגאַנצן געציטערט:

— דערקענסט, שקלאַני?

— כ׳דערקען, וויעוויור, דאָס ביסטו דאָך!

— איך, שקלאַני! נאַ, נעם, דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳קאָן געבן. היינט געהאַט אַ פּאַרלוסט. זיי האָבן מיר דערמאָרדעט מיין מייערן ברודער. מיט צוויי וואָכן צוריק פאַרלוירן די מוטער. כ׳גיב דיר אַלץ, וואָס כ׳פאַר־מאָג, וויעוויור גיט דיר זיין ערן־וואָרט, איך לאָז מיר נישט איבער אַפילו אויף קיין טראַמוויי. כ׳האָב זיך געזאָגט: דעם, וואָס וועט מיך דורכפירן, גיב איך אַלץ אַוועק און — כ׳גיב אַוועק אַלץ!

— וויפל גיסטו, וויעוויור?

— צען שטיקלעך.

— איך לייג צו צוויי שטיקלעך און נעם אים מיט, שקלאַני — האָט געזאָגט דער בעקער קאַמער.

— וויעוויור גייט מיט אונדז — האָט סטאַש שקלאַני געפסקנט.

ווענדנדיק זיך צו זיינע מענטשן, האָט ער צוגעגעבן:

— כ׳מיין, אַז מ׳דאַרף אַזוי, ווי מיינט איר, חברה?

— זאָל ער גיין — האָט געענטפערט דער אָנגעכמורעטער קאַנאַל־אַרבעטער.

עמעצער פון די, וועלכע זענען בייגעווען ביי דער סצענע, האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך די מאַרינאַרקע און זי צוגעוואָרפן וויעווירן:

— נעם דאָס, אין דעם העמד קאָנסטו נישט גיין!

— מ'דאַרף אים געפינען מעשטעס — האָט זיך נאָך עמעצער אָפּגערופן. — קום מיט מיר אין מיין בונקער, וויעוויור, וועסט פון דאָרט אַרויסגיין, ווי פון די ברידער יאַבלקאָווסקיס מאַגאַזין.

ווען יוזעף איז אַרויס פון די קאַנאַלן, וואָס האָבן אים דערשעפּט מער ווי די אַנדערע, ווייל ער איז געווען דער העכסטער צווישן זיי, האָט ער אויסגעגלייכט די ביינער און אָנגעהויבן אויף דער „בירזשע" זיך אַרומקוקן אויף אַלע זייטן. באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ס'זענען נישטאָ צווישן די „שאָטנס" די, פאַר וועלכע ער האָט די עקספּעדיציע אונטערגענומען. ער האָט געלאָזן די שמוגלערס און אַליין אָנגעהויבן זוכן זיינע חברים, קודם האָט ער זיך געלאָזט צו דעם טונעלכל, כאָטש ער האָט געהאַט אַ שוואַכע האָפענונג זיי דאָרט צו געפינען. נישט נאָר די יינגלעך האָט ער דאָרט נישט געפונען, נאָר אַפילו דעם טונעל האָט ער שוין נישט געקאָנט אָפּגעפונען. דאָס צעשטערן די הייזער האָט פולשטענדיק געענדערט די טאָפּאָגראַפישע מאַפּע פון געטאָ. ער האָט געפּרוווט פאַרהאַלטן געשטאַלטן, וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר אים. אומזיסט האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ צי די יינגלעך האָבן זיך דערמלט אומגעקערט אין טונעל. צי לעבן זיי נאָך? וואָס איז געוואָרן מיטן „צווייטן דיכטער"? נאָך צוויי שעה זוכעניש האָט ער די „זייניקע" נישט געפונען נישט קיין לעבעדיקע און נישט קיין טויטע. דראַפּענדיק זיך אויף די שטויסן ציגל־ברוך, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פאַרברענטקייט און אַ שטאַרקערער נאָך גערוך פון מתים, איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ער האָט נישט קיין רעכט זיך אומצוקערן היינט ביינאַכט, אַז ער מוז ווייטער זוכן זיינע חברים. אין איינעם פון די הויפן האָט ער באַגעגנט צוויי באַקאַנטע געטאָ־קעמפער, וועלכע ער אַליין האָט אַמאָל געלערנט שיסן. ער האָט זיי מיטגענומען אויף דער „בירזשע" און איבערגעגעבן אין רשות פון שקלאַני. דער פאָרשלאַג, וואָס ער האָט געמאַכט, אַז שקלאַני זאָל אין עטלעכע טעג אַרום ווידער קומען, איז זיך צונויפגעפאַלן מיט אַן ענלעכן פאָרשלאַג פון אַנדערע, ווען דער „קעניג פון די שמוגלערס" האָט צוגעזאָגט צו קומען, אויב ס'וועט זיך נאָך לאָזן, נעמען פרישע „קעפּלעך" פרייטיק. ער האָט געבעטן מ'זאָל וואַרטן אויף אים אויפן זעלבן אָרט.

די נאַכט איז געווען אַ קורצע און די שמוגלערס האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פון די קאַנאַלן איידער עס הייבט אָן צו טאָגן, זיי האָבן זיך געמוזט איילן. מענטשן מיט הערצער איבערגעפולטע מיט שרעק האָבן אָנגעהויבן זיך געזעגענען. מיטן קאַנאַל־אַרבעטער אין דער שפּיץ האָט דער צוג זיך געלאָזט דורך די פּוסטע גאַסן. פאַרן סאַמע אַריינגיין אין די קאַנאַלן, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין אַ קעלער פון אַ הויז, האָט זיך דערהערט אַ פאַרביטערטע שיסעריי; צום גליק איז דאָס געווען ערגעץ ווייטער פון דאַנען. אָפּשאַרנדיק דעם ציגל־ברוך, האָט דער קאַנאַל־אַרבעטער אָנגעהויבן שטיל רופן: — פּיעטרעק! פּיעטרעק! זיי זענען באַלד דערנאָך אַראָפּגעגאַנגען איינציקווייז. דאָס וואַסער אין קאַנאַל האָט געגרייכט ביז די קני, דעם וועגווייזערס לעמפּל האָט באַלויכטן די שמוציקע פליסיקייט אין וועלכער זיי האָבן געדאַרפט זינקען.

יוזעף האָט, אַלזאָ, נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז ער רעזיגנירט לייכט פון ראַטעווען דעם „צווייטן דיכטער“ און איז פאַרבליבן. שקלאַני האָט זיך פרייטיק נישט געיאַוועט. ער האָט זיך אויך נישט געיאַוועט נישט אַ וואָך שפּעטער און נישט אַ חודש שפּעטער, ער האָט זיך שוין בכלל מער נישט געיאַוועט. דערווייל האָט זיך די לאַגע אין געטאָ פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. די דייטשן האָבן פאַרקאָרקעוועט די אַריינגענג אין די קאַנאַלן, פאַרשיט זיי אויף אַ סך מעטער אין דער טיף און אין דער הויך מיט ציגל און אייזנוואַרג און זיי כסדר באַשאָסן, אַזוי אַז מ'האָט זיך נישט געקאָנט דערנעענטערן צו זיי. אומזיסט האָט מען אויף דער „בירזשע“ געוואַרט אויף די „שליחים פון לעבן“. די לעגענדע וועגן זיי האָט לאַנג און אומאויפהערלעך געלעבט אין די מוחות פון די צום טויט פאַרמשפּטע, זיי האָבן זיי כסדר דערמאָנט אין זייערע געשפּרעכן, געזען אין זייער פיבערדיקער פאַנטאַזיע, אין שלאָף. אין די נעכט האָבן זיי זיי אויסגעקוקט פון דער זייט פון די בערגלעך אייזנוואַרג און ציגל־ברוך איבער די אַריינגענג אין די קאַנאַלן, און געהאָפט, אַז ס'וועט זיך אַ ליאַדע רגע עפּעס אַ באַוועג טאָן און ס'וועלן זיך באַווייזן די אַזוי דערוואַרטע שליחים. אָבער די בערגלעך זענען פאַרבליבן אומבאַוועגלעך און בלויז אָפּטע און געדיכטע קוילן האָבן זיך אין זיי אָנגעשלאָגן. די זשאַנדאַרן האָבן אָן איבעררייס געהיט די געטאָ־מויערן פון וועלכע קיין איין מענטש האָט נישט געדאַרפט אַרויסגיין קיין לעבעדיקער.

13

אין דער צייט, ווען שקלאַני האָט אַרויסגעפירט די „קעפּלעך“, האָט זיך יוזעף געלאָזט פירן פון אַ יונגן אויפשטענדלער מיטן נאָמען בוק אין זיין מעלינע, כדי דאָרט צו וואַרטן אויפן צוריקקער פון דער עקספּעדיציע. שקלאַני האָט טאַקע מיטגענומען אַ „מענטש“ פון בוקס גרופּע, וועלכער האָט געדאַרפט אויספאָרשן די מעגלעכקייטן איינצואָרדענען איבער אַ צענדליק מענטשן, פרויען און קינדער „מיט אַן אויסזען און אָן אויס־זען“, „מיט לשון און אָן לשון“, „מיט געלט און אָן געלט“. איידער מ׳האָט דעם מענטש אַרויסגעשיקט האָט מען אים ממש דורכגעלויכטן; מ׳האָט גאָכגעטראַכט אויף וויפל ער פאַרדינט אויף צוטרוי, צי ער וועט זיך אומ־קערן, צי ער וועט נישט אַנטלויפן . מ׳האָט זיך גערעכנט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיין מעגלעכקייטן דורכצוגיין.

דער יונגער בוק איז נישט געווען דער איינציקער קאָמענדאַנט פון דער קאַמפּס־גרופּע, וואָס איז שוין לאַנג נישט געווען דאָס, וואָס זי איז געווען פריער. איר גרינדער איז געווען דער שלאָסער זילבער, די גרופּע איז אַנטשטאַנען צווישן די אַרבעטער, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַרבעט צו דער „אָסטבאַן“. געווער האָבן זיי אין געטאָ געבראַכט אין די זעקלעך מיט שפּיין. זילבער גופא, אַ געוועזענער קאַפּראַל פון פּוילישן מיליטער, האָט זיי געלערנט באַנוצן זיך מיט געווער. אין ערשטן פּעריאָד האָט די גרופּע באַקעמפט די רעוויזיאָניסטן, שפּעטער אָבער — אין אָנבליק פון הויפּט־שונא — האָט זי געשלאָסן אַ וואָפנשטילשטאַנד מיט זיי. זילבער איז אומגעקומען קורץ נאָכן אויסברוך פון אויפשטאַנד און דעמלט האָט זיך אין שפּיץ פון דער גרופּע, וואָס איז שיטערער געוואָרן, צעשלאָגן און אויסגעמישט זיך מיט ציווילע מענטשן, געשטעלט שאול בוק. דער דאָזיקער רעליקאַטער בחור מיט רואיקע אויגן און אַ נידעריק, געדיכט באַוואַקסענעם שטערן, האָט שטילערהייט פּלאַנירט אַרויסצופירן די מענטשן פון געטאָ און אַליין זיך צו לאָזן אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. דאָס יינגל האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אויסגעהערט מענטשן, לאַנג געוויגן יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געדאַרפט ענטפערן; געלערנט זיך די קונסט פון אָנפירן. ער האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון די איינוווינער פון דער „מעלינע“.

דאָס האָט ער איצט יוזעפן געפירט צו זיין „מעלינע“. ביידע האָבן זיי געהאַט, לויטן היגן שטייגער, די שיך אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס,

כדי נישט צו מאַכן קיין רויש. זיי האָבן אויסגעמיטן קעגנשטאַנדן, וואָס וואָבן זיך געפונען אויפן גאַס, דער עיקר נאָענט פון דער „מעלינע“, ווייל די אויסבאַהאַלטענע האָבן געגלויבט, אַז די דייטשן אָבסערווירן די קעגנשטאַנדן; אַפילו מענטשלעכן אָפפאַל האָט מען גלייך פאַרגראָבן. זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך דריי אָפגעשטאָרבענע הויפן, אין פערטן הויף האָבן זיי דורך אַ פלאָנטער פון שטאַבעס, רעלסן, רערן און בעלקעס — קיין טרעפ האָט דאָס הויז נישט געהאַט — אַרויפגעצויגן זיך אויפן דריטן שטאָק. דאָ האָבן אין עטלעכע, אין נישט קיין שלעכטן צושטאַנד פאַרבליבענע מעבלירטע צימערן, געלאַגערט צוועלף פערזאָן פון פאַרשידענעם עלטער. די טירן, פענצטער, דילן פון די צימערן זענען טיילווייז געווען פאַרברענט, אָבער די ווענט — כאָטש זיי זענען געווען צעשפּאָלטן און אָפגעסמאַליעט — זענען פאַרבליבן גאַנץ. אין איין צימער איז אַפילו פאַרבליבן אַ גאַנצע שויב. אין שכנותדיקן הויז האָט זיך געפונען אַ מאַגאַזין פון מעבל און דאָס אַרויפציען עם דורכן אין מויער אויסגעהאַקטן לאָך „אין דער הויך“ האָט נישט געפאָדערט קיין גרויסע אָנשטרענגונג. בוקס מענטשן האָבן אויך אין איינער פון די הויפן אַנטדעקט אַ בונקער מיט רעזערוון שפּייז, קליידער, ביכער, מיט עטלעכע מיליאָן פאַרמלחמהדיקע זלאָטעס און מיט — אַן אַרטעזישן ברונעם. ווארשיינלעך האָט מען די מענטשן פון דעם בונקער אַרויסגעפירט ביים סאַמע אָנהייב נאָך. טראָץ דעם, וואָס די באַדינגונגען זענען דאָ נישט געווען קיין שלעכטע, האָבן די אויסבאַהאַלטענע געוווסט, אַז זייערע טעג זענען געציילטע. דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ מענטש אויף דער צווייטער זייט, כדי אויסצופאָרשן די דאָרטיקע „מעגלעכקייטן“.

אין בוקס מעלינע האָט יוזעף אָפגעפונען „אַהאַמען, אַבראַמען אויף אונדזער לשון“. יענע נאַכט טאַקע, ווען יוזעף איז דורכגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט, האָט אַדאַם באַגעגנט בוקן און דעריבער נישט באַוויזן זיך אומצוקערן צו יוזעפן. אויף צומאָרגנס ווידער איז מיט אים געשען אַ פּאָרפאַל, וועלכער האָט אים אויף אַ געווויסער צייט צוגעשמידט צום אָרט. ווען ער האָט געהאַלטן שמירה, האָט זיך אונטערגעבראָכן אונטער אים אַ טרעפּל און ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויך פון פיר שטאָק, דורכאַקנדיק מיט זיך ביזן קעלער אַלע קוים האַלטנדיקע זיך טרעפּ. ווען בוקס מענטשן האָבן אַראָפּגעקוקט אין קעלער, האָבן זיי דערזען אַ שטויב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער אַ בערגל רואינען. אין אַ ווײַלע אַרום איז

דער שטויב פאַרשוווּנדן און אין קעלער האָט געהערשט אַ שטילקייט. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז דער בחור לעבט נישט. שפּעטער אָבער זענען צו זיי דערגאַנגען שטילע קרעכצן. בוק, סאַמעק און סמאָלע האָבן זיך אַדורכגעקריגן — אין העלן טאָג — אין קעלער און אַרויסגעצויגן אַדאַמען. זיי האָבן אָבער געמוזט אים לאָזן אויפן פּאַרטער און רעזיגנירן פון איבער־טראָגן אים ווייטער, כדי נישט צוצוציען די דייטשן. דער קעלער האָט זיך געפונען אַנטקעגן גאַס דורך וועלכער עס זענען דורכגעגאַנגען פּאַטרולן. ביינאַכט ערשט האָבן זיי דעם פאַרוווּנדעטן אַרויסגעלייגט אויף אַ ברעטל און אַרויפגעשלעפּט אים אין דער מעלינע. סמאָלע, וועלכער איז אַוועק אין בונקער, כדי אַ קוק צו געבן וואָס עס טוט זיך מיט יוזעפן, איז צו־ריקגעקומען מיט אַ ידיעה, אַז „ס'איז שוין נאָכן טונעל און נאָך דעם הויכן".

אין געטאָ האָט קיינער נישט געהאַט קיין רעכט צו קרענקען, און אויב אַדאַם האָט געוואָלט לעבן, האָט ער געמוזט זיין געזונט; האָט ער טאַקע נאָך עטלעכע טעג אָנגעהויבן אַרומצוגיין, און נאָך איבער אַ צענד־ליק טעג געגרייט שוין אַ גאַרדעראָב דורצוגיין אויף דער צווייטער זייט, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קענער אין די זאַכן.

אויף צומאָרגנס נאָך שקלאַנים אַרויסגיין, האָבן יוזעף מיט אַדאַמען געהאַלטן שמירה. די גרופּע האָט אויסגעשטעלט היטערס, כדי מ'זאָל וויסן, וווּ די דייטשן זוכן. מיט דער הילף פון אַריבערגעוואָרפענע בריקלעך זענען זיי אַדורכגעגאַנגען איבער אַ פּילשטאָקיקן אָפּגרונט און אַרויפבאַקומען זיך אויפן נאָענטסטן בוידעם, פון וואַנען דאָס אויג האָט געקאָנט אַרומ־כאַפּן אַ האַלבן געטאָ. אויפן בוידעם זענען געלעגן אין אַ צושטאַנד פון פאַנאַנדערפאַלן טויטע קערפּערס פון מענטשן, וועלכע קיינער האָט נישט געקענט, וועגן וועלכע קיינער האָט נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי זיי זענען דערהרגעט געוואָרן. לעבן די מתים זענען געשטאַנען פלעשלעך מיט מוטנע וואַסער, אויף די העלדזער האָבן זיי געהאַט זעקלעך מיט סוכאַ־רעס. יוזעף האָט זיך אַוועקגעלייגט ביי אַ פענצטערל. אין גאַנצן קרייז אַרום איז נישט געווען קיין איין גאַנץ הויז, קיין איין הויז האָט נישט פאַר־מאָגט קיין דאַך, אַלע הייזער זענען געווען אויסגעברענט, צעעפנטע און האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אָפּגעברענט געוואָרן מיט יאָרהונדערטער צוריק; זיי האָבן שוין באַוויזן אַרויפצוציען אויף זיך שטאַנדהאַפטיקייט און

פֿאַרגרינגקייט. דער גאַנצער שׂמחה איז פֿאַרזונקען געוואָרן אין אַ דערדריקנדיקער שטילקייט.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי אוגטן אויפֿן פּלעצל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער ווייט פֿון אַ הונדערט טריט, האָט זיך באַוויזן אַ גרופּקע, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון צוויי באַוואָפֿנטע דייטשישע סאָלדאַטן, פֿון אַ פֿרוי אין אַ גרינעם לעדערנעם מאַנטל און פֿון אַ קליינעם מאַן אין אַ סוועטער, אַ פֿאַרמאַכטן אונטערן האַלדז. די פֿרוי האָט אין דער שטילקייט אָנגעהויבן צו רופֿן אויף יידיש:

— יידן, גייט אַרויס! מ'קאָן שוין! דער רבונו של עולם האָט מער נישט געקאָנט צוזען אייערע ליידן! ס'איז געקומען די הילף! די ישועה איז שוין דאָ!

דעם לעצטן זאַץ האָט זי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. ווען די פֿרוי איז שטיל געבליבן, האָט דאָס זעלבע אָנגעהויבן אויסצורופֿן דער קליינער מאַן. זייערע ווייטע שטימען, ענלעכע צו שטימען פֿון געשפּענסטער, זענען דורך דער וויסטער שטילקייט דייטלעך דערגאַנגען אויפֿן בוידעם, דערביי האָט זיך יוזעפֿן אויסגעדוכט, אַז די ווערטער, וואָס דער מאַן שרייט אויס, זענען צעקאַליעטשעט, כאָטש ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג אין וואָס עס באַשטייט זייער צעקאַליעטשעטקייט. איבער די געזיכטער פֿון די סאָלדאַטן האָט אַרומגעבלאָנקעט אַ שמייכל. די הינט זענען ווילד אַרומגעלאָפֿן איבערן פּלאַץ, אַריינשמעקנדיק די מאָרדעס אין די לעכער.

יוזעף האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פֿונעם קליינעם מאַן, וועלכער האָט אים אויסגעזען ווי אַ באַקאַנטער, אָבער ער האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. ער האָט געוווּסט, אַז מען טאָר נישט האָבן קיין צוטרוי צו דעם וואָס מען זעט אין מאָמענטן פֿון גרויל און לעבנסגעפֿאַר; ענלעכקייט נעמט מען אָן פֿאַר אידענטישקייט, אַ געדאַנק פֿאַר אַ בילד. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַדאַם האָט אַ לאָרנעטקע. איידער אָבער ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, איז שוין דער יונג געווען לעבן אים, האַלטנדיק די לאָרנעטקע אָנגעצילעוועט צום פּלאַץ, זעט אויס, אַז אַדאַם האָט אויך זיך גופֿא נישט געקאָנט גלויבן, ווייל עס האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט זיך אַזש איינגעבויגן. ער האָט אונטערגערוקט יוזעפֿן די

לאָרנעטקע, נישט אַראָפּנעמענדיק זי פון האַלדז. דערווייל האָט זיך אויפן פּלאַץ אָפּגעשפּילט אַ סצענע פון אַנטדעקן אַ בונקער. דאָס מאָל איז דאָס געווען אַ געוויינלעכער קעלערל. עמעצער פון די אויסבאַהאַלטענע, אַ געלאָקטער דורכן רופן, האָט אויף איין אויגנבליק אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין פענצטערל. דאָס איז גענוג געווען. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן דראָען, שרייען און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט. די קנאַלן האָבן צוגעצויגן אַנדערע סאָלדאַטן און „גראַנאַטענע", וועלכע האָבן זיך געפּוגעט אין די שכנותדיקע הייזער. די אויסבאַהאַלטענע האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, שטיקנדיק זיך פון הוסטן, שפּייענדיק, פאַרשטעלנדיק זיך די אויגן פאַר דער ליכט, מאַכנדיק טויזנטער באַוועגונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי די סאָלדאַטן אַ געלעכטער. אויפן בוידעם האָט מען געהערט סיי דעם געלעכטער, סיי דאָס הוסטן און אַפילו דאָס הויכע שפּייען. איינער פון די אַרויסגעפירטע פון קעלער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַכטונג פאַר אַ „גראַנאַטענעם", ער האָט, זעט אויס, געבעטן אַ ביסל וואַסער. דער גראַנאַטענער האָט אים אַ זעץ געגעבן מיטן פוס. יוזעף און אַדאַם האָבן אָנגעציילט פינף און צוואַנציק פּערזאָן. ווען אַ לענגערע ווײַלע איז מער קיינער נישט אַרויסגעגאַנגען, האָט איינער פון די זשאַנדאַרן צוויי מאָל אַריינגעשאָסן אין קעלער. נאָך די שאָסן זענען נאָך אַרויסגעגאַנגען צוויי פּערזאָן — אַ מאַן און אַ פרוי. די צופרידענע סאָלדאַטן האָבן זיך קעגנזייטיק געקלאַפּט איבער די פּלייצעס. באַלד דערנאָך האָבן זיי אויסגעשפּרייט אַ פּלאַכטע און אַוועקגעשטעלט אויף איר אַן עמער. די יידן זענען צוגעגאַנגען צום עמער און אויסגעליידיקט די קעשענעס. ווען דער עמער איז פול געוואָרן, האָט איינער פון די סאָלדאַטן אַראָפּגענומען דעם העלם און אָנגעהויבן אַרומצוגיין ווי אַ גאַסן־זינגער. ווען קיינער האָט שוין מער גאָרנישט געהאַט אָפּצוגעבן, האָט אַן אָפיציר אַרויסגעצויגן פון צווישן עולם אַ מאַן, געהייסן אים אַראָפּנעמען די שיך און זיי אויסגעשאָקלט. אין די שיך איז גאָרנישט געווען. דערנאָך האָט מען געהייסן די יידן זיך אויף אַ ווײַלע אַוועקזעצן, ווייל דער אָפיציר האָט געוואָלט זיי פאָטאָגראַפירן. נאָכן פאָטאָגראַפירן, האָט מען זיי איינגעשטעלט צו דריי און אָנגעהויבן טרייבן פאָרויס.

פון דער ווייטנס האָט דער גרויל פון אַזעלכע בילדער פאַרלוירן פון זיין קראַפט, אָבער סיי יוזעפן, סיי אַדאַמען האָבן טרערן געפלאָסן פון די אויגן. יוזעף האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון „צווייטן דיכטער", ווייל דאָס האָט ער אַרויסגענאַרט די מענטשן פון דער באַהעלטע=

ניש. פלוצלונג האָט יוזעף פארשטאַנען פארוואָס זיינע ווערטער האָבן זיך אים אויסגעוויזן צו זיין צעקאַליעטשעט: קאַרמאַנסקי האָט דאָך נישט געקענט קיין יידיש, די דייטשן האָבן אים אויסגעלערנט עטלעכע זאַצן. יוזעפן האָט זיך געדוכט, אַז דער „צווייטער דיבטער" האָט געוויינט, ער האָט כסדר געווישט מיט דער האַנט די אויגן.

די מחנה יידן האָט אַוועקגעמאַרשירט; די סאָלדאַטן און גראַנאַטענע, וועלכע זענען זיך דאָ צוזאַמענגעלאָפן, זענען אויך אַוועק. צוזאַמענגעזען זע־נען אויפן פלאַץ געבליבן די צוויי זשאַנדאַרן, די פרוי אין גרינעם, לע־דערנעם מאַנטל און — קאַרמאַנסקי. דערנאָך זענען אויך זיי יוזעפן פאַר־שוואונדן פון די אויגן.

14

יענעם פרייטיק אין אָווגוסט, ווען דער דערוואַרטער שקלאַני איז נישט געקומען, איז דער קעלער, ווו ס'האָט זיך געפונען דער אַרויסגאַנג פון קאַנאַל, געהאַלטן געוואָרן דורך די דייטשן אונטער אַ שיסעריי. שבת האָבן די דייטשן שיער נישט אַנטדעקט בוקס מעלינע. פון אינדערפרי אָן האָבן זיי געגישטערט אין דער געגנט, זיי זענען אַפילו אַריין אין מעבל־מאַגאַזין, וואָס האָט געגרענעצט מיט זייערע צימערן און האָבן געשאָסן צו די ליי־דיקע שענק. די אויסבאַהאַלטענע, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, זענען געזעסן אומבאַוועגלעך. די קריגערייען און שטרייטן האָבן זיך איינגע־שטילט; די, וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט געקריגט, האָבן, נישט אָפגעבנדיק זיך דערפון קיין רעכענונג, אַרומגענומען. בלויז אַ דינגע וואָס האָט אָפגעטיילט די פאַרפאָלגער פון די פאַרפאָלגטע, וועלכע האָבן געהערט זייערע טריט און דאָס טראַסקען פון די אויסגעהאַקטע שויבן. מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָבן די מענטשן שווייגנדיקע געדריקט זיך איינע צו די אַנדערע. טייל האָבן דערנאָך לאַנג נאָך נישט געקאָנט באַ־הערשן דאָס ציטערן פון די הענט און פיס; לאַנג נאָכדעם האָט קיינער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט; ס'איז פשוט אומגלויבלעך געווען, אַז מענטשן זאָלן קאָנען אַזוי שווייגן. עסן האָט אַפילו קיינער נישט געוואָלט. די מענטשן האָבן געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג — שלאָפן!

אויפן צווייטן טאָג האָבן די דייטשן איבערגעחזרט דאָס אַרומנישטערן און ווען זיי האָבן דאָס איבערגעחזרט אויך מאָנטיק, האָבן די איינוווינער פון דער מעלינע מער נישט אויסגעהאַלטן. ביינאַכט האָבן זיי פאַרלאָזט

די צימערן און אויסגעזוכט זיך אַ באַהעלטעניש אונטער דער ערד. זיי זענען דאָרט לאַנג נישט פֿאַרבליבן, די דייטשן האָבן זיי אַנטדעקט. די טויטע גופֿים פֿון די מענטשן פֿון בוקס גרופּע האָבן זיך שפּעטער אַרומגעוואַלגערט אויף דעם ציגל־ברוך. אַ געוויסע נאַכט האָט יוזעף זיך אָנגעטראָפֿן אויפֿן טויטן קערפּער פֿון שאול בוק גופֿא.

בלויז יוזעף און דריי ייִנגלעך — אַדאַם, סמאָלע און סאַמעק — זענען פֿאַרבליבן אין די צימערן אין דער הויך. זיי האָבן ליבערשט געוואָלט אומקומען פֿון אַ קויל, ווי דערשטיקט צו ווערן אין אַ בונקער. די שרעק פֿאַרשיט צו ווערן אָדער ס'זאָל אויספֿעלן לופֿט, האָט איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע שרעקן.

נאָכדעם ווי די מענטשן האָבן פֿאַרלאָזט די מעלינע, איז אין די צימערן געוואָרן לויז, שטיל. די זון האָט געוואַרעמט. פּלוצלונג האָבן די דייטשן אויפֿגעהערט אַזוי אָפֿט צו באַאומרואיקן זיי, דערנאָך האָבן זיי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט דאָס זוכן. דאַקעגן האָבן זיי אָנגעהויבן אויפֿרייסן גאַסן מיט גאַנצע בלאָקן הייזער. יוזעפֿן מיט זיינע חברים האָט איצט געדראָט, אַז אַ געוויסן טאָג זאָלן זיי פֿליען אין דער לופֿט. אין איינער אַ נאַכט האָבן זיי פֿאַרלאָזן די מעלינע און געלאָזן זיך אויף מערב, נענטער צו דער פּאַוויאַק־תּפֿיסה. דאָ האָבן זיי זיך אויסגעזוכט אַ ווינקל אויף אַ פּערטן שטאָק פֿון די אויסגעברענטע הייזער. נישט ווייט פֿון זיי האָבן זיך געפֿונען די תּפֿיסה־וועכטער און זיי האָבן זיך געמוזט פֿאַרהאַלטן ווי צומשטילסטן. זיי זענען געלעגן אויפֿן דיל, אויסמיידנדיק אַפֿילו צו שושקען זיך. די זון האָט געבראָטן און זיי פֿאַרבלענדט די אויגן. אין געוויסע שעהן פֿון טאָג איז אין דעם צימערל נישט מעגלעך געווען זיך אויסצובאַהאַלטן פֿאַר דער זון. אונטן האָבן זיך געדרייט די תּפֿיסה־וועכטער. אָפּטמאָל האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, כּדי צו עסן מיטאָג. דאָס קלינגען פֿון די מענאַזשקעס האָט נאָך פֿאַרשטאַרקט דאָס קלעמעניש פֿון די אויסבאַהאַלטענע, ווייל אין יענעם פֿריאָד האָבן זיי געהונגערט. די וועכטער האָבן אָפֿט אַרויסגעטראָגן פֿון די קעלערס פֿולע זעק. אַלץ האָט פֿאַר זיי געהאַט אַ ווערט. זיי האָבן אַפֿילו אויפֿגעקליבן אַלטע טעפּלעך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן מיסט.

אין יענעם פֿריאָד זענען שוין אַלע גאַסן־ברונעמלעך צו די קאַנאַלן געווען פֿאַרקאָרקעוועט, אַרומגעשיט אויף אַ סך מעטער מיט ציגל־ברוך. די זומערדיקע נאַכט איז צו קורץ געווען אויף אָפּצורוימען דעם ציגל־ברוך, פֿאַרטאָג האָט מען געמוזט איבעררייסן די אַרבעט. אומקערנדיק

זיך די צווייטע נאַכט, האָבן זיי געטראָפֿן נאָך אַ גרעסערן באַרג ציגלברוך ווי דעמלט, ווען זיי האָבן אים אָנגעהויבן אָפּצורוימען. די דייטשן האָבן אַזוי אַרום צו וויסן געגעבן, אַז זיי שפּירן נאָך וואָס זיי טוען. ס'האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין דורכצוגיין מיט די קאַנאַלן. דער איינציקער וועג, וואָס איז זיי פֿאַרבליבן, האָט געפֿירט דורך די מויערן. דאָס איז געווען אַ זיבעטער טויט און דאָך זענען זיי — געגאַנגען. פֿון ערשטן מאָל זיך לאָזן צו דער מויער איז אומגעקומען סמאָלע, פֿון צווייטן — סאַמעק. נאָכן צווייטן פּרוּוו זענען יוזעף און אַדאַם אַריינגעפֿאַלן אין אַ טעמפּער גלייכגילטיקייט און רעזיגנאַציע, בלויז דער אינסטינקט האָט זיי געהאַלטן ביים לעבן. דער הונגער האָט זיי ביינאַכט אַרויסגעיאָגט פֿון דער באַהעלטעניש און זיי געטריבן זוכן שפּייז. דער הונגער און דורשט האָבן באַהערשט אַלע זייערע געדאַנקען.

די דייטשן האָבן באַלד פֿון אָנהייב אויפֿשטאַנד אָפּגעשניטן דעם געטאָ דאָס וואַסער. דערנאָך האָבן זיי פֿאַרניכטעט אָדער פֿאַרסמט די ברונעמער. פֿאַרן אויפֿרייסן די הייזער האָבן זיי אַוועקגענומען די בוילערס און די, וועלכע זיי האָבן געלאָזן, האָבן זיי דורכגעשאָסן, כּדי אַרויסצולאָזן פֿון זיי דאָס וואַסער. ביינאַכט האָבן די אויפֿבאַהאַלטענע קודם כּל געזוכט וואַסער, אָבער אַלע בונקערס, וועלכע זיי האָבן געקענט, האָבן די דייטשן אַנטדעקט און אַרויסגעטרייבערט פֿון זיי די אָדערן ביזן סוף.

דעם דורשט האָבן זיי געשטילט מיט רעגן־וואַסער, וואָס זיי האָבן געשעפּט פֿון אַ פֿעסל, פֿון כּלים, וועלכע האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף די הויפֿן. די כּלים גופֿא האָבן זיי נישט גערירט פֿון אָרט, כּדי נישט צו פֿאַראַטן, אַז אַ לעבעדיקער נפֿש גייט נאָך דאָ אַרום. צייטנווייז האָבן זיי אין די בונקערס געפֿונען אַ זעקעלע בעבלעך, קאַשע אָדער צוקער און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פֿון אַ הונגער־טויט.

פֿון אָנהייב, ווען זיי זענען נאָך געווען פֿול מיט ענערגיע, האָבן זיי זיך צוגעגרייט „אַ רוקצוג“ — זיי האָבן אויסגעהאַקט אַ דורכגאַנג צו אַנדערע הייזער. כּדי אויסצומיידן מ'זאָל זיי ערגעץ דערהערן, האָבן זיי אויסגעהאַקט די ציגל, באַנוצנדיק זיך מיט די בלויזע הענט. אָבער איצט, ווען מ'וואָלט זיי איבערגעפֿאַלן, וואָלטן זיי אַפֿילו נישט געהאַט קיין כּוח צו אַנטלויפֿן. דער הונגער האָט זיי געמאַכט אַפּאַטיש. פֿון שמוץ, פֿון דראַפּען זיך איבער די רערן און ווענט האָט זיך געמאַכט וווּנדן אויף די הענט און אויף די פֿיס. זיי זענען געלעגן אויפֿן דיל און אַרויסגעשטעלט די וווּנדן אויף דער זון.

עס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים. זיי זענען איבערצייגט געווען, אַז אין גאַנצן געטאָ איז שוין נישטאָ קיין לעבעדיקער נפֿש, אַז בלויז זיי אַליין האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט. זיי האָבן געהערט, ווי די תּפֿיסה־וועכטער האָבן גערופֿן: — קומט, ס'איז שוין קיינער נישטאָ! מ'האָט אַלע אויסגעענדיקט! די שטומע נעכט האָבן פֿאַרשטאַרקט זייער איבערצייגונג, אַז זיי זענען די לעצטע דאָ אויף דער ערד. ביינאַכט האָט איבער די אָפּגעשטאָרבענע גאַסן געהוליעט בלויז דער ווינט, קלינגענדיק מיט עפּעס אַן אָפּגעראַטעוועטער שילד, מיט עפּעס אַ בלעך, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פֿון אַ דאַך. די טויטע קעגנשטאַנדן האָבן אין דער טויבער נאַכט געזאָגט קדיש נאָך דער שטאָט. זעלטן ווען האָט מען געהערט אַ מענטשלעכן קול. צום גרעסטן טייל איז דאָס געווען אַ געשריי פֿון אַ פֿאַרוווּנדעטן אָדער אַ שטאַרבנדיקן ביי וועלכע דער ווייטיק האָט דערשטיקט די שרעק.

פּונקט ווי זיי האָבן עקשנותדיק געזוכט שפּייז, אַזוי האָבן אויך יוזעף און אַדאַם געזוכט מענטשן. ביינאַכט האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין די נאָרעס, לעכער, בונקערס, אָבער אין ערגעץ האָבן זיי שוין נישט אָנגעטראָפֿן אויף קיין שפּור פֿון אַ מענטש. אומעטום האָבן זיי דאַקעגן באַגעגנט בערג מיט מתים, קאַלוזשעס בלוט, וואָס איז שוין פֿון לאַנג פֿאַרגליווערט געווען. דער ציגל־ברוך האָט זיך אָפּגערוקט אונטער זייערע טריט, שטראָמענדיק מיט אַ כאַראַקטעריסטישן רויש, אויף וועלכן ס'האָט זיך גלייך אָפּגערופֿן אַ שאָס פֿון אַ ביקס. ווייל דער בית־עולם האָט זיך ווייטער געפֿונען אונטער דער שמירה פֿון קוילן און רעפֿלעקטאָרן. די נעכט, וועלכע האָבן אַנטבלויזט פֿאַר זיי דעם פּאַנעם פֿון די צעשטערונגען, האָבן נאָך פֿאַרטיפֿט זייערע ליידן. איידער עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן האָבן זיי דורך קעלערס, הויפֿן, קאָרידאָרן, פֿאַרבאָרגענע ווינקלען, דורך היילן און לעכער געשלעפּט זיך מיט אַ טעמפּן ווייטיק אין האַרץ צוריק אין דער באַהעלטעניש. זיי האָבן וואָס אַמאָל ווייניקער גערעדט צווישן זיך. ס'איז נישט געווען וועגן וואָס.

דער זומער איז אַוועק. ס'האָט זיך פֿאַרענדיקט דער קאָשמאַר פֿון די לאַנגע זומערדיקע טעג און אויף זייער אָרט איז געקומען דער קאָשמאַר פֿון לאַנגע, קילע נעכט, עס זענען געקומען רעגנס, בלאָטעס, קעלטן. איינמאָל, ווען זיי האָבן זיך פֿאַרטאָג צוריקגעקערט, האָבן זיי דערזען צווישן די חורבות אַ מענטש אין לאַכעס, מיט שמאַטעס אויף די פֿיס און אָן אַ היטל. ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי זיי גופֿא האָבן אויסגעזען. ס'איז שוין געווען אויף אַזויפֿיל ליכטיק, אַז זיי האָבן געקאָנט זען דאָס געזיכט

פונעם מענטשן. דאָס איז געווען דער „צווייטער דיכטער“ מאַרעק קאַרמאַנסקי. מסתמא האָט זיי קאַרמאַנסקי אויך דערקענט. אַזוי ווי ער איז גלייך פאַרשוווּנדן צווישן די חורבות, האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז ער האָט זיך משער געווען אַז זיי ווייסן מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען און האָט פאַר זיי מורא געהאַט. יוזעף און אַדאַם האָבן זיך געלאָזט נאָך אים, אָבער אומזיסט. דער אָנקומענדיקער פרימאָרגן האָט זיי נישט דערלויבט ווייטער צו זוכן. קאַרמאַנסקי האָט שוין נישט גערופן: „גייט אַרויס, ברידער!“ ס'איז שוין נישט געווען נישט קיין בונקערס, נישט קיין אויסבאַהאַלטענע און נישט קיין „קאַפּושן“. סיי יענע, סיי די האָט מען אַרויסגעפירט, אָדער אויף זייערע קערפּערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צווישן די רואינען, האָבן די שטשורעס געפּראַוועט סעודות.

15

קורץ נאָך יענער באַגעגעניש האָבן זיי אַ געוויסע נאַכט ווידער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מענטש. דאָס איז געווען אַדאַמס אַ באַקאַנטער מיטן נאָמען שפּיגעל, אַ בחור פון זעלבן עלטער ווי ער. שפּיגעל האָט זיי פאַרגעלייגט זיי זאָלן זיך איבערטראָגן אין זיין בונקער. ער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ בונקער, וואָס איז געווען „אין אַ גוטן צושטאַנד, מיט וואַסער, מיט אַ רער אָפּצופירן דאָס שמוציקע וואַסער און אַפילו מיט געוויסע זאַפּאַסן שפּייז“. די דייטשן האָבן געהאַט אַרויסגעשלעפּט פון דאַנען די מענטשן און פאַרשיט דעם אַריינגאַנג. אָבער נישט פאַרברענט דעם בונקער און אויך נישט באַגאָסן די שפּייז מיט נאַפט. שפּיגלען האָט געמאַטערט די איינזאַמקייט און ער האָט זיך דערפרייט מיט דער באַגעגעניש.

אונטער די רואינען האָט זיך אויף דער לענג פון אַ קילאָמעטער געפונען אַ שמאָלער טונעל, דורך וועלכן זיי האָבן זיך אַריינגעקריגן אין אַ קעלער, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אונטער־אַן אַלטן קעלער. דער אונטערשטער קעלער איז באַשטאַנען פון דריי קעמערלעך מיט דילן פון ברעטער, מיט נאַרעס, מיט טישן און שטולן. ס'האָט זיך דאָרט געפונען אַ היפּש ביסל בעטגעוואַנט און קליידער, אַזוי, אַז יוזעף און אַדאַם האָבן זיך געקאָנט איבערטאָן. ערגער איז געווען — ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — מיט שפּייז, ליכט און שוועבעלעך.

אין דעם בונקער איז שפּיגעל נישט געווען אַליין. אויף איינער פון די נאַרעס איז געלעגן אַ מענטש אין אַנטועכץ, אין אַ הויטל אויפן קאָפּ. ער איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ פייכט איבערבעט. זיין אויסגעטרוקנט געזיכט האָט געברענט פון פיבער, דאָס מויל איז געווען פאַרבאַקן. ער האָט געקוקט מיט וואַנזיניקע אויגן און האָט שוין נישט דערקענט קיין מענטשן, דאָס איז געווען מאַרעק קאַרמאַנסקי. שפּיגעל האָט אים נישט לאַנג צוריק געפונען אַ שטאַרבנדיקן און אים אַריינגעצויגן אין בונקער. פון צייט צו צייט האָט ער אים געגעבן אַ ביסל וואַסער מיט צוקער.

ווען אַדאַם האָט זיך איבערצייגט ווער עס איז דער קראַנקער, האָט ער אָפּגעמשפּט, אַז מען דאַרף אים „דערשלאָגן מיט אַ שטיק אייזן אָדער אַ ציגל". אַזוי ווי יוזעף האָט מורא געהאַט, אַז דאָס ייִנגל וועט זיין פּלאַן אויספירן, האָט ער אים געגומען אויף אַ זייט און געמאָלדן, אַז „אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע" פאַרבאָט ער אָנצורירן קאַרמאַנסקין אַזוי לאַנג ביז ס'וועט אַרויסגעטראָגן ווערן איבער אים אַן אורטייל. יוזעף האָט געוווסט, אַז נאָר דער איינער אַרגומענט קאָן טרעפן צו אַדאַמס מוח. איבער אַ באַפעל פון דער אָרגאַניזאַציע האָט מען נישט דיסקוטירט.

פון דעמלט אָן האָט דעם „צווייטן דיכטער" גאָרנישט געדראָט נישט מצד אַדאַמען און נישט מצד שפּיגלען. ביידע האָבן זיי אָבער נישט אויס־באַהאַלטן זייער שנאה און ווידערגעפיל צו אים. זיי האָבן מיט אים נישט גערעדט און מיט גאָרנישט נישט געווענדעט זיך צו אים. זינט שפּיגעל האָט זיך דערוווסט דעם אמת וועגן קאַרמאַנסקין, האָט ער אויפגעהערט צו דערלאַנגען אים דאָס ביסל געצוקערטע וואַסער. יוזעף האָט אויך די אויפגאַבע גענומען אויף זיך. בלויז ער איינער האָט פון צייט צו צייט גערעדט מיט קאַרמאַנסקין, וועלכער האָט, נאָכדעם ווי די היץ איז אַוועק און אָנגעהויבן קומען צו די כוחות, אַלץ פאַרשטאַנגען.

16

— זיי האָבן דיך געשלאָגן? — האָט אים אַ געוויסע נאַכט יוזעף געפרעגט, ווען אַדאַם און שפּיגעל זענען אַרויס פון בונקער.

קאַרמאַנסקי איז שוין אַרומגעגאַנגען, ער האָט זיך אַפילו באַמיט עפּעס צו טאָן, ווייל יעדערער האָט געהאַט זיינע אָן אויפגאַבע. איצט איז ער געלעגן אויף דער נאַרע. יוזעף איז לעבן אים געזעסן אויף אַ געפלאָכטן בענקעלע. אין קעלער איז געווען פינצטער. מען האָט נישט אָנגעצונדן

קיין ליכט, ווען ס'איז נישט אומבאַדינגט נויטיק געווען. אין דער פינצ־טערניש האָט אָפּגעהילכט דאָס פּישטשעריי פון די שטשורעס, וועלכע זע־נען אַזוי חוצפּהדיק געוואָרן, אַז זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען אויף די מיטן.

— ניין, זיי האָבן מיך נישט געשלאָגן, — האָט קאַרמאַנסקי געענט־פערט און איבערגעריסן.

יוזעף האָט געגלייבט, אַז דער „צווייטער דיכטער" וויל זיך צו דער טעמע נישט אומקערן.

— זיי האָבן מיך נישט געשלאָגן — האָט דאָך אין אַ ווײַלע אַרום קאַרמאַנסקי פאָרגעזעצט. — אָבער אַלצאיינס איז... אַלץ פאַרלוירן געווען. כ'האָב געוואָלט שטאַרבן, כ'האָב געוואָלט וואָס גיכער פּגרן.

ער האָט איבערגעריסן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיט עפּעס אַ בייזן טאָן פאָרגעזעצט:

— דיר דוכט זיך, אַז עס האָט עפּעס אַ באַדייטונג ווי אַזוי מען שטאַרבט! דיר דוכט זיך, אַז שטאַרבן דאַרף מען מיט אַן אָרעאָל אויפן קאָפּ, אַז דאָס וועט אַמאָל עמעצן דערמוטיקן, אַז אויפן בײַשפּיל פון דײַן העלדישן טויט וועט מען אפשר אמאָל אין דער צוקונפט דערציִען די יוגנט! אומזין! ווער וועט זיך אַמאָל דערוויסן ווי אַזוי מיר זענען גע־שטאָרבן? אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַר די אויגן איז אַ מבול! אַ מבול! עס קומען אום מיליאָנען מענטשן און איידער עס וועט זיך פאַרענדיקן, וועלן הונדערטער מיליאָנען אומקומען. און אַזאַ וועלט קאָן דען עפּעס האָבן אַ באַדייטונג?...

יוזעף האָט געשוויגן.

— כ'בין אַהער געקומען — האָט קאַרמאַנסקי פאָרגעזעצט מיטן זעלבן בייזן טאָן — כדי דאָס אַמאָל צו קאָנען אַרויסברענגען ווי אַן עדות, פּונקט ווי ס'וואָלט אויסגעפּעלט באַשרייבונגען פון עדות! דער דאָ־זיקער וואַנזיניקער געדאַנק האָט מיך אַרײַנגעשטופּט אין געטאָ. און וואָס האָב איך ווי אַן עדות געוואָלט אַרויסברענגען? ווען עס וועט אַמאָל עמעצער וועלן דאָס אַלץ באַשרײַבן, וועט מען אים זאָגן: „הער אויף, קליין, יידיש פאָלק, צו פאַרדרייען אונדז דעם קאָפּ מיט דײַנע לײַדן. דײַנע לײַדן זענען אַ נאַטירלעכע זאַך און גייען קיינעם נישט אָן"... כ'האָב נישט געדאַרפט קומען אַהער.

— ניין, זיי האָבן מיך נישט געשלאָגן. פון האס בין איך אײַנגע־גאַנגען צו ווערן אַ „קאַפּוש", פון עקל צו די שמאַלצענע נפשות אין די

בונקערס, פון עקל צו אלעמען און צו אלץ! כ'האָב געוואָלט שפּייען אויף זיך, אויף אלץ, אויף אַלעמען! כ'האָב זיך געזאָגט, אז מען מעג זיך פאַרקויפן, כדי צו לעבן אפילו נאָר איין שעה לענגער, פאַר איין קוק אויף דעם מיט זון באַלויכטענעם גראָז!

— דערפאר ביסטו איינגעגאנגען? — האָט שטיל יוזעף געפרעגט.

— דערפאר! — האָט קארמאַנסקי בייז געענטפערט.

— דאָקטער פייג איז אָבער געקומען צו אן אנדער אויספיר — האָט יוזעף רואיק געזאָגט. — ער האָט זיך געלאָזט פאַרפייניקן און נישט איינגעגאַנגען אויף זייער פאָרשלאַג. ס'איז נישט אלצאיינס, ווי אַזוי א מענטש שטאַרבט. פאַראַן מינוטן, ווען די גאַנצע וועלט, די גאנצע שיינקייט פון דער וועלט איז אָפּהענגיק פון איין „יאָ" אָדער „ניין" פון א מענטש. נישט מעגלעך, אז אויך דו זאָלסט דערפון נישט וויסן. אויב גיט זיך דיר איין צו באַזיגן א ווייטיק און א שרעק, פרייען זיך מיט דיין טריומף אַלע די, וועלכע דו האָסט ליב און פאר וועלכע עס לוינט צו לעבן. ס'איז זיכער אַזוי! ווי האָסטו געקאָנט אזוי האַנדלען? ווי האָסטו געקאָנט אריינקריכן אין דער הויט פון א „יודאש"? צי האָט דיך נישט דערפון נישט אָפּגעהאַלטן די חרפּה, דער עקל, וואָס מענטשן פילן צו אַזעלכן אָדער עמעצנס ליבע? דו מוזט דאָך עמעצן האָבן אויף דער צווייטער זייט!

— כ'האָב קיינעם נישט!

— ווי קאָן מען זיין אַזוי איינזאם? מען טאָר נישט זיין איינזאם!

— כ'האָב געלעבט אַליין.

— ביסט געווען צו שטאָלץ, האָסט נישט געוואָלט מען זאָל דיר עפּעס וואָס מוחל זיין?

קארמאַנסקי האָט געשוויגן.

— כ'האָב א טעכטערל — האָט ער אין א ווײַלע אַרום געענטפערט.

— אַלזאָ?! אַלזאָ?!

— א טעכטערל — האָט ער זיך מיט גאל צעלאַכט. — כ'האָב קיינמאָל דאָס טעכטערל אויף מיינע אויגן נישט געזען!

— פאַרוואָס?

— כ'בין דעמאָלט אַלט געווען זיבעצן יאָר. אונטן האָט געוווינט א דאָרפיש מיידל, אין מיין עלטער, א דינסט — אָט איז די גאַנצע געשיכטע. מ'האָט איר שפּעטער צוגערעדט זי זאָל זיך קאַליע מאַכן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט. זי האָט געוואָלט האָבן א קינד. און האָט אויס-

געפירט. דערנאָך איז זי אַוועק פון אונדז. מיין מוטער האָט איר דאָרט עפּעס וואָס געשיקט. כ'האָב געהערט, אז דאָס קינד האָדעוועט זיך גוט. ווען די דייטשן זענען אהער געקומען, האָב איך געגלויבט, אַז זי וועט זיך נוקם זיין.

— און וואָס?

— גאָרנישט.

— ווען דו ביסט אַלט געווען זיבעצן יאָר, פאַרשטיי איך נאָך, אָבער שפּעטער?

קאַרמאַנסקי האָט געשוויגן.

— האָסט געהאַט א געלעגנהייט צו לאָזן זיך שווימען קעגן שטראָם — האָט יוזעף ווייטער גערעדט אין דער פינצטערניש — און נישט ווי א פיש מיטן שטראָם. האָסט געקאָנט אויספּרוון דיינע כוחות. גיב נאָר א טראַכט, האָסט געקאָנט אויפריכטן א ווירדיק מיידל, האָסט געקאָנט לעבן צווישן שוועריקייטן, קעמפנדיק מיט זיי און פילן, אַז דו לעבסט.

קאַרמאַנסקי האָט געשוויגן.

— האָסט געדאַרפט גיין זען די מוטער פון דיין קינד. אפשר איז זי ווערט געווען, זי זאָל ווערן דיין לעבנס־באַגלייטערין. דו האָסט אָבער נישט געוואָלט, דו זוכסט ליבערשט שיינע איבערלעבונגען, לבנהדיקע נעכט... ביסט שטענדיק געווען אַזעלכער. צי ווייסטו, אז מיר קענען זיך פון פריער?

קאַרמאַנסקי האָט געשוויגן.

— וואָס האָסטו געטאָן אין גיין און דרייסיקסטן יאָר?

— אין סעפּטעמבער?

— יאָ, אין סעפּטעמבער?

— דאָס, וואָס אַלע.

— ביסט געווען אויף דער מלחמה?

— יאָ.

— ביסט געווען מאָביליזירט?

— ניין. כ'האָב זיך צוגעשטעלט פרייוויליק.

— אין פּרעסע־ביוראָ? אין רעדאַקציע?

— ניין.

— האָסט געבעטן מ'זאָל דיך שיקן אויפן פראָנט?

— יאָ.

— און זיי האָבן דיך געשיקט?

— כ'בין געווען אין דער ציטאַדעל.
— אין דער וואַרשעווער?
— יאָ.
— און אויסער דער ציטאַדעל אויך?
— שיילמאָל.
— האָסטו אָנטיילגענומען אין צוזאַמענשטויס אויף דער גרענעץ פון דער שטאָט?
— יאָ.
— און דערנאָך האָסטו דיך אומגעקערט אין ציטאַדעל?
— יאָ.

— אין יענער שלאַכט מאַקע — האָט יוזעף געזאָגט — האָבן מיר געשלאָגן א קורצע, מלחמהדיקע באַקאַנטשאַפט. מיר האָבן צוזאַמען געקעמפט, גענומען אין געפאַנגענשאַפט צוויי דייטשישע סאָלדאַטן. „די הענט אין דער הויך" — האָבן מיר געשריען. סיי ביי זיי, סיי ביי אונדז האָבן זיך די הענט געטרייסלט פון שרעק. מיר האָבן פאַרבראַכט צוויי שווערע טעג אין עפּעס א ווילע ביים ראַנד שטאָט. אין אָוונט האָבן מיר זיך אומגעקערט אין ציטאַדעל און אַוועקגעלייגט זיך אין די מונדירן און שיך אין דער נישע אונטערן אויוון. ביסט געלעגן לעבן מיר. איידער מיר האָבן באַוויזן איינצושלאָפן, איז אַריינגעקומען דער פּאָרוטשניק און האָט פאַרפירט א געשפּרעך מיטן שעף. זיי האָבן גערעדט שטיל, הינטער דער טיר ביי א טישל מיט א קליין לעמפל, אָבער זייער געשפּרעך איז צו אונדז דערגאַנגען דייטלעך. דער פּאָרוטשניק האָט געדאַרפט האָבן מענטשן, ער האָט גערעדט וועגן דעם פּאָזיציע־אָפּשניט, וווּ ער האָט געוואָלט זיי שיקן, א געפערלעכע פּאָזיציע. ס'איז דאָרט געווען אן אמתע יאַטקע. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אונדז און אָנגעהויבן אויסרופן נעמען. דיין נאָמען איז אויך אויסגערופן געוואָרן. האָסט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דו שלאָפסט, דו ביסט זיכער נישט געשלאָפן, ווייל אַ רגע פריער האָבן מיר דאָך געשמועסט. מ'האָט כסדר אויסגערופן דיין נאָמען. „צי איז דאָס דער זון פון קראָקעווער פאַרבן־פאַבריקאַנט?" — האָט דער פּאָרוטשניק געפרעגט. „כ'ווייס נישט" — האָט דער שעף געענטפערט. דיין האַנדלונג האָט מיך אויפגערעגט. כ'האָב געוווּסט, אַז ווי נאָר איך וועל אויפהייבן דעם קאָפּ, וועלן זיי מיך נעמען אָנשטאָט דיר און... כ'האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ס'איז געשען, ווי כ'האָב פאָרויסגעזען. דער פּאָרוטשניק האָט נישט געהאַט קיין צייט, ער האָט זיך געאיילט. אַוועקגייענדיק האָב איך נאָך גע־

כאַפּט אַ קוק אויף דיר — ביסט געלעגן איינגעדרייט אין אַ קנויל מיטן ברויט־זאַק אונטערן קאָפּ. אַזוי איז דאָס געווען, געדענקסט? כ׳זע, אַז דו געדענקסט.

קאַרמאַנסקי האָט געשוויגן.

— ערשט נישט לאַנג האָב איך זיך דערמאָנט יענע גאַנצע געשיכטע. איצט זע איך, אַז ביסט געווען אַזעלכער ווי כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט. האָסט שטענדיק געוואָלט זיין מער ווי דו האָסט געקאָנט.

קאַרמאַנסקי האָט געשוויגן.

— דו קענסט זיך נישט.

— און האָך בין איך נישט שולדיק — האָט קאַרמאַנסקי שטיל געזאָגט. — איך בין צו דעם אַלעמען נישט געווען צוגעגרייט, אָבער זיי אין די בונקערס האָבן דאָך געוווסט אין וואָס עס גייט! זיי האָבן געוווסט, אַז פון די ווערטער, וועלכע האָבן גאָרנישט באַדייט, הענגט אָפּ דאָס לעבן פון דעם מענטש, וועלכער האָט צו זיי גערופן! ס׳איז דאָך געווען אַ צופיל אָנגעבראָכטער ליגן, אַז ס׳זאָל זיך עמעצער קאָנען לאָזן אַריינגאַרן.

— און דאָך זענען זיי אַרויסגעגאַנגען.

קאַרמאַנסקי האָט געשוויגן.

— זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, ווייל פאַרמשפּטע זענען ווי קינדער.

17

אין שפּיגעלס בונקער האָבן זיי געלעבט פאַרהעלטנישמעסיק רואיק; אַ סך געשלאָפן, קודם כל בייטאָג, אויפגעשטאַנען זענען זיי אין דעמערונג־צייט, ווען די שפּארעס האָבן באַקומען אַ גראַנאַט־קאָליר. דעמלט האָט יוזעף אָנגעצונדן אַ ליכטל, שפּיגעל האָט געמאַכט פייער אין דער הרובע און אַדאַם האָט געקאָכט, מערסטנטייל קאַשע. זייער ווייניק האָבן זיי פאַרמאָגט פּעטס, אַזוי אַז באַלד נאָכן עסן זענען זיי צוריק הונגעריק געווען. די פּאָרציעס האָט אויסגעטיילט אַדאַם. נאָכדעם ווי קאַרמאַנסקי האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין, האָט ער פרייוויליק גענומען אויף זיך דאָס וואַשן די כלים און אַרויסגיסן די פּאָמיעס. מיט דער צייט האָט זיך יעדערער צוגעבונדן צו זיינע באַשעפטיקונגען. יענער פּעריאָד פון פאַרהעלטנישמעסיקער רואיקייט האָט זיי צוריק געשטעלט אויף די פיס און באַרויקט זייערע נערוון.

נעמענדיק אין באַטראַכט קאַרמאַנסקיס געזונט־צושטאַנד האָט יוזעף כסדר אָפּגערוקט דעם טערמין, ווען זיי האָבן ווידער געדאַרפט אַדורכגיין. סיבות האָט ער אָנגעגעבן, פאַרשטייט זיך, אַנדערע, אָבער שפּיגעל און אַדאַם האָבן זיך משער געווען אין וואָס עס גייט. קאַרמאַנסקי האָט אויסגעזען אויסערגעוויינלעך מיזערנע, דערביי האָט זיין געזיכט באַקומען אַן אויסדרוק פון עפּעס אַ מין פיינטלעכקייט, אַן אויסדרוק פון אַ ווילדער חיה. ווי עס האָבן איבעריקנס, אויסגעזען אַלע געזיכטער אין געטאָ. קאַרמאַנסקיס מעטאַמאָרפאָזע האָט זיך יוזעפן נאָך שטאַרקער געוואָרפן אין די אויגן צוליב דעם, וואָס אַפילו אין „טויטן־קאַמער“ איז זיין געזיכט פאַרבליבן רואיק און אַפילו טיילווייז מילד. איצט האָט זיין געזיכט אויסגעדריקט בלויז שפּאַנונג.

אַ געוויסע נאַכט האָבן די בונקער־איינוווינער געלאָזן קאַרמאַנסקין אַליין און אַרויס, כדי צו דעראָבערן שפּייז און אויסצופאָרשן די סיטואַציע „אין דער הויך“. זינט אַ לענגערע צייט האָבן זיי זיך נישט אַוועקגעלאָזן צו ווייט. זיי האָבן אַרויסגענומען די ציגל מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרמויערט אויף בייטאָג און מיט דער גאַנצער פּאַרטיזאַנטיקייט אַרויפגעקראָכן אויף אַלע פיר אויבן. דער ערשטער איז דורכגעקראָכן שפּיגעל, וועלכער איז געווען דער לייכטסטער און רירעוודיקסטער. אויף זיין פּייף זענען דורכגעקראָכן יוזעף און אַדאַם. כמעט ביז פאַרטאָג האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט און אין ערגעץ נישט באַגעגנט קיין לעבעדיקן נפש. דערפאַר אָבער האָבן זיי — געפונען ערגעץ אין אַ בונקער אַן עמער מיט שמאַלץ, אַ זעקל מעל, וואָס זיי האָבן געבראַכט צושלעפּן מיט זיך. זיי האָבן דאָס אָבער נישט געקאָנט דורכשטופּן דורכן לאָך און אַזוי ווי דער פרימאָרגן האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי דאָס אויסבאַהאַלטן צווישן דעם ציגל־ברוך. ווען זיי זענען אַריין אין בונקער, זענען זיי איבערראַשט געוואָרן פון דער פּוסטקייט. דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז יוזעפן געקומען אין קאָפּ איז געווען, אַז קאַרמאַנסקי איז אַנטלאָפן. אַ ווײַלע שפּעטער אָבער, האָבן זיי געפונען דעם „ צווייטן דיכטער“ אַן אויפגעהאָנגענעם אין דעם קלענסטן קעמערל. זיי האָבן נאָך באַוויזן אים אַראָפּצונעמען אַ לעבעדיקן. נאָך דער געשעעניש האָבן שפּיגעל און אַדאַם עטוואָס געענדערט זייער באַציונג צום „צווייטן דיכטער“.

זיי האָבן אויך אויפגעגעסן דאָס גייע זעקל מעל, פאַרנוצט דעם עמער שמאַלץ. זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין משונהדיקע ברואים, זענען פאַראומערט און בלינד געוואָרן, און הגם זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז

ראַטעוועוען זיך קאָנען זיי זיך בלויז אַרויסרייסנדיק פון געטאָ און אַז דער איינציקער וועג איז דער, וואָס פירט דורך די מויערן — האָבן זיי דאָך אָפּגעשלעפּט. איצט איז שוין אַפילו נישט געגאַנגען אין געזונט־צושטאַנד פון „צווייטן דיכטער", זיי האָבן שוין אַלע אויסגעזען ווי סקעלעטן און ווייניק וואָס כוחות איז אין זיי פאַרבליבן, אָבער אַדאַם האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן זיינע חברים פון מילע־גאַס, וועלכע זענען אומגעקומען ביים דורכגיין די מויער. דעם דאָזיקן העלדישן יינגל איז באַפאַלן אַ מורא־דיקע פּאַניק, ווען ער האָט געטראַכט וועגן דורכגיין די מויער. זיי האָבן לסוף באַשלאָסן, אַז זיי וועלן דורכגיין מיטוואָך. זיי האָבן געוווּסט, אַז ס'איז דעצעמבער, אָבער דער באַשטימטער מיטוואָך האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר אַ פרייטיק.

זיי האָבן אַרויסגענומען די ציגל. אַ שטראָם לופט האָט אַראָפּגעשווענקט פון זיי די מידקייט און שלעפעריקייט. די נאַכט איז איינגעוויקלט געווען אין אַ נעפּל, די לופט איז אָנגעזעטיקט געווען מיט פייכטקייט. יוזעף איז געגאַנגען דער ערשטער, נאָך אים — קאַרמאַנסקי, שפּיגעל און דער לעצטער פון צוג איז געווען אַדאַם, וועלכער האָט געטראָגן דעם לייטער. זיי האָבן געשפּאַנט פאָרזיכטיק, אין אַ ריי איינער נאָכן אַנדערן, אויסהיטנדיק זיך נישט צו פאַרטשעפּען זיך אין עפּעס מיט די שמאַטעס, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַט אַרומגעוויקלט די פיס. זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אין בעלקעס, ציגל, כלים. אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען יוזעף האָט זיך אויסגעדרייט און דערלאַנגט דעם „צווייטן דיכטער" אַ שטיקל צוקער, האָט ער זיך דערמאָנט אין יענעם בונקער און אין זקן. „ער איז דאָך געווען אַ פאַרעטער" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. טראָצדעם האָט ער זיך אָנגערופן צו אים אָן צאָרן:

— האָב נישט מורא, האָס איז דאָס ווינטשיקסטע. מיר מוזן דורכגיין.

פּלוצלונג האָט אים דער־שראָקן קאַרמאַנסקיס מאַנטל. דאָס איז געווען אַ ברייטער גראַנאַטענער מאַנטל פון אַ דראַזשקע־קוטשער, מיט מעטאַלענע קנעפּ אין וועלכן עס וואָלטן זיך אויסבאַהאַלטן צוויי אַזעלכע קאַרמאַנסקיס. „גאָט מיינער, ווי אַזוי וועט ער שפּרינגען אין אַזאַ מאַנטל!" ס'איז אָבער געווען צו שפּעט. צוליב עפּעס אומפאַרשטענדלעכע סיבות האָט קאַרמאַנסקין דווקא געפעלן דער משונהדיקער מאַנטל; קיין אַנדערן האָט ער נישט געוואָלט אָנטאָן.

זיי האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אין אַ טויער, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעראַטעוועט אין דעם ים פֿון פֿאַרוויסטונג. ס׳איז נאָך דאָ געהאָנגען א קעסטל אויף בריוו. אויף קיין מינוט האָבן זיי נישט אַוועקגעריסן די אויגן פֿון דער מויער, וועלכע זיי האָבן געהאַט פֿאַר זיך. פֿון דער צווייטער זייט זענען דערגאַנגען צו זיי טריט, וואָס האָבן, ווי געווייִנלעך ביינאַכט, פֿאַרגעשטעלט א געפֿאַר. ווען די טריט האָבן זיך דערווייטערט, האָט יוזעף גענומען ביי אַדאַמען דעם לייטער, וואָס האָט געגרייכט ביז דריי פֿערטל מויער. ער איז אַרויף אויפֿן לייטער און אויסגעשפּרייט א קאָלדרע אויפֿן גלאָז מיט וועלכן דער רוקן פֿון דער מויער איז באַדעקט געווען. יוזעף האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן: אַנטקעגן אים איז געלעגן א פּוסטע, שלעפּעריקע, פּרימאָרגנדיקע גאַס, וואָס איז איינגעטונקען געווען אין א פּייכטן נעפּל. אויף לינקס, אין דער ווייט פֿון א פֿערציק טריט, האָבן געשפּאַנט צוויי זשאַנדאַרן אין מאַנטלען מיט אויפֿגעשטעלטע קעלנער. נישט אויסדרייענדיק זיך צו זיי, האָט ער זיינע חברים מיט דער האַנט געגעבן א צייכן, אַז ער שפּרינגט. קאַרמאַנסקי האָט געוואָלט שפּרינגען דער לעצטער. יוזעפס לעצטער געדאַנק בעתן שטיין אויפֿן לייטער איז געווען: „איך וועל באַווייזן, אָבער ער וועט נישט באַווייזן. נייטש מעגלעך מיר זאָלן זיך אַלע אָפּראַטעווען“.

אין א ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט א פֿאַרביטערטע שיסעריי. ווען יוזעף האָט אויף א ברוכצאָל פֿון א סעקונדע זיך אומגעקוקט האָט ער אויפֿן שניי לעבן דער מויער דעריזען דעם אומגליקלעכן קוטשער־מאַנטל. „דערהרגעט — האָט ער א טראַכט געטאָן — דער משפּט האָט אים דאָך נישט אויסגעמיטן“.

IV.

די ערד

1

עלזשביעטע האָט אראָפּגעטראָגן אין קעלער דאָס צוזאמענגעבונדענע פּעקעלע שמאַטעס. צוריקגעקומען מיט אן עמער קוילן און צוגעגרייט פאַר יוזעפן א באָד. דערנאָך האָט זי געקוקט אויפן וואַסער אין וואַנע, געקוקט דערויף אָן עקל, ווייל שטאַרקערע געפילן דערהרגענען שוואַכערע. זינט חדשים האָט יוזעפס לייב נישט פאַרזוכט קיין וואַסער, ער האָט זיך דעריבער געקראַצט פאַר און נאָך דער באָד, וואָס האָט אַלעמאָל מער גערירט עלזשביעטען. ווען ער איז אַרויס פון דער וואַנע, האָט זי אים ארומגעוויקלט מיטן פאָטערס באָד-מאַנטל, אריינגעפירט אין צימער, אַנגעקאָרמעט און געלייגט אים אין בעט. זי האָט אים נישט באַוואָרפן מיט פראַגן, זי האָט נאָר כסדר אויפסניי אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו אים, ווי זי וואָלט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן, אז זיין צוריקקומען איז נישט עפּעס א מין חלום.

אויך ער האָט זיך אומאויפהערלעך צוגעקוקט צו איר געזיכט, צו אירע אויגן מיט די פערלדיקע ווייסלען, באַצויגענע מיט דריי דינינקע רויטע פעדעמלעך, צו איר קליינער נאָז, דעם דעליקאַטן מויל און צו אירע העלע האָר. זי האָט געהאַט אן אויסזען פון א רואיק, אָנגענעם מיידל. ער האָט אָנגענומען איר האַנט און צוגעלייגט זי צו זיין מאָגערע, אויסגעצערטער באַק. פון צייט צו צייט בלויז האָט ער ארויסגעזאָגט א וואָרט. ער האָט געפילט זיינע ווערטער, ווי זיי וואָלטן גלייכצייטיק געווען לייכט ווי פוך און שווער ווי בליי. ער האָט זיך איצט געטובלט אין זיינע אָפּגעריסענע, באַזונדערע ווערטער. ער האָט גערעדט ווי א מענטש, וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם סיי פון טויט, סיי פון פייער, סיי פון הונגער, סיי פון דורשט, סיי פון פראָסט. ער האָט גערעדט ווייניק

און לאַנגזאם. אַזוי רעדן מענטשן, וועלכע רייסן זיך אַרויס פון די נעגל פון טויט. אָפּטמאָל האָט זיך אים די שטימע געבראָכן פון גערירטקייט, ער האָט זיך אָבער דערמיט נישט געשעמט. אומקערנדיק זיך פון סאמע אָפּגרונט פון מענטשלעכע לײדן, האָט ער איצט פאַרשטאַנען דעם ווערט פּיליבע, דעם ווערט פון אַ ביסל וואַרעם וואַסער, פון אַ באָד, פון אַ ריין העמד. אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם צימער, האָט געאָטעמט מיט גליק.

זי האָט אים געבעטן ער זאָל שלאָפן. ער האָט איר געענטפערט מיט א שמייכל, נישט אָפּלאָזנדיק איר האַנט. היות זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל איינשלאָפן און קומען צו די כוחות — זיין אומקערן זיך וואָס האָט פארמאכט איין קאַפּיטל, האָט גלייכצייטיק געעפנט א צווייטן, אויך גאָרנישט קיין לייכטן — איז זי אַרויסגעגאַנגען פון צימער. ווען זי האָט א שטיקל צייט שפּעטער ארייגעקוקט צו אים, האָט ער נאָך געהאַלטן אָפן די אויגן. דערנאָך איז ער איינגעשלאָפן שטיל ווי א ציגעלע. זי איז צוגעגאנגען צום בעט אויף די שפּיץ פינגער און זיך איינגעקוקט אין אים. די נאָז איז ביי אים לענגער געוואָרן. אויפן שטערן איז אים צוגעקומען צוויי גרויסע פאלדן און עטלעכע קלענערע ארום דעם מויל. די פאלדן האָט זי געזען צום ערשטן מאָל. זיין געזיכט איז שטענדיק געווען צו קליין, צו דעליקאַט לגבי זיין ריזיקן וווּקס. איצט איז דאָס געזיכט נאָך קלענער געוואָרן, פארטונקלט געוואָרן, אויסגעצערט און געשטראָכן מיט טרוקענע פעלדלער, ווי א צעראצט פון שליטשיך אייזפעלד. עלזשביעטע איז לאַנג געשטאַנען איבער אים.

דורכן פענצטער פון איר וווינונג האָט זי געזען די געטאָ־מויערן. זי האָט געזען דעם פאַרלויף פונעם אויפשטאַנד, אָנהייבנדיק פון אונטערצינדן איינצלנע הייזער ביזן „אָפּווישן" גאַנצע גאַסן. דאָס אַלץ האָט זי געזען פון אירע פענצטער. וויפל מאָל האָט זי זיך אויפגעריסן ביינאַכט, אויפגעהויבן דעם פארטונקלונגס־פאָרהאַנג און איינגראָבנדיק דעם בליק אין די חורבות האָט זי ישטילערהייט איבערגעחזרט זיין נאָמען. ס'האָט זיך איר געדוכט, אז פונקט ווי זי דאָ, אזוי שטייט ער ערגעץ דאָרט און רופט אוים איר נאָמען. וויפל מאָל איז זי געווען איבערצייגט, אויפכאַפּנדיק מיטן בליק עפּעס א טונקעלן פונקט, אז דאָס איז ער. דאָס געטאָ איז אויף אירע אויגן פאַרשוואונדן פון דער אויבערפלאַך. אַלע זענען אומגעקומען, אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז יוזעף וועט זיך אומקערן. זי האָט נישט אויפגעהערט צו גלויבן, ווייל זי האָט

ניש‍ט אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן אים. טראַכטן איז מער ווי גלויבן — דאָס איז לעבן.

זי האָט איבערגעלאָזט פֿאַר אים אין קיך עפּעס צו עסן און א צעטעלע ווען זי וועט צוריקקומען. זי איז געגאַנגען דעראָבערן פֿאַר אים א פּאָר שיך, וואָס ס'איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך; ווייל יוזעף האָט געהאַט א ריזיקן פֿוס. זיינע שיך האָט זי געהאַט אוועקגעשאָנקען איינעם אַ חבר. דאָס פֿאַרשאַפֿן זיך די שיך האָט ביי איר אַוועקגענומען מער צייט ווי זי האָט דאָס פֿאָרויסגעזען און זיך אומגעקערט ערשט פֿארן פֿארמאכן דאָס טויער. יוזעף איז נישט געשלאָפֿן. אראָפּוואַרפנדיק פֿון זיך דעם שעפּסן-פוטער האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אויפֿן בעט. ער האָט גלייך אָפּגעזוכט איר האַנט און געגלעט זי מיט אויפֿמערקזאַמקייט און צערטלעכקייט. ס'איז אים נישט מעגלעך געווען אויפֿצוהערן צו גלעטן איר האַנט.

2

יוזעף האָט געשטאַמט פֿון דער שטאָט ר., וווּ זיינע עלטערן האָבן געוווינט אין צוויי צימערן אויפֿן פּערטן שטאָק, וואָס זענען ענלעך געווען צו די אין וועלכע ער האָט זיך איצט געפֿונען. זומער איז מען דאָרט צעגאַנגען פֿון היץ, ווינטער איז מען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן פֿון קעלט. אין איין צימער האָט געלעבט די משפּחה, אין צווייטן האָט זיך געפֿונען דער וואַרשטאַט. אין וואַרשטאַט האָט זיין פֿאָטער פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון זיין לעבן. מיט א מעסער אין האַנט, וואָס איז געווען אויסגעבויגן ווי א קינדזשאַל, איז ער ביי א גרויסן, נישט געבייצטן טיש פֿון סאָסנע-האָלץ געשטאַנען איבער מאָדעלן אויסגעשניטענע פֿון פּאַפּיר, איבער שאַרף-שטיינער אָדער געוויינלעכע שטיינער, וועלכע האָבן געניצט אָנצושאַרפֿן מעסערס, איבער שטיקער לעדער פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן פֿון וועלכע ער האָט מיט קונסט אויסגעשניטן בייטלען און גאַרטלען. אמאָל האָט ער אויך אויסגעאַרבעט הענטשקעס, אָבער מיט דער צייט האָט ער די באַשעפֿטיקונג פֿאַרוואָרפֿן. דער פֿאָטער האָט ביינאַכט נישט געקאָנט שלאָפֿן.

— פֿאַרוואָס שלאָפֿסטו נישט? — האָט זיין מוטער געפֿרעגט.

— כ'טראַכט.

— אום גאָטעס ווילן, וועגן וואָס? רעדסט אזוי, ווי דו וואָלסט פון די נירן, שטיינער אַרויסגעצויגן אָדער ווי עפּעס וואָלט ביי דיר אין מוח נישט אין אָרדענונג געווען.

— כ'האָב ביי שווארצן געזען א שנאָל, וואָס וואָלט זיך אויסגעצייכנט געפּאסט צום העלן גארטעלע.

— צוליב איין גארטעלע שלאָפסטו נישט ביינאַכט, מענטש איינער! הער אויף זיך צו שפּילן! האָסט א משפּחה, וואָס דו דאַרפסט אויסהאלטן, האָסט א קראנקן זון וועלכן מ'דאַרף אַרויסשיקן אין א סאנאטאָריע — די מוטער האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער, כדי אירע ווערטער זאָלן נישט דערגיין אין צווייטן צימער, וווּ עס זענען געשלאָפן יוזעף מיטן ברודער — און דו שפּילסט זיך מיט איין גאַרטעלע. מענטש איינער, גיב נאָר א טראַכט וויפל מ'וועט דיר דערפאר באַצאָלן.

דער פאָטער איז מודה געווען, אז די מוטער איז גערעכט, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט אויפהערן צו „שפּילן זיך“. ער איז געווען אַ קינסטלער און האָט קאָמפּאָנירט זיינע נאַרטעלעך אין די שלאָפלאָזע נעכט, צוזאַמענגעשטעלט פאָרמען און פאַרבן, געבראַכט אין האַרמאָניע ניקל מיט לעדער — דאָס אַלץ פאַרן פּראָפיט פון די סוחרים פון זיין שטאָט, וועלכע האָבן אים פאר זיין ארבעט געצאָלט גראָשנס.

יוזעפס עלטערער ברודער איז יאָרן־לאַנג געלעגן אין ערשטן צימער און מיט זיינע גרויסע אויגן נאָכגעפאָלגט די קליענטן, וועלכע זענען געקומען אין ווארשטאַט, און דערנאָך האָט ער געמאַכט אן אָפּשאַצונג וועגן יעדן פון זיי. זעלטן ווען איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַס. צוריקקומענדיק פון א זעלטענעם שפּאַציר, פלעגט ער אויף יעדן האַלבן שטאָק זיך פארהאלטן און אָפּרוען; נאָכדעם פלעגן זיך שטענדיק אויף דער אויבערשטער ליפּ באַווייזן עטלעכע גלאַנציקע טראָפּנס שוויס. ער האָט גאָרנישט געהאַט אין זיך פון קיין קינד, האָט קיינמאָל נישט אַרומגעשטיפּט, איז שטענדיק געלעגן רואיק אויף דער אָטאָמאַנע, דעם בליק איינגעגראָבן אין סופית און געטראַכט. די עלטערן האָבן אים מער ליב געהאַט ווי יוזעפן. אָפטמאָל האָט דער פאָטער איבערגעריסן די אַרבעט, צוגעזעצט זיך אויף דער אָטאָמאַנע און געשמועסט מיטן זון. די מוטער האָט געזאָגט, אז ער האקט אים אריין אין קאָפּ זיין משונהדיקן קוק אויפן לעבן, „פונקט ווי ער וואָלט אריינגעהאַקט אין וואנט דינע, לאַנגע, אויסגעקרימטע טשוועקעס“. זיין געהיימער טרוים איז געווען אויסצולערנען דעם בכור די מלאכה, איבערצוגעבן אים די סודות פונעם

פאַד, אָבער צוליב דער פאַרשלעפּטער כּסדרדיקער קראַנקהייט האָט ער כּסדר געמוזט אָפּלייגן דעם טערמין פון דער לערע.

אין פרילינג 1935 — יוזעף איז דעמלט געווען 15 יאָר אַלט און דער ברודער 18 — האָט זיך צום קראַנקן צוגעטשעפּעט א לונגען=אָנצינדונג. אין פאַרלויף פון וואָכן האָט די היץ געפרעסן און אויסגעטריקנט דעם אָרגאַניזם, דאָך איז ער שפּעטער געזונט געוואָרן. א געוויסן אָוונט, שוין אין דער רעקאָנוואַלעסצענץ, אין א מיטוואָך פאַר פּסח, האָט זיך אים פאַרגלוסט געברענטע ניסלעך. אויסער דער מוטער איז קיינער אין שטוב נישט געווען. די מוטער האָט געוואָלט צוווארטן ביז דער פאָטער אָדער יוזעף וועט קומען. דער קראַנקער האָט אָבער קאַפּריזעוועט און די מוטער איז לסוף אראָפּגעגאַנגען אין קליטל. צומאַכנדיק די טיר האָט זי דערהערט עפּעס ווי „א פּישטש פון א קעצל“ און א ווײַלע געטראַכט זיך אומצוקערן. זי איז דאָך אראָפּגעגאַנגען און ווען זי איז מיט די ניסלעך צוריקגעקומען האָט דאָס ייִנגל שוין נישט געלעבט.

דער אַלטער קלאָן האָט טיף איבערגעלעבט דעם זונס טויט. ער איז ארומגעלאָפן מיטן אויסגעקרומטן מעסער מיט וועלכן ער האָט געשניטן לעדער, און געשריען, אַז ער וועט דעם דאָקטער דערהרגענען. „ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז מ'זאָל אַזאַ עופעלע געבן רויטוויין! כ'האָב אים געזאָגט, אז דאָס קינד האָט א קראַנק האַרץ“. אין פאָטער איז אַלץ געווען צו גרויס: דער שטערן, די נאָז, די אויגן, די גאָמבע, אַלץ איז געווען איבערגעטריבן, צו שווער, איבערפליסיק און דאָך האָט זיין געזיכט פאַרמאָגט עפּעס אָנגענעמס, מילדס, הגם ישלימזלדיקס. נאָכן טויט פון עלטסטן זון האָט זיין געזיכט זיך שרעקלעך פאַרענדערט. סיי די מוטער, סיי יוזעף האָבן מורא געהאַט, אז ער זאָל זיך מיטן דאָקטער נישט אָפּרעכענען. געענדיקט האָט זיך אָבער אנדערש. קלאָן האָט איינמאָל אָנגעהויבן לייענען אין רוסיש טאָלסטאָיען. ער האָט געלייענט ביז שפּעט אין דער נאַכט. נאָכן ערשטן ביכל האָט ער זיך גענומען צו א צווייטס, דערנאָך צו א דריטס און אזוי זיך באַרואיקט. „דער גראַף טאָלסטאָי זאָגט, אַז דער מענטש איז ווי אַ פליג. אַלע זענען מיר ווי פליגן“. פון פאָטערס אַלע אמאָליקע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען האָט דאָס צוממיינסטן זיך איינגעקריצט יוזעפן אין זכרון.

נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע אין 1938, האָבן די עלטערן געשיקט יוזעפן שטודירן אויפן אוניווערסיטעט אין ווארשע, ווו ער האָט געוווינט ביי א

מומען אויף פּאַוויע-גאַס. די אָענערישע *) סטודענטן האָבן אָנגעוויזן אויף אים, ווי אויף א מוסטער פון דער גאָרדישער שיינקייט. — א שאָד נאָר וואָס דו האָסט אויף די הענט זומער-שפּרענקלעך — האָט אים אַמאָל איינער פון זיי געזאָגט. פון צייט צו צייט האָט ער געפּרוווט זיי אויפקלערן דעם טעות, אָבער זיי האָבן נישט געלייגט דערויף קיין אכט.

די אַנטיסעמיטישע סטודענטן האָבן אין זיין קעגנוואַרט נישט געענ-דערט זייער לעקסיקאָן. איינמאָל, ווען זיי האָבן געשלאָגן יידישע סטודענטן האָבן זיי אים אַפילו אַריינגערוקט אין האַנט א שפּאַציר-שטעקן. יוזעף האָט מיט אים גלייך דערלאַנגט איבערן קאָפּ יענעם סטודענט, וועלכער האָט אים דעם שטעקן אונטערגעטראָגן. מ'האָט אים דערנאָך געיאָגט איבער דער גאַנצער אוניווערסיטעט-געביידע.

אין א יאָר שפּעטער איז אויסגעבראָכן די מלחמה און יוזעף האָט זיך געמעלדן צו דער אַרמיי אַלס פרייוויליקער. א געוויסן טאָג האָט ער צווישן די שמוציקע, אָפּגעריסענע און הונגעריקע סאָלדאַטן אין ציטאַדעל געפונען זיין פאָטער, וועלכער איז געלעגן אויף דער ערד און מעכאַניש אריינגעקוקט אין א סידור, דער אַלטער קלאָן האָט אפילו אָנטיילגענומען אין געוויסע שלאַכטן און דערנאָך איז ער צוזאַמען מיט זיין צע-שלאָגענעם רעגימענט אַנטלאָפן קיין וואַרשע. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען זיין זון, איז ער נישט געווען פאַרוואונדערט פון זיין אָנוועזנהייט דאָ.

— איך טראַכט וועגן דער מאַמען — האָט ער רואיק געזאָגט. — זי איז געבליבן אַליין.

נאָך דער קאַפּיטולאַציע האָט יוזעף מיטגענומען דעם פאָטער אויף פּאַוויע-גאַס. ס'איז דאָ געווען אָרט, ווייל דער מומעס זין זענען נאָך דער סעפּטעמבער-מפּלה אַנטלאָפן און שוין נישט צוריקגעקומען. דער אַלטער קלאָן האָט דאָס גאַנצע לעבן געטרוימט וועגן וואַרשע, וועגן די רייכע סוחרים פון די נאַלעווקעס און מאַרשאַלקאָווסקע, וועלכע וויסן ווי אָפּצושאַצן שיינע אויסאַרבעטונגען און צאָלן פאַר זיי. איצט האָט זיין טרוים געזאָלט זיך פאַרווירקלעכן. דער פאָטער און זון האָבן באַשלאָסן צו ברענגען די מוטער און בלייבן וווינען אין וואַרשע.

יוזעף איז געפאָרן ברענגען די מוטער. פון זייער וווינונג אין דער שטאָט ר. איז פאַרבליבן ציגל-ברוך. זיי האָבן איצט גאָרנישט פאַרמאָגט.

---

*) אָענעראָווצעס — נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע פּאַרטיי.

די מוטער האָט יוזעף אָפּגעפונען ביים שוסטער אין קעלער־שטוב. זי איז געוואָרן איינגעשרומפּן, פאַרעלטערט. איר קליין פּנימל איז איצט איינגע־ראַמט געווען אין אַ בויגן־ראַם פון פריש גרוי־געוואָרענע האָר. דער פאָטער איז געווען אַ גרויסער, אַלץ ביי אים איז צוואַקסן געווען איבער דער מאָס, שווער געווען. ביי דער מוטער, דאַקעגן, איז אַלץ געווען דעליקאַט, אויסגעפורעמט, שיין. זי האָט געהאַט גרויסע, וווּנדערבאַרע, גרויע אויגן, וועלכע זי האָט איבערגעגעבן בירושה אירע צוויי זין. אָן אַ וואָרט איז זי איינגעגאַנגען אַריבערצופאָרן קיין וואַרשע. די סעפּטעמבער־געשעענישן האָבן אויסגעלאָשן אין איר דאָס לעבנס־פלעמל.

דער פאַרווירקלעכטער טרוים פון אַלטן קלאַן האָט דער משפּחה גע־בראַכט בלויז נויט. קיין אַרבעט האָט דער אַלטער בעל־מלאכה נישט גע־פונען. יוזעף האָט נאָך גאָרנישט געקענט, כּדי קאָנען פאַרדינען. פאָטער און זון זענען לחלוטין נישט צוגעפּאַסט געווען צו די נייע לעבנס־באַדינגונ־גען. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ וועלט פון מענטשן אָן סקרופּולן, אומבּרחמנותדיקע, גיריקע, וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט קיין שום געפיל פון סאָלידאַריטעט, קיין שום מענטשלעכע געפילן. די שטאַרקערע האָבן געטראָטן איבער די שוואַכערע — אין בילדלעכן זינען פון וואָרט און אין ווירקלעכן זינען פון וואָרט. מענטשן האָבן זיך געשלאָגן איבער יעטווידן פאַרדינסט, איבער יעטווידער אַרבעט, באַזונדערס פאַרביסן האָט מען געקעמפט פאַר אַן אַרבעטס־פּלאַץ אין דער גמינע אָדער אין דער פּאָליציי. די, ביי וועלכע דאָס געוויסן איז נאָך נישט אָפּגעטויט געווען, האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז ס'איז בעסער ס'זאָל אין דער פּאָליציי זיין אַן אייגענער, אײדער אַ דייטש אָדער אַן אוקראַינער. יוזעף האָט הונדערט מאָל אין טאָג געשטעלט זיך די פראַגע: „וואָס זענען דאָס פאַרא מענטשן? וואָס איז מיט זיי געשען?"

דער משפּחה קלאַן איז אין וואַרשע געווען שווערער ווי אַנדערע, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַקאַנטע מיט איינפלוס. שווערער איז זיי אויך געווען דערפאַר, וואָס זיי זענען אַרייַנגעטראָטן אין דעם היהשן פּעריאָד אָן שום רעזערוון „אויף אַ שוואַרצער שעה" און האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט וואָס מ'זאָל קאָנען פאַרקויפן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו הונגערן ווי טויזנטער אַנדערע אַרום זיי. איינמאָל האָט יוזעף זיך אויסגעקליבן צו זיינס אַ חבר, וועלכן ער האָט באַגעגנט אויף די טרעפּ.

— מיין פאָטער איז געשטאָרבן, אָבער נישט פון הונגער — האָט דער חבר געזאָגט.

מענטשן האָבן זיך געשעמט מיט דעם נייעם מין טויט.

יוזעף האָט זיך צוגעקוקט צו זיינע עלטערן מיט א צעקלעמט האַרץ. ער האָט מורא געהאַט, אז זיי וועלן א געווייסן טאָג אָנהייבן געשוואָלן צו ווערן פון הונגער. די הונגער־געפאַר איז דאָך באַזייטיקט געוואָרן מיטן מאָמענט, ווען ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו דעראָבערן אן ארבעט אין אַ בעקעריי, ווו ער האָט יעדן טאָג באַקומען א לעבל ברויט און צוויי זעמל פאַר דער מוטער. ער האָט אָבער באַלד אויפסניי אָנגעהויבן צו ציטערן, אז די מאַמע קאָן זיך אָנשטעקן מיט טיפוס. פון אַלע זייטן האָט דער טיפוס געהוליעט. די רייכע האָבן געקויפט פראָפעסאָר ווייגעלס אַנטיטיפוס אימפונגס־שטאָף מיטן אויפשריפט אָ. ק. וו., וואָס מ'האָט אריינגעשמוגלט פון לעמבערג. יוזעף האָט געטרוימט וועגן אַזא אימפונגס־שטאָף פאַר זיין מוטער, אָבער דאָס האָט געקאָסט א פארמעגן.

די מוטער איז געשטאָרבן אויף טיפוס. זי האָט זיך אָנגעשטעקט און נאָך עטלעכע טעג איז געווען נאָך איר. נאָך איר טויט האָט דער פאָטער געפונען א נײַ שפּריכוואָרט: „דער מענטש באקלאָגט זיך אויף שלעכטע צייטן, דערנאָך דערמאָנט ער די שלעכטע צייטן ווי גוטע צייטן און אזוי גייט אַוועק דאָס לעבן".

3

דער מוטערס טויט האָט יוזעפן מער אויפגעקלערט, ווי עס גייט דורך זיין פראָנט־ליניע, ווי אַלע ביכער פון סאָציאָלאָגיע. ווען ער האָט א געווייסן פרימאָרגן, נאָך א שווערער נאַכט־ארבעט, אומגעקערט זיך אהיים, האָט זיך ביי אים פּלוצלונג אָפּגעהאַקט דער אָטעם פון איבערראַשונג. אַנטקעגן אים האָט געשפּאַנט איגנאַצי קרוק, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער שטאָט ר.

איגנאַצי האָט געלערנט אין דער זעלבער גימנאַזיע, וואָס יוזעף. ער איז געווען מיט צוויי קלאַסן העכער פון אים, אָבער הארט פאַר זיין מאַטורע איז ער אַנטלאָפן קיין שפּאַניע. אויב שוין דערמאָנט, אין 1936, איז יוזעף שטאָלץ געווען פון זיין חברס טאַט, האָט ער איצט — ווען די געשיכטע האָט באַוויזן די ריכטיקייט פון יענעם באַשלוס — געקאָנט אים בלויז פארהערלעכן.

וואָס די עלטערע מענטשן זענען אין געטאָ געווען, זענען זיי געווען, אָבער די יוגנט האָט געטרוימט נאָר וועגן אַזעלכע טרעפונגען, ווי די טרע־

פונג אויפן ראָג פּאַוויע—זאַמענהאָף. איידער איגנאַצי האָט זיך באַוויזן

דאָ פאַר יוזעפן, האָט ער דורכגעשפּרייזט אַ סך גרענעצן. ווען פראַנקאָ האָט פאַרכאַפּט שפּאַניע, איז איגנאַצי אַדורכגעגאַנגען די פּירענייען און אינטערנירט געוואָרן דורך די פראַנצויזן. פון פראַנקרייך האָט אים איבערגענומען דער ראַטנפאַרבאַנד. הגם דער פראָנט האָט זיך געפונען צוויי טויזנט קילאָמעטער ווייטער אויף מזרח, האָט מען אויף איינעם פון די סאָוויעטישע פלי-פלעצער אַריינגעזעצט אים מיט נאָך פיר מענטשן אין אַן אַעראָפּלאַן. ביינאַכט זענען זיי דורכגעפלויגן איבער דער לובלינער געגנט און אַראָפּגעשפּרונגען אויף פּאַראַשוטן. אָפּגעפונען האָבן זיך נאָך דריי פון זיי. ביינאַכט האָבן זיי זיך געלאָזט גיין ווייטער אויף מערב. פאַרטאָג האָבן זיי זיך צעשיידט. יעדערער פון זיי האָט געהאַט אויסצופירן אַן אַנדער אויפגאַבע. איגנאַצי האָט געדאַרפט אָפּזוכן חברים, מאָביליזירן כוחות, כדי צו דערמוטיקן די הונדערטער טויזנטער פאַרמאַכטע אין געטאָ. קודם כל אָבער האָט ער געדאַרפט צוגרייטן די יוגנט אין געטאָ צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

אין אַ וואָך אַרום נאָך דער באַגעגעניש פון יוזעפן מיט איגנאַצין, האָט מען אין געטאָ אַריינגעשמוגלט די ערשטע פאַנאַנדערגענומענע מאַשינביקס. מ'האָט זי שוין געהאַט דורכגעשטופּט דורך די לעכער אויף פּאַוואָנזקי און סטאַווקע און מ'האָט געדאַרפט זי ווייטער דערלאַנגען דורך אַ פּלויט ביי וועלכן איגנאַצי האָט געוואַרט. פּלוצלונג זענען אים באַפאַלן צוויי אַגענטן אין ציווילע קליידער און צוויי גראַנאַטענע און איידער ער האָט זיך אָריענטירט אין דער סיטואַציע האָבן זיי אים געשמידט די הענט. ערשט דעמלט האָט זיך באַוויזן דער פאַרעטער—א ווייסגוואַרדייער. איגנאַצי איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער-טויט אויפן פּאַוויאַק. דעם ציאַנעק, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך, האָט מען אים ביי דער ערשטער אונטערזוכונג אָפּגענומען. יוזעף האָט נישט איינמאָל געטראַכט, אַז די „גרויסע אַקציע“, בעת וועלכער דריי הונדערט טויזנט מענטשן זענען אומגעקומען, נישט שטעלנדיק קיין שום ווידערשטאַנד, וואָלט געהאַט אינגאַנצן אַן אַנדער פאַרלויף, ווען נישט דער פאַראַט באַלד אין אָנהייב, וואָס איז געווענדעט געווען קעגן מוח פון ווידערשטאַנד. די יונגע ווידערשטאַנד-באַוועגונג, וועלכע איז נאָך נישט געווען פאַנאַנדערגעצווייגט, נישט פאַרהאַרטעוועט נאָך, איז צוריקגעהאַלטן געוואָרן. קיינמאָל שפּילט דער שטאַרקער מענטשלעכער ווילן נישט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל, ווי אין מאָמענטן פון אַ קאַטאַקליזם.

4

ביים אַריינשמוגלען די מאַשינביקס איז יוזעף ניט געווען, ער האָט זיך דעמלט געפונען אויף דער צווייטער זייט. איינגאַנץ, וועלכער האָט אים ליב באַקומען, האָט פון דער ערשטער מינוט אָן אָנגעהויבן אים אויסנוצן ווי א פאַרבינדלער צווישן געטאָ און דער אויסערלעכער וועלט. יוזעף איז אויך געווען אויף דער צווייטער זייט, ווען זיין פאָטער איז אומגעקומען בעת איינעם פון די „נאכטיקע שפּאַצירן“. די „נאכטיקע שפּאַצירן“ זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס די דייטשן זענען אריינגעפאָרן אין געטאָ מיט אויטאָס, אריינגעריסן זיך אין הייזער, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף א ליסטע און געמאָרדעט. דעם אלטן קלאָן האָבן זיי אָבער דערהרגעט דורך א צופאַל. אַרויסגייענדיק פון שניידער וויעווורקאַ האָבן די דייטשן זיך אָנגעטראָפן אויף אים פונקט בעת ער האָט זיך אומגעקערט אהיים. מ׳האָט דערנאָך געזאָגט, אז זיי האָבן אים אוועקגעלייגט, כדי צו האָבן א רונדיקע צאָל דערהרגעטע.

זומער דאַקעגן, בעת דער „גרויסער אַקציע“, איז יוזעף געווען אין געטאָ. א כוואַליע פון יאוש האָט אים פאַרגאָסן דאָס האַרץ, צוזעענדיק דעם פאַרגעם פון דער אַקציע און די רציחות. פונקט ווי אַנדערע איז ער אַריינגעפאלן אין א פּאַניק. אָבער בלויז איין זאץ פון דער צווייטער זייט האָט אים געענדערט, צוגעשפּילעט פליגל: „מאך פליטה מיט דער גאנצער פאַרע“ — האָבן אים חברים געזאָגט דורכן טעלעפאָן. אין פאַרלויף פון עטלעכע נעכט האָט מען אים איבערגעוואָרפן פון איין אָרט אויפן צווייטן. דערנאָך האָט מען אים אויף אַ געווויסער צייט איינגעאָרדנט ביי אַן ארבעטער־פאָרפאָלק, וואָס האָט געוווינט אין די „גלעזערנע הייזער“ אויף זשאָליבאָזש. דורכן קליינעם צימער מיט דער קיך זענען אין יענע שרעק־לעכע טעג דורכגעגאַנגען צענדליקער מענטשן. לאַנג נאָך זייער אוועקגיין האָט מען נאָך געפילט דעם ריח, וואָס זיי האָבן מיטגעבראכט. שוין דעמלט זענען די מענטשן דורכגעגאַנגען דורך די קאַנאַלן.

פאַרלאָזנדיק דאָס געטאָ האָט יוזעף איצט אויף אַן אמת אַריינגע־וואָרפן זיך אין דער אונטערערדישער ארבעט. ער האָט אָנטיילגענומען אין די „קאָלעיוווקעס“ *), אין די „עקסן“ **), געווען אין וואַלד, פון וואַנען מ׳האָט אים אַרויסגעצויגן, כדי ער זאָל זיך באַשעפטיקן מיטן אויפנעמען ראַדיאָ־אוידיציעס און מיט אן אומלעגאַלער אויסגאַבע. פון פאָרנט איז

*) קאָלעיוווקעס — סאַבאָטאַזש אין באַן־וועזן.

**) עקסן — עקספּראָפּריאַציעס.

געשטאַנען אַן איינשטאָקיק געמויערט הייזל, וווּ ס'האָבן געוווינט עטלעכע אָרעמע משפּחות און אין הויף האָבן זיך געפֿונען עפּעס אַ מין שפּייכלערס. אין איינעם אַזאַ שפּייכלער האָט מען אויסבאַהאַלטן אַן אַפּאַראַט, אויף וועלכער מ'האָט אָפּגעצויגן די אויסגאַבע וועגן וואָס אַלע אין הויז האָבן געוווּסט.

אויף אַ קליינער באַנק, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר דער דרוקעריי, האָבן פֿרויען מיט פֿאַרגעניגן אַריינגעלאָזט זיך אין אַ שמועס וועגן די מעלות פֿון רוקן־פֿלייש. לאַנגווײַלנדיקע זיך קינדער זענען אַריינגעקראָכן אינעווייניק און געגלאָצט מיט די אויגן, אויף די אַמאַטאָרן־דרוקער. אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ צושטאַנד איז נישט דערלאָזבאַר, אָבער ס'איז נישט געווען קיין אויסוועג, ווייל מ'האָט נישט געהאַט קיין אַנדער לאָקאַל. די הויז־וועכטערין, וועלכע האָט אָפּט פֿאַרבראָכן די הענט, האָט מען באַרויִקט, אַז „אָט באַלד ברענגט מען צופֿירן קייטושעס פֿערד"; דעם שפּייכלער האָט מען געהאַט געדונגען אויף אַ פֿערד־שטאַל.

יוזעף האָט געאַרבעט אין דרוקעריי און געוווינט האָט ער אין קליינטשיקן קאַנטאָר. דערנעבן, אין צווייטן סקלאַד, האָט מען אויסבאַהאַלטן געווער. אין גאַנצן קאָמפּלעקס געביידעס איז נישט געווען קיין איין ווינקעלע, אין וועלכן ס'זאָל זיך נישט געפֿינען עפּעס, וואָס דראָט מיט אַ נידעריקערער שטראָף, ווי טויט־שטראָף. פֿון דאַנען האָבן זיך אויך חברים געלאָזט אין „שליחותן". איינמאָל, ווען די לײַדיקע קאַסע האָט זיך גענויטיקט אין נייע רעזערוון, האָבן זיי זיך „געלאָזט אויף אַ באַנק". צוזאַמען מיט זיי זענען אַהין אָנגעקומען אַליאַרמירטע גראַנאַטענע און זשאַנדאַרן. ס'איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי. איינער פֿון די חברים, וועלכן ס'האָט געטראָפֿן אַ קויל, איז אַוועקגעפֿאַלן אויף דער שוועל. אַ צווייטן האָט געטראָפֿן אַ קויל אין מאָמענט, ווען ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן פֿאַרווּנדעטן חבר. די זשאַנדאַרן האָבן מיטגענומען מיט זיך ביידע פֿאַרווּנדעטע. אַזוי ווי מ'האָט מורא געהאַט, אַז בעתן פּייניקן זיי קאָנען די פֿאַרווּנדעטע אָנהייבן שמועסן, האָט מען געמוזט ליקווידירן דעם און נאָך אַ סך אַנדערע פּונקטן. יוזעפֿן, וועלכער איז געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט מען אין איילעניש צוגעשטעלט אַן אַדרעס פֿון אַ טראַמוויי־אַרבעטער; יענער זאָל האָבן געזוכט אַ לאָקאַטאָר. מען האָט אים אָבער געוואָרנט. אַז דער טראַמוויי־אַרבעטער „מאַכט שרעקלעך אין די הויזן" און דעריבער מוז ער „באַקן". ער איז אַוועק אויפֿן אָנגעוויזענעם אַדרעס אָן ענטוזיאַזם. אויך די געגנט האָט אים אַנטמוטיקט, ווייל ער האָט

פעסטגעשטעלט, אַז דאָס הויז איז נישט לאַנג צוריק אויסגעטיילט געוואָרן פון געטאָ, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין אויסוואַל.

דעם טראַמוויי־אַרבעטער האָט ער אין שטוב נישט געפונען. זיין פרוי האָט אים געוויזן די וווינונג. דאָס איז געווען אַ פּאַציאַטע, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי זויבערע, אָנגענעמע צימערלעך. זיצנדיק פאַר דעם טראַמוויי־אַרבעטערס פרוי האָט ער געשפּונען „זיין מעשה פון טויזנט און איין נאַכט". ער האָט איר דערציילט וועגן דער משפּחה אין קעלץ, וואָס ער האָט געמוזט פאַרלאָזן, ווייל „איר ווייסט דאָך, היינט האָט יעדערער עפּעס אויפן געוויסן", און וועגן „אַנדערע ענינים, וואָס ליגן היינט ביי יעדערן אויפן האַרץ, איר ווייסט דאָך". אין דער הויפּט־שטאָט איז ער געקומען „האַנדלען", ווייל דאָ קאָן מען לייכטער פאַר־דינען. — כ'פאַרשטיי — האָט זי געענטפערט. „זי הייבט נישט אָן צו גלייבן — האָט ער זיך געטראַכט. — זי האָט שמוגלערישע אויגן". איז צו וואָס די קאָמעדיע?

— עס ברענט נישט — האָט ער געזאָגט — פאַרלירנדיק די האָ־פענונג. איך וועט זיך באַרעכענען, קאָנטראָלירן די רעפערענצן. פאַרשיי־דענע מענטשן זוכן אַ צימער אין היינטיקע צייטן. איר וועט פריער פרעגן וועגן מיר ביי מיין קוזינקע אויף פּאָווישלע און אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר מיר געבן ענטפער.

אין קעגנזאַץ אָבער צו דעם, וואָס אים האָט זיך אויסגעוויזן, האָט ער „געמאַכט אַ גוטן איינדרוק" און די פרוי האָט אים געהייסן קומען אויף צומאָרגנס.

צוויי טעג שפּעטער איז זי שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. אויף צומאָרגנס נאָך יוזעפס אַריינציען זיך אַהער, האָט זי באַקומען אַ שווערן אַטאַק און מ'האָט זי אָוועקגענומען אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן באַהויפּטעט, אַז דאָס איז די בלינדע קישקע. ווען זיי האָבן אויפ־געמאַכט דעם בויך, האָבן זיי דאָרט געפונען אָנדערהאַלבן ליטער אייטער. די בלינדע קישקע האָט געפּלאַצט אין דריי ערטער. די דאָקטוירים האָבן פאַרנייט דעם בויך און געוואַרט. ווען יוזעף האָט אינדערפרי דערהערט אַ געוויין, האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען. אין קיך האָט ער דערנאָך געטראָפן די באַלעבאַטעמס טאָכטער — עלזשביעטאַ.

אויסקלייבנדיק זיך אַהער, האָט ער זיך בשום אופן נישט פאָרגע־שטעלט, אַז ער זאָל זי דאָ טרעפן. ער האָט זי געקענט פון דער אַרבעט ביים פאַרשפּרייטן די אומלעגאַלע ליטעראַטור. זי פלעגט קומען אויף

פּאַווישלע נאָך די דינגע בלעטלעך, וואָס זי פּלעגט נעמען „אויף איר אייגענעם אופן“ — איז דער האַנט. אַנדערע מיידלעך פּלעגן קומען מיט טאָרבעס און די צייטונגלעך אַרונטערדרוקן אונטער די קאַרטאָפל. זי האָט צוגעצויגן יוזעפס אויפמערקזאַמקייט פון ערשטן טאָג אָן. פיל מאָל האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט און יעדעס מאָל פלעגן זיי זיך קעגנזייטיק אָפּרייסן פון זיך. יוזעף האָט נישט געוווסט ווי זי הייסט און פון וואָסער סביבה זי שטאַמט. א הויכע, צוזאַמענגעפּרעסטע, עלאַסטישע, מיט מיידלשן חן, פלעגט זי קומען אין א גראַנאַטענעם שול־מאַנטעלע, לויט וועלכן מ'האָט זיך נישט געקאָנט משער זיין פון וואָסער היים זי שטאַמט. אין קאָלפּאָרטאַזש האָבן אָנטיילגענומען מיידלעך פון פאַרשידענע קרייזן. זיי האָבן געהאַט אויסגעטוישט צווישן זיך עטלעכע גאָרנישט זאָגנדיקע זאַצן — נישט ווילנדיק. יוזעף האָט נישט געזוכט קיין דערנעענטערונג. ער האָט זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג, אַז נישט נאָר אין די אויגן פון די היטלעריסטן האָט ער קיין שום ווערט נישט. ביי טאָג און ביי נאַכט האָבן אומאויפהערלעך די ראַדיאָ־סטאַציעס פון גאַנץ אייראָפּע געבילט, שפּייענדיק אויף אים. ס'איז נישט געווען קיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

א לענגערע צייט האָבן יוזעף און עליזשביעטע קעגנזייטיק זיך אָפּגעמאָסטן מיט אומוויליקע בליקן. זייערע איבערלעבונגען זענען געווען צופיל אָנגעלאָדן זיי זאָלן זיך קאָנען שענקען ווייניקער אָנגעשטרענגטע, ווייניקער פיינטלעכע בליקן. נאָר ביליקע איבערלעבונגען באַוועגן צו אַן אָנגענעמען, איינדרינגיקן בליק. ליבע ווערט אָפּטמאָל רייף אין א קנאָספּ פון האַס. יוזעף וואָלט פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט קיינמאָל נישט אַרויסגעבראַכט פאַרן מויל א פראַגע, וואָס זאָל האָבן א שייכות מיט עליזשביעטעס פערזאָן. דער נאָמען פון א געליבטער קלינגט קיינמאָל נישט גלייכגילטיק אין מויל פון א פאַרליבטן און אפילו וועגן דער מינדסטער קלייניקייט, וואָס איז געבונדן מיטן „איינציקן נאָמען“ קאָן מען נישט פרעגן מיט גלייכגילטיקייט. ער האָט קיינעמען נישט דערציילט וועגן זיינע געפילן צו עליזשביעטען, ער האָט זיך געווערט קעגן זיי, ער האָט זיך נישט געגעבן קיין רעכט אויף זיי; דאָס אַלץ האָט אָבער נישט באַזייטיקט זיין בענקשאַפט. ער פלעגט דערוואַרטן אירע וויזיטן, ווען זי פלעגט קומען נאָך די בלעטלעך. ער פלעגט אַרויס איר אַנטקעגן גיין מיט אַן איבערפולט האַרץ און מיט א געזיכט, וואָס האָט אויסגעדריקט אומוויליקייט, כמעט שנאה. אין פאַרלויף פון א סך וואָכן האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע געזאָגט בלויז עטלעכע גלייכגילטיקע זאַצן.

5

קיין שום זאַך פֿאַרשטאַרקט נישט אַזוי די באַדערפֿעניש אָנצובינדן באַציִונגען מיט נייַע מענטשן, ווי די פֿאַרלוסטן וואָס מ'האָט ארום זיך — פֿאַרשיטן די קברים אין אייגענע פֿון די געזעצן פֿון לעבן. אין נישט קיין פּולער וואָך נאָכן טויט פֿון דער מוטער, האָבן די דייטשן אַרעסטירט עלזשביעטעס פֿאָטער, וועלכער האָט „שרעקלעך געמאַכט אין די הויזן“. אין די רעמאָנט־וואַרשטאַטן, ווו ער האָט געאַרבעט, האָבן די דייטשן געפֿונען געווער. יוזעף און עלזשביעטע זענען אין דער וווינונג פֿאַרבליבן אַליין.

יוזעף האָט נאָך קיינמאָל ביז איצט עפּעס ענלעכס נישט איבערגע־לעבט. ער האָט זיך געלאָזט פֿאַרשלונגען פֿון א כוואַליע זיסע געפֿילן, וואָס איז כסדר געשטיגן. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און איינגעשלאָפֿן א גליקלעכער. אומאויפֿהערלעך האָט ער געפֿילט עלזשביעטען אין זיך, ער איז קיינמאָל נישט געווען אַליין. מיט דעם טאַקע אונטערשיידן זיך שטאַרקע געפֿילן פֿון דורכשניטלעכע. דאָס לעבן, וואָס ער האָט איצט פֿאַרזוכט, האָט גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמס מיטן לעבן, וואָס ער האָט געקענט ביז איצט. די נייַע געפֿילן האָבן אים אָבער נישט אַנט־וואָפֿנט, פֿאַרקערט, ער איז איצט געשטאַנען זיכערער אויף די פֿיס. מער ווי ביז איצט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז ווערט צו קעמפֿן. די וועלט האָט אויפֿגעהערט צו זינקען אין פֿינצטערניש און זי זינקט דאָך אַזוי לאַנג ביז דער מענטש מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן שונאים און פֿרייַנד. די ליבע האָט יוזעפֿן געמאַכט פֿאַר א מער פּולקאָ־מען מענטש, זי האָט ארויסגעהויבן זייַן פֿערזענלעכקייט. אזוי ווי ער איז אָבער נישט צוגעוווינט געווען צו קיין גליק, האָט ער שטילערהייט כסדר זיך אַליין געפֿרעגט ווי אזוי דער גורל וועט זיך אין אים נוקם זייַן און צעשטערן זייַן גליק?

א געוויסן טאָג האָט ער באַגעגנט אויפֿן גאַס דעם דאָקטער בראַון, וועלכער האָט זיך שטענדיק געניטיקט אין מענטשן. בראַון האָט אים פֿאַרגע־לייגט מיטצואַרבעטן מיט אים. זינט יוזעף איז ארומגעפֿאָרן איבערן לאַנד האָט ער זיך באַמיט אָנצובינדן א קאָנטאַקט מיט די לאַגערן. ווען בראַון האָט אין דער צוקערניע אויף זשאָליבאָזש פֿאָרגעלייגט אים דורכצופֿירן אַלעקסאַנדערן, האָט אים אַזאַ שליחות אויסגעזען צו

זיין א קלייניקייט. ער איז געווען ווייט פון געדאַנק, אז גראָד אין דעם פאַל וועט דער גורל זיך נוקם זיין אין אים. דעריבער האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּווונדערן, וואָס אַזאַ מוטיק מיידל, ווי עלזשביעטע, וועלכע האָט איבערגעטראָגן ליטעראַטור און געווער, האָט די ידיעה וועגן „דורכגיין" אויפגענומען כמעט טראַגיש. זי איז בלאַס געוואָרן, פאַרהאַקט זיך אין מיטן רעדן. זי פלעגט שטענדיק צעקלאַפּן דעם זאַץ, זי האָט ארויסגעוואָרפן פון זיך צוויי, דריי ווערטער, געמאַכט א פויזע און דערנאָך האָט זי שנעל צוגעגעבן די איבעריקע ווערטער. דאָס מאָל איז זי אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. אויסבעטנדיק דאָס בעט — אין דער נאַכט פאַרן „דורכגיין" — האָט ער נאָכגעטראַכט וועגן דעם וואָס איינגטלעך עס טוט איר וויי. די געפאַר איז איצט נישט קיין גרעסערע ווי שטענדיק. ווו ער האָט זיך נאָר געפונען, איז איבער אים שטענדיק געהאָנגען א טויט-אורטייל. נישט ארייגלאָזנדיק זיך אין ווייטערדיקע באַטראַכטונגען האָט ער איר געזאָגט, אז אין פאַרלויף פון אכט און פערציק שעה — צום שפּעטסטנס — וועט ער זיין צוריק. זי האָט אויך דערויף נישט געענטפערט.

אזוי ווי אין צימער איז נאָך קאַלט געווען, האָבן זיי צוגערוקט די קאַנאַפּע צום אויוון, צום אָנגעהייצטן אייזערן אייוועלע. צוגעטוליעטע צו זיך האָבן זיי לאנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. ווען זי איז לסוף ארויס פון איר פאַרגליווערטן צושטאַנד, האָט זי אים געזאָגט, אז זי האָט נישט ליב זיינע קאָנטאַקטן מיט בראַונען און אז „בראַון האָט נישט קיין רעכט עפּעס צו פאָדערן פון אים, ווייל ער האָט אים גאָרנישט וואָס צו געבן". יוזעף האָט נישט איינמאָל באַמערקט, אז אַנדערש האָט עלזשביעטע געקוקט אויף זיין קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט, וואָס איז נישט פאַרבונדן געווען מיט בראַונען, און אַנדערש אויף בראַונס ענינים. דערנאָך האָט זי אים אויסגעזאָגט דעם „גאַנצן אמת". זי האָט געהאַלטן, אז יוזעף האָט מיט צופיל פרייליכקייט געמאָלדן איר וועגן זיין דורכגיין, פונקט ווי ער וואָלט זיך געפרייט מיטן צעשיידן זיך.

— אָבער וועגן וואָסער צעשיידונג רעדסטו, עלזשביעטע?

ווען עלזשביעטע האָט זיך שוין געהאַט אַנטשפּאַנט, האָט דערמיט אים ארומגעכאַפּט א געפיל פון אן אומבאשטימטן טרויער. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן, די פייערדיקע שיין, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פונעם אייזערן אייוועלע האָט אים דערנאָך אָפּט איבערגעוועקט. ווי געוויינלעך נאָך א שלאָפלאָזער נאַכט, האָט ער זיך אויף צומאָרגנס

אויפגעריסן אין דער לעצטער מינוט. עלזשביעטע האָט געגרייט פאַר אים דעם רוקזאַק.

ווען ער האָט אין געטאָ א פּאַראַליזיקטער, באַוואָקסענער, אָנגעטאָן אין טראַנטעס און געפינענדיק זיך צווישן טויט און שטשורעס, געטראַכט וועגן זיין ביז איצטיקן לעבן, האָט ער קודם געזען עלזשביעטען. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אז ער וועט זי שוין קיינמאָל נישט זען, האָט אים ארומגעכאַפּט א גאַנגדיקער ווייטיק. צום לענגסטן האָט געלעבט אין זיין דמיון די לעצטע נאַכט מיטן פייערדיקן אָפּשייַן אויפן סופית. אָפּטמאָל האָט ער אויך געזען עלזשביעטען אויפן טעאַטערפּלאַץ. דער זייגער פון טורעם האָט זיך געבאָרן אין א בלאַסער גאָכמיטאָג־זון. די צוויי פראַגמענטן פון דעם איין מאָנאַטלעכן צוזאמענלעבן האָבן זיך אין אים איינגעקריצט צומשטאַרקסטן. זיי פלעגן אויפטויכן אויך דעמלט, ווען מיטן לויף פון דער צייט און דורך די כסדר פאַרשטאַרקטע שרעקלעכע איבערלעבונגען, האָט זיך עלזשביעטעס געזיכט פאַרווישט אין זיין זכרון. ער האָט געדענקט אירע אויגן, דאָס מויל, די נאָז, די באַקן, די האָר, אָבער זיי האָבן נישט געשאַפן קיין גאַנצקייט. געווען מאָמענטן, ווען זיין זכרון האָט פּלוצלונג אויפגעבליצט און ער האָט זי דערזען, אָבער ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן אין דמיון איר בילד. פּונקט ווי עס געשעט מיט א חלום, וואָס צאַפּלט נאָך, אָבער שוין אָט ווערט ער צעשוומען אין א מעכטיקער טאָג־כוואַליע, אזוי איז עלזשביעטעס בילד אויסגעלאָשן, אַראָפּגעקראַצט געוואָרן דורך דער וואָכעדיקייט. די גאַנצע צייט אין געטאָ האָט ער אומאויפהערלעך געבענקט. עלזשביעטע איז געווען דאָס שענסטע פונעם לעבן, וואָס ער האָט געלאָזן הינטער זיך. — האָסט קיינמאָל, מארעק, נישט ליב געהאַט? ווי קאָן מען נישט ליבן? — האָט ער איינמאָל געפרעגט דעם „צווייטן דיכטער“.

ס'איז אים קיינמאָל אויפן געדאַנק נישט געקומען, אז עלזשביעטע זאָל קאָנען עמעצן אן אנדערן ליב באַקומען. טראָץ דעם האָט ער אין יענעם דעצעמבער־פרימאָרגן גאַנץ לייכט אָנגעקלאַפּט אויך דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט ס'זאָלן נישט האָבן פאָרגעקומען קיין ענדערונגען. איין אויגנבליק האָט אים איבערצייגט, אַז ס'זענען נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונגען, דער עיקר נישט אַזעלכע, פאַר וועלכע ער האָט זיך צומייסטן געשראָקן.

.6

ווען יוזעף האָט אָנגעהויבן דערציילן עלזשביעטען, וועלכע איז געזעסן לעבן אים א באַלויכטענע מיטן ליכט פון קליינעם לעמפּל, וועגן זיינע איבערלעבונגען פון די לעצטע חדשים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז אלץ האָט זיך געדרייט ארום „צווייטן דיכטער", וועלכער איז אוועק אין געטאָ זוכן „אייביקייט", א דערהויבענעם זכות אויפן דערוואַרטן טאָג פון משפּט און איז געוואָרן א „קאפּוש". אין די פיר ווענט פון זיין צימער האָט די בענקשאַפט געהאַט פארשטעלט דעם דאָזיקן מענטשס זיין אייגן בילד. אין דער איינזאמקייט האָט ער געטרוימט וועגן יום־הדין, אָבער ווען ס'זענען אָנגעקומען טעג פון נסיונות האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין דעם פאַרלאָזענעם צימער מיט דער קאַנאַפּע האָט ער געזען דעם גם פון לעבן. לעבנדיק א לענגערע צייט אָפּגעזונדערט איז ער אויסגעלײדיקט געוואָרן פון אַלע כוחות — די טרוימען האָבן זיי אויפגעפרעסן. ס'איז אן אמת גליק נישט צו קענען זיך גרינטלעך.

יוזעף האָט געזאָגט: — די נאַטור באַלעבאַטעוועט שלעכט מיט אירע טאַלאַנטן, כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט עמעצן אַזוי שיין רעדן ווי קארמאַנסקי האָט גערעדט. כ'האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן זיינע ווערטער. שפּעטער ערשט האָב איך פאַרשטאַנען, אז זיינע ווערטער האָבן גאָרנישט באַדייט. ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט ליב געהאַט. ער איז געווען איינזאַם אַליין און איינזאַמקייט איז אַ קרענק. מ'דאַרף ליב האָבן, כדי אויסצוהאַלטן אין א שעה פון נסיון. ער האָט קיינעם נישט ליב געהאַט.

ווען יוזעף האָט דאָס דערציילט, איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אז בעת דער „צווייטער דיכטער" איז שטענדיק געווען אליין, האָט אים, יוזעפן, שטענדיק עמעצער אונטערגעהאַלטן, זיינע כוחות האָט שטענדיק עמעצער געשטאַרקט. א פּאראָט אָדער א דערפילטע פליכט זענען נישט געווען בלויז זיינע אייגענע ענינים. הינטער אים זענען געשטאַנען בראָון, איגנאַץ, חברים, עלזשביעטע. זיי האָבן געשטאַרקט זיינע כוחות! ס'איז אים, אלזאָ, שטענדיק לייכטער געווען ווי דעם „צווייטן דיכטער".

א פאַרקוקטער אין עלזשביעטען האָט ער געטראַכט, אז אויך די פּרעכטיקע עלזשביעטע וואָלט קיינמאָל אין זיך נישט געפינען אַזויפיל כוח צו טראָגן אויף זיך אַזאַ משא ווי זי טראָגט, ווען נישט די חברים. „די וועלט איז קען מיר, אָט־דאָ דערנעבן הייבט זיך אָן דער אָפּגרונט.

כ'בין נישט נאָר א פארמשפּטער כ'האָב קיין שום ווערט נישט. עלזשביעטע איז פארליבט נישט נאָר אין א פארמשפּטן, זי האָט ליב עמעצן מיט וועמענס גורל מען געמט זיך איבער ווייניקער ווי מיטן גורל פון א פליג. ווען זי וואָלט אַנגעוויזן געווען בלויז אויף זיך אליין, וואָלט זי זיך אונטערגעבראָכן. דאָס צייכנט די אידעע אָן דעם מאַגישן קרייז, וואָס פארהיט אונדז פון שלעכטס".

„און דאָך — איז אים פּלוצלונג דורכגעלאָפן א געדאַנק אין קאָפּ — ווען מ'האָט מיך ארייגעפירט אין דער טויטן־קאַמער, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן מיך צו קאַטעווען און כ'האָב דערפילט דעם טעם פון בלוט אין מויל, האָב איך כסדר זיך איבערגעחזרט: „מוזט אויסהאַלטן, אפילו קיין אָנדייטונג פון פאראט מאָרסטו נישט שאפן, ווייל ווי וואָלסטו דער־נאָך געקאָנט קוקן דעם „צווייטן דיכטער" אין די אויגן?".

.7

די לאַנגע דערציילונג וועגן „צווייטן דיכטער" האָט עלזשביעטע אויסגעהערט מיט איין אויער נאָר. אין דער גאַנצער געשיכטע האָט איר אינטערעסירט קודם כל נישט קארמאַנסקי, נאָר יוזעף. ס'איז פאַר איר בולט דערשינען דאָס אלץ, וואָס זי האָט אין אים ליב געהאַט — זיין נאָבלקייט, ענטוזיאזם, זיין כוח, גאיווקייט און שוואכקייט. פרויען כאַפּן אויף יעדעס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון מויל פון א מאַן. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי יוזעף האָט איר אַמאָל געהאַט דערציילט, אז אין פאַרלויף פון זיין גאַנצער יוגנט האָט אים געמאַטערט דאָס, וואָס ער האָט קיין שום טאַלאַנט נישט. אויסערלעך איז ער אַלעמאָל עגלעכער געוואָרן צו זיין זיידן, וועלכער איז אין דער יוגנט געווען זייער א שיין יינגל, אָבער נאָך עפּעס א קראַנקהייט איז ער שטום געוואָרן. די עלטערן האָבן אים דערמלט אויסגעלערנט שוסטעריי; ער האָט געמאַכט שיינע שיך. איידער ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון פלעגט ער צוזאמענשטעלן פרעכטיקע מעשהלעך. טייל מענטשן האָבן דערנאָך געהאַלטן, אז זיי דערקענען לויט זיינע אויגן, אז ער קאָמפּאָנירט ווייטער זיינע מעשהלעך, כאָטש ער דערציילט זיי נישט. אין די ווינטערדיקע נעכט פלעגט אין פענצטערל ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט, צומשפּעטסטן אין שטעטל ווערן פינצטער און אינדערפרי צומפריסטן ליכטיק. אין שטעטל האָט מען אים גערופן „יוסף פון גאָלדענעם פענצטער".

עליזשביעטע האָט די גאַנצע געשיכטע וועגן „צווייטן דיכטער“ אויסגעהערט אויך אין א צושטאַנד פון א געוויסער צעשטרייטקייט, ווייל ס׳האָבן איר איצט געמאַטערט זאכן, וועגן וועלכע זי האָט נישט אינפאָרמירט יוזעפן, כדי אים נישט צו פארסמען די ערשטע שעהן פון זיין צוריקקומען. ביז היינט אינדערפרי האָט זי געהאַט גענוג כוח זיך קעגנצושטעלן דעם שטורמישן שטראָם, וואָס האָט זי געוואָלט מיטרייסן. פון אינדערפרי אָבער, פונעם מאָמענט, ווען יוזעף איז צוריקגעקומען, האָט זי דערפילט, אז זי פאַרלירט די כוחות. און קיין ווונדער נישט. ביז היינט אינדערפרי איז זי שטאַרק געווען, ווייל וועגן זיך האָט זי נישט מורא געהאַט. איצט האָט זי געהאַט וועגן וועמען מורא צו האָבן. אין פאַרגלייך מיט די נייע אומגליקן, וואָס זי האָט דערוואַרט, האָט איר די גאַנצע געשיכטע מיטן „צווייטן דיכטער“ אויסגעזען אומבאַדייטנדיק און ווייט.

בלויז יוזעף איז פארבליבן אליין, אָן משפחה. נאָכן ארעסט פון עליזשביעטעס פאָטער, וועלכן מ׳האָט לעצטנס געהאַט איבערגעפירט פון פאַוויאַק קיין אוישוויץ, איז צו איר אין שטוב אלעמאָל אָפטער ארײנגעפאַלן איר מומע. דאָס איז געווען א פערציקיעריקע, פליישיקע פרוי, מיט האַלב=העלע האָר, וואָס זענען מייסטערהאַפט פאַרקעמט געווען אין אַ קרוין, מיט קליינע הענטלעך, וואָס זי פלעגט אָפט צוזאמענלייגן, מיט קליינע פיסלעך, וואָס האָבן נישט דערגרייכט צו דער ערד, בעת זי איז געזעסן. די מומע, וועלכע איז נישט לאַנג געוואָרן אן אייגנטימערין פון א האַלב געוועלב מיט א האַלב שויפענצטער אויף כמיעלנע=גאַס, האָט עליזשביעטען אויפריכטיק ליב געהאַט. זי האָט ליב געהאַט זי צו קושן, באַווייזן זיך מיט איר און פלעגט זי אָפט מיטנעמען אויף א טיי אין גאיעווסקיס צוקערניע. נאָכן אַרעסט פון פאָטער, האָט זי געפאָדערט, אַז „יענער“ זאָל זיך אַרויסציען. עליזשביעטעס ליבע איז געווען פאַר איר אן אמת אומגליק.

— עלאַ, איז וועמען האָסטו דיך פארליבט? — האָט זי געטענהט צו איר — דאָס איז נישט קיין מאַן פאַר דיר!

עליזשביעטע האָט אזוי רעאגירט דערויף, אז איר מומע זאָל זיך נישט מאַכן קיין שום אילוזיעס. דער סוף איז געווען אזעלכער, אז דער מומעס קוים באמערקבאַרע זאָרג מיט וועלכער זי האָט אָנגעהויבן דאָס געשפרעך איז אויסגעוואָקסן אין אן אנגסטיקער באַאומרואיקונג.

— הער וואָס כ'זאָג דיר — האָט זי דעמאָלט שטרענג אַ זאָג געטאָן — ס'איז באמת נישט קיין צוגעפּאַסטער מאַן פאַר דיר. איך וואָלט געהאַט פאַר דיר עמעצן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ער האָט נישט לאַנג אויפגעמאַכט זיך אַ געשעפט אין די אַלייען, האַנדלט מיט גאָלד. אָט דאָס וואָלט געווען צוגעפּאַסט פאַר דיר און נישט עפּעס עמעצער פון אומבאַקאַנטער אָפּשטאַמונג. און אפשר גאָר אַ ייד? ווייל מ'זאָגט, אַז אַ ייד. — אין עליזשביעטען האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. ס'איז גענוג געווען אויפצוהייבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, כדי זיי ביידן אומצוברענגען.

אָבער נישט גאָר אין אַ מסירה דורכן טעלעפאָן האָט זיך געהאַנדלט. דאָס, וואָס מ'האָט אויף שריט און טריט גערעדט וועגן יידן — אין טראַמוויי, אויפן גאַס, אויפן מאַרק — האָט עליזשביעטען פאַרסמט דאָס לעבן און אַוועקגענומען פון איר ליבע די פרייד. זי האָט נישט געהאַט קיין שום באַשטימטע מיינונג אויף דעם געביט — ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז זי אַלט געווען פערצן יאָר — אָבער דאָס אַלץ וואָס קומט פאַר אַרום אונדז, דאָס וואָס מען רעדט, פאַרשטאַרקט אָדער שוואַכט אָפּ אונדזער ליבע. יעטווועדער מיט וועלכן מיר באַגעגענען זיך פאַרשטאַרקט, אָדער שוואַכט אָפּ אין אַ געוויסער מאָס אונדזערע געדאַנקען און געפילן. פאַר מענטשן איז די עפנטלעכע מיינונג דאָס, וואָס פאַר פלאַנצן דער רעגן. נאָך יעדן אַרויסגיין אויפן גאַס, נאָך יעדער באַגעגעניש מיט מענטשן, איז עליזשביעטע, נישט אַרויסווייזנדיק דאָס, געוואָרן פאַרזיכטיקער לגבי יוזעפן. אַ סך זאַכן אין אים האָבן איר ממש אַנטציקט. איר איז דווקא געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס ער איז נישט ענלעך געווען צו אַנדערע ייִנגלעך, וועלכע זי האָט געקענט. ס'איז איר געפעלן דאָס, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק אַ ריזיקע צאָל לידער, וועלכע ער האָט איר רעציטירט. ער האָט איר אויסגעזוכט מער באַלעזן און געבילדעט, ווי ער איז אין דער אמתן געווען. וועגן זיין סאָציאַלער אָפּשטאַמונג האָט זי געהאַט אַ גאַנץ נישט קלאָרע פאָרשטעלונג, ווייל זי האָט זיך לחלוטין נישט אָריענטירט אין דעם קאָמפּליצירטן סאָציאַלן לייטער צווישן יידן. אַזוי ווי זיי זענען פאַרמישפּט געווען ווי אַ גאַנצע עדה, האָט זי געטראַכט וועגן זיי ווי וועגן איין גאַנצקייט. זי האָט געמיינט, אַז יוזעף שטאַמט פון אַ רייכער משפּחה און איז פאַרוואַנדערט געווען, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ס'איז נישט אַזוי.

יוזעף איז איר אויך געפעלן געווען, ווי אַ מאַן. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געשטערט, אַז זי זאָל פון סאַמע אָנהייב באַהערשט זיין פון וואַק־

לעניִשן, וועלכע ער האָט להלוטין נישט באַמערקט. יוזעף האָט פּאַרמאָגט נישט נאָר אין געזיכט עפּעס אַ מין נאַיווימעט, נאָר אויך אין זיין כאַראַקטער, אין זיין נשמה. עליזשביעטע האָט זיך געוואַקלט, ווייל צווישן פאַרליבטע פילט זיך שטענדיק ווי א ביסל אָפּגעגאַרט דער, וועלכער ברענגט אַריין מער — מער אין סאָציאַלן זינען. אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, איז דאָס מיידל נישט געווען אין אים אַזוי פאַרליבט ווי ער אין איר. ביי פרויען הייבט זיך די ליבע נישט אָן פון סאמע העכסטן פונקט, ווי עס געשעט — אָפט — ביי מענער. די ספקות פון דער מומען האָבן אין א געוויסן מאָמענט באַהערשט אויך דאָס מיידל. ערשט נאָך יענער נאַכט, ווען זיי האָבן פאַרבראַכט ביים אייזערן אייוועלע, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויפן סופיט מיט זיין ראָזער פייערדיקער שיין, און דער עיקר נאָכדעם ווי ער איז אַוועק אין געטאָ, ערשט אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט במשך פון לאַנגע חדשים, האָבן זיך ביסלעכווייז פאַרפעסטיקט ביי דעם מיידלס געפילן, ביי איר כאַראַקטער. דער מומעס רייד האָבן אויפגעהערט צו האָבן אויף איר א ווירקונג. האָקעגן האָט זי אָנגעהויבן זיך פאַרוואַרפן, אז זי האָט יוזעפן נישט געגוג ליב געהאַט, אז זי איז אין באַצוג צו אים נישט געווען אַזאַ, ווי זי האָט באַדאַרפט צו זיין. אינהאַלטלאָז זענען פאַר איר ביז איצט געווען די ווערטער: „קאַמף פאַר א נייער געשטאַלטיקונג פון לעבן“. איצט האָט זי אויך די ראָזיקע ווערטער באַנומען. ערשט אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט האָט זי אים אמתדיק און מוטיק ליב באַקומען. די פאַרטיפטע געפילן אין איר פערזענלעכן לעבן האָבן פאַרטיפט איר באַציונג צו די אויפגאַבן, וואָס זי האָט געדאַרפט אויספירן. עליזשביעטע איז שוין פון לאַנג געהאַט געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די חברים שאַפן דעם באָדן אויף וועלכן זייער ליבע קאָן בליען.

זינט א לענגערער צייט אָבער האָט איר פאַרשאַפט נייע זאָרגן שוין נישט די מומע מיט די ליליפּוטן-פּיסלעך, נאָר גאָר עמעצער אַנדערש. אויף דער איינזאמער עליזשביעטען, וועלכע האָט געוווינט אליין, האָט געוואָרפן אן אויג דער הויזוועכטער קרול, א פירקאַנטיקער, פינף און דרייסיק-יעריקער מאַן, א פעטער און בלומרייכער ווי א שטיק רוי פלייש. ער האָט דאָס מיידל געפרעסן מיט זיינע קליינע, תאווהדיקע אייגעלעך. זיין קאָליריק מויל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט פאַלירט געווען און עפּעס א ספּעציעלער ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים, האָבן דאָס מיידל דורכגענומען מיט אן עקל; זיינע ריזיקע הענט מיט די קורצע

שמוציקע פינגער האָבן אָנגעוואָרפן אויף איר א שרעק. קרול האָט בימלעכוויין אויפגעהערט זיך אויסצובאַהאַלטן מיט זיין ליבשאַפט. ער איז ארומגעגאַנגען א ליידנדיקער, עלזשביעטע האָט דאָס געזען. מיט שרעק אין האַרץ פלעגט זי דורכלויפן דורך די שטיגן און ווען זי האָט זיך געפונען אין דער וווינונג, האָט זי פאַררוקט אלע ריגלען. זי האָט געעפנט די טיר בלויז דעמלט, ווען זי האָט דערהערט אַן אָפּגערעדטן קלונג. אָט דער שרעקלעכער מענטש האָט באַדאַרפט באַמערקן, ווי יוזעף האָט זיך פאַרטאָג ארייַנגעגנבעט. ווען ער האָט זי באַגעגנט אויף די שטיגן מיטן פארקניפּטן פעקלע טראַנטעס, האָט ער אַזוי א קוק געגעבן אויף איר, דער עיקר אויפן פעקלע, אז א ציטער איז איר אַדורך איבערן לייב.

— איז צוריקגעקומען? — האָט ער געפרעגט מיט אַזאַ שטימע, וואָס האָט זיך אים פלוצלונג אונטערגעבראָכן.

אין אָנבליק פון אזעלכע קאָנקרעטע, נייע געפאַרן, האָט זי זיך נישט זייער געקאָנט איבערנעמען מיט דער געשיכטע פון „צווייטן דיכטער“. זי האָט זיך איר אויסגעדוכט צו זיין משונהדיק און אפילו אומזיניק.

.8

— צי ביסטו זיכער, אַז ער איז דערהרגעט? — האָט זי „אָט אַזו זיך“ געפרעגט א ווײַלע פאַרן איינשלאָפן.

אין איר פראַגע איז נישט געווען קיין שאָטן פון ספק וואָס שייך דעם „צווייטן דיכטערס“ טויט און נישט קיין געפיל פון געפאַר, וואָס זאָל זיי דראָען מצד אים. די גאַנצע געשיכטע וועגן קאַרמאַנסקין האָט נישט געלאָזן אין איר קיין איין געדאַנק און ביזן סוף קיין שום געדאַנק שוין נישט אויפגעוועקט.

ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו זעצן אין דער טיר, האָט עלזשביעטע אין איר דמיון דערזען דאָס טעמפּע, פּירקאַנטיקע געזיכט פון הויזוועכטער קרול, זי האָט אים ממש געזען פון דער צווייטער זייט, הינטער דער טיר. זי האָט די ערשטע דערהערט דאָס קלאַפּן. זי האָט די ערשטע זיך אויפגעריסן, צוגעלאָפן צום פענצטער, אונטערגעהויבן דעם ברעג פון פאַרטונקלונגס־פאָרהאַנג און אַרויסגעקוקט. אונטן זענען געשטאַנען צוויי אויטאָס, א גרויסער און א קליינער, איןביידע זענען די לאָמפּן געווען פאַרלאָשן. אין קליינעם אויטאָ נאָר האָט זיך אין מיטן געברענט א קליין

לעמפּעלע, אַזאַ שטילס ווי אויף דער וואך. עלזשביעטע האָט איבערהאַפּט צוזאַמענגענומען די געדאַנקען. אין פּאָדערצימער זענען אונטער די מאַנטל־הענגערס געשטאַנען עטלעכע שאַכטעלעך מיט דינאַמיט. געבראַכט האָט זיי דער יונגער, שיינער יולעק זאַלענסקי. עלזשביעטע און זאַלענסקי האָבן זיי אַרויפגעטראָגן צוזאַמען אונטער די שווערע פּאָרשערישע בליקן פון קרולן. יעדעס מאָל האָבן זיי מאַנעווירט, כדי אויסצומיידן צו באַגעגענען אים, און יעדעס מאָל זענען זיי ארויפגעפאַלן אויפן הויזוועכטער. ווען זיי זענען שפּעטער צוריק אַראָפּגעגאַנגען, האָט עלזשביעטע אויפגעכאַפּט זיין שווערן בליק פול מיט קנאה. ער איז איבערצייגט געווען, אַז זי פירט אַ גאָר אויסגעלאַסן לעבן און דער איינציקער מאַן, וועלכן זי מיידט אויס דאָס איז ער. ער האָט דערפון געליטן, אָבער עלזשביעטע האָט אפילו נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַ שמייכל צו טאָן צו אים, מיט וואָס זי וואָלט געקאָנט מילדערן זיין צאָרן.

ווען צו יוזעפן איז דערגאַנגען דאָס זעצן אין דער טיר, איז אים קודם כּל געקומען. אויפן זינען דער „צווייטער דיכטער". פּונקט ווי עלזשביעטע האָט הינטער דער טיר געזען קרולן, אַזוי האָט ער דאָרט געזען דעם „צווייטן דיכטער" מיט זיין פּאַרביסן, אָנגרייפעריש געזיכט, ווי ער האָט אויסגעזען אין לעצטן פּעריאָד. אַ גאַנצן טאָג האָט ער נישט געספּקט, אַז קאַרמאַנסקי איז טויט, דאַקעגן איצט איז ער געווען איבערצייגט, אַז דער „צווייטער דיכטער" לעבט און שטייט דאָרט הינטער דער טיר, אַז „ער איז קיינמאָל נישט דערשאָסן געוואָרן". איבעריקנס האָט ער אים אין אַ ווילע ארום באמת דערזען. ווען ער האָט עטוואָס אָפּגערוקט דעם פּאַרטונקלונגס־פּאָרהאַנג און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער האָט ער אין דעם באַלויכטענעם, שטילן קליינעם אויטאָ דערזען דעם „צווייטן דיכטער". ער איז דאָרט געזעסן און געלייענט אַ צייטונג! פּלוצלונג האָט זיך יוזעף דערמאָנט אין אַ פּרט, אין וועלכן ער האָט אינגאַנצן געהאַט פּאַרגעסן. פאַרן דורכגיין איבער דער מויער, ווען זיי זענען געשטאַנען אין דעם אָפּגעראַטעוועטן טויער, האָט ער זיך צוגעקוקט „צום בינטל ביינער אין מאַנטל" און געטראַכט: „צו עלזשביעטען וועט ער האָבן נעענטער, אין דער קאַפּאָטע, אין דעם טרויער־מאַנטל וועט ער נישט ווייט דערגיין!" און ער האָט אים געגעבן עלזשביעטעס אַדרעס. ווי נאָר ער האָט עס אָפּגעטאָן, האָט ער גלייך באַדויערט. איצט האָט ער זיך דערמאָנט קאַרמאַנסקיס פאַרעטערישע אויגן אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט גענומען ביי אים דעם אַדרעס. „און דאָך האָט מען באַדאַרפט אויסענדיקן אים

מיט א ציגל אָדער א שטיק אייזן" — האָט ער זיך דערמאָנט אַדאַמס ווערטער.

ער איז צוגעלאָפֿן צו דער בלייך געוואָרענער עליזשביעטען, וועלכע איז געשטאַנען אינמיטן צימער און געציטערט. צוגעטוליעטע צו זיך האָבן זיי געהערט ווי זייערע הערצער שלאָגן שנעל. די טיר האָט זיך געבויגן אונטער די קלעפּ פֿון שטיוול און קאָלבעס. פּלוצלונג איז שטיל געוואָרן.

די שטילקייט האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. זעענדיק, אז מען מאַכט די טיר נישט אויף, האָבן די זשאַנדאַרן זיך א ביסל צוריקגעצויגן און דורכן אויבערשטן פֿענצטערל אַריינגעוואָרפֿן א גראַנאַט. דער גראַנאַט האָט גורם געווען, אז דער דינאַמיט זאָל אויפֿרייסן. פֿונעם אויפֿרייס אין יענער דעצעמבער־נאַכט זענען אומגעקומען נישט בלויז יוזעף און עליזשביעטע, נאָר אויך צוויי זשאַנדאַרן און דער הויזוועכטער קרול.

קרול האָט די זשאַנדאַרן נישט געבראַכט, ווי דאָס האָט געמיינט עליזשביעטע; אין קליינעם אויטאָ איז נישט דער „צווייטער דיכטער" מאַרעק קאַרמאַנסקי געזעסן, כאָטש יוזעף וואָלט דערויף צוגעשווירן, דאָרט איז געזעסן עפּעס א דייטש. אָבער דאָך האָבן די זשאַנדאַרן עליזשביעטעס און יוזעפֿס אַדרעס באַקומען טאַקע פֿון קאַרמאַנסקין.

„אַדאַם, אבראם אויף אונדזער לשון" האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. שפּיגל איז דערהרגעט געוואָרן אויפֿן אָרט. דער „צווייטער דיכטער" דאַקעגן האָט, א שווער פֿאַרוווּנדעטער, נאָך געלעבט א שטיקל צייט. ליגנדיק הינטער דער געטאָ־מויער האָט ער אין פֿיבער איבערגעחזרט דעם אַדרעס, וואָס ער האָט באַקומען פֿון יוזעפֿן. ער איז נישט געווען ביים קלאָרן זינען און זיך פֿון גאָרנישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט. די דייטשן האָבן אים צוגעענדיקט און אויפֿן אַדרעס זענען זיי געפֿאָרן „אויף יעדן פֿאַל".

דער אומקומענדיקער דאַניעל

.1

דעם ערשטן אויגוסט 1944 אין די נאָכמיטאָג־שעהן, איז דאַניעל אויף א ווײלע אַרײנגעפאלן אין הויז נומער צוויי און צוואַנציק אויף דער גאַס פון דריי קרוינען. דאָס איז געווען א הויז ווי אַנדערע הייזער אין דער געגנט, א פיר שטאָקיקס, א ביסל שמעלער ווי די אַנדערע, א טונקלס, אָן זון. אין טויער האָט ער געטראָפן עטלעכע ייִנגלעך אין הויכע שטיוול און אין מאַנטלען הינטער וועלכע זיי האָבן וואַרשײנלעך אויסבאַהאַלטן געווער. קיינעמען האָט איבעריק נישט געוווּנדערט נישט דער אויסזען פון די ייִנגלעך, נישט זייער אַנוועזנהייט אין העלן טאָג אין אַזאַ באַוועגלעך אָרט. די לעצטע געשעענישן האָבן אָנגעלערנט, אז מען דאַרף זיך אויף גאָרנישט חידושן. די דייטשע ארמיי האָט זיך ווייטער צוריקגעצויגן און אין דער מאָס ווי די אָקופּאַציע־מאַכט האָט זיך געבראָכן, איז אָפן ארויסגעטראָטן די אונטערערדישע באַוועגונג. ס'איז נישט געווען קיין סוד, אז די מאָביליזירטע „לאַנדס־ארמיי" וואַרט אויף א צייכן. אויף דער גאַס האָט מען שוין אָפן פאַרקויפט די ביז איצטיקע אומלעגאַלע צייטונגען, ווי „דער אינפאָרמאַציע־ביולעטין" „די רעפּובליק". דאַניעל איז אַרויפגעלאָפן אויפן שטאָק צו זיין אפּוטרופּוס זיבערט, כדי אים פאַר אַלץ צו באַדאַנקען און אָפּצונעמען דערביי עפּעס א קלייניקייט. ער איז שנעל צוריק אראָפּגעלאָפן, ווייל ער האָט געפילט, אז ער וועט זיך פאַנאַנדערוויינען. דער מאָמענט איז געווען א גינסטיקער פאַר טרערן. זיבערט האָט אים שטאַרק ארומגענומען, דאַניעל האָט פארשטאַנען וואָס דאָס באַדייט: מיר האָבן אייך אָפּגעראַטעוועט, און איצט וועט איר שווימען מיט די אייגענע כוחות. אין א טאָג, העכסטנס אין צוויי וועט שוין דאָ נישט זיין קיין דייטשן.

ווען דאַניעל האָט זיך ווידער געפונען אין טויער, האָבן שוין די ייִנגלעך געהאַלטן דאָס געווער גרייט און, רופנדיק „פאָרויס!", האָבן זיי זיך נישט גערירט פון אָרט. נאָכדעם ווי זיי האָבן צום פינפטן מאָל א

געשריי געטאָן „פּאָרויס!“, זענען זיי אַרויס אויפן גאַס. ס'האָט זיך דערהערט א שיסעריי, דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. דאַניעל האָט שוין נישט געקאָנט זיך דורכקריגן אויף אַכאָטע, ווו ער האָט דעמלט געוווינט און נאָך עטלעכע שעה אומזיסטע באַמיונגען האָט ער זיך אומגעקערט צום הויז אויף די דריי קרוינען. זיבערט האָט ווי אַלע מאָל אים אויפגענומען פריינדלעך, איבעריקנס, איז אין ערשטן אָוונט פון אויפשטאַנד די פאַרברידערונג געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג.

די גאַס פון די דריי קרוינען, וואָס געפינט זיך, ווי באַקאַנט צווישן שוויענטאָקזשיסקע און קרולעווסקע און ציט זיך פּאַראַלעל צו מאַרשאַל־קאָווסקע, האָט בעתן אויפשטאַנד איבערגעלעבט נאָר איין איינציקן שיינעם אָוונט — דעם ערשטן. די הייזער זענען באַצירט געווען מיט פּע־נער, פון דער געביידע פון דער פוילישער שפּאַר־קאַסע האָבן זיך דורכן ראַדיאָ־הילכער געטראָגן די קלאַנגען פון נאַציאָנאַלן הימן. ביז שפּעט אין אָוונט האָבן מענטשן זיך געקושט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן פון פרייד, מיט טרערן פון טרויער און האָפענונג. אָבער שוין אויף צו מאָרגנס און אין די שפּעטערדיקע טעג האָבן די דייטשע עראָפּלאַנען פאַרוואַנדלט אַ טייל פון דער גאַס אין ציגל־ברוך. נאָך יעדן אָנפאַל זענען געבליבן טויטע, וועלכע מ'האָט געדאַרפט באַערדיקן, פאַרוווּנדעטע, וועלכע מ'האָט געדאַרפט פלעגן, און פאַרשיטע, וועלכע מ'האָט געדאַרפט אַרויסציען פון אונטער די רואינען. מ'האָט געדאַרפט לעשן שריפות. פאַרנאַכט האָבן זיי אויסגעזען אַזוי געוואַלדיק, אַז עס האָט זיך אויס־געדוכט, דאָס ביז איבערמאָרגן וועט קיין שפּור נישט פאַרבלייבן פון דער שטאָט, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין וואַסער. במשך פון דער נאַכט האָבן דאָך די שריפות ווי נישט איז אַליין זיך איינגעלאָשן. אויף מאַר־שאַלקאָווסקע נעבן דער אַמאָליקער צייטונג ”Kurier Poranny„ האָט מען געראַכט אויפשטעלן און פאַרלאַטן די באַריקאַדן, פאַנאַנדערשטעלן און פאַרלאַטן די באַריקאַדן וואָס אונטער דער אָנפירונג פון פּאָ־רוטשניק קאַראָל אויף דאָמבראָווסקי־פּלאַץ. בייגאַכט האָט מען געמוזט האַלטן וואַך אין טויער, כדי אויסצומיידן טויזנטער סורפּריזן. א שטיקל צייט — זייער א קורצע צייט — האָט געשפּילט א ראָל דער פּאַטריאָטי־שער געוויסן און אַלע האָבן די אויפגאַבן אויסגעפירט. ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך אָבער פאַרצויגן, האָבן מענטשן אָנגעהויבן קוקן אויף אים, ווי אויף אַ שווערער פּאָלקס־מפּלה און אויף די אויפשטענדלער האָט מען געקוקט מיט ווידערגעפיל און מורא. די איינוווינער, וועלכע

מ'האָט גערופן צו די פאַרשידענע ארבעטן, האָבן, ווי אַ זעלבשוץ=פאָרם, אָנגעהויבן באַנוצן זיך מיטן מיטל פון אַרויסדרייען זיך. זיי האָבן געפרוווט איבערצייגן דעם קאָמענדאַנט פון אָ.פּ.ל.*), וועלכער איז געווען די העכסטע מאַכט אין הויז, אז צו ארבעטן דאַרף מען קודם באַשטימען די פּרעמדע, וואָס האָבן געפונען אַ אזיל אין קעלער אָדער אין די וויגונגען ביי די שטענדיקע לאָקאַטאָרן. נישט צוזאַמענגערעדנדיק זיך, זענען אַלע אין דער היים פאַרבליבענע לאָקאַטאָרן געפאַלן אויפן זעלבן מיטל. אין יעדן הויז איז געווען א היפשע צאָל פּרעמדע. דער אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פיר א זייגער, איז געווען אַן איבעררהאשונג פאַר טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען דעמלט ארויסגעגאַנגען פון די פאבריקן און אמטן. מ'האָט געזאָגט, אז דער אויפשטאַנד האָט זיך טאַקע דערפאר אָנגעהויבן פיר א זייגער, ווייל מ'האָט געוואָלט צווינגען אלע „היימלאָזע" אָנטייל צו נעמען אין אים.

פון אָנהויב האָט מען דאַניעלן באַהאַנדלט ווי אַן „אייגענעם מענטש". אין דעם הויז האָט מען אים געקענט. אין 1942 האָט ער זיך אכט וואָכן אויסבאַהאַלטן ביי זיבערטן און אלע, נאָטירלעך, האָבן געוווּסט דערפון. מיט דער צייט אָבער האָט מען אויך מיט אים אָנגעהויבן צו פאַרשטופן לעבער. דער קאָמענדאַנט פון אָ.פּ.ל. האָט געשריען, אַז די וווינונג נומער פיר גיט פאַר דער ארבעט צו ווייניק מענטשן. און ווירקלעך, זיבערט איז געווען א קאַליקע, ס'האָט אים געפעלט די לינקע האַנט, די דינסט יאַדוויגע האָט מען נישט געטאָרט רירן, כדי נישט ארויסצורופן קיין אלגעמיינע אויפגעבראכטקייט. איז פאַרבליבן איין דאַניעל. האָט מען זיך מיט אים ארויסגעהאָלפן. ער האָט ארויסגעריסן פליטן פון טראָטואַר, איבערגעטראָגן שפּייז פון א באַדראָט אָרט אויף אַן אַנדער אָרט, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן ווייניקער באַדראָט, האָט באַגראָבן מתים, געטראָגן וואסער און זאַמד, ביינאַכט געהאַלטן וואך אין טויער.

די אַלע פונקציעס האָט ער צום גרעסטן טייל אויסגעפירט צוזאמען מיט דעם פידלער און אייגבינדער, וועלכע האָבן זיך געפונען צווישן די ניי=צוגעקומענע לאָקאַטאָרן. דער פידלער איז מסתמא געווען אומגליקלעכער ווי אַנדערע: זיין פאַרשאַרפטער געהער האָט אויפגעכאַפּט דעם רויש פון די אַעראָפּלאַנען, וואָס אַנדערע האָבן נאָך נישט געקאָנט דער=

*) שוץ=אָפּטייל קעגן לופט=אַנגריפן.

הערן, אויסער דעם האָט ער מורא געהאַט, אז זיינע פינגער זאָלן פון דער אַרבעט נישט פאַרשטייפט ווערן, וואָס וואָלט אים געקאָנט שטערן אין דער צוקונפט צו פאַרנעמען זיך מיט זיין באַרוף. דער אייגנבינדער דאַקעגן האָט גרויזאַם געליטן צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט וואָס צו רויכערן. קיין שום זאַך האָט ער אזוי נישט באַדויערט, ווי די פינף הונדערט מאַכאָרקע-ציגאַרעטן, וואָס ער האָט „צוגעגרייט און פאַרגעסן מיטצונעמען". ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן איז ער געווען אויף כלאָדנע-גאַס. א געוויסן אָוונט האָט ער זיך צעוועקגעלייגט אויף דער ערד און צולייגנדיק דאָס אויער איינגעהערט זיך. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי: — מיר גייען... די שחיטה אויף וואָליע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. מיט צוויי וואַליזקעס זענען זיי געקומען צום גאָלדשמידט קאָנאָפּאַצקי, וועלכער האָט געוווינט אין הויז נומער צוויי און צוואַנציק. זיי האָבן אים נישט געטראָפן און זיך איינגעאָרדנט אין קעלער. קאָנאָפּאַצקי איז סוף יולי אַוועקגעפאָרן צו זיין פרוי קיין מילאַנוועק און פון דאָרט שוין נישט צוריקגעקומען.

מ'האָט זיי אָפט געשיקט צו דער אַרבעט אויף קרולעווסקע צו א ווינקל-הויז, וואָס איז געווען אויסגעברענט און אָפּגעדעקט ווי א טאָפּ. די ברייט פון דער גאַס בלויז האָט זיי אָפּגעטיילט פון די דייטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זאַקסישן גאָרטן. זיי האָבן געמוזט זיך אויפפירן ווי מעגלעך שטיל. פאַר יעדעס מאָל איידער זיי האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט, האָט מען זיי געוואָרנט: „קודם כל רואיק"... דורך די אויסגעברענטע פענצטער האָבן זיי געזען דעם ברוק פון מאַרשאַלקאָווסקע, די זיילן פון דעם ברעזע-הויז, וואָס זענען פאַרזונקען געווען אין אזא שטילקייט, אז מען וואָלט געקאָנט שווערן, אז ס'איז דאָרט נישטא קיין לעבעדיקער נפש. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געדאַרפט מיט ערד אויספילן פינף און צוואַנציק= און פופציק=קילאָדיקע טאָרבעס און פאַרשטעלן מיט זיי די ליידיקע פענצטער און טירן. איינמאָל האָט פאַרפעלט טאָרבעס און דאַניעל, זוכנדיק עמעצן פון די אויפשטענדלער, איז דורכגעגאַנגען א ריי ליידיקע וווינונגען. אויף קרולעווסקע איז פאַרבליבן ווייניק איינוווינער און זיי האָבן נישט אַרויסגעשטעקט די נאָז פון די קעלערס. לסוף האָט דאַניעל זיך געפונען אין א הויף, וו עם האָט געהערשט די זעלבע שטילקייט, ווי דאָרט, וו זיי האָבן געאַרבעט. ווען ער איז געשטאַנען אויפסניי א געפּלעפּטער פון דער טויטער שטילקייט, האָט ער דערפילט אויף זיך עמעצנס בליקן. פון ערשטן

שטאָק האָט עמעצער דורכן פענצטער אים אָבסערווירט און מיט אַמאָל פאַרשוווּנדן. דאַניעל האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז יענער גייט אַראָפּ צו אים. אַזוי איז דאָס טאַקע געשען. דער מענטש, וועלכער איז געשטאַנען פאַרן פענצטער האָט זיך דערנעענטערט צו אים, אָבער אים נישט געגעבן די האַנט. כּדי נישט צו בלייבן שטיין אין הויף, ווו די געפאַר פון באַשאָסן ווערן איז געווען אַ גרעסערע, האָט ער דאַניעלן אַריינגעשטופּט אין פאָרהויז. ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט אים, ער האָט עס אָבער אַזוי געזאָגט, ווי ער וואָלט גערעדט וועגן אַן אַנדער זאַך. ער האָט, זעט אויס, זיך געשלאָגן מיט דער דעה. דאַניעל האָט געענטפערט, אַז ער איז גרייט דערצו אין יעדן אָרט און צו יעדער צייט. — גיין, בעסער באַלד איצט. עפּעס אַן אויפשטענדלער אין אַ צילינדער האָט פון דער הויך שטיל אַ רוף געגעבן: — ראַפאַל! נאָך דאָס — און האָט אַ שאָקל געטאָן מיט אַ שטיקל פּאַפּיר. „נישט דאָ האָט ער זיין וואַכפּאָסטן“ — האָט דאַניעל געטראַכט. באַלד האָט דער אויפשטענדלער ראַפאַל זיך צוריקגעקערט און באַפוילן דאַניעלן אים נאָכצופאָלגן.

זיי זענען געגאַנגען דורך די קעלערס, וועלכע זענען געווען דורכגעהאַקט, געשפּרונגען פון די אויסגעבראָכענע פענצטער אויף די טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט פון איין לייזיקער וווינונג צו אַן אַנדערער. דורך די אויסגעהאַקטע לעכער אין די ווענט האָבן זיי זיך דורכגעקריגן פון איין הויז אין אַנדערן. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען מיט די הויפן, פאַר יעדער אויסגעהאַקטער עפענונג איז עמעצער געזעסן און געוואָרנט: — פאָרזיכטיק! אָנבויגן דעם קאָפּ! פאָרזיכטיק! אויף רעכטס! זיי האָבן שנעל דורכגעשניטן די גאַס. אויף קרעדיטאָווע זענען זיי געגאַנגען האַרט ביי די מויערן, כּדי אויסצומיידן די קוילן פון „סנייפּער“, פון דער צעדערגרען-געביידע, וועלכער האָט אָפּט „געציקט“. ענדלעך האָבן זיי זיך געפונען ביים הויז נומער צוויי און צוואַנציק. דער אויפשטענדלער ראַפאַל איז דאָ שטיין געבליבן. דאַניעלן האָט דורכגענומען אַ ציטער. אין איין רגע האָט ער אַלץ באַנומען. ער האָט אָפּגעמאָסטן דאָס שטעכיקע פּנים פון זיין קעגנער. — וואָס פעלט דיר אויס? — וועסט באַלד זען, וואָס עס פעלט מיר אויס...

ביים הויז צוויי און צוואַנציק איז געשטאַנען אַ זשאַנדאַרמעריע-פּלוטאָן. דעם ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד האָט דער קאַפּיטאַן איפּ (אַ פּסעוודאָנים, געשאַפן פון די ערשטע אותיות פון נאָמען און פאַמיליע-

נאָמען) מיט זיינע מענטשן פאַרנומען עטלעכע צימערן אויפן פּאַרטער, ווו עס האָבן זיך געפונען האַנטווערקער=וואַרשטאַטן. קאָנאָפּאַצקיס גאָלדשמידט=וואַרשטאַט, וואָס האָט זיך געפונען אין די קעלערן, האָט ער פאַרוואַנדלט אין א תּפיסה. דורך דער דאָזיקער תּפיסה זענען דורכגעגאַנגען פאַרשידענע מענטשן: קליינע און גרויסע פאַרברעכער און אויך אינגאַנצן אומשולדיקע מענטשן, וועלכע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די צו היציקע „ייִנגלעך“. די ערשטע אַרעסטאַנטן האָבן פאַרלאָזן דעם גאָלדשמידטס הייל מיט פאַרנעפּלטע אויגן, אויסגעקרומטע געזיכטער און עס האָט זייער געשמעקט פון זיי. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן אויסגעטרונקען קעלניש וואַסער, מיט וואָס דער גאָלדשמידט האָט צווישן אַנדערן געהאַנדלט. פאַר יעדער אָנפּלי האָבן די אַרעסטאַנטן געזעצט אין דער טיר. „אַז מ'זאָל אַראָפּנעמען דאָס שלעסל, ווייל זיי זענען דאָך גאָר נישט פאַרמשפּט און ווילן זיך נישט אָפּפּרעגלען לעבעדיקערהייט“ היית דער שוץ=קעלער פון סטאָליאַר=וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אַנטקעגן דער תּפיסה, זענען די ענינים פון די אַרעסטאַנטן באַקאַנט געוואָרן דעם גאַנצן הויז. אין דער ברענענדיקער און גסיסהדיקער שטאָט האָט זייער גורל פאַרמאָגט אין זיך דאָס צוממייגסטן אוממענטשלעכע. דאַניעל האָט דאָס אַלץ מיט איינמאָל באַגריפן.

דער אויפשטענדלער ראַפאַל האָט זיך געלאָזט צום קאַפּיטאַן איפּ, וועלכער איז געשטאַנען אויפן הויף אַרומגערינגלט פון דער קליינער בלאָנדיניקע מילערקע מיטן ליליפּוטן=רעוואָלווער ביי איר זייט, פון זיבערטן און נאָך צוויי לאָקאַטאָרן. ווען איפּ האָט פאַרענדיקט צו געבן דעם זשאַנדאַר, וועלכער האָט זיך אין פענצטער ראַזירט, פאַראָרדענונגען וועגן וויין, וואָס מ'האָט געפונען אויף זלאָטע גאַס, האָט ער זיך באַגריסט מיט ראַפאַלן ווי מיט א גוטן באַקאַנטן. ראַפאַל אַן אויפגעבראַכטער האָט אים א פליסטער געטאָן, אַז ער וואָלט געוואָלט רעדן מיט אים וועגן אַ געוויסן ענין אויף פיר אויגן. ער האָט דערביי געמאַכט מיטן קאָפּ אַ באַוועגונג, אָנווייזנדיק אויף דאַניעלן, וועלכער איז פאַרבליבן א ביסל הינטער זיי און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

דער אויפשטענדלער ראַפאַל איז אַרויסגעטראָטן מיט א באַשולדיקונג. ער האָט גערעדט הויך, אַזוי, אַז פאַר קיינעמען פון די, וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען, אַריינרעכענענדיק דעם זשאַנדאַר, וועלכער האָט זיך ראַזירט, איז קיין איין וואָרט נישט פאַרלוירן געגאַנגען... דאַניעל האָט זיך צוגעהערט און נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. ער האָט איבערגעטראָגן

די בליקן דאָ אויף איפן, דאָ אויף זיבערטן. פון אָנהויב האָט ער געפרוווט מיט עטלעכע אויסגעשרייען איבערצורייסן זיין באַשולדיקער, אָבער דער קאָמענדאַנט איפּ האָט אים שאַרף אָפּגעזידלט. ער האָט געשוויגן און בלויז צום סוף געזאָגט: — מיינע הערן, דאָס איז עפּעס א שווערער טעות, וואָס באַוויזלט מיך זייער שטאַרק. דער קאַפּיטאַן איפּ האָט אַ געשריי געטאָן צו באַנקן און באַפוילן אים אָפּצופירן דאַניעלן אין תפיסה.

ווען אין עטלעכע טעג ארום האָט דער אויפשטענדלער־זשאנדאַר באַנק אויפגעעפנט די טיר פון תפיסה, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער און געמאָלדן: — איר זענט פריי — האָט דאַניעל דערוואַרט, אַז עמעצער וועט זיך אנטשולדיקן פאַר דער הרפּה, וואָס מ'האָט אים פאַר־שאַפט, אז אין צוזאמענהאַנג מיט דעם טעות, וואָס האָט גורם געווען זיין ארעסט, וועט מען אים שטעלן געוויסע פראגן. די גאַנצע צייט פון אַרעסט האָט ער זיך געגרייט צו ענטפערן אויף פראגן, די באַדערפעניש צו רעדן האָט אים ממש צעזעצט. און דאָ האָט דער זשאַנדאַרם, אָפּגעבנדיק אים זיין דורכגאַנג־קאַרטע, בלויז געזאָגט: — אָט האָט איר אייער פאלשע קענקארטע — און געהייסן אים גיין. קיינער האָט אים נישט אַרויסגערופן, קיינער האָט אים נישט געשטעלט קיין פראגן, קיינער האָט מיט אים נישט געוואָלט רעדן. ער איז א ווײַלע שטיין געבליבן, דערוואַרטנדיק, אז דער זשאַנדאַר וועט אים דאָך עפּעס אויפקלערן, אָבער גיין. באַנקס ראָל האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט.

אין פאָרהויז אויפן פאַרטער האָט דאַניעל באַגעגנט לישקען. דאָס איז געווען דער אײַדלסטער פון אַלע זשאַנדאַרן און ער פלעגט דער ערשטער באַגריסן די איינוווינער פון הויז. דאַניעל האָט א שמייכל געטאָן צו אים. זיין שמייכל איז נישט אָנגענומען געוואָרן. דער קאַפּראַל לישקע האָט זיך אָפּגעקערט פון אים. פּלוצלונג האָט אים באַהערשט א הרפּה ארויסצוגיין אויפן הויף, ווו ער האָט אַלע געקענט און אלע האָבן אים געקענט. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט דאָס באַקאַנטע זויגן פון דער לופט און מיטן אויסגעשריי „א קו“ האָבן די איינוווינער אָנגעהויבן צו לויפן אין די קעלערן, ווו ס'האָט זיך אין סטאַ־ליאר־וואַרשטאַט געפונען דאָס שוץ־אָרט. דאַניעל איז אויך אראָפּגעלאָפן. דאָ זענען, ווי אַלע מאָל, ביים שיין פון צוויי קארביד־לאָמפּן און אונטערן אָפּקלאַנג פון די טריטנדיקע טראָפּנס וואַסער, געזעסן מענער און פרויען, פאַראומערטע און שווייגנדיקע. די, וועלכע זענען געשטאַנען,

האָבן פאַר יעדן אויפּריים זיך צוזאַמענגעדריקט ענגער. נאָכדעם, ווי די אויפרייסן האָבן אויפגעהערט און די שפּאַנונג איז לויזער געוואָרן, איז דאַניעל געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נישט זיין ארעסט און נישט דאָס באַפרייען אים האָבן אויף קיינעם, אויסער אויף זיבערטן, נישט געמאַכט קיין איינדרוק. אַן איינדרוק האָט עס געמאַכט דווקא אויף דעם איינעם מענטשן אין וועלכן ער איז געווען צוממיינסטן פאַראינטערעסירט. זיבערט איז געזעסן אין צווייטן עק קעלער אויף אַן איינלייג־בעטל. דערזעענדיק דאַניעלן, האָט ער נישט דייטלעך אַ שמייכל געטאָן און שנעל אראָפּגעלאָזט די אויגן. „ער האָט געגלויבט אין דער באַשולדיקונג" — האָט דאַניעל אַ טראַכט געטאָן.

.2

בלויז פון וואַרשע האָבן די דייטשן פון 21 יולי ביזן 7 סעפּטעמבער 1942 ארויסגעפירט דריי הונדערט טויזנט יידן. „זיי האָבן זיי גענומען אויף זייף" — האָט מען געזאָגט, און דער אָט שייגער זאַץ דאַרף אויסגעקריצט ווערן אויפן שטערן פון „פאָלק פון דענקער און דיכטער". צווישן סעפּטעמבער 1942 און פּסח 1943 איז די פאַרניכטונג ווייטער אָנגעגאַנגען, הגם זי האָט זיך באַדייטנדיק פאַרקלענערט אין פאַרגלייך מיטן פאַרנעם פון די פריערדיקע „אַקציעס" (די פאַרטיליקער האָבן אָנגעוואָרפן זייערע קרבנות אפילו אַ לעקסיקאָן). דעם 19 אַפּריל 1943 זענען די דייטשן צוגעטראָטן צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון דעם צפונדיקן קוואַרטאַל. זיי האָבן געברענט און צעשטערט אַ הויז נאָך אַ הויז. בעתן לעצטן אקט האָט מען די צאָל פאַרמאַכטע אין געטאָ געשאצט אויף אַ דרייסיק טויזנט. די דאָזיקע מענטשן זענען אומגעקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט. בלויז אַן אומבאַדייטנדיקער פּראָצענט האָט זיך — אויפן פאַרשידנאַרטיקסטן אופן — געראַטעוועט. איינע האָבן זיך דורכגעהאַקט אַ וועג דורך די ארומגעשטעלטע מויערן אָדער זענען דורכגעגאַנגען די קאַנאַלן, אַנדערע זענען אנטלאָפן פון די טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געגאַנגען אין די קרעמאַטאָריעס, אַנדערע נאָך — איבערהויפּט די משפּחות פון די יידישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געמאַכט געשעפטן מיט די דייטשע זשאַנדאַרן — האָבן די זשאַנדאַרן פאַר געלט ארויסגעצויגן פון די בונקערס און אין בודעס אַריבערגעפירט אויף דער צווייטער זייט.

פאַרלאָזנדיק דעם שטח, וועלכער איז אומגעפּלאַנט פון וואַסער־גרוב...

פאַרלאָזנדיק דעם שטח, וועלכער איז אוממיטלבאַר ארומגענומען געווען מיטן מלחמה-פייער, האָבן די מענטשן ווייטער געטראָגן אויף זייערע אַקסלען דעם טויט-אורטייל. פישער האָט ווייטער אַפּעלירט צו די פּאָליאַקן, אַז זיי זאָלן ארויסגעבן סיי די פּריש-אַנטלאָפענע, סיי די, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס פון לאַנג. אין דעם פּעריאָד זענען פאַרברענט געוואָרן „אַ סך גוטע מעלינעס“. די קלאַנגען, וואָס מ׳האָט פאַרשפּרייט, אַז אויף מאָקאָטאָוו, אויף ווספּולנע און זשאָליבאָזש האָט מען דערשאָסן נישט נאָר יידן, נאָר אויך די אייגנטימער, וועלכע האָבן די יידן אויסבאַהאַלטן, האָבן זייערס דערגרייכט. די „אַריער“ האָבן אָנגעהויבן אָפּזאָגן די וווינונגען די לאָקאַטאָרן, וועלכע האָבן ארויסגערופן דעם מינדעסטן שאָטן פון פאַרדאַכט. די אייגנטימער, וועלכע האָבן געהאַלטן יידישע לאָקאַטאָרן „באַוויסטזיניק“ האָבן באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון „די עטלעכע נישטיקע גראָשנס“. אין דער לעצטער מלחמה האָט קיינער אַזוי שטאַרק ווי דער ייד נישט דערפילט, אַז אַ מענטש פונקט אַזוי ווי אַ אויערמושל לעבט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער פאַרמאָגט אַ הויז.

די דייטשן, וועלכע האָבן אין יענעם פּעריאָד שוין געהאַט אַ פאַרפולקאָמטן סיסטעם — זיי האָבן דאָך שוין ליקווידירט דעם וויפלסטן דאָרט מיליאָן — האָבן ווייטער געהאַלטן פון פּרינציפּ, אַז דער יסוד פון אַ גוטער ארבעט באַשטייט אין טיילן די קרבנות ביזן סאמע סוף. די לעבעדיק-פאַרברענטע צווישן די מויערן האָט מען שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן, דאָס איז געווען קלאָר. דאַקעגן די אויף דער ארישער זייט אויסבאַהאַלטענע, וועלכע האָבן יעדן טאָג געבעטן די אייגנטימער פון די וווינונגען אַ ברעקל געדולד ביז זיי וועלן געפינען ערגעץ אַ ווינקל, ווייל זיי קאָנען דאָך נישט נעכטיקן אויפן גאַס — האָט מען אַ געוויסן טאָג צווויסן געגעבן, אַז זיי זענען גאָרנישט אַזוי פאַרלוירן, זיי האָבן אַ גוטן שאַנס. אַ גוטן, אויסערגעוויינלעכן שאַנס, וואָס איז זיי שוין באַקאַנט געווען — דעריבער האָט ער שטאַרקער געווירקט. מיט איין וואָרט די אויסבאַהאַלטענע האָט מען ווידער געגעבן אַ האָפענונג.

די אָפּגעראַטעוועטע פון וואַרשעווער געטאָ האָבן לאַנג געדענקט די שטופּנווייזע צוגרייטונגען צו דער אַקציע פון זומער 1942, זייער שטופּנווייזן שטייגן. די דייטשן האָבן דעמלט געלאָזן אָפּן בלויז צוויי אָדער דריי טויערן. קודם האָבן זיי באַפוילן די קריסטלעכע גייסטלעכע צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ, וווּ עס זענען געווען עטלעכע קלויסטערס. מ׳האָט געלאָזט די יידן מיט זיך אַליין. ווען די יידן זענען געבליבן אַליין, האָבן

די דײַטשן באַפֿוילן, אַז אַלע די, װעלכע באַזיצן אױסלענדישע פּאַספּאָרטן, זאָלן זיך צושטעלן אױפֿן פּאַװיאַק, װוּ זײ האָבן געזאָלט אינטערנירט װערן. דער שװײצאַרישער בירגער אָסקאַר באָרנשטײן האָט געבעטן צוליבן קראַנקן קינד אָפּצולײגן אים די אינטערנירונג אױף עטלעכע טעג. דערױף האָט מען אים געענטפֿערט, אַז אױך פֿאַרן קראַנקן קינד װעט בעסער זײַן צו געפֿינען זיך אױפֿן פּאַװיאַק. אָסקאַר באָרנשטײן האָט אַפֿילו נישט איבערגעפֿרעגט פֿאַרװאָס און איז אַװעק אין דער תּפֿיסה.
די „אױסלענדישע" האָט מען גלײַך צעטײלט לױט דעם צי זײ געהערן צו מלחמה=פֿירנדיקע אָדער נישט מלחמה=פֿירנדיקע מלוכות. די, װעלכע האָבן געהערט צו די נישט מלחמה=פֿירנדיקע מלוכות און צװישן זײ האָט זיך אױך געפֿונען אָסקאַר באָרנשטײן, האָט מען גלײַך אױפֿן אָרט דערשאָסן. די אַנדערע דאַקעגן האָט מען אײַנגעאָרדנט אין קלײנע צימערן פֿון דער אַמאָליקער תּפֿיסה=אַדמיניסטראַציע פֿון װאַנען די פֿענצטער אָן קראַטעס זענען אַרױסגעגאַנגען אױף דזשעלנע=גאַס. דורך די=אָט פֿענצטער האָבן די אינטערנירטע געזען מחנות מענטשן, מאַרשירנדיק שטומע װי שטײנער צום „אומשלאַג=פּלאַץ". די דאָזיקע מענטשן האָבן שױן נישט געגלײבט אינעם װערט פֿון דער מענטשלעכער שפּראַך. די אינטערנירטע האָבן קײן אײן מאָל נישט דערהערט קײן קרעכץ פֿון אַ זקן אָדער אַ געװײן פֿון אַ קינד. אַזױ האָט אױסגעזען די גאַס... די אינטערנירטע דאַקעגן האָט מען באַהאַנדלט װי צומבעסטן. פֿון דער אַרישער זײַט האָבן זײ געקאָנט באַקומען אָן באַגרענעצונגען שפּײַז. די דײַטשן האָבן זיך געװענדט צו די אינטערנירטע פֿער „זי" און געװיסע װײַבלעך, געװירט פֿון דער אײראָפּעאישקײט פֿון די געסטאַפּאָ=לײַט, האָבן אָנגעהױבן טראַכטן װאָס פֿאַראַ מתּנות זײ זאָלן זײ קױפֿן. פֿון יולי ביז יאַנואַר זענען אױפֿן פּאַװיאַק מענטשן געזעסן צוזאַמען, מ'האָט נישט אָפּגעטײלט ייִדן פֿון נישט=ייִדן. דער אױסלענדישער פּאַספּאָרט האָט נאָװעלירט די נאַציאָנאַלע אונטערשײדן.

אין יאַנואַר 1943 האָט מען די ייִדישע אינטערנירטע איבערגעפֿירט אױף צװײ טעג אין האָטעל „ראָיאַל" אױף כמיעלנע=גאַס, פֿון װאַנען זײ זענען אָפּגעפֿאָרן. אַלע זענען געװען איבערצײַגט, אַז דאָס איז אַ נײַ פֿאַרברעכעריש, דײַטשיש שפּיצל און אַז פֿון די מענטשן װעט שױן קײנער קײנמאָל זיך נישט אָפּרופֿן. נאָך פֿיר װאָכן אָבער האָבן אָנגעהױבן אָנצוקומען בריװ — אױף בלאַנקעטן פֿאַר קריגס=געפֿאַנגענע — נישט קײן געװײנלעכע בריװ נאָר ממש ליבע=געזאַנגען: זײ װײַגען אין אַ קוראַציע=

אָרט, וואָס האָט אַן אייראָפּעיִשן רום, געפֿינען זיך אין פּרעכטיקע האָטעלן, דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער־קרייץ שיקט פּעקלעך, נאָענט לערנען די קינדער די ענגלישע שפּראַך (געווען דאָ קינדער וועלכע האָבן אין דער צייט פֿון דער מלחמה זיך געלערנט די הרימע שוין שפּראַך) — מיט איין וואָרט, אַ לעבן ווי אויף אַ יאַכט, בעת אַ שיינער ים־רייזע. דאָס קוראַציע־אָרט הייסט וויטעל, און ביסלעכווייז איז וויטעל אויסגעוואָקסן צו אַ לעגענדע צווישן די פּאַרמשפּטע פֿון וועלכע איינע האָבן געלעבט ווי שטשורעס אין זייערע באַהעלטענישן, אַנדערע ווידער, אויב זיי זענען אפֿילו יאָ אַרויסגעגאַנגען, איז דאָס געווען מיט דעם באַוווסטזיין, אַז יעדער טריט קאָן זיין דער לעצטער טריט. ווען ס'איז פּסח אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד, איז דער צווייטער טראַנספּאָרט אָפּגעפֿאָרן קיין וויטעל.

אַלזאָ, מענטשן פֿאַרברענטע לעבעדיקערהייט און וויטעל; מוטערס מיט קינדער שפּרינגען אין פֿייער און וויטעל; כסדרדיקע דערוואַרטונג פֿון טויט און וויטעל; די שרעק פֿאַר שאַנטאַזש, אומצוטרוילעכע און זלידנע איינגעטימערינס און וויטעל; נאָענט, וועלכע לערנען יידישע קינדער ענגליש און „שמאַלצאָווניקעס“ מיט אויגן ווי מעסערס אויף די ראָגן פֿון אַלע גאַסן; האָרט פּרעכטיקע האָטעלן, רייכע אַמעריקאַנער פּעקלעך און דאָ כסדרדיקע שרעק עס זאָל נישט אויספֿעלן קיין געלט, וואָס האָט געשראָקן אפֿילו די רייכסטע; דער אָפּגרונט פֿון גיהנום און וויטעל — נישט שווער זיך פֿאָרצושטעלן מיט וואָס פֿאַראַ כוח דאָס האָט געלאָקט.

ווען דאָס געטאָ האָט שוין צום לעצטן מאָל זיך געפֿונען אין פֿייער, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּאַספּאָרטן אין אַ גרעסערער צאָל, ווי ביז איצט. הענריק גאָלדמאַן האָט אַ יאָר־צייט איינגעלייגט וועלטן צו באַקומען אַ פּאַספּאָרט. דורך אַלע מעגלעכע וועגן האָט ער אַרויסגעשיקט ס.אָ.ס.־רופֿן, באַשווירן, ער האָט געשריבן: „איר האָט נישט קיין רעכט אויף קיין רו ביז...“ ביז ס'איז ענדלעך אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן צוטיילן אים פּרעמדע בירגערשאַפֿט און די אַזוי גערופֿענע פּראָמעסע. אין יענעם מאָמענט אָבער, ווען דער פּאַספּאָרט איז אָנגעקומען, האָט שוין הענריק גאָלדמאַן נישט געלעבט. אַזעלכע הענריק גאָלדמאַנס, אָפּגעסמטע, פֿאַרברענטע, צום טויט פֿאַרפּייניקטע, זענען געווען אַ סך. די מענטשן צו וועלכע מען האָט אַדרעסירט זענען שוין אויף דער וועלט נישט געווען, נישט געווען שוין קיין גאַסן, קיין הייזער, אָבער פּאַספּאָרטן זענען געווען.

א געוויסן טאָג ווען דאָס געטאָ איז איינגעהילט געווען אין רויך, צעטרייסלט פון אויפרייסן און רציחות, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז מ'קאָן פאַר אַ געוויסער סומע געלט קויפן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, אָדער אַן אָרט אין אַ פּאַספּאָרט, אַז מ'קאָן זיך הייסן צושרייבן ווי אַ פאָטער, זון, מוטער און דאָס גלייכן. ס'איז קלאָר געווען, אַז אין אויסלאַנד וועט קיינער נישט קוועסטיאָנירן אַזאַ זאַך, אַז אָנשטאָט אַ גאָלדמאַן איז געקומען צופאָרן אַ גאָלדפאַרב אָדער גאָלדשטיין. אויסלאַנד האָט געוואָלט העלפן — אַזאַ איז געווען דער זין פון די פּאַספּאָרטן. געגאַנגען איז הויפּטזעכלעך אין דער באַציונג מצד די דייטשן צו די פּאַספּאָרטן און דאָס מאָל האָבן דווקא די דייטשן געוואָלט העלפן, זיי האָבן געוואָלט פאַרקויפן פּאַספּאָרטן. ווי אַלע מאָל האָבן זיי געוואָלט אַרויסציִען געלט, אָבער זיי האָבן אויך געהאַט דערביי, האָט מען געטראַכט, פּאָליטישע אויסרעכענונגען. דאָס מאָל, האָבן געמיינט די קליגערע, זענען די אויסרעכענונגען דערלייזערישע.

צו יענער צייט טאַקע האָט דאַניעל באַקומען פון דער שווייץ אַ רעקאָמענדירטן בריוו, וואָס איז אַדרעסירט געווען צו אַ פריינד, וועלכער האָט באַלד דערנאָך פאַרלאָזן וואַרשע. דער קאָנסולאַט פון האָנדוראַס אין בערן האָט צוויסן געגעבן, אַז צוזאַמען מיט דער משפּחה האָט ער באַקומען האָנדוראַסישע בירגערשאַפט און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט בעט מען אים צו צושיקן געוויסע נויטיקע פּרטים און פאָטאָגראַפיעס צו די פּאַספּאָרטן. אַלץ צוזאַמען איז געווען סיי פאַרדעכטיק, סיי קלאָר. מ'האָט אָבער נישט אַרעסטירט נישט דעם פריינד זיינעם אויף וועמענס אַדרעס ס'איז אָנגעקומען דער בריוו און נישט קיינעם פון דער משפּחה. די פּראָמעסע איז אָנגעקומען אין דער ריכטיקער צייט, ווייל אַ טאָג פריער איז ביי דאַניעלן געווען די באַלעבאָסטע און נאָכאַמאָל באַקוקט דאָס מעבל און דעם צימער, ווי זי וואָלט דאָס אַלץ געזען צום ערשטן מאָל. — דאָס שרייב־טישל, האָט זי געזאָגט, אָט וואָס פאַראַ שרייב־טישעלע... צי שרייבט איר נישט צופיל אויף דעם? ס'איז דאָך אַ דעליקאַטס, אַ ביוראָ־טישל פאַר אַ פרוי, ס'פאַרטראָגט נישט קיין שווערע האַנט פון אַזאַ מאַנסביל ווי איר, מיין הער. אָט דאָ איז דאָס ביוראָ־טישל צעדראַפּעט. צי מיינט איר, מיין הער, אַז אין איצטיקע צייטן איז לייכט זיך צו פאַרשאַפן מעבל? צי מיינט איר, מיין הער, אַז פון דירה־געלט איז לייכט צו קויפן אַזאַ ביוראָ־טישל? נו, ווי דוכט זיך אייך אויס, וויפל דאַרף דאָס קאָסטן?

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש: — צי רוקט איר, מיין הער, נישט צו אָפּט פֿאַנאַנדער דעם טיש? (דער טיש איז געווען א מין הונדערט פּיסיק באַשעפעניש, ער האָט געהאַט צוועלף דינע פיס אויף רעדעלעך) מען שאַנעוועט נישט ווייל ס'איז פרעמדס. — מען שאַנעוועט, האָט דאַגיעל געענטפערט... — מען שאַנעוועט טאַקע נישט. די באַלעבאָסטע האָט זיך אַפילו שטאַרק נישט געבייזערט, ווען זי האָט דאָס אַלץ געזאָגט. זי האָט דאָס געזאָגט אָט סתם אַזוי, בלויז ווי אן ארייגפיר:

— איר ווייסט, מיין הער, די גאַנצע גאַס לויבט אייך. מענטשן זאָגן, אז איר זענט א העפלעכער, אן איידעלער, א שיינער. לייקנט נישט אָפּ, אַלע זאָגן, אַז איר זענט אַ געשטאַלטיקער מאַן, איך בין ביי דער זעלבער מיינונג — און זי האָט דערביי געשמייכלט אזוי, ווי א זעכציק יעריקע פרוי דאַרף שמייכלען צו א מאַן, וועלכער איז מיט א העלפט יינגער פון איר, שטיפעריש אָבער ווירדיק. — ווען איר זענט געקומען צו מיר האָט איר געזאָגט, אז איר הייסט קאָוואלסקי, און דערנאָך האָט איר צוגעשטעלט מיין שנור א דאָקומענט אויפן נאָמען דזיקאָווסקי און געהייסן זיך איינמעלדן אלס דזיקאָווסקי. איז ווי הייסט איר אין דער אמתן, מיין הער, קאָוואלסקי צי דזיקאָווסקי? איר זעט דאָס מיידעלע — אין דעם מאָמענט האָט זי א גלעט געגעבן איבער די שווארצע, געקרויזלטע האָר פונעם מיידעלע, וואָס זי האָט געבראַכט צופירן מיט זיך — אָט דאָס אָרעמע קינד איז אויך א ביסל א דזיקאָווסקע, זי ווייסט אויך נישט ווי אזוי זי זאָל זיך רופן, כדי עס זאָל איר גוט זיין אויף דער וועלט. איר פאָטער הייסט אלע דריי חדשים אַנדערש. ער איז זייער אַ פיינער מענטש! ס'איז מיר באמת אומאָנגענעם, אָבער איך מוז אייך בעטן איר זאָלט אייך וואָס שנעלער ארויסציען פון דאַנען. ווען די פּאָליטישע סיטואַציע וועט זיך ענדערן, איז בישע זייער, אָבער איצט נישט... אויב, מיין הער, איר הייסט באמת קאָוואַלסקי, וועט דאָך אייך לייכט זיין צו געפינען א צימער, א בחור, א שיינער, קאָן צאָלן צו דער צייט, א שטילער, מיט ליכט צו זוכן אַזעלכן. אויב ווידער איר הייסט דזיקאָווסקי (אויך א שיינער נאָמען, א צו שיינער) מוזט איר אָנערקענען, אז איך האָב מיינס ערלעך דערפילט, צען חדשים האָב איך זיך אויסגעשטעלט אויף א געפאר... צי ווייסט איר, מיין הער, וויפל שלאָפלאָזע נעכט איך האָב פארבראַכט צוליב אייך? איך האָב דערפילט מיין קריסטלעכע פליכט, איצט איז די ריי אויף אנדערע, איך בעט אייך

זייער, ציט איך ארויס. איר ווילט דאָך נישט, מיין הער, אַז מ'זאָל מיך אַן אַלטע דערהרגענען און דאָס הויז זאָל מען מיר אַוועקלאָזן מיטן רויך.

די אַרגומענטאַציע פון דער באַלעבאָסטע איז געווען אומבאַשטרייט־באַר. קיין שאַנסן צו געפינען אַ נייעם צימער זענען להלוטין נישט געווען. דאַניעל האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי איר זי זאָל צוואַרטן עטלעכע טעג.

הגם די פּראָמעסע איז אָנגעקומען צו דער ריכטיקער צייט. האָט ער נישט געקאָנט באַשליסן זיך צו לעגאַליזירן זי. — מ'דאַרף זיין בלינד און טויב, האָט ער זיך כסדר געזאָגט, מ'זאָל נישט דערזען, אַז אין דער גאַנצער אָפּערע שטעקט אַ פּאַסטקע. די פּאַרטיליקונג האָט זיך געוויינלעך אָנגעהויבן מיטן פּאַרשלאַג ארויסצופאָרן „אויף מזרח", „אין ארבעטס־לאַגערן „zum Arbeitslager Treblinka" אָט איז נאָך איין אָפּענער, פּאַרברעכערישער פּאָרטל. דאַניעל האָט זיך דאָס איבערגעחזרט יעדן טאָג און גלייכצייטיק מיט שרעק פעסטגעשטעלט, אַז עס דערנעענטערט זיך דער טאָג, ווען ער וועט בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָך האָט אַ באַשלוס פאַר אים אָנגענומען נישט ער, נאָר עמעצער אַנדערש.

ד"ר קאַליסקי, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע, איז אומאויפהערלעך באַ־הערשט געווען פון צוויי געפילן: פונעם געפיל צו זיין באַדראָט און פון אַ שרעקלעכער, נאָגנדיקער לאַנגווייליקייט. יעדער איינער פון די אויס־באַהאַלטענע איז געווען ווי אַ קערנדל, וואָס מען וואַרפט אריין אין אַ מדבר. דאָס איז געווען אַ לעבן אָן ארבעט, אָן פרויען, אָן אַטראַקציעס, אויסער די אַטראַקציעס, וואָס זענען געווען געבונדן מיטן דערוואַרטן דעם טויט און וואָס האָבן נישט אָפּגעטויט די אַנדערע מענטשלעכע באַדערפעניש. דעם אַדרעס, ווו מ'האָט געוווינט, האָט מען אין פּרינציפּ קיינעמען נישט געגעבן, מ'האָט קיינעמען נישט אויפגענומען. יעדערער פון די אומגליקלעכע אויסבאַהאַלטענע האָט פּאַרקערט בלויז מיט צוויי אָדער דריי פּערזאָן, וועלכע האָבן אים געמוזט פּאַרטרעטן די גאַנצע וועלט. אַ טיכטיקער, אַקטיווער, לעבעדיקער, האָט קאַליסקי ערגער פון אַנדערע איבערגעטראָגן די לאַנגווייליקייט. ער האָט געהאַט אַ ביסל געלט און דעריבער נישט געליטן קיין הונגער. ער האָט געהאַט אַ פּאַרהעלט־נישמעסיק גוטע וווינונג. נאָך שאַרפער האָט ער דערפאַר אָפּגעפילט דעם מאַנגל אין אַנדערע געברויכן. ער פלעגט קומען צו דאַניעלן, אריינציען אים אין אומענדלעכע סטראַטעגישע אויסרעכענונגען וועגן וועלכע ביידע האָבן נישט געהאַט קיין באַגריף, אָבער ביידע האָבן זיך פּאַסיאָנירט מיט אַזעלכע ענינים. קאַליסקי פלעגט איבערגעבן די שמועסן מיט אַן אריע

פון „דאָן זשואַן“, באַלד דערנאָך געלאָזט מאָצאַרטן און קלאַפּנדיק מיט די פּריש פּאַרבלאָמבירטע ציין, האָט ער פאַרזיכערט, אַז אויב ס׳וועט נישט קומען קיין ענדערונג אין זיין לעבן, וועט ער אראָפּ פון זינען.

ווען די פּראָמעסע איז אָנגעקומען, האָט ער זי גלייך באַטראַכט ווי א בשותפותדיקע (יעדערן האָט מען געקאָנט צושרייבן ווי אַ משפּחה) און אָנגעהויבן זיך פּאָרען ארום דער זאַך. ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע כוחות, כדי צו צווינגען דאַניעלן אָנצונעמען א באַשלוס. ער אַליין האָט זיך אויפגעפירט דעמלט ווי אַ העלד: געפּאָרן איבער דער שטאָט, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף די דייטשן און די „שמאלצאָווניקעס“. ער איז אַפילו געפאָרן אין האָטעל „ראָיאַל“ און יעדן טאָג פלעגט ער ברענגען ידיעות פון דעם „וויטעל־פּראָנט“. דאָס נישט קאָנען זיך באַשליסן האָט דאַניעלן כמעט דערפירט צו וואַנזיניקייט. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט פאַר קאַליסקין נישט אויפגעמאַכט די טיר. ער האָט אים געשראָקן דער דאָזיקער קאַליסקי, ס׳האָט אים געשראָקן זיין ווילדער ווילן צו לעבן פאַר יעדן פּרייז. דאַניעלן האָט געשראָקן זיין אקטיוויקייט.

א געווינסן טאָג איז קאַליסקי געקומען מיט דער ידיעה, אַז מאָרגן דאַרף מען פאַרמאַכן די ליסטע. — די דייטשן האַלטן, אַז ס׳איז שוין פאַראַן צופיל מענטשן, די רייכע יידן צאָלן יעדן פּרייז פאַרן צושרייבן צו א פּאַספּאָרט. נאָך א טאָג און ס׳קאָן ווערן צו שפּעט. פּאַספּאָרטן פעלן דאָרט נישט. אַדאָס האָט געבראַכט אַ גאַנצן זאַק מיט פּראָמעסעס. מאָרגן קאָנען זיי אָפּזאָגן צו לעגאַליזירן אונדזער פּראָמעסע. מיין באַלעבאָסטע שטעלט מיר אַלע מאָל מער משונהדיקע פראַגן. דאָס געלט גייט מיר אויס. אויב ווילסטו נישט פאָרן, טאָ זאָג אָפּ. כ׳וועל זיך בכן ווענדן צו אדאמען, כ׳וועל קויפן אן אָרט.

ס׳איז געווען א דעליקאַטער ענין. די פּראָמעסע איז געווען, וואָס אן אמת, אויסגעשטעלט אויף דאַניעלס נאָמען, אָבער קאַליסקי איז באַ־פריינדעט געווען מיט דער משפּחה ר., וועלכע האָט די פּראָמעסע אַרויסגעשיקט. אויסער דעם האָט קאַליסקי געהאַט קאָפּ־פאַרדרייעניש מיט דער מוטער און שוועסטער, וועלכע האָבן זיך ערגעץ ארומגעוואלגערט. דאַניעל האָט קיין משפּחה נישט געהאַט און האָט געקאָנט צושרייבן קאַליסקיס גאנצע משפּחה. יאָ, אָבער כדי מיטצונעמען די קאַליסקיס, האָט ער אליין געמוזט זיך אַנטשליסן צו פאָרן. דערווייל האָט ער יעדן טאָג זיך איבערגעחזרט, אַז ער וועט אַהין נישט גיין, בשום אופן נישט, ווייל דאָס איז א פּאַסטקע... ער האָט וואָס אַן אמת געקאָנט אָפּטרעטן די

פּראָמעסע קאַליסקין, אָבער אויך דאָס איז נישט געווען אזוי איינפאַך. ער האָט נישט געוואָלט אַוועקפאָרן, אָבער ער האָט געהאַלטן, אז ער טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון דער פּראָמעסע, זי איז געווען אין אַ געוויסער מאָס א בילעט צום לעבן. אויב ער וואָלט אריינגעפאַלן צו די דייטשן אין די הענט, וואָס עס האָט געקאָנט געשען יעדע מינוט, וואָלט די פּראָמעסע אפשר געקאָנט אים אָפּראַטעווען. דערפאַר שאַקע האָט ער אָפּגעוואָרפן אַלערליי פאָרשלאַגן, וואָס מ'האָט אים געמאַכט פון פארשידענע זייטן. (יאַנקע וו., די פרוי פון א באַקאַנטן טוער, וועלכער איז געזעסן אויפן פּאַוויאַק, האָט אים פאָרגעלייגט א האַלבן מיליאָן זלאָטעס, עמעצער אַנדערש האָט געוואָלט איבערשרייבן אויף זיין נאָמען א האַלב הויז אויף כמיעלנע). יענעם פרימאָרגן, ווען קאַליסקי איז געקומען צו אים מיט דער ידיעה, אז די דייטשן דאַרפן פארמאַכן די ליסטע, האָט דאַניעל געטראַכט, אז ער וועט דערויף נישט איינגיין, אז די וועלט איז קראַנק און אין א קראַנקער וועלט דאַרף מען זיך באַוועגן וואָס ווייניקער. ס'איז אָבער אַזוי געשען, אַז הארט פאַר קאַליסקים באַזוך ביי אים, האָט זיין באַלעבאָסטע אים אויפגעפאָדערט ער זאָל דורכויס פארלאָזן דאָס הויז, ווייל די נאַכט האָבן די דייטשן געזאָלט „דורכזיפן" די געגנט. דעם זעלבן טאָג נאָך האָבן זיי ביידע זיך געלאָזט אויף כמיעלנע אין האָטעל „ראָיאַל".

העכער צוויי טויזנט פערזאָן האָבן זיך צוגעשטעלט פריער אין האָטעל „ראָיאַל" אויף כמיעלנע און דערנאָך אויף דער לאַנגער גאַס אין „פּוילישן האָטעל" נאָך וועלכן די זאַך האָט געגומען איר נאָמען. זיי האָבן זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע. צווישן די צוויי טויזנט איז נישט געווען קיין איין פערזאָן, וואָס זאָל נישט פארשטיין, אז די דייטשן האָבן איצט, ווי הונדערט מאָל פריער שוין, אויסגעשפּרייט א נעץ. די מענטשן האָבן, אָבער נישט געהאַט ווהין צו גיין. נעכטן האָבן זיי פאַרלוירן די וווינונג, זיי זענען געבליבן אַליין נישט וויסנדיק צום וויפלטן מאָל שוין, אָן א דאַך איבערן קאָפּ און אָן אויסזיכטן צוריקצוגעפינען אַ דאַך. עס זענען דאָ געווען זקנים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אז זיי האָבן סיי ווי נישט פיל צו פאַרלירן, און יוגנט, וועלכע קיינער האָט נישט געוואָלט צונעמען, נישט דער וואַלד און נישט די שטאָט. אַהער זענען געקומען חכמים און נאַראָנים. אין די כסדרדיקע שמועסן, וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך אויף דער טעמע צי דאָס איז א פּאַסטקע צי נישט, זענען אַלע, אימאָפּ־הענגיק פון דעם וואָס זיי האָבן געזאָגט (צ. ב. אז די דייטשן וואָלטן זיך נישט פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט א כּפּעציעלן האָטעל, כדי אומצוברענ־

גען נאָך צוויי טויזנט מענטשן) געווען געשטימט סקעפּטיש און האָבן די שאַנסן אויף רעטונג נישט געשאַצט אויף מער ווי אויף איין פּראָצענט. מחוץ דעם האָטעל האָבן זיי דעם איינעם פּראָצענט שאַנסן אויך נישט געהאַט. מחוץ דעם האָטעל האָט געוואַרט אויף זיי בלויז דער „שמאל-צאָוניק“, כדי זיי אַרומצושינדן און דערנאָך אַרויסגעבן די דייטשן.

דאַניעל איז נישט אָפּגעפּאָרן. אַ וואָך נאָכן אָנקומען אין האָטעל „פּאָ־אַל“ האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ'דאַרף זיי איבערפֿירן אין אַ צווייטן האָטעל. גלייבנדיק, אַז דאָס וועט זיין מיידאַנעק, האָט ער געמאַכט פּליטה. ער, וועמען דאָס באַשליסן צו גיין אויף כמיעלנע איז אָנגעקומען מיט אַזעלכע שוועריקייטן, ער, וועלכער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן מיט איין באַשלוס און אויפֿגעשטאַנען מיט אַ צווייטן און וועמענס אומדעצידירטקייט האָט אומגליקלעך געמאַכט אַלע אַרום אים, איז דאָס מאָל פּאַרטיק געוואָרן אין פֿינף מינוט. אמת, ער איז געווען לייכטער אויף די פֿיס ווי אַנדערע, ער האָט אויף זיינע פּלייצעס נישט געהאַט קיין משפּחה. ער האָט געהאַט נאָר זיך אַליין און געהאַט זיבערטן ביי וועמען ער האָט איין אָדער צוויי מאָל געקאָנט איבערנעכטיקן. זומער 1942 האָט ער זיך אָפּגעראַטעוועט אַדאַנק דעם, וואָס זיבערט האָט אים גענומען צו זיך און געהאַלטן אַזוי לאַנג ביז ער האָט געפֿונען אַ וווינונג. דער הויזוועכטער וולאַדיסלאַוו האָט יעדן טאָג זיבערטן געמאַטערט: — שעף, ווען שוין? ווען וועט זיך ענדלעך יענער אַרויסציען? זיבערט האָט דאָס קיינמאָל פֿאַר דאַניעלן נישט איבערגעחזרט.

דאַניעלס חשד אין האָטעל האָט זיך נישט באַרעכטיקט. דאָס מאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער צווייטער האָטעל איז טאַקע דער „פּוילישער האָטעל“ אויף דער לאַנגער גאַס. מ'האָט פֿון דאַניעלן ליצנות געמאַכט. די משפּחה קאַליסקי האָט אָפּגעלאַכט פֿון אים. די קאַליסקיס האָבן געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע גיבן זיך נישט אונטער קיין ספֿקות. אויף צומאָרגנס נאָכן אַנטלויפֿן פֿון האָטעל, האָט דאַניעל דורך אַ צופֿאַל געפֿונען אַ צימערל אין וועלכן מ'האָט ביי טאָג אויסגעאַרבעט סאַנדאַלן. אין דעם הויז איז איינגעשטאַנען די פֿעלד-זשאַנדאַרמעריע און זי האָט פֿאַרמאַכט דעם טויער פֿאַר דער פּאָליציייִשער שעה יעדעס מאָל ווען דאַניעל איז אָנגעקומען, האָט אַ זשאַנדאַר מיט אַ בלעך אויפֿן האַלז, געעפֿנט אים די טיר און געווונטשן אַ גוטע נאַכט. נאָכדעם ווי ער האָט דעראָבערט אַן אָרט צום שלאָפֿן, האָט זיך אויפֿגעוועקט אין אים אַ נייער מין ספֿקות: ס'האָט זיך אים גערוכט, אַז ער האַנדלט ווי

א טפּש, רעזיגנירנדיק פון דער געלעגנהייט אַוועקצופאָרן. פולשטענדיק רעזיגנירט האָט ער נישט. יעדן טאָג איז ער געגאַנגען אין האָטעל, אָבער זיין באַשלוס האָט ער געלאָזן אויף דער לעצטער מינוט. נאָך פיר וואָכן, ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער טראַנספּאָרט פאָרט אָפּ נישט קיין ווייטל נאָר קיין צעלע אין דייטשלאַנד, האָט דאַניעל ענדגילטיק באַשלאָסן צו בלייבן. מיטן ערשטן טראַנספּאָרט איז אָפּגעפאָרן אַן ערך טויזנט פיר הונדערט מענטשן און צווישן זיי דריי פערזאָן פון דער משפּחה קאַליסקי, וועלכע האָבן איצט געטראָגן דעם נאָמען דזיקאָווסקי. אַלע אָפּגעפאָרענע האָבן די דייטשן א שטיקל צייט געהאַלטן הינטער האַנאָווער און דערנאָך צוריקגעשיקט קיין פּוילן, קיין אוישוויץ און דאָ זיי פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריע־אויוונס.

צוזאַמען מיט דער משפּחה קאַליסקי, מיט דער מוטער און שוועסטער גוּוע, האָט זיך אויסבאַהאַלטן ראפּאל אָכאָצקי. ער איז מסתמא די צוויי פרויען נישט שטאַרק געווען צום האַרץ, ווייל ווי גיך עס האָט זיך געמאַכט א געלעגנהייט אַוועקצופאָרן, האָבן זיך ביידע גלייך אָנגעכאַפּט אין דעם. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין וואָרענישן, ביידע פרויען זענען אַוועק אין האָטעל. ראַפאַל האָט דעמלט אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס איז געווען ממש משוגעת. אויף דער וווינונג האָט מען אים געהאַלטן „באַוווסטזיניק“ און ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט ארויסצוגיין. ביים דינגען די וווינונג איז אַזוי אָפּגעמאַכט געוואָרן לטובת ביידע צדדים. נישט נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז ער צעשטערט זיין נעסט און שטעלט זיך אוים אויף א טויט־געפאר, האָט ער פאַרלאָזט די וווינונג, דורכגע־מאַרשירט די שטאָט „מיט דער־אָ נאָז זיינער“ און דערשלאָגן זיך צום האָטעל. פאַרברענענדיק אַלע בריקן הינטער זיך (די באַלעבאָסטע האָט אים פאַרבאָטן צוריקצוקומען) איז ער אָן געלט אָנגעקומען אין האָטעל, כדי צו זיין צוזאמען מיט עווען. דאָס מיידל האָט שוין אָבער געהאַט אַן אַנדער סימפּאַטיע, באַציונגען האָט מען דעמלט אָנגעבונדן לייכט, ווי שטענדיק אין צייטן פון קאַטאַקליזמען, האָבן פרויען זיך נישט געשוינט. דער האָטעל האָט געהאַט דריי מינים אורחים — אַזעלכע, וועלכע זענען שוין דערליידיקט געווען און האָבן געבילדעט די צוממיינסטן פּריווילעגירטע קאַסטע, אַזעלכע, וועלכע זענען געווען אויפן וועג דערליי־דיקט צו ווערן, האָבן געהאַט גענוג געלט צו קויפן אן אָרט אויף א פּאַספּאָרט און דאָך געוואַרט מען זאָל דורכפירן די פאָרמאַליטעטן און אָרעמע לייט, מענטשן, וועלכע האָבן אין ערגעץ נישט געהאַט קיין דאך

איבערן קאָפּ און דעריבער דאָ געזעסן. ראַפאַל אָכאָצקי איז גלייך אריינגעפאלן אין דער דריטער, דער אָרעמסטער קאַטעגאָריע.

א וואַנזיניקער אוים ליבע צום מיידל האָט ער נאָר געזען דאָס, אז זיין געליבטע האָט אָפּגעגעבן דאָס לעצטע געלט פאַרן אָרט אין פּאַספּאָרט און אָפּגעפאָרן אויפן נאָמען פון דזיקאָווסקי, דאַקעגן דער אייגנטימער פון. פּאַספּאָרט איז געבליבן. צי זענען דאָס נישט געווען קיין גענוגנדיקע באַווייזן פאַר א באַשולדיקונג? בעת ער האָט געפאָדערט, אַז דער קאַפּיטאַן איפּ זאָל אַרעסטירן דאַניעלן, האָט ער געזאָגט: — מען באַהויפּטעט, אַז מענטשן זענען אַליין געקראָכן די דייטשן אין די הענט, הגם מ'האָט שוין געוווסט וועגן טרעבלינקע און בעלזשעץ. פאַרוואָס טאַקע? דערפאַר, ווייל דאָס באַקאַנטע דייטשע שפּיצל האָט באַקומען אונטערשטיצונג ביי עטלעכע פארקויפטע נשמות, וועלכע האָבן געמיינט, אז אויף אַזא אופן וועלן זיי אָפּראַטעווען די אייגענע פעל און דערביי נאָך אַריינכאַפּן א ביסל „האַרטע", „שטיינער" און „ווייכע" און וועלן קאָנען אַנטלויפן קיין שווייצאַריע. אָן דער הילף פון די פאַרקויפטע נשמות וואָלט זיך קיינמאָל די דייטשן נישט איינגעגעבן אַרויסצושלעפּן פון די באַהעלטענישן אַזוי פיל פרעכטיקע מענטשן. דער מענטש, וועלכער שטייט דאָרט — דער באַשולדיקער האָט אפילו נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דאַניעלס זייט — האָט אַוועקגעשיקט די משפּחה קאַליסקי. ער האָט אוועקגעשיקט 18 מענטשן, גענומען געלט, אָבער ער אַליין איז נישט געפאָרן...

ווען דאַניעל האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף פון האָטעל „ראָיאַל" און דערנאָך אויף דער לאַנגער גאַס, האָט ער צו זיך געטענהט: „אויב אַן אַלטער מענטש לאָזט זיך פאַרמאַכן, אָדער אַזעלכער וואָס קאָן נישט די שפּראַך, א מוטער מיט א קליין קינד אָן כוחות שוין צו ווייטערדיקע ראַנגלענישן — האָבן זיי רעכט דערויף. אָבער דו? באַווייזן דען מענטשן די אומגעהויערע העלדישקייטן אויף דער ערד און אונטער דער ערד, אויפן ים און אין דער לופט, כדי דו זאָלסט זיך לאָזן פאַרמאַכן? צי וועסטו זיך נישט דערשטיקן מיט דער רו, וואָס דו וועסט האָבן אין לאַגער, אויב עס וועט זיך אַפילו אַרויסווייזן, אז דאָס איז א רואיקער לאַגער? צי וועסטו עסן די שפּייז, וואָס וועט דיר דערלאַנגען די האַנט, וועלכע האָט אויפגעבויט טרעבלינקע און אוישוויץ? וואָס וועט דיר דערלאַנגען די האַנט, וועלכע האָט געטריבן אין די אויוונס מענטשן אַזוי נאָענטע דיר, ווי דיין אייגן לייב? צי צווישן גאַנצן פאָלק פאַרשטייט באמת קיינער נישט, אז מען טאָר נישט מיטן שונא פאַרהאַנדלען אפילו

פֿאַרן פּרייז פֿון ראַטעווען דאָס לעבן? אויב ווערסטו זיך אַפֿילו אָפּראַטעווען איז צי וועט דיר נישט זיין קיין חרפּה צוליבן פּרייז, וואָס דו האָסט דערפֿאַר באַצאָלט? צי האַלסטו שוין פֿאַר איבעריק אַלץ, וואָס איז שיין און מענטשלעך? פֿאַרוואָס זוכסטו אַן אַנאַלאָגיע אין אָט־דעם המון און געדענקסט נישט אין די, וועלכע זענען אַהער נישט געקומען? אפֿשר זענען זיי דערפֿאַר נישט געקומען, ווייל זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי טאָרן נישט ראַטעווען זייער לעבן מיט די הענט פֿון די תּליינים?"

אויפֿן הויף פֿון האָטעל האָט ער זיך געאַמפּערט מיט זיך אַליין. ער איז געווען פֿול מיט עקל צום המון קודם דערפֿאַר, וואָס די מענטשן האָבן דערלויבט, אַז שפּיאָנען און אויסגעלאַסענע פּרויען זאָלן הערשן איבער זיי. קיין שום ווידערגעפֿיל צו זיי האָט ער מצד דעם המון נישט באַמערקט, פֿאַרקערט — אַדאַם איז געקומען, פֿאַוועל איז געקומען! ליאָליעק איז געקומען! ער האָט געזען די פּיעטעט מיט וועלכער מ'האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע נעמען. ער האָט געזען ווי מען טרעט אָפּ די דאָזיקע נפֿשות דעם וועג. ער האָט געזען דעם אויסדרוק פֿון שטאָלץ אויף די געזיכטער פֿון די, וועמען די שפּיאָנען האָבן באַוויליקט צו געבן די האַנט. דער שפּיאָן און די זונה האָבן דאָ געקעניגט איבערן המון... ווען ער האָט זיינע אָבסערוואַציעס פֿאַרטרויט עמעצן, האָט מען אים געזאָגט, אַז ער פֿאַרשטייט גאָרנישט, אַז ער נעמט נישט אין באַטראַכט דעם וועג, וועלכן יעדערער פֿון די אָנוועזנדיקע דאָ האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט. זיי זענען געקומען פֿון די בונקערס, קאַנאַלן, אַרויסגעריסן זיך צום הונדערטסטן מאָל פֿון די אָרעמס פֿון טויט, זיי זענען מאָראַליש טויטע מענטשן, באַשפּיגענע, דערנידעריקטע (און מ'וועט זיך וווּנדערן, אויב ס'וועט זיך אַמאָל אין זייער האַנדלונג באַווייזן חוצפּה און די וועלט וועט פּלוצלונג אויפֿהערן צו פֿאַרשטיין פֿון וועלכע קוואַלן זי שטאַמט) און בלויז אין די שפּיאָנען, אין דער זונה, וועלכע לעבט מיטן דייטש, געפֿינען זיי די איינציקע פֿאַרטיידיקער. מ'האָט אים געזאָגט, אַז ער זעט די בלאָטע אָבער זעט נישט די סיבה, וואָס האָט געשאַפֿן די בלאָטע. ער זעט אַזוי, ווי די אַנטיסעמיטן, האָט מען אים געזאָגט.

אַזוי איז דאָס געווען. און דאָך, ווען ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן הויף אַ צעריסענער אינערלעך, האָט ער נישט איינמאָל געטראַכט: „זיי וועלן אַוועקפֿאָרן און מ'וועט זיי פֿאַרברענען. איך וועל נישט פֿאָרן און, זאָל מען אָננעמען, אַז איך וועל בלייבן לעבן. איך וועל בלייבן לעבן

און דערנאָך וועט מען מיר פרעגן: וויאַזוי? אַלע, וואָס וועלן בלייבן לעבן וועלן פאַרדעכטיק זיין. וואָס וועל איך ענטפערן אויף דער פראַגע? ער האָט זיך דאָס דערמאָנט דעמלט, ווען ראַפאַל האָט אים געבראַכט צופירן צום הויז נומער צוויי און צוואַנציק און ס'האָט אים דורכגענומען א ציטער.

.3

דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט זיך געפריינט מיט דאַניעלס באַפרייונג איז געווען די דינסט יאַדוויגע. זי האָט זיך געפּאָרעט ארום אים, דערלאַנגט אים א ביסל וואַסער אין א שיסל, האָט אויפגעזוכט א שטיקל זייף און א ריין העמד — אין דער אויפשטענדלער-שטאָט איז דאָס אַלץ געווען מיט גאָלד אָפּצוּוועגן. ווען ער האָט געזאָגט, אַז זיבערט קאָן זיך בייזערן דערפאַר, האָט זי געענטפערט ווי געוויינלעך: — אוי וויי, האָט נישט קיין מורא, דאָס געהער נישט צו זיבערטן. הערנדיק אירע מעשיות און דערנאָך, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו די קאַרגע און פאַרביטערטע ווערטער פון זיבערטן, האָט דאַניעל ביסלעכוויז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וועמען ער האָט צו פאַרדאַנקען דאָס באַפרייען אים. דאָס איז געשען נישט אַדאַנק דעם, וואָס דער באַשולדיקטער האָט צוריקגע-צויגן זיין באַשולדיקונג און איז האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האַלט הינטערן שלאָס אן אומשולדיקן מענטש. זיין באַפרייאונג האָט דאַניעל געהאַט צו פאַרדאַנקען קודם-כל דער ליבער יאַדוויגע.

איבערן קאַפּיטאַן איז האָט געהערשט זיבערטס שכנה, וועלכע מ'האָט גערופן מילערקע „די פרוי קאָמענדאַנט אָן איר קאָמענדאַנט", וועלכער האָט זיך געפונען ערגעץ אין א לאַגער פאַר קריגס-געפאַנגענע. די מילערקע איז געווען א פרוי ווי ס'דאַרף צו זיין אין יעדן הינזיכט. „איפ" — וועלכער איז געווען די פאַרייניקונג פון א פויערל מיט א באַ-אַמטן פון א נידעריקער ראַנגע — וואָלט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען נישט געקאָנט חלומען וועגן אַזן ענלעכער דעראָבערונג. צייטן פון איבערברוך האָבן אָבער זייער אייגענע מאָס פון ווערטן. פאַר דער צייט פון אויפ-שטאַנד האָט איפ געהאַט נישט קיין געוויינלעכע מעלות: ער איז געווען די הויפט-פערזאָן אין הויז (יעדעס הויז איז געווען ווי אַן אינדזל, וואָס האָט געלעבט מיט זיין אייגענעם לעבן), די אַפּראָוויזאַציע-מעגלעכקייטן פון קאַפּיטאַן האָט מען נישט געקאָנט גרינגשעצן. די שיינע מילערקע

איז אין דער צייט פון אויפשטאַנד געבליבן אָן א דינסט און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער באַלעבאַטישקייט און מיטן זעקסיעריקן זונעלע. און ס'איז דאָך באַקאַנט צו וואָס פאַרא פאַרנעם עס וואקסן אויס פראָבלעמען פון דער ווירטשאפט אויב מען קאָן נישט הערשן איבער זיי. יאדוויגע האָט גענומען אויף זיך די אויפגאבן אין דער קיך און דערמיט געקויפט זיך די מילערקע. יאַדוויגע איז בכלל דעמלט אויסגעוואָקסן צו אַן ערשט ראנגיקער געשטאַלט. די באַלעבאָסטעס און דינסטן פון פערטן און דריטן שטאָק זענען גאַנצע טעג געזעסן אין די שוץ־קעלערן, מורא האָבנדיק זיך צוריקצוקערן אין זייערע וווינונגען, וואָס זענען מער ווי די אַנדערע געווען באַדראָט. האָבן זיי גענאָסן פון זיבערטס קיך, וואָס האָט זיך שטופנווייז פאַרוואַנדלט אין אַ בשותפותדיקער קיך פאַרן גאַנצן הויז. — יאַהוויגע לעבן, צי האָסטו אפשר פייער אונטער די פייערקעס? יאַדוויגע לעבן, האָסט אפשר אַן אָרט אויף די פייערקעס? — דאָס גאַנצע הויז איז אָפּהענגיק געוואָרן פון יאדוויגען, וועלכע האָט געהאָרעוועט פון זונען־אויפגאַנג, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום פאַרבאָטן. מען האָט צ. ב. אין געוויסע שעהן נישט געטאָרט ברענען קיין פייער, כדי נישט צו געבן קיין צייכנס די עראָפּלאַנען. אזוי האָבן געהאַלטן די אויפשטענדלער, אָבער יאדוויגע האָט געברענט אין דער הרובע וויפל ס'האָט זיך געגלוסט.— איך מוז דאָך מיין באַלעבאָס עפּעס געבן צו עסן, האָט זי געטענהט. די זשאנדאַרן האָבן געקוקט דערויף דורך די פינגער.

די אַנדערע דינסט־מיידלעך האָבן יאדוויגען געהאַלטן פאַר אַן אידיאָטקע. — יאדוויגע לעבן, פאַר וועמען לייגסטו זיך אַזוי אַוועק, האָבן זיי כסדר זי געפרעגט. זיי האָבן אָבער ליב געהאַט די אידיאָטקע און צוגעלאָזט זי צו די פארווייזלונגען מיט די זשאַנדאַרן, כאָטש די זשאנדאַרן האָבן בלויז זי „געאכטעט". די ליבע יאדוויגע האָט ווייניקער ווי אנדערע מורא געהאַט פאַר די אָנפליען און זעלטן געגאַנגען אין שוץ־קעלער. צום גרעסטן טייל פלעגט זי, מיטן הינטל אויף די הענט, אראָפּגיין שוין נאָכן אָנפלי און צווישן שווייגנדיקן עולם מעלדן: — מ'קאָן שוין אַרויסגיין! ס'איז שוין נאָך אַלעמען! די ערנסטע לאָקאַטאָרן האָבן זיך דעמלט איבערגעקוקט מיט זשעגירטקייט און געשמייכלט.

נאָכדעם ווי מען האָט ארעסטירט דאַניעלן האָט די מילערקע צען מאָל אַ טאָג געמוזט ענטפערן אויף דער פראַגע: — וואָס הערט זיך? ווען וועט מען אים ארויסלאָזן? די פראַגע פון שולדיקייט האָט דער ליבער יאדוויגע נישט אינטערעסירט. זי האָט שטענדיק און ביי אַלע אומ־

שטענדן זיך אָנגענומען פֿאַר די, וועלכע האָבן זיך אויסגעגלימשט. אין דער צייט פֿון דער גאַנצער מלחמה איז זיבערטס הויז געווען אַן אמתער סקלאַד פֿאַר די גאַסן־העגדלערינס. יאַדוויגע האָט זיי פֿאַרטיידיקט קעגן דעם אויפֿשטענדלער־זשאַנדאַר באַנק, וועלכער האָט נישט לאַנג צוריק געאַרבעט אין דער פּאָליציי און געיאָגט אויפֿן גאַס די זעמל־העגדלערינס. פֿאַר דער מילערקע האָט זיך געשטעלט דאָס פּראָבלעם: אָדער רעזיגנירן פֿון יאַדוויגעס גוטיקער הילף, אָדער צולייגן אַ האַנט ארויסצולאָזן דאַניעלן. מען קאָן זיך משער זיין, אַז זי האָט פֿאַרגודעט דעם קאַפּיטאַן איפּ. דעם פֿערטן טאָג איז איפּ אָפּגעטראָטן. ער איז אַפֿילו געווען ביי דער מיינונג, אַז ער האָט געדאַרפֿט דאַניעלן ארויסלאָזן פֿריער, אָז אַן אָנקלאַגע האָט ער אים נישט געדאַרפֿט האַלטן, דערצו האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס צו שפּייזן דעם אַרעסטירטן. דער באַשולדיקער, הגם ער האָט צוגעזאָגט, האָט דאָך קיין אָנקלאַגע נישט ארייַנגעטראָגן. איבעריקנס איז די גאַנצע זאַך נישט געווען אונטערגעוואָרפֿן דער יורידיקציע פֿון אויפֿשטאַנד. אַרעסטירט צו ווערן האָבן זיך קוואַליפֿיצירט בלויז אוממיטלבאַרע שעדיקער, וועמען מ׳האָט געקאָנט אויפֿווייזן, אַז זיי פֿירן אַן אַקטיווע אַרבעט צום שאָדן פֿון פּוילישן אונטערערד, אָדער גאָר דייטשן. דאַניעלס געשיכטע האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס נישט מיטן פּוילישן אונטערערד און נישט מיטן אויפֿשטאַנד. און דער קאַפּיטאַן איפּ האָט דאַניעלן באַפֿרייט.

אונטערן פּרעטעקסט, אַז אזוי וועט באַקוועמער זיין, האָט זיבערט געהייסן אויסבעטן דאַניעלן אויף בייַנאַכט אין אַן אַנדער צימער. ווייַזט אויס, אַז ער האָט נישט געוואָלט שלאָפֿן מיט אים צוזאַמען, ווי ביז איצט. דאַניעל האָט זיך הונדערט מאָל איבערגעדרייט אויף אַלע זייטן אָבער דער שלאָף איז נישט געקומען. די שאַרף פֿון דער אָנקלאַגע האָט אים איצט מער ווי געטאָן, ווי אין תּפֿיסה, וו ער האָט געגלויבט, אַז די זאַך וועט זיך מוזן אויפֿקלערן. די טאַנקן האָבן געשאָסן פֿון דער נאָענט, אָבער דאַניעלן זענען זיי איצט להלוטין נישט אָנגעגאַנגען. די אָנקלאַגע האָט צעטרייסלט זיין שלאָף, זיין אויפֿמערקזאַמקייט, ווי מען צעטרייסלט זויער־מילך, מישנדיק מיט א לעפֿל. ער האָט קוים דערוואַרט זיך דעם זון־אויפֿגאַנג און איז ארויס פֿון שטוב.

זיינע ערשטע טריט האָט ער געוואָנדן צום קינאָ „פּאַלאַדיום“, וואָס האָט זיך געפֿונען אין די קעלערן פֿון א זעקס־שטאָקיקן, מאָדערנעם הויז. דאָס קינאָ גופֿא, וואָס איז געווען „דער לעצטער געשריי פֿון דער

מאָדע“, „אַן אויפטו פון אַן אַרכיטעקט און פילם=פּראָדוצענט“, ווי עס האָט בשעתו געשריבן די פּרעסע, האָט איצט געדינט פאַר א שוך=קעלער און איז מסתמא געווען דאָס צוממיינסטן עיפּושדיקע אָרט אויף דער וועלט. אַן עיפּושדיק אָבער שוצבאַר אָרט. צווישן דעם המון, וואָס האָט דאָ געפונען א באַהעלטעניש, איז געווען א מענטש, וועלכער האָט געקאָנט דאַניעלן אינפאָרמירן, ווו עס וווינט די פרוי פון ד״ר קאַליסקי.

די קאַליסקים האָבן זינט יאָרן נישט געלעבט צוזאמען, זיי זענען אָבער פאַרבליבן אין פריינדלעכע באַציונגען און די פרוי איז אינפאָרמירט געווען וועגן די ענינים פון איר געוועזענעם מאַן און אויך וועגן האָטעל. וואַנדאַ קאַליסקאַ האָט, איבעריקנס, אויך געזאָלט פאָרן. איר ברודער, דער אַדוואָקאַט שניידער, האָט באַלד פון אָנהויב געקויפט פאַר צוויי הונדערט טויזנט זלאָטעס פיר ערטער, פאַר זיך, זיין פרוי, דעם קינד און פאַר דער קאַליסקאַ. שניידער האָט דערנאָך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין א קאַנצעלאַריע און „האָט זיך אויסגעשלאָגן די רייזע=הוצאות“. ער האָט זיך אַפילו געמאַכט שיך מיט ליידיקע קנאַפּל אויף אויסצובאַהאַלטן קאָסטבאַרקייטן. אין האָטעל איז געווען עטלעכע פאָר שיך פאַר וועלכע מען האָט געקאָנט, האָט מען געזאָגט, קויפן האַלב וואַרשע. וואַנדאַ קאַליסקא, אין קעגנטייל צו אנדערע, וועלכע האָבן זיך צוזאמענגעבראָכן אין האָטעל, האָט זיך געראַנגלט מיט זיך גופא ביי זיך אין שטוב און אין האָטעל איז זי געגאַנגען ערשט א טאָג פאַרן אָפּפאָרן פון טראַנספּאָרט. ווען זי האָט געזען וואָס עס טוט זיך דאָרט , האָט זי מיט עקל צו זיך געזאָגט: — ניין, צו דעם האָב איך נאָך צייט. זי האָט געפאָדערט פון איר ברודער ער זאָל פאַרקויפן איר אָרט „פאַרן קאָסטן=פּרייז“. עטלעכע שעה שפּעטער האָט מען אין פּאַספּאָרט אלס וואנדא קאַליסקא צוגעשריבן א וווקסיקע פרוי מיט בלאָנדע, טלעגירטע האָר (וועגן אַזעלכע האָט מען געזאָגט, אַז אויפן קאָפּ טראָגן זיי די נאַציאָנאַלע פאָן), וועלכע איז אָקאַרשט אַרויס פון א בונקער, וואָס האָט זיך געפונען אין א גאָרטן פון וואַנען דער גערטנער האָט דערלויבט אַרויסצוגיין ערשט נאָך האַלבער נאַכט. די פרוי האָט נאָך געזשמורעט מיט די אויגן, וואָס זענען אָפּגעוווינט געווען פון טאָג=ליכט.

דאַניעל האָט באַקומען דעם אַדרעס פון דער קאַליסקא. איצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע צי זי לעבט. כדי זיך צו דערשלאָגן צו איר, האָט ער געמוזט דורכגיין דעם טונעל אין די אַלייען. מיט די קעלערס און הייף איז ער דערגאַנגען צום אָרט, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ניי

דורכגעגראָבענער קאַנאַל — דער שטאָלץ פון אויפשטאַנד — וואָס האָט זיך פון צוויי זייטן געפּוגען אונטערן פייער, פון דער זייט פונעם וואָקזאַל און פון דער געביידע ב. ג. ק.*) דער דורכגעגראָבענער טונעל איז נישט געווען קיין גענוג טיפער און עס פלעגט געשען, אז ביים דורכגאַנג זענען געפאַלן קרבנות. ווי אומעטום אין דער נאָענט פונעם ישונא, האָט דאָ געהערשט א שטילקייט. אין דעם אויסגעברענטן טויער האָט מען געוואַרט אין דער ריי. ווען דאַניעל איז אָנגעקומען האָט מען פונקט עמעצן ארויסגעטראָגן — דאָס איז א פאָרוטשניק, האָט מען אינפאָרמירט. — ער האָט נישט איינגעבויגן דעם קאָפּ און זיי האָבן אים אַוועקגעלייגט. פאַר דאַניעלן האָט געדאַרפט דורכגיין דעם טונעל א צוועלף=יעריקער פאַרבינדלער אין אַ ריזיקן שינעל, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ מאַסקאַראַדן=פיגורל. קריך נישט אַהין, קליינער, האָט צו אים געזאָגט דער אויפשטענדלער, וועלכער האָט געהיט די ארדענונג — ווייל זיי וועלן מאַכן פון דיר א טייג. — ניין, האָט רואיק געענטפערט דער קליינער פאַרבינדלער און האָט אויפגעהויבן די פאָלעס פוןברייטן שינעל — איר וועט מיך נישט ארויסוואַרפן אויפן מיסטקאַסטן.

אין קעגנזאַץ צו דער צפונדיקער טייל שטאָט, ווו עס געפינט זיך די גאַס פון די דריי קרייצן, האָט מען אויף דער דרומדיקער טייל, אויף דער צווייטער זייט אַלייען „פון דער מלחמה נישט געוווסט“. מ'האָט דאָרט נישט געוווסט וואָס דאָס זענען „קי“, דאָס מעבל אין די וווינונגען איז געשטאַנען אויפן געוויינלעכן אָרט, שאַפנדיק א רואיקע שטימונג, וואָס האָט באַטויבט דאַניעלן, בעת ס'איז אים אויסגעקומען צו וואַרטן אויף דער פרוי קאַליסקאַ. ווען זי איז אָנגעקומען, האָט זי אויף שנעל זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים אַלס אָפיציר פון קאָרפּוס פאַר זיכערהייטס=ענינים אינעם קולטור=סעקטאָר און געפרעגט אים וועלכער ס'איז זיין אָנטייל אין אויפשטאַנד. דאַניעל האָט מיט הרפה זיך דערמאָנט אין איינעם פון זיינע פריינד, וועלכער האָט געקאָנט אָנגעבן אלס זיין וויכטיקסטן אויפטו אין דער סעפטעמבער=שלאַכט דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט א קו פון א ברענענדיקער שטאַל.

פרוי קאַליסקא האָט אין איין אויגנבליק אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון איר מאַן, אז דאַניעל דערפירט אים צו

---

*) לאַנדווירטשאַפטלעכער באַנק.

שגעון מיט זיין נישט אנטשלאָסנקייט, אַז „ער חזרט אומאויפהערלעך איבער „באַלד“ און הויבט זיך נישט אויף פון דער קאַנאַפּע“. זי האָט געוווסט, אַז דאָס געלט, וואָס איר מאַן האָט געהאַט איינגעצאָלט אין געגאַנגען אויף צו דעקן די קאָסטן פון דער לעגאַליזאַציע. אַזוי איז אָפּגעפאַלן דער צוממייגסטן דראַסטישער פאָרוואורף. זי איז איינגעגאַנגען דאָס אַלץ איבערצוגעבן דעם קאַפּיטאַן איפּ און אפילו ראפאַלן, וועלכן זי האָט געקענט און נישט ליב געהאַט. זי האָט זיך געוווּנדערט, אַז ער נעמט אָנטייל אין אויפשטאַנד און צוויי מאָל איבערגעפרעגט: — פרעגט ער געווער? די גאַנצע זאַך האָט זי באַצייכנט ווי א טיפּישע מיספּאַרשטייעניש. אזא באַצייכענונג האָט זיך דאַניעלן אין ערשטן מאָמענט אויסגעוויזן ווי אן אַנטפּלעקונג און דערנאָך פשוט ווי א פּאַסיק וואָרט. זי האָט אים געטרייסט דערמיט, וואָס יעדן טאָג הזרן זיך איבער עטלעכע צענדליק, אויב נישט עטלעכע הונדערט, ענלעכע פאַלן. איינער פון די „יינגלעך“ האָט אין א געוויסן געוועזענעם מיניסטער דערקענט א פּאָליצייאישן שפּיאָן, וועלכער זאָל אים האָבן אויסגעפאָרשט אויף שוכא און דער מיניסטער איז זיך אָפּגעזעסן צוויי טעג. — איר זעט באמת אויס ווי א מענטש, וועלכן ס'האָט געטראָפן א שווער אומגליק. צי נעמט איר זיך איבער מיט אַזאַ נאַרישקייט? צי איז נישט אַלץ איינס וואָס זיי רעדן? זאָלן זיי רעדן. איך פאַרשטיי פשוט נישט אַזעלכע מענטשן, ווי איר.

דאָס גאַנצע לעבן איז דאַניעל געווען ביי דער זעלבער מיינונג: „זאָלן זיי רעדן“, און פּלוצלונג האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס איז להלוטין נישט אַזוי. ער האָט דער פרוי קאַליסקאַ אויסגעדריקט זיין דאַנקבאַרקייט, וואָס זי איז איינגעגאַנגען זיך איינצושטעלן פאַר אים ביים קאַפּיטאַן איפּ. אין דעם מאָמענט איז אין צימער אַריינגעקומען אַן אויפשטענדלער, אַ ברייט-געבויטער, מיט געקרויזלטע האָר און מיט שאַרפע אויגן ווי ביי א רויב חיה, עפּעס א מאָלער אָדער א גראַפיקער. דאַניעל האָט אים געקענט פון פאַר דער מלחמה, אין מיטלשטאָט קענען זיך אַלע. פרוי קאַליסקאַ האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט אים. זי האָט אים געדאַנקט פאַר די נאָטן, דערציילט אים איינצלהייטן פון דער נעכטיקער פאָרשטעלונג אין דעם טיי-הויז „סאַטיר“. זי האָט געזונגען „פערציק טעג און פערציק נעכט“, די אויפשטענדלער האָבן געוויינט. דער אָוונט איז אַלעמען זייער געפעלן, די אָנפירערשאַפט גרייט שוין צו פאַר די „יינגלעך“, נאָך אַן אָוונט, מיט א רייכערן רעפּערטואַר. ווען זי האָט

געענדיקט אינפֿאָרמירן אים, האָט זי מיט דער זעלבער שטימע צוגעגעבן:

— שטעל דיר פֿאָר, אַז דעם הער זעגען זיי חושד אין מיטאַרבעטן מיט דער געסטאַפּאָ. ער איז שוין אַפֿילו אַ ביסל געזעסן...

אויב פֿון אָנהויב האָט זיך געקאָנט אויסווייזן דאַניעלן, אַז ער האָט — ווי געוויינלעך — איבערגעטריבן, האָט ער איצט פֿעסטגעשטעלט, אַז ס'איז אַזוי נישט געווען. ווען ס'איז אָקאָרשט איבערגעגעבן געוואָרן די קליינע אינפֿאָרמאַציע, האָט ער דערפֿילט ווי אַ מעסער אין האַרץ. זיין אינטימער, דעליקאַטער ענין, וואָס האָט אים אָנגעפֿולט מיט חרפּה, איז איצט אַרויס אויף דער עפֿנטלעכקייט. די זאַך איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פֿון מענטשלעכן גוטן ווילן. ווער עס וויל קאָן גלויבן. דאַניעלן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען מ'וואָלט אַפֿילו צוריקגעצויגן די באַשולדיקונג, וואָלט עס שוין אויך קיין ספֿק נישט געהאָלפֿן. אַ רייןגעוואַשענער מענטש איז נאָך נישט קיין זויבערער מענטש. ער איז נישט געווען פֿאַרהאַרטעוועט אויף אַזאַ אומגערעכטיקייט, וואָס דער גורל האָט אים צוגעשפּילט.

— זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס זענען אַבסורדן, — האָט פֿרוי קאַליסקאַ צוגעגעבן. איך וועל מיט אייך גיין אויף דער צווייטער זייט. איך וועל נאָר מיט טאַדעושן אויף אַ ווײַלע אָפּטרעטן אין שטאַב.

ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט דאַניעל גלייך אַראָפּגעלייענט פֿון איר געזיכט, אַז זי וועט מיט אים נישט מיטגיין. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט דאָך נישט געוווסט פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו אים די פּראָמעסע. — אָט אַזוי געוויינלעך איז זי אָנגעקומען דורך דער פּאָסט און די דייטשן האָבן זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון? די קאַליסקיס האָבן דאָך אין גרונט גענומען נישט בדעה געהאַט אַוועקצופֿאָרן. סטאַד האָט געהאַט אַ פּרעכטיקע דירה, די באַלעבאָסטע איז אין אים פֿאַרליבט געווען, ער האָט געקאָנט זיצן ביי איר ביז סוף מלחמה... פֿאַראַן אין שטאָט מענטשן, וועלכע האָבן אייך פֿיל פֿאַרצוואַרפֿן. איר האָט זיך איגאַנצן נישט אויסבאַהאַלטן. כמעט יעדן טאָג האָט מען אייך געזען אויף מאַרשאַלקאָווסקע. איר האָט געמאַכט געשעפֿטן מיט די גאָלדהענדלער פֿון כמיעלנע... דאָ טאַפּט מען אין דער פֿינצטערניש, קיינער ווייסט גאָרנישט, פֿאַרשטייט גאָרנישט, קאָן פֿאַר קיינעמען נישט ערוב זיין, אַפֿילו נישט פֿאַרן אייגענעם טאַטער. יידן האָבן אין דער איצטיקער מלחמה באַוויזן, אַז זיי באַזיצן איגאַנצן נישט קיין מאָראַל. כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן, האָבן איינע די אַנדערע פֿאַרקויפֿט. אַלפֿרעד נאָסיג איז געווען אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער גייסט, און אַ קאָנפֿידענט...

און אָט האָט איר, דערמאָרדעט האָבן אים די ייִדן אַליין, די קאַמפּפֿ־אָרגאַניזאַציע. איז וואָס זאָגט איר דערצו?...

— דער זשורנאַליסט ווירעק האָט אייך האַרט פֿאַרן אויפֿשטאַנד באַגעגנט אויף דער מיאַנאָווסקי־גאַס. איר האָט ביידע א לענגערע צייט געשמועסט נאָך דער פּאָליציייִשער שעה. ווירעק האָט עס פּאַר אייך נישט אַרויסגעוויזן, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּווענדערן, וואָס איר האָט זיך נישט געאײַלט. „וואָס פֿאַרא העלד, צום טייוול, און דאָס אין א געגנט, וווּ עס שווימלט מיט זשאַנדאַרן ווי מיט הינט“. צי האָט איר געהאַט א נאַכט־אויסווייז?

— א נאַכט־אויסווייז?...

דאַניעל האָט נישט געוואָלט גלייבן זײַנע אייגענע אויערן. ער האָט גוט געדענקט די באַגעגעניש מיט ווירעקן לעבן זײַן הויז, וואָס האָט זיך געפֿונען צען טריט פֿונעם אָרט, ווו ער גופֿא האָט געוווינט ווען וואָס ווירעק האָט נישט געוווסט, ווײַל דאַניעל האָט געמוזט אין יענער צייט פֿאַרקאָנספּירירן זײַן וווינונג. ס׳איז געווען א זומערדיקער אָוונט. די וואַרשעווער אײַנוווינער האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון די גערטנדלעך אויסער דער שטאָט. זיי זענען געווען באַלאָדן מיט גראַבליעס און גראָב־אײַזנס און אָנגעטאָן ווי בײַ זיך אין שטוב, ווען די גערטנדלעך האָבן זיך טיילמאָל געפֿונען ווײַט. ס׳איז דעמלט פֿאָרגעקומען די אָפֿענסיווע אויף מינסק־ליטעווסק און לובלין. ווירעק איז געקומען מיט אינפֿאָרמאַציעס פֿון אַ ראַדיאָ־אווידיציע. ער האָט באַשיידן באַהויפּטעט, אַז ער האָט ידיעות פֿון א פֿרײַנד, „וועלכער האָט געהערט דעם ראַדיאָ מיט אומגעפֿער א האַלבער שעה צוריק“. א מענטש, וועלכער האָט ידיעות! א מענטש, וועלכער קומט אָקאָרשט פֿון א ראַדיאָ־אווידיציע מיט ידיעות וועגן דער אָפֿענסיווע, וואָס האָט געקאָנט היינט־מאָרגן ברענגען די ישועה, פֿאַר־טרייבן דעם קאָשמאַר פֿון האַרץ, פֿון האַלדז, פֿון די אויגן — צי האָט מען נישט געקאָנט פֿאַרגעסן אין דער שפּעטער שעה?

יעדע מינדעסטע ידיעה האָט אויסגעזען ווי אַ רעוואָלוציע, איר אומבאַדייטנדיקייט האָט מען דערזען ערשט דערנאָך, ווען דער ענטוזיאַזם איז אָפּגעפּלאָסן. דאַניעל האָט טראָץ דעם די גאַנצע צייט דעמלט געקוקט אויפֿן זייגערל. ער האָט אויסגערעכנט, אַז ער קאָן צוּוואַרטן ביז ווירעק וועט קויפֿן ברויט און אויגערקעס אינעם קלייטל אין וועלכן ס׳האָבן אַראָפּגעפֿירט טרעפּלעך. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס פֿרעגן, ווײַל אפשר

האָט ווירעק פֿאַרגעסן עפּעס איבערצוגעבן. זיי האָבן זיך צעשיידט צוויי־מינוט פֿאַר נײַן. דער אָוונט האָט געשמעקט מיט האָפֿענונג, מיט גליק. דאַניעל איז פֿאַרבײַגעגאַנגען די דײַטשן, לאָזנדיק זיי הינטער זיך, ווי זיי וואָלטן שוין גאָר קיין באַדײַטונג נישט געהאַט... ער האָט דאָס אַלץ גענוי געדענקט און עס איבערגעחזרט פֿאַר דער פֿרוי קאַליסקאַ. קיין איין וואָרט זײַנעם האָט זי נישט געגלויבט.

ווען דאַניעל איז צוריק געקומען אויף דער צווייטער זײַט אַלייען איז שוין געווען אָוונט. בלויז אויפֿן געדאַנק, אַז ער דאַרף זיך אומקערן אַהיים, האָט ער דערפֿילט אַן עקל און ווידערווילן און גלײַכצײַטיק איז אים באַפֿאַלן אַ בענקשאַפֿט צו האַבערן, וועלכן ער האָט קוים געקענט (דאָס איז געווען דער מענטש פֿון וועלכן ער האָט באַקומען דעם אַדרעס פֿון דער קאַליסקאַ). עס האָט זיך אים געוואָלט אַ קוק געבן אויף אים און דערהערן זײַן שטימע. ער האָט זיך אומגעקערט אין „פּאַלאַדיום" פֿאַרן קינאָ האָט זיך פֿאָרמירט אַן אָפּטײלונג אין וועלכער עס האָט זיי געפֿונען אַ רום מיטן נאָמען וואַניאַ. מיט פּיעטעט האָבן אַלע אַרויסגעזאָגט זײַן נאָמען, פּונקט אַזוי ווי וואַניאַ אײנער אַליין וואָלט געקאָנט דערפֿירן דעם אויפֿשטאַנד צו אַ נצחון. יונג און אַלט איז אַרויסגעקראָכן פֿון „פּאַלאַדיום", כּדי אָנצוקוקן וואַניאַ, וועלכער האָט עפּעס געקײַט אין מויל. דאַניעל איז אַראָפּ אונטן, אָבער האַבערן האָט ער אין ערגעץ נישט געקאָנט געפֿינען. אַרומקוקנדיק זיך האָט ער דערזען אַ פֿרוי, וועלכע האָט אים געקאָנט אָנווײַזן אַן אַדרעס פֿון פּונקט אַזאַ וויכטיקן מענטש ווי וואַנדאַ קאַליסקאַ, דעם אַדרעס פֿון אַדאַמסקי, דעם קוזין פֿון דער משפּחה ר. (פֿון וועלכער ער האָט באַקומען די פּראָמעסע).

דאַניעל האָט בשעתו פֿאָרגעשלאָגן אַדאַמסקין דורך באַקאַנטע, ווײַל זײַן אַדרעס האָט ער נישט געהאַט, אַן אָרט אויפֿן פּאַספּאָרט. ער האָט געהאַלטן פֿאַר זײַן חוב צוצושרײַבן צום פּאַספּאָרט אַלע, וועלכע עס האָט עפּעס געבונדן מיט דער משפּחה ר. אַדאַמסקי האָט דורך די זעלבע באַקאַנטע באַדאַנקט אים פֿאַרן פֿאָרשלאַג און אָנגענומען אים. ס'איז אָבער אָפּגעלאָפֿן אַ סך צײַט און אַדאַמסקי האָט זיך קיין איין מאָל נישט געוויזן אין האָטעל. פֿון זײַן אויפֿפֿירונג האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז דעם פֿאָרשלאַג האָט ער אָנגענומען אויף יעטווידן פֿאַל. דערווײַל האָט מען דאַניעלן פֿאַרן אָרט פֿאָרגעלייגט אַ באַדײַטנדיקע סומע און די גאַנצע צוקאָפּטירטע משפּחה האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַרן פֿאָרשלאַג. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. אַדאַמסקי איז טאַקע נישט געפֿאָרן.

פּאָרן אָפּפאָרן פון טראַנספּאָרט האָט ער צו דאַניעלן צוגעשיקט אַ בריוו מיט אַן אָנפראַגע וואָס ער רעכנט צו טאָן. ענטפערנדיק אויף זיין אָנפראַגע, האָט אים דאַניעל גלייכצייטיק אָפּגערעדט פון פאָרן. אַ באַשטעטיקונג פון אַדאַמסקי וואָלט געהאַט נאָך אַ גרעסערע וואָגיקייט דערמיט, וואָס ער איז געווען באַפריינדעט מיט ראַפאַלן.

צווישן די פרויען אין „פּאַלאַדיום“ האָט דאַניעל דערקענט איינע, וועלכע פלעגט אים ברענגען בריוו. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט געקענט גישט אַדאַמסקיס אַדרעס, נאָר דעם אַדרעס פון זיין געוועזענעם שותף, וועלכער האָט געוווינט אויף שענגע גאַס, אָבער זי האָט געצווייפלט „צי דאָרט איז בכלל עמעצער לעבן געבליבן און צי עפּעס שטייט נאָך אויפן אָרט, ווייל זיי האָבן דאָרט געהאַט יעדן טאָג צו דריי גרויסע אָנפליען. צוליב דער פּאָליצייאישער שעה איז צו שפּעט געווען גלייך זיך צו לאָזן אויף שענגע. דאַניעל האָט זיך געישובט צי ער זאָל נישט בלייבן אין „פּאַלאַדיום“, אָבער לסוף האָט ער באַשלאָסן צוריקצוגיין אויף די דריי קרוינען, בכדי מ'זאָל נישט מיינען, אַז ער איז אַנטלאָפן.

אויף צומאָרגנס איז ער אַוועק אויף שענגע. די באָמבאַרדירונג האָט צעשטערט דאָס הויז ביזן צווייטן שטאָק נאָר. אין דער וווינונג האָט ער געטראָפן בלויז קאַמינסקין, די באַלעבאַטים זענען כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען פון קעלער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר קאַמינסקין, וועלכער, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט געקענט דעם ענין מיטן האָטעל. ער אַליין האָט געזאָלט אָפּפאָרן מיטן טראַנספּאָרט, „אָבער אַ געווויסן פרימאָרגן, ליגנדיק אין בעט, האָט אים דורכגעבליצט אַ געדאַנק, אַז דאָס איז דאָך אַן אַלטע דייטשיש שפּיצל מיט וועלכן די דייטשן האָבן שוין הונדערט מאָל געהאַט אָפּגענאַרט מענטשן אין האָלאַנד, בולגאַריע און אין אַנדערע ערטער“. ער האָט רעזיגנירט. זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַמינסקי האָט געהאַט אַ געזונטן קוק אויף אַ סך זאַכן, און דאַניעל האָט זיך ממש אַנטציקט מיט אים. ער האָט פאָרויסגעזען די מפּלה פונעם אויפשטאַנד און געטראַכט שוין וועגן אַ וווינונג „מיט אַ באַהעלטעניש“. ער האָט נישט געוואָלט בלייבן אויף שענגע, צופיל מענטשן האָבן דאָ געוווּסט וועגן אים.

דאַניעל האָט אים לסוף פאָרגעשטעלט זיין אָנגעווייטיקטן ענין. אַ באַשטעטיקונג פון קאַמינסקין האָט אויך געקאָנט האָבן אַ באַדייטונג, איבערהויפּט, ווען אַדאַמסקי, לויט דער איבערצייגונג פון קאַמינסקי

„האָט צומוואַרשיינלעכסטן שוין נישט געלעבט“. דאַניעל האָט אים בכן גע־בעטן ער זאָל מיטגיין מיט אים צום קאַפּיטאַן איפּ. די פאַרוווּנדערונג פון קאַמינסקי האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט:

— אַרויסגיין פון דער וווינונג אויפן הויף? אויפן גאַס? צווישן די שאַקאַלן?

— וואָסערע שאַקאַלן?

— צווישן די „שמאַלצאָווניקעס?

— וואָסערע „שמאַלצאָווניקעס“?

— זיי זאָלן אין דער צוקונפט שוין נישט האָבן קיין שום ספקות? עדות זאָגן? צוואָס עדות זאָגן דאַניעל איז דען נישט פריי? צו וואָס זיצן אויף די דריי קרוינען? „שמאַלץ“ האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט? צוואָס זיך אַרומשלעפּן איבער דער שטאָט? זוכן אַן אַליבי אין דער גוססדיקער שטאָט? מ'דאַרף באמת זיין חסר־דעה! אויף די דריי קרוינען דאַרף ער שוין נישט צוריקגיין, ווייל זיי קאָנען באמת אים אַראָפּרוימען. אַ מענטש זאָל אַזוי משוגע זיין...

דאַניעל איז געקומען צום אויספיר, אַז קיין שום כוח וועט דעם דאַזיקן מענטש נישט רירן פון אָרט. ער איז אויפגעשטאַנען און פאַרלאָזן דאָס צימער.

.4

זעקס טעג האָט ער געזוכט אַדאַמסקין. דעם זעקסטן טאָג האָט דאַניעל זיך ווידער געפונען אויף ישענגע. ער האָט קוים באַוויזן דורכצוגיין די באַריקאַדע, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון קליינע, סענקאַטע ביימער־שטאַמען — ביי דער זייט האָט מען געוויינלעך געלאָזן אַ דורכגאַנג אויף דער ברייט פון אַ מענטש — ווי ער האָט דערהערט דעם רויש פון „אַ יקו“. דער שכל האָט דיקטירט צו גיין אויסבאַהאַלטן זיך אין אַ הויז, אָבער דאַניעל האָט אינסטינקטיוו געלאָזן זיך צו די חורבות אַנטקעגנאיבער. דער לופט־דרוק האָט אים אַ שליידער געטאָן צו דער ערד. אין דער לופט האָבן זיך געדרייט דריי פלאַמיקע שמאַטעס, דאָס פייער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס הויז. ס'איז פאַרגעקומען דאָס זעלבע ווי שטענדיק. עמעצער איז אומגעקומען, ווייל ער איז געגאַנגען אויף רעכטס, אַן אַנדערער איז געגאַנגען אויף לינקס און האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. אויף צומאָרגנס איז געשען דאָס פאַרקערטע. היות ווי די לופט האָט ווידער

אָפּגעהילכט מיט באַקאַנטע קלאַנגען, האָט דאַניעל זיך אויסבאַהאַלטן אין עפּעס א קעלער. פון מידקייט האָט ער כמעט פאַרלוירן דעם באַוווסט־זיין. ווען ער איז צוריקגעקומען צו די כוחות און די אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש, האָט ער פעסטגעשטעלט, אז לעבן אים זיצט קאַזיק אניאָל, וועלכן מ'האָט אמאָל גערופן קאַזיק „צוליב דעם“. פאַר דער מלחמה איז דאָס געווען א יונגער יוריסט, וועלכער פלעגט זיך צופאַרדינען דערמיט, וואָס ער האָט געשפּילט אויף א באַנזשאָ און געזונגען אין די לאָקאַלן פון „סדום און עמורה“, ווי זיין מוטער פלעגט זאָגן. פון דאַנען פלעגט קאַזיק טעלעפאָנירן צו זיין באַאומרואיקטער מוטער: — באַאומרואיקסט דיך כסדר צוליב דעם?

— „צוליב דעם“ האָט די מוטער זיך באַקלאָגט פאַר באַקאַנטע. ער איז אַלט צוואַנציק יאָר און די בירנאָווא פערציק, איז פאַרוואָס זענען זיי שטענדיק צוזאמען?...

קאַזיק „צוליב דעם“ האָט דורך „סדום און עמורה“, צווישן ברוטאַלע לומפּן און ברוטאַלע זונות געשוועבט אַ זויבערער ווי אַ טויב, אַן אומשולדיקער ווי א טויב. אלץ פון וואָס ס'איז אמאָל באַשטאַנען די סילוועטקע פון דעם האָזיקן יינגל, איז אזוי ווייט געווען פון די היינטיקע דאגות, אַז דער מוח האָט עס נישט געקאָנט באַנעמען. אין דאַניעלס המיון האָבן אויף א ווײַלע אויפגעטויכט די אָוונטן אויף היפּאָטעטשנע גאַס, די באַלויכטענע ווייסל, דאָס שיינע מיידל אָפּענהיים, לעבנס־נאָר־מעס, וואָס זענען פולשטענדיק אראָפּגעשווענקט געוואָרן „מיטן שווערן וואסער פון דער געשיכטע“. בעת דאַניעל האָט זיך צוגעקוקט צו אניאָלן, וועלכער האָט זיך זינט צען יאָר כמעט נישט געענדערט, ווייל צו צוואַנציק יאָר האָט ער פונקט אַזוי ווי היינט געהאַט א פליך אויפן קאָפּ, האָט ער זיך פּלוצלונג עפּעס דערמאָנט:

— זאָג מיר נאָר, ווי הייסט דיין מיטלאָקאטאָר?

— אַדאַמסקי, האָט אניאָל געענטפערט.

— וועלכער אַדאַמסקי?

— אדאַמסקי. און מיט א שטילער שטימע האָט קאַזיק אניאָל צוגעגעבן: דאָס איז יאַנעק ראָטמאַן פון פאַר דער מלחמה.

— אוממעגלעך! האָט דאַניעל אויסגעשריען.

— יאָ, האָט קאַזיק אניאָל רואיק באַשטעטיקט.

אין פאַרלויף פון זעקס חדשים האָט קאַזיק אניאָל עלף מאָל געטוישט די וווינונג. ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ צוועלפטער וווינונג אויף

דער גאַס ו.‚ און וועלכער ער האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויסע אויסזיכטן לאַנג צו פאַרבלייבן. פון אָנהייב איז דאָס געווען אַ גיהנום. די באַלעבאָסטע האָט אומאויפהערלעך געפרעגט: — ווו האָט איר געוווינט? ווו אַרבעט איר? ווו איז די משפחה? אינגאַנצן אָן משפחה? אַ מענטש האָט פריער ערגעץ געוווינט, אָבער די וווינונג איז „דורכגעפאַלן". די לעצטע איינמעלדונג איז געווען גלייכצייטיק אי אַן אמתע אי אַ „פאַבריצירטע". אַ מענטש, האָט געאַרבעט, אָבער נאָר אויפן פּאַפּיר, משפחה? פון וואַנען זאָל „אַ מענטש" נעמען משפחה? קאַזיק איז איבערצייגט געווען, אַז לענגער ווי צוויי וואָכן וועט ער אויך דאָס מאָל נישט איינזיצן אויפן אָרט. אין די אַנדערע צימערן האָבן געוווינט עפּעס אַן אדעליקער העט און אַ געוויסע בלאָנדינקע, וועלכע „האָט אויך געהאַט פוטער אויפן קאָפּ". קאַזיק האָט דאָס פּעסטגעשטעלט פון ערשטן אויגנבליק, אָבער צו די צוויי לאָקאַטאָרן האָט די אַלטיטשקע זיך שוין געהאַט באַוויזן צוצוגעוווינען. ביידע פרויען — אויסער דער מוטער איז אויך געווען אַ טאָכטער איבער די פערציקער — האָבן זיך דערנאָך אויך צוזאַמענגעלעבט מיט קאַזיקן. די אַלע פּרטים האָט אים אַניאָל אַמאָל געהאַט דערציילט און דאַניעל האָט זיך איצט פּלוצלונג דערמאָנט אין זיי.

זיי האָבן באַשלאָסן זיך אומצוקערן צוזאַמען. אַניאָל האָט נאָך געדאַרפט אָפּטרעטן אויף זלאָטע=גאַס. אויף ראָג סאָסנאָווע האָט געברענט „קאָוואַלסקיס" פאַבריק. מענטשן האָבן געכאַפּט פּילן צו קאָפּווייטיק און געשטאָפּט זיי אין וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. זיי זענען געקומען פון דער דריטער גאַס און מיט פאַרזאָרגטע פּנימער האָבן איינע די אַנדערע געגעבן צוווּיסן, אַז מען קאָן נעמען, אַז מען גיט דאָס זייער גערן. עטלעכע צענדליק מעטער ווייטער האָט זיי פאַרהאַלטן אַן אויפשטענדלער=וואַך.

— דזיקאָווסקי — האָט געלייענט פון דער קענקאַרטע אַ הויכער אויפשטענדלער מיט אַ היטל פון ראָמעלס לעגיאָן אין אַפריקע — איז דאָס אייער אמתער נאָמען? האָט איר געוווינט אין אָטוואָצק?

— פאַר דער מלחמה.

— און אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע? און אפשר האָט איר אַ קוזין מיט דעם זעלבן נאָמען און פאַמיליע=נאָמען? ניין? — אין אָטוואָצק — האָט דער אויפשטענדלער זיך געווענדט צו זיין חבר — האָט אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַ שרעק אַ געוויסער דזיקאָווסקי, אַ הונט מיט אויערן, אַ פאָקס, אַ געסטאַפּאָ=אַגענט. די אונטערערדישע אָנפירערשאַפט

האָט אַרויסגעגעבן אויף אים צוויי טויט־אורטיילן. ס'איז נישט אַמאָל אייער קוזין, האָט ער ווידער געפרעגט דאַניעלן. ניין? און אפשר זענט איר דאָס אַליין?

דאַניעל האָט געפילט ווי ער ווערט בלאַס. דער אויפשטענדלער האָט אים לסוף אומגעקערט די קאָנקאַרטע.

די גאַנצע צייט, וואָס זיי זענען געגאַנגען דורך די קעלערן, האָט אַגיאָל דערציילט וועגן זיין באַלעבאָסטע: — איינמאָל קומט זי אריין צו מיר און וויינט. „הער קאַזיק, איך ווייס זייער גוט, אַז מען ברענגט אייך אין שטוב געהיימע צייטונגען. איך בעט אייך זייער, לייענט זיי אין שטאָט, איר וועט אונדז דערנאָך דערציילן. איך האָב איין איינציק קינד, איך וויל עס נישט פאַרלירן" — ווער, אַדאַמסקי? האָט דאַניעל אַ צעשטרייטער געפרעגט. — ניין, מיין באַלעבאָסטע, די אַלטע מאָרטימעראָווא. שפּעטער האָט זי אַליין יעדן טאָג געבעטן די צייטונגען. די ליבע אַלטיטשקע האָט זיך צעפלאַמט. און דעמלט ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז „דאָס איינציקע קינד" איז גאָר אַ שטאַב־אָפיציר, וועלכער האָט דאָ אין שטוב אויסבאַהאַלטן הונדערטער טויזנטער זלאָטעס, שיפרירטע דאָקומענטן, פּלענער, אָבער קיין צייטונגען האָט „דאָס איינציקע קינד" נישט דערלויבט צו האַלטן אין שטוב. איך זאָג דיר, אַן אַלגעמיינע קאָמעדיע. די אַלטיטשקע האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך קיינמאָל אין לעבן האָט זי אַזוי פיל זיך נישט אָנגעלאַכט, ווי אין דעם לעצטן יאָר מיט אונדז. געווייגלער זענען מיר אַלע שטענדיק געווען ווי נאָך אַ לוויה. „הער קאַזיאָ, צי וועט איר זיך שוין קיינמאָל נישט אויסלערנען פּרעגלען אַ חזיר־קאָטלעט, נישט אָנמאַכנדיק אַזאַ טשאַד אין קיך? וואָס פאַראַ מאַן וועט עס זיין פון אייך! דער בעסטער מאַן איז מאַנקאָווסקי. ער גייט אוים פאַר קראָקעווער קאַשע. זינט צוואַנציק יאָר שפּייזט אים זיין פרוי מיט עפּעס אַ שווינעריי און ער איז איבערצייגט, אַז דאָס איז קראָקעווער קאַשע. איר וועט זיך שוין נישט לאָזן אָפּנאַרן, און דאָס איז נישט גוט, זייער נישט גוט".

— און וואָס איז מכוח אַדאַמסקי? האָט דאַניעל ווידער געפרעגט.

— ס'איז דאָרט געווען עפּעס אַ טראַגעדיע, איך מיין מיינע פרויען. די אַלטע האָט זייער ליב געהאַט דעם מאַן, ער איז אומגעקומען. די יונגע דאַקעגן האָט שלעכט געלעבט מיטן מאַן און זיך צעשיידט מיט אים. ביידע פרויען זענען געבליבן אַליין, ווייל די ווייטערע משפחה רעכנט זיך דאָך נישט. מיטאַמאָל באַווייזן זיך אין שטוב דריי אָרנטלעכע,

פריינדלעכע, געהאָרכזאַמע מענטשן, ס'איז די בעסטע משפּחה, וואָס דו וואָלסט געקאָנט צוטראַכטן. פאַר דער אָקופּאַציע איז געווען א סך אַזעלכע משפּחות.

— און אַדאַמסקי, וואָס איז דאָס פאַרא מענטש? האָט דאַניעל געפרעגט שוין צום דריטן מאָל.

דאָס מאָל האָט אַניאָל געענטפערט: — איך האָב אים נישט ליב. צוואָס באַהאַלט ער אויס, דער טפּש, אַז ער ווייסט? נו יאָ, ס'איז בעסער, אָבער אויב ער ווייסט שוין יאָ וועגן מיר און זאָשען, איז צוואָס? דערצו איז ער זייער א קליינלעכער, א פעדאַנט. וואָס פאַרא טפּש, ער האָט דאָך געזען וואָס פאַרא ווערט עס האָבן שמאַטקעס, הייזער, געלט. ער קאַרגט איין, ביזן סוף פון דער מלחמה, זאָגט ער, איז נאָך ווייט. ער האָט באַקומען א בריוו פון דער פּראָווינץ. מען האָט אים צווויסן געגעבן, אז די גאנצע משפּחה האָט מען דערמאָרדעט אין וואַלד. מיר זענען פונקט געווען אַליין: איך און ער. ער איז געזעסן אין פאָטעל און געוויינט. איך בין געשטאַנען נעבן אים און געזען, ווי דער קארק האָט ביי אים געציטערט. ס'איז שווער צו שטיין נעבן עמעצן וואָס וויינט — מען זאָל אים נישט געבן א גלעט, א קוש. אים האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב נאָר געזען זיינע הענט מיט די קורצע פינגער אין וועלכער ער האָט געהאַלטן א גאָז-טיכל. איך האָב נאָר געזען זיינע קורצע, גראָבע פינגער...

אויף זלאָטע-גאַס האָט קאַזיק אַניאָל געקויפט פאַר א פעטן פרייז און „הורד באַקאַנטשאַפט" אַ טאָרבע מיט לאָקשן, אַ טאָרבע בעבלעך און א פלעשל וויין. דאַניעל האָט דעמלט געטראַכט, אז וועגן גאַנצן אויפ-שטאַנד קאָן מען נישט אָנשרייבן קיין איין שורה, וואָס זאָל פאַר אים גיי זיין. אים איז פון דער צווייטער זייט מויערן שוין אלץ באַקאַנט גע-ווען: די בית-עולמס אויף די הויפן, מענטשן, וועלכע פארמאכן זיך מיט א פיידע ברויט אין אָפּטריט, כדי אויסצומיידן אויגן פול מיט קנאה, מענטשן מיט פון הונגער דורכזיכטיקע אויגן, מענטשן, וועלכע האָבן עפּנטלעך זיך אַרומגענומען, כדי אין דער לעצטער מינוט פון לעבן צו דערפילן נאָך דעם טעם פון א פרויען-לייב, מענטשן, וועלכע האָבן גע-צאָלט מיט „הזרימלעך" פאַר ברויט און אַזעלכע, וועלכע האָבן אַרויסגע-גראַבלט אַ בריליאַנטל פונעם שניירל, כדי צו באַצאָלן פאַר אן איי, פאַר שמאַלץ... די איצטיקע עפּאָפּייע האָט אים נאָך געקאָנט קאָסטן דער קאָפּ, זי האָט אָבער שוין נישט געקאָנט איבעראַשן מיט קיין שום זאַך.

דער וועג צו דער גאַס וו. האָט ביי זיי פאַרנומען צוויי שעה. דאָס לעבן באַשטייט פון צעריסענע שטיקער, וואָס זענען צוזאַמענגעשמאָלצן, געשטאַלטיקט. דער טויט באַשטייט אין פאַנאַנדערלייגן די גאַנצקייט אויף מיסט. די שטאָט האָט אויסגעזען, ווי איין גרויסער מיסטקאַסטן, א בית־עולם און א מיסטקאַסטן. הייזער, שטיקער הייזער זענען געלעגן אינמיטן גאַס, אומעטום בערג מיט ציגל־ברוך, אַש, צעבראָכן גלאָז, א מין עמערס, שמאַטעס, מעבל, דאָס אַלץ האָט זיך צוזאמען געוואַלגערט אונטער א בלענדנדיקער, שטיקנדיקער זון פון אן אויגוסט טאָג אין מיטאָג־צייט. אין מאָמענט, ווען זיי האָבן דערגרייכט די גאַס וו. האָט דעם שונאס אַ באַן־האַרמאַט אָנגעהויבן צו שיטן מיט פייער. פון די ערשטע נומערן, פון דער זייט גאַס, ווו עס האָט געוווינט אַניאָל, זענען געלאָפן צעשראָקענע געשטאַלטן. זיי זענען געווען איינגאַנצן איינגעטונקען אין אַש און אין שטויב. בלויז די אויגן זייערע האָבן עדות געזאָגט, אז דאָס זענען מענטשלעכע וועזנס. מיטן טראָטואַר איז געלאָפן א פרוי אין א דין קליידל איבער וועלכן עס האָט זיך געשלענגלט א שטראָמל בלוט. אירע האָר זענען געווען גרוי, זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אראָפּ פון זינען. — זאָשא, זאָשא, האָט אַניאָל פּלוצלונג א געשריי געטאָן. די פרוי האָט א ווײַלע געקוקט אויפן מאַן, וועלכער האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס. פּלוצלונג האָט זי א ציטער געטאָן און אָנגעהויבן היסטעריש צו שרייען: דאָרט! דאָרט! זיי לעבן נישט... אַדאַמסקי לעבט נישט...

.5

די אַליבי איז שוין געווען א פאַרלוירענע. ער האָט דייטלעך געזען, ממש אָנגעטאַפּט מיט די הענט די פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַשטימט זיין גורל: די היציקייט פון ראַפאַלן, וועלכער האָט געפאָדערט חשבון פאַרן אומקום פון פאָלק, דער צופאַל, וואָס דער זשורנאַליסט וויורעק האָט נישט געהאַט קיין זייגערל און דאָס, וואָס קאַליסקא האָט נישט געהאַט קיין כאַראַקטער, דער ווידערווילן פון איר פריינד צו אים, די פּחדנות פון קאַמינסקין און לסוף דער טויט פון אַדאַמסקין. גאָר קליינע און גרויסע פאַקטאָרן האָבן איצט אין א גלייכער מאָס דעצידירט וועגן זיין גורל. דאָס האַרץ האָט נישט געוואָלט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז אַפילו איין מענטש אויף דער וועלט זאָל גלויבן אין דער שרעקלעכער באַשולדיקונג.

מער ווי אַלץ האָט דער דאָזיקער ווייטיק אין האַרץ אָוועקגענומען פון אים די רו. יעדער טריט וואָס מען האָט געשטעלט האָט געקאָנט ברענגען דעם טויט. איבער די גאַסן האָט זיך געקרייצט אַרטילעריע פון פאַרשידענעם קאַליבער; באַריקאַדן, חורבות, בערג און היילן, אַלץ וואָס עס וואָלט פאַרגעשטעלט די גאַס האָט זיך אומאויפהערלעך געפונען אונטערן דרוק פון פייער. עטלעכע מאָל איז ער פאַרשאָטן געוואָרן, ער האָט אָבער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אויפצוהערן צו זוכן באַווייזן פון זיין אומשולד. ער האָט זיך אַלע מאָל דערמאָנט אין עפעס נייע באַקאַנטע, וועמענס א באַשטעטיקונג עס וואָלט אים געקאָנט צונוץ קומען. די נייע מענטשן האָבן זיך אָבער אויפגעפירט אַזוי ווי קאַליסקא און קאַמינסקי אָדער זיי האָבן ווי אַדאַמסקי שוין נישט געלעבט.

פון די גאַסן, וואָס זענען געווען דאַניעלס נאָענט פאַטערלאַנד, פון דעם צפונדיקן, יידישן קוואַרטאַל איז קיין שטיין אויף קיין שטיין נישט פאַרבליבן. איצט זענען די אַנדערע טיילן שטאָט זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין ציגל־ברוך. מען האָט זיך געריכט אויף דעם. אין פאַרלויף פון די עטלעכע יאָר האָט מען פאָרויסגעזאָגט א סוף, וואָס האָט זיך פאַרווירקלעכט. ביז דעם אויפשטאַנד זענען פון פאָלק פאַרבליבן בלויז שערבלעך, איצט קומען אויך אום די שערבלעך. וואַרשיינלעך וועט קיינער פון די, וועלכע ער האָט אמאָל באַטראַכט פאַר זיינע נאָענטע, נישט אַרויס לעבעדיק פון איצטיקן אויפשטאַנד. קיינער פון פאָלק וועט זיך שוין נישט אָפּראַטעווען, עס וועט אַפילו נישט זיין ווער עס זאָל זאָגן קדיש ביים קבר פון די טויטע, ביים קבר, וואָס באַשטייט פון דער גאַנצער נישט צו קבורה־געבראַכטער שטאָט. דער טויט האָט געפירט זיין שדים־טאַנץ, די טויטע זענען געווען דער הויפּט־טייל פון לעבן, וואָס האָט געגוססט. עס האָט זיך געדוכט, אַז עס וועלן פאַרבלייבן בלויז בערג מיט ציגל און אַש, אָנגעפּולטע מיט טויט אַזוי, אַז עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל אָפּשאַצן דאָס העלדנטום אָדער די געפאַלנקייט פון די אומגעקומענע, זייער פאַרברעכנס אָדער אומשולד. און דאַניעל האָט זיך אַליין געפרעגט: „אין נאָמען פון וואָס די אַלע אָנשטרענגונגען? אין נאָמען פון וואָס גייט ער דעם טויט אַנטקעגן, לויפנדיק פון איין גאַס אין דער אַנדערער?“ קיין ענטפער דערויף האָט ער נישט געפונען.

ער האָט לחלוטין נישט פאַרלוירן דאָס געפיל פון מאָס. ער האָט באַגריפן דעם פאַרנעם פון קאַטאַקליזם. דאָס האָט אָבער נישט פאַרמינערט דעם ווייטיק, וואָס איז אין דעם אַלגעמיינעם אומגליק געבונדן

געווען מיט זיין פערזענלעכן ענין, וועלכער איז אייגנטלעך אזוי אומבאַדייטנדיק אין פאַרגלייך צו דעם סוף פון א גאַנצער וועלט! ער האָט נישט געקאָנט שטילן דעם ווייטיק פון זיין האַרץ און האָט נישט געקאָנט לעבן מיט דעם ווייטיק אין האַרץ. כדי ער זאָל קאָנען רואיק שטאַרבן, האָט ער געמוזט פריער זיך ריינוואַשן. ער האָט געהערט צו די פאַרהאַרטעוועטע איינזאַמע מענטשן, וועלכע זענען צוגעבונדן צו זייער איינזאַמקייט, צו זייער איזאָלאַציע און האָבן א קליינע באַדערפעניש צו פאַרקערן מיט מענטשן. ווען מען וואָלט אים געפרעגט מיט וועמענס מיינונג ער רעכנט זיך, וואָלט ער נישט געקאָנט אָנווייזן אויף קיינעמען. און דאָך האָט ער געפילט א באַדערפעניש ריינגעוואַשן צו ווערן דווקא דורך די, מיט וועלכע ער האָט זיך נישט גערעכנט. ער האָט זיך גענויטיקט אין א מין פאַרגיבונג ביים לעבן נאָך. דאָס איז אים געווען מער ווי נויטיק: קיינער ווייסט נישט ווי אומבאַדינגט נויטיק דאָס איז אים געווען אַזוי לאַנג ביז מען וועט אים דאָס מער נישט אָפּזאָגן.

גייענדיק דעם טויט אַנטקעגן האָט ער נישט געבעטן קיין רחמים. די ייִדן האָבן אויף די דייטשן נישט געקוקט ווי אויף מענטשן, פונקט ווי די דייטשן אויף זיי. דאַניעל האָט געדענקט די לאַנגע, שטומע, דורכציענדיקע רייען, וואָס זענען באַהויכט געווען מיט דער לעצטער האָפענונג, אַז א ריין וואָרט, וואָס וועט אַמאָל פליסן פון ריינע מיילער, וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין א אָנקלאַגע פאַר דער גאַנצער וועלט. דאַניעל האָט געשריבן, ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן צוויי ביכלעך לידער. דער חשד, וואָס מען האָט געוואָרפן אויף אים, האָט אים אַוועקגענומען דאָס רעכט צו שרייבן, עס האָט אים איבערגעשטריכט סיי אין דער פאַרגאַנגנהייט, סיי אין דער צוקונפט. עס האָט איבערגעשטראָכן זיינע נעכט מיט פאַרגאָסענע טרערן, די נעכט פון ליבע און די נעכט פון האַס. ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן דערמיט. ער האָט זיך געזאָגט: „היות ס'וועט קיינער נישט בלייבן פון די, וועלכע האָבן אים געקענט און ליב געהאַט, וועט נישט זיין ווער עס זאָל אים ריינוואַשן". אין די לעצטע יאָרן האָט ער טאַקע צוממיינסטן מורא געהאַט נישט צו שטאַרבן אין שמוץ. „יעדע מינוט — האָט ער זיך איבערגעחזרט — קאָן זיין די לעצטע מינוט, פיר זיך דעריבער אויף ווי אין דער לעצטער מינוט" אַרויסגייענדיק פון שטוב, האָט ער זיך באַמיט נישט צו ווייזן קיין בייז געזיכט די באַקאַנטע, נישט אַרויסצוברענגען פון מויל קיין וואָרט, וואָס זאָל זיי קאָנען ווי טאָן, ווייל עס איז נישט זיכער געווען צי ער וועט צוריקקומען.

שעקספּירס האַמלעט וויל נישט דערהרגענען דעם קעניג, בעת ער איז מתפּלל. אין מאָמענט ווען דער טויט וועט אים דערגרייכן האָט דאַניעל געוואָלט זיין איגערלעך זויבער און אויך זויבער לגבי די, מיט וועלכע דער גורל האָט אים צוזאַמענגעבראַכט. אין די לעצטע יאָרן איז ער ממש באַנומען געווען פון אַזאַ געדאַנק. און אָט האָט ער זיך דערוואָרט!...

די טעג פון זוכענישן האָבן אים געענדערט. עס האָט זיך געענדערט זיין מוט — עס גייט נישט אין דעם, וואָס זיין מוט איז געוואַקסן, עפּעס אַנדערש איז פאָרגעקומען אין אים. אַרויסגעריסן פון דעם אַלגעמיינעם שטראָם, פאַרשפּאַרט אין דעם טעות ווי אין א תפיסה, האָט ער זיך געפילט אייגער אַליין אויף דער וועלט. און דווקא איצט האָט ער דערפילט דעם טעם פון לעבן. ער האָט איצט ליב באַקומען דאָס לעבן ווי נאָך קיינמאָל נישט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי ווי איצט נישט פאַרשטאַנען דאָס לעבן. ער האָט באַדייטנד וויניקער ווי פריער מורא געהאַט פאַרן טויט. די שרעק האָט אים אַזוי נישט צעפּרעסן ווי אַנדערע. בעת עס האָט זיך דערהערט דער רויש פון די עראָפּלאַנען האָט ער נישט געכאַפּט הענט און פיס און געלאָפן. די שרעק האָט ביי אים נישט אַוועקגענומען נישט דעם שכל און נישט די ווירדע. איינמאָל האָט מען אויפן גאַס אים פאַרנומען צו גיין לעשן א שׂרפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין שכנות מיט א מאַגאַזין מיט לייכטע ברען=מאַטעריאַלן. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן, יעדע ווייל האָבן זיי געקאָנט פליען אין דער לופט. אַרום האָבן די מענטשן, וועלכע האָבן געלאָשן דאָס פייער, מיט שׂנאה געקוקט אויף די אויפשטענדלער, וואָס האָבן זיי געצוווּנגען צו דער אומזיניקער אַרבעט, דאַניעל האָט מיט דערשטוינונג פעסטגעשטעלט, אז ער פילט נישט קיין האס צו קיינעמען און די אַרבעט גופא באַטראַכט ער נישט פאַר מער זינלאָז, ווי אַנדערע אַרבעטן. א געוויסן טאָג האָט אין הויז נומער צוויי און צוואַנציק אויף די דריי קרויגען אָנגעהויבן צו ברענען אויפן בוידעם. יעדע מינוט האָט דאָס גאַנצע הויז געקאָנט אַרומגענומען ווערן פון די פלאַמען. די זשאַנדאַרן האָבן זיך נישט געאיילט צו לעשן. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון טאָפּלטן שטאַנדפּונקט, אז פאַר זיי וועט זיך אַלע מאָל געפינען ערגעץ=ווו א מקום=מקלט און דאָס ראַטעווען דאָס הויז געהער אין דער ערשטער ריי צו די לאָקאַטאָרן. די לאָקאַטאָרן דאַקעגן האָבן לאַנג נישט געקאָנט זיך באַשליסן צו פאַרלאָזן דעם שוץ=קעלער, ווייל „א קו“ האָט ווייטער געריטשעט און די גראַנאַטניקעס האָבן געזעצט. דער קאַפּיטאַן איפ איז

אַריין אין סטאָליאַר־וואַרשטאַט מיט אַן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער. צוויי טעג דערנאָך האָבן די לאָקאַטאָרן כסדר געלויבט דאַניעלן פֿאַר זיין אָנטייל אין לעשן די שׂרפֿה. עס האָט אים נישט געפֿרעסן דער פֿאַרדרוס, ער האָט נישט געפֿילט אין זיך קיין אָנגרייפֿערישקייט, וואָס איז אַזוי קענטיק געווען ביי די אַנדערע. פֿאַרקערט, ער האָט געהאַט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער מענטשלעכער קליינלעכקייט, וואָס מ'האָט געקאָנט פֿאַרענטפֿערן מיט טויזנט סיבות, אונטער וועלכע ער האָט זיך שוין נישט אונטערגעוואָרפֿן. ער איז אַפֿילו געוואָרן געמיטלעכער ווי אַמאָל. באַזונדער איז געפֿלאָסן דאָס לעבן פֿון דער וועלט און באַזונדער זיין אייגן לעבן. די פֿעדים, וואָס האָבן אים געבונדן מיט דער וועלט און וואָס האָבן שטענדיק שטאַרק וויברירט, זענען איצט געווען אַזוי רואיק, ווי צווייגן, ווען זיי זענען באַלייגט מיט א געדיכטן, שיצנדיקן שניי.

.6

ווען דאַניעל האָט, נאָך אַן ענדגילטיקן באַשלוס, זיך אומגעקערט צום הויז נומער צוויי און צוואַנציק, האָט א זשאַנדאַר קוים אַריינגעלאָזט אים. דער הויף איז געווען פּוסט. די איינוווינער זענען פֿאַרזאַמלט געווען ביי די פֿענצטער. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז זיי וואַרטן אויף עפּעס. ער איז אַוועק אין זיבערטס וווינונג און איז צוגעשטאַנען צו א היפּשער גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט ביים פֿענצטער. זיבערט, וועלכער איז געשטאַנען ביים צווייטן פֿענצטער, האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע פֿאַראינטערעסירונג מיט אים.

צו זיין אייגענער דערשטוינונג האָט דאַניעל איצט דערפֿילט פּונקט אַזאַ ווייטיק אין האַרץ, ווי ער האָט געהאַט דערפֿילט אין סטאָליאַר־וואַרשטאַט, הגם עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין די לעצטע טעג האָט ער פֿאַרשטאַנען מער ווי פֿריער אין זיין גאַנץ לעבן. דער אופֿן ווי אַזוי ער אַליין האָט רעאַגירט, איז כסדר געווען פֿאַר אים א סורפּריז. ער איז געווען אַן אַנדערער, ווען ער איז פֿאַרבליבן מיט זיך אַליין און אַן אַנדערער צווישן מענטשן.

מען האָט דערוואַרט געפֿאַנגענע פֿון צעדערגרען, וועלכער האָט זיך איינדערפֿרי אונטערגעגעבן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי מען האָט זיי געבראַכט. די דייטשן האָבן זיך אַרויסגעשלייכט פֿון פֿינצטערן טויער

און אַרײַנגעשפּרײַזט אין ליכטיקן הויף מיט פֿאַרלייגטע הענט אויפֿן קאַרק. דאָס זענען געווען מיליטערלייט שוין בלויז פֿון נאָמען. זיי זענען געווען אָן בלוזן, אָן היטלען, אָן שיך, די פֿיס ארומגעוויקלט מיט אָנוצעס, צעטרייסלטע, שמוציקע, באַוואָקסענע, מיט צעקרומטע פּנימער, מיט שרעק אין די אויגן — מענטשלעכער אָפּפֿאַל, שייסע, ווי זיי האָבן עס ליב געהאַט אָנצורופֿן אַנדערע. מיט הינטישער אונטערטעניקייט האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן דער רעוויזיע און גליקלעך געווען, ווען זיי האָבן אויסגעמיטן א זעץ מיטן פֿוס, זיי זענען אַנטלאָפֿן אין דער ריכטונג, וואָס די זשאַנדאַרן האָבן זיי אָנגעוויזן — אין אַרעסט. די איינוווינער האָבן זיי געציילט און אָנגעציילט הונדערט פֿינף געפֿאַנגענע.

אין א פּאָר מינוט ארום האָט דער קאַפּיטאַן איפֿ זיי צוריק אַרויסגעפֿאָדערט. מען האָט זיי אַרויסגעפֿירט צו עטלעכווייז. דער אונטערפֿאָרוטשניק מיטן נאָמען פֿילאָזאָף, א קליינוווקסיקער, צעקנייטשטער, מיט אַן אויסזען פֿון א טובערקולאָזן, האָט זיי געשטעלט פֿראַגן אין דייטש: — Bist du SS? יעדעם מאָל האָט איפֿ אים איבערגעריסן און איבערגעפֿרעגט אין פּויליש: — ביסט ס. ס.? נו, זעט איר, הער באַליעק, זיי פֿאַרשטייען פּויליש. וואָס פֿאַרדרייט איר מיר דעם קאָפּ...

פּויליש האָבן פֿאַרשטאַנען קודם די, וועלכע האָבן געקאָנט ענטפֿערן: ווערמאַכט אָדער פּאָסט. די ס.ס.־מענער האָט מען גלייך דערקענט לויט די פֿיינע ברייטשעסן־הויזן (אָפֿט מיט באָרוועסע פֿיס). די געפֿאַנגענע, וועלכע האָבן נישט געהאַט נישט קיין ברייטשעסן־הויזן און נישט קיין לעגיטימאַציע, האָט איפֿ מיט אַן אויפֿגעהויבענער שטימע דראָענדיק געפֿרעגט: — ביסט ס. ס.? זאָלסט מיר דאָ גלייך זאָגן דעם אמת! — איך נישט ס. ס., איך אוקראַינער!, האָט געשריען א ברייט־פּלייציקער ברונעט אין א העמד, זיין גאַנצער גוף האָט געשריען. ער האָט באַקומען צוויי מאָל אין די ציין. נאָכדעם וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אויף וואָליע, איז דער האס צו די „כאָכלעס“ געווען נאָך גרעסער ווי צו די דייטשן. עס איז געווען דער האַס, וואָס מען האָט צו די פֿאַרעטער וועגן וואָס דער דאָזיקער פֿאַרטיידיקער פֿון צעדערגרען האָט וואַרשיינלעך גאָרנישט געוווּסט. אין דער מלחמה, פּונקט ווי אין לעבן, צאָלט מען דערפֿאַר, וואָס מען ווייסט נישט. זיבן און דרייסיק ס. ס.־מענער האָבן זיך מודה געווען. זיי האָבן נישט פֿאָרגעפֿילט מיט וואָס דאָס שמעקט. באַפֿעלנדיק זיי צו פֿאַרלייגן די הענט אויפֿן קאַרק, האָט מען זיי אויסגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט. די איינוווינער האָבן געוווּסט, אז די זיבן און דרייסיק

ס. ס.־מענער וועט אין די חורבות פון וויקטאָריאַ האָטעל אויסענדיקן דער פּאָרוטשניק קאַראַל, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַרגעניגן צו הרגענען דייטשן. ער האָט שוין געהאַט אויף זיין חשבון דריי און אכציק. איצטיקן וועט זיין חשבון בישקשהדיק אַ וואַקס טאָן.

די ס. ס.־מענער האָט מען צוריק אַראָפּגעפירט אין די קעלערן און די איבעריקע האָט מען דערלויבט זיך אוועקצוזעצן אויפן הויף. זיי האָבן געבעטן מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע: — וואַסער, וואַסער. מען האָט זיי געגעבן וואַסער. אַרומגערינגלט זינט אַ וואָך אין צעדערגרעזן, האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו עסן. מיט דריי טעג צוריק האָבן די אויפשטענ־דלער זיי אָפּגעשניטן דאָס וואַסער און דאָס האָט דעצידירט וועגן אויסגאַנג פון דער שלאַכט. זיי האָבן איצט לאַנג און פּאַמעלעך געטרונקען דאָס וואַסער. זיי זענען געזעסן אויפן שטיינערנעם באָדן אויסערגעוויינלעך אויסגעמאַטערטע אָבער רואיקע. איצט האָבן זיי באַקומען אַ מענטשלעכן בליק און אַ מענטשלעך פּנים. זיי האָבן געמוזט דערגייען צום ראַנד פון גוים, כדי זייערע פּנימער זאָלן צוריקבאַקומען אַ מענטשלעכן אויסדרוק. מען האָט זיי געגעבן עפּעס צו עסן און עמעצער פון די אויפשטענדלער האָט זיי צוגעוואָרפן אַ ציגאַרעט. דער קאַפּיטאַן איפּ האָט אַרומגע־שפּרייזט אין אַ קרייז און דורך דער פאַרמיטלונג פון פּילאָזאָף געפרעגט צי זיי האָבן וועלכע עס איז פאַרלאַנגען. דער אויפשטאַנד האָט געהאַט אַנדערע פאַרשריפטן פאַר די ס.ס.־לייט און אַנדערע פאַר דער איבעריקער דייטשער אַרמיי.

זיי זענען, אַלזאָ, דאָ געזעסן — די פּאַבלייט פון אַראָפּהאַקן קעפּ, די מערדער פון קינדער, די ספּעציאַליסטן אין אָפּציען פעטס פון מענטשן, די ספּעציאַליסטן פון קרעמאַטאָריעס, די מייסטער פון איינ־אָרדענען עפנטלעכע עקזעקוציעס, פון ליקווידירן „איבערזידלונגען“, די אונטערצינדער פון שטעט, די צעשטערער פון דורותדיקע מענטשלעכע דערגרייכונגען; זיי זענען דאָ געזעסן די מערדער פון מיליאָנען מענטשן און ענדלעך האָט מען געקאָנט זיך אָפּרעכענען מיט זיי פאַר די פאַרברעכנס, וואָס האָבן וואָס ווייטער געדויערט, פאַר „די קי“ און די באָמבעס, וואָס האָבן אומאויפהערלעך צערוסן בייכער און הייזער. און דאָך האָבן די אייגוויינער אָפּגעטעמט, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קאַפּיטאַן איפּ דערלויבט צו באַהאַנדלען זיי מענטשלעך, „אונדזעריקע וואָלטן זיי קיין וואַסער נישט געגעבן“ — האָבן די אייגוויינער געזאָגט צווישן זיך, אָבער גלייכצייטיק געלויבט איפּן פאַר זיין מענטשלעכער

האַנדלונג. בלויז די ליבע יאַדוויגע איז נישט צופרידן געווען: — וואָס זענען זיי שולדיק, אַז זיי זענען דייטשן? איך צום ביישפּיל בין אַ רוסישע און אַזוי ווי איך וווין אין פּוילן בין איך אַ פּוילישע. זיי זענען זיכער בעסער ווי באַנק...

פיר יונגע ייִנגלעך, וועלכע האָבן אַהער געבראַכט די דייטשן, האָבן זיי באַפוילן אויפצושטיין, אײַנצושטעלן זיך צו דרײַ אין אַ רײַ און דערנאָך זיי אַרויסגעפירט. דער פינפטער אויפשטענדלער פון קאָנוואָי איז איבערגעבליבן. דורך דער גאַנצער צייט איז ער געזעסן ביים ערשטן טויער און צוגעקוקט זיך צו דעם וואָס איפּ האָט געטאָן. בלויז איין מאָל איז ער אויפגעשטאַנען און געמאַכט איפּן אַ באַמערקונג אין שייכות מיט אַ געפאַנגענעם, וועלכער איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער פּאַרטיע „ווערמאַכט און פּאָסט" און וועלכער האָט געהאַט אויף זיך צוויי מונדירן. דאָס איז טאַקע געווען דער אוקראַינער. דערנאָך האָט דער פינפטער פון קאָנוואָי זיך צוריק אַוועקגעזעצט און זיך נישט גערירט אפילו דעמלט, ווען זיינע חברים האָבן אַרויסגעפירט די דייטשן. זעט אויס, אַז ער האָט געוואַרט אויף עפּעס מצד דעם קאַפּיטאַן, ווייל איפּ האָט אים פון צייט צו צייט געגעבן צייכנס. דער קאָנוואָיענט איז געווען אין עלטער פון אַן ערך פינף און דרייסיק יאָר און געהאַט אַן עקשנותדיק פּנים. פון אים האָט דאַניעל נישט אַראָפּגענומען די אויגן. דאָס איז געווען זיין באַשולדיקער, ראַפּאַל אָכאָצקי. עטלעכע מאָל האָט דאַניעל זיך געקליבן אַראָפּצוגיין צו אים, אָבער יעדעס מאָל האָט אים עפּעס אָפּגעהאַלטן. מענטשן האָבן שוין פאַרלאָזן די פענצטער און אָנגעפילט דעם הויף. דאַניעל איז פאַרבליבן אַליין אין צימער. ער האָט זיך לסוף דעצידירט. ער איז אַראָפּ מיט די הויפּט־טרעפּ, וואָס זענען כמעט נישט באַנוצט געווען אין דער צייט פון אויפשטאַנד. דאָ האָט געהערשט אַ שטילקייט, אַ שטילקייט האָט אויך געהערשט אין פאָדער־הויז, ווו דאַניעל האָט זיך פאַרהאַלטן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און שטיל אַ רוף געטאָן: — ראַפּאַל!

דער קאָנוואָיענט האָט, זעט אויס, נישט דערהערט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאַניעל אַ רוף געטאָן העכער: — ראַפּאַל!

דער אויפשטענדלער ראַפּאַל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ווען ער האָט דערזען ווער עס רופט אים, איז ער לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען פון אָרט.

ראַפּאַל איז געווען דער זון פון באַרימטן רבין דן אָכאָצקי. דן איז געווען אַ בייזער, אַ כעסן. מיט זיין פּעסטער געשטאַלט איז ער ענלעך

געוועזן אויף א סיבירישן פויער. פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה איז „אכאצקים הויף" געווען דער צוזאמענטרעף־פונקט פון קאנגרעס פוילן. דער שעף פון דער באן-סטאציע האט אין צוויי פאלן בלויז נישט געגעבן צו דער ריכטיקער צייט דעם צייכן, כדי דער צוג זאל רירן: איינמאל ווען עס האט זיך פארשפעטיקט דער גראף זהזיסלאוו און א צווייט מאל, ווען עס האט זיך פארשפעטיקט דער „געלער גראבער-יונג" דן אכאצקי. איינער פון די ווינער ראטשילדס האט זיין ברוטאלקייט דערפילט אויף זיין אייגענער הויט. בעת א ראש-השנהדיקן מאלצייט איז ער געזעסן ביי זיין רעכטער זייט. ראטשילדס פנים איז, זעט אויס, אין דעם מאמענט דנען נישט געפעלן, ווייל ער האט געכאפט א געזונטע פולקע, אראפגעווארפן אים זיין באנקירישן „בארכאלין"-הוט און אנגעהויבן שלאגן אים איבערן קאפ. זיינע קעגנער האבן הגען געהאלטן פאר א גראבן יונג און א גרויזאמען מענטשן, וועלכער פארמאגט נישט קיין גאטספארכטיקייט. טראץ דעם איז נישט געווען קיין פסח, אז אין הגם „הויף" זאלן זיך נישט פארזאמלען א טויזנט חסידים און בעת די ימים נוראים — א צוויי טויזנט, וועלכע פלעגן קומען פון די ווייטסטע עקן וועלט, כדי א קוק צו געבן אויפן רבין מיט די בלויע ארויסגעזעצטע אויגן, געלע האר און פויגל-מויל. די אלע אייגנשאפטן האט ראפאל געירשנט. עס פלעגט געשען, אז די חסידים, פילנדיק א ווידערווילן צו הגען, זענען געפארן אויף יום-טוב צו אן אנדער רבין. זיי פלעגן זיך אבער שפעטער צוריק אומקערן צו אים.

אויב צום אכאצקין פלעגן אויף פסח זיך צונויפפארן טויזנט חסידים און אויף ראש-השנה צוויי טויזנט, אויב צו א יום-טובדיקן טיש פלעגן זיך קיינמאל נישט אוועקזעצן ווייניקער, ווי צוויי-דריי הונדערט מענטשן, פלעגט אין הויף ביים רבין דזיקאווסקי ביי אזעלכע געלעגנהייטן די צאל חסידים דערגרייכן קוים א העלפט. דער רבישער הויף פון דזיקאווסקי איז בכלל געווען א מער באשיידענער, א רואיקערער און שמעון דזיקאווסקי גופא איז געווען א מענטש פון גאר אן אנדער שניט, ווי דן אכאצקי. דעם געלן דן האט מען געהאלטן פאר אן עם-הארץ דאקעגן שמעון דזיקאווסקי האט געשעמט פאר א בעל-תורה און באקאנט געווען פון זיין ליבשאפט מיט וועלכער ער איז ארייגעטאן געווען אין די הייליקע ספרים. מיטן זון-אויפגאנג פלעגט ער זיך אוועקזעצן ביי די ספרים, און דער בעקער אנשל זשיטא, וועלכער גייט דעמלט שלאפן, פלעגט זאגן, אז אפילו דער קיסר וואלט נישט איינגעשלאפן ביי אזא זיסן ניגון מיט וועלכן דער רבי שמעון האט געלערנט תורה. דעם רבי דזיקאווסקיס

ראש השנהדיקע תפילות זענען אין גאנצן לאנג באקאנט געווען פון זייער אומפארגלייכלעכער מתיקות. שמעונס חסידים פלעגן זאגן: „די הענט זאל מען וואשן אין פרימארגן־טוי און די נשמה ביים רבין דזיקאווסקי“. וועגן געלן רן האט מען דערציילט, אז ווינטער אינדערפרי טובלט ער זיך אין אן אייזלאך. שמעון דזיקאווסקי וואלט איין באר אזא אויסגעענדיקט, ווייל זיין געזונט איז פונקט אזוי דעליקאט געווען ווי זיין באציאונג צו מענטשן. דאניעל איז געווען דעם רבי שמעונס יינגסטער זון. ווי אלע דזיקאווסקים, האט ער געהאט א הויט פון אליוון־קאליר, די אויגן זענען ביי אים געווען ווי ביי א סארנע און מיט דער גאנצער איידלקייט פון זיין פנימל, וואס האט דערמאנט אין א סארנע, איז ער ענלעך געווען צום פאטער, פונקט ווי ראפאל איז ענלעך געווען צו זיין פאטער.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זענעןביידע „הייף“ פארברענט געווארן און נאך דער מלחמה זענען נישט געווען קיין מעגלעכקייטן זיי צוריק אויפצובויען. אכאצקי און דזיקאווסקי מיט זייערע משפחות האבן זיך איבערגעטראגן אין דער שטאט ה., וו עס איז געווען פופציק טויזנט איינוווינער און אזא קליינער פראצענט חסידים, אז די רבישע „הייף“ האבן נאר געקאנט וועגעטירן. פון אויסלאנד איז שוין זעלטן ווער געקומען. „ביידע גרויסע“ האבן געלעבט אין וווינונגען פון פיר צימערן, האבן געלערנט צו גיין אין גוטע וועגן, געטרייסט. אויף אכאצקין האט דער אייגנטימער פון הויז זיך כסדר באקלאגט, אז אט איז אויף די שטיגן אן אומאָרדענונג, און אט וועט דער באלקן איינפאלן אונטער די פים פון המון, אדער גאר, אז דער קלאזעט איז כסדר פארשטאפט. ער האט אים געדראט, אז ער וועט אים אנגעבן איז געריכט, אבער נישט געוואגט דאס צו טאן, ווייל קיינער וואלט אים דערנאך נישט געגעבן די האנט.

די צוויי זין פון ביידע רבישע הייזער זענען אין דער שטאט ה. געוואקסן צוזאמען. זיי זענען צווישן זיך געבונדן געווען מיט אלץ מיט וואס עם קאנען בינדן די פריע און שענסטע יארן. זיי האבן געשפינט חלומות וועגן לעבן, וועגן דער ברייטער וועלט, וועגן פאלק און וועגן זייער צוקונפטיקער ראל אין שוים פון פאלק. דאניעל איז מיט עטלעכע יאר יינגער געווען פון ראפאלן און אין דעם עלטער האבן יארן אן אנדער וואגיקייט. דערפאר טאקע האט דעם ערשטן פידל געשפילט ראפאל, וועלכער האט זיך פריער ארויסגעריסן אין דער וועלט און זי „דערא־בערט“. נישט קיין אנדערער ווי דער „באפרייטער“ אכאצקי איז געווען

דער מחבר פון פּלאַמיקע אַרטיקלען, וואָס זענען יעדן פרייטיק געדרוקט געווען אין דער פּרעסע. אין דער שטאָט ה. האָט מען געוווּסט ווער עס באַהאַלט זיך אונטערן פּסעוודאָנים. דאָס גאַנצע היימיש ווערטל, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די צוויי הייזער, און איבערהויפּט די יוגנט, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ פון צוויי קולטורן, אָדער ווי מען האָט דעמלט געזאָגט — די „אייראָפּעיזירנדיקע“ זיך יוגנט, האָט זיך פּאַסיאָנירט מיט די דאָזיקע אַרטיקלען. זינט ראַפאַל איז עפּנטלעך אַרויסגעטראָטן און געחוזקט פון אַלץ, וואָס זיין פֿאָטער האָט געפּרעדיקט, איז פאַר אים פאַרמאַכט געוואָרן זיין פֿאָטערס הויז. בלויז איין מאָל איז ער אַהיים געקומען, צו דער לוויה פון זיין מוטער, און אפילו שוין נישט צו דער לוויה, ווייל די, וועלכע האָבן אים געדאַרפט צוווּיסן געבן, האָבן אָפּגעשלעפּט ביז דער לעצטער מינוט. דער „געלער גראָבער־יונג“ איז נאָך אַלץ געווען פול מיט רוגזה און די באַגעגעניש האָט געקאָנט זיך פאַרענדיקן טראַגיש. ראַפאַל איז געקומען נאָך דער לויה.

יענעם אָוונט, ווען ראַפאַל איז אַהיים געקומען, איז דאַניעל אַוועק צו די אָכאָצקים, כדי זיך צו באַטייליקן אין מנין. נאָך שמונה־עשרה איז געוואָרן טויט שטיל. אַלע האָבן געוואַרט אויפן קדיש זאָגן. עס איז אַזוי געשען, אַז בלויז ראַפאַל האָט געזאָגט קדיש. זיין האַרטע שטימע, וואָס איז געפלאָסן דאָ העכער, דאָ שטילער, האָט געקעמפט סיי מיטן אייגענעם ווייטיק, סיי מיט די שאַרפע בליקן פון די פרומע לייט פאַר וועלכע ראַפאַלס אָנוועזנהייט דאָ איז געווען נישט קיין קליינע סענסאַציע. ראַפאַל איז געשטאַנען הינטערן קאַפּליעס־אויוון און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער ענדלעך פאַרענדיקט דעם קדיש. ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. דער איינדרוק, וואָס זיין קדיש־זאָגן האָט געלאָזן, איז געווען אַ שטאַרקער. די גאַנצע צייט בעת ער האָט געזאָגט קדיש זענען אַלע געווען אונטער אַ שטאַרקן איינדרוק, די הפסקות צווישן די ווערטער און דעם אמן, וואָס דער עולם האָט געענטפערט, זענען געווען לענגערע ווי געוויינלעך. דעם זעלבן אָוונט האָט דאַניעל מיט אַן איבערפולט האַרץ זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס דער „באַפרייטער“ ראַפאַל האָט אים דערציילט. אין צוויי וואָכן אַרום האָט דער „באַפרייטער“ געלאָזן אין אַ זייט אַלגעמיינע פּראָבלעמען און געשריבן דאָס מאָל וועגן זיין מוטער, וועגן דעם קאַפּליעס־אויוון און די חסידים. דאַניעל האָט דאָס מאָל ראַפאַלס אַרבעט געלייענט אַזוי, ווי זי וואָלט זיין אייגענע געווען. יענע שורות האָבן טאַקע דעצידירט וועגן דאַניעלס ווייטערדיקן גורל.

נאָכן אָפּזיצן שבעה איז צווישן פאָטער און זון דערגאַנגען צו אַ וואָרט־אויסטויש. ס'האָט זיך אָנגעהויבן רואיק. דער פאָטער האָט געפרעגט וועגן וואָס עס שרייבן די אַפּיקורסים. דער זון האָט איבערגעלייענט אַ זאַך, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל „מקובלים". דער פאָטער האָט זיך צוגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און צום סוף געפרעגט צו וואָס פאַראַ קאַטעגאָריע עס געהערט דער מחבר. — צו דער העכסטער, האָט ראַפאַל געענטפערט. — דאָס זענען פסולת — האָט געפסקנט דער רבי. יענער האָט שוין זיכער געגעסן מיטאָג אום יום־כפור, ער שרייבט וועגן זאַכן מיט וועלכע ער האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן, ער מישט זיך אין נישט זיינע געשעפטן. און צי זעסטו נישט, אַז דאָס זענען פסולת? פאַרשטייסטו נישט, אַז דער מחבר איז אַ טיפש? און פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן לאָזטו פאַלן אָכאָצקים הויף?... און דער פאָטער האָט אַרויסגעטריבן דעם זון.

בלויז איין דאַניעל האָט אים באַגלייט צו דער באַן. ער האָט הויך אָפּגעשאַצט די האַלטונג פון ראַפאַלן לעבן וועלכן ער האָט זיך געפילט אַזוי, אַז ער האָט נישט געקאָנט הערשן איבער זיין שטימע. פאַר אים איז ער געווען אַ לעגענדע. ראַפאַל האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף קעמפן מיט דער פינצטערקייט ביז די לעצטע כוחות, אַז מען דאַרף דאָס פאָלק באַפרייען פון די אַבערגלויבענישן און געבן אים קולטור. אין יענע צייטן איז קולטור געווען אַ גרויס וואָרט. ער האָט צום סוף דאַניעלן פאַרזיכערט, אַז אויב ער וויל פאַרלאָזן די היים־שטאָט, איז ער גרייט אים צו העלפן. און ער האָט אים געהאָלפן. דאָס האָט ער אים פּראָטעזשירט ביים באַקאַנטן פאַרלעגער באַכנער, ווען דאַניעל האָט געשטעלט די ערשטע שרייבערישע טריט, ער האָט געצווונגען דעם פאַרלעגער זיך צו פאַרנעמען מיט אים. דערנאָך איז דאַניעל געשווומען מיט זיינע אייגענע כוחות, געשווומען לייכט און גליקלעך. אין קעגנטייל צו ראַפאַלן, וועלכער איז נישט באַליבט געווען, האָט מען דאַניעלן אַלע מאָל מער ליב געהאַט, ווי ער האָט עס פאַרדינט.

אין 1937 האָט ראַפאַל אָכאָצקי זיך אומגעקערט פון אַ גרויסער רייזע אין אויסלאַנד און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פּלאַן, וועלכן אַלע געזונט־דענקנדיקע מענטשן אין פּוילן האָבן באַטראַכט פאַר אַ שגעון און דאָס, פאַר אַ געפערלעכן שגעון. ראַפאַל איז אין דער פרעסע אַרויסגעטראָטן נישט מער און נישט ווייניקער ווי מיט אַ פּראָיעקט פון יידישער מאַסן־עמיגראַציע אויפן ווייטן מזרח, וווּ, לויט זיין מיינונג, עס זענען פאַראַן אומגעהויערע מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג. מיטן פּלאַן האָט ער

זיך באַמיט צו פאַראינטערעסירן די פּוילישע מלוכה=אינסטאַנצן. ער האָט זיך דערשלאָגן צום נאַטשעלניק פון מזרח=אָפּטייל אין מיניסטעריום פאַר אויסערלעכע ענינים און געפּרוּווט אים אויפווייזן וואָס פאַרא נוצן אַזאַ עמיגראַציע קאָן ברענגען פּוילן. לויט אים וואָלט די עמיגראַציע נישט נאָר אַנטלאַסטעט דעם פּוילישן האַנדל, נאָר אויך די, וועלכע וועלן עמיגרירן, וועלן לאַנגע יאָרן געבונדן זיין מיטן לאַנד און אַדאַנק זיי וועט דער אויסערן=האַנדל זיך אַנטוויקלען ווי נאָך קיינמאָל ביז איצט. יענער באַאַמטער פון אויסערן=מיניסטעריום, וועלכער איז אַליין געווען א זשורנאַליסט, האָט גלייך אָנגעשריבן אַן ארטיקל וועגן די שטימונגען, וואָס הערשן אויף דער „יידישער גאַס". אַזוי לאַנג ווי ראַפאַל האָט וועגן זיין פּלאַן געשריבן אין דער יידישער פּרעסע, האָט מען אים באַטראַכט ווי א שעדיקער פון א קליינעם קאַליבער. נאָכן אַרטיקל אָבער פון באַאַמטן פון אויסערן=מיניסטעריום, האָט זיך אויפגעהויבן א שטורעם. זיין גאַנצע אַקציע האָט מען באַצייכנט אַלס א פאַרברעכן, אַלס אונטערשטיצונג פאַר די אַנטיסעמיטן, אַלס באַרעכטיקונג פאַר די פּאָגראָמען, פּיקעטן א. א. וו. כדי אים לעכערלעך צו מאַכן, האָט מען ציטירט די צוממיינסטן דראַסטישע ערטער אין זיינע אַרטיקלען, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די פּסיכאָלאָגיע פון דער יידישער און פּוילישער געזעלשאַפט. ראַפאַל האָט געשריבן: „ביידע געזעלשאַפטן פאַרוואַנדלען זיך אין אידיאָטן. די פּאָליאַקן מיינען, אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסער פּראָבלעם אויף דער וועלט ווי דאָס פּראָבלעם פון יידישער שהיטה. די יידן דאַקעגן מיינען, אַז דאָס גאַנצע לעבן באַשטייט אינעם קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם. די איינציקע פילאָזאָפיע פון די פּוילישע טפּשים איז דער אַנטיסעמיטיזם, די איינציקע אויפגאַבע פון די יידישע אַקטיוויסטן איז דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם. די יידן שימלען אין לאַנד, וואָס געהערט צו די צוממיינסטן טראַגישע, טרויעריקע און נאַרישע לענדער אויף דעם ערדקוילעך. אַלע זעען פאָרויס די נאַכט פון לאַנגע מעסערס און אַלע זיצן רואיק אויף די אורין=קענדלעך. מען זאָגט, אַז יידן זענען א קלוגע פאָלק. נישט אמת! ס'איז א פאָלק פון אידיאָטן. זיי וועלן קיינמאָל פריער נישט אַ טראַכט טאָן וועמען זיי גיבן אַוועק זייערע פעיקייטן. זיי ווילן נישט אויספרוּוון דעם באָדן אויף וועלכן זיי דאַרפן לעבן; זיי לאָזן זיך איינשלינגען, כדי שפּעטער צו לאָזן זיך אויסשפּייען. אויב האָבן זיי קיין כאַראַקטער נישט, טאָ זאָל זיי נעמען דער טייוול! דער באָדן דאָ איז פאַרסמט. צו שפּעט ליידער וועלן זיי זיך איבערצייגן וועגן דעם..." קיינעם

האָבן יענע אַרטיקלען נישט געפעלן. קיינער האָט זיי נישט פאַרטיידיקט. דאַניעל האָט זיי באַקעמפט ווי צומשאַרפסטן. אויב דאָס איז אים ווייניק געווען, האָט ער פונקט צו יענער צייט געקרענקט אויף בייזוויליקייט און זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען האָט ער פאַרשפּיצט מיט אילוזיעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו „אָכאָצקים הויף“ און „געלן גראָבן־יונג“.

די מיליאָנען יידן זענען אויפן ווייטן מזרח נישט געפאָרן — זיי זענען אוועק אין די קרעמאַטאָריע־אויוונס. אַ באַשולדיקונג, אפילו ווען זי איז נישט קיין ריכטיקע, שלעפּט אַרויס אַלטע זינד. אין דעם גאַנצן ענין פון דער משפחה קאַליסקי איז דאַניעל געווען אומשולדיק. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז ער האָט אַפּעלירט צום פאָלק צו פאַרבלייבן אין לאַנד, וואָס איז געוואָרן זיין קבר. אַ באַשולדיקונג פאַרשטאַרקט אין מענטש דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מאַכט אים עמפּינדלעך פּונקט אַזוי ווי אַליץ, וואָס דעגראַדירט דעם מענטש. עס איז פאַראַן אַ צושטאַנד פון שולדיקייט פּונקט ווי עס איז פאַראַן אַ צושטאַנד פון גענאָד. דאַניעל האָט געלעבט אין אַ צושטאַנד פון שולדיקייט. און דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אים געיאָגט פון גאַס צו גאַס.

.7

דער באַשולדיקער און באַשולדיקטער האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך דער עפענונג אין מויער, וואָס האָט געפירט צו דער שאָפּע, וועלכע האָט געהערט צו אַ צווייט הויז. דאָ זענען געשטאַנען צוויי פעסלעך נאַפט און עטלעכע צעגדליק ראָלקעס פאַפּע, וועלכע זענען געווען אין אידעאַלע שפּיין פאַר „די קי“ און ציגל־באָמבעס. דאָס האָט מען שוין געהאַט הונדערט מאָל פעסטגעשטעלט, אָבער עס האָט זיך גאָרנישט געלאָזט ענדערן, ווייל ס'איז נישט געווען ווו עס אויסצובאַהאַלטן. די שאָפּע איז געווען אַ גרויסע און אַ קאַלטע. דאָס ליכט איז דאָרט אריינגעדרונגען דורך די האַלב־אָפענע, פאַנאַנדערגערוקטע טירן. הינטער די טירן איז געהאָנגען אויף אַ מעטער די הויך איבער דער ערד אַ הילצערן בריקל פון וועלכן טרעפּ האָבן געפירט אויפן צווייטן הויף, ווו מיט אַ וואָך צוריק איז פאַרברענט געוואָרן עמעצנס אַ פּרעכטיקע ביבליאָטעק, וואָס איז פול געווען מיט אַלטע אוניקאַטן־ביכער. עס האָט דאָ געהערשט אַ שטילקייט. זעלטן ווען עס איז אריינגעגאַנגען אין דער שאָפּע. אין דער צייט פון

אויפשטאַנד האָט קיינער זיך נישט געניטיקט אין איינזאמקייט. ביידע האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף א קעסטל אין א ווינקל.

פאַר די לעצטע טעג האָט דאַניעל אָפט גערעדט וועגן די האָטעל־עניינים. פון אָנהייב האָט ער זיך געשעמט, דערנאָך האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם. יעדעס מאָל האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס, וואָס ער דערציילט דערגייט נישט צו די אויערן פון זיינע צוהערער. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ניין און ניינציק פראָצענט פון זיינע ווערטער זענען אַרויסגעוואָרפענע רייד. יעדערער האָט זיך, אָן שום שאָדן, געקאָנט באַגיין אָן זיי. דאָס לעבן האָט געקאָנט פליסן ווי א שטומער פילם. דאָס, וואָס ער האָט געהערט אַרום זיך איז געווען בלויז אַן אויסדרוק פון ביזוויליקייט, פאַרביטערטקייט, מיספאַרשטייעניש און טפשות.

איצט האָט ער ווידער אויפגעעפנט דאָס האַרץ. ער האָט ווידער אויפגעקלערט דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אים און די געשעענישן, וואָס האָבן א שייכות מיטן האָטעל. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט געהאַנדלט ברוטאַל. ער האָט נישט אויסבאַהאַלטן קיין זאכן, וואָס איז בעסער געווען אויסצובאַהאַלטן. ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז וועגן געוויסע איבערלעבונגען זיינע איז בעסער געווען נישט צו רעדן. אָבער דער חשד, וואָס מען האָט געוואָרפן אויף אים, האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטאַרקן ווייטיק, אַז ס'האָט געשטויסן אַלץ אַרויסצושלעפן. צום סוף האָט ער געפרעגט:

— איך וויל וויסן צי דו האָסט אריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע? אָדער צי האָסטו בדעה דאָס צו טאָן? יעדן טאָג בין איך אַהער צוריקגעקומען, ווייל איך האָב זיך געריכט אויף דיין אָנקלאַגע. איך האָב נישט געוואָלט מען זאָל מיינען, אַז איך בין אַנטלאָפן. כ'בין היינט אַהער געקומען צום לעצטן מאָל. איך וויל פאַרלאָזן דאָס הויז, ס'איז פאַר מיר דאָ אומדערטרעגלעך. איך ווייס, אַז איך האָב אַנטוישט זיבערטן. איך האָב געהאַט אויסבאַהאַלטן ביי אים עטלעכע קליינע גאָלדענע קעגנשטאַנדן. איצט איז זיבערט איבערצייגט, אַז איך האָב זיי געקויפט פאַרן געלט, וואָס איך האָב באַקומען ביי די קאַליסקים און ביי די אומגליקלעכע קרבנות, וועלכע די געסטאַפּאָ־לייט האָבן מיט זייער אייגענעם ווילן צוגעשריבן צו מיין פאַספאָרט. אויב עס בלייבט מיר נאָך בלויז איין טאָג צו לעבן, זענען מיר נויטיק דערצו מענטשלעכע פנימער, וואָס זאָלן אַנדערש קוקן אויף מיר. איך האָב באַגעגנט א פריינד מיט וועלכן איך וויל בלייבן צוזאמען. איך בין אַהער געקומען בלויז צוליב דעם, כדי צו מעלדן איפן, אַז איך

האָב אַן אַנדער אַדרעס. איך האָב זיך באַטראַכט פאַר דיין אַרעסטאַנט, דאָס איז אָבער אַן אומזין. איך וויל וויסן צי האָסטו בדעה אַריינצוטראָגן אַן אָנקלאַגע?

ראַפאַל האָט געשוויגן. ער האָט געענטפערט ערשט נאָך אַ לענגערע ווײלע:

— ניין... איך קאָן נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס איך האָב געזען אין האָטעל! אַ טאָג פאַרן טויט האָבן זיי איינע די אַנדערע פאַרקויפט, עס איז זיי נישט אָנגעגאַנגען קיין שום זאַך אויסער... די ליידיקע קנאַפל. איך קאָן נישט טראַכטן רואיק וועגן דעם. און דו אינמיטן דעם אַלעמען... שיין האָבן זיך פאַרווירקלעכט אונדזערע יוגנט־טרוימען... די שאָפערן, וועלכע האָבן אָפּגעפירט די יידן צום גדאַנסקער וואָקזאַל, האָבן געפרעגט איינע די אַנדערע: נו, האָסט שוין אָפּגעגעבן די יידן דעם לעצטן כבוד? מיר האָבן אָפּגעגעבן דעם פאָלק דעם לעצטן כבוד.

אין דאַניעלס דמיון האָט פּלוצלונג אויפגעטויכט אַ סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען אין האָטעל אויף דער לאַנגער גאַס. די, וועלכע האָבן שוין געהאַט לעגאַליזירטע פּאַספּאָרטן, האָבן באַקומען אַ צימער מיט צוויי בעטן פאַר אומגעפער 15 פּערזאָן. די אָרעמשאַפט איז געשלאָפן אין קאָרידאָר און אויף די טרעפּ. צו יענער צייט האָט דאַניעל נישט גענעכטיקט אין האָטעל. ער האָט אָבער איינמאָל געמוזט בלייבן, ווייל די געסטאַפּאָ־לייט פלעגן קומען ערשט צוועלף אַזייגער ביינאַכט און דעמאָלט אָנהויבן דערליידיקן די פּעסער־ענינים. אַרום צוויי אַזייגער האָט מען דאַניעלן אַרויסגערופן ווי דעם געזעצלעכן אייגנטימער פון פּאַספּאָרט. ער האָט אַרויפגעוואָרפן דעם מאַנטל אויף די וועש און אַזוי דורכגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר, וואָס איז געווען געדיכט באַדעקט מיט שלאָפנדיקע מענטשן. ער האָט געמוזט זייער פאָרזיכטיק זיין, אַז ער זאָל עמעצן נישט צעקוועטשן דעם בויך. די אויסגעצויגענע מענטשן האָבן בייז אונטערגעמורמלט. פּלוצלונג האָט איינער פון זיי, וועלכער איז געלעגן פונקט אונטערן לאָמפּ, זיך אונטערגעהויבן און איינגעגראָבן אין דאַניעלן זיינע אַרויסגעזעצטע אויגן. ס'איז געווען ראַפאַל אָכאָצקי. דאַניעלן איז דעמאָלט באַפאַלן אַ חרפּה, וואָס ער געפינט זיך אין דער פּריווילעגירטער לאַגע פון אַ דערליידיקטן מענטשן, וועלכער האָט דאָס רעכט צו שלאָפן אין אַ צימער און אַפילו אין אַ בעט.

— ניין, האָט פאַרגעזעצט ראַפאַל, איך האָב נישט אַריינגעטראָגן און איך וועל נישט אַריינטראָגן קיין אָנקלאַגע. איך האָב באַגעגנט עמעצן,

וואָס האָט מיר פיל אויפגעקלערט אין שייכות מיט דעם ענין. ווען איך האָב דיך באַשולדיקט, האָב איך געגלויבט אין דיין שולדיקייט. איך האָב מיין באַשולדיקונג נישט געקאָנט צוריקציען פריער, ווייל איך בין געווען אויף אן אקציע. דערנאָך ערשט האָב איך איפן צווישן געגעבן ווען דעם. ער האָט מיר געמאָלדן, אז ער האָט דיך באַפרייט...

דאַניעל האָט זיך צוגעהערט און זיין דערשטוינונג האָט געשטיגן: איפ האָט, אלזאָ, באַקומען די ידיעה, אַז די באַשולדיקונג איז צוריקגעצויגן געוואָרן. זיין שגעון אין באַצוג צו אים האָט, אלזאָ, נישט געהאַט קיין שום גרונט...

ראַפאַל האָט ווייטער געצויגן:

— דער אויפשטאַנד וויל פאַרברענען אַלץ, וואָס איז שמוציק, און יעדן טאָג מאַכט מען הונדערטער אַזעלכע טעותן, ווי מיינער... אַנטשולדיק... איך אַנטשולדיק זיך פאַר דיר... דאַניעל האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין פריינד, ווי ער וואָלט אים ערשט צום ערשטן מאָל געזען. מענטשלעכע געזיכטער און ביכער זענען אונדז אויס אַלע מאָל אַנדערש. ראַפאַל האָט געהאַט אַ לענגלעך געזיכט מיט אַ פליישיקער נאָז, מיט אַ צעשוואָלן מויל, מיט ארויסגעזעצטע אויגן, אַ געזיכט וואָס איז אינגאַנצן געווען אין אַ גאָלד־געלן טאָן און וואָס האָט דיישלעך אויסגעדריקט אַ צוזאַמענ־שמעלץ פון גענייאַלקייט און טעמפּקייט. יעדעם מאָל האָט מען געזען די גרענעץ צו וועלכער דער צוזאַמענשמעלץ פון די צוויי עלעמענטן האָט דערגרייכט, אָבער די גרענעץ איז געווען אַ ווייטע!

— ראַפאַל... האָט דאַניעל אַרויסגעמורמלט.

אין דעם מאָמענט אָבער האָט זיך ראַפאַל אָפּגעריסן פון אָרט און געלאָזט זיך צו דער עפענונג אין מויער. פון הינטער דער מויער האָט ער דאַניעלן אַ לאַנגע ווײַלע אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער וויל עפּעס זאָגן, דער שטראָם פון געפילן, וואָס האָט אַ ברויז געטאָן אין האַרץ, האָט אים אויסגעקרומט דאָס פּנים. אין דעם זעלבן מאָמענט אָבער האָט זיך דערהערט ווי עמעצער רופט אים: — סערזשאַנט ראַפאַל! נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך איינגעבויגן און פאַרשוונדן דאַניעלן פון די אויגן.

דאַניעל איז געבליבן אַליין. זינט יאָרן איז ער יעדן טאָג גרייט געווען אויפצונעמען דעם טויט. זינט יאָרן האָט ער יעדע נאַכט געוואַרט, אַז זיין גורל זאָל געחתמעט ווערן. ער האָט געזען ווי זיין לעבן, וואָס איז

אַמאָל אָנגעזייוירן געווען מיט טרוימען, מיט דערוואַרטונגען צו רעאַליזירן גרויסע זאַכן, איז פלוצלונג איינגעשרומפן געוואָרן. און ער האָט גלייכצייטיק זייער בילדעריש געזען דעם סוף פון זיין לעבן: ערגעץ־ווו הייסט מען אים אנידערקניען און מיט א סעריע קוילן פון אן אויטאָמאַטיש געווער צעטרענט מען אים די פלייצעס. ער האָט זיך געפילט אַזוי, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין זיינע הענט ביידע עקן — פון לעבן און פון טויט. טראָצדעם האָט אים אין די לעצטע יאָרן דער טויט נישט אויסגעזען צו זיין שרעקלעך. דאַקעגן האָט ער זיך זינט עטלעכע טעג איבערצייגט, אז ס'איז נישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך אויף דער וועלט, ווי צו שטאַרבן מיטן חותם פון א פאַרעטער און צו זיין פאַרמשפט אויך אויף נאָכן טויט. איצט האָט מען דעם קין־צייכן פון זיין שטערן אראָפּגענומען.

איבער דער שאָפּע, איבער דער גסיסהדיקער שטאָט איז געהאָנגען א בלויער הימל, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער הימל אויף די בילדער פון די מייסטער מיט א האַלבן טויזנט יאָר צוריק און וואָס איז נישט עלטער געוואָרן אַפילו מיט קיין איין אויגן־בליק; מיט קיין איין אָטעם־צוג, ער איז פאַרבליבן פונקט ווי אמאָל פראַכטפול, גלייכגילטיק — די רואיקייט גופא. דער דאָזיקער הימל האָט נישט געגעבן קיין באַגריף פון צייט און נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן לעבן און טויט, פאַר אים האָבן לעבן און טויט א גלייכן ווערט. דער הימל, וואָס איז געהאָנגען איבער דער פלאַקערנדיקער שטאָט, איבער די מיליאָנען מתים און איבער דעם פרישן אַש פון זייערע הייזער, האָט אָפּגעהילכט מיטן קלאַנג פון א בלאסן קוים אָנדענק פון דזיקאָווסקים רבישער שטוב און דעם הויף אין דער שטאָט ה., פון דעם המון חסידים און דעם אַמאָליקן ראַפאַל. ס'איז געגאַנגען, אַז דאַניעל זאָל זיך קאָנצענטרירן, כדי ער זאָל דערהערן דעם רויש פון די ביימער אין דזיקאָווסקים פאַרק, דעם טומל אין די געסלעך פון זיין יוגנט, דעם רויש און טומל פון דער ערד פון וועלכער די לעצטע מלחמה האָט אַוועקגענומען דעם מענטשלעכן אינהאַלט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. און פלוצלונג האָט ער אַ שמייכל געטאָן צום געדאַנק, וואָס האָט אויפגעבליצט אין קאָפּ, אז אָט איז ער ווידער ווי זינט יאָרן, גרייט צו שטאַרבן אונטער אַ הימל, וואָס פאַראייניקט לעבן און טויט און אונטער וועלכן פינף מינוט פאַרן ענדגילטיקן סוף פון דער וועלט שיידן זיך נאָך אונטער צווישן זיך די מענטשלעכע טאַטן.

— צי זענט איר דאָ איינגעשלאָפן?

דאַניעל האָט דערקענט די שטימע פֿון קאַפּיטאַן איפּ און האָט זיך אויסגעדרייט צו אים.

— אַלע באַקלאָגן זיך אויף אייך. וועגן אייער עגין, מיין הער, רעדט מען אימעטום.

— דער דאָקטער בראַון, האָט דאַניעל מיט אומזיכערקייט זיך אָפּגערופֿן, דער דאָקטער בראַון פֿון דער לאַנדאָנער רעגירונג וועט ערוב זיין פֿאַר מיר, דער סערזשאַנט ראַפֿאַל האָט צוריקגעצויגן די באַשולדיקונג...

— דער סערזשאַנט ראַפֿאַל האָט צוריקגעצויגן, דאָקטער בראַון בלייבט דאָקטער בראַון, אָבער איך וויל ליבערשט אייך האַלטן ביי זיך. זשאַנדאַר באַנק! — האָט ער אַ רוף געגעבן.

ווען דאַניעל האָט דערזען זיין אַלטן באַקאַנטן, דעם גראָבן זשאַנדאַר באַנק, וועלכער איז אַ פֿאַרשוויצטער און אומווילּיקער געשטאַנען עטלעכע מעטער ווייטער הינטער דער וואַנט, האָט ער אָנגעהויבן שרעקלעך צו שרייען. אין דעם מבֿול ווערטער האָט מען קוים געקאָנט פֿאַרשטיין דעם זין, אַז ער וועט נישט לאָזן זיך פֿאַרמאַכן, אַז ער האָט דאָס געגנוב א. א. וו. ער האָט זיכער אַליין קיין רעכענונג זיך נישט אָפּגעגעבן, אַז ער שרייט אַזוי שרעקלעך. איפּ האָט געפּרוווט אים באַרואיקן. דאַניעל האָט אָבער ווייטער געשריען, אַז עס ווערט באַגאַנגען אַן אומגערעכטיקייט, אַז מען טוט אים אַן עוולה, אַז דאָקטער בראַון „ווייסט אַלץ". ער האָט נאָך לאַנג געשריען ביז דער דערפֿאַרענער זשאַנדאַר באַנק האָט אים באַרואיקט.

8.

די לאַגע האָט זיך פּלוצלונג פֿאַרערגערט. די אַלט־שטאָט איז געפֿאַלן. גרענעצלאָז נידערגעשלאָגענע האָבן די אויפֿשטענדלער דורכגעריסן זיך דורך די קאַנאַלן אין מיטלשטאָט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף אויף פּאָווישלע. גלייכצייטיק האָבן די דייטשן געהאַלטן במעט אומאויפֿהערלעך אונטערן פֿייער פֿון שווערע האַרמאַטן און פֿון „קי" דעם אָפּשניט פֿון קרולעווסקע ביז כמיעלנע. די ערנסטע סיטואַציע האָט זיך געשאַפֿן צווישן קרעדיטאָווע און זלאָטע, וווּ ס'האָט זיך געפֿונען די גאַס פֿון די דריי קרוינען. דער גאַנצער פּירעק דאָ האָט געברענט. דאָס הויז צוויי און צוואַנציק האָט זיך „געהאַלטן". צום סוף האָט אויך די געביידע געפּלאַקערט. איפּ האָט זיך אַפֿילו קיין מי נישט געגעבן זי צו ראַטעווען, ער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן איבערצוטראָגן זיין וואַכפּאָסט אויף דער גאַס

זוידאָק. די איינוווינער האָבן נאָך פריער פאַרלאָזט דאָס הויז. גאַנצע נעכט האָבן זיי געוואַרט אין די אַלייען, וועלכע האָבן איצט געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָל, כּדי דורכצוקריגן זיך אין דעם דרומדיקן טייל פון שטאָט.

די ס. ס.=מענער האָט איפּ איבערגעגעבן דעם פּאָרוטשניק קאַראָל, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן צו בלייבן אויפן דאָמבראָווסקי=פּלאַץ ביזן סאַמע סוף. דער פּאָרוטשניק האָט זיי ביינאַכט איבערגעפירט אין די חורבות פון האָטעל וויקטאָריאַ. צוזאַמען מיט די ס. ס.=מענער האָט ער אויך מיטגענומען דאַניעלן. בעת איפּ האָט אים אַרעסטירט האָט ער געוואָלט אים פאַרמאַכן באַזונדער אין איינער פון די ווינונגען. דאָס וואָלט, אָבער, געפאָדערט א צוגאָב=וואַך. ער האָט אים דעריבער געשיקט אין דער אַלגעמיינער תּפיסה. ווען מען האָט ביינאַכט, בעת אַלץ אַרום איז אַרומגעכאַפּט געווען פון איין גרויסער שריפה, אַרויסגעפירט די געפאַנגענע, האָט דאַניעל ווידער אָנגעהויבן צו שרייען, אַז ס'איז באַגאַנגען געוואָרן א טעות. דעם הויז=וועכטערס פּלימעניק האָט אויפגעקלערט די אויפשטענדלער, אַז „דאָס שרייט זיכער דער אוקראַינער". „יאָ, דאָס איז זיכער עפּעס א געסטאַפּאָ=הונט" — האָבן באַשטעטיקט די אויפשטענדלער. דאַניעלס געשריי איז נאָך פון דער גאַס דערגאַנגען צום הויז=וועכטערס פּלימעניק. ערשט פאַרטאָג האָט ער זיך קלאָר געמאַכט, אַז דאָס האָט מסתּמא נישט דער אוקראַינער געשריען, נאָר זיבערטס באַקאַנטער וועגן וועלכן ער האָט אַמאָל עפּעס געהערט. דעם הויז=וועכטערס פּלימעניק האָט געוווינט ערגעץ אַנדערש. אין הויז צוויי און צוואַנציק איז ער געקומען פּונקט אינעם טאָג, ווען מען האָט פון צעדערגרען אַהער געבראַכט די געפאַנגענע. דער הויז=וועכטער וולאַדיסלאַוו האָט געלאָזט אונטער זיין אויפזיכט דאָס הויז און אַליין איז ער אַוועק אויף דער צווייטער זייט אַלייען.

זיבערט מיט יאַדוויגען זענען אויך אַוועק אויף דער צווייטער זייט אַלייען. יאַדוויגע איז אָבער שנעל צוריקגעקומען, כּדי צוצוהיטן די וווינונג. עס איז איר אויף דער צווייטער זייט נישט געפעלן, ביידע, איר און דעם באַלעבאָס האָט דאָרט געמאַטערט דער הונגער און זי האָט גאָרנישט געקאָנט דערצו העלפן. פאַר די דייטשן האָט זי ווייניקער ווי אַנדערע מורא געהאַט, זי האָט בכלל פאַר קיינעמען נישט מורא געהאַט. דאָס הויז נומער צוויי און צוואַנציק איז אָפּגעברענט געוואָרן בלויז אויפן העכסטן שטאָק. זיבערטס וווינונג האָט כּמעט נישט געליטן. וועגן דאַניעלס

ארעסט האָט זי זיך דערוווסט פון באַליעקן, דעם הויז־וועכטערס פּלימיע־ניק. זי האָט זיך גלייך געלאָזט צום האַטעל וויקטאָריא. דאַניעלן האָט זי געפונען צווישן די מתים. ער האָט נאָך געוויזן סימנים פון לעבן. זי האָט געוואָלט אים אַוועקנעמען פון דאַנען, אָבער אַליין האָט זי נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן. אַלץ ארום האָט נאָך געטליעט, זי האָט זיך אַפילו אָפּגעבריט און א פּארצווייפלטע אָנגעהויבן צו שרייען. דעמלט האָט סטאשא ארויסגעקוקט פון קעלער.

— סטאַשאַ, העלף מיר צו, דאָס איז אַ גוטער הער, דאָס איז אַ גוטער מענטש.

— וועט ער התונה האָבן מיט מיר? — האָט סטאַשאַ געפרעגט.

— וועט התונה האָבן.

— ווי וועט ער חתונה האָבן מיט מיר, אז איך בין אַזעלכע.

— וועט חתונה האָבן, סטאַשא.

— ניין, ער וועט נישט. און דו שרייסט אזוי ווי ער. נעכטן האָט ער דעם גאַנצן טאָג מוראדיק געשריען.

— ער האָט געשריען? — האָט יאַדוויגע געפרעגט.

— געשריען, דאָס איז האָך א יידל. זיי שרייען שטענדיק, זיי האָבן קליינינקע, אלטע הערצער.

— וואָס רעדסטו, סטאַשאַ?

— יאָ, דו ביסט נאָך אַ בתולה, ווייסטו נישט, איך בין אַן אַלטע קורווע, ווייס איך.

— זאַלבעצווייט האָבן זיי אים איבערגעטראָגן אין קעלער פון הויז נומער צוויי און צוואנציק, וווּ ער איז אויסגעגאַנגען א שעה פאַר אַניאָלס אָנקומען.

קאַזיק אַניאָל האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער געלער האַנט, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטער דער רויטער, פּלושענער איבערדעק. עס האָט זיך אים געדוכט, אז אין דער האַנט איז פאַרגלי־ווערט דער מוראדיקער געשריי וועגן וועלכן סטאַשא האָט דערציילט, דער געשריי פון א מענטש, וואָס וויל נישט שטאַרבן. עס איז אָבער איצט נישט געווען קיין צייט אויף לאָזן זיך באַהערשן פון געפילן. ס'איז נישט געווען קיין צייט אויף צו קאָנען זיך פאַרהאַלטן און פאַרטראַכטן. אין אַניאָלן האָט אָבער געברויזט סיי דער געוויין, סיי א מיליאָן געדאַנקען, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט מיט דאַניעלס טויט. בעת ער האָט צוזאַמען מיט דעם הויז־וועכטערס פּלימעניק און יאדוויגען איבערגעטראָגן דעם

טויטן קערפער אויפן נומער פיר און צוואנציק, ווו דער הויף איז נישט געווען אזא שטיינערדיקער ווי אויף צוויי און צוואנציק, האט ער דער־פילט ווי א יאמער צעזעצט זיין הארץ. זיי האבן אויסגעגראבן א קבר. אין מאמענט, ווען דער קבר איז פארטיק געווארן, האט זיך א שאט גע־געבן א פייער פון „די קי״.

די איינוווינער פון ווארשע, וועלכע זענען הארט פארן עקזאדוס צוריקגעקומען פון דער צווייטער זייט אלייען, האבן געפונען די קערפערס פון דאניעל דזיקאווסקין און אניאלן. נישט פארברענט נאר ווי אויסגע־גאסן אין בליי זענען זייערע קערפערס געווען. דער אפגעריסענער קאפ פון יאהוויגען האט זיך געוואלגערט אויף דער יאסנע גאס. ער איז געווען צוזאמענגעצויגן און פארקרימט ווי א קעפל פון א געפגרט קעצל.

דער וועג צום הימל

I

די מלחמה צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן דעם 22־טן יוני 1941. ס'איז געווען אַ זונטיק. אויף צומאָרגנס האָט זיך לעמבערג אַ ריר געטאָן פון אָרט. אין מאָנטיקדיקן, וואַרעמען אָוונט האָבן צענדליקער טויזנטער מענטשן — די, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען וואָס מ'קאָן דערוואַרטן פון די דײַטשן — געלאָזט זיך אויף מזרח. אין יענעם וואַרעמען אָוונט איז דער „מאַרש פון דער געשיכטע" באַשטאַנען — אויף די לעמבערגער גאַסן — פון צוויי שיכטן: פון אַן אומענדלעכן שטראָם מענטשן, באַגאָסענע מיט שווייס שוין ביים סאַמע אָנהייב פון דער גרויסער וואַנדערונג, און פון מענטשן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אויפן אָרט און נישט אָפּגעטראָטן פון די פענצטער, פון די טויערן פון די הײַזער, נישט קאָנענדיק אָפּרײַסן די אויגן פון שאָסיי.

אויך ראַיסע האָט אין יענעם וואַרעמען אָוונט פאַרלאָזט איר הויז. אויפן פּלאַץ אויפן נאָמען פון פּרוס האָט אויף איר געוואַרט דער פּידלער טאַמאַרקין. מיט צוויי שעה פריער האָבן זיי זיך צעשיידט מיטן באַשלוס, אַז ראַיסע גייט צו זיך אַהיים, גרייט זיך צו צום וועג און דערנאָך טרעפן זיי זיך. ראַיסע איז אַרויס פון שטוב מיטן געדאַנק, אַז זיי וועלן זיך באַלד צוריק באַגעגענען. דער אומרו, וועלכער האָט כסדר באַטריבט איר געמיט, האָט זיך אויפן ראָג גאַס פאַרשאַרפט. דער פּלאַץ אויפן נאָמען פון פּרוס האָט זיך געפונען אויף רעכטס, ראַיסע האָט געדאַרפט גיין אויף רעכטס, זי האָט זיך אָבער פאַרנומען אויף לינקס און אַוועק אויף דער גאַס ל. דאָרט האָט געוווינט סעבאַסטיאַן. זי האָט געוואָלט בלויז זיך געזעגענען מיט אים. זי האָט זיך צוגעזאָגט, אַז זי וועט קיין ווײַלע לענגער זיך נישט פאַרהאַלטן, כדי צו באַווײַזן זיך צו טרעפן מיט טאַמאַרקינען און צוזאַמען מיט אים גיין אויף דער אַקאַדעמיצקע־גאַס פון וואַנען די אָנפירערשאַפט פון קאָנסערוואַטאָריע און אַ טייל שילער האָבן געזאָלט זיך עוואַקואירן. נאָכן אָננעמען אַזאַ באַשלוס האָט ראַיסע צוגעאײַלט די טריט. אין יענעם וואַרעמען אָוונט איז זי געלאָפן ווי

צענדליקער טויזנטער אַנדערע. און פּונקט ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע מענטשן האָט זי אין יענעם אָוונט געענדערט איר גורל.

ראַיסע האָט געשטאַמט פון ווילנער געגנט. ווינטער 1940 האָט זי זיך געפונען אין דעם פריש פאַרנומענעם דורך די רוסן לעמבערג. מיט אַ האַרץ־נאָגנדיקן טאָן פון מזרח־מעלאָדיעס האָבן די מעגאַפאָנען פאַרטויבט די גאַסן איבער וועלכע עס האָבן זיך אַרומגעדרייט מאַסן מענטשן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן אַ מאָרגן — דאָס זענען געווען די אַנטלאָפענע. אין „הורטאָזשיטעק" — אין אינטערנאַט פון אַקאַדעמישן הויז — ווו ראַיסע האָט פון אָנהייב געפונען אַן אַזיל, האָבן די מיידלעך גענעכטיקט צו עטלעכע אין איין נישט באַהייצט צימער. אויף ביינאַכט זענען זיי אַריינגעקראָכן אין די שטרוי־זעק. יענעם ווינטער האָט ראַיסע, וועלכע האָט זיך געשפּייזט מיט שוואַרץ, קלעפּעדיק ברויט, וואָס האָט איר געשמעקט ווי אַ גוט־אויסגעבאַקענע זעמל, זיך צוגעקוקט צו די געשעענישן, וועגן וועלכע זי האָט ביז דעמלט קיין שום אַנונג נישט געהאַט. דער קאָכעדיקער גאַנג פון דער געשיכטע, די פילפאַרביקייט פון אירע אויפשטייגן און די גרויזאַמקייטן פון אירע ירידות האָבן אָפּגעווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון די קליינע טאָג־טעגלעכע געברויכן.

ראַיסע האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט, ווו זי איז געווען באַים אַ צוהערערין. זי האָט אויך באַזוכט די קאָנסערוואַטאָריע. דער פידלער טאַמאַרקין, אַ שטייפער, בלייכער בחור מיט געקרייזלטע האָר, פלעגט זי יעדן טאָג אָפּפירן אַהיים. אַ געוויסן טאָג האָט זיך איר געמאַכט אויף דער האַנט אַן עגזעמע. ווען זי האָט זיך געפונען אין דאָקטערס קאַבינעט איז פּונקט אַריינגעקומען אַ צווייטער דאָקטער. ער האָט זי אַזוי אָנגענומען פאַר די הענט, ווי ער וואָלט רעכט געהאַט דערצו. דאָס איז געווען דער פסיכיאַטער סעבאַסטיאַן. טאַמאַרקין איז געווען אַ פריינדלעכער, סעבאַסטיאַן דאַקעגן איז דאָס נישט געווען. מ'האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרויסזען, ווי אַזוי ער וועט האַנדלען, וואָס ער וועט זאָגן. ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל צעקושט, האָט ראַיסע פּונקט געהאַט אַ צוקערל אין מויל. זי האָט זיך צעטיילט מיט אים. סעבאַסטיאַן האָט עס גלייך אויסגעשפּיגן. — אַזוי טוט מען נישט — האָט ער געזאָגט. אין פאַרלויף פון אַ יאָר זינט זייער באַקאַנטשאַפט האָט ראַיסע נישט געקאָנט באַגרייפן צו וואָס סעבאַסטיאַן צילט. ס'וואָלט זי לגמרי נישט געוווּנדערט, ווען ער וואָלט אַ געוויסן טאָג געזאָגט, אַז ער וויל מער זיך נישט זען מיט איר.

יענעם מאָנטיקדיקן אָוונט, ווען זי איז אַוועק זיך געזעגענען מיט אים, האָט זי זיך נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז סעבאַסטיאַן וועט פּרוּוון זי פֿאַרהאַלטן. ער האָט זי באַגריסט מיט אַזאַ פֿרייד, וואָס זי האָט ביי אים קיינמאָל נישט געזען. ער האָט אַרומגעשוועבט אַרום איר ווי אַ וואַרעמער וואָלקן. ווען ער האָט דערזען, אַז זי איז געקומען מיט אַ וואַליזקע, האָט ער ברייט אויפֿגעריסן די אויגן: — וואָס? ווילסט באמת אַנטלויפֿן? — ער האָט געפֿרעגט מיט אַזאַ ווייטיק, אַז ראַיסע האָט אָנגעהויבן זיך וואַקלען. אויך סעבאַסטיאַנס עלטערן האָבן זיך באַמיט זי צו פֿאַרהאַלטן. זי האָט זיי נישט געקענט, זיי האָבן אָבער זיכער וועגן איר געוווּסט מער, ווי זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. זי איז אַמאָל געהאַט געוווינט אין זייער וווינונג, אָבער סעבאַסטיאַן האָט זי דעמאָלט נישט פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זיינע עלטערן. איצט זענען טאַטע־מאַמע און דער זון געשטאַנען איבער איר און צוגערעדט זי זאָל פֿאַרבלייבן. טאַמאַרקין האָט זיך אויף איר נישט דערוואַרט. ראַיסע איז געבליבן ביי די גאָלדשטיינס אין דער גרויסער וווינונג, וואָס האָט געשמעקט מיט פֿאַנאַנדערפֿאַל שוין אויפֿן צווייטן טאָג מלחמה. ס'איז קענטיק געווען, אַז מען קימערט זיך מער נישט וועגן מעבל, אויף וועלכן דער שטויב האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשפּרייט. סעבאַסטיאַן איז געגאַנגען זיך לייגן שלאָפֿן אין איין צימער מיט זיינע עלטערן. ראַיסע האָט זיך געלייגט אין שכנותדיקן צימער. קיינער האָט זיך יענע נאַכט נישט אויסגעטאָן. אַלע טירן זענען געווען ברייט צעעפֿנט. ראַיסע האָט געהערט ווי די מוטער האָט געזאָגט צום פֿאָטער: סעבאַסטיאַן וועט איצט ווייניקער מורא האָבן. דער געדאַנק, אַז איר אָנוועזנהייט וועט ביי סעבאַסטיאַנען איינשטילן די מורא פֿאַר די אָנפֿליען, האָט זי גערירט. אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געטראַכט, אַז אפשר האָט זיין מוטער נישט געמיינט די אָנפֿליען.

II

די מלחמה איז אויסגעבראָכן זונטיק. מאָנטיק האָבן די רוסן אָנגעהויבן אַרויספֿירן זייערע פֿרויען און קינדער. דעם זעלבן טאָג נאָך, פֿאַרנאַכט־צו, האָט די כוואַליע פֿון עוואַקואַציע אַרומגעכאַפּט אַלע די, וועלכע האָבן מורא געהאַט פֿאַר די דייטשן. דינסטיק איז די כוואַליע אָפּגעפֿאַלן, מיטוואָך האָט זיך די לאַגע אויף אַזויפֿיל געענדערט, אַז די, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן, האָבן איינע געהאַלטן פֿאַר טפּשים, די אַנדערע

פאַר פאַרעטער. איבעריקנס זענען אַ סך פון די אַנטלאָפענע צוריקגעקומען, אויף די ווענן האָבן די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן זיי געמאָרדעט. מיטוואָך האָט בכלל די זון גאָר אַנדערש געלויכטן; די כאָוועטישע אַרטילעריע, וואָס האָט זיך איינגעאָרדנט אויף אַ הויכקייט, האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט בעת נישט פילצאָליקע, אַ צוויי צי דריי דייטשישע נישט שטאַרקע אָנפליען. דאָנערשטיק איז די עוואַקואַציע-כוואַליע פלוצלונג געשטיגן און געדויערט אַ גאַנצן טאָג. רוסן און אוקראַאינער פון יענער זייט זברוטש האָבן איבערגעלאָזט אַלץ, וואָס זיי האָבן אין דער קורצער צייט דעראָבערט אין יענע געגנטן און מיט קליינע פעקלעך אָדער אָן פעקלעך אויפגעלאָדן זיך אויף לאַסט-אויטאָס. ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז זיי האָבן מער מורא פאַר דער מלחמה, ווי די אָרטיקע איינוווינער. און ווירקלעך, זיי האָבן מער מורא געהאַט, ווייל זיי האָבן מער געוווּסט.

דעם זעלבן טאָג האָט די ציווילע באַפעלקערונג זיך איבערגעטראָגן אין די קעלערס. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די גאָלדשטיינס מיט ראַיסען. פרייטיק אין דער פרי האָט די דייטשישע אַרטילעריע געזייט איבער דער שטאָט פאַרוויסטונג. די ציווילע באַפעלקערונג האָט נישט אַרויסגעשטעקט די נאָז פון די קעלערס, זי האָט געוואַרט. מיטאָג-צייט האָט די שיסעריי אויפגעהערט. פאַרנאַכט איז אין קעלער אַריין דער הויזוועכטער מיט דער ידיעה, אַז אויף דער גאַס שטייט אַ מאָטאָציקליסט און פאַרריכט דעם מאָטאָר, ער האָט דערביי געשמייכלט אויף אַזאַ אופן, אַז אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט. די מער נייגעריקע זענען אַרויס, כדי אַ קוק צו טאָן אויפן סאָלדאַט פון דער פינפטער קאָלאָנע: אין אַ גרינער, לייוונטענער רובאַשקע, אין כאָלעוועס ווי צום טאַנץ, האָט מען אים געקאָנט אָננעמען פאַר אַ סאָלדאַט פון דער רויטער אַרמיי. אין שטאָט איז שוין נישט פאַרבליבן קיין סך סאָוועטיש מיליטער. פון צייט צו צייט איז עפעס אַן אויטאָ געפלויגן מיט דער גאַנצער פאַרע אין דער ריכטונג פון ליטשאַקאָוו. דער מאָטאָציקליסט האָט דערמלט אָפגעדרייט דעם קאָפ און זיך געמאַכט, אַז ער פאַרריכט דעם מאָטאָר. אויף דער פראַגע וווּהין ער פאָרט, האָט ער געענטפערט אויף אוקראַאיניש: — קיין קיעוו.

אויף צומאָרגנס, שבת, איז געוואָרן אַזוי שטיל, ווי די כוואַליע געשעענישן פון די לעצטע טעג וואָלט פולשטענדיק אָפגעפלאָסן. אין שטאָט האָט מען נישט געזען נישט קיין רוסן און נישט קיין דייטשן. ס'איז

אַזוי ווײַט שווער געווען זיך צו אָריענטירן ווי עס האַלט באמת מיט דער סיטואַציע, אַז קיינער האָט נישט געוואָגט צו באַפֿאַלן די קלייטן. די, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַ משוואָק אין די געשעענישן, האָבן פֿאַרזען זייער שעה.

אויס מורא, מ'זאָל נישט ראַבירן, האָבן די אײַנוווינער פֿון הויז, ווו עס האָבן געוווינט די גאָלדשטיינס, פּונקט ווי אין אַנדערע הײַזער, דיזשורירט בײַנאַכט אין טויער. זונטיק, אַרום דרײַ אַזייגער פֿאַרטאָג, איז ראַיסע אַראָפּ, כּדי איבערצונעמען די וואַך. אין קאָרידאָר, ווו ס'איז שטיל געווען ווי אויף אַ בית=עולם, איז געזעסן דער שוסטער בוך און שטיל געזאָגט תּהילים. ווען ער האָט דערהערט טריט, האָט ער אויפֿגעהויבן דאָס צעקנייטשטע, זויערע פּנים, אײַנגעלעגט דעם פֿינגער אין שפּייעכץ פֿון מויל, פֿאַרבויגן דעם ברעג פֿון בלעטל און געזאָגט: — זיי זענען שוין דאָ.

צוקוקנדיק זיך אָבער צו ראַיסען, האָט ער זײַנע ווערטער איבערגעזעצט אויף פּויליש:

— יוזש סאָן.

אין פֿאַרלויף פֿון טאָג האָט זיך דורכגעשיט די דײַטשישע אַרמיי, ס'האָבן דורכגעצויגן אויסגעבליאַקעוועטע טאַנקעלעך, דראָבנע ווי טאַמערישע פֿערדלעך; זיי זענען מיט גאַרניטש ענלעך געווען צו די פֿרישגעפֿאַרבטע סאָוועטישע טמאָקן, וועלכע זענען מיט אַ וואָך פֿריער געגאַנגען צו דער מערב=גרענעץ. בײַ די רודערס זענען געזעסן ייִנגלעך ווי געלד, צונויפֿגעוואָקסענע מיט דער מאַשין, ווי זיי וואָלטן אין איר געבוירן געוואָרן. שמייכלענדיקע, פֿרײַנדלעכע, האָבן זיי אַלע ווי איינער איבערגעחזרט, אַז אין פֿאַרלויף פֿון זעקס וואָכן וועט רוסלאַנד זײַן „קאַפּוט". ס'איז נישט געווען צו באַמערקן קיין שאָטן פֿון ספֿקות אין דעם, וואָס ס'האָבן געזאָגט די ראָזיקע ייִנגלעך, פֿון וועלכע קיין איינער איז דערנאָך נישט צוריקגעקומען: זיי האָבן באַמיסטיקט מיט זיך די אוקראַיִנישע סטעפּעס. אין שטאָט האָט מען זיי גערופֿן „ספּאָרט=וויקענד=אַרמיי". „ייִנגלעך ווי פּיסטאָלעטלעך" — האָבן געזאָגט די לעמבערגער פּראָסטיטוטקעס. אין די פֿוס=טריט פֿון די גאָלדענע ייִנגלעך פֿון דער ווערמאַכט זענען געפֿאָרן די שוואַרצע יונגען פֿון דער ס.ס. און דער געסטאַפּאָ.

אויף צומאָרגנס נאָכן אַרײַנמאַרשירן פֿון די דײַטשן איז ראַיסעס וואָרט געוואָקסן הונדערטפֿאַכיק. אין קעגנטייל צו די גאָלדשטיינס וועמען יעדעס באַווײַזן זיך אויף דער גאַס האָט געקאָנט ברענגען דעם טויט,

האָט זי, אַ העל־האָריקע, אַ הויכע, אַן ענלעכע אויף אַן אוקראַינקע, אַן אומבאַקאַנטע דאָ, געקאָנט זיך פריי באַוועגן. אויך אין שטוב זענען די גאָלדשטיינס נישט געווען זיכער מיטן לעבן. ראַיסע האָט איבערגענומען אַ טייל פון זייערע דאגות און זאָרגן. זי איז געווען דער פּאָרפּאָסטן פון די מענער, זי האָט פּאַרטרעטן די מוטער. אַזוי ווי אין שטאָט האָט געהערשט אַ הונגער, איז ראַיסע אַרומגעקראָכן איבער די קלייטן און „קוועלן“, כדי צו געפינען שפּייז. זי האָט ליב געהאַט צוריקצוקומען מיט „אַ סיורפּריז“, מיט אַ קילאָ צוקער, צי מיט אַ בינטל ציבעלעס. זי האָט זיך באַמיט צו באַקומען שפּייז, ידיעות און געזאָרגט וועגן דער זיכערקייט פון די גאָלדשטיינס.

אין אַ קורצער צייט נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן אין שטאָט, האָבן סעבאַסטיאַן און ראַיסע באַשלאָסן חתונה צו האָבן. סעבאַסטיאַנס פּאָטער, דער לעמבערגער פּסיכיאַטער קאַראָל גאָלדשטיין, אַ פּאַרערער פון געטע און לעסינג און זיין ווייב, די לערערין אַנגאַ, אַן עמאַנציפּירטע פרוי, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פּאַר אַ רעליגיעזער חתונה. נאָך פּאַר דער מלחמה האָט זיך געלאָזט באַמערקן, אַז אין שווערע מאָמענטן פון לעבן וואַרפן זיך פיל פּראָגרעסיווע מענטשן גערן אונטער רעליגיעזע דינים.

III

אויף צו מאָרגנס נאָך דער חתונה, האָט זיך דער ערשטער אויפגעכאַפּט פון שלאָף קאַראָל גאָלדשטיין. ער האָט דערהערט אַ קלונג און געגאַנגען עפענען די טיר. פּאַר אים זענען געשטאַנען אַן אוקראַינער און אַ דייטש און געשמייכלט צו אים. — טיפּיש — האָט דער דייטש אָפּגעשאַצט דעם פּסיכיאַטער מיט דער באָרד. אויף דער גאַס איז שוין געשטאַנען אַ גרופּע שכנים. — בלויז אונדזעריקע — האָט דער שוסטער בוד אין אַ שלעכטן פּויליש באַריכטעט דעם דאָקטער. עפּעס אַ פּאַרבייגייער האָט זיך הויך אויפן קול פּאַנאַנדערגעלאַכט: — אַנו, רעביאַטאַ, פּאַרוואָס זינגט איר נישט „מאַסקוואַ מאַיאַ“?

מ'האָט די גרופּע יידן געבראַכט צוטרייבן אין דער געביידע פון דער פריש אַנטשטאַנענער פּאָליציי און עטלעכע שעה האָבן זיי געאַרבעט אין גערטנדל. אַרום האַלבן טאָג האָבן דריי פּאָליציאַנטן אָנגעטאָן אין שאַרצן געמאָלדן, אַז ס'וועט זיין אַן איבעררייס אויף מיטאָג. דאָס מיטאָג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט די איינגעווייד פון דער

גאַס ל. איבערגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיי פאַרגעבן עט־לעכע פראַגן, אויף וועלכע זיי האָבן געדאַרפט ענטפערן מיט פאָלגנדי־קע דריי ווערטער: יידן, רום אוקראַינע.

— ווער האָט אַרויסגערופן די מלחמה?

— יידן, רום אוקראַינע.

— ווער האָט אַרויסגעגעבן די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן צו די באָלשעוויקעס?

— יידן, רום אוקראַינע.

— ווער איז דער גרעסטער שונא פון אוקראַינע?

— יידן, רום אוקראַינע.

— ווער האָט דערמאָרדעט פּעטליורען? ווער האָט דערמאָרדעט די אוקראַינער אויף לענצקי?

נאָך יעדן ענטפער האָבן זיי באַקומען אַ נייע פראַגע און מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. דערנאָך האָט מען זיי געטריבן צום ראַנד פון דער שטאָט, ווו ס'האָבן זיך געפונען פערד־שטאַלן. זיי האָבן געדאַרפט אַרויסוואַרפן דאָס מיסט. דער דייטש, וועלכער האָט געהאַלטן וואַך איבער זיי, האָט אין מיטן דער אַרבעט זיי געשטעלט עטלעכע פראַגן, וואָס די אוקראַינער האָבן זיי פאַרגעבן. דער ענטפער האָט געדאַרפט זיין אַן ענלעכער, כאָטש אַ קירצערער:

— ווער האָט אַרויסגערופן די מלחמה?

—די יידן.

— ווער איז דער גרעסטער שונא פון דייטשישן פאָלק?

— די יידן.

— צו וועמען פאַלן שטענדיק און אומעטום אַריין די רווחים?

— צו די יידן.

— ווער הערשט מיט רוסלאַנד? ווער הערשט מיט ענגלאַנד? ווער הערשט מיט דער וועלט?

— די יידן.

די יידישע איינוווינער פון דער גאַס ל. האָבן אַרויסגעטראָגן פון די שטאַלן טראָגברעטער און דער דייטש איז נאָך זיי נאָכגעלאָפן, באַגלייטנדיק זיי מיט קלעפּ, מיט אַ פּוס פון אַ שטול. דער אַלטער דאָקטער האָט גע־טראָגן די טראָגברעטער צוזאַמען מיטן שוסטער בוד, וועלכן מ'האָט אַרויסגעשלעפּט מיט היץ פון בעט. אים האָט דער דייטש אָפטער ווי אַנדע־

רע געשלאָגן מיטן פּוס פון שטול. ער האָט אים ווידער אַ זעץ געטאָן, פאַדערנדיק פון אים אַ קורצן ענטפער אויף דער פראַגע: — ווער הערשט מיט דער קאַפּיטאַליסטיש־באָלשעוויסטיש־יעזואיטישער וועלט? — די יידן — האָט מיט אַ פאַרפינצטערט פּנים געענטפערט דער שוסטער בוך. דעמלט האָט דער אַלטער פּסיכיאַטער אַוועקגעשטעלט דאָס טראָגברעט, אָנגענומען זיך ביי די זייטן און אַ געשריי געטאָן: — נישט אמת! אַ ליגן! — אַזוי זאָגסטו, ייד, האָט דער אויסערסט פאַרוואונדערטער דייטשישער סאָלדאַט געענטפערט, און דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האַלט דעם פּוס פון אַ שטול, האָט ער דעם דאָקטער מיטן גאַנצן כוח אַ זעץ געטאָן מיט אים.

דער פּסיכיאַטער איז פאַרנאַכט צוריקגעקומען אַהיים אַ צעשלאָגענער, פאַרבלוטיקטער, ער איז לאַנג געלעגן אָן באַוועגונג און אָן אַ וואָרט צו זאָגן. זיין פרוי אַננאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און אומאויפהערלעך איבערגעחזרט: „באַרבאַרן". נאָך צוויי שעה ערשט האָט זיך דער אַלטער דאָקטער אויפגעהויבן, אָרומגעוואַשן זיך, געטוישט דאָס העמד, געהייסן אַריינרופן דעם הויז־וועכטער וולאַדיסלאַוו און פאַרגעלייגט אים דעם דעמבענעם קרעדענס, וואָס איז געווען די צירונג פון עסצימער. וולאַדיסלאַוו, זייענדיק אַ פויער, וועלכער, פּונקט ווי אַן אינטעלעקטואַליסט, האָט אַן איינגעשאַפּט אַריינצודרינגען טיפער אין דער זאַך, האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס עפּעס?

— וויל כ'וויס, אַז אייך, וולאַדיסלאַוו, געפעלט שוין לאַנג דער קרעדענס.

— נו, אָבער פאַרוואָס? — האָט וולאַדיסלאַוו ווידער געפרעגט, וויל ער איז געווען אַ מענטש אַ פּראַקטישער. נישטערנדיק דאָרט, וו, צום ביישפּיל, די איידלקייט נישט איידעלע מענטשן צו שטעלן פראַגן (פון דאַנען שטאַמט, וואָס איידעלע מענטשן אָריענטירן זיך ווייניקער אין לעבן).

— דערפאַר, מיין ליבער וולאַדיסלאַוו, וואָס כ'וואָלט זיך געוואָלט אַריבערטראָגן אין וועשעריי אין קעלער און כ'וואָלט געוואָלט האָבן אייער הסכמה דערויף.

— פאַרוואָס נישט? — האָט געענטפערט דער הויז־וועכטער. — מ'קאָן, כאָטש ס'איז בעסער, אַז ס'זאָל קיינער נישט וויסן, וויל מענטשן זענען היינט דאָ פאַרשידענע.

אויף צומאָרגנס האָט וולאַדיסלאַוו צוגענומען דעם קרעדענס, אָבער דער פּסיכיאַטער האָט אין קעלער אויסגעהאַלטן בלויז עטלעכע שעה. זיך אומקערנדיק פֿון אונטערערד, האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט בשום אופֿן אַהין נישט צוריקגיין. טראָץ די פּראָטעסטן פֿון זײַן פֿרוי, איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב. זינט אַ געוויסער צײַט האָט ער געבעטן זײַן זון, ער זאָל אים אײַנשאַפֿן אַ שטעלע אין שפּיטאָל, אָבער אומזיסט. אין די נייע באַדינגונגען איז די אַרבעט אין שפּיטאָל געווען אַ ווערשפּולע זאַך און קיין צוויי ערטער האָט מען די גאָלדשטיינס נישט געוואָלט צוטיילן. דער אַלטער פּסיכיאַטער האָט באַשלאָסן אַליין צו גיין זיך דורכרעדן וועגן דעם ענין. ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן; ער איז אַהיימגעקומען מיט אַן אויסווייז. דאָס איז פֿאָרגעקומען דעם צווייטן פֿרײַטיק זינט די דײַטשן זענען אַרײַן אין שטאָט. דעם ערשטן האָט מען גערופֿן „שוואַרצער פֿרײַטיק„. אין יענעם „שוואַרצן פֿרײַטיק“ זענען איבער יידישע הײַזער אַרומגעגאַנגען מיט ליסטעס „קבֿרנים“ אין דער באַגלייטונג פֿון דײַטשן און אַרויסגעשלעפּט דאָקטוירים, אינזשינערן, אַדוואָקאַטן און סוחרים.

עס האָט שוין געגרויט אויף טאָג, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ קלינג פֿון גלעקל. דער אַלטער פּסיכיאַטער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן פֿרוי און מיטן אויסווייז אין האַנט אַוועק עפֿענען די טיר. ער האָט זיך נישט אומגעקערט, יענע נאַכט האָבן אַננאַ, סעבאַסטיאַן און ראַיסע נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. יענע נאַכט האָבן אין לעמבערג געוואַכט הונדערט טויזנט מענטשן, אַרומקריכנדיק פֿון ווינקל צו ווינקל איבער די פֿינצטערע צימערן אָדער ליגנדיק אין די קליידער אויף די בעטן. דאָס אַרויסשלעפּן מענטשן האָט ווידער אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. דאָס צימער פֿון ראַיסען און סעבאַסטיאַן האָט זיך געפֿונען פֿון דער זײַט פֿון גאַס. אַרום האַלבע נאַכט האָבן זיי דערהערט אַ שווער, ריטמיש קלאַפּן. דאָס קלאַפּן איז דערגאַנגען פֿון דער שכנותדיקער, אומזעבאַרער גאַס און איז מיט יעדער מינוט מאַסיווער געוואָרן. הינטערן פֿענצטער האָט דאָס פּוסטע שטיקל גאַס, וואָס איז צעפּרעסן געווען פֿון דער לבֿנה, געבלאָזן מיט קעלט, מיט שטומקייט און גרויל. ס'האָט געטריפֿט אַ רעגנדל. מ'האָט נאָך אַלץ גאָרנישט געזען. די מוטער איז אַרײַנגעלאָפֿן אין די קינדערס צימער און איר שרעק האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער שרעק פֿון יונגן פּאָרפֿאָלק, פּונקט ווי אַ טײַך גיסט צונויף זײַנע וואַסערן מיט די וואַסערן פֿון אַ צווייטן טײַך. ענדלעך האָט זיך אין קליינעם געסל ל. באַוויזן די מחנה: מענער, פֿון וועלכע אײנע זענען געווען אין מאַרינאַרקעס, אַנדערע

אין כאַלאַטן, פּרויען אין נאַכט־העמדער, וואָס האָבן מיט זייער ווייסקייט אַרויסגעקוקט פון אונטער די מאַנטלען, קינדער... די טריט האָבן געקלונגען איבער די אַרויסגעסטאַרטשעטע שטיינער פון גאַס. דאָס איז געווען די איינציקע שטימע פון לעבן, וואָס די מחנה האָט אַרויסגעבראַכט פון זיך. ביי די זייטן האָבן געשפּרייזט באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן קאָנוואָיענטן. ווען די מחנה איז צוגעשוואומען נעענטער, האָט זיין שווערער אָטעם אַ זעץ געטאָן אין די, וועלכע האָבן אונטערגעהערט אויף דער צווייטער זייט פענצטער. דעם צוג האָט פאַרמאַכט אַ קליינער אויטאָ, געפירט פון עמעצן, וואָס האָט מסתמא אויף דעם אויסטערלישן בילד געקוקט מיט נייגיר; ער האָט לאַנג נישט אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

אין איין ווינקל פון פענצטער זענען געשטאַנען ראַיסע מיט אַננען און אין צווייטן, סעבאַסטיאַן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך, אַז מ׳זאָל זיי נישט דערזען פון אונטן. אין אַ געוויסן מאָמענט איז אַננאַ, פאַרבייגנדיק די פּאַרזיכטיקייט, אַריבערגעלאָפן צום זון. ראַיסע האָט זיך נישט געקאָנט אָריענטירן, וואָס ס׳איז געשען. ערשט אין אַ ווײלע אַרום האָט זי דערזען, ווי סעבאַסטיאַן ציטערט און זיין מוטער גלעט אים איבערן פּנים, איבער די הענט, ווי מען גלעט אַ קליין קינד. סעבאַסטיאַן האָט נאָך לאַנג געציטערט, אין זיין פּנים איז געווען עפּעס אַ באַזונדערער אויסדרוק, וואָס מ׳האָט דייטלעך געזען ביי דער ליכט פון דער לבנה.

די אוקראַינער פון אוקראַינישן לעגיאָן, וועלכע זענען אַהער געקומען צוזאַמען מיט די דייטשן, האָבן די אָרטיקע באַפעלקערונג גערופן „ווייכע אייער“. די דייטשן האָבן צעשאָסן מענטשן אין לישעניצקער וואַלד. ווען זייערע קרבנות האָבן זיך געפונען אויפן בריקל, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן איבערן זאַמדיקן גרוב, האָבן די באַדינער פון די מאַשינביקסן, וועלכע זענען פאַרשטעקט געווען אין די קוסטעס, געעפנט אַ פייער. לישעניצער מענטשן, וועלכע זענען אַנטלאָפן אין שטאָט, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן דאָס קרעכצן און די געשרייען פון די קרבנות, האָבן דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען. קיינער האָט זיי נישט געגלויבט. גאַנץ לעמבערג איז באַשטאַנען פון „ווייכע אייער“. אין פאַרגלייך מיטן שפּעטערדיקן ים בלוט, איז דערווייל דאָס בלוט געפלאָסן מיט אַ קליינעם שטראָם. די משפּחות האָבן געגלויבט, אַז די, וועלכע מ׳האָט אַוועקגענומען, פאַרריכטן די בריקן. אויך אַננאַ האָט געגלויבט, אַז איר מאַן, דער אַלטער פּסיכיאַטער לאַטעט בריקן, און זי האָט יעדן טאָג מיטן באַרשטן־בעזעמל גערייניקט זיינע קליידער.

אין גאָוועמבער איז קיין לעמבערג אָנגעקומען דעם גענעראַל רייני־האַרדס „פּאַרטיליקונגס־שטאַפּעטע“ און אַרויסגעפּאָדערט די זקנים, קאַליקעס, בעטלער און אַנדערע „אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן“. נאָך אַ ישובֿ־הדעת האָט די גמינע באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די נישט פּראָדוקטיווע עלעמענטן. יעדן טאָג האָט מען געזען דורכציען דעפּילאַדעס פון וועלכע די קאָנוואָיענטן אפילו האָבן זיך געהאַלטן אויף אַ געווויסער דיסטאַנץ — פון הרפה. ס'איז נישט געווען קיין מענטשלעך באַשעפעניש, וואָס זאָל קאָנען רואיק קוקן אויף די מענטשלעכע שמאַטעס, אויף דער דעפּילאַדע פון קאַליקעס — ס'האָט געשטיקט אין האַלדז. ווען די יידישע פּאָליציי האָט פאַרענדיקט דאָס אויסכאַפּן די אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן, האָט רייניהאַרדס שטאַפּעטע געהאַלטן, אַז די צאָל צוגעשטעלטע קרבנות איז נישט קיין גענוגנדיקע און אליין צוגעטראָטן צו דער „אַרבעט“. מענטשן האָבן מיט איבעראַשונג דערציילט, ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען. דייטשן האָבן זיך פאַרשטעקט אין טויער און ווען זיי האָבן דערזען אַ ביסל אַן עלטערן מענטש. האָבן זיי אים דיסקרעט גערופן מיטן פינגער, זיי האָבן דאָס געמאַכט דעליקאַט, מיט אַ שמייכל... דער קרבן איז צוגעגאַנגען אָן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד, אָן גלויבן אין ווערט פון קעגנשטעלן זיך. אַלץ איז פון פאָרויס געווען צוגעגרייט. אַלץ איז פאָרגעקומען אין שווייגעניש. אַזוי האָט עס אויסגעזען אין די יידישע געגנטן, ווו די יאַגד איז געווען די גרעסטע. אָבער אויך אין די אַנדערע קוואַרטאַלן, אין דער גאַנצער שטאָט האָט מען געמוזט אויסבאַהאַלטן עלטערע מענטשן. דערביי איז נישט מעגלעך געווען צו וויסן, ווו ס'געפינט זיך די גרענעץ פון עלטער, יעדעס מאָל איז די גרענעץ אָפּהענגיק געווען פון דער צופעליקער אָפּשאַצונג פון די דייטשן. פאָטערס מיט זיידעס, מוטערס מיט באָבעס האָט מען אויסבאַהאַלטן צוזאַמען אין אַרישע קעלערס, וואָס מ'האָט אָפּגעדונגען פאַר געלט, פאַר אַ גוט וואָרט. אַנגען האָט מען אינדערפרי פאַרמאַכט אין קעלער און אָוונט־צייט ערשט זי אַרויסגעלאָזט. די עלטערע פרוי פלעגט זיך אומקערן פון קעלער מיט אַן איינגעשרומפּן, פאַרשוואַרצט, דרייעקיק פּנימל. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון שטול, לאַנג געשוויגן און לסוף געפרעגט מיט איר גראָבער שטימע: — איז דאָס אמת, אַז זיי נעמען אונדז אויף גולאַש?

רייניהאַרדס שטאַפּעטע איז אָפּגעפאָרן. ס'זענען אַריבער געגאַנגען דריי רואיקע טעג. נאָך עטלעכע שעה, ווי ראַיסע האָט פאַרלאָזט דאָס הויז האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים. אויף די טרעפּ האָט זי דערהערט

אַ שטימע הינטער זיך: — קאָם, סאַראַ, קאָם הער. — זי האָט דערפילט אַ ביטערניש אין מויל. זי האָט זיך אומגעדרייט. פון וועכטער־הייזל איז אַנטקעגנגעקומען אַ דייטשישער זשאַנדאַרם אין אַ לאַנגער קורטקע אין אַ העלם. ער איז ענלעך געווען אויף אַ פּרוי.

— סאַראַ? — האָט ער ווידער געפרעגט.

ראַיסע האָט אָפּגעלייקנט מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ. דער זשאַנדאַרם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דאָס זעט מען.

ער איז פאַרבליבן אויפן פּאַרטער. ראַיסע האָט פאַרגעזעצט דעם וועג דורך די שטיגן. ווען זי איז צוגעקומען צו זייער וווינונג, האָט זי געטראָפן די טיר ברייט צעעפנט. פון שטוב איז צו איר דערגאַנגען אַזאַ דיאַלאָג:

— קום,אַלטע.

— כ'בין נישט אַלט.

— ביסט! ביסט אויף שמעלץ...

סעבאַסטיאַנס מוטער אין דער באַגלייטונג פון אַ זשאַנדאַרם איז פאַרבייגעגאַנגען ראַיסען. אויף איר געזיכט האָט זיך געבלאָנקעט אַ צייכן פון אַ שמייכל. די יונגען פון דער שטאַפּעטע האָבן זיך יענעם טאָג צוריקגעקערט פון זשולקעוו. דאָס אַרויספאָרן און צוריקקומען אויף אַן אומדערוואַרטן אופן איז געווען איינער פון זייערע „אַרבעטס־מעטאָדן״.

פּאַראַן ווערטער, וועלכע באַדייטן אין דער איבערזעצונג אויף אַנדערע שפּראַכן דאָס זעלבע, און דאָך באַדייטן זיי ווייניקער. דער סך־הכל פון דערפאַרונגען איז נישט ביי יעדן פאָלק קיין גלייכער. קיין שום פאָלק האָט נישט אַזויפיל סינאָנימען פון ליידן, ווי עס האָבן יידן. דאָס ספר איוב האָט נישט אָנגעשריבן קיין פראַנצויז און אַפילו קיין רוס. אַלע ווייסן, אַז דאָס, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט נישט קיין גלייכווערטיקן אויסדרוק אין דער געשיכטע, און דאָך קאָן מען אַזעלכן געפינען אין אַלטן וואָרט־אוצר ביי יידן. אַ געוויסער מעמואַרן־שרייבער האָט פאַרצייכנט, אַז אין קאַמף קעגן די יידן איז די דייטשישע סטראַטעגיע באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געצילט די קרבנות צו צעברעכן מיט טאָג־טעגלעכע שיקאַנעס און שאַפן אַן אַטמאָספער פון כסדרדיקן גרויל. אַ צווייטער שרייבט, אַז זי איז באַשטאַנען

אין אַ סיסטעמאַטישער אַרבעט, וואָס איז יעדן טאָג באַרייכערט געוואָרן מיט נייע סורפּריזן. אין לעמבערג, ווו אַלע יידן האָבן געקענט „די אַלטע סלאַווישע שפּראַך" — דייטש, פלעגט מען זאָגן: מאַן ווייסט ניכט, פאָן וואָ דער שלאַג קאָמט.

אין אַזעלכע באַדינגונגען זענען געפלאָסן ראַיסעס האָניק־מאָנאַטן. לויטן אַלטן יידישן שטייגער דאַרף מען זאָגן, אַז אַזעלכע האָניק־מאָנאַטן וואָלט מען קיינעמען נישט געדאַרפט ווינטשן. דאָס איז אמת. און דאָך האָט דאָס אינטימע לעבן אין וועלכן ראַיסע איז אַריינגעטראָטן, אויסגעפילט אירע טעג מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי האָט ביז איצט נישט געקענט. ס'האָט זיי אויסגעפילט איין נאָמען, דער נאָמען פון ערשטן מאַן אין איר לעבן. די וועלט האָט זיך פאַר ראַיסען פאַרשמעלערט, מ'האָט זי געקאָנט אַרומנעמען. נישט שטענדיק האַרמאָניזירט די שטראַלונג פון פערזענלעכן לעבן מיט די געשיכטלעכע געשעענישן.

IV

אין לעמבערג איז מען איבערצייגט געווען, אַז די דייטשישע בעסטיאַליטעט האָט זיך אויסגעשפּרייט בלויז אין די געגנטן, וועלכע עס האָבן פאַרלאָזן די באָלשעוויקעס. אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַן עקזאָדוס. אַלע די, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט, זענען אַרויסגעפאָרן. נישט גרויס איז אָבער געווען זייער צאָל. אַרויספאָרן האָבן געקאָנט אין דער ערשטער ריי מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט געלט אָדער די, וועלכע האָבן געהאַט משפּחה אין דעם אַזוי גערופענעם „גענעראַל גוווערנעמענט". מ'האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין אויסער דער גרענעץ פון דער שטאָט, באַווייזן זיך אויף געוויסע גאַסן, פאָרן מיט דער באַן — אייגנטלעך האָט מען גאָרנישט געטאָרט. צו פאַרלאָזן די שטאָט האָט מען געמוזט האָבן לינקע פּאַפּירן, מ'האָט געדאַרפט געפינען אַ וועגווייזער, מ'האָט'געדאַרפט — צאָלן, צאָלן, צאָלן. די וועגווייזערס (אַ נייער מקור פון פּרנסה) האָבן נישט גערן מיטגענומען פערזאָנען מיט אַ „שלעכטן אויסזען". אויב מ'האָט געוואָלט זיי זאָלן דורכפירן אַ קינד, האָט דאָס קינד געמוזט פאַר זיי באַלייגן אַן עקזאַמען פון דער קריסטלעכער רעליגיע. טונקענדיק זיך אין רציחות איז די וועלט געוואָרן אַ קריסטלעכע. ראַיסע און סעבאַסטיאַן האָבן זיך נישט געקאָנט דעצידירן צו פאַרלאָזן די שטאָט. ווי נאָר די כוואַליע רציחות איז אַ ביסל אָפּגעטראָטן, האָבן זיי איבערגערוקט דעם טער-

מין. די שטעלע פון אַ דאָקטער האָט געגעבן געוויסע פריווילעגיעס. ראַיסע האָט אויך באַקומען נישט קיין שלעכטע אַרבעט. ערשט אין אויגוסט 1942, ווען די כוואַליע פון גרויסע מאָרדן האָט פאַרגאָסן לעמבערג, האָבן זיי פאַרלאָזן די שטאָט.

זיי האָבן אויך אין וואַרשע אַריינגעטראָפן אויף אַ צייט פון פאַרשטאַרקטע שחיטות. יענעם זומער האָבן די פאַרברעכנס אין גאַנצן לאַנד דערגרייכט זייער הויך־פונקט. איינשטעלנדיק דאָס לעבן האָבן פוילישע באַקאַנטע אַריינגענומען ראַיסען און סעבאַסטיאַנען אויף עטלעכע טעג. זיי האָבן זיך באַמיט און באַקומען אַ צייגעניש, וואָס האָט פעסטגעשטעלט, אַז סעבאַסטיאַן איז באַדראָט פון טובערקולאָז און אים איז נויטיק אַן אויפהאַלט אין אָטוואָצק. ראַיסע האָט זיך איבערגעטראָגן מיטן מאַן קיין אָטוואָצק. כדי וואָס ווייניקער זיך צו ווייזן אין שטעטל, האָבן זיי זיך איינגעבעטן ביי דער ווירטין פון הויז, אַז זי זאָל פאַר זיי קאָכן מיטאָגן. די ווירטין, אַן עלטערע פרוי, אַן אַלמנה נאָך עפעס אַן אָנגעזעענעם ענדעקישן טוער, איז איינגעגאַנגען אויף זייער בקשה און דערביי זיך אַרויסגעוויזן פאַר דער ערלעכקייט אַליין. זי האָט געציטערט נישט צוצורעכענען אַ גראָשן מער, ווי זי האָט אויסגעגעבן. ראַיסע האָט זיך צוגעזאָגט, אַז נאָך דער מלחמה וועט זי דער אַלטימשקער קויפן אַ שפיגל־שאַנק און „זיך מודה זיין פאַר איר אין אַלעמען". די וווינונג האָט אָבער געהאַט אַן „אָבער": איין אָדער צוויי מאָל אין וואָך פלעגט צו דער ווירטין קומען איר 18־יעריקע פלימעניצע, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז אין סעבאַסטיאַנס אַקצענט איז פאַראַן עפעס אונגאַרישעס. אויף צומאָרגנס איז ראַיסע אַוועק קיין וואַרשע זוכן אַ נייע וווינונג. ווען זי האָט דערזען מיט וואָס פאַראַ שוועריקייטן דאָס איז פאַרבונדן, האָט זי באַשלאָסן מיט די נעגל צו קלאַמערן זיך אין אָטוואָצק. דער אונגאַרישער אַקצענט איז איבעריקנס אַראָפ פון טאָג־אָרדענונג. סעבאַסטיאַן האָט געצייכנט דעם פאָרטרעט פון דעם יונגן מיידל און נישט געקאַרגט איר קיין שיינקייט, וואָס גאָט האָט איר געקאַרגט.

דעם פערטן מאָנאַט שוין זענען זיי געזעסן אין אָטוואָצק. פון צייט צו צייט האָט זיך ראַיסע אַראָפגעכאַפט קיין וואַרשע און פאַרקויפט עפעס פון די קאָסטבאַרע קלייניקייטן, וואָס זיי האָבן אָפגעראַטעוועט. פון דעם האָבן זיי געלעבט. יעדעס מאָל וואָס זי איז געפאָרן קיין וואַרשע האָט זי געזאָגט דער אַלטער ווירטין, אַז זי פאָרט צו משפחה, אַזוי האָט בעסער געקלונגען. די ווירטין האָט איר נישט געשטעלט קיין פראַגן. איינמאָל,

ווען זי איז צוריקגעקומען פון וואַרשע, האָט זי דעם מאַן אירן נישט געטראָפן. — ער איז געפאָרן צום קוזין קיין וואַרשע — האָט איר מודיע געווען די ווירטין. ראַיסע האָט אין אויגנבליק נישט באַגריפן וואָס דאָס באַדייט. סעבאַסטיאַנס אַלע קוזינען זענען שוין פון לאַנג געווען אויף יענער וועלט אָדער זיי „זענען געלעגן ערגעץ אויף די פּאָליצעס, ווי שטיקלעך זייף". זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ס'איז געשען עפּעס שרעקלעכעס און מ'וועט דאַרפן זיך קלייבן אַנטלויפן.

— מושקאַ! — האָט צו איר געזאָגט סעבאַסטיאַן, ווען ער איז ענדלעך צוריקגעקומען — מושקאַ! כ'האָב זיך אַזוי געלאַנגווייליקט! ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער סופית וועט מיר אַראָפּפאַלן אויפן קאָפּ!

זינט דעמלט האָבן די וואַרשעווער גאַסן, וואָס זענען רייך געווען אין פאַרשיידענע אַטראַקציעס, איינדרוקן, געלאָקט סעבאַסטיאַנען און די „רייזעס צום קוזין" האָבן זיך איבערגעחזרט. ביים פערטן אָדער פינפטן מאָל זענען אין דער געגנט פון דער מיראָווער האַלע צוגעטראָטן צו אים צוויי „פיינע" חברה־לייט. — אייערע דאָקומענטן? — סעבאַסטיאַן האָט אַרויסגענומען די דאָקומענטן. — פאַלשע — האָבן זיי געזאָגט. — קומט מיט אונדז אין טויער וועלן מיר זיך איבערצייגן. —אין טויער האָט סעבאַסטיאַן איינעם געגעבן אין די ציין און דעם צווייטן אַ קאָפּע געטאָן אונטערן בויך. אַ טריומפירנדיקער איז ער געקומען אויף דער טרעפונג מיט ראַיסען:

— מושקאַ! כ'זאָג דיר, כ'האָב זיי שוין איינמאָל דערלאַנגט! איינער פון זיי האָט זיך אַזש באַגאָסן מיט בלוט!

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז צוזאַמען מיטן מאַנטל האָט ער געלאָזן דעם פּאָרטפעל, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען דאָס איינמעלדונגצעטל. ראַיסעס און סעבאַסטיאַנס אַדרעס האָט זיך אַזוי אַרום געפונען אין די הענט פון שאַנטאַזשיסטן.

זיך אומקערן קיין אָטוואָצק האָט באַדייט צופיל ריזיקירן. ס'האָט זיך איצט געשטעלט דאָס שווערע פּראָבלעם פון אַ נייער וווינונג, און זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן זוכן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי האָבן אַלעמען געפרעגט „צי זיי ווייסן נישט וועגן עפּעס". צו ראַיסעס גרויסער פאַרצווייפלונג האָט „קיינער נישט געוווּסט". אַ געוויסן טאָג האָבן זיי זיך געפונען אויף זשאָליבאָזש, אין קליינעם הויף־געסל פון איינשטאָקיקע הייזקעס. אַן אויסערסט דערשעפּטע האָט ראַיסע אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער בעסטער טיר. זי האָט דערהערט ווי עמעצער גראַבלט זיך איבער

די שטיגן. די טיר האָט אויפגעמאַכט אַן אַלטיטשקער און נאָכן אויס־טויש עטלעכע ווערטער האָט ער זי פאַרבעטן צו זיך אויפן ערשטן שטאָק, ווייל ראַיסעס אַקצענט איז אים געפעלן געוואָרן.

— פון ווילנע, זע איך.

— פון ווילנע.

אויסער דער אָפּשטאַמונג האָט ראַיסע אין איר ביאָגראַפיע נישט געמוזט גאָרנישט ענדערן. קיין ליבט איז נישט געווען און דאָס געשפּרעך אויף ווילנער טעמעס האָט זיך געצויגן אין דער אָוונט־דעמערונג. ראַיסע האָט פון פאָרויס געהאַט צוגעגרייט „אַ געשיכטע“: זיי האָבן געוווינט אויף דער פּראָווינץ און איצט איז זיי עפּעס אומגעקומען אין וואַרשע און זי וואָלט געוואָלט זיך איבערטראָגן אַהער מיטן מאַן.

— צי איז פאַראַן ביי אייך אַ צימער?

— פאַראַן.

— ראַיסען איז דורכגעגאַנגען אַ ציטער.

— קאָן מען האָס צימער דינגען? — האָט זי געפרעגט מיט אַ וויל־נער אַקצענט.

מ׳קאָן — האָט געענטפערט אויך מיט אַ ווילנער אַקצענט דער גע־וועזענער ריכטער פון ווילנע.

ראַיסע האָט געלאָזן האַנטגעלט. צום גליק האָט זי געהאַט אַזוי גע־לונגען פאַרפירט דעם שמועס, אַז זי האָט אפילו נישט געמוזט אָנגעבן קיין נאָמען, וואָס זי האָט נאָך נישט געהאַט. די דאָקומענטן־מאַכערס, וועלכע האָבן בעת דער אָקופּאַציע געהערט צו די מוטיקסטע מענטשן, האָבן איר איצט געדאַרפט אַ נאָמען געבן.

דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט זיך איינגעאָרדנט ביים געוועזענעם ריכ־טער קאַטשאַל אויף דער הויקע־גאַס. די פּאַפּירן־פעלשער האָבן ראַיכען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי קאָנען בלייבן ביים אַלטן נאָמען. דער אַד־רעס איז טאַקע אַרייגעפאַלן אין די הענט פון שאַנטאַזשיסטן, אָבער ס׳איז געגאַנגען אַרויסצונעמען די מעלדונג־קאַרטאָטעקע — וואָס מ׳האָט געקאָנט דערליידיקן פאַר נישט קיין גרויסער סומע געלט — כדי זיי זאָלן ווייטער קאָנען בלייבן אויפן זעלבן נאָמען. אין פאַרלוירן גע־גאַנגענעם מאַנטל האָט זיך אויך געפונען איינס פון די צוויי אוירינגלעך מיט בריליאַנטלעך — דאָס לעצטע ביסל פון זייער פאַרמעגן. זייער גאַר־

דעראָב איז פאַרבליבן אין אָטוואָצק, זיי האָבן איצט פאַרמאָגט נאָר דאָס,
וואָס זיי האָבן געבראַכט אויף זיך. זיי האָבן געמוזט פאַרקויפן דאָס צווייַ=
טע אויסגעבליבענע, כדי זיך ווי ניט איז אָנטאָן, אַזוי אַז „אויף אַ שוואַרצער
שעה“ איז זיי גאָרניט געבליבן. זייער מאַטעריעלע לאַגע איז איצט גע=
ווען אַ טרויעריקע, אָבער אינגיכן האָט זיך אַלץ פולשטענדיק געענדערט.
אַ געוויסן טאָג האָט ראַיסע באַגעגנט אַ גוטבאַזיצער, מיט וועלכן איר
פאָטער האָט געפירט געשעפטן און דער גוטבאַזיצער האָט זי באַקענט
מיט עטלעכע סוחרים. די באַקאַנטשאַפט מיט אייגעם פון זיי, מיט אַ גע=
וויסן יוזעף, האָט ראַיסען אָפּגעראַטעוועט פון גויט. יוזעף האָט געהאַנדלט
מיט אַלץ, פון וואָס ס׳איז באַשטאַנען די באַקליידונג פון דייטשישן סאָל=
דאַט. אַזאַ סחורה האָט זיך לייכט פאַרקויפט. יעדן אינדערפרי האָט ראַיסע
עטלעכע שעה פאַרבראַכט אין די האַלעס, דערנאָך האָט זי איינגעקויפט
אויף מיטאָג און אָונט-ברויט און זיך אומגעקערט צו איר מאַן „מושקאַ“.
קומענדיק אַהיים האָט זי פייער געמאַכט אין דער הרובע, אָפּגעשיילט די
קאַרטאָפל און געקאָכט מיטאָג. ביסלעכווייז האָט זי זיך צוגעוווינט צו
אַ לעבן, אין וועלכן זי האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פרוי און אַ מאַן
גלייכצייטיק. מיטן סטאַבילוזירן זיך פון דער לאַגע, האָט זיך אויפגע=
וועקט אַ באַדערפעניש צו טאָן עפּעס, וואָס וועט נוציק זיין אין דער
צוקונפט. זי האָט באַגעגנט אַ פּראָפעסאָר פון לעמבערגער קאָנסערוואַ=
טאָריע און זיך אָפּגערעדט מיט אים, אַז זי וועט קומען שפּילן צוויי מאָל
אין דער וואָך. אַ געוויסע אלמנה נאָך אַ פּולקאָווניק, וועלכע האָט געוווינט
אויבן פאַרטער און פאַרמאָגט אַ פּאַרטעפּיאַן, איז איינגעגאַנגען, אַז ראַ=
ראַיסע זאָל זיך מיט אים פּאַר אַ קליינעם אָפּצאָל באַנוצן צו איבן זיך.
זי האָט זיך אויך אָנגעהויבן לערנען ענגליש. אין יענעם יאָר האָבן אַלע
געלערנט זיך ענגליש, פּונקט ווי די בריטישע אינדזלען וואָלטן זיך גע=
פונען הינטער מילאַנוועק. די אָפּאָקאַליפּסע האָט ווייטער געדויערט,
אָבער מ׳האָט זיך צו איר צוגעוווינט און אין די גרענעצן פון דער אַפּאָ=
קאַליפּסע זענען איינע אומגעקומען, די אַנדערע דאַקעגן, וואַרטנדיק אויף
זייער ריי, האָבן געפרווט דערווייל זיך איינצואָרדענען דאָס לעבן מיט
ענגליש און מיט אַ פּאַרטעפּיאַן.

V

בעת אַז אָבלאַווע אין די האַלעם האָט ראַיסע מורא געהאַט, אַז זי וועט נישט אויסמיידן מ׳זאָל זי באַזוכן און אַראָפּגעשלונגען אַ „חזירל“ — אַ גאָלדענע, פינפרובלדיקע מטבע. אויף צומאָרגנס האָט זי זיך נישט גוט געפילט און געבליבן אין בעט. סעבאַסטיאַן איז, ווי שטענדיק, צוריקגעקומען פון אַ שפּאַציר. אויפן טיש, אויפן פּאַראַפּעט פון פענצטער האָט ער פאַנאַנדערגעלייגט קלאָוזעוויטשעס „וועגן מלחמה“, עמינגערס „פּאַרברעכער אין ליכט פון געזעץ“, דעם פינפטן טייל „מלחמה און שלום“ אין דער רוסישער שפּראַך, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס אָפּהאַנדלונג וועגן מאָלעריי אין איטאַליעניש און היינעס לידער אין דער דייטשישער שפּראַך און יעדע צען מינוט האָט ער זיך איבערגעוואָרפן צו אַן אַנדערע שפּראַך. פון צייט צו צייט האָט ער איבערגעריסן דאָס לייענען און געלייגט זיך אויף דער אָטאָמאַנע, געשטעלט זיך פאַרן פענצטער, עפּעס פאַרנאָטירט, ווידער אַריינגעקוקט אין די אָפענע ביכער און ווידער זיך געלייגט. האָס ליגן איז, זעט אויס, אים דערעסן געוואָרן און ער האָט זיך געווענדט צו זיין פרוי:

— סעיטשאַס בודיעם ראָזגאַוואַריוואַט פּאָ רוסקי!

די לעצטע צייט האָט ער זיך געלערנט ביי ראַיסען רוסיש. נאָך עטלעכע מינוט איז אים דערעסן געוואָרן צו רעדן רוסיש. — ס׳טוט מיך שוין ווי דער קאָפּ. רעד צו מיר פּויליש און זאָג נישט מער „מאַשטשען“, ווייל אין דער פּוילישער שפּראַך איז נישטאָ אַזאַ וואָרט.

ראַיסע איז אויפגעשטאַנען און צוגעגרייט מיטאָג. נאָך מיטאָג האָט סעבאַסטיאַן זיך אַוועקגעלייגט מיטן פּנים צו דער וואַנט און ווי געוויינלעך געפאָדערט ס׳זאָל שטיל זיין. ראַיסע האָט זיך אויך צוגעלייגט. זי איז נישט לאַנג געשלאָפן, אָבער דער שלאָף האָט זי געשטאַרקט און האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ נייער האָפענונג אין האַרץ. הינטערן פענצטער האָט גערוישט דאָס מאַי־גרינס, אויף וועלכן ס׳איז נישט געווען קיין שטויבעלע, אַ גרינס אַ זויבערס ווי די הויט פון אַ קינד. סעבאַסטיאַן האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער. פּלוצלינג האָט ראַיסע דערזען עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געטאָן: סעבאַסטיאַן האָט זיך געפּאַקט. ער האָט אַרויסגענומען פון שאַנק אַ העמד, איינגעוויקלט אין אַ האַנטעך מכשירים צו ראַזירן, אָפּגעקליבן ביכער. צו זיין פרוי, וועלכע האָט אַ דערשטוינטע אים נאָכגעקוקט, האָט ער מיט קיין וואָרט זיך נישט אָפּגערופן.

— מושקאַ, וווהין קלייבסטו זיך?

ער האָט נישט געענטפערט.

— מושקאַ! — האָט ראַיסע אַ געשריי געטאָן און אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

— באַרואיק זיך, מושקאַ! — אַזוי ווי זיי האָבן כסדר געענדערט די נעמען האָבן זיי אײנע די אַנדערע גערופן מושקאַ — איך צי זיך אַרויס און גיי אויף צוויי טעג אין האָטעל.

— אין אַ האָטעל? — האָט ראַיסע נישט געגלויבט איר אייגענע אויערן — אין האָטעל מאַכט מען דאָך יעדע נאַכט רעוויזיעס. מ'וועט דיך דאָך דערמאָרדן.

— זיי וועלן נישט דערמאָרדן. כ'בין געווען אין אָטוואָצק און זיי האָבן נישט דערמאָרדעט. כ'בין אַרומגעגאַנגען איבער אָטוואָצק און זיי האָבן נישט דערמאָרדעט. נישט לאַנג צוריק בין איך געווען ביי אונדזער ווירטין און ס'איז מיר גאָרנישט געשען. לעצטנס האַנדל איך אַפילו, כ'האָב פאַרקויפט צען פעלד־אַפּטייקלעך. ווען איך וואָלט געזעסן אין שטוב, וואָלט איך געווען אָנגעוויזן גאָר אויף דיינע פאַרדינסטן.

— ביסט געווען אין אָטוואָצק? ביסט געפאָרן מיט דער באַן? האָסט געוואַרט אין וואַרטע־צימער? מושקאַ, דאָס זענען דאָך ערטער צוזאַמענצוקומען פאַרפעסטיקטע פון די שפּיצלעס, צוזאַמענקומען באַדראָטע!

— איז וואָס?

— וואָס הייסט „איז וואָס?“ זיי וועלן דיך דאָך דערמאָרדן!...

— כ'בעט דיך, רעד נישט אַזוי, טרייב נישט איבער. מענטשן טרייבן איבער. דאָס אַלץ איז נישט אמת...

— וואָס איז נישט אמת? וואָס איז איבערטרייבונג? זיי האָבן דערמאָרדעט און פאַרברענט עטלעכע מיליאָן מענטשן, אַלע אונדזערע נאָענטסטע, זיי האָבן אויסגעמאָרדעט אונדזער פאָלק און דו זאָגסט, אַז איך טרייב איבער. הערסט דאָס קנאַלן? זיי מאָרדן דאָך דאָרט כסדר, ברענען מענטשן לעבעדיקערהייט. הער זיך נאָר צו...

— כ'בעט דיך, הייס מיך נישט הערן, און דו אַליין הער זיך זויך נישט צו. דער מענטש איז דער שמיד פון זיין אייגענעם גורל. דאָס דאָזיקע שפּריכוואָרט אַנטהאַלט דאָך אַן אמת.

— אַלזאָ, זיי דאָרט, וועלכע מען ברענט לעבעדיקערהייט, אָדער די אַלע, וועלכע מע פאַרגאַזט אין טרעבלינקע נעמען אויף גוטוויליק דאָס, וואָס עס טרעפט זיי?

— ניין, אָבער זיי זענען נישט געווען גענוג דערפינדעריש, גענוג שטאַרק, כדי דאָס אויסצומיידן. און זיי האָבן געקאָנט אויסמיידן... גיב אַ טראַכט: אין לעמבערג זענען מיר געווען אין דער זעלבער לאַגע ווי זיי, און דאָך. צו וואָס זענען זיי דאָרט געזעסן ביז דער לעצטער מינוט? פאַרוואָס זענען זיי נישט אַנטלאָפן? זיי וואָלטן געקאָנט לעבן רואיק, אַזוי ווי מיר לעבן רואיק ביים ריכטער קאָטשאָל און עסן אַ הון מיט יויך אויף מיטאָג.

—וואָס רעדסטו, מושקאַ, מיר זיצן רואיק? זיי קאָנען דאָך יעדע רגע דאָ אַריינפאַלן און... ווייסט אַליין וואָס עס דערוואַרט אונדז דעמלט. דאָס זעלבע וואָס יענע דאָרט... אין איין מינוט קאָן זיין אַ סוף צו דער הון מיט יויך...

— זיי קאָנען אַריינפאַלן? טאָ זאָלן זיי. זיי ווילן דאָך, און מיר זענען דער בעסטער באַווייז, אַז זיי קאָנען נישט.

— זיי קאָנען נישט אַריינפאַלן און אונדז צונעמען? — ראַיסע האָט איצט אויפמערקזאַם צוגעקוקט זיך צו איר מאַן, זייענדיק איבערצייגט, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס פאַר איר, „ער באַהאַלט עפּעס אויס“, האָט זי געטראַכט. — נישט לאַנג צוריק זענען זיי אַריין צו די ראָטמאַנס. האָבן געטראָפן פּונקט צו מיטאָג. זיי האָבן געזאָגט: „זעט נאָר, ווי גוט עס גייט זיי, פלייש, פּוטער, עפּל, ווען אַזויפיל אונדזערע קינדער האָבן קיין ברויט נישט“. זיי האָבן זיי אַלץ צוגענומען אין אין צוויי שעה שפּע־טער האָבן זיי געשיקט צו זיי דייטשן. אויפן נומער אכצן האָט געווינט אַ פּאָרפאָלק מיט אַן אכטיעריקן זון. אים האָסטו געדאַרפט זען, אַ פּעס־טער, אַ גרוילעכער. נאָך עטלעכע שאַנטאַזשן, ווען ער האָט דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר האָט ער מער נישט אויסגעהאַלטן — ער האָט זיין פרוי און קינד דערהרגעט מיט אַ האַק און דערנאָך איינגענומען סם. דאָס איז נישט געווען קיין געמיינער מענטש, נאָר אַן אוניווערסיטעט־דאָצענט. זיי קאָנען נישט אַריינקומען צו אונדז, זאָגסטו?

— דערצייל מיר בעסער נישט אַזעלכע זאַכן. דאָס איז געווען אַ פּחדן. ער האָט געדאַרפט אַזוי ווי איך שטענדיק האָבן ביי זיך אַ שטעקן מיט אַ בלייענעם קנאָפּ. מ׳דאַרף זיך שלאָגן. דעמלט ביי די האַלעם האָב איך זיך אַן עצה געגעבן מיט דריי.

— מ׳דאַרף זיך שלאָגן?

— יאָ, מ׳דאַרף זיך שלאָגן.

— מושקא — האָט זי געזאָגט ווי צו אַ קינד — ווען בלויז די דייטשן וואָלטן געווען אונדזערע שונאים, וואָלטן מיר זיך נאָך געקאָנט פאַרטיידיקן. מ'קאָן זיך דאָך נישט שלאָגן מיט אַלע, אַז אין אַזאַ לאַגע געפינען מיר זיך. מיר האָבן נישט קיין אָנשפּאַר, קיין באָדן אונטער די פיס. מיט קיינעם קאָן מען נישט זיין זיכער...

— ריכטיק, טאַקע ריכטיק, מושקאַ, דאָס זענען מיינע געדאַנקען, ענלעך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. זינט צוויי יאָר איז פעלעק נישט אַרויס אויף דער גאַס. ער איז איינמאָל אַרויסגעגאַנגען און אַריינגעפאַלן. גאָלד האָט נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין צימער „נאָר אין קעלער“. ווען די קאַנאַלן האָבן אין פרילינג פאַרגאָסן דעם קעלער, איז ער ווי אַ הון אַרויסגעקראָכן אויף אַ בעלקע. מ'האָט אים געטראָגן עסן. און וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען? מ'האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון קעלער. גייסט אַרויס אויף דער גאַס? נישט גוט. גייסט נישט אַרויס? נישט גוט. גייסט צום פריזירער, זיצסט אויף אַ באַנק, קוקסט אויף זיך און אויף מענטשן מיט שרעק? נישט גוט. גייסט נישט צום פריזירער? נישט גוט. האָסט איינמאָל אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און עמעצער האָט דיך דערזען אַ נישט אָפּגעראַזירטן און... געמסרט. ביסט בלאַס? נישט גוט. ביסט צו שוואַרץ און איצט איז פרילינג? נישט גוט. צי איז דאָ עפּעס אַן עצה? נישטאָ. אויב ס'איז נישטאָ קיין עצה, בלייבט אונדז נאָר איינס: לעבן נאָרמאַל. נאָכמער וועל איך דיר זאָגן: מיר וואָלטן זיך געקאָנט פאַרטיידיקן אפילו דעמלט, ווען מיר וואָלטן אפילו געהאַט שונאים אין די דייטשן, פּאָליאַקן און צווישן יידן. אָבער מיר האָבן נאָך אַ פערטן שונא, אַ נישט ווייניקער געפערלעכן — אַ שונא אין אונדז גופא. אַ מענטשן זענען פונקט ווי דער ערד נויטיק ענדערונגען. מיט אונדזערע באַגרענעצונגען צעשטערן מיר אונדזער נערוון־סיסטעם און אונדזער געזונט. דאָס איז דאָס איינציקע זיכערע, ווייל פאַרזיכערן זיך קאָנען מיר סיי ווי נישט. מיט אונדזערע באַגרענעצונגען דערהרגענען מיר זיך מיט לאַנגווייליקייט. עס דערהרגעט אונדז דאָס געצוווּנגענע זיצן אין שטוב, וואָס איז אַ טייל פון אונדזערע ווּנדן. דעריבער, מושקאַ, האַלט איך, אַז מיר דאַרפן זיך אַזוי פירן, ווי ס'וואָלטן קיין דייטשן נישט געווען, מ'דאַרף לעבן נאָרמאַל. ווילסט אַרויסגיין אין שטאָט? גיי. ווילסט נעכטיקן ערגעץ אויסער דער שטוב? נעכטיק. צי ווילסטו, אַז גייענדיק איבער דער שטאָט זאָל איך נאָר זען איין אויפשריפט: „דעמאַנציאַ“־היטלער, אַז איך זאָל נישט פילן די זון, דעם ווינט, דעם רויש פון די ביימער? מ'דאַרף, פאַרשטייט זיך, זיין פאָרזיכ־

טיק. מ'דאַרף אָבער נישט מורא האָבן, דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, ווייל זיי דערפילן דאָס גלייך. מ'דאַרף זיך נישט אונטערשיידן מיט דער קליי־דונג. אין אַ קלייט דאַרף מען אַריינגיין דרייסט. זינט עטלעכע וואָכן האַנדל איך מיט פעלד־אַפּטייקלעך, וועלכע איך באַקום ביי פּעליקסן. כ'גיי אַריין אין אַן אַפּטייק: ווען זיי זאָגן מיר, אַז זיי האָבן קיין צייט נישט, ענטפער איך ווי ס'וואָלט מיר ניט אָנגעגאַנגען, אַז ס'מאַכט נישט, איך האָב צייט... איך פייף אויף דעם, כ'וועל וואַרטן... איך פייף אויף דעם. ווען כ'האָב נישט וואָס צו טאָן, פאָר איך אַרום מיט די טראַמווייען, כדי צו פאַרהאַרטעווען מיין מוט. ס'איז נישט אמת געווען דאָס, וואָס כ'האָב דיר געזאָגט, ווען כ'האָב געקלונגען, אַז כ'האָב געגעכטיקט ביי פּעליקסן. כ'האָב געגעכטיקט אין פּענסיאָנאַט אויף בראַצקע. מע קען מיך שוין דאָרט, זיי באַציען זיך זייער גוט צו מיר. מ'דאַרף...

— אין פּענסיאָנאַט אויף בראַצקע? — האָט ראַיסע אויסגעשריען.

— און קלייבסט זיך אַהין ווידער? ערשט נעכטן האָט מען דאָרטן אַלע צוגענומען צו רעווידירן זייערע פּאַפּירן!

— טרייבסט איבער! איך וויל אַרויסגיין, כ'מוז!

— פאַרוואָס מוזסטו?

— דערצייל מיר נישט, אַז מען מאָרדעט! גענוג מיט דעם. גיב אַ קוק, מושקאַ, נאָך עטלעכע טעג און ס'וועט זיין נאָך מאַי. דער שענ־סטער מאָנאַט אין יאָר...

— כ'בין אַן אידיאָטקע! — האָט ראַיסע אַ געשריי געטאָן — אַלע זאָגן מיר דאָס. איך וועל אויסגעריסן און דו לויפסט נאָך פרויען. פאַר מיר האָסטו קיינמאָל נישט קיין צייט. ווען איך קום פון דער אַרבעט אַ פאַרמאַטערטע, ווען איך פאַל פון די פיס, גייסטו זיך אַוועק. טראַגסט אַרום ביכער פון שטוב. פאַר וועמען? שבת גייסטו אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג — צו וועמען?

סעבאַסטיאַן האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס פון שטוב. ווען ראַיסע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, איז ער נאָך געשטאַנען ביים טויער מיט אַן אָנגעשטאָפּטער טאָרבע פון צוקער, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען טואַלעט־קלייניקייטן, און מיט אַ הענגער, וואָס איז ביז דער העלפט געווען פאַרשטעקט אונטערן מאַנטל. ער איז געשטאַנען מיט איינ־געגראָבענע אויגן אין דער ווייט, אַ דראָענדיקער און קודם־כל אַ שוואַ־צער. „זיי וועלן אים דערמאָרדן! אויפן נאָענטסטן ראָג וועלן זיי אים

דערמאָרדן!" — האָט זי זיך געזאָגט אָן רחמנות. — מושקאַ! — האָט זי דורכן פענצטער אַ רוף געטאָן. — איר רוף האָט אים אַרויסגעריסן פון זיין פאַרגליווערונג. ער איז אַוועק.

— זיי וועלן אים דערמאָרדן — האָט זי געטראַכט שוין מיט אַן אָפּגעקילטן כעס — און צוליב אים וועלן זיי אויך מיך דערמאָרדן.

VI

— זי איז נישטאָ.

די דינסט, אַ קליין דעליקאַט באַשעפעניש, האָט שוין געזאָלט פאַרמאַכן די טיר, אָבער עמעצנס ווייטיק, פאַר וועלכן אַ צווייטער מענטש פאַרהאַלט זיך צייטנווייז, דער ווייטיק, וואָס איז געלעגן אויפן פנים פון דער פרוי, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט שוועל, האָט דער דינסט באַוויגן צו ענדערן איר באַשלוס:

— פרוי לודוויקאַ איז איצט נישטאָ, אָבער זי דאַרף באַלד אָנקומען, אפשר וועט איר צוואַרטן?

די דינסט האָט אַריינגעפירט ראַיסען אין צימער, אַ ווײַלע געבליבן מיט איר און איז אַוועק.

ראַיסע איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך. אין יעדן ווינקל האָט מען געפילט די האַנט פון אַ פרוי: פיל בלומען, אויסגעהאָנגענע טעלערלעך אויף די ווענט, קילים־טעפיכער, טיכלעך, פאַרשידענע קלייניקייטן, וואָס באַשיינען אַ וווינונג. „ווי שטיל דאָ איז — האָט זי געטראַכט. — ווי שיין דאָ איז. די ווענט דאָ דערפרייען דאָס אויג, פונקט ווי אַ וואַלד". אויף די גאַסן האָט געבושעוועט די אַפּאָקאַליפּסע. אין די ווייניקע מינוטן אָבער, וואָס ראַיסע האָט פאַרבראַכט אין דער שטילקייט פון אָנגענעמען צימער, האָבן זיך אין איר צוריק דערוועקט אַלע געפילן פון שעמעוודיקייט, וועלכע האָבן זיך געהאַט אויסגעלאָשן. און ווי ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן — אויסגעלאָשן אויף שטענדיק. אין דעם צושטאַנד האָט ראַיסע נאָך שאַרפער דערפילט דעם בײַטערן טעם פון איר לאַגע.

ראַיסע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז מיט איר איצטיקן וויזיט האָט זי געהאַנדלט קעגן די כללים פון קאָנספּיראַציע. דער קאָרעקס פון יענע צייטן האָט נישט נאָר פאַרבאָטן אָפּצושטאַטן וויזיטן, נאָר אויך צו באַגריסן זיך אויף דער גאַס. באַקאַנטע, וועלכע מ'האָט באַגעגנט אויף דער גאַס, האָט מען נישט געטאָרפט דערקענען, זייערע נעמען און אַדרעסן

האָט מען נישט געטאָרט קענען. ראַיסעס איצטיקע פאַרלעגנהייט האָט נאָך געהאַט אַן אַנדער סיבה. די פּערזאָן, צו וועלכער זי איז איצט געקומען, האָט אַמאָל געהייסן לודוויקאַ גערסאָן. געבליבן איז זי ביים נאָמען און דעם פאַמיליע־נאָמען געענדערט צוליב די זעלבע סיבות וואָס ראַיסע.ביידע יונגע פרויען האָבן געשטאַמט פון דער זעלבער שטאָט, ווי די גערסאָנס זענען אָנגעגאַנגען פאַר אַ מער בכבודיקער משפּחה, ווי די וואָלקאָווס, וועלכע זענען געווען „בלויז סוחרים". דעם אַלטן דאָקטער גערסאָן האָבן אַלע געאַכטעט, כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל צו שטאָלץ. די גאַנצע משפּחה האָט זיך אַזוי געהאַלטן. מ'האָט זיי אָבער דאָס נישט גענומען פאַר אומגוט. איר פּערזענלעכע דראַמע, מיט וועלכער ראַיסע איז אַהער געקומען האָט איצט נישט געהויבן איר זעלבסטגעפיל.

ראַיסע האָט דערהערט דאָס גלעקל, און אַ ווײַלע אַרום איז אין צי־מער אַרײַנגעקומען אַ פרוי מיט רונדיקע, קינדערישע אַקסלען, מיט אַ קליין, בראָנז געזיכט, וואָס איז האַרט געווען ווי אַ פויסט. ווען זי האָט דערזען ווער עס וואַרט אויף איר, האָט זי זיך פאַרקרימט, אָבער זי האָט זיך באַלד באַהערשט.

ראַיסע האָט אָנגעהויבן:

— כ'האָב באַקומען דײַן אַדרעס פון אַדאַמען. נעם אים דאָס נישט פאַר אומגוט, כ'בעט דיך. כ'בין צוגעשטאַנען צו אים. צוגרייטן דורך עמעצן אַ טרעפונג וואָלט פאַרנומען צופיל צייט און איך האָב אַ דרינגענדיקן ענין...

לודוויקאַ האָט געוויזן מיטן קאָפּ אויף דער טיר. ראַיסע האָט פאַר־שטאַנען, אַז מ'דאַרף רעדן שטילער. די באַלעבאַטים האָבן פונקט אַזוי גאָרנישט געוווּסט וועגן לודוויקאַ, ווי דער ריכטער קאָטשאָל האָט נישט געוווּסט דעם אמת וועגן ראַיסען.

— קום דאָ, צום פענצטער. רעד שטילער, נאָר שושקע נישט. בויג זיך נישט אַרויס, מ'זאָל דיך נישט זען פון גאַס.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל ביי אַ טישל, וואָס איז איבער־געדעקט געווען מיט אַ רויט טישטעך אין בלומען און אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ שיסעלע מיט מטבעות. לודוויקאַ האָט אײַנגעטונקען די פינגער אינעם שיסעלע מיט זילבער.

ראַיסע האָט פאַרגעזעצט:

— מײַן מאַן איז געווען אַ ווערטפולער מענטש און אַזעלכער וועט ער זיכער ווײַטער זײַן. ער איז אַ פּסיכיאַטער, האָט אָנגעשריבן אַ ריי

וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון זיין געביט. ער איז אויך אַ פֿעיקער צייכע־נער. געדענקסט די צייטשריפט „ליטעראַרישע ידיעות“? פאַר זיי האָט ער געצייכנט. ער האָט אויך געצייכנט פאַר אַנדערע אויסגאַבעס. אויפֿן באַזעלער קאָנגרעס האָט זיך ווייצמאַן אַנטציקט מיט זיינע צייכענונגען. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט געלט־פאָגדן אויף צו ראַטעווען מענטשן. ביז איצט האָב איך נישט געבעטן קיין הילף, כאָטש מ'האָט מיר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז כ'האָב רעכט דערויף, אַז יעדערער פון אונדז האָט רעכט דערויף. ניין, האָב איך זיך געטראַכט, רעכט אויף אַזעלכע געלטער, וואָס ווערן געשיקט מיט אַזויפיל שוועריקייטן, האָבן נאָר מענטשן, וועל־כע געפינען זיך אין אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג. ביז איצט האָב איך זיך אַן עצה געגעבן, כ'האָב געהאַנדלט. איצט אָבער קאָן איך זיך מער קיין עצה נישט געבן, דער קאָפ איז מיר מער נישט צום האַנדל, כ'האָב נישט קיין צייט דערויף, ווען כ'גיי שוין אפילו יאָ אין די האַלעכ, גיט זיך מיר אויך קיין שום זאַך נישט איין. און דווקא איצט נויטיק איך זיך אין געלט...

— אַנטשולדיק, ראַיסע, ווי הייסטו היינט?

— מאַרישע.

— מער דאַרפסטו מיר נישט זאָגן, דיין פאַמיליע־נאָמען איז מיר נישט נויטיק. ס'גייט אין דעם, כ'זאָל קאָנען דיך און דיין מאַן אַרויס־שטעלן אויף דער רשימה פון מענטשן, וועלכע געניסן פון אונטערשטי־צונג.

— מיר נישט, אים בלויז. קודם אים. אויב אייער טעטיקייט דאַרף האָבן עפּעס אַ זין, קאָן זי דאָס נאָר דעמלט האָבן, ווען איר וועט ראַ־טעווען אַזעלכע, ווי ער. אין אַ שטיקל צייט אַרום וועל איך זיך קאָנען אומקערן צום האַנדל און כ'וועל אָפּגעבן דאָס, וואָס כ'וועל איצט פון אייך באַקומען. עס גייט מיר אין אַ הלוואה... מ'האָט מיר געזאָגט, אַז די וועל־כע שיקן די געלטער, שרייבן אונטער, אַז זיי זענען קודם באַשטימט צו ראַטעווען ווערטפולע מענטשן. אַז דו וועסט איבערחזרן זיין פאַרמל־חמהדיקן נאָמען, וועלן זיי אפשר נישט אָפּזאָגן... לודקאַ, אַ גרויס אומ־גליק האָט מיך געטראָפן.

זי האָט אָפּגעאָטעמט און ווייטער דערציילט:

— אַלע מענער זענען משונהדיקע מענטשן, יעדערן פון זיי פעלט עפּעס אַ קליעפּקע אין קאָפּ. כ'בין צוגעוווינט געווען צו סעבאַסטיאַנס

משוגעדיקע אײנפֿאַלן און כ'האָב זיך מיט זײ ניט איבערגענומען. ער האָט געזאַמלט שפּריכווערטער און געפֿאָדערט פֿון מיר, כ'זאָל אים זאָגן וואָס זײ באַדײַטן. „זאָג מיר, מושקאַ, פֿאַרוואָס זאָגט אײן שפּריכוואָרט, אַז יעדער זוכט זײַן גליק און אַ צווייט שפּריכוואָרט זאָגט, אַז נאָר אַ שוטה זוכט גליק" — אָט אַזוי, אין דעם שטײגער... ווען עס האָבן זיך אין לעמבערג אָנגעהויבן די מאָרדן און מיר זענען אַנטלאָפֿן אויף די ליטשאַקאָווסקע פֿעלדער, האָט ער מיר פֿאַרבאָטן צו טראַכטן וועגן דעם וואָס עס קומט פֿאָר אין שטאָט. און ער האָט קאָנטראָלירט צי איך טראַכט ניט. באַמערקנדיק, אַז איך הער זיך צו צום גרויליקן גערויש, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, האָט ער אַרויסגעצויגן יוליוס צעזאַרס אַ בוך און געהייסן מיר הויך לייענען. ווען כ'האָב אויפֿגעהערט לייענען, האָט ער אָנגעהויבן האַלטן אַ פֿאָרטראַג וועגן מעכאַניזם פֿון אויער. מיט געוואַלד האָט ער געוואָלט מיך אָפּרײַסן פֿון מײַנע געדאַנקען. און ער איז אַ מעדיקער. ער האָט ניט פֿאַרטראָגן, אַז אין שטוב זאָלן זײַן ציי־טונגען. „וואַרף אַרויס „ד י וו אַ ר ש אַ וו ע ר", דאָס איז סם. באַ־קלאָגט זיך אויף קאַפּוויטיק. דאָס קומט פֿון לייענען די חזירייען. פֿאַר־מיסטיקסט דעם אָרגאַניזם מיט „דאָס רייך". פֿאַר דער מלחמה האָבן „וועמען"*) געלייענט „ד י י ד י ע ו ת", איצט לייענען זײ „ד אַ ס ר יי ך". זײ מיינען, אַז נאָר דווקא מיט וועמפּלער קאָן מען זיך פֿאַר־טמען".

— ער האָט שטודירט דאָס פּראָבלעם פֿון לאַנג לעבן, ער וויל אויסער־געווינלעך לעבן הונדערט פֿערציק יאָר. „צום לענגסטן — האָט ער מיך אינפֿאָרמירט — לעבן די פּויערים פֿון סיביר. די רוסישע געלערנטע האָבן דאָרט אויסגעפֿונען עטלעכע עקזעמפּליאַרן פֿון איבער הונדערט צוואַנציק יאָר, און אײנעם אפֿילו איבער הונדערט פֿערציק. אין אײראָפּע לעבן צומלענגסטן בעטלער. פֿאַרוואָס? ווײַל זײ שטרענגען זיך ניט אָן. פֿון די מסקנות, צו וועלכע די רוסישע געלערנטע זענען געקומען, דרינגט אַרויס, אַז אויב מע וויל לאַנג לעבן, דאַרף מען אויסמײַדן שטאַרקע אויפֿרייסלונגען. מ'דאַרף פֿאָרזיכטיק זײַן, אָבער אויף אַ געהעריקן זופֿן. דו, צום בײַשפּיל, לאָזט מיך ניט אַרומגיין אין צימער באָרוועס. פֿאַרוואָס הייסטו מיר דאָ ניט טראָגן קיין הענטשקעס? דו מיינסט, אַז

---

*) וועמען — מענטשן פֿון משהס גלויבן.

ס'איז פֿאַראַן עפּעס אַן אונטערשייד צווישן די הענט און די פֿיס? אַליין אָבער פּאַסט ניט אויף און טרעטסט אַרום אויף די פּיאַטעס..."

— ער איז שטענדיק געווען אַ משונהדיקער מענטש, אָבער זיין משונה־דיקייט איז ניט געווען קיין שעדלעכע; ס'האָט בלויז מיך אַנגעווירט. פּרויען מוזן צוגעגרייט זיין אויף אַזעלכע משוגעתן. זינט אַ געוויסער צייט אָבער איז ער מיט זיינע משוגעתן אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט זיך פֿאַרשריבן אין אַ ביבליאָטעק און יעדן טאָג איז ער געגאַנגען ווייזן זיין „אַסיריש" פּנים—זייער אַ טונקלס, אַזאַ פּרעמדס דאָ—דאָרט, וווּ מען קען זיין נאָמען און אַדרעס. איינמאָל, ווען כ'האָב אין די האַלעס זיך אַוועק־געזעצט לעבן טשראַגאַן, כּדי עפּעס איבערצוכאַפּן, איז מיר אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. דערלעבן איז געזעסן סעבאַסטיאַן. די הענדלערין פֿון טשראַגאַן איז אויך צוטומלט געוואָרן. „גאָט מיינער, וואָס פֿאַר אַ קאָנט־ראַסט, איר זעגט אַזאַ העלע און ער אַזאַ שוואַרצער". אין פֿרילינג האָט ער מיט ברען זיך גענומען צו גערטנעריי. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדזער ווירט אין זיין הינטערשטאָטישן גאָרטן, גענומען מיט זיך אַן עמער, אַ לאָפּאַטע, אַרויפֿגעצויגן שמוציקע הויזן און געאַרבעט לויט אַן אייגענעם סיסטעם, אין אַלעמען האָט ער זיין אייגענעם סיסטעם. יעדע פֿערטל שעה האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן די לאָפּאַטע און גענומען זיך צו עטיגערס „פֿאַרברעכער". דאָס אַלץ וואָלט ניט געווען אַזוי געפֿערלעך, ווען ניט די „פּגימה"... אַ געוויסן טאָג האָט ער אָנגעהויבן אַרומפֿאָרן מיט די טראַמווייען, הינטערשטאָטישע באַנען — דאָס אַלץ, כּדי צו פֿאַר־האַרטעווען זיין געוואַגטקייט. ער פֿלעגט פֿאַרשווינדן אויף גאַנצע נעכט און טעג. פֿון אָנהייב האָב איך אים חושד געווען, אַז ער האָט געפֿונען עמעצן. אין צוזאַמענלעבן פֿון צוויי מענטשן מעסט מען גלייך אַלץ מיט אַזאַ מאָס: ער האָט אויפֿגעהערט צו ליבן, פּונקט ווי דאָס גאַנצע לעבן וואָלט זיך קאָנצענטרירט אַרום שלאָף־צימער. צום באַדויערן האָט ער קיינמאָל קיינעם אויסער מיר ניט געהאַט, ער האָט נאָר געהאַט אַן איי־גענעם שטאַנדפּונקט, ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ניט געוואָלט נעמען צו קענטעניש, אַז אין וואַרשע הערשן די דייטשן... איינ־מאָל האָב איך געקויפֿט אויף מיטאָג וועמפּלעך און געלאָזט זיי אויפֿן טיש ביי אונדז אין צימער. ווען כ'האָב דערנאָך אויפֿגעוויקלט דאָס פּאַפּיר, האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער קצב האָט מיך אָפּגענאַרט אויף דער וואָג. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געטראָפֿן סעבאַסטיאַנען ביים טע־לעפֿאָן, כ'האָב דערהערט, ווי ער פֿאָדערט ביי עמעצן אַ רעצעפּטור אויס־

צואַרבעטן עפּעס אַ דעליקאַטע הויט. כ'האָב פון אָנהייב נישט געזען קיין פאַרבינדונג צווישן דעם, וואָס כ'האָב געפונען ווייניקער וועמפּלעך אין סעבאַסטיאַנס טעלעפאָנישן געשפּרעך. און אַ פאַרבינדונג איז געווען. אינגיכן האָט ער אויפגעהערט צו מאַכן אַ סוד, אַז „ס'האָט זיך אים איינגעגעבן מיט אַ ווירקזאַמען און ביליקן מיטל צו באַזייטיקן דעם וויכטיקסטן חסרון ביי ייִדן, וואָס זיי האָבן אין רעזולטאַט פון דער מילה און אַז איצט וועט דאָס אַריינקוקן זיי הינטער די הויזן נישט האָבן קיין באַדייטונג...“ כ'האָב געזען, אַז עפּעס איז אים געשען, אַז ער ליידט. אויף מיינע פראַגן האָט ער נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט געהערט. כ'האָב זיך לסוף באַשלאָסן צו ברענגען צו אים אַ דאָקטער, אַן אינטערניסט. דו ווייסט דאָך מיט וואָסער שווער האַרץ מע פירט אַריין אַ פרעמדן מענטש אין שטוב, אָן אונטערשיד ווער ער איז. ווען דער דאָקטער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט ער גלייך געמאָלדן, אַז ער האָט דאָ גאָרנישט וואָס צו טאָן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ד אָ ס, אָבער כ'האָב פאַריאָגט פון זיך אַזעלכע געדאַנקען, זיך נאָך געמאַכט איליוזיעס. ווען ער וואָלט מיך אַפילו אויפגעהערט ליב צו האָבן, וואָלט עס געווען ווייניקער פּיינלעך, צום באַדויערן...

זי האָט איבערגעריסן און אַ ווײַלע געשוויגן:

— יאָ, לודקאַ, ער איז אַראָפּ פון זינען, ביי אים איז דאָס ערגער, ווי ביי יעדן אַנדערן, ווייל ער איז דאָך אַ פּסיכיאַטער. ער גיט זיך כסדר אָפּ אַ רעכענונג, אַז ער גייט אַראָפּ פון זינען, אַז זיין מוח וויקלט איין אַ פינצטערניש. גיב אַ טראַכט וואָס פאַר אַ שרעקלעכע צוגאָב־מאַטערניש פאַר אים. ער האָט געוווסט וועגן זיין עמפּינדלעכקייט און באַשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן. נישט נאָר קיין דייטשישע צייטונגען האָב איך נישט געטאָרט ברענגען אין שטוב, נאָר אויך נישט דערציילן וועגן און ווי אַזוי מ'האָט אַרעסטירט אָדער דערמאָרדעט. ער האָט געוואָלט איזאָלירן זיך פונעם גרויל, און יעדן טאָג האָט ער צוגעטראַכט אַ גאַנצן פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין אַ מיטל דערצו. קלאַוזעוויטש, לעאָנאַרדאָ, טאָלסטאָי, אַ שפּאַניש זעלבסטלערן־בוך, מיט ב ו ד י ע ם ר אַ ז ג אָ ו אַ ר י ו אַ ט פּ אָ ' ר ו ס ק י, מיטן גיין אויף די שפּיץ פינגער און נישט אויף די פּיאַטעס, מיט יוליוס צעזאַרן און לאַנגן לעבן פון די סיבירישע פּויערים — דאָס אַלץ האָט געזאָלט זיין אַ פּראָפילאַקטיק. ער האָט געוואָלט זיך אַרומפּאַנצערן. ער האָט זיך באַפּאַנצערט און סיי ווי נישט אויסגעהאַלטן, ווייל צום סוף האָט ער אַליין געבראַכט אין שטוב

„די ווארשאַווער צייטונג“ און פון זיינע ווערטער האָב איך געקאָנט דרינגען, אַז אים זענען באַקאַנט געווען אַלע זאַכן וועגן וועלכע ער האָט מיר נישט דערלויבט צו רעדן. באַפאַנצערנדיק זיך קעגן גרויל און שרעק, האָט ער זיך גלייכצייטיק פאַרמשפט אויף לאַנגווייליקייט, וואָס האָט אים אויך דערשלאָגן. צום סוף האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַ פאָרמול, אַז עס זענען גאָר קיין דיימשן נישטאָ און — ער האָט זיך פולשטענדיק איינגעבראָכן.

— אָ, גיין, קוש מיך נישט — האָט ראַיסע אויסגערופן — מ׳דאַרף נישט, יעדער צייכן פון צערטלעכקייט פאַרשטאַרקט נאָך מיין ווייטיק... לודקאַ, אַלץ, וואָס כ׳האָב דיר דאָ דערציילט, גיט נישט איבער דעם אמתדיקן צושטאַנד, אויב מע זעט נישט זיין געזיכט. כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז אין אַ מענטשלעך געזיכט קאָן זיך אָנזאַמלען אַזויפיל ווייטיק. זיין פנים ווערט אויסגעטריקנט ווי אַ שטיק האָלץ אויפן אויוון, זיין געזיכט גייט איין פון רגע צו רגע, שעהן לאַנג קאָן ער בלייבן שטיין, אָנגעהאַלטן זיך אין אָנלען פון אַ שטול, שאָקלען זיך, קוקן אין הימל; זיין פיין איז דעמלט אַזוי קענטיק; אַז מ׳קאָן זי ממש אָנטאַפן... פאַר קיין שום זאַך אויף דער וועלט האָב איך היינט אַזוי נישט מורא, ווי פאַר זיין געזיכט.

— מאַרישע מיינע, ראַיסע, געדענקסט מסתמא מיין קוזינקע צביה, זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פערזאָן, אין אַ „מעלינע“ אויף מיאָדאָווע גאַס. אַ געוויסן טאָג האָט דער דאָקטער פאַוועל, אונדזערער אַ מענטש, באַקומען אַזאַ טעלעפאָן: „אויף מיאָדאָווע אַ פאַל פון דער בלינדער קישקע“. ער קומט צו גיין, אין פאָדערצימער קווישן, שענק, אַ שטינקעכץ, די עלעקטריע ברענט, כאָטש ס׳איז בייטאָג, מער ווייניק דאָס זעלבע אין דער גאַנצער וווינונג. מ׳פירט אים אַריין צו דער קראַנקער, זי ליגט אומבאַוועגלעך, דאָס פנים צעקרימט. ער באַטאַפט דעם בויך, ער איז ווירקלעך האַרט, ס׳קאָן זיין די בלינדע קישקע. ער פרעגט וועגן דער טעמפּעראַטור — 37,1. אויף אַזאַ נישטיקער טעמפּעראַטור זעט אים די קראַנקע אויס צו זיין צופיל אָפּגעשוואַכט. ער הייסט איר זיך אויפהייבן. זי הערט אים נישט. ער קוקט איר אַריין אין די אויגן און קומט דעמלט צום אויספיר, אַז דאָס דאַרף זיין אַ פסיכישער צושטאַנד. ער הייסט אַלע אַרויסגיין פון צימער און נעמט זיך שאַרף צו איר: „הייב זיך אויף! דריי זיך אויס!“ כסדר אויף דו. ערשט שפּעטער האָט ער געענדערט דעם טאָן: „מיין טייערע, זאָג, וואָס איז דיר? — כ׳קאָן נישט פאַרגעסן מיינע קינדער, דאָקטער, כ׳האָב געלאָזן די קינדער אין וואַגאָן און אַליין אַרויסגעשפּרונגען. די קינדער קוקן כסדר אויף

מיר. — די קינדער וועלן אייך מוחל זיין. — און איר, דאָקטער, וועט מיר אויך מוחל זיין? — איך? — איר זענט דאָקטער X, איך דערקען אייך. — איז וואָס האָב איך אייך מוחל צו זיין? — כ'בין געווען אין שפּיטאָל אויף טשיסטע בעת דער גרויסער אַקציע. כ'האָב מענער און פרויען געמאַכט איינשפּריצונגען פון פּאָטאַס־ציאַנעק. כ'האָב זיך פאַר־האַלטן פאַרן בעט פון איינער פון די קראַנקע פרויען און געדענק, ווי כ'האָב האַלב וואַנזיניק זי געפרעגט: מאַכן אייך אַן איינשפּריצונג? זי האָט נישט געהאַט קיין כוח צו ענטפערן, געשאָקלט בלויז מיטן קאָפּ, כ'זאָל מאַכן. דאָס איז געווען אייער פרוי, דאָקטער! — קינד מיינס, טייער קינד! — האָט אויסגערופן דער דאָקטער פּאַוועל. — איר האָט מיר אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרץ. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז מ'האָט מיין פרוי נישט אַרויסגעפירט, אָבער כ'בין נישט געווען זיכער אין דעם. איצט וועל איך קאָנען רואיק שטאַרבן. כ'בין מוחל, האָסט מיין קינד, מיין מחילה פון גאַנצן האַרצן!...“ אפשר, מאַרישע, זאָל איך דיר שיקן דעם דאָקטער פּאַוועל. ער איז נישט קיין פּסיכיאַטער, דאָס איז אָבער אַ קלוגער מענטש...

— כ'האָב דיר נאָך אַלץ נישט דערציילט, לודקאַ. ווען כ'האָב געהאַט פאַרלוירן אַלע אילוזיעס, האָב איך אָפּגעזוכט סעבאַסטיאַנס אַן אוניווער־סיטעט־פּראָפעסאָר, וועלכער איז אַ באַרימטקייט אויף דעם געביט. כ'האָב אים אַלץ דערציילט, ווי איך דערצייל דיר איצט. ער איז געווען גערירט, אַליין זיך אָנגעבאָטן צו קומען אים זען. סעבאַסטיאַנען האָט דער וויזיט אַפילו נישט געוווּנדערט. נאָכן וויזיט בין איך אַרויס מיטן פּראָפעסאָר. „אויף באַגיפּראַטן — האָט ער געזאָגט — קאָן מען אים נישט אָפּגעבן, ווייל מ'וועט אים גלייך דערקענען. מ'דאַרף אים היילן פּריוואַט. איינער פון מיינע פלעגערס וואָלט אים גענומען צו זיך, נאָך די איינשפּריצונגען מוז בלייבן ביי אים אַ מענטש, וואָס האָט דערפאַרונג אין די זאַכן. ביי אים וואָלט ער געקאָנט פאַרבלייבן אַ געוויסע צייט“. אַלזאָ, איינשפּריצונ־גען, אַ באַזונדער צימער, אַ פלעגער, אַ פּראָפעסאָר, אויף דעם דאַרף מען האָבן געלט, לודקאַ, מ'דאַרף געלט, און איך האָב נישט...

— יאָ...

צו דעם איינציקן וואָרט האָט לודוויקאַ גאָרנישט צוגעגעבן. דער־נאָך האָט זי אָנגעהויבן:

— מאַרישע טייערע, אין פאַרגאַנגענעם מאָנאַט בין איך געצוווּנגען געווען פון אַלע די, מיט וועלכע איך פאַרנעם זיך אָפּצושניידן די אונטער־

שטיצונג אויף אַ העלפֿט, ווייל מיר האָבן באַקומען ווייניקער ווי געוויינלעך. אין דעם חודש האָט אונדז די דעלעגאַטור *) נאָך בכלל נישט אויסגעצאָלט, זיי זאָגן, אַז דער שליח איז אַריינגעפֿאַלן. ס'זענען, וואָס אַן אמת, פֿאַראַן רעזערוון, אָבער צוליב פֿאַרשידענע סיבות קאָן מען איצט צו די רעזערוון נישט צוקומען. אין פּרינציפּ ראַטעווען מיר געזונטע מענטשן. דיין פֿאַל איז אָבער אַ נישט געוויינלעכער. ווי אַזוי מ'וועט זיך צו אים באַציען ווייס איך נישט. איך, ליידער, דעצידיר נישט. כ'וועל דיין פֿאַל רעפֿערירן מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט, מעגסט מיר גלויבן. צום באַדויערן, מוזסטו זיך באַוואָפֿענען מיט געדולד. מיר לעבן איצט איבער אַ שווערע שעה, אַ סך ווערטפֿולע מענטשן זענען לעצטנס אַריינגעפֿאַלן און די נאָענטסטע זיצונג וועט פֿאָרקומען ערשט אין אַ שטיקל צייט אַרום, שווער צו וויסן ווען. דאָס קאָן זיך אָבער פֿאַרציען ביז אַ דריי וואָכן. און אפֿילו לענגער.

— דריי וואָכן?!...

— צום באַדויערן. איצט מוז איך דיר אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף עפּעס, וואָס כ'האָב באַמערקט שוין נישט צום ערשטן מאָל היינט. איך זע דיך פֿון צייט צו צייט אויף דער גאַס. דיין פּנים, וואָס איז פֿאַרקרימט פֿון ליידן, צעטומלט, פֿיבערדיק, ציט אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט, ניין, מיר טאָרן היינט נישט ווייזן אַזאַ פּנים. דו ביסט אַ העלע, אָבער אונדזער העלקייט איז נישט דאָס זעלבע ווי זייער העלקייט. וואַרשע איז אַ צוזאַמענלויף פֿון מענטשן פֿון דער גאַנצער וועלט און קאָנסט נישט וויסן צי עס קוקט נישט אויף דיר עמעצער, וועמען דו קענסט נישט, אָבער ער דיך, קען יאָ. דאָס איז איינס. צווייטנס — דיין קליידונג. געדענקסט, אַז אונדזערע שול־חברטעס פֿלעגן זאָגן, אַז מיר האָבן שטענדיק פֿאַרפֿלעקטע זאָקן. אין אַזאַ טאָג ווי היינט טראָגסטו געשנורעוועטע שיך אויף דיקע זוילן? האָסט נישט קיין אַנדערע שיך? און דאָס גאַרטעלע? צו וואָס טויג דיר אַזאַ גאַרטעלע? אַזאַ פּנים און די אָפּגעלאָזנקייט אין דער קליידונג קאָנען ברענגען טויט. צופֿיל זעט מען דיינע ליידן. ווער ליידט היינט אַזוי? גיב אַכטונג אויף זיך... טראָץ אַלעמען האָט אַדאַם נישט ריכטיק געהאַנדלט, איך בין פֿאַראַנטוואָרטלעך נישט נאָר פֿאַר זיך...

---

*) ס'האַנדלט זיך אין געלטער פֿון דער לאָנדאָנער רעגירונג.

VII

נישט וועגן סעבאַסטיאַנען, נאָר וועגן אַן אַנדער מענטש האָט ראַיסע געטראַכט, נאָכדעם ווי זי האָט פאַרלאָזן לודוויקען. זי האָט געטראַכט וועגן יחיאל בוקין, וועלכער האָט היינט געטראָגן דעם שיינעם נאָמען וולאַדיסלאַוו פשעזשדזיעצקי.

ווען ראַיסע האָט אין לעמבערג זיך איבערגעטראָגן פון „הורטאָזשיטעק“ צו איר פעטער, האָט זי ביי אים אין וווינונג געטראָפן אַ מאַן נאָענט צו די דרייסיקער, וועלכער האָט נישט פאַרמאָגט קיין סך מעלות, וואָס זאָלן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם יונגן מיידל. נישט קיין הויכער, אַ ברייטער, מיט אַן אָנהייב פון אַ פליך, מיט שוואַרצע, שאַרפע אויגן אָן ברעמען, מיט אַ פאַרבישערט מויל, אַ וואולגאַרן שמייכל און אַ גראָבער נאָז, האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט ראַיסען פולשטענדיק דערווייטערט פון אים. ער האָט געהאַנדלט מיט וואַלוטע, פאַרנומען זיך מיט אויפקויפן ווערט־פאַפירן, גאָלד און הייזער. פאַר אַ שטאָק פון אַ הויז האָט מען געצאָלט טויזנט רובל און אַ דאָלאַר האָט געקאָסט דריי הונדערט רובל. די באָלשעוויקעס האָבן נאַציאָנאַליזירט די הייזער, האָבן זיי דעריבער פאַר פריוואַטע באַזיצער נישט געהאַט קיין שום ווערט. די, וועלכע האָבן זיי געקויפט „האָבן גערעכנט, אַז אין דער צוקונפט וועט זיך ענדערן“.

בוקין האָט נישט געהערט צו די „אָנטרייבער“, וועלכע האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויף יאַגעלאָנסקע גאַס, ווו די מיליץ האָט אָפט געמאַכט אָבלאַוועס, און ווו מ'האָט געבראַכט צופירן דאָלאַרן אפילו פון דער צווייטער זייט זברוטש. פאַרקערט, דאָס האָבן די „אָנטרייבער“ אויפגעקויפט פאַר אים, אין דער צייט ווען ער אַליין איז געזעסן גאַנצע טעג אין די קאַוויאַרניעס, יעדע צווייטע שעה אין אַן אַנדערער. אַ מענטש, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט אַזעלכע געשעפטן האָט דעמלט אין ראַיסעס אויגן פאַרלוירן יעטוועדן ווערט. זי האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז דער דאָזיקער פאַרשוין, וועלכער האָט נאָר געהאַלטן פון „פעטיע־מעגיע“, און געשיט מיט וויצן וועגן דער סאָוויעטישער „וולאַסט“, וועלכער איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען אַ שונא — אַז דער דאָזיקער „קאַלטער בערזע־הענדלער“ פלעגט אָפט אין איר אָנוועזנהייט בלאַס ווערן. ווען ראַיסע האָט געמאָלדן, אַז זי קומט פריער אַהיים, איז ער אויך פריער געקומען, געבראַכט ווין, סאַרדינען, וואָס ס'איז נישט לייכט

געוועז צו באַקומען אפילו פאַר געלט. ראַיסע האָט געגעסן סאַרדינען און דאָס איבעריקע איז איר נישט אָנגעגאַנגען. ווען די באָלשעוויקעס האָבן אָנגע־אָנגעהויבן אָפּצורייניקן די גרענעץ־געגנט פון פאַרדעכטיקע עלעמענטן, האָט בוקין געביטן די וווינונג. ער האָט זיך נישט געלאָזט אַרויספירן, וואָס איז געוועזן נישט קיין קליינע קונסט.

די שפּעטערדיקע ידיעות וועגן אים האָבן שוין אַ שייכות צום פּעריאָד פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. ווען די רוסן האָבן זיך צוריקגעצויגן, האָט בוקין דער ערשטער באַקומען אַן אַרויספאָדערונג „אויף דער צוויי־טער זייט", זיין פרוי האָט אים אַרויסגערופן קיין וואַרשע. די בוקינס האָבן אין די ערשטע צוויי יאָר פון דער מלחמה געמאַכט אַ גרויס פאַר־מעגן, פירנדיק געשעפטן מיט די דייטשן. ראַיסע האָט טיילמאָל געהערט אין לעמבערג און דערנאָך אין וואַרשע וועגן „די מיליאָנערן־ברידער בוקין". נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַריינגעצויגן אויף דער הוויקי־גאַס, האָט איר עמעצער געהאַט דערציילט „אין אַ גרויסן סוד", אַז דער מיליאָנער יחיאל בוקין באַהאַלט זיך אויף ערגעץ אויף זשאָליבאָזש.

אויסער דעם צימער, וועלכן ס'האָבן פאַרנומען די סטשעלעצקים — דער ליצטער נאָמען פון ראַיסען און סעבאַסטיאַנען — האָט דער ווירט געהאַט פאַרדונגען אַ צווייטן צימער, אין וועלכן ס'האָט געוווינט אַ באַ־אַמטין, אַ פלינקע פרוי, אַ רואיקע און שטילע. די באַאַמטין האָט אָבער לעצטנס חתונה געהאַט און זיך אַרויסגעצויגן. די פראַגע ווער ס'וועט פאַרנעמען איר צימער האָט נישט געהערט צו ראַיסעס קלענסטער זאָרג. יעדער איז געווען פאַרדעכטיק, איבערהויפּט אַ מיטלאָקאַטאָר. זי האָט גע־וווּסט, אַז דעם ווירט האָט מען פאַרגעלייגט אַלס לאָקאַטאָר „אַ רואיקן, איינזאַמען, גוט דערצויגענעם און נישט אָרעמען מענטש" און דער באַ־לעבאָס וואַקלט זיך. ראַיסע האָט זיך געטראַכט „אויב מע לייגט פאַר דעם דיכטער עמעצן אַ רואיקן, איינזאַמען, גוט דערצויגענעם און נישט אָרע־מען און ער וואַקלט זיך, באַדייט דאָס, אַז עס האַנדלט זיך אין עמעץ אַ פאַרדעכטיקן". ראַיסע האָט זיך נישט טועה געווען. אַ געוויסן אָוונט האָט מען אין דער וווינונג געבראַכט צופירן בוקינען. די דאָקומענטן־מאַ־כערט האָבן אים געמאַכט פאַר אַ וולאַדיסלאַוו פשעזשדזיעצקין.

דאָס ערשטע געפיל, וואָס דער נייער לאָקאַטאָר האָט אַרויסגערופן ביי איר, ווען ראַיסע האָט אויפגעמאַכט די טיר און זיך איבערצייגט ווער ס'איז איר נייער שכן, איז געווען אומצופרידנקייט. דאָס זעלבע האָט געפילט בוקין. אין אַן איבערפולטן טראַמוויי איז יעדערער גרייט

אַ געשריי צו טאָן: „נישטאָ קיין אָרט!“ ווען עס קומט עמעצער צו, פאַרגרעסערט ער די ענגשאַפט, דאָ האָט ער פאַרגרעסערט די געפאַר. אַ וואָך צייט איז „וולאַדיסלאַוו פשעזשדזיעצקי“ אַרומגעגאַנגען פאַרקרימט. דער „לאָקום“ האָט נישט געפונען קיין חן אין זיינע אויגן. ער האָט פאַרמאָגט אַלע דאָקומענטן, וועלכע ס׳איז נאָר מעגלעך געווען צו באַזיצן, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט אויף קיין טריט. איבעריקנס איז אין אָפמאַך געווען אונטערגעשטראָכן, אַז ער וועט נישט אַרויסגיין. דאָס מאָל האָט דער ריכטער געוווּסט וועמען ער נעמט אַריין צו זיך.

פון אָנהייב האָט בוקין נישט געזוכט קיין דערנענטערונג מיט ראַיסען, שפעטער אָבער האָט ער אָנגעהויבן „מושקען“ אָפצושטאַטן וויזיטן. „שווערע מיליאָנען“ האָבן ממש אַ מיסטישן כוח, פונקט ווי אַלץ, וואָס וואַקסט הויך אַריבער די געוויינלעכע מאָס. ראַיסע איז אַמאָל, באַטראַכטנדיק בוקינען, געקומען צום אויספיר, אַז ער באַהאַלט מסתמא עפעס אויס פאַר איר. איצט האָט זי אים ווידער באַטראַכט; אַן אַלט שפריכוואָרט זאָגט, אַז ווער עס קאָן נישט שניידן קיין ברויט, קאָן קיינמאָל אויף קיין ברויט נישט פאַרדינען. בוקין האָט אפילו נישט געקאָנט זיך אָנגיסן אַ גלאָז טיי. אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז ער געווען אַ שלימזל. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט ווי ער וואָלט קיין אויגן נישט געהאַט, ער האָט נישט געזען די פאַרב פון די ווענט אין שטוב, ער האָט נישט געוווּסט אין וואָס ער טוט זיך אָן, זיין קאָפ איז כסדר פאַרנומען געווען מיט פלענער, און דורכפירנדיק בלויז אַ קליינעם טייל פון די פלענער האָט ער געקאָנט מאַכן אַ פאַרמעגן. ווען מ׳האָט אים געפרעגט צי ער האָט עפעס אָפגעראַטעוועט, האָט ער געענטפערט: „עפעס וואָס“. איבעריקנס, האָבן זיך זיינע געשעפטן נישט אָפגעשטעלט אויך איצט. פון צייט צו צייט איז געקומען צו אים אַ דייטש מיטן נאָמען טוכבאַנד, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרמאַכט אין צימער און געפירט מיט אים לאַנגע געשפרעכן. יעדן צווייטן טאָג איז צו אים געקומען זיין „סעקרעטאַר“, אַ יונגער פאָליאַק און געבראַכט געלט פון פאַרשידענע מענטשן, „וועלכע האָבן געוואָלט זיין אין אָרדענונג אין דער צוקונפט“. ווען ראַיסע האָט אויסגעדריקט איר פאַרוווּנדערונג וואָס דער דייטש, אָנשטאָט אים אַרויסצוגעבן ברענגט אים נאָר געלט, האָט בוקין געענטפערט, אַז „ערשטנס, גיט ער אַ פאָר גראָשן, צווייטנס — לוינט עס אַזוי דעם דייטש בעסער“. פאַר די דאָזיקע גראָשנס האָט דער סעקרעטאַר געקויפט אין באַנק אויף יאַסנע דאָלאַרן, וועלכע בוקין האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין צימער.

דאָס וואָס בוקין האָט איר דערציילט וועגן געטאָ האָט ביי ראַיסען אַרויסגערופן אַ באַדויערונג. פאַרוואָס איר האָט אויסגעמיטן אַזאַ לעבן וואָס האָט קיין גלייכן נישט. די לעצטע צייטן האָט ער געוווינט אַ צוויי הונדערט טריט פון זיין איצטיקער גאַס. די ווירטין, ביי וועלכער ער האָט זיך אויפגעהאַלטן האָט צוגענומען לאָקאַטאָרן „מיט פּאַנסיאָן", וואָס זי האָט גערעכנט ווי געהעריק. אָן אַ גרויסער סומע אין קעשענע האָט מען דאָרט נישט געקאָנט אָנקלאַפּן. די ווירטין האָט פאַר קיינעם נישט מורא געהאַט, נישט פאַר דער געסטאַפּאָ און נישט פאַר די „שמאַלצאָווניקעס". איר הויז איז שוין אַ צוואַנציק מאָל געווען דורכגענישטערט. זי האָט כסדר פאַרבעסערט דעם „סיסטעם פון באַהעלטעניש" און אומאויפהערלעך צוגענומען נייע לאָקאַטאָרן. אַריינגעלאָזט האָט מען נאָר די, וועלכע האָבן געקלונגען לויטן אָפּגערעדטן צייכן: „דריי מאָל צו צוויי און קורץ". נאָך יעדן אַנדערן קלונג זענען די „פּענסיאָנערן" אַרויף אויפן בוידעם. די פּאָליציאַנטן און שאַנטאַזשיסטן האָבן געוווּסט וועגן אַלע דריידלעך, זיי האָבן געוווּסט, „אַז לעצטנס גלייבן די „פּענסיאָנערן" בלויז אין באַהעלטעניש". אין דער פּראַקטיק פלעגט אָבער אַזוי געשען, אַז צוויי-דריי פּערזאָן האָבן נישט באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן און די שאַנטאַזשיסטן האָבן זיי אַרומגעצופּט און ווייטער נישט געזוכט. לעצטנס האָבן די איבערפאַלן זיך איבערגעחזרט כמעט יעדן טאָג און דאָס הויז האָט זיך אויסגעליידיקט. וואַרטנדיק אויפן באַשלוס פון ריכטער קאָמשאָל, וועלכער האָט זיך געוואַקלט, איז בוקין שיער נישט משוגע געוואָרן. די שאַנטאַזשיסטן האָבן אים לסוף דערשנאַפּט. ס'האָט אים „גענוג" געקאָסט, ווייל זיי האָבן געוווּסט ווער ער איז.

סעבאַסטיאַנען האָט בוקין נישט ליב געהאַט. ער האָט געזאָגט, אַז אים געפעלט נישט זיין באַציונג צו ראַיסען. מעג ער נישט פאַרדינען, פאַראַן הייַנט אַ סך מענער, וועלכע פאַרדינען נישט. אָבער פאַרוואָס זאָל ער נישט מאַכן קיין פייער אין אויוון? פאַרוואָס זאָל ער קיין קאַרטאָפל נישט אָפּשיילן, דאָס מיסט נישט אַרויסטראָגן?

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אָפּן אונטערצושטרייכן דאָס, צו וואָס ראַיסע האָט נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק. ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז נישט קיין נאָרמאַלער מענטש, ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף אים, כדי דאָס צו זען. איבעריקנס, די גאָלדשטיינס האָבן געהאַט אַ שם פאַר אַזעלכע. אין לעמבערג איז דאָס פאַר קיינעם נישט

געווען קיין סוף און דאָרט וואָלט סעבאַסטיאַן נישט געקאָנט רעכענען אויף קיין פֿרײַלין פֿון אַ גוטער משפּחה, אויף עפּעס רעכטס...

אַזעלכע ידיעות זענען געווען פֿאַר ראַיסען סם, וואָס האָט לאַנג פֿאַרגיפֿטעט איר האַרץ.

אומקערנדיק זיך אײנמאָל אַהיים, האָט ראַיסע פֿון ריכטער קאָמשאָלס מינע, בעת ער האָט איר אויפֿגעמאַכט די טיר, דערקענט, אַז עפּעס איז פֿאָרגעקומען. דער באַלעבאָס איז אָבער שנעל אַוועק צו זיך און איר וועגן גאָרנישט דערציילט. געפֿינענדיק זיך פֿאַר דער טיר איז צו איר דערגאַנגען פֿון איר צימער עפּעס אַ גערויש. אין דער זעלבער צײַט האָט זיך אויפֿן קאָרידאָר באַוויזן בוקין, וועלכער האָט געהאַט, פּונקט ווי דער באַלעבאָס אַ פֿאַרזאָרגט פּנים. ראַיסע איז אַרײַן צו זיך און מיט פֿאַרוווּנדערונג פֿעסטגעשטעלט, אַז אין צימער איז קײנער נישטאָ. בוקין, וועלכער איז אַרײַן אין צימער נאָך איר, האָט איר דערציילט, וואָס ס'איז געשען, סעבאַסטיאַן האָט זיך אויף דער גאַס אָנגעשטויסן אויף אַ וואַך. מ'האָט אים נישט פֿאַרהאַלטן. ס'איז אים אָבער עפּעס דורכגעפֿלויגן אין קאָפּ און ער האָט זיך אומגעקערט צו די פּאָליציאַנטן, כדי צו פֿרעגן וויפֿל ס'איז דער זייגער. דעמאָלט האָבן זיי אים „פֿאַר זײַן חוצפּה" גוט אָנגעבראָכן די ביינער, באַזוכט אים און אַוועקגענומען דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געהאַט. די פֿרוי פֿון פּולקאָווניק, וועלכע וווינט אונטן האָט אַלץ געזען.

— ווּ איז ער איצט?

— כ'ווייס, אפֿשר אונטן בײַם פּולקאָווניקס פֿרוי.

— דאָס האָט יעדערן געקאָנט טרעפֿן — האָט ראַיסע אַ פֿאַרטראַכטע געענטפֿערט.

— זאָג נישט, אַז דאָס האָט יעדערן געקאָנט טרעפֿן — האָט בוקין פּלוצלונג אויסגעשאָסן מיט כעס. — דערנאָך האָט ער זיך באַמיט צו רעדן שטילער:

— איך חזר נאָך אַמאָל איבער: דו וואָלסט געמעגט לויפֿן אין די האַלעס, נישט קוקנדיק אויף די אָבלאַוועס, וואָלסט אפֿילו געמעגט יעדן טאָג אַראָפּשלונגען „חזרימלעך", ווי לאָ-קיטאַי, ריזיקירן הונדערט מאָל אין טאָג, כדי צו קאָנען ברענגען פֿאַר „דײַן מושקאַ" אַ נײַעם סוועטער, נײַע גאַטקעס, צי אַ פּעקלע שמאַנט-צוקערלעך, פֿון וועלכע וואָלסט אַלײן אַראָפּגעוויקלט די פּאַפּירלעך, כדי מושקאַ זאָל זיך נישט צופֿיל פֿאַר-

מאַטערן, וואָלסט ווייטער געמעגט זיין דינסט און וואַשן אים די פיס, ווען דו וואָלסט ריזיקירט בלויז מיט דיין אייגן לעבן; ווען ס'וואָלט געגאַנגען בלויז אין דיין פּערזאָן. סעבאַסטיאַן האָט אָבער אַדרעסן פון מענטשן, וועמענס לעבן ס'איז אפשר נישט אַזוי וויכטיק ווי זיינס, אָבער וועלכע האָבן דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיקן. ראַיסע, אום גאָטעס ווילן! אין דער איצטיקער צייט קאָן מען נישט מאַכן קיין טראַגעדיע צוליב איין חסר־דעה. אין קיין שום שפּראַך אין דער וועלט קלינגט נישט טיפער דאָס וואָרט רחמנות. מ'זאָגט, אַז מיר זענען אַ פאָלק פון רחמנות — עם רחמנים. ווען יידן זענען אַנטלאָפן פון די ליקווידירטע שטעטלעך אין אַנדערע שטעטלעך, וואָס זענען נאָך נישט ליקווידירט געוואָרן, האָט מען זיי אָפּגעטריבן מיט שטעקנס.—„נאָך אייער שטעטל האָט געזאָלט ליקווידירט ווערן, גייט אייך, כדי איר זאָלט מיט אייער אַנוועזנהייט נישט ברענגען אויף אונדז קיין אומגליק, שולץ האָט אונדז געגעבן זיין וואָרט, אַז מיר געהערן נישט צו אייער קאַטעגאָריע".

— זומער 1942 איז אַן אויסדרוק פון רחמנות געווען ציאַנעק, וואָס מ'האָט געקויפט פאַר גאָלדענע דאָלאַרן. אין די טעג פון פּסח האָבן מאַמעס דערשטיקט זייערע קינדער מיט קישנס, כדי זייער געוויין זאָל נישט צוציען די דייטשן. דאָס האָבן געטאָן די זעלבע מאַמעס, וועלכע האָבן מיט דריי יאָר צוריק געזאָגט: „נו, גיב אַ שפּיי, בעניקל, אויף דער מאַמען, ווייז, אַז די קאָנסט שפּייען". אויפן אומשלאַג־פּלאַץ האָבן מוטערס אַוועקגעוואָרפן זייערע קליינע קינדער, ווייל מיט די עופעלעך זענען זיי פאַרמשפט געווען. ווען די צייט פון ליידן וועט פאַרבייגיין, וועלן מאַמעס ווידער אָנהייבן זאָגן צו קינדער: „שפּיי אויף דער מאַמע, שפּייסט אַזוי שיין". טאַטעס וועלן שפּילן אויף זייערע פידלען, כדי צוצוגעבן קינדער חשק צו עסן. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו קוקן מיט נישט זעעוודיקע אויגן אויף די אומקומענדיקע אויף יענער זייט געטאָ־מויערן, ווייל סייווי האָבן מיר זיי אַלע נישט געקאָנט העלפן. צי ווייסטו וואָס עס טוען מאַטראָסן, ווען טרינקענדיקע כאַפּן זיך אָן אין איבערגעפולטן רעטונגס־שיפל? וואָלסט געקאָנט מקריב זיין דיין יונג לעבן, דיין שיינקייט, פרויטי זענען פעיק דערויף. ווען זיי הייבן אָבער אָן צו שלאָגן קאָן מען אפילו פאַר אַ נאָרמאַלן מענטש נישט ערוב זיין, דאָס וואָס ס'קומט פאַר אי־ אַ מענטשן, וועלכן מ'שלאָגט, קאָן מען מיטן קלאָרן שכל נישט באַנעמען. ער וועט אונדז אָן שלאָגן אויך ברענגען צו פירן די זשאַנדאַרן. ער איז דאָך נישט ביים קלאָרן זינען. ראַיסע! נאָר איין עצה איז פאַראַן.

— וואָס פֿאַר אַן עצה?

— נאָר איין עצה. קיין אַנדערע איז נישטאָ! קיין אַנדערע זע איך נישט, ראַיסע, מ'דאַרף, מ'מוז אים איינשלעפֿערן!...

ער האָט דערנענטערט זיין קאָפּ צו ראַיסעס קאָפּ. כדי זיינע ווערטער זאָלן אין ערגעץ נישט דערהערט ווערן, האָט ער גערעדט מיט אַ פֿליסטער, מיטן וועלכן ער האָט דערשטיקט זיין צעהיצטקייט.

— יאָ, קיין אַנדערע עצה איז נישטאָ! די העלעציקא האָט געהאַט אַן ענלעכע געשיכטע. מ'האָט איר צוגעשטעלט ציאַנעק און זי האָט איר מאַן אָפּגעסמט ביי זיך אין דער וווינונג. צי ווייסטו ווי אַזוי זי האָט אים דערנאָך אַרויסגעטראָגן? מיט אַ האַק האָט זי אָפּגעהאַקט פֿריער דעם קאָפּ, דערנאָך די הענט, די פֿיס און אַרויסגעטראָגן אין אַ וואַליזקע הינטער דער שטאָט. מ'קאָן העלפֿן ראַטעווען זיך די, וועלכע ווילן זיך אַליין ראַטעווען, אָבער נישט די, וועלכע האַלטן נישט אויס... די שוואַכע מוזן אָפּפֿאַלן — אַזאַ איז דאָס געזעץ פֿון מלחמה. רעכט אויף לעבן האָבן נאָר שטאַרקע מענטשן — „נ ו ר ט י כ ט י ק ע ל ו י ט ע“. מ'קאָן דאָך פֿון מיר נישט פֿאָדערן כ'זאָל העלפֿן עמעצן, וואָס וועט מיר ברענגען צו שלעפֿן די „שמאַלצאָווניקעס“. מ'מוז טאָן אַזוי, ווי העלעציקאַ, פֿאַרשטייסט, מושקאַ? פֿאַרנאַכט וועסטו אַוועק מיט אים הינטער דער שטאָט, צום ביישפּיל אין וועלדל אויף ביעלאַני, וועסט צוװאַרטן ביז ס'וועט פֿינצטער ווערן. די טעג זענען שוין קירצערע, אַזוי, אַז וועסט נאָך באַוויזן צוריקצוקומען פֿאַר דער פּאָליציייאישער שעה. וועסט מיטנעמען טיי אין טערמאָס, פֿריער וועסטו אים אָנקאָרמען מיט האַרטע אייער, און טיי וועסטו אַריינוואַרפֿן דעם ציאַנעק. כ'קאָן דיר צושטעלן דעם ציאַנעק. טוסט אָפּ דיינס און קומסט צוריק... שרעקלעך? שרעקלעך, אָבער אַנדערש קאָן מען נישט...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— מושקאַ, איך ליג ביינאַכט אין מיין לאָך און נישט קאָנענדיק איינשלאָפֿן, טראַכט איך זיך: „שוטה, שוטה, וואָס דו ביסט, דאָס גאַנצע לעבן האָסטו זיך געיאָגט נאָך אַ מיראַזש, האָסט דעראָבערט געלט, אָבער פֿאַר וועמען? האָ גאָענט לעבן דיר געפֿינט זיך עמעצער, פֿאַר וועמען עס לוינט זיך צו קעמפֿן“. ראַיסע! כ'האָב דיך ליב, כ'האָב ליב אַלץ וואָס אין דיר, דיין גאַנג, די אויגן, די האָר, די באַקן, דיין פֿאַרגעסן זיך אין זיך גופֿא, דיין פֿאַרטראַכטקייט. הער מיך, ראַיסע, כ'האָב גענוג געלט, מ'זאָל

קאָנען איבערלעבן די מלחמה. כ׳האָב אויך געלט אויף נאָך דער מלחמה. כ׳האָב אומעטום געלט, אין אַמעריקע אפילו, כ׳האָב זיך באַוואָרנט. אַ וויגונג האָבן מיר, מיר דוכט, אַז די ווייגונג איז אַ גלענצנדיקע. די קאָטשאָלם זענען שטילע, אָרנטלעכע מענטשן. כ׳ווייס, אַז אין אַ מאָנאַט אַרום וועלן זיי זאָגן, אַז „זיי קאָנען נישט פאַר אַזאַ פּרייז, אַנדערע נעמען מער, אַז כ׳מוז זיי דערלייגן נאָך פינף הונדערט, נאָך טויזנט זלאָטעס!“ אידיאָטן! מיר קאָנען דאָ איבערלעבן די מלחמה, דאַרפסט זיך נאָר אָננעמען מיט מוט, ראַיסע!

זיי האָבן דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. ס׳איז אַריינגעקומען דער ריכטער קאָטשאַל. ער האָט געבראַכט אַ ביסל פּאַרן „הער סטשעלעצקי“. פּלוצלינג האָט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן עפּעס אַ רויש אין שאַנק.

— צי איז ביי אייך פאַראַן מייז אין שאַנק? — האָט דער ריכטער קאָטשאַל געפרעגט.

ראַיסע האָט נישט געענטפערט. ווען בוקין האָט געדרשנט, האָט זי די גאַנצע צייט נישט אָפּגעריסן די אויגן פון דער שאַפע. איצט האָט פּלוצלינג זי עמיצער אויפגעמאַכט פון אינעווייניק. אין שאַפע איז געשטאַנען סעבאַסטיאַן, וועלכער איז טיילוויז פאַרשטעלט געווען פון זיינע מאַרינאַרקעס.

— דאָס זענען נישט קיין מייז — האָט ער געזאָגט. — דאָס בין איך, דאָקטער גאָלדשטיין...

VIII

אויף צומאָרגנס נאָך דער סצענע מיט סעבאַסטיאַנען אין שאַנק, האָט ראַיסע זיך געליען אַ ביסל געלט ביים באַקאַנטן גוטבאַזיצער, האָט נישט אומגעקערט דעם חוב, וואָס זי איז שולדיק געווען יוזעפן און אָפּגעפירט איר מאַן צום פּראָפעסאָר. סעבאַסטיאַן האָט זיך כסדר געפּוגעט און אין אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע און פון קיין שום זאַך זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג. נאָך דער ערשטער איינשפּריצונג פון גלוקאָזע האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אינגאַנצן אַן אַנדערער. ווען ער האָט זיך אָריענטירט וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, האָט ער צעשלאָגן דעם פלעגער, און אַרויס אויף דער גאַס אין די אונטערוועש. ראַיסע מיטן פלעגער האָבן זיך געיאָגט נאָכן האַלבנאַקעטן וואַנזיניקן, וועלכער האָט אַרויסגערופן ביי די פאַרבייגייער גע-

לעכטער און שרעק. ווען זיי האָבן אים מיט כוח צוריקגעבראַכט, האָט זיך סעבאַסטיאַן צעוויינט. — ווי האָסטו געקאָנט מיר אַזעלכעס אָפּטאָן! — האָט ער אומאויפהערלעך איבערגעחזרט. — ווי האָסטו געקאָנט! אָפּגעבנדיק זיך איצט אַ רעכענונג צוליב וואָס מ'האָט אים אַהער געבראַכט, האָט ער זיך דאָס נישט געקאָנט שענקען.

צי ווייל ס'איז פּלוצלינג פאָרגעקומען אַ פאַרבעסערונג, צי גיכער ווייל דער פּראָפעסאָר האָט זיך ערשט איצט אָפּגעגעבן אַ רעכענונג מיט וואָסער געפאַר דאָס איז פאַרבונדן, גענוג, אַז ער האָט באַהויפּטעט, אַז מ'קאָן איבעררייסן די קוראַציע און נאָך צוויי טעג איז סעבאַסטיאַן צוריקגעקומען אין קאָטשאָלס הויז, ווו די אַטמאָספער איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. „אין נאָמען פון אַלעמענס זיכערקייט“ האָט דער ריכטער געפאָדערט, אַז מ'זאָל אים באַפרייען דאָס צימער. אַ געוויסן טאָג האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט „בשום אופן“ סעבאַסטיאַנען נישט אַריינלאָזן, זאָל ראַיסע מיט אים טאָן, וואָס זי וויל“. ראַיסע האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי טאַמאַרקינס געוועזענער דינסט (וועלכער זי האָט געהאַט אָפּגעגעבן אַ גרוס פון יונגן טאַמאַרקין, פון וואָס זי איז געווען שטאַרק גערירט) זי זאָל אַריינעמען סעבאַסטיאַנען אויף אַ שטיקל צייט. זי האָט איר נישט דערציילט, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן איר מאַן. זי האָט איר בכלל דייטלעך גאָרנישט געזאָגט. די דינסט האָט געוווינט אויף יעלאָנקי *). סעבאַסטיאַן האָט דאָרט פאַרבראַכט בלויז צוויי נעכט. נאָך דער ערשטער נאַכט האָבן אים אַנטדעקט באַאַמטע, וועלכע האָבן געזוכט אומלעגאַלע בראָנפן־פאַבריקאַציע. אַנטדעקט סעבאַסטיאַנען, האָבן זיי געפאָדערט אויסקויף־געלט נישט נאָר פאַרן געהיימען בראָנפן, נאָר אויך פאַרן גאַסט. — פאַר האַלטן אַזאַ פויגל פאַרדינט איר מער ווי פון טרייבן בראָנפן. — די פרוי האָט געפאָדערט סעבאַסטיאַן זאָל מאָמענטאַל פאַרלאָזן איר וווינונג, ער האָט אָנגעהויבן איר אויסזען משונהדיק און האָט באַדויערט, וואָס זי האָט זיך געלאָזט פון דער „הויכער בלאָנדינקע“ איינרעדן. אויף ביינאַכט האָט זי אים אַוועקגעפירט אין אַ קעלער פון עפּעס אַ חרוב הויז. עמעצער האָט אַהין אַריינגעוואָרפן אַ פלשל בענזין. אַן אָפּגעבריטער און אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד איז סעבאַסטיאַן צוריקגעקומען אין די קאָטשאָלס הויז. געריירט פון זיין אויסזען, האָט דער ריכטער דערווייל אויפגעהערט צו פאָדערן, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דאָס הויז. סעבאַסטיאַן

*) אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע.

האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך געענדערט, כמעט נאָרמאַל געוואָרן. ער האָט, וואָס אַן אמת, געלייענט פינף ביכער מיטאַמאָל און צוגעהיט, מ'זאָל נישט טרעטן אויף די פּיאַטעס, אָבער אויסער דעם איז ער נישט באַגאַנגען קיין משוגעתן, ער האָט אפילו אָנגעהויבן צוצוהעלפֿן ראַיסען אין די שטוב־אַרבעטן. מיט אַ שטילער האַפֿענונג האָט ראַיסע אָבסערווירט די ענדערונג. נאָך דריי וואָכן האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן אויפֿסניי. סעבאַסטיאַן האָט ווידער „נישט גערעכנט זיך מיטן פּאַקט, אַז עס זענען דאָ פּאַראַן דייטשן“. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין ביינאַכט און אָפּגעטאָן ענלעכע אומפּאָרזיכטיקייטן. ווען ראַיסע האָט געפּרוווט פֿאַרמאַכן אים אין צימער, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער רינע דורכן פֿענצטער און אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע אויפֿן גאַנצן געסל. בוקין, וועלכער האָט דריי וואָכן געשוויגן, איז איצט ווידער ווילד געוואָרן פֿון כעס. ווען ער איז ביינאַכט אַוועק אין זיין צימער, האָט ער געברומט: — אויף היינט קאָן מען זיך ריכטן, איך לייג מיך אין אָנטועכץ, פֿעסטיק צו דעם שנור און אויפֿן ערשטן קלונג מאַך איך פּליטה. — ער האָט אָבער פֿאַטעטיש פֿאַרענדיקט: — וווהין לויפֿן? וווהין?

סעבאַסטיאַן, וועלכער האָט ביז איצט געהאַט אַ גלייכגילטיקע באַציונג צו בוקינען, האָט אים איצט געהאַסט. יעדעס מאָל, ווען ער איז צוריקגעקומען און שטענדיק אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד, האָט ער געשריגן אויפֿן גאַנצן קול: — דער פֿערד! ער איז רייך געוואָרן! צי ווייסטו ווי אַזוי ער איז רייך געוואָרן? דאָס איז אַ פֿאַרעטער! — ער האָט געדראָט, אַז ער וועט אים פֿאַרניכטן. אַ געוויסן טאָג איז ער געקומען מיט אַ „חברה־מאַן“. בוקין האָט קוים באַוויזן צו אַנטלויפֿן אין גערטנדל, ווו ער איז עטלעכע שעה געלעגן פֿאַרשטעקט אין די קוסטעס. סעבאַסטיאַן האָט דעם חברה־מאַן אַריינגעפֿירט אין צימער און ביידע צוזאַמען האָבן געטרונקען. אין אַ געוויסן מאָמענט איז סעבאַסטיאַן אויפֿגעשטאַנען און געפֿאָדערט, אַז דער חברה־מאַן זאָל זיך שוין גיין. — כ'וועל נישט גיין! — האָט דער חברה־מאַן געדראָט. — כ'וועל נישט גיין! דו, שאַפּיראָ איינער!

ראַיסע איז דעמלט נישט געווען אין דער היים. נאָך דעם פֿאַל האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט קיין רעכט נישט אויסצושטעלן מענטשן אויף אַ געפֿאַר. זי האָט געפֿונען עפּעס אַ צימער אין די אַלייען און זיי האָבן זיך איבערגעצויגן. קוים עטלעכע שעה האָבן זיי דאָרט געוווינט. אין די האַלעם האָט זי געהערט דערציילן, אַז אין די אַלייען איז פֿאַראַן אַזאַ וווינונג, וועמענס באַלעבאָס עס נעמט אַריין „יעטוועדן“ לאָקאַטאָר און

דערנאָך דערהרגעט ער אים אין קעלער מיט אַ האַק. אַ פֿאַרסאַפּעטע איז זי אַוועק אין די אַלייען און אַרויסגעצויגן פֿון דאָרט סעבאַסטיאַנען. דער ריכטער האָט זיי צוגענומען „נאָך אויף עטלעכע טעג אָבער נישט אויף לענגער“. אין פֿאַרלויף פֿון די עטלעכע טעג האָט סעבאַסטיאַן ווידער „נישט געגומען אין באַטראַכט די אַנוועזנהייט פֿון די דייטשן“. ראַיסע האָט זיך איצט איבערצייגט, אַז זי וועט זיך מער קיין עצה נישט געבן, אַז דאָס מוז זיך פֿאַרענדיקן מיט אַן אומגליק פֿאַר אַלעמען, וואָס בוקין האָט כסדר אונטערגעשטראָכן. די אָפּעראַציעס אויפֿן פֿראָנט האָבן זיך אָפּגעקילט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז די מלחמה וועט זיך אַזוי שנעל נישט ענדיקן. די גויט האָט אָנגעהויבן דריקן, אין די האַלעס האָט זיך ראַיסען קיין שום זאַך נישט איינגעגעבן, זי איז געזונקען אין חובות. יוזעף האָט פֿאַרלוירן דעם צוטריי צו איר. לודוויקאַ האָט זיך נישט אָפּגערופֿן, זי איז מסתמא אַליין געווען אויף צרות, ווייל זי האָט געטוישט דעם אַדרעס. געפֿינענדיק זיך אויפֿן ראַנד פֿון אָפּגרונט, האָט ראַיסע זיך דעצידירט צו פֿאָרן אויף ביעלאַני.

IX

סעבאַסטיאַן האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט צו מאַכן דעם שפּאַציר, וואָס האָט זיך געצויגן אומענדלעך ביז זיי זענען אָנגעקומען אויפֿן אָרט. ער האָט זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין מידקייט. ער איז נישט צוגעשטאַנען מ׳זאָל די קאָלדרע אויסשפּרייטן ערגעץ נאָענט לעבן מענטשן, כאָטש ער איז שטענדיק ממש אויסגעגאַנגען צו זיין אין אַ געזעלשאַפֿט, ער האָט נישט פֿאַרטראָגן קיין איינזאַמקייט. אָן ווידערשטאַנד איז ער אַנטקעגנגעגאַנגען זיין שיקזאַל.

זיי זענען געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון אַ מאָגער וועלדל. אונטן איז געפֿלאָסן די ווייסל. אַרום, וווּ דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט גרייכן, איז נישט געווען קיין לעבעדיקער נפֿש. אין סעפּטעמבער האָט די פּליאַזשע נישט קיין פֿאַרערער. אפֿילו זונטיק טראָגט שוין נישט דאָס פֿאָרן „היגטער דער שטאָט“ קיין מאַסן־כאַראַקטער. מיט אַ שעה צוריק זענען פֿאַרבייגעגאַנגען די לעצטע שפּאַצירער. זינט אַ שעה זענען זיי געגאַנגען נישט אָנטרעפֿנדיק אפֿילו אויף שאָלעכץ פֿון אייער. אַרום בלויז סאָסנעס, וואַסער, זאַמד און הימל.

זיצנדיק אויסגעדרייט צו דער וויסל, האָט זי סעבאַסטיאַנען נישט געזען, זי האָט נאָר געהערט זיין רואיק אָטעמען.

— מושקאַ...

נישט אומדרייענדיק זיך האָט זי געפרעגט:

— וואָס?

— ווי שטיל דאָ איז, ווי גוט. ביסט שוין דאָ אַמאָל געווען?

— ניין.

— פון וואַנען קענסטו דאָס אָרט?

— דאָ איז אומעטום שיין.

— אומעטום? און מיר דוכט זיך, אַז נאָר דאָ. צי וועלן מיר דאָ קומען דעם קומענדיקן זונטיק?

— מירן קומען. — ס'האָט איר אַ זעץ געטאָן איר אייגענע שטימע, וואָס איז לאַנגזאַמער געווען ווי געוויינלעך. זי האָט נישט אָפּגעריסן די אויגן פון הימל.

— אייגנטלעך וואָלטן מיר געקאָנט מאָרגן אַהער קומען.

— ווי דו וועסט וועלן...

סעבאַסטיאַן האָט ווייטער גערעדט:

— איינמאָל זיץ איך מיר אין צימער און טראַכט: היינט איז ראש־השנה, דער מאַמעס באַליבטער יום־טוב. נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין היים, קיינער וועט נישט אַריינקומען און זאָגן: איך ווינטש דיר אַלדאָס גוטס. פּלוצלונג קומט אַריין דער ריכטער קאַטשאַל און זאָגט: „אַלדאָס גוטס ווינטש איך אייך". „אַ דאַנק, ענטפער איך, שיין פון אייער זייט, הער ריכטער, וואָס איר האָט געדענקט". אין דעם דערמאָן איך זיך, אַז דער ריכטער טאָר דאָך גאָרנישט וויסן וועגן אונדזער יום־טוב. צי ווייסט ער אפשר דעם אמת? „איר זעט נישט אויס אויף קיין גליקלעכן יובי־לאַר" — ער האָט מיר געווונטשן צום נאָמען־טאָג... וויפל נעמען האָב איך געהאַט אין די לעצטע צוויי יאָר? ס'מישט זיך מיר שוין פון זיי אין קאָפּ. דער מענטש זאָגט זיך אַזוי אָפּ פון אַלעמען, אַז ס'וואָלט געווען נאַטירלעך, ווען ער וואָלט אָנגעהויבן אויף פראַגן צו ענטפערן מיט העברעי־שע ציטאַטן פון די נביאים. כ'האָב זיך אַנטוישט אין דיר, מושקאַ, כ'האָב זיך געפילט שלעכט און דו, ווי האָסטו געהאַנדלט? האָסט מיך אַרויס־געשיקט פון שטוב. דער ערשטער קלאַפּ און האָסט זיך צוזאַמענגעבראָכן. אַזוי האַנדלט אַ ווייב? מיין מוטער איז געווען אַ בעסערע פרוי.

— נישט איינגאַנצן ביסטו אפשר געערכט — האָט זי געזאָגט, נישט דערוואַרטנדיק קיין ענטפער, נישט לייגנדיק פון פאָרויס קיין אַכט אויף זיין ענטפער. ס'האָט נישט געהאַט קיין זין צו רעדן מיט אים. נאָך צען קלאָרע ענטפערס האָט זיך בעת דעם עלפטן אויפגעעפנט אַ פינצטער־ניש, דער עלפטער ענטפער האָט איבערגעשטראָכן דעם ווערט פון די פריערדיקע צען.

אומדרייענדיק זיך צו אים האָט ראַיסע, שוין נישט צום ערשטן מאָל, פעסטגעשטעלט, אַז ער ווערט אַלעמאָל שענער. קיינמאָל נאָך איז זיין מענלעכע שיינקייט נישט געווען אַזאַ זויבערע ווי היינט. די פיין האָט אים דעליקאַטער געמאַכט, זי האָט אויסגעטרוקנט די מוסקולן פון געזיכט, נישט צעשטערנדיק די פראָפּאָרציעס. ער האָט געהאַט אַ הויכן, שטאַרקן שטערן, די ליניע פון דער גאָמבע עטוואָס שוואַכער, הייסע, ברוינע אויגן, וואָס האָבן געשלונגען, ווען זיי האָבן געקוקט, אַ נאָז מיט אַ נאָבל, דע־ליקאַט הויקערל, געדיכטע שוואַרצע האָר. פיל ווייניק אין מיטן שטערן האָט זיך אויסגעטיילט אַ שטיקל הויט אין דער גרויס פון אַ פלוים, וואָס האָט אויסגעזען רוי, ווי אָפּגעבריט. איבער דעם שטיקל הויט האָבן קיין שליטה נישט געהאַט נישט קיין פעלדלער, נישט די זון. ס'איז פאַרבליבן שטענדיק דער זעלבער, רויטער פלעק, וועלכער איז געלעגן אין לייכטער טיפקייט פון שטערן, פונקט ווי אַ ברונעמל אין מיט גאַס. „דאָרט איז דער מקור פון אַלע צרות" — האָט ראַיסע געטראַכט. זי האָט זיך גע־פילט אומבאַהאָלפן לגבי דעם דאָזיקן אָרט ווי לגבי אַ קבר.

ראַיסעס בליק האָט זיך געגליטשט איבער איר אויסגעצויגענעם מאַן. פּלוצלינג איז איר בליק דורך דעם אָפענעם העמד געפאַלן אויף זיין הויט, וועלכע האָט זיך אין דער אָנגעבויגנקייט פון קערפּער צוזאַמענגע־קנייטשט, אַדאַנק וואָס זי האָט אויסגעזען מיט אַ טאָן מונקעלער. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי איר אַסאָציאַציעס, וואָס האָט איר דערמאָנט איינע פון זייערע ערשטע נעכט. ער איז דעמלט געלעגן אויפן בעט פונקט אַזוי פיל ווייניק ווי ער ליגט איצט אויף דער קאָלדרע: דעם קאָפּ האָט ער געהאַט אָנגעשפאַרט אויף די דלאָניעס און זיך איינגעקוקט אין איר. רעדט נישט שלעכט וועגן פרויען! מער ווי די מענער ווייסן זיי, ווי הימל־הויך עס פירט די ליבע און זיי זענען מתפּלל, און יעדן טאָג קוקן זיי זיך אוים די אויגן, און יעדן טאָג וואַרטן זיי, אַז זייער וועג צום הימל זאָל פירן דורך ליבע. פאַרמאַכט די אויגן, שטעלט אָן די אויערן און איר

טעם הערן זייער גרויס געשריי, זייער טאָג־טעגלעכע תּפֿילה, אין וועלכער זיי בעטן צו קאָנען אויפֿשטייגן אין הימל.

ראַיסעס וועג צום הימל איז געלעגן דאָ פּאַר איר: דאָס איז געווען דער מענטש, וועלכער האָט זיך באַוועגט אויף אַ שמאָלינק בריקל, אַן אַריבערגעוואָרפֿנס צווישן וועלטן, אַ מענטש, וועלכער האָט געזען בילדער, וואָס קיינער אויסער אים האָט נישט געזען, אַ מענטשלעך וועזן, מיט וועלכן ס'איז שווערער געווען זיך צו פֿאַרשטענדיקן ווי מיטן אונטן פֿליסנדיקן טייך, ווי מיט דער סאָסנע, וואָס איז געוואָקסן דערנעבן; דאָס איז עמעצער פֿון וועמען די נאַטור האָט אָפּגעשפּעט און געוויזן אים כּסדר אירע שאַרפֿע ציינער: דאָס איז דער מענטש, וועלכער איז אַראָפּ פֿון זינען, אַ מענטשלעך באַשעפֿעניש, וואָס האָט נישט קיין פֿאַרבינדונג מיט אַן אַנדער מענטש. מיט אויסגעטריקנטע, פֿון לאַנג שוין טרערלאָזע אויגן האָט ראַיסע זיך צוגעקוקט צו איר וועג צום הימל.

זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט אים נישט געבן דעם געטראַנק, וואָס בוקין האָט צוגעגרייט, אַז זי וועט אַ מער איינזאַמע ווי אַן אַרעסטאַנט ווידער זיך איינטונקען אין קאַמף אָן אַן אויסזיכט אויף נצחון און אָן באַלוינונג. זי האָט נישט געוווּסט, ווו זי וועט די נאַכט איבערנעכטיקן, וואָס דער מאָרגן וועט איר ברענגען. זי האָט אָבער געפֿילט דעם ביטערן טעם פֿון אַזאַ מאָרגן — ס'האָט געשטאָכן, ווי אַן איבערמענטשלעכער ווייטיק, ווי עמעצער וואָלט מיט אַ דינער, לאַנגער נאָדל איר דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ. ראַיסען האָט אָפּט געפּאַנגען יענער ווייטיק, וואָס באַגלייט אַלע די, וועלכע ווערן אַרויסגעוואָרפֿן פֿון לעבן. אויך איצט, זיצנדיק אונטערן הימל, האָט זי דעם ווייטיק געפֿילט. פּונקט ווי אַ טיף־פֿאַרליבטער פֿילט צייטנווייז פֿאַרויס די בענקשאַפֿט שוין דעמלט, ווען די געליבטע פּערזאָן זיצט נאָך לעבן אים, אַזוי האָט ראַיסע פֿאַרויס געפֿילט דעם טעם פֿון לעבן, צו וועלכן זי האָט געדאַרפֿט זיך אומקערן.

פּונקט ווי קיינער וואָלט לעבן איר נישט געווען, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איר אַלע, וועלכע שלאָפֿן איצט לייכט, געדענקט אין די, וועמען די נאַכט ברענגט נישט קיין שלאָף, באַשוכטע, געדענקט אין די, וועלכע גאָט שיקט אַראָפּ באָרוועסע אויף אַ וועג אַ באַשאָטענעם מיט גלאָז. קוקט נישט מיט קיין גלייכגילטיק אויג אויף בלוט; מעגלעך, אַז עס פֿליסט, כּדי איר זאָלט אין בלוט נישט אָפּגיין. געדענקט...

דאָס איז געווען אַ באַליבטע תפילה פון סעבאַסטיאַנס מוטער, דער קליינער, איינגעשרומפּענער פרוי, וועלכע האָט ביז דער לעצטער מינוט געבעטן זי מיט רחמים, זי זאָל באַשיצן איר זון. יעדעס מאָל, ווען ראַיסע האָט פאַרלוירן דעם מוט, יעדנס מאָל, ווען זי האָט געהאַט באַשלאָסן מער נישט צו קעמפן, האָט זי זיך דערמאָנט וואָס זי האָט צוגעזאָגט יענער פרוי. יענע פרוי האָט שוין לאַנג נישט געלעבט, אָבער פאַראַן מאָמענטן פון גרויסער דערהויבנקייט, ווען די וועלט טיילט זיך נישט אויף לעבעדיקע און טויטע, די געמיינשאַפט שפּרייט זיך דעמלט אויס אין דמיונות, אין וועלכע אַלץ וואָס האָט אַמאָל געלעבט, לעבט ווייטער! ראַיסע האָט שוין סעבאַסטיאַנען ווי אַ מאַן נישט ליב געהאַט. ווי אַ מענטש האָט ער געהאַט אַ קלענערן ווערט, ווי אַ צעבראָכן טעפּל. ער האָט אָבער קיינעמען אויסער איר נישט געהאַט. צו וועמען האָט ער געזאָלט גיין?

— פאַרוואָס ווייסטו? — האָט זי פּלוצלינג דערהערט.

— כ׳וויין שוין נישט.

— כ׳זע דאָך.

— כ׳וויין נישט, שוין נישט, מושקאַ.

— מ׳דאַרף זיין שטאַרק.

— כ׳וועל זיין שטאַרק.

— נאָר שטאַרקע האָבן רעכט צו לעבן.

— נאָר שטאַרקע, מושקאַ...

אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ראַיסע דערזען אַזעלכעס, פון וואָס דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר אָפּגעשטעלט. סעבאַסטיאַן האָט געהאַלטן אין אויפדרייען דעם טערמאָס מיטן פאַרסמטן טיי. אַ ווײַלע האָט זיך איר געדוכט, אַז ער האָט אפשר מיטגעבראַכט אַ צווייטן טערמאָס. די גאַנצע צייט האָט זי מיט דער האַנט עפּעס צוגעהאַלטן אונטער דער דעק און איבערצייגט געווען, אַז זי האַלט דעם טערמאָס. ס׳איז געווען אַ שטיין. ראַיסע האָט זיך אויפגעריסן און אים אַרויסגעשלאָגן דעם טערמאָס פון דער האַנט. דער טיי האָט זיך צעגאָסן איבער דער קאָלדרע.

אין וועג, אַהער גייענדיק, האָט זיך צו זיי צוגעטשעפּעט אַ שמוציקער, מיזערנער הונט מיט געלע לאַטעס אויפן רוקן, מיט אַ געלן פּיסק, וואָס איז איבערגעטיילט געווען מיט אַ ווייסער ליניע. ער האָט זיך נישט געלאָזט אָנרירן, אָבער ער איז פון זיי נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט זיך

דערשלעפּט נאָך זיי ביז אַהער, אַוועקגעזעצט זיך אונטער אַ שכנותדיקן בוים און געקוקט אויף זיי מיט אַזעלכע ווייטיקדיקע אויגן, אַז ס'איז שווער געווען צו פֿאַרטראָגן. דערנאָך איז ער דרייסטער געוואָרן, צוגעגאַנגען צו זיי און זיך אַוועקגעלייגט לעבן סעבאַסטיאַנען. ווען דער טיי האָט זיך אויסגעגאָסן איז ער אויפֿגעשפּרונגען, באַלד אָבער צוריקגעקומען און אָנגעהויבן אויסלעקן די צעגאָסענע פּליסיקייט. ראַיסע האָט מיט אימה געקוקט אויפֿן הונט, סעבאַסטיאַן האָט געקוקט אויף ראַיסען, וועלכע האָט זיך געפֿילט ווי פּאַראַליזירט און נישט געקאָנט זיך רירן פֿון אָרט. דער הונט האָט אויסגעלעקט דעם טיי, געפּרוווט זיך אַוועקזעצן און זיך איבערגעדרייט, ווי עמעצער וואָלט אים אַ שטויס געטאָן. קורץ נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהויבן וואַרפֿן אין קאָנווולסיעס. ראַיסע האָט איבערגעטראָגן די בליקן פֿון הונט אויף סעבאַסטיאַנען, פֿון סעבאַסטיאַנען אויפֿן הונט, פּלוצלינג האָט זי זיך געלאָזט לויפֿן מיטן טערמאָס צום טייך.

ווען זי איז צוריקגעקומען אָן טערמאָס, איז סעבאַסטיאַן געזעסן לעבן שטייף געוואָרענעם הונט. זי האָט כמעט געזען, ווי דער וואַנזין צעגיסט זיך איבער איר מאַנס געזיכט, ער האָט פֿאַרמאַכט און געעפֿנט די אויגן, געציטערט. אין פֿאַרלויף פֿון אַ פֿערטל שעה האָט ער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ווען ראַיסע האָט אָנגעהויבן וויינען, האָט ער זי געפֿרעגט פֿאַרוואָס זי האָט אים געוואָלט אָפּסמען. ס'האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, אָבער סעבאַסטיאַן האָט נישט געוואָלט צוריקגיין. מיט שוועריקייטן האָט זי אויף אים אַרויפֿגעצויגן די מאַרינאַרקע און גענומען אים אונטערן אָרעם. ער האָט כסדר געציטערט, ווען זיי האָבן זיך שוין געפֿונען אויף ביעלאַני, איז פּונקט פֿון אַ געסל אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן זיי אַ זשאַנדאַרמעריע־פּאַטרול. מ'האָט נישט געקאָנט נישט אים אויסמיידן און נישט זיך צוריקציִען. ראַיסע האָט שטאַרקער צוגעדריקט סעבאַסטיאַנען צו זיך. די זשאַנדאַרן האָבן זיי אָפּגעשטעלט.

— זשידאָק? — האָט איינער פֿון זיי געפֿרעגט אין שלעזיש.

ווען דער זשאַנדאַר האָט לאַכנדיק געפֿרעגט צום צווייטן מאָל, האָט סעבאַסטיאַן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און דיין מויד? — האָט דער זשאַנדאַר געפֿרעגט נאָך אַ ישובֿ־הדעת.

סעבאַסטיאַן האָט אויך דאָס מאָל באַשטעטיקט.

X

דאָך זענען זיי יענע נאַכט נישט אומגעקומען. דער סאָלדאַט, וועלכער האָט זיי געדאַרפט אָפּפירן אין וואַרטע־שטיבל, אַ הויכער, מרוקעדיקער דייטש, האָט כסדר איבערגעחזרט: — אַלעס שייסע. — ראַיסע האָט אָנגעהויבן בעטן, אַז ער זאָל זיי אָפּלאָזן, אַז „אַדאַנק דעם וועט ער זיך שנעל צוריקקערן צו זיין פרוי און קינדער“. אין אַ געווייסן מאָמענט האָט דער דייטש זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ געסל, וואָס האָט געפירט אין פעלד און אַ זאָג געטאָן: — לאָס! לאָס! שנעלער!

ראַיסע האָט נישט געגלייבט אירע אייגענע אויערן. זי האָט געמיינט, אַז ער וועט זיי לאָזן גיין און דערנאָך זיי נאָכשיסן. ווען אַזעלכע געשיכטעס האָט מען זיך פיל אָנגעהערט. קוקנדיק מיט אומצוטרוי אויפן דייטש, האָט זי אַ צי געטאָן נאָך זיך סעבאַסטיאַנען, וועלכער איז צו זיך געקומען, באַטש ער האָט כסדר געציטערט. דער דייטש האָט מאַקע געשאָסן, אָבער אין דער לופט. ראַיסע האָט דערנאָך קיינמאָל זיך נישט געקאָנט דערמאָנען אין וואָס פאַר אַ שפּראַך זי האָט דעם דייטש געבעטן צו שענקען זיי דאָס לעבן. קיין דייטש האָט זי נישט געקענט. דאָס איז נישט געווען צום ערשטן מאָל אַזאַ פאַל אין איר לעבן. אין לעמבערג האָט זי זיך איינמאָל געפונען אין אַ פּאַרטיע, וואָס איז באַשטימט געווען דערשאָסן צו ווערן. די עקזעקוציע האָט געדאַרפט פאָרקומען ביינאַכט, ביי דער ליכט פון רעפלעקטאָרן. די עקזעקוטאָרן זענען געווען אוקראַינער. די, וועלכע מ'האָט אַרויסגעשטופּט אויפן באַלויכטענעם שטח זענען פאַרלוירן געווען. ראַיסע האָט שוין אַריבערגעטראָטן אויפן ליכטיקן אָפּשניט. פּלוצלינג האָט זי זיך געווענדט צו עפּעס אַן אוקראַינער און געבעטן אים זי צו ראַטעווען. דער אוקראַינער האָט בייז אַ קוק געטאָן אויף איר און מיט כעס אַרויסגעריסן זי פון באַלויכטענעם קרייז.

ס'האָט זיך אונטערגערוקט די פּאָליצייאישע שעה און זיי האָבן נישט געקאָנט זיך אומקערן אַהיים. די נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט ערגעץ אין קוסטעס. ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען. צוגעטוליעט צו זיך זענען זיי געלעגן ביז פאַרטאָג. סעבאַסטיאַן האָט ראַיסען כסדר געשטעלט פאַרשידענע פראַגן, ווי צום ביישפּיל, צי אין אַפריקע זענען פאַראַן בלאָטעס. ווען זיי זענען אויפצומאָרגנס צוריקגעקומען, האָט זיי די טיר געעפנט בוקין. ראַיסע איז אָן אַ וואָרט אַוועק צו זיך, געלייגט סעבאַסטיאַנען אין בעט און אַליין געפּרוווט, נאָך די נאַכטיקע איבערלעבונגען, איינשלאָפן. דער שלאָף איז

אָבער נישט געקומען. ס׳האָט זי געמאַטערט די מורא, אַז דער באַלעבאָס וועט פאָדערן זיי זאָלן גלייך פאַרלאָזן זיין הויז. עטלעכע מאָל האָט זי געהערט ווי מען קלאַפּט אין טיר, זי האָט אָבער נישט געענטפערט. זי האָט געהערט ווי עמעצער גייט צו צום בעט, זי האָט זיך אָבער געמאַכט ווי זי וואָלט געשלאָפן. פאַרנאַכט־צו האָט זיך פאַרבונדן צווישן איר און בוקינען אַ געשפּריך. די ערשטע פראַגע, וואָס בוקין האָט איר געשטעלט איז געווען:

— ס׳האָט נישט געווירקט? זיי נאַרן אַמאָל אָפּ, כ׳קען אַ סך אַזעלכע פאַלן...

די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט זי זיך צוגעזאָגט, אַז זי וועט מער מיט בוקינען נישט רעדן. זי וועט אים געבן צו פאַרשטיין, אַז זי וויל אים מער נישט קענען. טראָץ איר באַשלוס האָט זי אים מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט וועגן הונט און וועגן דייטש און וועגן דעם ווי זי האָט זיך ביינאַכט געמאַטערט אין די קוסטעס. די גאַנצע נאַכט האָט זיך איר געדוכט, אַז עמעצער שטייט דערנעבן און קוקט אויף זיי. זי האָט געוואַרט אויפן פרי־מאָרגן, כדי צו זען, ווער דאָס איז. צום סוף האָט זי אים געזאָגט, אַז זי פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי זי איז איינגעגאַנגען צו פירן סעבאַסטיאַנען אויף ביעלאַני. וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין, זי וועט זיך ווייטער פאַרנעמען מיטן מאַן. אויף צומאָרגנס איז סעבאַסטיאַן אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט און מער נישט צוריקגעקומען.

צוויי טעג שפּעטער האָט ראַיסע באַקומען אַ ידיעה פון לודוויקען, אַז מ׳האָט איר צוגעטיילט אַ גרויסע סומע אויף צו היילן איר מאַן און אַז דאָקטער בראַון, וועלכער האָט געקענט סעבאַסטיאַנען, וויל זיך זען מיט איר. דאָקטער בראַונס אויספיר־אַמט האָט פעסטגעשטעלט, אַז סע־באַסטיאַן געפינט זיך אויפן פאַוויאַק, אין דער קאַמער 207. די קאַמערן 207 און 208 זענען געווען באַשטימט פאַר מענטשן, וועלכע מ׳האָט פאַר־געוואָרפן זייער „אָפּשטאַמונג“. אין דער ערשטער קאַמער זענען געזעסן אַזעלכע, וועלכע מ׳האָט בלויז חושד געווען, אין דער צווייטער דאַקעגן די, וועמען מ׳האָט שוין דערוויזן זייער „אָפּשטאַמונג“ און דערמיט פאַר־משפּט געווען צום טויט. דאָס וואַרטן אויפן טויט האָט געדויערט פאַר־שידן, צייטנווייז בלויז צוויי שעה, און צייטנווייז צוויי וואָכן און אפילו מער. דאָס איז אָפּהענגיק געווען פון דער צאָל פאַרמשפּטע און פון דער נאָכפראַגע אין אַרבעטס־הענט. די אַרעסטאַנטן פון 208 זענען געווען גע־גאַנגען אויף אַרבעט, אפילו צו דער ערגסטער, זיי זענען געגאַנגען מיט

דער האָפענונג, אַז זיי וועלן דעראָבערן עפּעס צו עסן. די קאַמער 208 האָט זיך געפונען אין די קעלערן. זי איז באַשטאַנען פון דריי תפיסה-לעכער, וואָס האָבן זיך געפונען לענגאויס דער זעלבער ליניע און זענען פאַראייניקט געווען מיט דורכגענג. אויפן דיל זענען געלעגן שטרוי-זעק. מענטשן, וועלכע ס'האָט אָפּגעגליקט אַרויסצוקריגן זיך פון דער קאַמער 207, האָבן מיט באַוווּנדערונג דערציילט מיט וואָסער ווירדע עס האַלטן זיך זייערע שכנים פון דער צווייטער קאַמער. אויף 208 האָבן אַריינגע-טראָפן וווּנדערבאַרע מענטשן, קינסטלער, געלערנטע. מיט אַ פון הונגער שוואַכער שטימע האָבן זיי פאַר זייערע גורל-חברים גערעדט וועגן דער „גרוי-סער פראַכט פון לעבן". אין דער קאַמער 208 איז שוין נישט געווען קיין קרי-גערייען, נישט געווען די העסלעכקייט, וואָס מ'האָט געזען אין די לאַגערן און געטאָס, די פאַרמשפּטע האָבן זייער קאַמער פאַרלאָזט מיט אַ שמייכל. מ'פלעגט זיי אַרויספירן אויפן ראָג פון די גאַסן הזיעלנע און פאַוויע, און דאָרט האָבן זיי באַקומען אַ קויל. ווי לאַנג סעבאַסטיאַן האָט זיך געפונען אין תפיסה, האָט מען פאַרן פרייז פון גרויסע באַמיונגען געקאָנט אים אַריינשיקן ציאַנעק. אויף דער בקשה פון עטלעכע באַרימטע פערזענלעכ-קייטן, וועלכע האָבן מורא געהאַט זיך נישט איינצוברעכן אונטער קלעפּ, האָט דאָקטער בראַון אַריינגעשיקט סם. ראַיסע איז געווען קעגן דעם מ'זאָל סעבאַסטיאַנען אַריינשיקן סם. איבעריקנס האָט סעבאַסטיאַן אין אַ „גריפּס", וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט געבעטן נישט קיין ציאַנעק, נאָר מ'זאָל אים ראַטעווען דאָס לעבן. ס'האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז ער איז אויפן פאַוויאַק פולשטענדיק געזונט געוואָרן. צוויי חדשים שפּעטער איז געקומען אַ ידיעה וועגן זיין טויט.

מ'האָט אים וואַרשיינלעך גענומען אויף אַרבעט, ווייל מ'האָט אים געפונען אויפן פאַבריק-שטח פון דער באַקאַנטער גאַרבעריי-פירמע ט. די פאַבריקס-געביידעס האָבן געגרענעצט מיטן געטאָ. איינס אַזייגער ביינאַכט איז דער פאָליציאַנט האָפּדאַי געקומען פאַרטרעטן דעם פּאָליציאַנט קאַר-באָנסקי. אין יענער נעפלדיקער נאָוועמבער-נאַכט האָט זיך האָפּדאַיען שרעקלעך געשלעפערט. ער איז נאָך געווען אַ יונג יינגל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז צווישן די געביידעס האָט זיך עפּעס באַוועגט. ער האָט אויסגעשאָסן איינמאָל און אַ צווייט מאָל. באַלד דערנאָך האָבן זיי דערהערט קרעכצן. די מורא האָט אים נישט געלאָזט זיך דערנעענטערן צו יענעם אָרט און האָט געוואַרט ביז קאַרבאָנסקי איז צו-ריקגעקומען. ווען זיי האָבן באַלויכטן דעם פאַרווונדעטן, איז פאַר זיי קיין

ספק נישט געווען וואָס שייך זיין אָפּשטאַמונג. אין געטאָ איז שוין דעמלט קיינער נישט געווען. די לעצטע הייזער האָט מען אויפגעריסן מיט מינעס. אין די קאַנאַלן אָבער און אין די אונטערערדישע בונקערס האָבן נאָך געלעבט מענטשלעכע סקעלעטן און פון צייט צו צייט געפּרוווט דורכרייסן זיך דורכן שטח פון דער גאַרבעריי. דער איצטיקער איז נישט געווען דער ערשטער פאַל.

— לאָז נישט אַ מענטשן זיך מאַטערן — האָט קאַרבאָנסקי געטענהט צו האָפּדאַיען — האָסט אָנגעהויבן מיט אַ מענטש, טאָ פאַרענדיק.

האָפּדאַי איז אָבער געווען דערשראָקן און בשום אופן נישט געוואָלט פאַרענדיקן. זיי זענען אַוועק צום דייטש פון אָ.ט.*), וועלכער האָט געאַרבעט אין גאַראַזש און האָבן אים אויפגעוועקט. דער דייטש האָט זיי אויסגעזידלט. די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיך געלאָזט זוכן אַנדערע און זענען צוריקגעקומען מיט אַ ס. ס.-מאַן. ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. דער פאַרוווּנדעטער איז געלעגן אין דער אַלטער גאַרבעריי און אין פיבער געזונגען. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך דערנאָך געשפּאַרט איבער די ווערטער פון געזאַנג. קאַרבאָנסקי האָט באַהויפּטעט, אַז ער האָט געזונגען: „זאָל לעבן פּוילן“, דאַקעגן האָפּדאַי: „זאָל לעבן אַ גרויס פּוילן“, דער פאַרוווּנדעטער איז געווען אומגעדרייט. דער דייטש האָט אויסגעשאָסן. דער געטראָפענער האָט זיך אַ ריס געטאָן און אונטערגעשפּרונגען ווי אַ זשאַבע. ווען ער איז געבליבן אומבאַוועגלעך האָט דער דייטש אַראָפּגעצויגן פון אים די שיך און געזוכט אין זיי גאָלד. קיין גאָלד האָט ער נישט געפונען, די ליידיקע שיך האָט ער אַוועקגעשענקט האָפּדאַיען. דער דערהרגעטער מענטש איז געווען סעבאַסטיאַן.

XI

ראַיסעס פאָטער, שאול וואָלקאָוו, איז נאָך דער מלחמה, זומער 1946, צוריקגעקומען פון רוסלאַנד און אָנגעהויבן זוכן די טאָכטער. דאָס לעצטע מאָל האָט ער זי געזען אין דעצעמבער 1939.

האָס סאַמע אויסטערלישע, וואָס מ'קאָן געפינען אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז זיכער די יידישע געשיכטע. אין אָנבליק פון די לעצטע געשעענישן, און כ'האָב דאָ אין זינען, פאַרשטייט זיך, די אַטאָם-ענערגיע

*) היטלעריסטישע אַרבעטס-אָרגאַניזאַציע

און דאָס ריכטן זיך אומעטום אויף אַ מעגלעכן סוף־וועלט, איז די געשיכטע, לאָמיר אָננעמען, פון אַזאַ לאַנד ווי ענגלאַנד אָן שום זין, דאַקעגן די געשיכטע פון יידן — נישט. אויב עס גייט אין יידן גופא, דאַרף מען צווישן די פיל זייערע אייגנשאַפטן, וועלכע רופן אַרויס דערשטוינונג, אין אויבנאָן שטעלן זייער כוח פון פאַרגעסן. די פעיקייט צו פאַרגעסן באַזיצן יידן אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז מאָמענטנווייז זעען זיי אויס, ווי אַ פאָלק פון אידיאָטן. ווי אַזוי איין דור איז אימשטאַנד נישט צו געדענקען די איבערלעבונגען פון פאָריקן דור, איז נישט מעגלעך צו באַגרייפן. דאָס איז איינע פון די סודות אין דער אָנשיכטונג פון מענטשלעכן באַוווסטזיין. ווען די געשיכטע מישט איבער אירע בלעטער, מישט זי אויך איבער די בלעטער פון מענטשלעכן באַוווסטזיין. די מאַרטיראָלאָגיע פון יידן איז דאָך אין 1939 נישט געווען עפעס איינגאַנצן נייעס. די פריערדיקע יידישע מאַרטיראָלאָגיע איז מסתמא פאַרדעקט געווען מיט שטויב, אויב שאול וואָלקאָוו האָט געקאָנט איבערלעבן זיין גרייסע דראַמע. וואָסער דראַמע? דאָס וועלן מיר דערציילן.

האַרבסט 1939 זענען אין וואָלקאָווס שטעטל אַריין די באָלשעוויקעס. ראַיסע, וועלכע האָט פונקט געענדיקט 18 יאָר, איז געווען אַ לינקע און האָט אויסגעקוקט די רוסן. ס'האָט איר נישט געשטערט דער פאַקט, וואָס זי האָט געשטאַמט פון דער רייכסטער משפחה אין שטעטל, וואָס איר פאָטער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ טאַרטאַק און עטלעכע הייזער און האָט געלעבט אין גוטברידערשאַפט מיט די אַרומיקע גוטבאַזיצער. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ראַיסען האָט מען אָנגעהויבן זען אין דער געזעלשאַפט פון אַ קאַפּיטאַן פון דער רויטער אַרמיי — איגאָר זאַסלאַווסקי. אין 1939 האָט שאול וואָלקאָוו נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן קיין גרעסער אומגליק ווי דאָס, אַז דער קאַפּיטאַן פון דער רויטער אַרמיי איגאָר זאַסלאַווסקי זאָל ווערן זיין איידעם. די רוסן האָבן געהאַט אַ וואונדערבאַרע אייגנשאַפט: ווען ס'איז זיי געפעלן געוואָרן אַ מיידל, האָבן זיי גלייך געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. ראַיסע, וועלכע האָט זיך אין עטלעכע מאָנאַטן פאַרוואַנדלט פון אַ מיידעלע אין אַ רייפער פרוי (דער פאָטער האָט מיט שרעק געקוקט אויף דער דאָזיקער ענדערונג), פלעגט זיך אומקערן שפעט אין אָוונט אַהיים אַ פאַרפלאַמטע און האָט קיין חשק נישט געהאַט צו שמועסן מיט די שטוביקע.

וואָלקאָוו האָט געוווסט, אַז ער האָט נישט געפונען קיין חן אין די אויגן פון דער מאַכט און באַשלאָסן „פאַנאַנדערפאַרצעלירן“ די משפחה

און פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל. קודם האָט ער באַשלאָסן אַרויסצושיקן ראַיסען. צו דער פֿאַרוואַנדערונג פֿון פֿאָטער, האָט דאָס מיידל ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. זי איז איינגעגאַנגען אַריבערצוגיין די גרענעץ, כּדי זיך אַריינצוקריגן קיין לעמבערג. דאָרט האָט זי געדאַרפֿט וואַרטן אויף די אַנדערע משפּחה־מיטגלידער. „זי איז אַ פֿאַרשטענדלעכע" — האָט זיך וואָלקאָוו געטראַכט. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז אין טאָכטערס האַרץ איז פֿאָרגעקומען עפּעס, וואָס האָט זי געדריקט, אירע ערשטע, מיידלשע געפֿילן האָבן זי באַאומרואיקט. איגאָר איז פֿאַר איר געווען אַ פֿרעמדער מענטש. זיין פֿרעמדקייט האָט אים פֿון איין זייט אָפּגעשטויסן פֿון איר, פֿון דער צווייטער זייט האָט זי פֿאַרמאָגט אַ גרויסע צוציונגס־קראַפֿט.

קורץ נאָך ראַיסעס אַרויספֿאָרן האָבן די רוסן אַרויסגעשיקט די וואָלקאָווס ערגעץ אין דער טיף פֿון זייער גרויס פֿאָטערלאַנד און אויף אַזאַ אופֿן זיי אָפּגעראַטעוועט פֿון די דייטשישע אויוונס.

שאול וואָלקאָוו האָט, ווי דער גרעסטער טייל מענטשן, וועלכע זענען ניט געווען אין לאַנד, זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז די מיליאָנען לעבנס זענען אומגעקומען אויף אַ ניט דיפֿערענצירטן אופֿן, ווען ער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן צוצוהערן צו דער געשיכטע פֿון דער פֿאַרטיליקונג, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אַ היפּשע צאָל מענטשן זענען אומגעקומען אויף אַן אינדיווידועלן אופֿן. ס'האָט זיך אויפֿגעוועקט אין אים אַ דראַנג צו דערוויסן זיך איינצלהייטן וועגן טויט פֿון זיין טאָכטער. וואָלקאָוו איז געווען אַן ענערגישער מענטש און ניט ליב געהאַט קיין האַלבע אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן פֿון אַנאָנסן אין די צייטונגען, געווענדט זיך צום ראַדיאָ אַפּטייל, וואָס זוכט פֿאַרלוירענע. אומזיסט.

ווי דער גרעסטער טייל געקומענע פֿון רוסלאַנד, איז ער געבליבן אויף די מערב־געביטן. אַזוי ווי ס'איז געווען מער שאַנסן צו באַגעגענען ראַיסעס באַקאַנטע אין צענטער פֿון לאַנד, האָט ער זיך געלאָזט אין פֿאַרשידענע שטעט, הויפּטזעכלעך קיין וואַרשע. אין דער הויפּטשטאָט איז אים געלונגען אויפֿצוזוכן ראַיסעס אַ פֿריינדין פֿון לעמבערג, וועלכע האָט געדענקט, אַז ראַיסע פֿלעגט זיך קעמען מיט איר קאַם און לאָזן אויף אים קנוילן פֿון אירע בלאָנדע האָר. אַזויפֿיל נאָר האָט וואָלקאָוו זיך דערוווסט אין משך פֿון פֿיר חדשים זוכענישן.

אַ געוויסן טאָג האָט וואָלקאָוו באַגעגנט דעם גוטבאַזיצער וואַזשעוואָסקי, וועלכער האָט ראַיסען קאָנטאַקטירט מיטן סוחר יוזעף. דער זעכציקיאָריקער באַזילי וואַזשעוואָסקי, אַ מענטש מיט ווייסע האָר, וועלכע האָבן

קאָנטראַסטירט מיט זיין שמוציק, צעקנייטשט געזיכט, האָט געקענט ראַיסעם געשיכטע נישט נאָר אין איר געניטעם פאַרלויף, נאָר אויך מיט פאַרשידענע זייטיקע באַמערקונגען און מיט פאַרטרויונגען פון ראַיסען, וועלכע האָט אים געהאַלטן פאַר „אַ גוטער נשמה". שאול וואָלקאָוו האָט פון אים באַקומען אַ גענויע באַשרייבונג פון לעבן פון זיין טאָכטער און איר מאַן, אַ באַריכט וועגן דעם אײַדעמס אויסזען און זיין גייסטיקן צושטאַנד. דער גוטבאַזיצער האָט וואָלקאָוון קיינמאָל נישט ליב געהאַט און, ווי באַקאַנט, האָט די מלחמה קיינעמען נישט געענדערט, וואַזשעווסקי האָט אַלזאָ גאָרנישט אויסבאַהאַלטן פאַרן פאָטער.

וואָלקאָוו האָט זיך נאָך דערוווּסט וועגן דער טאָכטער פאָלגנדיקע איינצלהייטן: נאָכדעם, ווי סעבאַסטיאַן איז אַריינגעפאַלן, האָט זי זיך גלייך איבערגעצויגן אין מיטלשטאָט. ביזן וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט זי מיטגעאַרבעט מיטן דאָקטער בראַון, מיט וועלכן זי איז געווען אין האַרציקע באַציונגען. דער אויפשטאַנד האָט זי געטראָפן אויף זשאָליבאָזש, ווו זי האָט זיך צופעליק געפונען אויף אַ באַזוך ביי די קאָטשאָלס. דעם ניינצנטן סעפטעמבער איז אויף זייער גאַס געפאַלן אַ שווערע באָמבע. אויף זשאָליבאָזש, ווו דער אויפשטאַנד האָט געהאַט אַ מילדערן פאַרלויף, ווי אין אַנדערע טיילן שטאָט, זענען צוזאַמען געפאַלן פיר אַזעלכע באָמבעס. ראַיסע איז צוזאַמען מיט די קאָטשאָלס און אַנדערע פאַרשיט געוואָרן.

וואָלקאָוו האָט באַקומען פון גוטבאַזיצער נעמען און געקאָנט פאַרזעצן זיינע זוכענישן. ער האָט זיך באַמיט אָפּצוגעפינען ראַיסעס לעצטע באַלעבאַטים, אָבער אָן רעזולטאַטן. פון ריכטערס משפחה האָט ער אויך קיינעמען נישט געפונען. צום סוף האָט ער אין לאָדזש אָפּגעפונען די פרוי פון פּולקאָווניק, ביי וועלכער ראַיסע האָט געשפּילט אויפן פּאָרטעפּיאַן. נאָכדעם ווי ער האָט דער אלמנה געשענקט „אַ שיינעם קופּאָן שטאָף", האָט ער זי געבעטן זי זאָל פאָרן מיט אים קיין וואַרשע און ווייזן דאָס אָרט, ווו ס'איז געשטאַנען די קאָטשאָלס הויז. די פרוי האָט מסכים געווען. ווען זיי זענען אַהין אָנגעקומען, האָבן זיי אויף די חורבות באַגעגנט אַ סאָלדאַט פון דער פּוילישער אַרמיי פון מערב; דאָס איז געווען דער זון פון די קאָטשאָלס. צוזאַמען מיט אים האָט וואָלקאָוו באַשלאָסן צוצוטרעטן צו דער עקסהומאַציע פון די אומגעקומענע. ער האָט אַרויסבאַקומען „זיין שטיקל בלוטיק חלק", איבערגעפירט אים אויפן בית-עולם און זיין פרוי געבראַכט אין דער לעצטער מינוט. מ'האָט אָפּגעזאָגט קדיש און אומגעקערט דער ערד וואָס מ'האָט ביי איר צוגענומען.

XII

מיליאָנען פאַרברענטע און דערהרגעטע מענטשן, אַ טייל פון אייראָפּע אָפּגעמעקט, די באַדייטונג פון מענטש אויסגעגלייכט מיט ausradiert — דער באַדייטונג פון אַ מיקראָב, אַ פּערספּעקטיוו פון אַ נייער מלחמה, נאָך וועלכער עס לעכצט דער פאַשיזם, אַ פּערספּעקטיוו פון שקלאַפערײַ איבער גאַנצע קאָנטינענטן — אַזאַ איז דאָס בילד פון הײַנטיקן טאָג. שרײַבער, וועלכע ווילן אין זייער קונסט דערפילן דעם אָטעם פון דער געשיכטע און פאַרמעסטן זיך מיט איר, דאַרפן קומען קיין וואַרשע, דאַרפן וואַנדערן איבער די וואַרשעווער גאַסן, וועלכע זענען נישטאָ, קוקן אויף מענטשן, וועלכע זענען שוין נישטאָ, דערמאָנען געשעענישן, וואָס זענען נעכטן געוועזן שווערער ווי בלוט און היינט שוין לייכטער ווי שפּינגעוועבדימלער, זיי דאַרפן קוקן, קוקן אויף די חורבות, אין וועלכער זיי וועלן געפינען אַ שלל מיט אינהאַלטן און אין וועלכע דער אונטערוואַקסנדיקער דור געפינט שוין גאָרנישט. נאָך אַזאַ שפּאַציר קאָן דער שרײַבער אַרײַנגיין אין אַ קאַוויאַרניע און זיך אײַנטונקען צווישן מענטשן פון וועלכע יעדערער טראָגט אויף זיין נישט אויסגעגלייכטן רוקן די משא פון דער געשיכטע.

ס'איז אַ פריע שעה, עלף אַזייגער ערשט, אין קאַוויאַרניע איז נאָך צו ביסלעך ליידיק. ביי איינס פון די טישלעך זיצן שאול וואָלקאָוו און יחיאל בוקין, וועלכער הייסט נאָך אַלץ וולאַדיסלאַוו פּשעזשדזיעצקי. זיי האָבן זיך געטראָפן צופעליק.

מיט פיר וואָכן צוריק איז וואָלקאָוו נישט מיט קיין לייכט האַרץ צוגעגאַנגען אויף דער גאַס צו בוקינען. ס'איז אים נישט ליב געווען וואָס דווקא אַזעלכע מענטשן ווי דער אַלטער וואַזשעווסקי און דער נידעריקער, געפּאַקטער, אומאנגענעמער פאַרן אויג בוקין האָבן אַרומגערינגלט זיין יונגע טאָכטער. וואָלקאָווס אַ הונדערט פראַגן זענען צו בוקינס אויערן ווי נישט דערגאַנגען. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין פראַגן, נייִשט ליב געהאַט צו ענטפערן, „מ'האָט גאָרנישט פון דעם" — פלעגט ער זאָגן. ער אַליין האָט אָבער ליב געהאַט צו שטעלן פראַגן, און געפרעגט האָט ער אַזעלכע אײַנצלהייטן, ווי ס'וואָלט יעדעס מאָל געגאַנגען אין אויפדעקן אַ פאַרברעכן. פון אַ שמועס מיט אים זענען מענטשן אַרויסגעגאַנגען ווי פון אַ שוויץ=באָד. „אַזעלכער לעבט און מיין קינד נישט" — האָט דעמאָלט מיט ביטערן פאַרדרוס געטראַכט וואָלקאָוו.

זיצנדיק מיט אים ביים טיש האָט וואָלקאָוו געזאָגט:

— איר ווייסט פאַרוואָס מושקאַ איז אומגעקומען? דערפאַר וואָס זי האָט פאַרגעסן אין די עלטערן. איר חוב איז געווען צו קומען צו אונדז, כ'האָב איר געשריבן זי זאָל קומען. ס'איז אונדז נישט שלעכט געגאַנגען אין רוסלאַנד, און איר וואָלט דאָרט גלענצנד געווען. זיי גייען דאָרט אויס נאָך מוזיק און זי האָט גלענצנד געשפּילט. כ'האָב איר געגעבן די בעסטע דערציִונג. זי איז געפאָרן קיין ווילנע צו דער בעסטער מוזיק־לערערין. וויפל דאָס האָט אָפּגעקאָסט! און וויפל מ'האָט געמוזט פאַרברענגען צוליב דעם! ווען זי איז שבת געפאָרן, האָט די דינסט איר נאָכגעטראָגן דעם פידל. כ'האָב דאָך נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז מ'זאָל אין שטעטל רעדן וועגן דעם, אַז מיין טאָכטער פאָרט און שפּילט אום שבת. וואָס זאָגט איר, אַזוי צו פאַרענדיקן איז נויטיק געווען צו שפּילן פידל?

ער האָט אַרויסגענומען פון פאָרטפעל ראַיסעס עטלעכע פאָטאָגראַפיעס, באַשפּריצטע מיט בלאָטע, דורכגעלעכערטע; ער האָט זיי באַקומען פון פּולקאָווניקס פרוי.

— ענלער?

בוקין, אַ שווערער, אַ נידעריק־ און ברייט־וווקסיקער, האָט זיך איינגעקוקט אין זיין מיטשמועסער. ווי דאָס ערשטע מאָל האָט אים אויך איצט געוווּנדערט וואָלקאָווס אויסזען. ער האָט זיך אים אַנדערש פאָרגעשטעלט. בעת די גרויסע מאָרדן זומער 1942, און אויך שפּעטער, איז די יידישע אינטעליגענץ, זעענדיק, אַז ס'איז נישטאָ קיין רעטונג, מאַסנוויַיז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ס'איז דאַקעגן נישט באַקאַנט געווען קיין איין פאַל פון זעלבסטמאָרד צווישן פרומע מענטשן. אין טרעבלינקע זענען זיי געגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן מיט די ווערטער: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד". בוקין האָט פאַרענטפערט ראַיסעס ווידערשטאַנד לגבי אים מיט איר רעליגיעזער דערציִונג. דער מענטש, וועלכער איז אָבער געזעסן פאַר אים האָט אויסגעזען מער אויף אַ רוסישן פויער, ווי אויף אַ פרומען ייד. ער האָט געהאַט אַ רונדיק, גראָב געזיכט און בלויע, טיף איינגעפאַסטע אויגן. טראָץ דעם האָט מען אָן שוועריקייטן דערקענט, אַז ער איז דער פאָטער פון דער פאָרצעלייענער, מיידלש־חנעוודיקער, מתיקותדיקער ראַיסע.

— ענלער — האָט בוקין געענטפערט. — זי איז ענלער געווען צו אייך. ווייסט איר פאַרוואָס זי האָט התונה געהאַט מיט סעבאַסטיאַנען? ווייל אייך וואָלט געפעלן געוואָרן איר אויסוואַל. זי האָט נישט ליב געהאַט איר מאַן אַזוי ווי איגאָרן .זי האָט אים ליב געהאַט אַנדערש, נאָר אַזוי

ווי זי האָט געדענקט לויט אייערע קאַטעגאָריעס, האָט זי געהאַלטן, אַז זי דאַרף גליקלעך זיין מיט אים. סעבאַסטיאַן איז געווען „נישט קיין שלעכטע פּאַרטיע" — אַ שיינער מאַן, אַן אינטעליגענטער, פון אַ גוטער משפחה, „אַ דאָקטער", עפּעס פון דעם מין ווי דער יונגער גערסאָן. איר וואָלט זיכער צופרידן געווען פון איר אויסוואַל... — און בוקין האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט זיין בייז, גראָב געלעכטער.

זיין גאַנץ לעבן האָט בוקין געהערט צו דער קאַטעגאָריע האַרטע נפשות, וועלכע מ'קאָן נישט ליב האָבן. צו די נפשות, וועלכע רופן אַלץ, וואָס זיי זעען און פילן, אָןביים נאָמען און זענען קאָמפּראָמיסלאָז סיי אין באַצוג צו אַנדערע, סיי אין באַצוג צו זיך גופא. דער דאָזיקער שטריך זיינער האָט זיך נאָך לעצטנס פאַרטיפט. דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט ער איבערגעלעבט דאָ אויפן אָרט. נאָכן אויפשטאַנד האָט ער זיך אויפגעהאַלטן איז אַ דאָרף אין מיעלעציקער געגנט. הונדערט מאָל אין טאָג האָט ער געזען דעם טויט פאַר די אויגן. וועגן יענע איבערלעבענישן איז שוין היינט שווער צו לייענען. ער האָט נאָך מער פיינט באַקומען מענטשן, צו דער וועלט האָט ער זיך באַצויגן ווי צו אַ משוגענעם הונט. וואָס מער אָבער ער האָט געהאַסט דאָס לעבן, אַלץ מער איז ער געווען צוגעבונדן צום לעבן, ער האָט געזאָגט: „אַנדערע מענער האָבן מזל, זיי האָבן פאַרלוירן די ווייבער, און איך?" ער האָט נישט פאַרטראָגן זיין פרוי, ס'איז אים אָבער קיינמאָל נישט איינגעפאַלן ער זאָל זיך פאַנאַנדערגיין מיט איר.

— אייער טאָכטער — האָט ער פאָרגעזעצט — האָט מיר כסדר פאַרזיכערט, אַז נאָך דער מלחמה וועט זי זיך צעגיין מיט סעבאַסטיאַנען, זי האָט אים געוואָלט דורכפירן דורך דער ערגסטער צייט, געוואָלט דערפילן איר פליכט ביזן סוף. ניין, נישט דאָס איז עס! איך וועל אייך זאָגן אין וואָס די זאַך באַשטייט. ראַיסע האָט גאַנץ פשוט ליב געהאַט איר וואַנזיניקן מאַן...

און בוקין האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט, דאָס מאָל שטילער. פון זיין געזיכט האָט געשפּראָצט פאַרבנטערטקייט. וואָלקאָוון איז אפילו נישט איינגעפאַלן וויפל ווייטיק עס צעזעצט די ברוסט פון דעם דאָזיקן אומאַנגענעמען מענטש. בעתן שמועס וועגן ראַיסען האָט בוקינען עטלעכע מאָל פאַרפעלט אָטעם. ראַיסע איז פאַר אים געשטאַנען אַ לעבעדיקע, ער האָט געזען ווי זי איז אָנגעבויגן איבער דער שיסל, ווי זי שיילט קאַרטאָפל, ווי אירע שווערע האָר האָבן אַרומגענומען איר פערלמוטערדיק

געזיכט מיט בעקלעך פון אַ פּופּע. דאָס איז געווען די איינציקע פּערזאָן, וועלכע ער האָט ליב געהאַט — דעמלט און אויך היינט — די טייערסטע פּערזאָן, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון. הונדערט מאָל האָט ער זיך געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זי נישט געקאָנט דעראָבערן, אין וואָס ס'איז באַשטאַנען זיין פעלער? ער האָט אפשר געדאַרפט האַנדלען ווי אַ מענטש מיט אַ ברייטער האַנט און גאָרנישט פאָדערן? אפשר וואָלט דאָס געווען דער ריכטיקער וועג? ער האָט אָבער נישט געקאָנט בייקומען זיין קאַראַקטער. אין יאָר 1942 האָט ער פון געטאָ נישט אַרויסגענומען זיין שוואָגער, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אים דאַרפן אויס־האַלטן. אָבער ניין, נישט אין דעם איז די זאַך באַשטאַנען. ער האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען און געזאָגט עס טאָקע וואָלקאָוון: ראַיסע האָט פּראָסט פּשוט ליב געהאַט איר מאַן. זי האָט געלעבט ווי אַ זויבערע פּערזאָן, אָן קאָמפּראָמיסן. „אפילו אַזאַ קאָנקורענץ האָב איך נישט אויסגעהאַלטן — האָט ער זיך אַליין געשפּייזט מיט גיפט. זי האָט בע־סער געוואָלט אַ וואַזזיגיקן מענטש. אָן איוב. נאָך דער מעשה אויף ביע־לאַני האָט זי מיך געהאַסט. אַלץ פאַרקערט, ווי כ'האָב פאָרויסגעזען...“

— אין אַזאַ ליבע איז צום גרעסטן טייל צוויי און צוויי פינף — האָט ער געזאָגט און זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט.

זיי האָבן ביידע געשוויגן.

— איר פאָרט אַוועק? — האָט ער געפרעגט נאָך אַ ווײַלע. — איר גענוגט דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט? איר וועט פּרוּוון אויפשטעלן זיך ערגעץ אַ הויז? וווּ, צום ביישפּיל?

— אַ הויז? — האָט געענטפערט וואָלקאָוו. — די צייטן פון הייזער האָבן זיך געענדיקט, אויס הייזער. יאָ, כ'פאָר אַוועק. דאָ איז פאַר מיר צופיל בלוט, און צו ווייניק זיכערקייט. די פּאָליאַקן זענען אַ טראַגיש פאָלק. אַ געוויסן טאָג וועלן זיי עפּעס דערהערן און ס'וועט זיך ווידער אָנהייבן אַ חתונה. די שטאַרקסטע רעגירונג קאָן האָבן אירע דריי טעג פון שוואַכקייט. צי טו איך גוט? כ'ווייס נישט. כ'האָב אַ שוועסטער אין יאָהאַנעסבורג. מיר ווילן פאָרן צו איר. איך אַנטלויף צוליב אַן אַנדער סיבה נאָך. מיין יינגערע טאָכטער טרעפט זיך צו אָפט מיט אַ פּוילישן קאַפּיטאַן. צו וואָס טויג עס מיר? צו וואָס, זאָגט מיר?

— איר ווילט ווידער ווירקן אויפן גורל פון דער טאָכטער, אַזוי ווי מיט ראַיסען? — האָט בוקין אויסגעשריגן.

— וואָס האָט איר געזאָגט?

וואָלקאָוו האָט געפרעגט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך אַ וואַקל געטאָן, אָבער ער האָט זיך באַלד דערנאָך פאַנאַנדערגעלאַכט. אין זיין געלעכטער איז געווען א טראָפּן באַוווסטזיין, וואָס האָט געוואָרפן אַ שיין אויף זיינע נאַטירלעכע רעכט און וואָס האָט זיך זיי אונטערגעוואָרפן. די דאָזיקע שיין איז אַ ווײַלע געלעגן אויסגעשפּרייט אויף וואָלקאָווס געזיכט.

— כ'וואָלט געהאַט צו אייך אַ בקשה — האָט מיטאַמאָל בוקין געזאָגט שטילער ווי ביז איצט — ווען איר וואָלט מיר געוואָלט שענקען ראַיסעס אַ פאָטאָגראַפיע...

וואָלקאָוו האָט זיך נישט אָנגעשטויסן וויפל די בקשה האָט בוקינען געקאָסט, און האָט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער קאָן זיך נישט שיידן מיט אַזעלכע טייערע אָנדענקונגען. קיין קאָפּיעס וועט ער דאָ נישט באַווייזן צו מאַכן, ווייל ער פאָרט אינגיכן אַוועק, אָבער פון יאָהאַנעסבורג וועט ער זיכער צושיקן.

— גוט — האָט בוקין געענטפערט, זייענדיק טיף איבערצייגט, אַז ער וועט ראַיסעס פאָטאָגראַפיע קיינמאָל נישט האָבן, פונקט ווי ער האָט ראַיסען קיינמאָל נישט געקאָנט האָבן. ער האָט צו עמעצן ביי אַ שכנותדיק טישל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער ענדיקט שוין. ער איז אויפגעשטאַנען און ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיינע קומענדיקע געשעפטן, איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. ער האָט ליב געהאַט צו פירן געשעפטן. מיט פאַסיע האָט ער געזאַמלט „דאָס פאַרשטינקענע געלט, וואָס גיט דעם מענטש גאָרנישט“. „וואָס פאַראַ גליק, וואָס דאָס לעבן באַשטייט נישט בלויז פון ליבע, עס וואָלט געווען צו אכזריותדיק!“ — האָט ער געטראַכט, דערלאַנגענדיק וואָלקאָוון די האַנט.

דער זיבערער שטראַם

1

ווען אויפצומאָרגנס נאָכן אָנקומען קיין וואַרשע איז אַבעל אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט, האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן — הגם ס'איז שוין געווען עטלעכע חדשים נאָך דער מלחמה — דעם מונדיר פון אַן אונטערפּאָרוטשניק, לויט וועלכן מ'האָט געקאָנט דערקענען דעם נישט לאַנג צוריקגעקומענעם מלחמה-געפאַנגענעם. דאָס איז געווען אַ הויכער, טרוקענער מאַנסביל מיט שוואַרצע אויגן, מיט אַ קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט צו רונדיק געווען, מיט אַ געזיכט, אין וועלכן די אָנגעכמורעטקייט האָט זיך געמישט מיט אומעט. דאָס אומעטיקע געזיכט האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

אויף ניי-וועלט האָט דער דערזען דעם זעלבן מין צעשטערונגען, וואָס ער האָט נעכטן געזען. ער איז געקומען פון לאָדזש. יעדערער ווייסט, וואָס פאַראַ קליינער מהלך עס טיילט אָפּ לאָדזש פון וואַרשע. די צוויי שטעט זענען איצט מער ווי שטענדיק פאַראייניקט צווישן זיך. טויזנטער מענטשן פאָרן יעדן טאָג צוליב טויזנטער ענינים. די באַוועגונג צווישן ביידע שטעט איז אַ לעבהאַפטע און אומאויפהערלעכע. וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אַן איינוווינער פון לאָדזש, נישט אַרויסרירנדיק זיך פון זיין שטאָט, בלויז פון הערן, דאַרף זיך קאָנען פאָרשטעלן ווי אַזוי וואַרשע זעט אויס. אָבער ניין, אַזאַ צעשטערטע שטאָט קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן.

אין מאָמענט, ווען ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע און ווען ס'זענען דערשינען די ערשטע ליידיקע און אויסגעברענטע הייזער, איז אַבעל פאַרשטומט געוואָרן. ס'איז אים באַפאַלן אַ פּחד. ס'איז שווער געווען צו געפינען אַ נאָמען, אַ וואָרט צו באַצייכענען דאָס, אויף וואָס ער האָט געקוקט. קומענדיק פון נישט צעשטערטן לאָדזש, איז אין דעם בילד געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס דער מוח האָט נישט געקאָנט באַנעמען. ער האָט זיך כסדר געזאָגט: אָט נאָך דעם ראָג ווערט זיך דאָס ענדיקן. ס'האָט זיך

נישט געענדיקט נישט נאָך דעם און נישט נאָך דעם אַנדערן ראָג. די צעשטערונגען האָבן בכלל קיין סוף נישט געהאַט. אין די דאָזיקע חורבות — וואָס האָבן זיך געצויגן אַ הויז נאָך אַ הויז, אַ גאַס נאָך אַ גאַס, אַ קוואַרטאַל נאָך אַ קוואַרטאַל — האָט געשטעקט אַ קאָסמישער צאָרן, אַ צאָרן פון גאָט, וואָס האָט געשריען פון באַרגיקע פעלזן. פון די ליידיקע טרעפּ, ליידיקע פענצטער, פון דער אונטער זיי אויפגעשוואָלענער ערד האָט געבלאָזן מיט גרויל און העסלעכקייט, מיט לאַנגווייליקן לאַנגוויל פון מתים.

עטלעכע שעה האָט ער זיך נעכטן צוגעקוקט צו דעם, וואָס ס'איז פאַרבליבן פון דער שטאָט. אַן עגלעך בילד האָט ער געדענקט פון זיין קינדהייט נאָך דער ערשטער מלחמה. אין די רואיק אויסגעברענטע הייזער האָט ער געפונען דאָס פון לאַנג באַקאַנטע געזיכט פון דער געשיכטע, דאָס נייע, דאָס אומגלויבלעכע נייע דאָ, איז געווען די צאָל, דאָס וואָס אַלע הייזער זענען געווען אויסגעברענט.

אויף ביי-וועלט זענען געשטאַנען אויסגעברענטע הייזער, אָבער זיי זענען געשטאַנען. די רויטקייט פון געווויסע אינעווייניקסטע הייזער האָט דערמאָנט די רויטקייט פון צעבראָכענע ליימענע טעפּלעך. דאָרט, ווו עס האָט געפעלט אַ הויז, צוויי, דריי הייזער, האָט מען געקאָנט זיך אין זיי דערמאָנען. אַן איינוווינער פון די געגנטן, ווען ער איז אַהער צוריקגעקומען, צונויפגענומען זיינע געדאַנקען, האָט געקאָנט זאָגן: — דאָ איז עס...

ווען אַבעל האָט אָבער געלאָזן הינטער זיך דעם קראַשינסקי-פּלאַץ און אַרויסבאַקומען זיך אויפן שטח פון דער אַמאָליקער יידישער געגנט, האָט ער געקוקט אויף ליניקס און רעכטס, פאַר זיך און אַרום זיך, און טראַכט דעם, וואָס ער איז שוין געווען צוגעוווינט צו אַנדערע געגנטן „פון דער צומיינסטן צעשטערטער שטאָט אויף דער וועלט“, האָט ער נישט געוואָלט גלויבן זיינע אייגענע אויגן. ער האָט דערוואַרט צעשטערונגען, דערוואַרט זיי אין אַזאַ מאָס, ווי זיי זענען געווען אין אַנדערע געגנטן, ער האָט דערוואַרט שפּורן, וואָס זאָלן דערלויבן דעם דמיון אויפצוטויכן דאָס, וואָס עס איז דאָ אַמאָל געשטאַנען. ס'זענען נישט געווען קיין שפּורן, ס'זענען נישט געווען קיין הייזער — נישט קיין ווייניקער, נישט קיין מער אויסגעברענטע, ווייניקער אָדער מער צעשטערטע, ס'זענען קיין שום הייזער נישט געווען, קיין שום ווענט, קיין שום קוימענס, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ פעסטן פונדאַמענט, קיין שום ליניע פון אַ גאַס, קיין שום טראָטואַר, קיין שום טראַמווייען-ליניעס, קיין וועגן, קיין פּלעצער, קיין שום געביידע=

טיילן, אויף וועלכע ס'זאָל האָבן עפּעס פאַרבליבן אויף וואָס דאָס אויג זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן. ס'איז נישט פאַרבליבן קיין שום עלעמענטן פון דעם, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך געניטע מענטשלעכע הענט און וואָס זאָל דערלויבן פעסטצושטעלן, ווו דער מענטש געפינט זיך. אויפן שטח, וואָס דאָס אויג האָט קוים געקאָנט אַרומנעמען, ווו עס האָט זיך פריער געפונען דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין אייראָפּע, איז נישט געווען גאָרנישט אויסער אַש און שטיקלעך צעבראָכענע ציגל, באַדעקטע דאָ און דאָרט מיט געל-גרויער בלעך, וואָס האָט אויסגעזען, ווי נישט אויסגעאַרבעטע אָקסענע פעל. דאָ איז די שטאָט געווען אָפּגעווישט, אַראָפּגענומען פון דער אויבערפלאַך, ווי מען נעמט אַראָפּ אַ געצעלט פון פעלד. דאָרט אין מיטלשטאָט זענען געווען הייזער—מתים. דאָ זענען קיין הייזער-מתים אפילו נישט געווען. אין דעם אָרט איז די שטאָט געווען צעקוועטשט, אָפּגעמעקט, אַ שטיין אויף אַ שטיין איז נישט געבליבן. דאָרט, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען די שטאָט, איז איצט געלעגן ציגל-ברוך. און הגם אונטער די דאָזיקע שטחים ציגל-ברוך איז געלעגן מער מתים, ווי אונטער הונדערט בית עולמס, איז דאָ גאָרנישט געווען פון אַ בית עולם. ס'איז געווען אַ תוהו ובוהו פון אַן אָפּגעמעקטער שטאָט, וועמענס אַמאָליקער אומפּרעציזער, אומקלאָרער אויסזען האָט זיך געפּלאָנטערט אין זכרון פונעם אָנוועזנדיקן.

אין אָנבליק פון תוהו ובוהו האָט שוין אַבער נישט געפילט קיין באַדערפעניש צו געפינען דאָס הויז, אין וועלכן ער האָט אַמאָל געוווינט, די באַדערפעניש, וואָס איז פונקט אַזוי געווען אַן אומפאַרשטענדלעכע, ווי אַ טיפע. איידער די שטאָט איז אויסגעגליכט געוואָרן אין טויט, האָט מען זי געהאַט אויסגעגליכן אין פּיין. מ'האָט דאָ אויף קיינעם באַזונדער נישט געדאַרפט ווייגען. דער געקומענער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַרג ציגל. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, און די איינציקע שטימע פון לעבן איז געווען דער רויש פון די פליסנדיקע אונטער דער ערד קאַנאַלן. ערגעץ ווייט, צווישן די בערגלעך ציגל-ברוך זענען אין אַ שורה דורכגעגאַנגען עטלעכע פּערזאָן. איבער דער געטאָ-שטאָט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תוהו ובוהו, איז געהאָנגען אַ גרויער, קאַלטער הימל.

ווי דורכן שלאָף האָט אַבער דערהערט טריט. ווען ער האָט נישט גערן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער דערזען אַ פרוי, וועלכע גייט אין זיין ריכטונג. די איבעראַשונג איז אָפּגעטרעטן פאַרן פאַקט, און וועלכן ער

האָט נישט געקאָנט גלויבן. ער האָט פעסטגעשטעלט און גלייכצייטיק געצווייפלט, געצווייפלט און פעסטגעשטעלט. דאָך האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט זיך אויפגעהויבן ערשט איצט, ווען די פרוי האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר אים. זי איז געווען פונקט ווי ער דערשיטערט. און כאָטש ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז צוגעפאַלן צו איר מיט אַ געוויין, איז ער געבליבן אויפן אָרט און געשוויגן. די אויגן־אַפּלען האָבן זיך נאָר ביי אים אויסגעברייטערט און פאַרשמעלערט. אַזוי רעאַגירן זיי אויף טיפע איבערלעבונגען.

זי האָט די ערשטע אַ געשריי געטאָן און דער קלאַנג פון זיין נאָמען איז — אַזוי ווי אַמאָל — פאַרלוירן געגאַנגען:

— אַבעל!

זיין שטימע איז אָפּגעשטאָרבן אין אים אַזוי ווי בעת אַ שווערער באָמבאַרדירונג. נאָך אַ שטיקל צייט ערשט האָט ער געענטפערט:

— אַמעליאַ!...

2

די געשיכטע פון דער צייט פון בליץ־קריגן, די געשיכטע פון די לעצטע צייטן, אונדזער נייעסטע, היינטצייטיקע געשיכטע, וואָס האָט זיך געשאַפן אויף אַלע שלאַכט־פעלדער, אויף יבשה, וואַסער און אין דער לופט, האָט געהאַט איינגאַנצן אַן אַנדערן פאַרלויף אין די לאַגערן, ענדערנדיק פלוצלונג דעם אויפהאַלט־אָרט, האָט דער מענטש ווי געענדערט די עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געלעבט. אין געוויסע שטעט איז גענוג געווען צו ענדערן די גאַס, כדי זיך צוריקצוציען אין דער געשיכטע מיט עטלעכע עפּאָכעס. אין די לאַגערן האָבן די קריגס־געפאַנגענע, פון מענטשן פאַרנומענע לויטן היינטצייטיקן שטייגער, זיך פאַרוואַנדלט מיטאַמאָל אין מענטשן, וועלכע ליידן פון צופיל פרייע צייט. און ערשט דאָ האָבן זיי געקאָנט אַ טראַכט טאָן וועגן זאַכן, וועגן וועלכע זיי האָבן פריער נישט געטראַכט.

ערשט זייענדיק פאַרמאַכט אין לאַגער — אין זויבערן, קליינעם, דייטשישן שטעטל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפלאַג 3ע און ווו עס האָט זיך געפונען אַן ערך זעקס טויזנט מאַן — האָט אַבעל דערפילט אַמעליאַס גרויסע מעלות. אויף דער פריי האָט ער געהערט וועגן

זיי פֿון אַנדערע; ער אַליין האָט ווייניק אַכט געלייגט אויף זיי. ער האָט זיך באַקענט מיט אַמעליאַ אין 1937, ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן זעלבשטענדיק צו אַרבעטן ווי אַן אַרכיטעקט. זי איז געווען אַ פֿאַרטראַכטע, אַ דעליקאַטע, איינגאַנצן אַ יונג מיידל נאָך. ווען מ'האָט געקוקט אויף איר, האָט זיך געדוכט, אַז זי ווערט שענער פֿון רגע צו רגע. אין אַ געוויסן טאָג האָט אַבעל פֿעסטגעשטעלט, אַז דער מין יפֿת תּואר איז גאָר אַ זעלטענער. זי איז געווען, אַ טונקעלע, אַ הויכע און האַרמאָנישע. אין איר מילד געזיכט איז גאָרנישט געווען, וואָס זאָל זיין אַרויסרופֿנדיק, פּונקט ווי אין די געזיכטער פֿון מאַדאָנעס, ביי וועלכע די ווייבלעכקייט איז ווי אירע אַ פֿאַרלייקענונג. פֿאַרמאַכט אינעם ריטם פֿון בויגן־ליניעס האָט איר געזיכט וויברירט מיט ליכט און קאָליר, ווי עס וויברירט אינעווייניק אין אַ קירכע. אַ צופֿעליקער הינטערגרונט, וואָס איז געקומען אין קאָנטאַקט מיטן פּראָפֿיל פֿון אַמעליאַ — אַ טינק פֿון אַ וואַנט, אַ שטיקל הימל — האָט אויסגעזען ווי אַן אַראַבעסק, וואָס איז שיין מיט זיך גופֿא, פּונקט ווי די קונסט פֿון די אַבסטראַקציאָניסטן. קוקנדיק אויף אַמעליאַ, זענען מענטשן פֿאַרשטומט געוואָרן פּונקט אַזוי, ווי מען קוקט אויף בערג, באַלויכטענע דורך דער לבֿנה, ווי מען קוקט אויף אַ שׂרפֿה. קוקנדיק אויף אַמעליאַ, האָט זיך געדוכט, אַז זי דערמאָנט עמעצן. זי האָט נישט דערמאָנט, נאָר אויפֿגעוועקט די אַלטע ווי די וועלט בענקשאַפֿט נאָך שיינקייט — אַ בענקשאַפֿט, וואָס לעבט אין יעדערן פֿון אונדז.

אַזוי לאַנג ווי זיי זענען געווען צוזאַמען — צוויי יאָר, פֿון דעם אַ יאָר, ווי אַ פּאָרפֿאָלק — האָט אַבעל קוים רעאַגירט אויף אַמעליאַס שיינקייט. ער האָט זי נאָך נישט געדאַרפֿט. דאָס הויז פֿון אַמעליאַס עלטערן — איר פֿאָטער איז געווען אַ דאָקטער פֿון לונגען־קראַנקהייטן — האָט געהערט צו דעם מין וואַרעמע היימען. אין ערשטן פּעריאָד — מער ווי אין דער פֿרייליין — איז אַבעל פֿאַרליבט געווען אין איר משפּחה, ווייל ער אַליין האָט געשטאַמט פֿון אַ הויז, אין וועלכן אַ שמייכל איז געווען אַ זעלטענער גאַסט. זיין פֿאָטער האָט פֿיינט געהאַט די מוטער און יאָרן לאַנג זיך נישט אָפּגערופֿן צו איר מיט קיין וואָרט. אַמעליאַ האָט געווונען אַבעלס האַרץ קודם דערמיט, וואָס זי האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט די גוטע און שלעכטע שטימונגען פֿון איר מוטער. אַלץ וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט איר מוטער, צי דאָס זאָל זיין, אַז זי עסט מיט אַן אַפּעטיט און גייט צום פֿריזירער — וואָס איז געווען אַ צייכן, אַז דער אינטערעס צום לעבן קערט זיך אום — אָדער פֿאַרקערט, אַז זי וויל קיינעם נישט זען,

איז געווען פֿאַר אַמעליאַ אַן איבערלעבונג. און דווקא דאָס האָט אין דער ערשטער צייט אַבעלן צומיינסטן גערירט.

פֿאַרליבט אין דער משפּחה, האָט ער אָביעקטיוו געפֿונען אין זיין אויסדערוויילטער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר ווירדיק צו ליבן. היות ער האָט געוואָלט זיך פֿאַרליבן, האָט ער זיך און אַמעליאַן איינגערעדט, אַז ער ליבט זי. ער האָט באַנוצט אַ סך ווערטער, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין פֿולע דעקונג אין זיין האַרץ. רעדנדיק וועגן זיין ליבע צו איר, האָט ער געהאַט דעם באַוווסטזיין, אַז דאָס פֿליסט נישט פֿון טיפֿן האַרצן, אַז ס'איז פֿאַראַן ביי אים אַ לייכטע צוריקגעהאַלטנקייט, וואָס האָט אים אָנגעפֿילט מיט ווידערגעפֿיל צו זיך גופֿא, ווייל ער איז נישט געווען קיין אומערלעכער מענטש. ער האָט געוואָלט ליבן, אָבער די סטרונעס פֿון זיין האַרץ האָבן לאַנג ווי געהעריק נישט וויברירט.

די יאָרן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט האָבן אָבער גורם געווען, אַז די סטרונעס, וועגן וועלכע ס'איז אַ רייד געווען, האָבן אָנגעהויבן וויברירן, די מורא, אַז אַמעליאַ וועט אַ געוויסן טאָג אַנטדעקן זיינע ליגנס, האָט אין אים אָנגעצונדן אַ פֿייער. אין לאַגער האָט ער זיך אויף אַן אמת פֿאַרליבט אין זיין פֿרוי. ער האָט זי דאָ אַנטדעקט ווי אַ מענטש און ווי אַ פֿרוי. און פֿיל זאַכן, וואָס האָבן אים אַמאָל ווי געטאָן, זענען אים איצט געוואָרן טייער, דאָס וואָס זי איז געווען, אין קעגנזאַץ צו אים פֿאַרמאַכט און איינגעהאַלטן אין אירע געפֿילן, וואָס זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער העמלט, ווען ער איז דאָס נישט געווען, וואָס זי האָט געקאָנט איבערטראָגן די צומיינסטנס נישט גערעכטע פֿאָרווורפֿן און זיך נישט פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיי אַזוי לאַנג, ווי אין אים האָט געדויערט דער כעס — אַ זאַך וואָס נישט יעדערער קאָן — וואָס זי האָט געקאָנט זיין דערפֿאַרענער, קליגער, עלטער, כאָטש זי איז אַ סך יינגער געווען, וואָס זי האָט געקאָנט זיך צו אים באַציען, ווי צו אַ קראַנקן — אין ליבע מוז שטענדיק איין צד זיין אויף די פּריווילעגיעס פֿון אַ קראַנקן — און פֿיל, פֿיל אַנדערע שיינע האַנדלונגען פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן, פֿיל כאַראַקטער־שטריכן און איינצלהייטן האָבן ערשט איצט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָל און וועקן אין אים צערטלעכקייט און אַנטציקונג. אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַמעליאַ האָט באַקומען אַן אייגענעם טעם, דעם טעם פֿון געוויסע פּרימאָרגנס, דעם טעם פֿון זיסקייט און וויייטיק. טראַכטנדיק וועגן דעם אַלעמען, האָט ער געפֿילט

אַ לייכטן ווייטיק אין האַרץ, ווי מען פילט שטענדיק, ווען מען איז פאַרליבט.

באַזונדער טייער איז אים איצט געוואָרן דער לעצטער פעריאָד פון זייער צוזאַמענלעבן. אין 1939 האָבן מענטשן נישט מורא געהאַט פאַר מלחמה, פונקט אַזוי ווי אַ קינד האָט נישט קיין מורא פאַר אַ פיסטאָלעט. שרעק פאַר מלחמה האָט אַבעל אַרויסגעלייענט פון אַמעליאַס אויגן. זי האָט נישט געקאָנט הערן רעדן וועגן מלחמה און פלעגט דעמלט אויפשטיין פון טיש. נאָך דער רעדע פון מיניסטער בעק וועגן „קאָרידאָר“, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט, איינמאָל, ווען אַבעל איז אַהיים געקומען, האָט ער איבערגעהערט די ווערטער פון אַ מאַסגעבנדיקער פערזאָן, אַז פאָליאַקן זענען נישט קיין טשעכן און וועלן זיך נישט אָפּהאַלטן פון שיסן. ווען ער האָט זיך אויפצומאָרגנס אויפגעכאַפּט אין צימער, וווּ ס'האָט געהערשט אַ טויטע פרימאָרגן־שטילקייט, איז אַמעליאַ נישט געשלאָפן. זי האָט אויפמערקזאַם זיך איינגעקוקט אין אים. זינט דעמלט, ווען ער האָט זיך נאָר אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער זיך באַגעגנט מיט איר וואַכנדיקן בליק. זי האָט נישט געענטפערט, ווען ער פלעגט זי פרוון טרייסטן, אַז די דייטשן האָבן נישט וואָס צו עסן, אַז זייערע טאַנקען זענען פון בלעך, אַז ענגלאַנד וועט נישט דערלאָזן. אַבעל האָט דערנאָך געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי האָט פאָרגעפילט דעם אָנקומענדיקן קאַטאַקליזם. זי האָט, וואָס אַן אמת, איבערגעלעבט אַ שווער יאָר, ווייל דאָס ערשטע יאָר נאָך איר חתונה איז אויך געווען דאָס ערשטע יאָר, ווי זי האָט אָנגעהויבן צו לעבן ווי אַ פרוי. זי האָט אָבער ליב געהאַט איר מאַן און געהאַט איצט איר אייגענע היים. אין די לעצטע וועכן האָט זי אים גענומען ווי אַ הייליקייט, אירע אויגן זענען דעמלט געווען אַזוי זויבער , אַז אַבעל האָט ממש נישט געקאָנט קוקן אין זיי.

ווען זי האָט אים דורך די רווישנדיקע גאַסן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי פאַר אַ יום־טוב, אָפּגעפירט צום באַן, האָט אַבעל פעסטגעשטעלט, אַז איר שטימע האָט באַקומען אַ ביז־איצט אומבאַקאַנטן פאַר אים קלאַנג, ווי זי וואָלט געפלאָסן פון אומבאַקאַנטע קוואַלן. זי האָט אַקצענטירט די ווערטער, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט קרעפטיקן אויס מורא, אַז זי וועט זיי אַנדערש נישט אַרויסזאָגן. ווען אַבעל האָט דורכן פענצטער פון אָפּפאָרנדיקן צוג צום לעצטן מאָל אַ קוק געגעבן אויף דער הויכוווקסיקער, שיינער פרוי, וואָס איז געווען איינגעשרומפּן, ווי מען וואָלט פון איר די ביינער אַרויסגענומען, האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט

אַ שרעק פאַר דער מלחמה. איצט האָט ער באַגריפן אַז אַלטן אמת, אַז צום טיפסטן דרינגט אין אונדז אַריין דער ווייטיק, ווען מיר פילן אים ביי מענטשן, וועלכע מיר האָבן ליב.

אירע געפילן האָבן זיך נישט געלאָזט דערקענען, זי איז געווען „נישט דורכזיכטיק"—וואָס האָט כסדר געשטאַרקט זיינע אייגענע געפילן. אין לעצטן פעריאָד אָבער האָט אַבעל געקאָנט פעסטשטעלן, אַז דאָס פייער, וואָס איז אונטערגעלייגט געוואָרן, האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט. דעמאָלט האָט ער זיך פאָרגעוואָרפן, אַז ער באַקומט פון איר מער, ווי ער פאַרדינט.

ווי דער גרעסטער טייל קריגס-געפאַנגענע, האָט ער געלעבט מיט די בריוו, מיט די גוט באַקאַנטע אין גאַנץ אייראָפע קאַרטלעך — „קריגס-געפאַנגענענפאָסט" — פון וועלכע אַ העלפט איז באַשטימט געווען אויף אַן ענטפער. אַמעליאַ האָט אים איבערראַשט. טראָץ אַלעמען האָט ער זיך נישט געריכט אויף אַזאַ הויכן פלאַם. ער האָט זי פאַרגעדענקט אַ האַרמאָניש-רואיקע און געספּקט, אַז זי זאָל פאַרמאָגן אַזעלכע רע-זערוון פון געפילן. וועגן וועלכע ער האָט זיך איצט דערוווסט. ער האָט געספקט, ווייל ער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע ספקן. ער האָט אויך געספקט, ווייל ווי דער גרעסטער טייל מענער האָט ער געגלויבט, אַז גרויסע שיינקייט זעטיקט זיך מיט זיך גופא, הגם די שיינקייט איז נאָר דאָס, וואָס באַקוועמלעכקייטן זענען פאַר אַ מענטשן, וועלכער איז צוגעוווינט צו באַקוועמלעכקייטן — די הויט, קוים די הויט.

ס'פלעגט געשען, אַז אַמעליאַס ענטפערס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. דעמאָלט איז ער פאַרגליווערט געוואָרן אין זיינע ליידן, ווי עס געשעט אַלע מאָל ביי מענטשן, וועלכע זענען באַהערשט פון שטאַרקע געפילן. ווען עס זענען אָנגעקומען בריוו האָט ער זיי שוין נישט געדאַרפט לייע-נען. ווען ער האָט נישט געהאַט קיין ידיעות פון אַמעליאַ, האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן פון מענטשן, איז אַריינגעפאַלן אין איינזאַמקייט. יעדער בריוו, איבערהויפּט נאָך אַן איבעררייס, האָט אַרויסגערופן אין אים פאַרקערטע שטימונגען.

זייער פאַראַכטונג צו מענטשן האָט די דייטשן געמאַכט גלייכ-גילטיק צו דעם, וואָס די קריגסגעפאַנגענע האָבן געשריבן און, וואָס מ'האָט צו זיי געשריבן. די צענזור האָט כמעט נישט געשטראָכן פון די בריוו און אין לאַגער האָט מען געוווסט, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. אין אויגוסט 1942 איז אין דער אונטערערדישער לאַגער-ציימונג דער-

שיינע אַן אַרטיקל וועגן די מאָרדן אין וואַרשעווער געטאָ. אַבער האָט אויפֿגעהערט צו באַקומען בריוו.

ס'איז געווען אַ זומערדיקע נאַכט, אַ שיינע ביז ווייטיק. אין צוויי קליינע, באַהעפֿטע מיט זיך קאַמערן, זענען ניין מענטשן געלעגן אויף שטרוי־זעק, אָבער קיינער פֿון זיי איז נישט געשלאָפֿן. אַבעל איז געזעסן בײַם פֿענצטער. פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך ווער אויפֿגעריסן און צוגעגאַנגען צו אים מיט טרייסט־ווערטער. זינט צוויי טעג האָט קיינער נישט געהערט קיין וואָרט פֿון אים. קיינער האָט נישט געזען ער זאָל האָבן עפּעס געגעסן. בײַטאָג און בײַנאַכט איז ער צוגעשמידט געווען צום פֿענצטער, אײַנהערנדיק זיך אין אומהערבאַרן געשריי פֿון דער געמאָרדעטער שטאָט. ווי איבער אַ ראַדיאָ־אָפּנעמער איז איבער זײַן קאָפּ געפֿלאָסן די שטימע פֿון ווײַטן פֿײַער. ער האָט נישט געקאָנט אײַנשטילן אין זיך די וואַכקייט און די שפּאַנונג, אַז וואָס ס'איז נישט מעגלעך געווען צו לעבן. ווי אין די צײַטן פֿון גרעסטן אײַפֿערזוכט האָט ער נישט געהאַט קיין מוט אַ קוק צו טאָן אויף אַמעליאַס פֿאָטאָגראַפֿיע — אַזאַ ווייטיק האָט געשטראָמט פֿון איר. דאָס פֿאַרברעכן איבער אַמעליאַ איז פֿאַר אים געווען דער סך הכל פֿון פֿאַרברעכנס איבער פֿיר הונדערט טויזנט מענטשלעכע לעבנס. זײַן געזיכט איז אין יענע טעג פֿינצטער געוואָרן. „ער האָט זיך אײַנגעבראָכן“ — האָבן זײַנע חברים געזאָגט.

אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָט ער באַקומען צוויי בריוו, וואָס האָבן געהאַט דעם צוריקאַדרעס פֿון אַן אומבאַקאַנטער פּערזאָן — אַננאַ ציך. דאָס איז געווען דער נײַער נאָמען פֿון אַמעליאַ. זי האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. זי האָט געוווינט אויף קאַניאָווסקע־גאַס, אויף זשאָליבאָזש. איבערלייענענדיק דעם נײַעם אַדרעס, האָט אַבעלן זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט געטווישט דאָס לאַגער. נאָך די צוויי בריוו איז געקומען אַן איבעררײַס און אַבעל האָט זיך פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז ענטפֿערנדיק איר, איז ער געווען פּונקט אַזוי אומפֿאָרזיכטיק, ווי אַמעליאַ. אינגיכן האָט זי זיך ווידער אָפּגערופֿן. זי האָט געשריבן: „איך בין עפּעס וואָס דורכגעגאַנגען אין די לעצטע צײַטן“. ווען אַבעל האָט געלייענט דעם דאָזיקן זאַץ, האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם. אַלץ איז קלאָר געווען. ס'איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשײַנונג.

דערנאָך איז אַנטשטאַנען אַ פּעריאָד פֿון בריוו, אין וועלכע ס'זענען געווען ווייניקער ווי פֿריער פֿאַרטרויונגען און אָנגענעמע אײַנגשאַפּטס־ווערטער. וואָס פֿאַראַ באַדײַטונג — וואָלט זיך געדוכט — האָבן געקאָנט

האָבן אָנגענעמע ווערטער אין אַזאַ קנויל פון ליידן? דאָך, ווען זיי האָבן געפעלט, ווען ס׳האָבן אויך געפעלט געוויסע צייטווערטער, ווען ס׳האָט זיך באַמערקט אַ געוויסע ענדערונג אין דער שפּראַך, האָט עס אַרויסגערופן ביי אַבעלן אַ טיפן ווייטיק שוין פון גאָר אַן אַנדער מין. ער גופא האָט קיין שום ווערט נישט געהאַט, טאָפּלט קיין ווערט נישט געהאַט. ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע אָפיצירן אין באַזונדערן בלאָק 14 ע, וואָס מ׳האָט גערופן „יודען-בלאָק“. זייער עווידענץ אין קאַנצעלאַריע איז געפירט געוואָרן באַזונדער. יעדן טאָג האָבן זיי זיך גערעכנט אויפן סוף. אין לאַגער זענען אַלע געווען איבערצייגט, אַז דער גורל פון בלאָק 14ע וועט זיין אַן אַנדערער, ווי פון די איבעריקע בלאָקן. זי דאָרט, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אויף דער אַזוי גערופענער אַרישער זייט, איז אַרומגעגאַנגען אונטער אַ טויט-אורטייל, וואָס יעטוועדער האָט געקאָנט אויספירן. און דאָך... און דאָך אין זיינע געדאַנקען, אין זיינע פאַרלאַנגען האָט ער נישט אויפגעהערט קודם צו זיין אַ מאַנסביל און זי אַ פרוי.

ער האָט געשריבן צו איר, אַז נישט קאָנענדיק איר גאָרנישט געבן, האָט ער נישט קיין רעכט עפּעס וואָס פון איר צו פאָדערן און לאָזט איר אין אַלעמען פרייע הענט. דערויף האָט ער באַקומען אַזאַ פלאַמיקן ענטפער, אַז ער האָט פון קיין בעסערן נישט געקאָנט חלומען. דערנאָך איז זי פלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן. ווען זי האָט זיך ווידער אומדערוואַרט אָפּגערופן, האָט דער בריוו נישט געהאַט נישט קיין געענדערטן נאָמען און נישט קיין געענדערטן צוריקאַדרעס. ס׳זענען אַלזאָ נישט געווען קיין אויסערלעכע שטערונגען. דער בריוו איז אָבער געווען געשריבן מיט דרייערליי בליישטיפטן. זי האָט שוין איצט נישט געשריבן מיט איין אָטעם-צוג, ווי פון אָנהייב, פאַרקערט, ס׳איז קענטיק געווען, אַז זי האָט שוין די בריוו נישט ליב, אַז מיט שוועריקייט צווינגט זי זיך צו זיי.

די קאַטאָליקן, וועלכע האָבן במשך פון לאַנגע צייטן דערוואָרבן זיך מענטשן-קענטעניש, באַהויפּטן, אַז דער ווירקלעכער געביט פון ראַנגלענישן און איבערברוכן איז די מענטשלעכע נשמה. אַזוי פיל מאָל איז דאָס בלוט ביי אַבעלן פאַרגליווערט געוואָרן אויפן געדאַנק, אַז זי וועט אַוועקגיין פון אים — אַוועקגיין, אָדער אומקומען, אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין — אַז ווען ער איז אויפן סמך פון אַלע מאָל ווייניקער דערהאַלטענע בריוו און אויך אויפן סמך פון סוגערירנדיקע

געשפּרעכן כּמעט זיכער געווען, אַז ס'איז שוין געשען, ווי ער האָט עס באַצייכנט פֿאַר זיך גופֿא, האָט ער דאָס אומגליק איבערגעטראָגן פֿאַרהעלטנישמעסיק רואיק. מענטשלעכע כּוחות זענען באַגרענעצט, איבערלעבונגען, פּונקט ווי טעמפּעראַטור, וואָס שטייגט אין מענטשלעכן אָרגאַניזם, האָבן זייערע גרענעצן. טראַגעדיעס צוליב פֿראַט זענען געווען אין לאַגער אַ טאָג־טעגלעך ברויט. די פֿרויען אויף דער פֿריי האָבן אָנגעבונדן גייע באַציונגען, געבוירן קינדער פֿון אַנדערע מענער, זיי זענען געשוואומען מיט דער פֿיל־שטראָמיקער כוואַליע פֿון פֿולסירנדיקן לעבן. אין ערשטן פּעריאָד האָט די קריגסגעפֿאַנגענע אַרומגעכאַפּט אַ פֿולשטענדיקע פֿאַרצווייפֿלונג, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן פֿראַט פֿון זייערע פֿרויען, דערנאָך, דאַקעגן, האָבן די אַנדערע ווייניקער געליטן, ווייל זיי האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעליטן, מיטפֿילנדיק מיט זייערע חברים און מורא האָבנדיק פֿאַרן זעלבן גורל. אַזאַ איז געווען דאָס אַלגעמיינע געזעץ און אַבעל איז אים געווען אונטערגעוואָרפֿן גלייך מיט אַנדערע.

אין אָקטאָבער 1944 זענען אין לאַגער אָנגעקומען אָפֿיצירן פֿון וואַרשעווער אויפֿשטאַנד. דער גרעסטער טייל פֿון זיי איז געווען אין ציווילע קליידער, זיי האָבן בלויז געטראָגן אַ ווייס־רויטן באַנד אויפֿן אָרעם. זיי האָבן זיך מיט נייגיר אַרומגעקוקט איבערן לאַגער און אָנגעהויבן פֿרעגן צי מען וועט זיי איבערשולן און צי אין 6 וואָכן אַרום וועט פֿאָרקומען דער געמיינזאַמער דייטש־ענגלישער אָנגריף קעגן רוסלאַנד. די זעלבע, וועלכע האָבן זיי דערפֿירט צו דער געפֿאַנגענשאַפֿט, האָבן זיי פֿאַרזיכערט, אַז דאָס זענען שוין באַשלאָסענע זאַכן... די וואַרשעווער אויפֿשטענדלער, אין קעגנזאַץ צו די אַלטע קריגסגעפֿאַנגענע, האָבן זיך אינטערעסירט אויסשליסלעך מיט פּאָליטיק. מ'האָט זיי צעוואָרפֿן איבער אַלע בלאָקן.

צוזאַמען מיט די וואַרשעווער אויפֿשטענדלער איז אָנגעקומען אַבעלס אַן אַמאָליקער אוניווערסיטעטס־קאָלעגע, טאַדעוש מאַזורעק. ער האָט אַ סך געוווּסט וועגן אַמעליאַ און געהאַלטן, אַז מען טאָר אַ מענטשן גישט לאָזן זיך מאַכן קיין אילוזיעס. יאָ, אַז אַנדערער האָט שוין פֿאַרנומען אַן אָרט אין אַמעליאַס לעבן. נישט דאָס אָבער איז געווען דער סורפּריז פֿאַר אַבעלן. דער אמתער סורפּריז איז ער אַליין געווען פֿאַר זיך. פֿאַרן אָנקומען פֿון די אויפֿשטענדלער האָט ער איבערגעלעבט אַ פּעריאָד פֿון אַפּאַטיע. ער האָט געהאַלטן, אַז זיין רעזערוו פֿון אינטימע געפֿילן האָט זיך פֿולשטענדיק אויסגעשעפּט. און אָט האָט זיך אויפֿגעמאַכט פֿאַר אים אַ נייער גיהנום. ער איז געווען דערשטוינט פֿון דעם נייעם שטראָם ליידן, ער

האָט זיך נישט געריכט, אַז ער זאָל נאָך פֿאַרמאָגן אַזאַ כּוח אין זיך. ס'האָט זיך אים פֿריער געדוכט, אַז ער האָט שוין שלום געמאַכט מיטן גורל. ער האָט זיך געהאַט געזאָגט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן זיך געזאָגט: ס'איז געשען דאָס, וואָס ס'האָט געמוזט געשען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך נישט געקענט. ער האָט זיך אויפֿגעריסן בײַנאַכט מיט שרעק און מיט אַ געפֿיל פֿון אַ מפּלה. ער האָט זיך געשטיקט, ווי עס וואָלט פֿאַרפֿעלט לופֿט אין צימער. זײַן לאַגע האָט אים אויסגעזען צו זײַן שווער, אומדערטראָגלעך שווער.

האָבנדיק פֿאַרלוירן אַמעליאַן, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז עס איז אָפּגעשטאָרבן אין אים די פֿעיִקייט צו פֿרייען זיך. אָבער ניין. ער איז געווען פֿעיִק צו אַזאַ שגעונדיקער פֿרייד, וואָס לאָזט זיך פֿאַרגלײַכן מיט דער פֿרייד פֿון אַ הונט, אַ צעהוליעטן אויפֿן הויף אין ערשטן וואַרעמען טאָג נאָכן ווינטער. דעם 8 מאַי 1945 האָבן מיר דערפֿילט אַזאַ פֿרייד. אויך אַבעל האָט די פֿרייד איבערגעלעבט. ס'איז געווען דעמלט, ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט זיך דערנעענטערט צום לאַגער 3ע.

3

זי האָט איבערגעחזרט זײַן נאָמען און ס'איז קענטיק געווען, אַז זי איז געריִרט. אין אירע אויגן האָבן זיך צוגעצונדן פֿלעמלעך. זי האָט באַקומען זײַן בריוו און דאָס קאַרטל און זיך מיט זיי שטאַרק געפֿרייט. צען מאָל האָט זי געקליבן זיך אים אָפּצוענטפֿערן, אָבער זי ווייסט אַליין נישט פֿאַרוואָס זי האָט נישט אָפּגעענטפֿערט. נאָכמער, זי האָט געוואָלט פֿאָרן צו אים קיין לאָדזש, אָבער אַלע מאָל האָט עפּעס געשטערט. זי פֿאַרשטייט אָבער נישט פֿאַרוואָס ער, זײַענדיק אין וואַרשע, איז נישט געקומען צו איר און האָט זיך פֿאַרלאָזן אויף אַזאַ צופֿאַל, ווי די באַגעגעניש. „געדאַרפֿט גאַנץ פּשוט קומען“.

קוקנדיק אויף איר, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פֿריידיקער ציטער, אין וועלכן עס האָבן אויפֿגעברויזט יאָרן־לאַנג דערשטיקטע כּוחות און איצט איז ער געזונקען אין זייערע ליבנסווירדיקע, געבענטשטע און אומזעבאַרע געפֿלען. ער האָט געשפּירט בײַ איר זײַט, נישט פֿילנדיק קיין באַדערפֿעניש צו רעדן, וואָס קומט ערשט דעמלט, ווען דאָס איבערפֿולטע האַרץ באַרויִקט זיך. ווען מען רעדט פֿון ווייטיק איז דאָס שוין אַ פֿאַרלײַכטערטער ווייטיק. אין זײַן העכסטער שטופֿע איז דער ווייטיק — געשריי אָדער שווײַגן.

ער האָט זיך איצט צוגעהערט צו איר אָן שום פאַרלאַנגען. ס'איז געווען גענוג, אַז זי איז געווען לעבן אים.

ווען ער האָט דערגרייכט דאָס אַזוי גערופענע דורך מאָלער, באַוווסטזיניקע זעען, האָט ער אַ ווײַלע, אַזוי ווי אויף אַ טאָפּלט אויסגעשטעלטן נעגאַטיוו געזען צוויי געזיכטער: דאָס געזיכט וואָס ער האָט פאַרגעדענקט האָט זיך געפונען אין דעם, אויף וועלכן ער האָט איצט געקוקט. ער האָט פעסטגעשטעלט געוויסע, קוים באַמערקבאַרע, ענדערונגען. זי האָט פאַרוואונדערט מיט דער אַנדערשקייט פון איר שיינקייט. איר איצטיקע שיינקייט האָט זיך אַזוי דורכאויסיק אונטערשיידט פון דער אַמאָליקער, ווי עס קאָנען זיך אונטערשיידן ענלעכע קעגנשטאַנדן, זי איז זייער מאָגער געוואָרן און טראָץ דעם האָט מען געפילט אין איר אַ פאַרשטאַרקטע, אַנדערע שווערקייט — אַזוי ווי מען פילט מיטן אויג די וואָג פון די זעלבע צוויי שטאַבעס מעטאַל, וואָס האָבן אַ פאַרשידענעם וואָג לויטן מין. די אומבאַקאַנטע אַמאָל שאַרפקייט פון געזיכט איז עטוואָס געלינדערט געוואָרן דורך דער מילדער ליניע פון דער נאָז, די לענגלעךרונדיקע בויגנס פון די ברעמען און דורך דעם טיףאויסגעשניטענעם מויל. אין פאַרלויף פון די לעצטע מאָנאַטן האָט אַבעל ניט איינמאָל געזאָגט זיך: „איך האַנדל ווי צומערגסטן, איך דערהרגע זיך דערמיט, וואָס איך דערלויב זיך אַלע מאָל מער צו טרוימען וועגן אַמעליאַ. קיין שום זאַך היילט ניט אַזוי, ווי די קאָנפראָנטאַציע מיטן מענטשן, וועלכער, אויב ער לעבט, אַנטפּלעקט ער זיינע חסרונות, באַגייט פעלערן, וועלכע זענען פאַרהוילן דורך אונדזער דורשט, אונדזער בענקשאַפט, אונדזער באַדערפעניש פון שיינקייט. אויסהיילן זיך קאָן איך נאָר דורך אַ צוזאַמענטרעף. דערלויב דעם לעבן גופא טויטן די אידעע. קיין שום זאַך אַנטוישט ניט אַזוי דעם איינזאַמען מענטש, ווי דאָס לעבעדיקע לעבן, וואָס ער וועט זיכער אויסגעפינען צו האַרט, ווייל ער האָט זיך פון אים אָפּגעוווינט".

דער ערשטער אָבער אויגנבליק האָט אַבעלן, אויב עס גייט אין שיינקייט, קיין אַנטוישונג ניט געבראַכט. פאַרקערט, איר פּראַכט האָט אים באַרוישט. אַמעליאַ איז געווען ווי אַמאָל אַ האַרמאָנישע, אַ דייטלעכע, אַ הויכע. איר הויט, וואָס האָט געאָטעמט מיט וואַרעמקייט, מיט זעטיקייט און רואיקייט, האָט ווי אַ סקולפּטור, ווי אַ נאַקעט בייכל פון אַ קינד, געבעטן זיך אָנצורירן. נאָכדעם ווי מ'האָט אומגעבראַכט דאָס פאָלק, האָט מען שוין אַזעלכע פרויען ניט געזען.

זיי האָבן גערעדט וועגן דעם און יענעם, כּאַאָטיש, ווי געווײנלעך ביים אָנהויב פון אַ באַגעגעניש. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן דערציילן וועגן לעבן אין געטאָ:

— אין ערשטן פּעריאָד האָט אונדז געמאַטערט די פראַגע, וואָס מיר וועלן דערציילן די מענטשן, וועלכע האָבן די מלחמה פאַרבראַכט אויסערן לאַנד און וועלן נאָך דער מלחמה זיכער צוריקקומען. וואָס זיי דערציילן, כּדי זיי זאָלן באַקומען אַ באַגריף וועגן אונדזער לעבן, זיי זאָלן קאָנען גלויבן, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּגרונט, וואָס פאַר דער מלחמה האָט אַ מענטשלעך אויג זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. אַלע זענען געווען ביי דער זעלבער מיינונג, אַז מען וועט זיי דאַרפן ווייזן די קינדער, וועלכע די דייטשן האָבן פאָטאָגראַפירט און געגעבן אין זייערע צייטונגען ווי אַ „צוכט פון באָלשעוויסטישן גן־עדן“. אויף דער פּוילישער זייט זענען אויך נישט אַלע געווען אונדזערע פריינד. מ'האָט דאָרט גע־זאָגט, אַז מ'דאַרף די מויערן — הינטער וועלכע דער טיפוס און דער הונגער האָבן שוין דעמלט געזייט טויט צווישן דער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען אָנגעפּראָפּט ווי אויף אַ וואָקזאַל — אַרומרינגלען מיט אַ קראַנץ פון מאַשינביקסן, כּדי אין פאַל פון אַ פלוצלינגדיקן פאַרענדיקן זיך פון דער מלחמה, זאָל די יידישע באַפעלקערונג זיך נישט צעלויפן. ווען אָבער אַן אָפגעריסן קינד, אַ באַוואָקסנס מיט שמוץ, האָט אָנגעקלאַפּט ערגעץ אין אַ טיר און נישט קענענדיק אָדער קוים קענענדיק די שפּראַך, האָט עס ליבערשט געוואָלט בלייבן שטיין שטום און אומטערטעניק, איז עס דאָך נישט אַוועקגעגאַנגען אָן אַ שטיקל ברויט.

אַבעל האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען אין בלאָק 14ע זענען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די שחיטות, האָבן אַלע שטאַרק רעאַגירט, אָבער יעדערער האָט רעאַגירט אויף אַן אַנדער אופן. איינע האָבן געזאָגט: „זקנים שטופּן זיי אַריין אין וואַגאָנען מיט נישט געלאָשענעם קאַלך. אַנדערע: „וויפיל פּרעכטיקע מיידלעך עס קומען דאָרט אום. ווי קאָן מען הרגענען יונגע מיידלעך?“ און נאָך אַנדערע: „גאָט מיינער, דאָרט מאָרדן זיי קליינע קינדער“...

— קינדער האָט מען נישט געקאָנט אויפקלערן וואָס דאָס איז אַ בוים, אַ טייך. ס'זענען נישט געווען קיין טייכן, נישט קיין ביימער. ווען מ'האָט אויף לעשנע, אין „פעמינאַ“ געגעבן אַ קינדער־פאָרשטעלונג, האָט דער עולם געוויינט. קאָרטשאַק האָט דעמלט געזאָגט צו אַ פאָטער: „איך בין אַן אַלטער מענטש, ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך האָב

שוין נישט קיין פאַרלאַנגען. כ׳האָב, כ׳וואָלט געוואָלט דערלעבן דעם טאָג, ווען מען וועט אויפמאַכן די טויערן״...

אָנווייזנדיק אויפן ים פון ציגל־ברוך, האָט זי געזאָגט:

— אָט איז דאָס עפענען פון אונדזערע טויערן.

אָנגעהאָנגען אין אַמעליאַס אָרעם האָט אַבעל איצט געטראָטן איבער דער ערד פון די שרעקלעכסטע מענטשלעכע ליידן, ווי איבער אַ גאָרטן מיט רויזן. ער האָט זיך געלאָזט פאַרשיכורן מיט דער זיסקייט פון אַמעליאַס אַנוועזנהייט, וואָס האָט אָפּגעשטויסן די גרוילן, ווי עס וואָלטן דערינערונגען געווען. זי איז געווען כמעט פון דער זעלבער הויך ווי ער. זי האָט געטראָגן אַ מאַנטל פון שוואַרצן, וואָלענעם שטאָף, וואָס האָט זיך געקניטשט, ווי זאַמד. דער הוט, אין דער פאָרם פון אַ מעלער, איז געהאָנגען איבער אירע אויגן. אַ הוט האָט איר שטענדיק געדינט ווי אַן אָרנאַמענט, פונקט ווי אַן אַטישע דעקאָראַטיווע קאָנסטרוקציע איבער אַ הויז. אַלע היטן, וואָס ער האָט געדענקט, זענען איר אַראָפּגעפאַלן אויף די אויגן, זיי האָבן געענדערט זייער פאָרם בלויז פון דער הויך. דאָס דערמאָנען זיך אין אַזאַ פרט האָט אַרויסגערופן אין אים אַ נייעם שטראָם פון זיסע געפילן און מיטן מויל איז ער עטלעכע מאָל צוגעפאַלן צו איר אָרעם. זי האָט געשמייכלט. איר אויג איז פאַרזונקען געווען אינעם שאָטן פון הוט־ראַנד. ער האָט געזען בלויז די גאַנץ מיט לייכט־אויפגעהויבענע נאָזלעכער און די רייצנדיקע פאָרם פון דעם מויל, וואָס ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו קושן. לאַנג האָט ער נישט געקאָנט זיך דעצידירן דערויף, ווען ער האָט צום סוף, גייענדיק, לייכט באַרירט איר מויל, נישט ענדערנדיק די פּאָזיציע, איז אַמעליאַס שמייכל אויסגעלאָשן געוואָרן. דאָס האָט אים ווי געטאָן. זיי האָבן געשפּרייזט איבער פעלדער מיט צעהאַקטע ציגל, באַדעקט דאָ און דאָרט מיט פאַרראָסט אייזנוואַרג. פון די חורבות האָבן אַרויסגעשטעקט אייזערנע שטאַנגען, ווי ס׳וואָלטן אַרויסגעוואָקסן קוסטעס פון אַ נייעם מין.

ס׳איז שווער אָנצוצייכענען די ריכטונג פון אַ לעבעדיקן שמועס, ער שטראָמט אַרויס — ווי אַ באָרד ביי געוויסע פערזאָנען — אויף אַלע זייטן. באַלד האָט אַמעליאַ ווידער אָנגעהויבן דערציילן דערינערונגען. יעדעס וואָרט אירס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט ליידן. דאָס האָט אַבעלן דרייסטער געמאַכט. ער האָט דערציילט וועגן לאַגער. ער האָט אויך גערעדט וועגן זיך, וועגן זיינע געפילן צו איר.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט זיך אויף אַמעליאַס געזיכט אויסגעשפּרייט אַ גרימאַסע. די גוטע פּלעמעלעך אין אירע אויגן זענען פֿאַרשוווּנדן. אַבעל האָט זיך דערמאָנט אין זײַנע פֿרײַנד, וועלכע ער האָט געטראָפֿן נאָך 6 יאָר און מיט וועלכע ער האָט נאָך אַ פֿערטל שעה נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. „כ'בין איר פֿרעמד" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט פֿאַרצווייפֿלונג.

— ליבע — האָט זי איבערגעחזרט נאָך אים מיט פֿאַרווּנדערונג און אַזוי ווי זי וואָלט דאָס אומגערן געטאָן. ער האָט אַ ווײַלע געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער האָט איר געטאָן אַן עוולה. — ליבע — אַ לאַנג שוין נישט געהערט וואָרט. אַ פֿאַרגעסן וואָרט. אַ פּיקציע...

ער האָט דערפֿילט אַ מין זשענירטקייט, וואָס עס דערפֿילט אַ מאַן, ווען ער דערציילט וועגן זײַנע געפֿילן אַ פֿרוי, וועלכע ענטפֿערט אים: „ס'איז גאָרנישט, ס'וועט דורכגיין..." זײַן אויפֿמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן דאָס וואָרט: פּיקציע. אים איז זי גוט באַקאַנט, די פּיקציע... באַפֿרײַט דורך דער רויטער אַרמיי, איז ער צוזאַמען מיט דער כוואַליע, וואָס האָט געשטראָמט, צוריקגעקומען אין לאַנד. דאָס זענען געווען פּרעכטיקע טעג. ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין לאָדזש. לאָדזש איז אים געפֿעלן געוואָרן, אַלץ איז אים אין יענעם פֿריאָר געפֿעלן. ער האָט אָנגענומען דעם ערשטן־בעסטן פּאָסטן, אינדערפֿרי איז ער מיט פֿאַרגעניגן אויפֿגעשטאַנען צו דער אַרבעט. ער האָט אויפֿגעלעבט. די לעצטע מלחמה־פֿלאַמען זענען געווען פֿלאַמען פֿון ווידערגעבורט נישט נאָר פֿאַר אים אַליין. מענטשן האָבן אויפֿריכטיק געשטרעבט צו אַן ענדערונג. נאָך דער אָקופּאַציע־פֿינצטערניש האָט אויפֿגעלעבט אין זיי אַ בענקשאַפֿט נאָך ליכטיקייט. די דאָזיקע באַגייסטערונג האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די טיפֿע נאַכט האָט זיך אײַנגעגעסן אין די מענטשלעכע ביינער. נאָכדעם ווי די גרויסע כוואַליעס פֿון די געשעענישן האָבן זיך אײַנגעשטילט, האָט אַבעל דערפֿילט, אַז די בענקשאַפֿט צעפֿרעסט אים פּונקט אַזוי ווי אין לאַגער. די פֿרײַהייט האָט נישט אָפּגעמעקט די בענקשאַפֿט, פּונקט ווי אַ פֿאַרליבטער פֿילט דורך דער ראַדיאָ־טראַנסמיסיע פֿון דער פֿילהאַרמאָניע דעם אָטעם פֿון זײַן אַנוועזנדיקער האַרץ געליבטער, אַזוי האָט אַבעל אין דער שטימע פֿון לאַנד געפֿילט אַמעליאַ. דאָס האַרץ אין אים איז אָפּגעשטאָרבן, ווען ער האָט דערזען אַן ענלעך קלייד, אַ מאַנטל, אַ הוט, וואָס ער האָט געדענקט פֿון אַמאָל און וועלכע זענען וואַרשעווער פֿון לאַנג שוין אויף דער וועלט נישט געווען. די ענלעכקייט פֿון געוויסע געזיכט־שטריכן, פֿון באַוועגונגען

האָט אים שוין נישט געוויילט ווי אַמאָל, ווען ער האָט זיי באַמערקט ביי די קריגס־געפאַנגענע. איצט האָט דאָס בלויז אַ ווייטיק אויפגעוועקט. דער פאַרשטיקטער געוויין אין זיין האַרץ האָט זיך נישט איינגעשטילט. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויפהערן צו טראַכטן וועגן איר, נישט געקאָנט פאַרגעסן. זיין מוטער, אַ קליינע, דעליקאַטע פרוי, פלעגט וויינען, ווען מ'האָט אין איר קעגנוואַרט ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט: יאַסמין. ער האָט נאָך 6 יאָר מלחמה נישט געקאָנט הערשן איבער זיין שטימע, ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו באַנוצן דאָס וואָרט: ליבע. אָן אַ ציטער האָט ער נישט געקאָנט קוקן אויף מענטשן, צוגעטוליעטע צו זיך. ער האָט נישט געקאָנט הערן רעדן וועגן עמעצנס גליק. ער האָט געפילט דאָס האַרץ ווי מען פילט אַ שלעכט אַריינגענייטן אַרבל און טיף אין האַרץ האָט גענאָגט אַ ווייטיק, וואָס האָט זיך נישט געשטילט. די בענקשאַפט אין אים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַנגסטיקער שרעק. ביינאַכט האָט ער זיך געוועקט אַן אויסגעליידיקטער פון אַלעמען, אויסער פון ווייטיק. ער איז געווען אַ קנויל ווייטיק און דער ווייטיק האָט אים געשראָקן נאָך מער דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו שיצן קעגן אים. נישט קאָנענדיק פאַרגעסן, האָט ער אויפגעלעבט די דערינערונגען, דערינערנדיק זיך האָט ער געליטן, דאָס לייב האָט פאַרגעדענקט, דער מוח האָט פאַרגעדענקט און אַלץ וואָס איז געווען געבונדן מיטן זכרון האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ווייטיק. ער האָט זיך אַליין געפרעגט וואָס דאָס באַדייט און נישט געפונען קיין דערקלערונג. ער איז אַרונטערגעפאַלן אַ באַגייסטערונג פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען. זי איז געווען דער באָדן, אויף וועלכן ס'האָבן זיך געהאַלטן די פיס, זי איז געווען דאָס ליכט פאַר די אויגן, זי איז געווען דער זין פון זיין לעבן. די־אָט פיקציע, ווי אַמעליאַ האָט זי אָנגערופן, האָט געלעבט אין אים ווי די הויפטזעכלעכע ווירקלעכקייט, אַן אָנגרייפערישע, אַ פאַרמאַכטע אין זיך גופא.

אַמעליאַ:

— זעסט דאָך וואָס ס'איז געבליבן פון אונדזער לעבן... דאָס איז נישט קיין רעזולטאַט פון קיין האַלבשעהדיקער באָמבאַרדירונג פון דער ענגלישער אַוויאַציע. ביינאַכט האָבן מיר זיך נישט געלייגט און פאַרטאָג האָבן די, וועלכע זענען געבליבן ביים לעבן, נישט געזען דאָס, וואָס מיר זעען איצט. דער טויט פון דער שטאָט, דער טויט פון דער ערד איז פאַנאַנדערגעלייגט געוואָרן אין דער צייט. איידער מ'האָט אַוועקגעלאָזט דאָס

פאָלק מיטן רויך, האָט מען עס פריער פאַרוואַנדלט אין בלאָטע, אין טינוף. זאָלסט נישט גלויבן, אויב מען וועט דיר זאָגן, אַז מענטשן ווייסן ווי אַזוי צו שטאַרבן. נישט אמת. בעת דער מלחמה האָט וואַרשע צוויי מאָל געזען, אַז מענטשן ווייסן נישט ווי אַזוי צו שטאַרבן. דאָס וואָס מען דערציילט וועגן שטאַרבן איז פון איבערגעטריבנקייט, צוליב פּאָזע. דאָס האָט מיטן טויט אַזוי פיל געמיינזאַמעס, ווי יענער מעטאַפאָרישער טויט מיט וועלכן ס׳איז פול די דיכטונג פון יונגע דיכטער. די מיליאָנען מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען צום טויט האָבן גלייכצייטיק געהאַנדלט, געליבט, אינטריגירט, געהאַסט, קיין שום ערדיש געפיל איז ביי זיי נישט אָרעמער געוואָרן. זיי זענען געגאַנגען צום טויט, זייענדיק איבער די אויערן איינגעטונקען אין לעבן. פילנדיק שוין דעם טעם פון אייגענעם בלוט, האָבן זיי נאָך נישט געפילט דעם אָטעם פון גאָט. אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן זענען זיי ביזן סאַמע סוף איינגעטונקען געווען אין לעבן. זייער טויט איז געווען אַ לויב־געזאַנג צום לעבן. אונטער דער תליה האָבן זיי נאָך אויסגעקליבן אַ בעסער עסן...

אַמאָל פלעגט זי רעדן נישט גערן און מיט שוועריקייט. זי האָט נישט געהערט — אַמאָל — צו די זייער באַרעדעוודיקע מענטשן. פון אָנהייב האָט זי אַבעל גערופן דאָס שיינע, שווייגנדיקע קינד. זי איז דעמלט געווען אומגלויבלעך שוויגעוודיק. זיין נאָמען האָט זי אַרויסגעזאָגט צום ערשטן מאָל ערשט 4 חדשים נאָך זייער חתונה. זי האָט געהערט צו די פרויען, וועלכע עס קומט נישט אָן לייכט זיך צוצוגעוווינען צו אַ מאַן. איצט האָט אַבעל פעסטגעשטעלט, אַז איר שטימע, פונקט ווי איר געזיכט, האָט באַקומען כוחות. זי האָט זיך געענדערט.

אַמעליאַ האָט ווייטער דערציילט:

— דער טויט האָט געהויזט צווישן אונדז און געענדערט אין אונדז אַ סך באַגריפן וועגן לעבן. דער מאַן, וועלכער איז אַוועקגעגאַנגען, איז אַוועק אין אַ פינצטערניש, צום גרעסטן טייל איז ער שוין נישט צוריקגעקומען. געפילן האָבן נישט געהאַט וועגן רייף צו ווערן, מ׳האָט געדאַרפט זיי גלייך אויסצאָלן. פרויען האָבן זיך אַזוי אָפּגעגעבן מענער, ווי ס׳וואָלט זיי דאָס געקומען, ווי זיי וואָלטן אָפּגעגעבן אַ חוב. און דעמלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז פאַראַן הונדערט מינים ליבע און יעטוועדע איז גוט, און יעטוועדע איז אָנצוגעמען.

אַבעל האָט אויך געוווּסט וועגן הונדערט מינים ליבע. אין די ערשטע וואָכן נאָך דער באַפרייונג — אין די גליקלעכסטע, אין די געבענטשטע

וואָכן — האָט ער געגלויבט, אַז ער וועט געפינען אַן אָרט אין לעבן אָן אַמעליאַ. פון אָנהייב האָט ער געהאַט דעם איינדרוק אַז די קאַטאַסטראָפע איז נישט אַזוי גרויס און אַז דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע אינטעליגענץ וועט וועלן צוריקאויפבויען דאָס לעבן אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס איז, וואָס אַן אמת, געווען ווי איין קבר, אָבער ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מ׳וועט קאָנען אין דעם פאַרגעסן. מיטן סוף פון דער מלחמה זענען די רעשטלעך פון דער דריי מיליאָניקער עדה, די אָפּגעראַטעוועטע פונעם מבול, אַרויס פון די אונטערערדישע לעכער, פון די וועלדער, פון די לאַגערן. ווייניק פון זיי האָבן געקאָנט זיך אומקערן אין זייערע אַמאָליקע היימען. פון אָנהייב האָט מען זיי אויפגענומען אַזוי, ווי מען דאַרף אויפנעמען מענטשן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אַזעלכע ליידן. אין געוויסע ערטער זענען אויפריכטיקע טרערן געפלאָסן ביי ביידע צדדים.

פון צווישן אַלע מענטשלעכע געפילן אָבער האָט מיטלייד די קירצסטע פיס. ווען די, צוליב וועלכע די וועלט האָט געדאַרפט רויט ווערן פאַר חרפה, האָבן זיך אומגעקערט, נאָכדעם ווי זיי זענען אין פאַרלויף פון 6 יאָר געשטאָרבן הונדערט מאָל אַ טאָג, זענען זיי איצט געפאַלן אויפן שוועל פון זייערע הייזער פון אַ קויל, וואָס איז שוין נישט געווען קיין דייטשישע קויל. אויף די וועגן האָבן געלאָקערט אויף זיי נפשות, וועלכע האָבן זיך גערופן מיליטער און אומגעבראַכט זיי מיטן אויסגעפרוווטן Genickschuss איבער די דערפער, אין די קלענערע און גרעסערע שטעט, ווען די אָפּגעראַטעוועטע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, זענען זיי נישט זיכער געווען מיט דעם מאָרגנדיקן טאָג, אַזוי ווי פאַר די דייטשישע צייטן. די נייע מאָרדן האָבן פאַרטריבן די לעצטע ספקות, וואָס האָבן באַאומרואיקט יעדן מענטשן, וועלכער האָט באַטראַכט אַזאַ שווערן ענין, ווי דאָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין ברירה. דער טויט, וואָס האָט זיי שטענדיק באַדראָט, האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט וועמען עס איז צו רירן. האָבן זיי אָנגעהויבן מאַסנווייז צו אַנטלויפן. און אַ געוויסן טאָג האָט אַבעל פעסטגעשטעלט, אַז ער לעבט אין אַ מדבר. ער האָט באַגעגנט איינצלנע באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך איזאָלירט, אָבער קיינער האָט נישט אָנגעהויבן דאָס לעבן אויפסניי. מ׳האָט נישט געזען קיין שום פרווון פון ווידעראויפלעבונג, פאַרקערט, זיי האָבן נישט געוואָלט קיין ווידעראויפלעבונג אויף דער דאָזיקער ערד. זיי האָבן געוואָלט נאָר איינס: אַנטלויפן. און, זענען אַנטלאָפן.

אַבער האָט אָפּט געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט געלעבט אין אַ סביבה, וואָס וואָלט אָנגעשטעלט געווען אויף ווידערגעבורט, וואָלט אים לייכטער אָנגעקומען צו פאַרגעסן. דאָרום איז אָבער געווען אַ מדבר, ער האָט געלעבט אין אַ מדבר צווישן אַרומגעפליקטע געוויקסן, וואָס האָבן איינגעדאַרט. ס'איז נישט געווען קיין לעבן, ווייל ס'זענען נישט געווען קיין מענטשן. דערביי איז ער שוין נישט געווען קיין יונג בחורל, ער האָט זיך דערנעענטערט צו די פערציקער און וויי איז די מענטשן, וועלכע מוזן אין פערציקסטן לעבנס־יאָר, אָנהויבן אויפסנייס אויפבויען זייער אינטים לעבן, ווען זיי מוזן ערשט איצט זוכן. וואָס קאָן ער געבן פון זיך היינט אַ פרוי, וועלכע ער וועט באַגעגענען? אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט געפילט צו אַמעליאַ, איז דאָס איבעריקע געווען מאָגער, נישטיק. באַרוישט מיט אַמעליאַס גלאַנץ, האָט ער אַלץ איבעריקע געזען פאַרטונקלט. אַלע האָבן אים געלאַנגווייליקט און ער איז פאַר די אַנדערע אויך געווען לאַנגווייליק. ווייל אַזוי איז דאָס שוין, אַז פאַר איינע זענען מיר, ווי אַ ים און פאַר אַנדערע, ווי אַ מיזערנע, אויסגעטריקנט וואַסערשטראָמל. פאַראַן הונדערט מינים ליבע — ער האָט געוווסט דערפון — אָבער נישט פאַר אים.

אַמעליאַ:

— די איינציקע פרייד אין די פאַרגאַנגענע יאָרן (וואָס ס'איז שוין היינט שווער צו פאַרשטיין, הגם ס'איז פאַרביי אַזוי ווייניק צייט) איז געווען צו דערהרגענען אַ דייטש. נאָר דאָס האָט גליקלעך געמאַכט. קיין שום אַנדערע זאַך, קיין אַנדערע אויפגאַבן האָט דער מענטש זיך נישט געשטעלט. אַנדערע אויפגאַבן וואָלטן געווען נישט שכלדיק, קליינלעך, אפשר עקזיסטירט אַזאַ צייט, וואָס איז גינסטיק פאַר ליבע, די פאַרגאַנגענע צייט איז אַזאַ נישט געווען...

אַבער האָט שוין נישט צוגעדריקט זיינע ליפן צו איר מאַנטל. אירע ווערטער האָבן אים איצט אַזוי ווירקזאַם דערווייטערט ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט דער לאַגער. פילנדיק, אַז זי איז גערעכט, האָט ער גלייכצייטיק דערפילט זיין אייגענע מינדערווערטיקייט. און ער האָט דערפילט אַ חרפה. נישט צום ערשטן מאָל האָט ער געטראַכט וועגן דעם, ווי ווייט ער האָט זיך נישט דורכגעהונגען מיט דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער וועלט. עס זענען אומגעקומען פעלקער, אין שטויב זענען זיך צעפאַלן שטעט, דעראָבערונגען פון יאָרהונדערטער זענען פאַרשוווּנדן אין איין נאַכט. און ער מיט וואָס האָט זיך אינטערעסירט? וואָס האָט אים אויף אַן אמת באַשעפטיקט?

.4

דער הימל האָט געהאַט אַ קאָליר פֿון זייפֿנשוים. אין ראָג צווישן גענשע און דזשיקע־גאַס איז פֿאַרבליבן האָס מויער פֿון דער מיליטערישער תּפֿיסה, פֿון פּאַוויאַק זענען איבערגעבליבן שטיקלעך פֿון דער געמויערטער אַרומצוימונג. אין דער ווייט האָט זיך אַרויסגעהויבן דער קלויסטער אויף דזשעלנע־גאַס. בלויז די רעשטלעך פֿון די תּפֿיסות און דער קלויסטער האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט.

אַבעל און אַמעליאַ האָבן בשום אופֿן נישט געקאָנט געפֿינען דאָס אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנען זייער הויז — ס'איז איצט אַ הויפֿן פֿון פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע בערג מיט ציגל־ברוך. הינטער דער אויפֿגעבראָכענער עפֿענונג פֿון דער פּאַוויאַק־אַרומצוימונג, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פֿון צימערינג, האָט געשטעקט אַ נאַקעטער בוקענבוים. אויפֿן בוים איז געהאָנגען אַ שוואַרצער טאָוול מיט אַ ווייסן קרייץ, הינטער אים זענען געשטאַנען צוויי מענטשן מיט אָפּגעדעקטע קעפּ. איינער האָט דערציילט, דער צווייטער האָט זיך צוגעהערט. ביידע האָבן געהאַט איינגעגראָבן די בליקן אין קבֿר, הינטערן בוקענבוים. אַבעל און אַמעליאַ זענען זיי פֿאַרבייגעגאַנגען. זיי זענען צוגעקומען צום שאָסיי, וואָס האָט זיך אַמאָל געצויגן לענגאויס סמאָטשע־גאַס, דערנאָך האָבן זיי זיך צוריקגעקערט. די פּיינלעכע שטימונג האָט אָנגעהאַלטן.

ווען אַמעליאַ האָט נאָכאַמאָל עפּעס אַ זאָג געטאָן וועגן דער פֿיקציע, וועגן דעם לעבן, וואָס ס'איז שוין אַלץ איינס, ווי אַזוי מען האַנדלט און דערביי זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ בייזן געלעכטער — מיטן געלעכטער פֿון פֿרויען נאָכדעם ווי זיי פֿאַראַטן, מיטן געלעכטער פֿון פֿרויען צופֿרידענע פֿונעם שפּיצל, וואָס ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן אָפּצוטאָן — האָט אַבעל פּלוצלונג דערהערט אַ האַרטן טאָן אין איר שטימע און דערמאָנט זיך, אַז דאָס האָט אים שטענדיק אָפּגעשטויסן פֿון איר. ער האָט ווי פֿריער זייטיק אַ קוק געטאָן אויף איר מויל און פֿעסטגעשטעלט, אַז עס איז פֿול מיט זינלעכקייט. ער האָט דערפֿילט אין זיך אַ האַס. ער האָט אָנגעכאַפּט זיין באַגלייטערין פֿאַר די הענט און מיט כעס זיי אַ טרייסל געגעבן. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זי געוואָלט שלאָגן. ווען ס'איז אים אָבער קלאָר געוואָרן, וואָס ער טוט, האָט ער זיך מוראדיק דערשראָקן, ער האָט אויפֿגעציטערט אויפֿן געדאַנק, אַז נאָך די אַלע יאָרן פֿון אוממענטשלעכער בענקשאַפֿט וועט אַמעליאַ פֿאַרגעדענקען

בלויז זיין אין כעס אויסגעקרימט געזיכט. ער האָט געוואָלט זיך פֿאַרענטפֿערן, ס'איז אָבער אַרויסגעקומען בלויז אַ פּלאַפּלעריי. ער האָט אַרויסגעזאָגט ווערטער, וועלכע ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען און אין וועלכע ער האָט קיינמאָל דערנאָך זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. ער האָט געפֿילט ווי אין זיין מוח ברענט אַ פֿייער.

ער איז צו זיך געקומען נאָכדעם ווי ער האָט אויפֿגעכאַפּט אירע צעשראָקענע בליקן. אַ לאַנגע ווײַלע נאָך האָט ער געפֿילט די פֿאָלגן פֿון זיין ברוטאַלן אויסברוך, וואָס האָט אים דערשעפּט און אים פֿרעמד געמאַכט פֿאַר זיך גופֿא. אַמעליאַ האָט זיך איינגעקוקט אין אים מיט אויפֿמערקזאַמקייט, זיין געזיכט איז איצט געווען צעשוואָמען, דאָס מויל האָט ביי אים געציטערט. זי האָט געהאַט די פֿעיקייט פֿון אָבסערווירן, דאַקעגן ער איז געווען הונדערט מייל ווייט פֿון אַזאַ געניטקייט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַמעליאַ האָט אָנגעהויבן שטיל און לאַנגזאַם:

— אַבעל, דו האָסט געלעבט אין דיר גופֿא, איך דאַקעגן, נישט בלויז אין מיר גופֿא. איך בין נישט די זעלבע פֿרוי, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזן. כ'בין אַן אַנדערע. פֿאַרוואָס זאָל איך דאָס אויסבאַהאַלטן פֿאַר דיר? גיב אַ קוק אַרום זיך, גיב אַ טראַכט וואָס ס'איז דאָ געשען... ליבע — דאָס בלוט האָט לאַנג געפֿלאָסן אונטער מיין הויט ווי ס'וואָלטן דאָרט מוראַשקעס אַרומגעלאָפֿן, ביינאַכט האָט דאָס לייב געיוירן, ווי די ערד אין פֿרילינג, ווי אַ טייך בעת אַ פֿאַרפֿלייצונג, עס האָט וויי געטאָן ווי עס וואָלט צעשלאָגן געווען, אין מיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אומרו פֿון יונגע מיידלעך, וואָס גייען איבער דער וועלט אַזוי, ווי זיי וואָלטן אָפּגעשיידן געווען פֿון דער הויט. דער סוד פֿונעם מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס ער וויל שטענדיק מער דערגרייכן ווי ער קאָן. ליבע — אין אַ געוויסער צייט שווימט עמעצער מיט אונהזער זוויבערן שטראָם, און האַלטן דעם שטראָם אין זיין זוויבערקייט ווערט דערנאָך אַ הוב, אַ שווערער הוב, אָבער אַ פֿאַרליבט האַרץ גייט איין אויף שווערע פֿליכטן...

זי האָט גערעדט מיט געפֿיל און וואַרעמקייט. זי האָט אים אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויפֿן אַקסל. אַבעל האָט מיט אַמאָל באַמערקט, אַז איר געזיכט דריקט אויס אַ צושטאַנד, ווי די כוחות וואָלטן זי פֿאַרלאָזן. די באַקן האָבן געהאַט די איידלקייט, וואָס מ'האָט נאָך אַ קרענק, דאָס מויל האָט איינגעזונקען טיפֿער, די אומלעזבאַרע אויגן זענען געווען מיד.

— הער מיך אויס, אַבעל. איך האָב מיך אָפּגעראַטעוועט אויף אַזאַ אופֿן, אַז די פֿורמאַנעס פֿון דער אונטערנעמונג צו רייניקן די שטאָט האָבן

מיך אַרויסגעפירט אומעטערן מיסט. קיין אַנדער וועג איז שוין דעמלט ניט געווען. זיי האָבן מיך דערנאָך געמינטערט אַ האַלבע שעה, כ'בין כמעט געווען דערשטיקט. מיט די לעצטע פונקען פון מיין באַוווסטזיין האָב איך דעמלט אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלן מיך אַרויסוואַרפן אויף די בערג מיסט ביי דער ווייסל. זיי האָבן מיך ניט אַרויסגעוואָרפן און איך בין ניט געשטאָרבן אויפן מיסטקאַסטן. אָבער אַלץ איינס האָט שפּעטער אַלץ פאַרלוירן דעם זין. דאָס, וואָס עס האָט ניט לאַנג צוריק פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ ווערט, איז געוואָרן אַ נאַרישקייט, אַ טראַגישער שפּאַס, אַ פּיקציע. יעדן טאָג זענען מיר געשטאָרבן און יעדן טאָג זענען מיר אויפסניי געבוירן געוואָרן, קלאָגנדיק דערביי איבערן שווערן באַלאַסט, וואָס האָט, ווי זעגעכץ — אויסגעפּילט און געפּרעסט אונדזערע מוחות. מיר האָבן אויפגעהערט צו פאַרשטיין די נעכטיקע וועלט. מיר האָבן זי געהאַסט און אַלץ וואָס איז פריער געווען שלעכט איז געוואָרן גוט, דאָס וואָס ס'האָט אונדז ניט לאַנג צוריק אָפּגעשטויסן איז געוואָרן דערלויבט. אויף דער צווייטער זייט האָב איך זיך שוין ניט געשטעלט קיין אויפגאַבן, ניט געקעמפּט, זיך ניט אַרומגעטראָגן מיט ציאַנעק אין בייטל. פריער האָב איך זיך געפרעגט: „ווילסט ווערן אַזאַ ווי מאַרישע ווערנער?“ כ'האָב ניט געוואָלט ווערן קיין מאַרישע ווערנער. דערנאָך בין איך געוואָרן אַזאַ ווי מאַרישע ווערנער און קיין איינמאָל אפילו וועגן דעם ניט אַ טראַכט געטאָן. ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער זויבערער שטראָם...

זי האָט געשוויגן. און אין אַ ווײַלע אַרום:

— ווי מאָדנע דאָס איז, וואָס אין אָנבליק פון אַזעלכע פאַרוויסטונגען, פון אַזאַ סוף פון אַ וועלט, היט נאָך איין דאָס האַרץ די אַלע ניואַנסן... ווען מ'וואָלט מיך איצט געפרעגט, צי איך באַדויער דאָס, וואָס איך האָב זיך פון אַלעמען אָפּגעזאָגט, צי איך באַדויער די צייט, ווען דאָס לייב האָט, ווי אַ הונט אויף אַ קייט, געקלאָגט אין נאָמען פון דער פּיקציע פונעם זויבערן שטראָם, וואָלט איך געענטפערט: ניין. ווייל אין אָנבליק פון אַזאַ סוף פון אַ וועלט, וואָס מיר האָבן פאַר די אויגן, ווער ווייסט וואָס עס פאַרדינט אויפן נאָמען פּיקציע און וואָס עס פאַרדינט ניט אַזאַ נאָמען?

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיקל קאַפּלעס־אויוון, פריער אַבעל און דערנאָך, אַזוי ווי נאָך אַ ישוב הדעת — אַמעליאַ. דערמוטיקט פון אַ נייעם צופלוס פון האָפענונג, האָט אַבעל איצט געפרוווט אָפּלייקע-

נען אַלץ, וואָס אַמעליאַ האָט פריער געזאָגט. ער האָט געערעדט לאַנג און מיט ברען, פריער וועגן איר און דערנאָך וועגן זיך גופא:

— כ׳האָב זיך געמאַכט אילוזיעס, געגלויבט, אַז דו וועסט קומען. יעדעס מאָל, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון שטוב האָב איך מודיע געווען, ווו מען דאַרף מיך זוכן. ס׳איז מיר אַ שאָד געווען יעדע רגע. ביסט נישט געקומען. כ׳האָב געשריבן צו דיר, האָסט נישט געענטפערט. דערנאָך האָט מען מיר געזאָגט, אַז דו ביסט גליקלעך. כ׳האָב געגלויבט, אַז ס׳איז אמת. אַ מענטש צווייפלט קיינמאָל נישט אין דעם, וואָס קאָן אים פאַרשאַפן ווייטיק. די ידיעה וועגן דעם, אַז דו ביסט גליקלעך, האָט אַלץ אויפגעקלערט. דו ענטפערסט נישט, קומסט נישט, ווייל אַלץ, וואָס עס איז נויטיק צום לעבן, האָסטו אַרום זיך. מיט דעם אונטערשיידן זיך טאַקע מענטשן גליקלעכע פון אומגליקלעכע: אומגליקלעכע פילן זיך אין ערגעץ נישט ווי ביי זיך אין שטוב. איך וואָלט אפשר געקומען, אָבער צו וואָס? „זי איז גליקלעך — האָב איך זיך געזאָגט — טאָ לאָז זי צורו“ און כ׳האָב געלאָזט צורו, הגם וואָס ס׳איז געווען פאַר מיר יעדער טאָג, יעדע שעה!... כ׳האָב געזען, אַז איך גיי אונטער, כ׳האָב אָבער נישט געוווסט ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. מיין ברודער פון קאַסאַבלאַנקע האָט געשריבן צו מיר, כ׳זאָל קומען. ווען כ׳האָב באַקומען זיין פאַרשלאַג, בין איך גליקלעך געווען. געכטן געקומען אַהער וועגן די ענינים. כ׳בין געווען, כ׳האָב זיך ארומגעדרייט אַרום דיין הויז, כ׳האָב אָבער, נישט געהאַט קיין מוט אַריינצוגיין צו דיר. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען: „ווי אַזוי זאָל איך אַוועקפאָרן, פון דער ווייטנס וועל איך דאָך אויף זיכער איינגאַנצן איינדאַרן...“ כ׳בין אַהער געקומען ווי אַ חורבה, מיט אַ פאַרגליווערט געזיכט, אַ נישט פעיקס צו אַ שמייכל, מיט פאַרברענטע ליפן, מיט אַ פאַרפרוירן האַרץ, און איך זע דאָך וואָס עס קומט פאָר אין מיר זינט דו געפינסט זיך ביי מיין זייט. אַלץ איינס, דאָ צו ערגעץ אַנדערש אויף דער וועלט, אָן דיר איז דאָס לעבן פאַרלוירן פאַר מיר. אויב דו וועסט מיך פאַרלאָזן, איז פונקט אַזוי ווי דו וואָלסט מיך דערפירט צום קבר...

זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין איר. זיי האָבן אפילו נישט געבעטן, זיי האָבן נאָר עדות געזאָגט. זיין געזיכט האָט געטראָגן דעם שטעמפל פון יאָרן ליידן.

זי האָט געזאָגט:

— אַבעל, איבערחזרונגען גיבן זיך אין לעבן נישט איין. זיי זענען געפערלעך.

ווען ער איז אָבער צוגעשטאַנען, האָט זי צוגעגעבן:

— אַבעל, מיין ליבער, וואָס קאָן איך דיר צוריקקערן? דאָס לייב, דאָס לייב, וואָס איז, ווי די ערד, דעראָבערט...

זי האָט נישט פאַרענדיקט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַזוי פאַרבליבן עטלעכע רגעס. ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אַבעל דערזען פאַר זיך אַן אָנגעשוואָלן געזיכט, וואָס האָט אויסגעדריקט טיפע גערירטקייט. איר אויבערשטע ליפּ איז קאָמיש אונטערגעשפּרונגען:

— כ'האָב זיך געזאָגט: ער איז געגאַנגען אויף זיינע קברים, וועל איך גיין אויף מיינע און בין אַהער געקומען... צו שפּעט פאַר אונדז, אַבעל. נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, וועסט צוריקקומען, וועלן מיר זיך צוזאַמענגיין, וועסט פאַרגעסן, ווי טויזנטער אַנדערע. אָבער אַ מענטש הויבט אָן אויף אַ ווייַלע און דאָס דויערט, און דאָס איז אויפן גאַנצן לעבן, און איבעררייסן קאָן מען שוין נישט...

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שטימע, איבער וועלכער זי האָט שוין בכלל נישט געהערשט:

— עס גייט שוין אפילו נישט אין אים. כ'האָב אָבער אַ קינד, אַ זעקס חדשימדיק קינד. דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַבעל האָט אויך געשוויגן. ער האָט שוין מער גאָרנישט געבעטן. ער האָט אַזוי טיף געשוויגן, ווי מען שווייגט, ווען עס רייסט זיך איבער דער קאָנטאַקט צווישן מענטש און מענטש, ווען ס'איז שוין קלאָר, אַז דער באַשלוס איז אַן ענדגילטיקער.

ער האָט באַגריפן, אַז ער האָט זי אויף שטענדיק פאַרלוירן. ס'איז געווען דער סוף. ער איז אַרומגערינגלט געווען מיט אַ טויטן ים. נישטאָ מער קיין שום האָפענונג, קיין שום ליכט. ער האָט ביז איצט געחלומט וועגן אַמעליאַ, ווי עס קאָן נאָר חלומען אַ לאַנג־אויסגעהונגערטער מענטש; קינדער אפשר קאָנען אויך אַזוי חלומען. אַמעליאַס לייב איז שוין נישט באַשטימט פאַר אים. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער עס געבעטלט ווי מען בעט אַ נדבה, אָבער נאָר ווי אַ נדבה האָט ער עס געקאָנט באַקומען. דאָס דאָזיקע לייב, וואָס האָבן נאָך אים פאַרזוכט פיל אַנדערע און געדאַרפט נאָך פיל אַנדערע פאַרזוכן, איז שוין נישט באַשטימט געווען פאַר אים, דווקא נישט פאַר אים, וועלכער האָט נאָך דעם געלעכצט אַזוי ווי קיין שום אַנדערער אויף דער וועלט. נישט פאַר אים דערפאַר, ווייל זי האָט אים ליב געהאַט און מער קיין כוח נישט געהאַט, צי אפשר ווייל זי האָט מער קיין ליבע נישט געוואָלט. ווייל איר לייב וואָלט אים מער

נישט געקאָנט געבן ווי אַ ביי־געשמאַק און אַ געפיל פון געפאַלנקייט. ווייל ליבע, וועלכע איז איינמאָל געווען די ליבע פון דערהויבונג און ווען זי קאָן שוין אַזאַ נישט זיין, ווערט זי פאַרוואַנדלט אין געפאַלנקייט, מאַקע דערפאַר וואָס דער זויבערער שטראָם פון איר לעבן איז פאַרבונדן געווען מיט אים, האָט זי איצט נישט געקאָנט באַלאַנגען צו אים, כאָטש זי האָט געקאָנט באַלאַנגען צו אַנדערע.

ער האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין די הענט. ער האָט געוווּסט, אַז באַלד וועט זי אַוועקגיין פון אים — די לעצטע פרייד פון זיין לעבן. ס'וועלן צוריקקומען צעריסענע נעכט און טעג, דורך וועלכע ס'וועט טריפן פאַר־צווייפלונג, האָפענונגסלאָזיקייט, ס'וועט זיך אָפּרופן דער אַזוי גוט באַ־קאַנטער אים אומאויפהערלעכער ווייטיק, וואָס נאָגט דאָס האַרץ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין גורל איז איצט געחתמעט און דער ווייטיק האָט צע־ריסן די ברוסט. ער האָט געפילט ווי זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים, אין אירע אויגן האָט ער דערזען טרערן. ער האָט געפילט, ווי היים זיי זענען, אויסגעמישט שוין אויף זיין געזיכט, אירע און זיינע טרערן. דער־נאָך איז זי אַוועק. ער האָט זי נישט צוריקגערופן. אַ פאַרשטיינערטער, אַן איינגעטריקנטער האָט ער געקוקט ווי זי דערווייטערט זיך און בלויז אַ טוי־בער זיפץ האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז. ער האָט איר נאָכגעקוקט אַזוי לאַנג ביז זי איז פאַרשוווּנדן, נישט אומקוק־יק זיך קיין איין מאָל. ער האָט נישט געוווּסט ווי לאַנג ער איז דאָ גע־זעסן. דערנאָך, ווען ער האָט דערפילט אַ קעלט, איז ער אויפגעשטאַנען און געשלעפּט זיך מיטן וועג פאַר זיך.

ס'איז געווען דער ערשטער נאָוועמבער. ווארשע האָט געפייערט צום ערשטן מאָל נאָך דער מלחמה דעם טאָג פון די טויטע. די שטאָט איז געווען פול מיט קברים. זי איז אייגנטלעך געווען ווי איין גרויסער קבר. וואָס מ'איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט זענען געלעגן בלומען, פון צווישן די בלומען האָבן אַרויסגעקוקט קליינע טרויער־פענדלעך, עס האָבן גע־ברענט ליכט. קליינע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן ביי די קברים געהאַלטן וואַך. זיי זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך ווי סאָלדאַטן. אַנדערע קליינע ייִנגלעך, סתם אַרומשלעפּנדיק זיך, האָבן זיך פאַרהאַלטן און אָנגעקוקט זיי עקשנותדיק, כדי זיי צווינגען צו לאַכן. די גאַסן זענען כמעט געווען ליידיק. אויף דער לאַנגער גאַס האָבן סקווערן אין „פּאַנטערעס“, וואָס זע־נען פאַרבליבן נאָך די דייטשן, באַצירט אַ קבר. די יונגע סקווערן זענען געווען פאַרטראַכט, אָבער נאָר פאַרטראַכט, אין זייער פאַרטראַכטקייט

איז נישט געווען קיין אָנדענק פֿונעם לעבעדיקן בלוט פֿון נאָענטע מענטשן. פֿאַר די סקויטן איז דאָס שוין געווען געשיכטע.

אַ ביסל ווייטער, אין ווינקל פֿון אַ טויער האָט געברענט אַ ליכטל, אויפֿן טראָטואַר זענען געשטאַנען עטלעכע בלומען־טעפּלעך און לעבן זיי האָט געקניט אַ פֿרוי, אַ פֿאַרזונקענע אין תּפֿילות, אַן אומבאַוועגלעכע ווי אַ שטול. מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן, וואָס האָבן שוין שלום געמאַכט מיטן גורל, האָט זי געקוקט אין די אומזעבאַרע געזיכטער פֿון אירע טויטע. אַבעל האָט זיך אָפּגעשטעלט דערנעבן. און פֿאַרטיפֿט אין זיך האָט ער זיך אינערלעך פֿאַראייניקט מיט דער אַלטער, פֿרעמדער פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך דערפֿילט אַזוי נאָענט, ווי ער וואָלט איר אַ זון געווען. און אַזוי האָט ער די שטאָט, דאָס לאַנד, זיין לעצטע האָפֿענונג געזעגנט פֿאַרן לאָזן זיך אויף דער ווייטער רייזע, אויף וועלכער ער האָט גאָרנישט מיטגענומען אויסער זיין פֿאַרפּייניקטן, מענטשלעכן גוף.

נאָכוואָרט

אָט איז אַ בוך, וואָס לאָזט נישט, וואָס וועט נישט לאָזן פאַרגעסן.

נישט אַלץ, וואָס אַדאָלף רודניצקי האָט אָנגעשריבן וועגן יידישן חורבן, איז אַריין אין איצטיקן באַנד. עס פעלן דאָ די גרויסע און אויפטרייסלענדיקע דערציילונגען „לעבעדיקער און טויטער ים“, דער „פּאָרטרעט מיט צוויי קילאָ גאָלד“ און אַנדערע דערציילונגען, אין וועלכע דער יידישער אומגליק דערשיינט שוין ווי אַן אָפּקלאַנג פון טראַגישן נעכטן, ווי „שעקספּיר“, „דאָס אַנטלויפן פון יאַסנע פּאָליאַנע“, אָדער אין וועלכע די יידישע דראַמע איז אַריינגעפלאָכטן אין אַלגעמיינעם קאַטאַקליזם, ווי „מיין שוואַרצע באָרד“. איבעריקנס איז די יידישע קאַטאַסטראָפע פאַר רודניצקין נישט קיין אויסגעשעפּטע און נישט קיין אָפּגעשלאָסענע טעמע. אויף פאַרשידענע אופנים קערט זיך דער שרייבער אומאויפהערלעך אום צו איר. איז טאַקע געוויינלעך דער נאָמען זיינער געבונדן מיט דער חורבן=טעמאַטיק.

רודניצקי טרעט אַרויס אין זיינע שאַפונגען אויף דער יידישער חורבן=טעמאַטיק ווי איינער פון דער אויסגעמאָרדעטער עדה. „מיט אויגן פאַרנעפּלטע פון טרערן האָב איך זיך צוגעקוקט צו דער פאַרטיליקונג, וואָס האָט מיך אויסגעמיטן. מיט אַ נשמה אַ צעזונגענער ווי אין שיר השירים, מיט אַ האַרץ אַן אָנגעווייטיקטס, ווי ביי איובן, האָב איך אָבער געהאַט אַ פּנים, פאַר וועלכן מ'האָט אַמאָל געמאַכט מיין פאָטער ביטערע פאָרוואורפן, וואָס ער האָט זיין בנימינדל נישט געגעבן קיין איין מ ע נ ט ש ל ע כ ן ש ט ר י ך. די פריינד פון מיין פאָטער, מענטשן פרומע ווי ער, פלעגן פאַרן דאַווענען מיט ווידערגעפיל אָפּקערן פון מיר זייער פּנים — אַן עבירה — האָבן זיי געזאָגט — אויף אַזעלכעס צו קוקן“. דאָס „אַרישע“ פּנים האָט אים, אַלזאָ, פאַרהיט פון אומקום, אָבער געפילט האָט ער זיך, ווי איינער פון יידישן כלל און שילדערנדיק די פאַרטיליקונג פון פאָלק, דערשיינט דער שרייבער, ווי אַ יידישער גבית=עדות.

פאַרן יידישן לייענער וועט אויך אינטערעסאַנט זיין צו וויסן, אַז די יידישע טעמאַטיק דאַטירט זיך ביי רודניצקין נישט בלויז פון „דער עפּאָכע פון די קרע=

מאַטאַריעס". דער יידישער מאָטיוו, דער יידישער פּערסאָנאַזש, פאַרשידענע אַספּעקטן פון יידישן לעבן האָבן פון אָנהויב דורכגעוויקלט זיך אין זיין שאַפונג, און אייגנטלעך איז דער גרעסטער טייל פון זיין שאַפונג געבויט אויף יידישער טעמאַטיק. דערביי איז דער „יידישער שטאָף" אַזוי האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיטן שרייבערס פוילישער קולטור, מיט זיין קינסטלערישן מהות, אַז זיי בילדן צוזאַמען אַ גאַנצקייט. פול מיט חן און רייץ.

אַדאָלף רודניצקי טיילט זיך אויס צווישן די פוילישע שרייבער נישט נאָר מיט זיין יידישער טעמאַטיק. ער איז אַן אַנדערשדיקער אויך קינסטלעריש. און די אַנדערשדיקייט איז אַ בולטע, אַ שאַרפע און שאַפט אים אַן אייגן אָרט אין דער היינטצייטיקער פוילישער ליטעראַטור. רודניצקין איז שווער צו לייענען גלייכגילטיק. ער צינדט שטענדיק אָן. דערביי קאָן זיין וואָרט זיין וואַרעם־מילד, ווי די שטראַלן פון דער פרילינג־זון און שאַרף־בייסיק, ווי דער פראָסטיקער ווינט. דאָס איז אַ שטענדיקער קינסטלערישער אומרו, אַ שטענדיקער זוכער פול מיט שרייבערישער אויפריכטיקייט און געוואַגטקייט.

* * *

אַדאָלף רודניצקי האָט זיך באַוויזן אין דער פוילישער ליטעראַטור אין 1932. ער האָט אַהין מיטגעבראַכט זיינע 20 יאָר און אַן ערשטלינג־ביכל — „שטשורעס", וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין אָריגינעלקייט. ביז דער מלחמה זענען דערשינען נאָך פיר ביכלעך: „סאָלדאַטן" (1933), „די נישט געליבטע" (1937), „זומער" (1938) און „דערפאַרונגען" (1939). הגם רודניצקיס שרייבערישע פערזענלעכקייט האָט זיך „אויסגעגליט" און אויסגערייפט אין די מלחמה־געשעענישן און אין די נאָך מלחמה־יאָרן, זענען אין די ערשטע ביכלעך זיינע שוין פאַראַן די עלעמענטן פון זיין שפּעטערדיקער שאַפונג און נעמלעך זיין אָריגינעלער, געפרעסטער סטיל, די אָנגעלאָדענע עמאָציאָנעלקייט, ליידנשאַפטלעכקייט און זיין שאַרפע אָבסערוואַציע־קראַפט.

רודניצקי איז אַן אומאויפהערלעכער אָבסערוואַטאָר, אַן אויסערסט עמפינדלעכער אויף מענטשלעכע ליידן, אויף די אומזיניקע און לעכערלעכע זייטן פון לעבן. ער האָט שטענדיק פאַרמאָגט אַ שליסל צום האַרץ פון אומגליקלעכן, געקרייוודעטן מענטש, צום האַרץ פון דער פרוי, דער נישט געליבטער, צו די אומגליקלעכע פאַרליבטע. אונטערשטרייכן דאַרף מען דאָך צוויי הויפּט־עלעמענטן, וואָס דאָמינירן פון אָנהויב אָן אין זיין שאַפונג: ליריזם און טראַגיזם. רודניצקי איז אַ ליריקער, אַ דיכטער, וואָלט איך געזאָגט, אין פּראָזע. און דער

ליריקער איז אַ טראַגיקער. דער טראַגיזם פון צעבראָכענע יונגע הערצער, פון דעם פאַרלוירענעם מענטש, וועלכן עס רוקט זיך אָפּ דער באָדן פון אונטער די פיס, די טראַגעדיע פון אַ יחיד און די טראַגעדיע פון אַ כלל, פון פאָלק, פאַר־נעמען ביי אים דאָס גרעסטע אָרט.

פון זיין פאַרמלחמהדיקער שאַפונג וואָלט איך זיך אָפּגעשטעלט כאָטש אויף צוויי ביכלעך: „סאָלדאַטן“ און „זומער“. דאָס ערשטע — ווי אויך „דערפאַרונ־גען“ — האָט דער יונגער שרייבער אָנגעשריבן אויפן סמך פון זיינע דערפאַרונ־גען, נאָכדעם ווי ער איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער פוילישער אַרמיי. צוויי הויפּטשטריכן פון דער דעמאָלטיקער אַרמיי האָט דער יונגער מחבר מיט קראַפט אַרויסגעבראַכט: די אַבסורדאַלקייט און דעם נאַציאָנאַלן האַס. די פונקציע פון דער אַרמיי האָט זיך אין איר אַבסורדאַלקייט רעדוצירט צו פאַרטעמפּן דעם מוח פון יונגן בירגער און צו ווערן אַ באָדן פון פעלקער־שנאה — שנאה פון פאָליאַק צום אוקראַיִנער, פון אוקראַיִנער צום פאָליאַק און געטאָפּלטע שנאה פון זיי ביידע צום ייִד. און מען האָט געדאַרפט זיין געוואַגט אין יענע יאָרן צו פאַרמעסטן זיך מיט אַזאַ קריטיק אויף דער אַרמיי און צו באַרירן אויף דער פלאַך דעם אַנטיסעמיטיזם אין פוילן.

„זומער“ האָט פאַרן יידישן לייענער אַ באַזונדערע באַדייטונג — ס'איז דאָס יידישע שטעטל, וואָס פאַרנעמט אין רודניצקיס שאַפונג אַ היפּש אָרט. דאָס מאָל זומער אין דאַטשע שטעטל, וו עס זאַמלען זיך שטענדיק שרייבער און אַנדערע קינסטלער. מיר דערקענען דאָ קוזמיר, וואָס דער שרייבער האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פאַראייביקט, הגם ס'איז נישט זיין געבורטס־שטעטל. צוויי וועלטן דערשיינען דאָ — אַ יידישע און נישט יידישע, יעדערע מיט אירע באַזונדערע לעבנס־אמתן, מיט אירע באַזונדערע גרויסע דאגות און קליינע פרייד. די זעלבע מענטשלעכע נויט און דאָך איז זי אין יעדערער פון די צוויי וועלטן אַן אַנדערע, פון אַן אַנדער קאָליר און ריח.

די אויפמערקזאַמקייט פון יידישן לייענער — יעדנפאַלס מיינע — וועט אין „זומער“ געוואָנדן זיין צו דער יידישער גורלדיקייט, וואָס דערשיינט דאָ ביים שילדערן די יידישע עדה. דער שרייבער האָט זיך יענעם סוף זומער, ערב יום־כפור אָנגעקלאָזט צו אַ באַרימטן רבין, צו וועלכן עס זענען זיך צונויפגעגאַנגען פאַרן חסידים צו פראַווען יום־כפור — אגב וועט זיך רודניצקי שפּעטער פיל מאָל צוריקקערן צום יום־כפור־מאָטיוו און צום שילדערן רביִשע הייפן. עס גייט נישט אין יידישער עקזאָטיק, הגם עס פעלט נישט ביי רודניצקין. עס גייט אין יידישן געמיט, אין יידישן שיקזאַל. און אָט ווי דער שרייבער שילדערט דעם תמצית פון די תפילות און געזאַנג צו כל נדרי:

„...דער חזן האָט אויסגעזונגען כל־נדרי... נישט דער טעקסט האָט דאָ אַ באַדייטונג, נישט דער טעקסט איז אַריינגעדרונגען אין דער טיף פון דער נשמה, נאָר דער קרעכץ, דער געוויין, דער יאוש. אינעם געזאַנג האָט געשטעקט דער יידישער גורל, אַ שרעקלעכער גורל, אַן אומפאַרענדערטער זינט דורות, ווי פאַגראַמען, אַן אומברחמנותדיקער און דאָך אַן אייגן נאָענטער. דער חזן האָט געזונגען און אין זיין תפילה האָט געזונגען דער וויטיק. די געשיכטע האָט געוויינט און הערצער האָבן געשוווירן, אַז אַזוי ווי זיי האָבן ביז איצט, אַזוי וועלן זיי ווייטער זי נישט פאַראַטן. דער חזן האָט געוואָנדן זיין שטימע צום הימל, אַ פינצטערן שוין, אַ נאַכטיקן. דער עולם האָט געקלאָגט, ס'האָבן געקלאָגט קינדער, ס'האָט געקלאָגט אַ גאַנץ פאָלק, ס'האָט געקלאָגט יעדעס טיילעכל פון בית־מדרש...".

פאַראַן נאָך אַן אַנדער שילדערונג, אַ שילדערונג פון פּאַניק, וואָס איז אַנטשטאַנען האַרט פאַר כל נדרי, בעת די יידן דערהערן אַ ווייט געזאַנג פון אַ גלח און עס באַווייזט זיך אַ צלם. אַן אויבערפלעכלעכער לייענער קאָן אפשר אין דער באַשרייבונג פון אַנגסט און שרעק אויסגעפינען קאָמיזם, ווייל אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ס'איז גאָר געווען אַ לוויה. אָבער אויך דאָ שטעקט טיפע יידישע טראַגיק, טראַגישער יידישער שיקזאַל. רודניצקי האָט שוין אַלס יונגער שרייבער טיף אָפּגעפילט די יידישע טראַגיק און שוין דעמלט פאַרמאָסטן זיך זי צו געשטאַלטיקן קינסטלעריש.

נישט אַלע מאָל איז אונדז אַלץ ביי רודניצקין צום האַרץ, נישט אַלע מאָל קאָנען מיר מיט אַלע זיינע שטאַנדפּונקטן מסכים זיין, ווי צום ביישפּיל מיט זיינע דעמלטיקע רעפלעקסיעס וועגן יידיש. ווי יעדער אַסימילאַטאָר האָט ער צו דער יידישער שפּראַך געהאַט אַ באַציאונג פון אויבן אַראָפּ, אונדזער יידיש לשון האָט אים דעמלט אויסגעזען נישט מסוגל צו זיין אויסצודריקן די גאַנצע גאַמע פון געפילן און געדאַנקען פון קינסטלער, אָדער זיין טרוקענער קלאַנג זאָל שאָקירן אַ פרעמד אויער. מיר וועלן זיך אָבער נישט אַריינלאָזן אין קיין פּאָלעמיק מיט אָפּשאַצונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מיט בערך 30 יאָר צוריק און וואָס דער שרייבער באַטראַכט אפשר פאַר זיינע „יוגנט־זינד". דערמאָנט ווערט עס דאָ בלויז לשם האמת.

דאָס וואָס איז נאָך וועזנטלעך פאַר זיינע פאַרמלחמהדיקע שאַפונגען, איז דאָס וואָס ס'איז פאַראַן אין זיי עפּעס אַן אַנונג פון דער אָנרוקנדיקער זיך קאַטאַסטראָפע. דער יידישער לייענער וועט דאָס דערפילן בעיקר אין „זומער", אין זיינע אַקצענטן פון אומעט און האָפענונגסלאָזיקייט און קודם אין דער דיקער,

טויבער וואַנט צווישן דער יידישער און נישט יידישער באַפעלקערונג, אינעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם. דער שרייבער האָט אין זיינע דעמלטיקע שאַפונגען נישט געגעבן קיין שום היסטאָרישן ליוונט, קיין געשיכטלעכע קווערשניטן — וואָס איז א בעריקנס אויך שפּעטער ביי אים באַגרענעצט. די שווערע אַקצענטן אָבער פון טראַגיזם און האָפענונגסלאָזיקייט, דער וואַקסנדיקער נאַציאָנאַלער האַס זעען אונדז אָבער אויס, ווי וואָלקנס אויפן הימל פאַר אַ שטורעם.

* * *

אַדאָלף רודניצקי, וועלכער האָט ביז איצט פאַר זיינע שאַפונגען נישט געזוכט קיין געשיכטלעכן הינטערגרונט, איז שפּעטער אינגאַנצן אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין קאָכעדיקן קעסל פון דער געשיכטע. ער האָט „אַן אינטימען קאָנטאַקט מיט דער געשיכטע אָנגעבונדן“, ווי ער האָט אַליין געשריבן, אין סעפּטעמבער 1939, דורכמאַכנדיק אין דער אַרמיי פוילנס מפּלה. יענעם טרויעריקן פּעריאָד האָט ער באַלד דערנאָך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע קורצע דערציילונגען „דער בליק“, „אַ סעפּטעמבער בילד“. דער מלחמה־שטורעם האָט דעם שרייבער פאַרוואָרפן קיין לעמבערג, וו ער האָט פאַרבראַכט די ערשטע צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און וו עס זענען געבוירן געוואָרן זיינע צוויי באַרימטע דערציילונגען „דאָס פערד“ און „יוזעפּוו“. די שווערסטע יאָרן פון דער אָקופּאַציע האָט ער דורכגעמאַכט אין וואַרשע, וו ס׳איז אים באַשערט געווען צו ווערן דער עדות און כראָניקער פון דער שחיטה איבערן פוילישן יודנטום.

די עטלעכע, קאַרגע ביאָגראַפישע שטריכן ווערן דאָ קודם דערמאָנט דערפאַר, ווייל רודניצקיס שאַפונג איז געשטיצט אויף זיין אייגענער דערפאַרונג, אויף זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, ווי עס ווייזט אונדז שוין זיין ערשטער שאַפונגס־פּעריאָד. דער טיטל פון זיין ביכל „דערפאַרונגען“, וואָס ער האָט געהאַט שפּעטער געענדערט אויף „סאָלדאַטן־פּראָפילן“, איז ממש אַ קינסטלערישער פּראָגראַם. ס׳איז זעלטן צו טרעפן אַ שרייבער, וועמענס שאַפונג עס זאָל זיין אַזוי אינטים געבונדן מיט זיין פּערזאָן גופא, ווי דאָס איז רודניצקי. פאַראַן ביי אים אַן אויסערסט אינטימע באַציונג צו דעם „שטאָף“, וואָס ער באַהויכט מיט זיין קרעפטיקן, קינסטלערישן אָטעם. אין זיין אינטימקייט און „סוביעקטיוויקייט“ וואָלט מען רודניצקין געקאָנט פאַרגלייכן צו אַזאַ אַנדערשטיקן פון אים שרייבער, ווי ס׳איז געווען שלום־עליכם, וועלכער, ווי מיר ווייסן האָט דעם שטאָף און זיינע פּערסאָנאַזשן געשעפּט פון די אייגענע קוואַלן, פון דער אייגענער סביבה און אָט געשילדערט בלשון איך.

אַ גרויסער טייל פון רודניצקיס שאַפונגען זענען, דעריבער געשריבן בלשון איך אָדער גאָר אין דער פאָרם פון זכרונות, הגם דאָס זענען ליטעראַרישע שקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן און טיילווייז ראָמאַנען. וואָס שייך דעם לעצטן זשאַנר דאַרף מען טאַקע אונטערשטרייכן דעם ט יי ל וו יי ז. דער ראָמאַן איז נישט רודניצקיס אייגנטימלעכע פאָרם. רודניצקי איז געבענטשט מיטן טאַלאַנט זיך אויסצודריקן אין אַ קורצער פאָרם, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען. אָבער אויך זיינע לענגערע שאַפונגען שפּרייזן נישט אינגאַנצן אַריבער די גרענעץ צווישן נאָוועלע און ראָמאַן. די גרויסע פּוילישע שרייבערין אָזשעשקאָוואַ, באַצייכענענדיק דעם אונטערשיד צווישן ראָמאַן און דער נאָוועלע, האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „...מיר זאָלן דעם ראָמאַן פאַרגלייכן צו דער זון, וועמענס שטראַלנדיקער איבערדעק עס פאַלט אויף דער גאַנצער ערד, באַלויכטנדיק זי און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף איר, קאָן מען די נאָוועלע פאַרגלייכן צו אַ בליץ, וועלכער פאַלט, דורכלויפנדיק, בלויז אויף אַ ווינקל פון דער ערד, אָדער אויף איין קעגנשטאַנד, אָבער דער בליץ באַלויכט זיי אויסערסט שטאַרק“. דער גרעסטער טייל רודניצקיס שאַפונגען זענען אַזעלכע אויפשטראַלנדיקע, מעכטיקע בליצן, וואָס באַלויכטן נישט מיט איין מאָל די גאַנצע ערד, אָבער דערפאַר באַלויכטן זיי מיט אַן אויסערסט שטאַרק ליכט דאָ אַ ווינקל, דאָ אַ קעגנשטאַנד, דאָ גאָר אַ ברייטן אָפּשניט. אַ טעות אָבער, דוכט מיר, וועט מאַכן דער, וואָס וועט דורכויס וועלן רודניצקין קלאַסיפיצירן אין אַזאַ אָדער אַנדער קאַטעגאָריע לויט אָנגענומענע קאָנווענצן. ער איז ניי און אַ נייע זאַך איז שווער אַריינצופּאַסן אין אַן אַלטער קאַטעגאָריע. זיינע שאַפונגען זענען אי נאָוועלן, אי דערציילונגען, אי זכרונות; אָפטמאָל זענען זיי, ווי מיר וועלן ווייטער זען, עסייען, מיניאַטורן־עטיודן, פעליעטאָנען און דערביי געהערן זיי צו דער שענסטער היינטצייטיקער, פּוילישער פּראָזע.

רודניצקי איז דער סאַמע אָריגינעלסטער פון די פּוילישע שרייבער. רוטין, קאָנווענץ זענען אים פרעמד. ער איז נישט געגאַנגען אין קיינעמס וועגן, וואָס איז אַן אָפטע דערשיינונג אין דער ליטעראַטור. לייענט מען זיינע ביכלעך, איבערהויפּט די, וועלכע אַנטהאַלטן זיינע „בלויע בלעטלעך“, האָט מען דעם איינדרוק, אַז ער וואַנדערט אויף באַזונדערע, דורך אים נאָר באַקאַנטע וועגן און אין זיינע זוכענישן אַנטדעקט ער כסדר עפּעס נייעס. צייטנווייז איז די נייקייט אַ רויע, אַן אויסטערלישע, ווי געוויסע שפּראַך־פאָרמען, אָבער פול מיט חן. געוויסע קריטיקער האָבן אים אפילו פאָרגעוואָרפן, אַז ער שאַפט אַן אייגענע גראַמאַטיק און סטיליסטיק, זיין שפּראַך איז אָבער זאַפטיק, פּלאַסטיש, און דערביי אויסערגעוויינלעך געדעמפט, זיין מעטאַפאָרע איז אַ רייכע. פון דאַנען שטאַמען די שוועריקייטן איבערצוזעצן רודניצקין אין אַן אַנדערער שפּראַך.

רודניצקי איז אַ מייסטער אַרויסצוברענגען אין דער קורצסטער און קאָנדענסירטסטער פאָרם מענטשלעכע דראַמעס, סיטואַציעס, עפּיזאָדן, מענטשלעכע כאַראַקטערן. געוויסע זיינע דערציילונגען, כראָניקעס, קורצע שקיצן און פעליעטאָנען זענען ממש צאַפּלדיקע שטיקער לעבן, איבערגעגאָסן אין קאָנדענסירטע בילדער.

דאָס, וואָס פאַרכאַפּט אונדז בעיקר נאָך אין רודניצקיס שאַפונג, איז די אויפריכטיקייט און די אמתדיקייט, דער אויפגעדעקטער מענטשלעכער אמת, וואָס דרינגט אַרויס פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג, דער אמת אָן פעלשונגען און אָן באַפּוצונגען, וואָס מ'האָט אָפט ליב צוצונויגן צו דער „גוטיקייט פון דער שעה". מ'האָט נישט איינמאָל פאָרגעוואָרפן רודניצקין אומגעצוימטקייט און וואָס נישט? פאַר אים איז נישטאָ קיין פאַרבאָטענע אָדער אומגעוואונטשענע טעמע. ווי אַן עכטער קינסטלער איז רודניצקי מיט לייב און לעבן געבונדן מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט, מיט אונדזער שטורמישער צייט. אויב איינע פון די שליחותן פון דער ליטעראַטור איז צו זיין דער עדות פון איר עפּאָכע, דערפילט רודניצקיס שאַפונג אַזאַ שליחות, זי איז אַ וואַרהאַפטיקע עדות=זאָגערין פון אונדזער טראַגיש=צעשריסלטער צייט. רודניצקי טרעט אָפטמאָל אַרויס פאַר אונדז אין מאָנאָלאָג און אויבנאויפיק קאָן זיך אויסדוכטן, אַז ער רעדט בלויז וועגן זיך גופא, אַז ער דריקט זיך אַליין אויס, אָבער אויסדריקנדיק זיך גופא, דריקט ער אויס דעם מענטש פון אונדזער צייט.

ס'איז נישט לייכט אויסצורעכענען רודניצקיס טעמאַטיק, זי איז אַ ברייטע און זייער אַ פליסיקע. די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען פון טאָג=טעגלעכן לעבן, פּאָליטיק, קונסט, ליבע, צווישנמענטשלעכע באַציונגען — אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין קינסטלערישער קאַמערע. דעם הויפּט אָרט אָבער אין זיין שאַפונג פאַרנעמען מענטשלעכע ליידן, די מענטשלעכע איינזאַמקייט, די טאָפּלטע איינזאַמקייט פון מענטש=ייד, דער קאָנפליקט פון צוויי קולטור=טראַדיציעס, דער אומפאַרענדערטער מענטשלעכער גורל. זיינע פּערסאָנאַזשן, ווי מיר האָבן שוין באַטאָנט, זענען נישט פלאַפּלער, פאַרקערט זיי רעדן ווייניק, פונקט ווי דער נאַראַטאָר — מחבר גופא, זיי לעבן אָבער איבער זייער פיל. פאַראַן ביי זיי גאַנצע קנוילן פון איבערלעבונגען, קנוילן פון געפילן. רודניצקי איז טיף פּסיכאָלאָגיש, פול מיט בליץ=געדאַנקען, ער איז סקעפּטיש אָבער ווייט נישט פּעסימיסטיש.

אַדאָלף רודניצקי איז אַ שרייבער=מאָראַליזאַטאָר. דאָס וואָרט מאָראַליזאַטאָר האָט מען געהאַט דעפאָרמירט, אויסגעליידיקט פון זיין אינהאַלט, אויסגעלאַכט עס און געשראָקן דערמיט. מע דאַרף עס היינט צוריק אומקערן זיין אמתן זין.

רודניצקיס פּראָזע איז אָנגעלאָדן נישט סתּם מיט רעפֿלעקסן, נאָר מיט עטישן געדאַנק, מיט הייסן דראַנג צו פֿאַרטיידיקן די מענטשלעכע ווירדע, דאָס מענטשלעכע אין מענטש. ער איז קיינמאָל נישט קיין גלייכגילטיקער אָבסערוואַטאָר, קיין גלייכגילטיקער כראָניקער. אים גייען טיף אָן די מענטשלעכע גורלות, די אַרומיקע געשעענישן און ער אַנגאַזשירט זיך אין זיי. נישט אין וולגאַרן זין, ער אַנגאַזשירט זיך מיטן האַרץ, קינסטלעריש — עטיש.

* * *

ווי יעדער קינסטלער איז רודניצקי געבונדן מיט דער סביבה פֿון זיין קינדהייט, מיטן יידישן שטעטל, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף פֿאַרשידענע אופֿנים. אין זיינע פֿריע, ווייניק באַקאַנטע דערציילונגען „דער קליינער גרין“, „צעזאַר“, „אַ פֿאַרמלחמהדיקער בריוו“ האָט ער אונדז געגעבן גאַנץ קורצע, פֿאַרנעפּלטע פֿראַגמענטן אָדער עפּיזאָדן פֿון יענער סביבה. דאַקעגן אין דער שלמותדיקער דערציילונג „דאָס פֿערד“ האָבן מיר שוין פֿאַר זיך אַ פֿאַרגאַנצט, קלאָר בילד, הגם אויך פֿון איין ווינקל פֿונעם יידישן שטעטל. דאָ איז שוין פֿאַראַן יידישער שטייגער, יידישע מנהגים און זיטן. דאָ אין שטעטל בלאָזן שוין אויך נייע ווינטן, עס וואַקסן אָן נייע קאָנפֿליקטן, סיי סאָציאַל-פּאָליטישע, סיי קאָנפֿליקטן צווישן צוויי דורות.

דער אַלטער איינזאַמער שניידער קאַגאַן וויל פֿאַר יעדן פּרייז פֿאַרהיטן און אָפּקערן פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף זיין איינציקן זון זאַכאַריאַש, וועלכער איז שטאַרק, ווי אַ פֿערד און זינגט ווי אַ פֿויגל. נישט אָבער דער קאָנפֿליקט גופֿא צווישן טאַטע און זון פֿאַרכאַפּט אונדז אַזוי און אפֿילו אויך נישט די נייע ווינטן זענען דאָ דער עיקר. דאָס וואָס עס רירט אונדז אַזוי שטאַרק אין דער דערציילונג, איז דאָס טיף מענטשלעכע, דאָס מענטשלעך-יידישע, וואָס שטראָמט אַרויס פֿון יעדער שורה, די קראַפֿט פֿון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, וואָס קומט צום אויסדרוק און וואָס איז גובר האָפֿנונגסלאָזיקייט און דערוועקט אין איינזאַמען, צעטראָטענעם מענטש אין מענטש-ייד אַ נייעם שטראַל פֿון האָפֿענונג.

פֿאַראַן אין „פֿערד“ עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז דעם יידישן לייענער אַזוי אייגן. פֿאַראַן דאָ אַזוי פֿיל יידיש-פֿאָטערלעכע ליבע און יידיש-פֿאָטערלעכע ליידן. פֿאַראַן סצענעס, וואָס קריצן זיך איין טיף אין זכרון, ווי די סצענע אויפֿן וואַרשעווער בית-עולם, ווו דער אַלטער שניידער האָט אַ פֿאַרגלייווערטער און פֿאַרשטומטער פֿון ווייטיק פֿאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט אויפֿן קבר פֿון דערמאָרדעטן

זון. ערשט ווען זאַכאַריאַשעס חברים האָבן זיך פאַרטאָג פאַרזאַמלט מיט בלומען ביים קבר, האָט זיך דער אַלטער קאַגאַן צום ערשטן מאָל צעוויינט. „אין דעם געוויין איז אָבער געווען אַ האָפענונג, וואָס קומט, ווען מע דערפילט מענטשלעכע ליבע“.

רודניצקי מאַכט אונדז די קאַגאַנס און עלנטע זיינע העלדן נאָענט און טייער. ס'איז קענטיק, אַז דער שרייבער אַליין האָט ליב דעם אַלטן, איינזאַמען שניידער, די יונגע חברה=לייט, וועלכע ווילן „איבערדרייען“ די וועלט. און ווי ליב און נאָענט ווערט דעם לייענער דער שטאַרבנדיקער יואל פון דער דערציילונג „יוזעפוו“! „אַ שניידער=יינגל. 26 יאָר אַלט... פון וועלכע ער איז 7 יאָר געזעסן אין תפיסה... מיט לעכער אין די לונגען גרויסע ווי אַרבעס... און מיט אָן אַ שיער ליבע צו מענטשן“, האָט דער שטאַרבנדיקער יואל געגלויבט ביז דעם לעצטן אָטעם=צוג, אַז די גערעכטיקייט וועט קומען .

דאָס איז געווען געשריבן אין 1940. ס'האָט זיך אָנגערוקט די גרויסע קאַטאַסטראָפע. אַדאָלף רודניצקי האָט זי איבערגעלעבט אויף דער אַרישער זייט און זיך צוגעקוקט צום יידישן אומגליק „מיט אויגן פאַרנעפלטע פון טרערן...“ און דער שרייבער, גבית=עדות האָט דעם יידישן חורבן פאַרפיקסירט, פאַראייביקט לדורי דורות. רודניצקי, ווי שוין דערמאָנט, שילדערט נישט די יידישע פאַרטיליקונג, ווי אַ דרויסנדיקער אָבסערוואַטאָר, ווי אַ זייטיקער עדות, ווי עס האָבן געשילדערט צ.ב. אַנדזשעיעווסקי, נאַלקאָווסקאַ, בראַנדיס. ער אַליין געפינט זיך אין דעם גרויסן, טראַגישן געראַנגל און שרייבט וועגן דעם יידישן אומגליק, ווי איינער פון דעם צום טויט פאַרמישפטן פאָלק. און געטאָן האָט ער דאָס, ווי אַ הייליקע שליחות.

* * *

דאָס געטאָ האָט געברענט. אין יענע טעג איז דער פאַרשטעלטער אַריער אַדאָלף רודניצקי געקומען הינטער זיינע מויערן, כדי נענטער צו זיין צו די מאַרטירער. דאָ האָט ער באַגעגנט אַ יונגע, איינזאַמע יידישע פרוי. „...מיר פלעגן זיך דערקענען צווישן פרעמדע — דערציילט ער אין „פסח“ — לויט די אויגן, אין וועלכע עס פלעגט פלוצלונג אויפבליצן אַ היימיש, וואַרעם פלעמל און פאַרבייגייענדיק, פלעגן מיר זיך אָן אַ וואָרט רופן קעגנזייטיק, אָנווייזנדיק איינער דעם אַנדערן אויף זייער און אונדזער גורל“... „...די יונגע פרוי האָט איצט נישט נאָר געציטערט. זי האָט זיך געשטיקט מיט די טרערן... — זיי קומען אום, האָט זי, שטיל געמורמלט, זיי קומען אום און קיין צייכן וועט נאָך

זיי נישט בלייבן, ...וואָלט כאָטש עמעצער באַשריבן, אַרויסגעהויבן הויך אין הימל, ס'זאָל אַ צייגעניש בלייבן וועגן זייער פּילפּאַרביק לעבן און דעם אוממענטשלעכן און אַזוי שיינעם טויט זייערן. ווען ס'וועט אַפילו נאָר איינער פאַרבלייבן, וואָלט ער באַדאַרפט דאָס אין אַ ביבל פאַרשרייבן, כדי מענטשן זאָלן אַמאָל פון הינטערן זיבעטן ים קומען אַהער הינטער די מויערן און וויינען, ווי מיר היינט".

רודניצקי איז אָט דער צוואה געטריי געבליבן. געטריי ביז היינטיקן טאָג. „...כ'האָב זיך צוגעזאָגט אַזוי צו שרייען, אַזוי צו שרייען וועגן זייער טויט...". וואָסער אַנדער טעמע ער זאָל נישט נעמען אויף זיין שרייבער־וואַרשטאַט, אין וואָסער וועלט ער זאָל נישט פּרוּוון אונדז אַרייַנפירן, צי צווישן פאַרליבטע, צי צווישן דער קינסטלער באַהעמע, אָדער גאָר אין ווירוואר פון גרויען, טאָג־טעגלעכן לעבן, לאָזט ער אונדז אומעטום הערן די אָפּקלאַנגען פון יענע גרוליקע יאָרן. „ס'איז נישט לייכט אין אַזאַ קורצער צייט צו באַפרייען זיך פונעם דרוק פון 6 מיליאָן דערהרגעטע" — שרייבט ער אין „עקזעגי מאָנומענטום".

אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן, אַרויסברענגענדיק פאַרשידענע פראַגמענטן פון דער יידישער דראַמע, פאַרצייכענענדיק די איבערלעבונגען פון זיינע העלדן, אָדער זיינע אייגענע פאַסירונגען, ווייזנדיק פאַרשידענע אַספּעקטן, האָט רודניצקי אַרויסגעבראַכט די דייטשישע רציחות און די יידישע ענויים אין זייער גאַנצן שוידערלעכן פאַרנעם. דער היסטאָריקער, וועלכער וועט זיך פאַרמעסטן צו פאַרפיקסירן גענוי יענע פינצטערע צייטן וועט אָן ספק ביי רודניצקין געפינען אַ ס"ך דאָקומענטאַציע־מאַטעריאַל, ווייל זיינע דערציילונגען און שקיצן זענען געקנאָטן פון היסטאָרישן שטאָף, זיי אָטעמען מיט עכטער אויטענטישקייט. דערביי שילדערט דער מחבר די געשעענישן, ברענגט אַרויס עפּיזאָדן און פראַגמענטן פון דער דראַמע מיט דער פּינקטלעכקייט און גענויקייט פון אַ היסטאָריקער און אָפטמאָל זענען די פראַגמענטן פונעם יידישן קאַטאַקליזם אַזוי פאַרפלאָכטן מיט די געשעענישן, אַז מיר האָבן פאַר זיך בעלעטריזירטע געשיכטע פון יענע צייטן, געשיכטע געשריבן מיט יידיש בלוט.

„דעם 22־טן יוני 1941 יאָר איז אויסגעבראָכן די דייטשיש־רוסישע מלחמה. ס'איז געווען אַ זונטיק. אויף צומאָרגנס האָט לעמבערג זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט" — לייענען מיר ביים אָנהויב פון „דעם וועג צום הימל". און דורך די איבערלעבענישן און דעם אומקום פון אַ יידישער דאָקטוירים־משפחה פון לעמבערג דערזען מיר נישט נאָר דעם יידישן אומגליק פון אָנהויב ביזן סוף, נאָר אויך די געשיכטע אין איר בלוטיקן לויף. פאַראַן ביי רודניצקין אַ סך פאַקטאָלאָגישער מאַטעריאַל. אָט צום ביישפּיל פאַרצייכנט דער מחבר, אַז אין 1940

האָבן בלויז אין לעמבערג 60.000 ייִדן געבעטן זיך, אַז מע זאָל זיי דערלויבן צוריקפאָרן קיין פּוילן. שפּעטער, ווען עס זענען שוין געגאַנגען די טראַנספּאָרטן אין די טויט=לאַגערן, האָט מען נאָך אַלץ נישט געגלויבט אין די היטלעריסטישע אויסראָטונגס=פּלענער. „דייטשן זענען דאָך אַן אייראָפּעיש פֿאָלק" — האָט מען זיך געטרייסט.

רודניצקי האָט געשטאַלטיקט קינסטלעריש די ייִדישע דראַמע אין הסכם מיטן היסטאָרישן אמת. נישט אַלע מאָל האָט מען דעם אמת ליב. ער טוט אָפּטמאָל זייער ווי. די אומגעקומענע 6 מיליאָן ייִדן זענען איינגעקריצט אין אונדזער זכרון, ווי מאַרטירער און קדושים. אין די געטאָס און אין די טויט=לאַגערן זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן פֿאַרקויפֿט זייערע נשמות צום שונא, כדי צו ראַטעווען זייער הויט, ווי דער „שמאַלצעניער ייִד" פֿון דער לעמבערגער גמינע, אָדער גאָר אַזעלכע, וועלכע האָבן אין אַנבליק פֿון דעם מאַסן=טויט געמאַכט פּעטע געשעפֿטן, ווי יחזקאל בוקין.

כמעט אין יעדער דערציילונג זענען פֿאַראַן געשטאַלטן, פֿאַקטן, עפּיזאָדן, וואָס טוען אונדז ווי. לאָמיר נעמען, צום בייַשפּיל, די גרעסטע דערציילונג, וואָס גיט דאָס צונויפֿגעמישטן פּאַנאָראַמישע בילד — „די גאָלדענע פֿענצטער", דערשיינען דאָך פֿיל פֿון די געטאָ=ייִדן גאָרנישט אין קיין שיינעם ליכט. נעבן די גאָבעלע און מסירות=נפֿשדיקע געשטאַלטן פֿון יוזעף און זיין משפּחה, דעם דיכטער אַלעקסאַנדער, דעם אויפֿשטענדלער הענעך און זיינע חברים, נעבן דער וווּנדערבאַרער געשטאַלט פֿון אַלטן ייִדישן דאָקטער פֿייג, זענען דאָך אויך פֿאַראַן אַזעלכע, וועלכע העלפֿן די דייטשן אויפֿדעקן די בונקערס, אַ סוחר קאַוואַן, אָדער אַ מאַרעק קאַראַנסקי, וועלכער איז געקומען אין געטאָ זוכן „אייביקייט" און געוואָרן אַ „קאַפּאָ". דער שרייבער האָט זיי נישט געשוינט. דער ייִדישער לייענער איז אָבער באַזונדערס עמפּפֿינדלעך — און מיר האָבן דאָס רעכט צו זיין עמפּפֿינדלעך — און קענען פֿרעגן: צוליב וואָס זיי ווייזן? צי פֿאַרשוועכט עס נישט דעם אָנדענק פֿון די מאַרטירער?

דער שרייבער האָט אַ פֿאַרענטפֿערונג: אַנדערש וואָלט עס געווען איינזייטיק, נישט וואַרהאַפֿטיק, נישט אמתדיק, נישט נאָר היסטאָריש נישט אמתדיק, נאָר אויך קינסטלעריש=פּסיכאָלאָגיש נישט אמתדיק.

אין זיין וואַרהאַפֿטיקייט האָט רודניצקי באַגערט אָפּצושפּיגלען דעם ייִדישן קאַטאַקליזם נישט נאָר אין אַלע זיינע פֿאַזן, אין זיין כסדרדיקן אָנוווּקס, ווי מיר זעען דאָס דער עיקר אין זיינע דריי גרויסע דערציילונגען „גאָלדענע פֿענצטער", „דער וועג צום הימל" און אין דעם „לעבעדיקן און טויטן ים", נאָר אויך אין זיינע פֿאַרשיידענע אַספּעקטן, אין דער דערהויבנקייט, אין דער גרויסער

מאָראַלישער גבורה פון די קעמפער=אויפשטענדלער און אויך אין אָפּהענטיקייט און געפאַלנקייט. ער פירט דאָך אונדז אריין אויפן סאַמען דנאָ פון אָפּגרונט, ווו מענטשלעכער אויסדויער ענדיקט זיך און אויך דאָרט ווייזט ער אונדז מענטשלעכע פערל.

גלייכצייטיק אַנטהילט פאַר אונדז דער שרייבער די פאַרשידנסטע ווינקעלע פון יענעם אָפּגרונט און באַרירט אָן א שיער פראָבלעמען, וואָס זענען דעמלט אַנגוואַקסן. יעדעס מאָל באַלויכט ער אַן אַנדער פינצטער, פאַרבאָרגן ווינקעלע, יעדעס מאָל דערוויסן מיר זיך נייע פּרטים. אַט דערשיינט אין אַלע ראַנגלענישן דער ייד אויף דער אַרישער זייט אָדער אָפּגעפרעמדטער, אַסימילירטער ייד אין זיין נייער צעריסנקייט און אַט ווערן מיר אַריינגעפירט אין טויטן=קאַמער אויפן פּאַוויאַק, אין טויטן=קאַמער 208 צווישן די געכאַפּטע אויף דער אַרישער זייט, אָדער גאָר מיר באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן דער בלאַסער אָרגאַניזירטער קעגנזייטיקער הילף.

רודניצקיס דערציילונגען האָבן אויפגעדעקט פיל אומבאַקאַנטע פּרטים, נישט געזען כאָטש ביז היינטיקן טאָג אויסגעפאָרשטע אַספּעקטן פון דער יידישער פאַרטיליקונג. אַזוי צום ביישפּיל איז אין „אומקומענדיקן דאַניעל“ אין די בילדער, וואָס שילדערן די פאַרניכטונג פון וואַרשעווער יידנטום און שפּעטער דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, אַריינגעפלאָכטן דאָס ווייניק נאָך באַקאַנטע קאַפּיטל פון „האָטעל ראַיאַל“ און „האָטעל פּאָלסקי“, — די טראַגיש=קאָמישע געשיכטע מיט וויזעס פון אויסלאַנד צוליב וועלכע יידישע משפּחות זענען אריינגעפאַלן אין די היטלעריסטישע נעגל. דערמאָנען דאַרף מען, אַז די פילע אַספּעקטן און פּראָבלעמען זענען אויך אויף פאַרשידענע אופנים באַרירט אין די דערציילונגען, וואָס זענען אין אונדזער זאַמלונג נישט אַריין. אַזוי האָט דער שרייבער דעם טראַגישן אַספּעקט פון באַציונג פון פּוילישן אַרום צום יידישן אומגליק, וואָס ער שילדערט מיט אַזוי פיל ווייטיק אין „פסח“, נאָך אַרויסגעבראַכט אין „מיין שוואַרצער באָרד“ און אין דעם „לעבעדיקן און טויטן ים“; די „שמאַלצאָווניקעס“, וועלכע מיר זעען ביי זייער פינצטערער אַרבעט אין „גרויסן סטעפּאַן קאַנעצקי“, האָט ער כאָטש געוויזן אין דער דערציילונג „רינג“. די און ענלעכע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען שטעלט רודניצקי דרייסט, אָן באַפּוצונגען און וואַקלענישן, ווי מע באַגעגנט דאָס אָפטמאָל.

ס׳איז כדאי, דוכט מיר, זיך אָפּצושטעלן אויפן פּראָבלעם פון אַסימילירטן ייד, וואָס אַדאָלף רודניצקי באַרירט פילמאָל און קודם אין „גרויסן סטעפּאַן קאַנעצקי“. איך מוז מודה זיין, אַז די אויפטרייסלנדיקע דערציילונג — ווי אויך דער עפּיזאָד מיט מאַרעק קאַרמאַנסקי אין די „גאָלדענע פענצטער“ — האָט מאָ=

מענטשנווייז אַרויסגערופֿן ביי מיר געמישטע געפֿילן. דאָס וואָס סטעפֿאַן קאָנעצקי האָט טראָץ זיין אייגענעם ווילן לסוף דערפֿילט די גורל-געמיינשאַפֿט מיטן יידישן פֿאָלק, אָדער געפֿונען טרייסט, א מאָראַלישן אָנשפּאַר אין דער יידישער נגינה, איז דאָ נישט קיין נייעס. דאָס אויפֿגעוועקטע געפֿיל פֿון גורל-געמיינשאַפֿט ביי די אַסימילירטע, אָפּגעפֿרעמדטע יידן איז געווען כמעט אַן אַלגעמיינע דערשיינונג.—געווען אויך פֿאַרקערטע פֿאַלן,—עס ווילט זיך דאָ דערמאָנען ווייניקסטנס דעם פּראָפֿעסאָר ליליען און זיין טאָכטער אירען פֿון יעזשי אַנדזשעיעווסקיס „די וואָך". אַנדזשעיעווסקיס יידישער פּראָפֿעסאָר און זיין טאָכטער, וועלכע זענען פֿריער געווען אָפּגעפֿרעמדט פֿון יידישן שטאַם, האָבן אָבער דערפֿילט די גורל-געמיינשאַפֿט ספּאָנטאַן און ווי שטאָלצע, ווירדיקע מענטשן.

ביי רודניצקין איז דער ענין אַ סך מער קאָמפּליצירט. קודם-איז קאָנעצקי נישט סתם אַן אסימילאַטאָר, ער איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן יידן, וועלנדיק נושא חן זיין ביי די אַנטיסעמיטן. דער שרייבער פֿאַראורטיילט קאָנעצקין אָבער זוכט גלייכצייטיק עפּעס א באַרעכטיקונג פֿאַר אים, לסוף דערהויבט ער אים כמעט, ווי ער וואָלט זיך געלייטערט אין די יידישע ליידן. דעם יידישן לייענער קאָן זיך אָנרוקן נישט איין פֿראַגע, בפֿרט ווען ס'איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז קאָנעצקיס אינערלעכע צעריסנקייט איז דעם מחברס צעריסנקייט. איבעריקנס באַהאַלט ער עס גאָרנישט אויס. האָט דאָך דער שרייבער אויך אַמאָל נישט געפֿילט זיך בכוח צו טראָגן „דעם קרייץ", דעם יידישן קרייץ און אויך ביי אים האָט זיך דערנאָך אויפֿגעוועקט דאָס געפֿיל פֿון גורל-געמיינשאַפֿט, ער האָט געוואָלט זיין צוזאַמען מיט דער יידישער עדה אין געטאָ, אָבער נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן ווי דריי טעג, ווי ער דערציילט אונדז דאָס מיט אַזוי פֿיל אויפֿריכטיקייט.

די דערציילונג דוכט מיר איז דעם שרייבערס א מין ווידוי. און רודניצקי קומט אין לעצטן סך הכל צום אויספֿיר, „אַז דער מענטש איז אויף א נאַטירלעכן אופֿן פֿאַרמשפּט אויף די אייגענע, אַז פֿון זיי ציט ער אין דער ערשטער ריי זיין יניקה...". און מאַרעק קאַרמאַנסקי? — קאָן דער לייענער פֿרעגן. ס'וואָלט געווען א צו לאַנגע פּאָלעמיק. יעדנפֿאַלס איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז דער פּראָבלעם פֿון אָפּגעפֿרעמדטן ייד, פֿון זיינע וואַקלענישן, זיין אומרו און צעריסנקייט, האָבן דעם שרייבער געמאַטערט.

די אַלע באַזונדערע אַספּעקטן, די אַרויסגעהויבענע פּראָבלעמען, די פֿאַרשידענע אויפֿגעדעקטע ווינקעלעך פֿון דער יידישער דראַמע לייגן אויף רודניצקיס דערציילונגען א באַזונדערן חותם. ס'איז ווערט אונטערצושטרייכן די ברייטע גאַלעריע פֿון מענטשלעכע טיפּן און כאַראַקטערן, וואָס דער שרייבער פֿירט אַרויס, דער אומגליק האָט נישט פֿאַרווישט דאָס באַזונדערע פּנים. אפֿילו דער אומגליק גופֿא

האָט דאָ נישט קיין אַנאָנים פּנים. דער טויט, די קאַרטיליקונג האָבן דאָ הונדערטער פּנימער. פאַר אונדזערע אויגן ווערט פאַרשניטן אַ גאַנץ פאָלק, אָבער מענטשן קומען אום מיט הונדערטער טויטן, ביי די פאַרשידנסטע אומשטענדן. ניין, דאָס פאָלק איז נישט אומגעקומען, ווי אַן אַנאָנימע מאַסע. ראַיסע, סעבאַסטיאַן, זייער עלטערן, יוזעף און זיינע עלטערן, דער דאָקטער פייג, אַבראַם, דאַניעל — יעדערער פון זיי קומט אום מיט אַן אַנדער טויט, עפּעס אויף אַן אינדיווידועלן אופן.

בלויז אין שקליץ „פּסח“ זענען די געמאָרדעטע אַן אַנאָנימע מאַסע, דער העלד איז דאָס גאַנצע פאָלק, די קעמפער אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ זענען די טרעגער, פון מילע, די שוסטער פון וואָלינסקע, די שמוקלערס פון די סטאַווקעס, די בערשטן-מאַכערס, די קינדער פון פאָלק. פאַרביי גייענדיק לאָמיר דערמאָנען, אַז שילדערנדיק דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָט רודניצקי געגעבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געשטעלט און געמלעך ווי אַזוי ס׳איז מעגלעך געווען, אַז דאָס הייפעלע פאַרפייניקטע און פאַרמאַכטע אין די געטאָ-מויערן זאָל זיך פאַרמעסטן אַרויסצוטרעטן אין אַן אָפענער שלאַכט קעגן דער טיוולאָנישער היטלעריסטישער מאַכינע „...זיי האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף נישט דערוואַרטנדיק קיין נצחון... בלויז, כדי צו שטאַרבן ווי מענטשן“. ביי רודניצקין דערפילן מיר ווי מעכטיק עס איז געווען דער דראַנג צו נקמה, ווי שטאַרק ס׳איז געווען דער באַגער צו ראַטעווען דעם כבוד פון פאָלק, ווען מ׳האָט שוין נישט געקאָנט ראַטעווען דאָס לעבן.

* * *

די יידישע טראַגעדיע איז פאַר רודניצקין נישט קיין טעמע וואָס מ׳קאָן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּפאַרטיקן. רודניצקי געהער צו דער קאַטעגאָריע קינסטלער, וועלכע עס מאַטערט זייער גאַנץ שעפעריש לעבן איין געדאַנק, איין חלום. אים לאָזט די יידישע דראַמע נישט רוען. אַט דוכט זיך האָט זיין שעפערישע פאַנטאַזיע איבערגעטראָגן זיך אין אַן אַנדער וועלט, אַ ווייטע פון יידישן חורבן. און פּלוצלונג דערהערן מיר אויך דאָ אַ ווידערקול, פון יענע פינצטערע צייטן.

אין 1950 איז דערשינען „דאָס שטעקעלע „אָדער פאַר יעדערן דאָס, וואָס ער פאָדערט צומוויניקסטנס“. הויבט מען אָן לייענען דאָס ביכל, וואָס איז אַ מין אָפּרעכענונג מיט דער קינסטלער-סביבה און אויף וועלכן מיר וועלן זיך איצט נישט אָפּשטעלן, האָט מען דעם איינדרוק, אַז רודניצקי האָט זיך דערווייטערט מיילן וויט פון דער „עפּאָכע פון די קרעמאַטאָריעס“. באַווייזט זיך אָבער פּלוצלונג שמעון אין שטעטל — און מיר דערקענען דאָ ווידער דאָס יידישע קוזמיר — און

דורן׳ אים שוועבט ווידער אויף פאר אונדזער דמיון דער טראגישער נעכטן. נאָך 9 יאָר ווי שמעון איז אַריינגעפאַלן אין יידישן שטעטל אָן יידן, האָט זיך אים געדוכט, אַז „פון יעדן פענצטער דאָ שרייט ארויס א געזיכט פון אַ דערהרגעטן, אז יעדער שטיין שרייט און יעדער שטיין, וואָס פעלט דאָרט שרייט טאָפלט". פלוצלונג האָט דאָס שטעטל זיך אָנגעפילט מיט שאָטנס פון די אומגעקומענע. „ארום דעם ברונעם איז געשטאַנען אַן עולם, א סך פון די נאָענטסטע, פון די טייערסטע... אָן א באַוועגונג פון מויל האָבן זיי געפרעגט, ווען ס׳וועט קומען דער טאָג פון משפט אויף וועלכן זיי וועלן קאָנען אַלץ דערציילן... ווען ס׳וועט ענדלעך א סוף נעמען צו דער גרויסער פארשווערונג פון פארשוויגן זיי". די פארשניטענע לעבנס טויבן אומאויפהערלעך אויף, מאָנען, פאָדערן, לאָזן נישט פאַרגעסן. און ווי קאָן מען פארגעסן, אז „געווען זענען מיר דריי מיליאָן און געבליבן 50 טויזנט. שוין די ציפער אַליין איז איבערן מענטשלעכן אויסדויער".

פאַראַן די דראַמע, טויזנטער דראַמעס פון די אָפּגעראַטעוועטע, וועלכע זענען פארבליבן ווי אָפּגעפליקטע פארוועלקטע, צווייגן פון א בוים. רודניצקי פאָלגט נאָך די גורלות פון די אייגזאַמע און פאַריתומטע. שוין אין דער שלמותדיקער און טיף רירנדיקער דערציילונג „דער זויבערער שטראָם" שילדערט דער שרייבער דאָס צעריסענע און צעפליקטע לעבן פון צוויי יונגע הערצער, פון אַמעליא און אַבעלן. צוויי פארליבטע הערצער, וואָס גארן נאָך זיך, מוזן זיך שיידן. דער היטלעריסטישער שטורעם האָט זיי נישט דערהרגעט, אָבער צעריסן, פאַרוואונדעט זיי, צעקאַליעטשעט. אומעטום אָפענע, אייטערדיקע וואונדן, וואָס ווילן זיך נישט היילן, רודניצקי וויל נישט פארמאַכן די אויגן אויף זיי. פון אַלע זייטן גיט מען אים עצות: גענוג, גענוג מיט נעכטיקע קאָשמאַרן און היינטיקע וואונדן! דער שרייבער הערט אָבער קודם דעם רוף פון זיין האַרץ און זעצט פאָר צו רעדן מיט דער שטים פון די צעפליקטע לעבנס.

אין 1959 דערשיינט רודניצקיס זאמלונג דערציילונגען „די קו". לייענען מיר די ערשטע דערציילונג „די ווייסע" אין וועלכער עס איז אויך פאַראַן א ווייטער יידישער עכאָ אָבער דאָך דוכט זיך אונדז, אז דער מחבר פון דער „נישט געליבטער" ווענדעט זיך איצט בעיקר מיטן פנים צו זיין אַמאָליקער און אייגנטלעך׳ שטענדיקער טעמע פון דער ליבע אין וועלכער ער ווייזט ארויס אַזוי פיל מייסטערשאַפט. אָבער ניין, עס קומען באַלד דערנאָך די דערציילונגען: „יום־כפור", „האָניק און זאַלץ", „דער יום־טובדיקער הויכער הימל", „זוזאַננאַ און די זקנים". דער נעכטן און היינט זענען ענג פארפלאָכטן. דער שרייבער — עדות פונעם „סוף פון אַ וועלט", פאָלגט נאָך די נעכטיקע ניצול־געוואָרענע פון טויזנטער טויטן. מיט זיין גרויסער קינסטלערישער עמפינדלעכקייט באַנעמט ער, פילט און

זעט, ווי די אָפּגעפּליקטע צווייגעלעך פֿונעם אויסגעריסענעם, צעצווייגטן און צעבליטן בוים דאַרן איין, ראַנגלען זיך מיט זייער נאַקעטער עקזיסטענץ, גייען אויס פֿון בענקשאַפֿט און עלנטקייט. „אַ מענטש מוז האָבן נעבן זיך נישט סתם אַ מענטש, נאָר אַ מענטש מיט וועלכן עס פֿאַרבינדט אים דער זעלבער גורל" — זאָגט דער אַרכיטעקט ציטרין דורך וועמענס מויל עס טויכט אויף דאָס פֿאַרשווונדענע, פֿילפֿאַרביקע ייִדישע לעבן („יום=כּיפּור").

דער אַלטער, קראַנקער בוכהאַלטער גאָלדבערג, ביי וועמען מ'האָט אַלע אויסגעמאָרדעט, פֿילט, אַז זיין סוף דערנענטערט זיך און וואָלט נאָך דעם לעצטן יום=טוב געוואָלט זיין צווישן אייגענע. דאָס ייִדישע שטעטל איז אָבער אָן ייִדן, אַפֿילו די שול איז איבערגעבויט אויף אַ קינאָ. אַ צעריסן צעפּליקט לעבן, וואָס גייט אויס אין בענקשאַפֿט און עלנטקייט. די בענקשאַפֿט יאָגט נאָך אומעטום. דער דר. גאָלדבערג האָט אויך אין אויסלאַנד קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפֿינען, איז צוריקגעקומען כאָטש ער האָט דאָ קיינעמען נישט. („האָניק און זאַלץ").

דער חזן פּאַפּער מוז פֿאַרלאָזן זיין געבורטס=שטאָט, ווייל אים פֿאַרפֿאָלגט דאָס בילד פֿון דער אַמאָליקער גרויסער, רוישיקער קהילה, וואָס „האָט געלעבט מיט אַ רייך, שטאָלץ, בונט לעבן פֿון עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן". „פֿאַראַן בילדער, וואָס דערהרגענען". „מ'קאָן נישט איבערטראָגן קיין יום=טובדיקן טאָג אָן אויסגעלייִדיקטן, אָן איין נאָענטער, לעבעדיקער שטימע" („דער יום=טובדיקער הויכער הימל").

„ווען ס'וואָלט מיר מיט צוואַנציק יאָר צוריק עמעצער געזאָגט, אַז אַ מענטש קאָן זיין אין אַזאַ גרויסער מאָס איינזאַם — וואָלט איך יענעם אַ זעץ געטאָן מיטן פֿוס" — זאָגט דער קראַנקער קאַלישער צו קאַפּלאַנען („זוזאַננאַ און די זקנים").

עלנטקייט, אומ־ערטרעגלעכע איינזאַמקייט, נאָגנדיקע בענקשאַפֿט, אָן אַ שיעור אָנוואַקסנדיקע נייע פּראָבלעמען און פּראָבלעם נומער איינס: ייִד און נישט=ייִד, קעגנזייטיקע באַציונגען, ווי מיר זען דאָס דאָ ביי די ציטראָנס, גאָלדמאַנס, וועלכע זענען געווען ייִדן אפֿשר בלויז מיטן נאָמען. דער שרייבער וויל דאָס נישט פֿאַרבאַהאַלטן און פֿאַרשווייגן.

* * *

זינט יאָרן שרייבט אַדאָלף רודניצקי זיינע „בלויע בלעטלעך", וואָס דערשיינען אויף די שפּאַלטן פֿון אַ וואָכן=שריפֿט און דערנאָך אין בוך=פֿאָרם. דריי בענדער און דער פֿערטער איז אין וועג. אין וואָס באַשטייט זייער גרויסער חן? זייער

צוציונגס־קראַפט? צי נאָר אין דעם, וואָס רודניצקי שרייבט וועגן אַלץ און אַלעמען — וועגן גרויסע וועלט־פּראָבלעמען און קלייניקע טאָג־טעגלעכע דאגות, וועגן באַגעגעניש מיט מענטשן און וועגן ליטעראַטור, וועגן אונטערגעהערטע שמועסן און קונסט, וועגן מיר און דיר לייענער און וועגן זיך גופא, וועגן פילמען, טעאַטער־פּיעסן, אַקטיאָרן, שרייבער, ביכער, אין וואָס ער ווייזט ארויס אַ סך בקיאות, קריגט זיך אַרום מיט די קריטיקער, וועלכע ער שרייבט צו אַלדאָס בייז — און האַלט אונדז כסדר אין קאָנטאַקט מיט דער לעבעדיקער רעאַליטעט, מיט דער קונסט, מיט לעבנס־פּראָבלעמען? נישט נאָר אין דעם. פאַראַן פיל ליטעראַרישע פעליעטאָנען, עטיודן, וואָס מע לייענט איינמאָל איבער און מע נעמט זיי קיינמאָל מער נישט אין האַנט. רודניצקיס בלעטלעך פאַרמאָגן עפּעס אַזאַ פּונק פון אייביקייט, דאָס איז די שטימע פון דער געשיכטע אין איר לויף און איר המשכדיקייט.

רודניצקי האָט אין איינע פון זיינע בלעטלעך געזאָגט, אז „...כדי דאָס וואָרט זאָל אָפּדעקן דאָס מאַקסימום, מוז עס זיין באַגרענעצט צום מינימום“ (פון באַנד „בעאַטים חתן“ און „בלויע בלעטלעך“), זענען זיינע בלעטלעך באַגרענעצט צום מינימום ווערטער, אָבער זיי זענען ליידנשאַפטלעך, דראַמאַטיש, שפּאַנענד, שפּרודלען מיט יונגקייט, אָנגעלאָדן מיט געדאַנקען און געפילן, אָטעמען מיט אינטימקייט, מיט אויפריכטיקייט. אָט דער סטיל באַצויבערט, די אַקטיווע און אינטימע באַציונג פון שרייבער מאַכט דעם לייענער נאָענט און אייגן דאָס אַלץ וועגן וואָס ער שרייבט.

מיטן אַן ענלעכן צויבער, מיט אַן ענלעכער אינטימקייט שרייבט רודניצקי וועגן יידן און יידישע ענינים. זיי וויקלען זיך דורך פּונקט ווי אַנדערע טויזנטער ענינים און טיפּאַזשן דורך די „בלויע בלעטלעך“. ער פאָלגט זיי נאָך, די אָפּגעראַטעוועטע פון דער פאַרטיליקונג אויסער די גרענעצן פון לאַנד, אין זייערע וואַנדערונגען מיט זייער איינזאַמקייט און בענקשאַפט, ער דערציילט אונדז וועגן יידישע אַקטיאָרן און קינסטלער אויסגעוואַנדערטע קיין פּאַריז, ישראל, וועגן זייערע אַלטע וווּנדן און נייע דאגות. „אומעטום די אָפּגעפּליקטע גלידער פון פּוילישן יודנטום. מ׳וואַרפט מיר פאָר, אַז אומאויפהערלעך רעד איך וועגן זיי. דאָס איז באמת נישט איך, דאָס איז עפּעס אין מיר“ („בעאַטים חתן“ און „בלויע בלעטלעך“) און מיר גלויבן אים, אַז דאָס איז טיף אין אים, הגם „דאָס באמת נישט איך“ וועקט ביי אונדז אַ מאָדנע געפיל. „דאָס עפּעס אין מיר“ איז אָבער שטאַרק, וועגט איבער און רודניצקי שרייבט אומאויפהערלעך מיט זיין אייגנאַרטיקן צויבער און אינטימער באַציונג וועגן דער יידישער פאַרשוווּנדענער וועלט, וואָס זיין „אינערלעך אויג זעט נאָך“, וועגן יענעם פאָלקלאָר, טראַדיציע,

מנהגים און זיטן. דורך זיינע בלעטלעך וויקלען זיך אויך דורך דאָס יידישע טעאַטער אין היינטיקן פּוילן, יידישע פאָרשטעלונגען, דער היינטיקער יידישער צושויער, יידישע ליטעראַטור און אַנדערע גייסטיקע ווערטן, וועלכע ער וויל דערנעענטערן צום פּוילישן לייענער. און מיט וויפל האַרץ שרייבט ער וועגן אונדזער גרויסן פּרץ? וועגן קאַגאַנאָווסקין, וועגן וועלכן ער האָט אַגב אָנגעשריבן א גרעסערע אָפּהאַנדלונג.

כ'האָב שוין דערמאָנט, אַז נישט מיט יעדער באַהויפּטונג און שטעלונג קען מען מסכים זיין, איבערהויפּט, ווען עס האַנדלט זיך אין יידישע ענינים — און ווי קאָן דען אַנדערש זיין? עס באַקומט זיך אויך צייטנווייז דער איינדרוק, אַז ביי רודניצקין איז יידישקייט בעיקר אידענטיפיצירט מיט רעליגיעזער טראַדיציע פון וועלכער דאָס קעגנזעצלעכע איז די אַסימילאַציע, דוכט מיר, אַז ער האָט נישט געענוגנד געזען דעם וועלטלעכן, מאָדערנעם ייד, מיט זיינע גרויסע אספּיראַציעס און שטרעבונגען, מיט זיין מאָדערנער קולטור. דעריבער אפשר איז פאַר אים די פאַרשוווּנדענע יידישע וועלט א פאַרמאַכטע אין זיך, „אַ וועלט אַ פאַרשפּילטע אויף אַלע קנעפּלעך“. דאָס איז אָבער געזאָגט אגב אורחאדיק און קאָן נישט ענדערן די טיפע, וואַרעמע באַציונג וואָס דער יידישער לייענער דערפילט צו רודניצקין, לייענענדיק זיינע שאַפונגען.

* * *

רודניצקי געהערט צו דער נישט גרויסער צאָל שרייבער, וועלכע האָבן דערפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס יענע נישט ווייטע פאַרגאַנגענהייט האָט אַרויפגעלייגט אויפן קינסטלער. פאַרן שרייבערס אויגן שוועבט צוזאַמען מיט דער נעכטיקער וויזיע אַ ניי געשפּענסט, דאָס געשפּענסט פון דער אַטאָמישער מלחמה. „אין אוישוויץ האָט שוין געשטעקט די אַנטיציפּאַציע פון דער שפּעטערדיקער דערפונדענער אַטאָמישער באָמבע... דער פּילאָט, אויסגעשטאַט מיט יער' וואסער=באָמבע, וועט מער דערמאָנען דעם קאָמענדאַנט פון אוישוויץ, ווי וועלכן נישט איז סאָלדאַט, וואָס די געשיכטע האָט ביז איצט געקענט. דער דאָזיקער פּילאָט וועט פונקט ווי העס, האָבן אלס באַרעכטיקונג די מיסטיק פון באַפעל. אָט די מיסטיק וועט די מענטשהייט נישט אויסהאַלטן פיזיש... אויב ס'וועט דורן' אַלע גרענעצן צו דער צייט נישט אָפּהילכן אַ מעכטיקע, וואָרנדיקע שטימע: מ׳טאָר נישט!“ („בלויע בלעטלעך“, באַנד — „דער בלינדער שפּיגל פון דער צייט“).

רודניצקי געהער אויך צו די קינסטלער, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, ווי באַדייטנלאָז פּוסט ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אָנבליק פון גרויסן בייז דאָס

פריערדיקע קינסטלערישע ווארט. אין דער אקופאציע־דערציילונג „א געפונען בלעטל ביי דער עקזעקוציע־וואנט“. האט דער שרייבער דורכגעפירט א חשבון הנפש מיט זיין אייגענער ביז־דעמלטיקער שאפונג. „...מיין קונסט זעט מיר איצט אויס נעבעכדיק“. ענלעכע חשבונות האט ער געפירט אין „שעקספיר“, און „מאיאר הובער פון אנדערס ארמיי“ און זעצט פאר די דעבאטע מיט דער קונסט. רודניצקי שטעלט דעם שרייבער און קודם זיך גופא גרויסע אויפגאבן און גרויסע פאדע־רונגען. ער פירט מיט דער קונסט א שטענדיקע פאלעמיק.

די קונסט איז אגב ביי רודניצקין א שטענדיקער אביעקט פון אבסערווירונג. זי גייט אריין אין זיין שאפונגס־קרייז, ווי זאל מען אננעמען די פרוי, וועלכע איז ביי רודניצקין ווי א סימבאל פון שיינקייט און לעבן, אדער ווי די ליבע איבער וועלכער דער שרייבער פירט ממש דורך פסיכאלאגישע וויוויסעקציעס.

די קונסט און דער קינסטלער זענען פאר רודניצקין א שטענדיקע טעמע. אין זיינע אומאויפהערלעכע, ליידנשאפטלעכע חשבונות געפינען מיר אן א שיעור טרעפלעכע דעפיניציעס און באצייכענונגען וועגן דער ראל פון דער קונסט און אירע ווירקונגס־מעגלעכקייטן, ווי: „די קונסט דארף דורכהאקן דעם וועג צום אמת“, „שאפונג איז אן אקט פון דערלייזונג“, „די קונסט פארלירט איר באדייטונג, ווען מע נעמט איר אוועק דאס רעכט זיך קעגנצושטעלן, ווען זי קאן נישט ארויסשטעלן ווען מען ס'זאל נישט זיין א צונג“ („בלויע בלעטלעך“ — „דורכלויכטונג“). אדער: „ווען די קונסט גייט אויף קאנצעסיעס, ווען זי גייט איין אויף געוויסע באגרענעצונגען, הערט זי אויף צו עקזיסטירן“ („בלויע בלעטלעך“ — „בלינדער שפיגל פון דער צייט“).

* * *

אדאלף רודניצקי איז אין פולן שפעריש ברען, מ'קאן נאך פיל פון אים דערווארטן. פארן יידישן לייענער אבער איז ער און וועט שוין פארבלייבן אזעלכער, ווי ס'האט אים טרעפלעך באצייכנט איינער פון זיינע אויסגעוואנדערטע, פאריזער פערסאנאזשן: „וואס דו זאלסט נישט אנשרייבן וועסטו שטענדיק פאר־בלייבן דער, וועלכער האט אנגעשריבן דעם לעצטן קאפיטל פון די פוילישע יידן, וועסט שוין די טעמע פון זיך קיינמאל נישט אראפווארפן. וועסט זיך שוין פון איר נישט באפרייען — ווייניקסטנס פאר די לייענער וועסטו אזעלכער פאר־בלייבן“. („בעאטים חתן“ — „בלויע בלעטלעך“)

לילי בערגער

אינהאַלט

פּסח 7
דער גרויסער סטעפּאַן קאָנעצקי 19
גאָלדענע פענצטער 55
דער אומקומענדיקער דאַניעל 209
דער וועג צום היכל 269
דער זויבערער שטראָם 331
נאָכוואָרט 361